Plock

Paginas de Historia de la Vida Judia de Allende el Mar

1820 TNP
Biblioteka im. Zielińskich
Tow. Nauk. Płockiego
D. 2173

Komitet Żydowski w Płocku

Książkę o 7-iu wiekach życia żydowskiego w Płocku, ofiaruje Towarzystwu Naukowemu w Płocku
Komitet Żydowski
v-przewodnicząca
J. Königsberg

פּלאָצק

בלעטלעך געשיכטע

פון אידישן לעבן אין דער אלטער היים

צוגעגרייט צום דרוק: יוסף האָרן
הילע: מ. פייגענבלום

ארויסגעגעבן פון
פּלאָצקער לאנדסלייט פאריין אין ארגענטינע

בוענאָס איירעס
1945

אינהאלט:

זייט

א פּאָר ווערטער — 5

I

די ערשטע ידיעה וועגן די פּלאָצקער אידן — 7
סג"ר ישעיה טרונק — אידן אין פּלאָצק בעת דעם פופצנטן יאָרהונדערט — 9
פּ. קאַץ — דורות פּלאָצקער אידן — 20
י. ל. פּרץ צוגאַסט אין פּלאָצק — 22
ד"ר ע. רינגעלבלום — דער פּנקס פון די פּלאָצקער „חברה חיוטים" — 23
אויסצוגן פון פּנקס פון דער פּלאָצקער „חברה חיוטים" — 29
וועגן שחיטה־שטייער — 30
יעקב באָטאָשאַנסקי — צוויי פּלאָצקער — 31
אויף דער דאמף־שיף פון ווארשע קיין פּלאָצק איז געבוירן געוואָרן די „גאָלדענע קייט" — 33
אידישע האנטווערקער אין פּלאָצק אין 16־טן יאָרהונדערט — 34
י. האָרן — אידיש לעבן אין פּלאָצק — 35
מ. מאגנעס — 25 יאָר דראמאטישע קרייזן אין פּלאָצק — 41
מארק טורקאָוו — מיט נחום סאָקאָלאָוו אין פּלאָצק און אין ווישעגראַד — 45
דער אידישער האנדל אין פּלאָצק — 50
נ. לערמאן — אלטמאנס הויף אויף ברייטע 10 — 51
ריטועלע פּראָצעסן — 53
דאָס אידישע געריכט — 54
א. זיבער — טיפּן און בילדער פון פּלאָצק — 55
ז. וואסערצוג — האָבן זיי אים געשווינט, די מערדער? — 57
ס. לעבגאָט — דערינערונגען פון מיין אלטער היים — 60
פייוול קאפּיטא — א אידישע פאמיליע אין פּלאָצק — 66
פּנחס ביזבערג — פּלאָצק — א יוגנט־חלום — 67
א. וויינשטיין — ביי א סדר אין פּלאָצק — 70

זייט

מ. ל. בערג — ווען איך בין געוואָרן אן ארבעטער — 72
וועגן וואלן צום פּלאָצקער שטאָטראט אין יאָר 1934 — 74

II

וועגן שרייבער, וואָס שטאמען פון פּלאָצק און פראגמענטן פון זייערע ווערק

נחום סאָקאָלאָוו — אלט ווארשע — 77
זישע לאנדוי — לידער — 83
יהודה עלזעט — ביאליקס טרערן — 85
י. בערנשטיין — דער צייטיקונג פעריאָד אין לעבן פון אונזערע קלאסיקער — 87
י. גרינבוים — אנטקעגן א נייעם היסטאָרישן מאָמענט — 94
פּ. שווארץ — אויפן בארג ביי דער ווייסל — 99
ה. קרוק — ווי אזוי דאָס ספר איז געוואָרן א בוך — 107
חיים פלאקס — תקיעת־כף — 114
י. גאָלדע — די סך־הכלען פון דער איבערוואנדערונג־ארבעט אין קרים — 119
פאביאן ש. הלוי — דער פארלאָרענער — 124
שמואל קרוק — אונזערע לאנדסלייט — 128

III

ש. פּ. — הרב יהודה ליב זלאטניק — 149
ב. וולאדעק — משה ווארשע — 151
ב. דעמבלין — זישע לאנדוי — 153
פּ. קאַץ — פאביאן ש. הלוי — 157

IV

ד״ר יצחק שיפּער — פון דער טעטיקייט פון דער אידישער קהילה אין פּלאָצק — 161
מ. רעגאלסקי — א באזוך אין פּלאָצק אין יאָר 1904 — 178
מארק טורקאָוו — די געשיכטע פון א פּלאָצקער משפּט — 181
ש. פריילאך — דאָס אומעטיקע פּלאָצק — 187

PLOCK

PAGINAS DE HISTORIA DE LA VIDA JUDIA DE ALLENDE EL MAR

Editado por la

SOCIEDAD DE RESIDENTES DE PLOCK EN LA ARGENTINA

BUENOS AIRES

1945

זייט

א. דרעווינקא — וועגן אידיש געזעלשאפטלעכן לעבן אין פלאָצק נאָך 1914 — — — — — 191
א. ש. יורים — ווי דורך דעם שלייער פון א חלום — — — — — — — — 196
ב. ווײַנשטאָק — מיינע ארגענטינער פלאָצקער 198
הערמאן קאסאַי — אונזער הילף פאר פלאָצק — 200
א. יעשאן — עפּעס געדענקט זיך — — — — — 202
א פאָר ווערטער וועגן יוסף קוויאַטעק — — — 203
א. פלאצקער — י. ל. פּרץ און בראניסלאוו גראסער אין פלאָצק — — — — — — — — 204

V

דר. מארק גרויבארד — וועגן יונגט־זכרונות — 208
אייזיק גוטמאכער — דעריגערונגען פון א פלאָצקער ארבעטער — — — — — — 209
י. מ. אילאָווער — אונזער פלאָצק — — — — — 214
שלמה גרינשפאן — דאָס אידישע פלאָצק, ערב דעם צווייטן וועלט־קריג — — — — — 216
משה טינסקי — צום יום־טוב פון די פלאָצקער 221

זייט

ישראל שרייבער הלוי — א באגריסונג צו מיינע לאנדסלייט — — — — — — — — 222
ר. סענדזין — מיט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי אויפן וועג קיין פלאָצק — — — — — — — — 224
איסאַק ראָזנפעלד — וועגן פלאָצקער מכבי — — 226
אהרן יוסף דרעוו — א. מענטשן פון פלאָצק — 228
פלאָצקער כראָניק — — — — — — — — 232
א בריוו פון פלאָצק קיין ניו־יאָרק — — — 237
וואָלף פייקאָ — פלאָצק אין יאָר 1938 — — 238

VI

מ. לאַטענבערג — זעקס יאָר טעטיקייט פון פלאָצקער ל. ל. פאריין אין ארגענטינע — 241
ערן־מיטגלידער פון פלאָצקער ל. ל. פאריין — 247
ק. דירעקטיווע און יובילײ־קאָמיטעט — — — 248
מיטגלידער, וועלכע האָבן פארנומען פאריינס־אמטן 251
י. ה. — די פלאָצקער אין ב. איירעס — — — 252
ב. וו. פלאמניק — — — — — — — — 255
רשימה פון די פאריינס־מיטגלידער — — — 256
ארטיקל אין שפאניש — — — — — — — 263

~~1272/52.~~
D. 2173

א פאָר ווערטער

מיט א יאָר צוריק, ביים פינפטן אניווערסאר פון פלאָצקער לאנדסלייט פאריין אין ארגענטינע, איז געשאפן געוואָרן דער פלאן ארויסצוגעבן אן אלמאנאך.

ניט סתם א פאריינס־אלמאנאך האָבן מיר געוואָלט ארויסגעבן, נאָר מיר האָבן זיך געשטעלט פאר א ציל צוזאמענצונעמען אלעס, וואָס מיר האָבן נאָר געקענט באַקומען וועגן אידישן פלאָצק. וויסנשאפטלעכע אָפּהאנדלונגען, דאָקומענטן, זכרונות, דעראינערונגען פון לאנדסלייט און בילדער פון שטאָט. דערביי האָבן מיר אויך געזאָרגט, אז אין בוך זאָל אריינקומען כאָטש א טייל פון די ווערק, וואָס אידישע שרייבער, וואָס שטאמען פון פלאָצק האָבן געשאפן.

די אָנפירונג פון פאריין צוזאמען מיטן יובילײ־קאָמיטעט, האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף זייער פיל שוועריקייטן, די ארבעט איז אָבער דורכגעפירט געוואָרן.

היינט, צום זעקסטן אניווערסאר פון אונזער ל. ל. פאריין, דערשיינט דאָס בוך „פלאָצק", וואו עס ווערן געבראכט בלעטלעך געשיכטע פון אידישן לעבן אין דער אַלטער היים.

צוגרייטנדיק דאָס בוך, האָבן מיר אויף א מינוט ניט פארגעסן, אז פון אידישן לעבן אין פוילן איז געוואָרן א בארג אש און אז אונזער אלטע היים, איז פארוואנדלט געוואָרן אין א ריזיקן בית־עולם.

אונזערע געמיטער זיינען פארגאָסן מיט בלוט און מיט פייניקנדיקער אומרו פרעגן מיר אָן אויפהער:

לעבט נאָך ווער פון אונזערע אייגענע אין פלאָצק?

ערב דעם מלחמה־אויסברוך אין סעפּטעמבער 1939, האָבן די אידן אין פוילן זיך געגרייט צו פייערן 700 יאָר לעבן פון דער אידישער קהילה אין פלאָצק. צו דעם צוועק האָט די היסטאָרישע סעקציע פון אידיש וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע ארויסגעגעבן א בוך „געשיכטע פון אידן אין פלאָצק", וואָס איז דערשינען אין ווארשע אין 1939.

די מלחמה האָט אָבער פון אלעם א תל געמאכט.

מיר, פלאָצקער אין ארגענטינע, האָבן דעריבער גענומען אויף זיך דעם חוב צו פארצייכענען כאָטש אייניקע בלעטלעך געשיכטע פון אידן אין פלאָצק, וואָס זאָלן אין א געוויסער מאָס אָפּשפּיגלען דאָס אידישע לעבן און שאפן אין לויף פון יאָרהונדערטער.

דאָס בוך האלט 264 זייטן און איז פארזען מיט א רייע בילדער. און אויב ס'וועט פארן לייענער אויפגיין דאָס אידישע לעבן אין פלאָצק, כאָטש אין מיניאטור, וועט אונזער ציל זיין דערגרייכט.

ביי דער געלעגנהייט דריקן מיר אויס אונזער הארציקסטן דאנק אלע די, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן, אז דאָס בוך זאָל דערשיינען.

יובילײ־קאָמיטעט.

ב. איירעס, יאנואר 1945.

די ערשטע ידיעה וועגן די פלאָצקער אידן

דער דיפּלאָמען ־ קאָדעקס פון מאזאוויע, די אויסגאבע פון לובאָמירסק, נ״ר 11, יאָר 1237

•

פּיאָטער, דער פלאָצקער בישאָף, באזעצט קאָלאָניסטן אין פלאָצק

„...די גרעניצן פון דער שטאָט ציען זיך פונם צמענטער, וואָס ליגט אויפן וועג קיין טשערסק ביז צום ברונעם פון וויסלאָווס קירך און ביז צו דעם נאָענטסטן ברונעם, דעם אידישן.

די גרעניצן פון דער שטאָט נעמען ארום דעם גאנצן סאָד, וואָס פירט ביז צום עפנטלעכן וועג, וועלכער ציט זיך פונם הויז פון די פריידיקער״. (דאָמיניקאנער).

פון די „געקליבענע מקורים צו דער געשיכטע פון די אידן אין פוילן און מזרח־איירָאָפּע״, באארבעט: ד״ר רפאל מאהלער און ד״ר עמנואל רינגעלבלום. העפט 1.

מג״ר ישעיה טרונק

אידן אין פּלאָצק בעת דעם פופצנטן יאָרהונדערט*)

די עלטסטע ידיעה וועגן אידן אין פּלאָצק שטאמט פון יאָר 1237. פון דעם דאָזיקן יאָר ביז דעם אָנהויב פון פופצנטן יאָרהונדערט, פון ווען עס האָבן זיך אויפגעהיט די מאזאָווישע געריכטס־ביכער, פעלט אין די מקורים יעטוועדע שפּור וועגן דער פּלאָצקער קהילה. אזוי ארום באקומען מיר אין דער געשיכטע פון די פּלאָצקער אידן א חלל פון קנאפּע 200 יאָר. מעגלעך, אז עס וועט זיך נאָך עפּעס אָפּגעפינען, אָבער דערווייל בלייבט אונז נישט עפּעס אנדערש איבער, ווי צו פארנאָטירן דעם דאָזיקן פארדראָסיקן בלויז און איבערצוגיין צו דעם פופצנטן יאָרהונדערט.

אָבער דאָס ביסל ידיעות וואָס מיר געפינען אין די מקורים פון פופצנטן יאָרהונדערט, זיינען אויך זייער קארגע. די זעלביקע געריכטס־ביכער, וואָס האלטן אזא שפע פון מאטעריאל פאר דער געשיכטע פון ווארשעווער און ווישעגראָדער אידן, זיינען זייער אָרעם אין ידיעות מכוח די פּלאָצקער אידן. דאָס בינטל מקורים פון פופצנטן יאָרהונדערט וואָס מיר פארמאָגן יאָ, זיינען סרוב נוגע יחידים און זיי פארמאָגן כמעט גאָרנישט פאר דער געשיכטע פון דער פּלאָצקער קהילה, ווי אזעלכע. מיר מוזן דעריבער אונטערשטרייכן, אז ביי אזא צושטאַנד פון דעם מקורים־מאטעריאל קאָן נאטירלעך נישט זיין קיין רייד וועגן רעקאָנסטרואירן די געשיכטע פון די פּלאָצקער אידן בעת דעם פופצנטן יאָרהונדערט, אפילו אין אלגעמיינסטע קאָנטורן.

מיר ברענגען א בינטל לויזע פאקטן, וואָס ווארפן אביסל שיין אויף דער ווירטשאפטלעכער טעטיקייט פון געוויסע יחידים.

אין יאָר 1425 טרעט ארויס אין ווארשעווער געריכט א פּלאָצקער איד מיטן נאָמען מיסטערלין דער איינאוויגיקער, ווי אן עדות אין סיכסוך צווישן דער ווארשעווער אידישער פרוי הדסה און דעם ווארשעווער איינוואוינער יעקב.

אין די יאָרן 1445-1433 געפינען מיר אין די מאזאווישע מקורים א פּאָר אָפּגעריסענע ידיעות וועגן די עסקים פון א פּלאָצקער איד מוסקא (משה). מיר קאָנען אפילו נישט פעסטשטעלן, צי זיי זיינען נוגע די זעלבע פּערזאָן, מעגלעך אז יאָ.

אזוי איז דער פּריץ פּיאָטער פון מאָדלא, אין יאָר 1433 זיך מתחייב אין בייזיין פון פירשט זשעמאָוויט דער פערטער צו באצאָלן משהן 4 שאָק מיט 12 גראָשן.

אין א יאָר שפּעטער האָט די מאזאווישע פירשטלעכע מעטריק פארנאָטירט א פאקט, וואָס באווייזט, אז אונזער משה פון פּלאָצק האָט א געוויסע צייט פארמאָגט א האלב גוט (נחלה) בראָנאוואָ. היינו, אין דעם דאָזיקן יאָר האָט משה פארקויפט דאָס דערמאָנטע גוט, וואָס איז אריבער אין זיין אייגנטום, (מסתמא פאר א נישט געסילוקטן חוב), צו די ברידער פון די פריערדיקע אייגנטימערנס פאר 7 שאָק גראָשנס. אין דער זעלביקער פירשטלעכער מעטריק געפינען מיר פארצייכנט אונטערן יאָר 1448, אז דער פּלאָצקער איד מושקא האָט צוזאמען מיטן באקאנטן ווישעגראָ־

---

*) קאפּיטלעך פון ישעיה טרונקס בוך „געשיכטע פון אידן אין פּלאָצק״, דערשינען אין ווארשע אין יאָר 1939.

דער גביר מיי און זאנדקאָ פון ראווע ערב געווען דעם פירשט פאר א געוויסן סאלאמאָן, וועמען זיי האָבן זיך מתחייב געווען צו שטעלן אויף יעדן פארלאנג פון האר אונטערן קעס פון 200 שאָק גראָשן.

די פלאָצקער אקטן האָבן ווידער אין יאָר 1445 פארצייכנט דעם טעקסט פון דער שבועה, וואָס עס דאַרף אָפּגעבן דער פלאָצקער איד מוסקא, וועלכער האָט בעת א סיכסוך מיטן גאָסטינינער שרייבער געלייקנט, אז ער מוסקא, האָט גענומען ביי אים א משכון זילבערנע לעפל. אויב די אויבנגעבראכטע פאקטן זיינען נוגע איין פערזאָן, דעמאָלט האָבן מיר פאר זיך אפשר איינעם פון די רייכסטע און טעטיקסטע פלאָצקער אידן פון דער ערשטער העלפט פון פופצנטן יאָרהונדערט. ער פארנעמט זיך מיט אנטלייען היפשע סומעס צו פריצים אויף באוועגלעכע און אומבאוועגלעכע משכנות, האנדלט מיט גיטער און איז אָנגעזעען ביים פירשט.

א צווייטער פלאָצקער איד איזאק (יצחק) האָט זיך אויך פארנומען מיט געלט־עסקים ביי פריצים: אין יאָר 1427 באָרגט ער דעם פריץ יאן פון ניעגאטשין די היפשע סומע פון 5 און א האלב שאָק גראָשן, פאר וועלכע עס האָט ערב געווען מיקאָליי פון טשעטשערסק. לויט א מקור פון פופצנטן יאָרהונדערט, ציטירט ביי נאָוואָוויעיסקי (מחבר פון א מאָנאָגראפיע וועגן דער שטאָט פלאָצק), האָט אין פופצנטן יאָרהונדערט, געלעבט אין פלאָצק א רב (דער מחבר גיט נישט אָן גענוי די דאטע) מיטן נאָמען יצחק. זיין נאָמען ווערט דערמאָנט בעת א קניה פון א הויז פון פלאָצקער אפטייקער פיאָטער. מעגלעך, אז די נאָטיצן איןביידע מקורים זיינען שייך צו איין און דער זעלביקער פערזאָן.

פלאָצקער אידן טרעפן מיר אויך אין די ווישעגראדער און וואַרשעווער אקטן פון דער זעלביקער צייט. אזוי האָט זיך למשל אין יאָר 1435 מתחייב געווען פארן ווישעגראדער געריכט דער וואַרשעווער באנקיר אלעקסאנדער צו באצאָלן דעם פלאָצקער איד לעאָן מיטן צונאָמען דער שווארצער 21 שאָק גראָשן. אלעקסאנדער האָט זיין התחייבות נישט געהאלטן און דער סיכסוך האָט אָנגעשפארט אין וואַרשעווער געריכט, וואָס האָט געפסקנט, אז לעאָן האָט די בכורה פאר אנדערע מלווים אלעקסאנדערס, מיטן אויסנאם פון וואַרשעווער איד יצחק אויפצומאָנען ביי אים זיינע חובות.

די פלאָצקער אידן זיינען אויך געשטאַנען אין ענגע באציאונגען מיט די אידן אין ווישעגראד: אין יאָר 1487 האָט א בוררים־געריכט פון ווישעגראדער פריצים געפסקנט אין א סיכסוך צווישן דעם ווישעגראדער איד מיי (נישט צו פארבייטן אים מיטן באקאנטן ווישעגראדער באנקיר פון דער ערשטער העלפט פון פופצנטן יאָרהונדערט) און זיין פרוי גלאָקכא (גליקכען) פון פלאָצק וועגן צעטיילן דאָס שותפישע פארמעגן.

אז אין פלאָצק האָט אין משך פון פופצנטן יאָרהונדערט עקזיסטירט, הגם מיר האָבן נאָר קארגע ידיעות פון דאָרט אַן אָרגאניזירטע קהילה, באווייזט דער פאקט, אז זי האָט פארמאָגט אַן אייגענעם רב; א רמז דערויף, אז זי איז געווען אַן אָנזעעוודיקע לויט דער צאָל מיטגלידער, האָבן מיר אין דעם פריווילעג פון פלאָצקער פירשט קאזימיר פון יאָר 1474 פאר זיין קאנצלער ראטיבאָר פון גאלעיעוו, אין וועלכן ער שענקט אים דעם פירשטלעכן צינז, וואָס עס צאָלן די פלאָצקער אידן. די סומע וואָס פון איר וואָלט מען געקאָנט בערך דרינגען וועגן דער צאָל פלאָצקער אידן, איז אפילו אין פריווילעג נישט אָנגעגעבן. מען דאַרף אָבער משער זיין, אז זי איז נישט געווען קיין גאנץ קליינע, אויב זי האָט געקאָנט ווערן אַן אָביעקט פון א פירשטלעכן געשאנק.

אין יאָר 1495 איז דאָס פלאָצקער פירשטנטום איינגעגלידערט געוואָרן אין דער פוילישער מלוכה (Korona). פון איצט אָן פאלן די פלאָצקער אידן ארונטער אונטער די געזעצן, וואָס זיינען חל געווען אויף די קרוין־אידן, אזוי, אז צוזאמען מיט דער אינקאָרפּאָראציע האָט זיך ראדיקאל געביטן די פּאָליטישע לאגע פון די פלאָצקער אידן.

די פלאָצקער קהילה האָט ביים סוף פון דער דאָזיקער זעלבסטשטענדיקייט־תקופה פון מאזאָוויע נישט געטיילט דעם גורל פון די צוויי אנדערע מאזאָווישע קהילות — נישט פון דער וואַרשעווער, וועלכע האָט אין יאָר 1498 איבערגעלעבט א צווייטן גרוש (דער ערשטער אין יאָר 1483) און האָט יורידיש אויפגעהערט צו עקזיסטירן איבער privilegium de non tolerandis Judeis פון קעניג זיגמונט דעם 1־טן פון יאָר 1527; און נישט פון דער ווישעגראדער, וועלכע פארשווינדט ארום 1493 פון דער ערד־אויבערפלאך. פארקערט, ווען אין די צוויי גרעסטע מאזאָווישע קהילות איז דאָס געשיכטלעכע לעבן

לגמרי אָפּגעשטאָרבן, הויבט עס אָן ביי די פלאָצקער אידן שטארק און בונט צו פולסירן.

א פּרוּאוו פון א סטאטיסטיק פון דער אידישער באפעלקערונג אין פלאָצק בעת דעם זעכצנטן און אָנהויב זיבעצנטן יאָרהונדערט

מיר מוזן לכתחילה באמערקן, אז די מקורים, וואָס מיר האָבן געהאַט אין אונזער רשות, זיינען לחלוטין נישט גענוג פאר א סטאטיסטישער באהאנדלונג פון דער פראגע דעמאָגראפיע און ווירטשאפטלעכע סטרוקטור פון דער אידישער באפעלקערונג אין פלאָצק פאר דער געגעבענער צייט. א חוץ א פּאָר לאקאָנישע נאָטיצן און לוסטראציעס אין שטייער־ביכער פארמאָגן מיר נישט פאר דער דאָזיקער תקופה כמעט קיין שום סטאטיסטישן מאטעריאל. דאָס זעכצנטע און זיבעצנטע יאָרהונדערט קענען נאָך נישט קיין סטאטיסטיק אין דעם מאָדערנעם זינען פון וואָרט.

דער געשיכטלעכער מאטעריאַל וועלכן מיר האָבן געשעפּט פון אנדערע מקורים ווי למשל פון די גראד־און שטאָט־ביכער ווי אויך פון די פינאנץ־אקטן פון מלוכה־אוצר איז אפילו זייער ווערטפול, אָבער ער איז פראגמענטאַריש און ווייט נישט אויסשעפּלעך. נישט אלע אידן האָבן געמוזט אדורכגיין דורך די גראד־און שטאָט־ביכער, וועלכע באשטייען על פי רוב פון געריכטס אקטן.

די פינאנץ־אקטן ווידער האָבן אזעלכע אומגענויע און נישט פּינקטלעכע ידיעות, אז מ׳קאָן זיך מיט זיי באנוצן נאָר מיט גרויס אָפּגעהיטקייט.

ביי אזא צושטאַנד פון מקורים־מאטעריאַל קאָן מען דעריבער נאָר אָנווענדן דעם מעטאָד פון בערכ׳דיקער שאצונג און פארגלייכונג — א מעטאָד, וואָס מיר זיינען מודה, זייער נישט קיין זיכערער. פונדעסטוועגן האָבן מיר געפּרואווט צו געבן א סטאַטיסטיק פון דער אידישער באפעלקערונג אין פלאָצק בעת דעם זעכצנטן יאָרהונדערט. א געוויסן אָנשפּאר פאר דער חנחה, אז די ציפערן, וואָס מיר האָבן אויף דעם דאָזיקן וועג באקומען, שטימען מער ווייניקער מיט דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט, גיט אונז דער פאקט, וואָס די דאָזיקע ציפערן, ארויסבאקומען פון פארשידענע חשבונות און שאצונגען ווייזן א מערקווירדיקע איינשטימיקייט — אַן איינשטימיקייט, וואָס שליסט אויס הוילן צופאל.

נאָך די דאָזיקע אלגעמיינע באמערקונגען טרעטן מיר צו צו דעם אנאליז פון אונזער אזוי קאַרגן מקורים מאטעריאל. אין דעם אינווענטאר פון פלאָצקער סטאראסטווע פון דעם 22־טן מאי 1572 לייענען מיר:

„אידן. זיי פארמאָגן אין פלאָצק איין גאס, און נישט ווייניק אנדערע אידישע הייזער (ד. ה. — נישט אויף דער אידישער גאס — ש. ט.) דער דאָזיקער זאץ קאָנסטאַטירט נאָר זייער אלגעמיין די צאָל פון דער אידישער באפעלקערונג און האָט נישט קיין איין ציפער.

די לוסטראציע פון יאָר 1616 רעכנט שוין אויס 25 אידישע הייזקעס. די דאָזיקע ציפער איז גאָר נאָענט צו דער צאָל אידישע הייזער, וועלכע מיר געפינען אין די שטאָטישע און גראָד־אקטן, אין סך־הכל 30.

עס שטעלט זיך איצט אוועק די פראגע, וויפל איינוואוינער דאַרף מען רעכענען אין דורכשניט אויף א הויז אין אזא שטאָט פון א מיטעלער באפעלקערונג־געדיכטקייט, ווי פלאָצק. ליידער גיבן אונז די פלאָצקער מקורים קיין שום אָנווייז נישט אין דעם פּרט. די דאַטעס ווידער, וואָס מיר געפינען אין אנדערע מקורים און אין אונזער היסטאָרישער ליטעראטור זיינען זיך שטארק סותר. אזוי למשל — רעכנט י. שיפּער אויף יעדן הויז במשך דעם פופצנטן און זעכצנטן יאָרהונדערט דורכשניטלעך צו 30 נפשות. פון די מקורים איז אָבער געדרונגען, אז שיפּערס שאצונג איז א צו הויכע. אזוי למשל פאלט אויס, לויט די טאַריפן פון אידישן קאָפּ־שטייער אין לעמבערג נאָר 11 נפשות אויף א הויז: אויף דער אלגעמיינער צאָל פון 82 הייזער — 917 איינוואוינער.

מיר מיינען, אז מיר וועלן זיין קרוב לאמת, ווען מיר נעמען אָן, אז אין שטעט פון מיטעלער גרויס, ווי למשל פלאָצק, האָט יעדעס הויז געציילט אין דורכשניט 20 נפשות (5 משפחות). מיר וואָלטן אזוי ארום באקומען, אז אין פלאָצק האָבן אין 25 אידישע הייזער געלעבט בערך 500 נפשות (25 × 20).

צו דער צאָל דאַרף מען נאָך צורעכענען א געוויסן פּראָצענט אידן, וואָס האָבן געוואוינט אין קריסטלעכע הייזער. (נידעריק געשאצט — ביי 10 פּראָצענט), בכן ס״ה באקומען מיר לערך 550 נפשות.

ווי מיר האָבן שוין באמערקט, איז דער מקורים מאטעריאל אין די שטייער רשימות נישט קיין גענויער. דאָס שטייער־בוך פון 1571 גיט אָן דעם ס"ה פון אידישן קאָפּ־שטייער פון גאנצן פלאָצקער פאָוויאט אויף 129 גל. אין יאָר 1578 בלויז פון די פלאָצקער אידן אויף 124 גל.

די דאָזיקע ציפערן גיבן אונז נישט קיין זיכערן אָנהאלט אויף צו בארעכענען די צאָל פון דער אידישער באפעלקערונג. אָננעמענדיק אָבער צוזאמען מיט י. שיפער, אז „דעם קאָפּ־שטייער האָט מען אין די מערבדיקע און צענטראלע פראָווינצן אויפגעמאָנט לויט 1 גל. פון יעדן פאמיליע־קאָפּ מיטן אויסנאם פון אביונים" — באקומען מיר פאר פלאָצק אין יאָר 1578, 124 באשייטערטע פאמיליעס; רעכענענדיק אויף א פאמיליע פיר נפשות באקומען מיר אויך בערך 500 נפשות. צו דער דאָזיקער ציפער דארף מען צוגעבן א געוויסע צאָל שטייער־פרייע, וויפל איז שווער צו טרעפן. די ציפערן פון שטייער־בוך פון יאָר 1575 זיינען פאר אונז לחלוטין אומנוציק. זיי זיינען אין זיך כולל דעם אידישן און אנדערע שטייערן (a Judeis et alis exact ionibus) אין ס"ה 231 גל.

אין די גראָד־און שטאָט־אקטן האָבן מיר במשך פון זעכצנטן יאָרהונדערט אָנגעציילט בערך 170 נפשות (פרויען 35), עס איז נאטירלעך שווער צו דרינגען פון דער דאָזיקער ציפער וועגן דער צאָל פון דער אידישער באפעלקערונג אין זעכצנטן יאָרהונדערט.

עס לאָזט זיך נישט פעסטשטעלן קיין שום פראָפּאָרץ צווישן דער דאָזיקער ריין צופעליקער צאָל אין דער פאקטישער צאָל. פארגלייכנדיק די צאָל פון די גראָד און שטאָט־אקטן מיט דער אויבנדיקער בערכ'דיקער צאָל באקומען מיר די פראָפּאָרץ 170: 550 ד. ה., אז קוים 30 פראָצענט פון די פלאָצקער אידן זיינען אדורכגעגאנגען דורך די געריכט־אקטן פון גראָד און שטאָט.

דער אידישער קווארטאַל אין פלאָצק אין 16-טן און 17-טן יאָרהונדערט

כמעט אין אלע גרעסערע פוילישע שטעט באמערקט זיך אין דער דאָזיקער תקופה א בולטע טענדענץ צו באגרענעצן דעם שטאָטישן פארמעג פון די אידן דורך איינשליסן זיי אין די ענגע גרענעצן פון דער אידישער גאס אָדער קווארטאל, וואָס מחוץ פון אים טאָרן זיי נישט קויפן קיין פלעצער אָדער הייזער. אין דעם געטאָ ווערט אָבער מיט דער צייט ענג און זיינע איינוואוינער זיינען געצוואונגען צו פירן א קאמף פאר אויסברייטערן דעם שטח, אויף וועלכן עס איז זיי דערלויבט צו וואוינען.

יעדער פלאץ, יעדעס הויז, וואָס אידן פארנעמען אין דער קריסטלעכער געגנט, איז אָפטמאָל א פועל יוצא פון א לאנגער קייט באמיאונגען און אינטערווענצן ביים קעניג און זיינע שררות, איז כמעט ווי מיט כח איינגענומען ביי דער שטאָט, וואָס וויל אָבער נאָך לאנג נישט שלום מאכן מיט דעם דאָזיקן פאקט און ווערט על פי רוב ערשט דורך א קעניגלעכן דעקרעט געצווינגען אים צו אָנערקענען. די דאָזיקע דערשיינונג באמערקן מיר אויך אין פלאָצק.

די אידישע גאס אין פלאָצק ווערט צום ערשטן מאָל דערמאָנט אין יאָר 1532. אין איין דאָקומענט טראָגט זי דעם פרעטענציעזן נאָמען די „אידישע שטאָט" (ענלעך, ווי דאָס אידישע געטאָ אין קוזמיר). לויט דער לוסטראציע פון 1572 זיינען אין פלאָצק געווען „נישט ווייניק אידישע הייזער". לויט דער ציילונג פון 1616 האָט די צאָל הייזער באטראָפן 25.

די לאגע פון אידישן קווארטאל אין 16-טן און 17-טן י"ה איז שווער גענוי צו באצייכענען. פון די מקורים איז נאָר געדרונגען, אז ער האָט זיך געפונען ביי די שטאָטישע מויערן, נעבן דעם אלטן בילסקער טויער אין דעם צפונדיקן שטאָטטייל בשכנות מיט דער שוסטער און בילסקער גאס, וועלכע האָט אים פארבונדן מיט דעם שטאָטישן מארק.

אין די יאָרן 1641 און 1688 האָבן גרויסע שרפות חרוב געמאכט דעם אידישן קווארטאל און ער איז שפּעטער צוריק אָפּגעבויט געוואָרן אויפן זעלביקן פלאץ. די פריווילעגיע פון קעניג יאַן קאזימיר פון 30-טן אויגוסט 1658 פאר די פלאָצקער אידן דערלויבט זיי צוריק אויפצובויען די אָפּגעברענטע און חרוב געוואָרענע הייזער בעת דעם שוועדישן קריג אויף די פריערדיקע פלעצער.

אויף די פלענער פון דער שטאָט פלאָצק פון סוף 18-טן און אָנהויב 19-טן י"ה: ווי געפּנעים פון 1794, לענוואלדס פון 1798, שמידס פון 1803 און פון אן אומבאקאנטן ארכיטעקט פון בערך 1800, פארנעמט דער אידישער קווארטאל מער ווייניקער די אויבנאָנגעגעבענע לאגע.

די ענדערונג האָט זיך נאָר אויסגעדריקט אין דעם, וואָס בעת דעם 16-טן י"ה האָט זיך די אידישע „גאס" געפונען ביים עק שטאָט, הארט ביי די מויערן, פארנעמט זי שוין ביים סוף 18-טן י"ה א מער צענטראלע לאגע: די אלטע בילסקער פאָרשטאָט, וואָס איז נאָך אין 16-טן י"ה געלעגן מחוץ די שטאָטישע מויערן איז בינתים (16-טער — 18-טער י"ה) שטארק אויסגעוואקסן און פארבויט געוואָרן, אויסברייטערנדיק די גרענעצן פון דער שטאָט ווייטער קיין צפון.

קען אויך פעסטשטעלן א פארקערטע דערשיינונג: קריסטן וואוינען אין דעם אידישן געטאָ. צווישן אנדערע האָבן דאָרט פארמאָגט נחלאות דער בירגערמייסטער און צוויי פלאָצקער קאנאָניקעס.

אין שיין פון די מקורים מערקט זיך אָבער א בולטע טענדענץ צו מאכן די אידישע גאס קריסטן־ריין: אין דעם רוב פאלן קויפן אידן אָפּ הייזער אָדער פלעצער פון קריסטן, וואָס וואוינען אויף דער אידישער גאס.

בכדי נישט צו דערלאָזן, דער אידישער הייזער־

די „גילדענע גאס" אין פלאָצק. אויף פויליש האָט מען זי גערופן „אוליצא יערוזאלימסקא" (ירושלימער גאס).

די היינטיקע גאסן: סינאגאָגאלע און ירושלימער פארנעמען מער ווייניקער דעם שטח פון דעם אלטן אידישן קווארטאל.

עס וואָלט אָבער א טעות געווען צו מיינען, אז אלע פלאָצקער אידן האָבן געוואוינט אין אידישן פערטל; א סך אידן וואוינען, אָדער פארמאָגן הייזער און פלעצער, אין אנדערע גאסן, ווי למשל אין דער שוסטער גאס, וועבער גאס, א.א.וו. מען

פארמעג זאָל זיך פארקלענערן, פלעגט קהל טייל־מאָל אָפּקויפן פון קריסטלעכן מלווה דאָס הויז, וואָס ער האָט אויפן סמך פון א געריכט־אורטייל באקומען פון זיין אידישן לווה.

נישט געקוקט אויף דעם דאָזיקן איינציקן מיטל זיך צו פארשאפן מער רוים און דעם געדיכט באוואוינטן געטאָ, ווערט אָבער מיט דער צייט וואָס אמאָל ענגער אפילו פאר אזעלכע מייסטערס פון

צונויפפּרעסן זיך, ווי עס זיינען געווען די געטאָ־אידן.

עס בלייבט דעמאָלט איין אויסוועג: ארויסצובאַקומען זיך פון הער אידישער גאס אין די קריסטלעכע גאסן. חוץ דעם אויבנדערמאָנטן מאָטיוו פון דוחק און פרייען רוים האָבן אין דעם דאָזיקן דראַנג אויך א גרויסע ראָל געשפּילט עקאָנאָמישע מאָטיוון: אידן ווילן וואוינען אין דעם האנדלסצענטר, ארום דעם שטאָט מארק.

זיי טרעפן אָבער אָן אויף מניעות מצד דעם מאַגיסטראַט נישט גובר צו זיין. צו די צוויי פריערדיקע סיבות פון קאַמף צווישן די אידן אין דער שטאָט, היינו: די פראגע פון אידישן האנדל און אידישע אָפּצאָלן איז צוגעקומען א דריטע: קאַמף פאַר רעכט צו וואוינען מחוץ דעם אידישן קוואַרטאַל.

די ערשטע ידיעה וועגן א סיכסוך אויף דעם דאָזיקן באָדן צווישן די אידן אין דער שטאָט האָבן מיר פון יאָר 1537. אין דעם דאָזיקן יאָר האָט דער קעניג זיגמונט דער 1־טער באַשיידט דעם סיכסוך לטובת דער שטאָט. היינו, אין דעם פּריווילעג פון 6־טן מערץ 1537 פאַרווערט דער קעניג די פּלאָצקער אידן צו קויפן נחלאות אין די קריסטלעכע גאסן, באַפעלנדיק גלייכצייטיק ביזן סוף יאָר 1537 צו פאַרקויפן די הייזער, וועלכע אידן האָבן שוין אין זייער פאַרמעג, אונטער שטראָף פון קאָנפיסקאַציע פון זייער פאַרמעגן. דעם דאָזיקן פאַרבאָט האָט דער קעניג נאָך אַמאָל איבערגעחזרט אין זיין שרייבן צום וואָיעוואָדע פון דעם זעלביקן יאָר.

אויף דעם דאָזיקן סמך האָט דער וואָיעוואָדע ארויסגעטראָגן זיין פּסק אין דעם סיכסוך צווישן אידן און דער שטאָט לויט דעם דעקרעט.

נישט געקוקט אויף דעם קעניגלעכן פאַרבאָט, קויפן אָבער אידן ווייטער נחלאות אין די קריסטלעכע גאסן, אָדער זיי ווערן אין זיי „ארייַנגעלאָזט" (אינטראָמיטירט) אויפן סמך פון א געריכט־אורטייל, דערביי מוזן זיי זיך אונטערוואַרפן אונטער געוויסע באַדינגונגען, וואָס האָבן באַגרענעצט דאָס רעכט פריי צו דיספּאָנירן מיט די איינגעשאַפטע נחלאות. אזוי זיינען די אידישע קונים פון הייזער זיך מתחייב נישט פאַרקויפן זיי קיין אנדער פּערזאָן חוץ שטאָט לייט. אין געוויסע קויף־שטרות ווערט באַמערקט, אז די טראנזאַקציע איז צושטאַנד געקומען לויט א דערלויבעניש פון מאַגיסטראַט. כאַראַקטעריסטיש, איז אויך די התחייבות פון א אידישן מלווה, וועלכע האָט געגעבן א קריסט א הלוואה אויף א משכון פון א הויז, אז אין פאַל ווען דאָס געריכט וועט אים דאָס דאָזיקע הויז צוזפּרעכן, וועט עס נישט בלייבן זיין אייגנס, נאָר ער וועט עס פאַרקויפן צו א קריסט אונטער קנס פון 200 שאָק גר. אויך דאָס מיטלאַלטערלעכע משפּחה־רעכט פלעגט אָפּט פאַרשאַפן נישט ווייניק שוועריקייטן אידישע קונים פון הייזער; זיי פלעגן מוזן אין אזעלכע פאַלן זיך אויסגלייכן מיט די קרובים.

א בולטע אילוסטראַציע צום קאַמף צווישן דער שטאָט און די אידן אין דער פראגע פון אויסברייטערן דעם אידישן פאַרמעג גיט אונז דער סיכסוך וואָס האָט זיך געפירט אין די יאָרן 1568 — 1592 ארום דעם אידישן בית־עלמין. אין יאָר 1568 האָבן די פּלאָצקער אידן באַקומען פון קעניג זיגמונט אויגוסט א דערלויבעניש צו קויפן קרקע פאַרן בית־עולם און אויך דריי נייע הייזער אָדער פּלעצער אין דער שטאָט גופא מיט דעם תנאי, אז די קרקע מוז זיך געפינען אין דער פאָרשטאָט, די הייזער אָדער פּלעצער — נאָענט צו דער אידישער גאס און נישט אויפן שטאָט מארק. שטיצנדיק זיך אויף דעם דאָזיקן קאָנסענס האָבן די אידישע ראשים יעקב און יוסף מאַריאַנקא געקויפט אין דעם דאָזיקן יאָר אין דער בילסקער פאָרשטאָט א פּלאַץ, וועלכער איז געלעגן צווישן דעם גאָרטן פון יאַן פּיעזשאַנעק און דער פּלאָצקער זאַליץ־זשופּע.

דער ענין האָט אָבער, ווייזט אויס, אָנגעטראָפן אויף שוועריקייטן מצד דעם מאַגיסטראַט, אזוי אז דער קעניג האָט געמוזט מיט אָנדערטהאַלבן יאָר שפּעטער (דעם 15־טן יולי 1570) פאַראָרדענען דעם בירגער מייסטער און די שטאָט־יועצים, זיי זאָלן דערלויבן די פּלאָצקער אידן צו מאַכן א בית־עלמין אויפן געקויפטן פּלאַץ, ווי אויך צו קויפן צוויי אָדער דריי הייזער נאָענט פון דער אידישער גאס און ארייַנטראָגן די געהעריקע קאָנטראַקטן אין די שטאָט־ביכער.

די שטאָט האָט זיך אָבער איינגעעקשנט און נישט דערלויבט אויסצופירן די באַשטימונגען פון די קעניגלעכע דעקרעטן. בנתים איז דער קעניג געשטאָרבן. דער ענין האָט זיך, איבער דער אומרואיקער צייט, פאַרשלעפּט ביז צום יאָר 1576. ערשט אין דעם דאָזיקן יאָר האָבן די פּלאָצקער אידן באַקומען פון קעניג סטעפאַן באַטאָרי א

פּלאָצקער מאַגיסטראַט

נייעם פּריווילעג, וועלכער האָט באַשטעטיקט די דעקרעטן פון זיין פאָרגייער וועגן דעם אידישן בית־עולם, ווי אויך וועגן קויף פון די הייזער אָדער פּלעצער. די אידן אָבער האָבן, ווייזט אויס, סוף כל סוף געמוזט רעזיגנירן פון דעם בית־עולם אין דער בילסקער פאָרשטאָט — אין דעם אָפּמאַך, וואָס זיי האָבן געשלאָסן מיט דער שטאָט אין יאָר 1581, רעדט זיך שוין וועגן אן אנדער בית עלמין, וועלכן די אידן האָבן געקויפט אין יאָר 1579 ביי יאַן גזשעזשאַלקע.

אָבער די פּלאָצקער קהילה איז נישט באַשערט געווען קיין מנוחה, די פרישע קניה רופט ווידער ארויס א לאַנגן סיכסוך מיט דער משפּחה גזשעזשאַלקע, וועלכע עס פאַרטרעט יאַנס קרוב וואָויטשעך, מיט וועמען קהל מוז פירן א 13 יעריקן קריג.

וואָויטשעך איז נישט צופרידן מיט דער קניה און באַמיט זיך מיט אלע מיטלען, דערלויבטע און נישט דערלויבטע צו באַקומען אין זיינע הענט דעם פאַרקויפטן פּלאַץ.

שטיצנדיק זיך אויף זיין קרובהשאַפט־רעכט, שיקט ער אָן אויפהער צו די ראשי הקהל די שטאָט־יועצים, וועלכע שטעלן ארויס אין זיין נאָמען אלץ נייע פאָדערונגען:

אזוי למשל פאָדערן זיי אויף די פּרנסים באַלד נאָך דער קניה, זיי זאָלן זיך נישט דערוועגן ארומצוימען און צו באַוויען דעם פּלאַץ, אויף וואָס די פּרנסים האָבן געענטפערט, אז זיי מעגן אויף דעם פּלאַץ, וועלכער געהערט זיי לויט רעכט, טון וואָס זיי ווילן.

נאָך דעם ווי די שטאָט עלטסטע אין משך פון צוויי יאָר האָבן פיר מאָל אינטערווענירט, האָבן די פּרנסים מיד פון וואָויטשעכס עקשנות, דערקלערט, אז זיי זיינען גרייט צו פאַרקויפן דעם מיט אזוי פיל מי איינגעשאַפטן פּלאַץ. צו דעם איז אָבער נישט דערגאַנגען (וואָויטשעך האָט דערויף קיין געלט נישט געהאַט), ער הערט אָבער נישט אויף צו פאָדערן זיין „רעכט". ער דריקט נאָך אַמאָל אויס זיין הסכמה צו קויפן דעם פּלאַץ, אָבער, היות ווי ער קען דעם פּלאַן נישט אויספירן, פאַרוואַרפט ער קהל מיט קליינלעכע אָנקלאַגעס, ווי למשל, אז זיי זיינען ביים ארומצוימען דעם פּלאַץ אריבערגעטראָטן איבער דער גרענעץ פון דעם אייגענעם שטח.

די אלע ביז איצטיקע באַמיאונגען און אָנקלאַגעס האָבן אָבער קיין שום רעזולטאַט נישט געגעבן, וואָויטשעך באַשליסט דעמאָלט זיך נוקם צו זיין אין קהל: ער שיקט זיין זון דאָמיניק מיט דעם קרוב באַרטעלאָמיי אויף דעם אידישן בית־עולם, ביידע פירן דאָרט אויס א פיין שטיקל ארבעט: זיי צעברעכן א מצבה און א פּאָר אויבסביימער און שניידן אָפּ דאָס היי.

ניקן נישט אָפּ די אידישע גאַס פון אָפּפאַל און שמוץ, וואָס דאָס רופט ארויס נישט נאָר אומאַנגענעמקייטן פאר די דורכגייער, נאָר אויך א סכנה פאר די שטאָט־מויערן, ווייל איבער דעם וואָס דאָס וואסער קאָן נישט אָפּפליסן, ווערן זיי אונטערגעשווענקט.

דער קעניגלעכער דעקרעט וועגן פארבעסערן דעם היגיענישן צושטאַנד אויף דער אידישער גאַס האָט, זעט אויס, ווייניק וואָס געפּועלט: אין יאָר 1573 פארקלאָגן די שטאָטישע אינסטאַנצן די פּרנסים יוסף מאַריאַנקאַ, יעקב סאַלאָמאַנאָוויטש, אפרים סאַלאָמאַנאָוויטש און פעליקסן פאר דעם וואָיעוואָדע קאָביערניצקי און וויצע וואָיעוואָדע מיטשינסקי וועגן דעם, אז די אידן האָבן ביז איצט נישט אויסברוקירט דעם שטח צווישן זייערע הייזער און שטאָט־מויערן, איבערהזרנדיק דעם אונז שוין באַקאַנטן מאָטיוו וועגן דער דראָענדער סכנה פאר זיי אין פאַל פון אַן אויספלייצונג פון דער ווייסל.

דאָס געריכט האָט געפּסקנט מיט דער הסכמה פון ביידע צדדים, אז די אידן זיינען מחויב ביז שבועות 1574 אדורכצופירן דעם ברוק פאַזע דער ווייסל אונטער דעם קנס פון 100 „מארק" פאר דער רעפּאַראַציע פון די מויערן.

די אידן האָבן אָבער דעם פּסק נישט געהאַלטן, און אָט פארקלאָגן אין צוויי יאָר שפּעטער די שטאָטישע יוסטיציאַרן די פּרנסים יוסף מאַריאַנקאַ און פעליקס בערמאַנאָוויטש פאר דעם וואָויט־געריכט, פאָדערנדיק צוצופּסקענען דער שטאָט די געלט־שטראָף, ווי אויך צו צווינגען די אידן מקיים צו זיין דעם פּסק. די פּרנסים האָבן פארלאַנגט א 15 טאָגיקן ישוב־הדעת. דער וואָויט האָט זיך מיט דעם נישט גערעכנט און פארמשפּט די פּרנסים צו באַצאָלן דער שטאָט דעם קנס פון 100 „מארק" ביז דעם 12־טן אויגוסט ד. י. ווי אזוי דער סיכסוך האָט זיך פארענדיקט איז פון די אַקטן נישט באַוואוסט.

פינף יאָר שפּעטער (1579) נאָטירן די שטאָטישע אַקטן דעם פּראָטעסט פון פלאָצקער בירגער מייסטער מארטין גיינאָווסקי קעגן די פלאָצקער אידן, וועלכע האָבן, נישט וואַרטנדיק אויף דעם רעזולטאַט פון דעם פּראָצעס, וועלכער קומט פאָר פאר דעם קעניגלעכן געריכט, אייגנוויליק זיך אויפגעבויט צוויי הייזער, היינו, איין הויז „איבער די שטאָטישע מויערן אויף אַן אומפּאַסיקן אָרט, דאָס צווייטע הינטער דער שיל". אז



א מצבה אויפן אַלטן פלאָצקער בית־עולם

נאָך דעם דאָזיקן פּרימיטיוון נקמה־אַקט ווערט אין די אַקטן שטיל. זיי דערציילן שוין אונז גאָרנישט וועגן דער מלחמה צווישן קהל און וואָויטשעך גזשעזשאַלקע. צו אַן אויסגלייך איז געקומען ערשט אין יאָר 1592 — 13 יאָר נאָכן אויסברוך פון סיכסוך. אין דעם דערמאָנטן יאָר פארנאָטירן די שטאָט אַקטן די קעגנזייטיקע דערקלערונג מצד דער גאַנצער חשובער משפּחה גזשעזשאַלקע פון איין זייט, און מצד די פּרנסים יוסף און יהודה פון דער אַנדערער, אין וועלכער זיי אַנולירן דעם גאַנצן סיכסוך און שליסן צווישן זיך אַן אָפּמאַך.

פון אַנדערע סיכסוכים צווישן די אידן און דער שטאָט, וועלכע זיינען נוגע געווען דעם אידישן פארמעג, איז כדאי צו דערמאָנען דעם סיכסוך וועגן אויסברוקירן דעם שטח צווישן דער אידישער גאַס און די שטאָט־מויערן, ווי אויך דעם סיכסוך וועגן בוי פון נייע הייזער.

אין יאָר 1567 באַקלאָגט זיך דער מאַגיסטראַט פארן קעניג אויף די פלאָצקער אידן, אז זיי ריי־

זיי שטרעבן אפילו זיך צו פארלייגן ביי די שטאָטישע מויערן א צווייטע גאַס.

דער בירגערמייסטער האָט פארווערט דעם מויערער ווייטער צו טון זיין ארבעט, באַטראַכטנדיק דעם דאָזיקן פאַקט ווי א פארברעך קעגן דעם Vadium (ערבות צווישן דער שטאָט און די אידן), וועלכע האָט באַטראָפן 1000 פּוילישע גילדן. בויענדיק די צוויי נייע הייזער האָבן די אידן זיך געשטיצט אויף די צוויי אויבנדערמאָנטע פּריווילעגן פון זיגמונט אויגוסט פון 11־טן נאָוועמבער 1568 און פון סטעפאַן באַטאָרי פון 24־טן יוני 1576. ווי מיר ווייסן שוין אָבער פונם אידן מתחייב געווען, אז אין פאַל ווען ווער פון זיי עס וועט קויפן נאָך א הויז (חוץ די דריי), וועט ער מוזן אויפסניי אדורכקומען מיטן מאַגיסטראַט וועגן זיינע שטאָטישע אָפּצאָלן (דער יערלעכער הייזער־צינז איז געוואָרן באַשטימט אויף 20 גל.). אין אָפּמאַך געפינט זיך אויך א תנאי, אז אין פאַל ווען א אידיש הויז וועט אויפן סמך פון א געריכט אורטייל איבערגיין אין אייגנס פון א קריסט, וועט דער מאַגיסטראַט נישט לאָזן דאָס דאָזיקע הויז אין קריסטלעכן אייגנס, נאָר וועט דערלויבן די אידן עס אויסצוקויפן. דער דאָזיקער תנאי, ווי אויך די אויבנדערמאָנטע פאר־



א בליק אויף פלאָצק פון דער זייט פון ווייסל

פארלויף פון סיכסוך ארום דעם בית־עלמין, האָט דער מאַגיסטראַט זיי נישט געוואָלט אָנערקענען און האָט אַפּעלירט צום קעניגלעכן געריכט. אַז דער מאַגיסטראַט האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען די קעניגלעכע פּריווילעגן, ווערן מיר געוואויר אַגב פון דער דערקלערונג פון „וואָזשני" פאר דעם שטאָט־געריכט אין יאָר 1577.

ערשט אין אָפּמאַך פון יאָר 1581 האָט דער מאַגיסטראַט דערלויבט די פלאָצקער אידן, חוץ די קניה פאר א פּלאַץ פארן בית עלמין, צו קויפן דריי אַלטע הייזער אויף דער אידישער גאַס (פון קריסטלעכע בעלי־בתים). דערביי האָבן זיך די קערטע התחייבותן מצד אידן צו פארקויפן נחלאות, וועלכע זיי האָבן זיך איינגעשאַפט אויפן סמך פון געריכט־אורטיילן צו קריסטן באַווייזן, אז די שטאָט האָט קאָנסעקווענט געשטרעבט איינצוהאַלטן דעם שטאָטישן פארמעג פון די אידן אין אַן אומפארענדערטן צושטאַנד.

דאָס לעבן איז אָבער שטאַרקער פון אָפּמאַכן: אין געטאָ ווערט וואָס אַמאָל ענגער און אידן קויפן נייע הייזער פון קריסטן.

אזוי למשל האָט אין זעלביקן יאָר, בעת עס איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער אָפּמאַך, דער פלאָצקער איד איצקאָ „צעלניק" געקויפט ביי דעם

שוסטער מיקאַליי דודא א פּלאַץ אין דער שוסטער גאַס. צוויי יאָר שפּעטער פאַרנאָטירן די שטאָטישע אַקטן, אַז ישראל אַדאַמקעוויטש האָט געקויפט א הויז ביי דעם בירגער זיגמונט קריסטאָף פאַר 50 גל. און אין יאָר 1593 — די קניה פון א הויז מצד יוחנן מאַרקאָוויטש ביי דער אַלמנה דאָראָטע גיבאַלינאַ, אויף דער שוסטער גאַס, פאַר 200 גל. נישט גערעכנט יענע הייזער און פּלעצער אויף דער אידישער גאַס, וועלכע זיי קויפן אָפּ ביי בירגער אָדער ביים מאַגיסטראַט.

די אידישע קונים האָבן זיך ווייזט אויס, באַנוצט מיט דעם פּונקט פון אָפּמאַך, וועלכער דערלויבט אידן צו קויפן נייע הייזער, ווען זיי וועלן אַדורכקומען מיטן מאַגיסטראַט מכוח די שטאָטישע שטייערן.

לויטן אָפּמאַך פון 1587 (?) האָט די שטאָט דערלויבט די פּלאָצקער אידן צו קויפן 6 נייע פּלעצער אויף דער אידישער און שוסטער גאַס און האָט געהעכערט דעם סכום פון אידישן הייזער־צינז (אויף 21 גל. יערלעך).

אין דעם נייעם אָפּמאַך, וואָס די שטאָט שליסט אין 1617 מיט די פּלאָצקער אידן ווערט די לעצטע דערלויבט צו דינגען ביי די שטאָט־לייט געוועלבער אפילו אין ראָטהויז, ווי אויך צו קויפן 4 נייע פּלעצער אויף דער אידישער און שוסטער־גאַס, אָבער נישט אין שכנות פון די מאַרק־הייזער.

ווי מיר זעען האָט זיך דער אידישער פאַרמעג פאַרגרעסערט אָפיציעל אין משך פון 35 יאָר (1581—1617) מיט 13 פּלעצער און הייזער אויף דער אידישער און שכנותדיקער שוסטער גאַס.

וואָס איז שייך דעם קויף פון הייזער מצד אידן, איז די צאָל פאַרנאָטירטע קויף־אַקטן במשך דער ערשטער העלפט 17־טן י"ה אַן ערך קלענער, ווי אין דער צווייטער העלפט 16־טן. במשך פון קנאַפּע 40 יאָר (1609—1647) האָבן די שטאָטישע אַקטן פאַרנאָטירט ס"ה פיר פאַלן פון קויפן הייזער אָדער פּלעצער.

דערביי האָט זיך אין איין פאַל געהאַנדלט וועגן אָפּקויפן דורך א איד די היפּאָטעק אויף דעם הויז, וואָס א קריסטלעכער מלווה האָט באַקומען פון א אידישן לווה.

בפרט שטאַרק איז געפאַלן די צאָל הייזער־טראַנזאַקציעס נאָך דעם אָפּמאַך פון 1617.

עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס אין אידישן קוואַרטאַל איז ווייטער ענג. צוגעשפּאַרט צו די שטאָטישע מויערן הויבן די אידן אָן זיך צו באַנוצן מיט זיי פאַר בוי־צוועקן. אויף דעם באָדן איז געקומען אין יאָר 1619 צו א קאָנפליקט מיטן מאַגיסטראַט, וועלכער האָט באַשטראָפט די פּלאָצקער אידן מיט קנס פון 2 אונג. פלאָרין פאַר אוועקלייגן בעלקעס אויף א מויער־טורעם העכער ווי די אַלטע שכנותדיקע בנינים. דערביי איז להבא פאַרווערט געוואָרן צו בויען העכערע בנינים, ווי די שוין עקזיסטירנדיקע.

קהל איז אויך געשטאַנען אויף דער וואַך, אַז קיין קריסט זאָל נישט פאַרנעמען קיין וואוינונג, וואָס איז געווען באַוואוינט דורך אידן.

אזוי האָבן למשל די פּרנסים אנזעלם און שלמה פאַרקלאָגט אין יאָר 1620 דעם שוסטער שערפּוט פאַרן שטאָטישן געריכט, ווייל יענער האָט זיך אריינגעצויגן אין א הויז, וואָס האָט געהערט צום פּריץ פּשעטשישעווסקי, און וואָס איז געווען באַוואוינט דורך אידן (ווייזט אויס א פּריצישע יורידיקע), פאַרופנדיק זיך דערביי אויף אַן אָפּמאַך מיט דער שטאָט־מאַכט.

עס קאָן זיך דאָ נישט האַנדלען וועגן אָפּמאַך פון 1617, ווייל דאָרט געפינט זיך נישט אזא מין תנאי, אַז קריסטן טאָרן זיך נישט אריינציען אין הייזער באַוואוינטע דורך אידן; מעגלעך, אַז שפּעטער (צווישן 1617 — 1620) האָט מען אזא תנאי צוגעגעבן; דאָס געריכט האָט טאַקע פאַראָרדנט די פּרנסים צו ברענגען דעם טעקסט פון אָפּמאַך אין געריכט.

ווייטער גיבן מיר דאָ א רשימה, נאַטירלעך נישט קיין פולע, פון אידישע בעלי־בתים פון הייזער און פּלעצער.

1. אויף דער אידישער גאַס:

פעליקס וועבער; מאַרעק דער שמש; יוסף מאַריאַנקא (א פּאָר פּלעצער); יוסף, לעוועקס איידעם; יוסף, דאָקטאָר מעד׳ יאַקוב; די אַלטע מאַריאַנקאַ; דער חזן יעקב; מאַרעק סאַלאָמאָנאָוויטש; זיין ברודער יעקב; אפרים און זיין זון שלמה; מאַרעקס איידעם; יעקב בן טרייטל; דאָקטאָר מעד׳ פעליקס מוכא; בערמאַנס איידעם; יאָאַכים; לאַזאַר; יעקבס איידעם; מאַרעק לעווקאָוויטש; משה יאָסקאָוויטש און שמעון יאָאַכימאָוויטש.

2. — אויף אנדערע גאַסן (איבערהויפּט אויף דער שוסטער גאַס):

יוסף לעווקאָוויטש; פעליקס; שמעון; דער שוואַרצער יעקב; אַדאַם; דאָקטאָר מעד׳ יוסף — 2 הייזער אויף דער שוסטער גאַס און איין הויז אין דער גרויסער פאָרשטאָט; איצקאָ „צעלניק"; יאָאַכים מאַרקאָוויטש; אַבראַם; ישראל אַדאַמקאָוויטש; די ברידער מיכאל און לאַזאַר (א האַלב הויז); שלמה (דאָס אַנדערע האַלבע); חוץ דעם איז קהל געווען אַן אייגנטימער פון דער שיל, הקדש, בית־עולם און צוויי הייזער, וואָס איינע פון זיי האָט ער אָפּגעקויפט ביים מאַגיסטראַט.

איין איד (דער נאָמען נישט אָנגעגעבן) האָט אויך געהאַט א הויז, צי בלויז געוואוינט הינטערן מאַרק און א צווייטער — אין „וואָלינער שאָב" (?) אידן האָבן אויך געוואוינט אין דער וועבער גאַס.

די דאָזיקע רשימה נעמט נישט אין אכט די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען, ווי א רעזולטאַט פון קויף און פאַרקויף צווישן אידן גופא. די דאָזיקע רשימה האַלט איבער 30 אידישע הייזער. זי קאָן נאַטירלעך נישט דינען ווי א מאַטעריאַל פאַר א גענויער סטאַטיסטיק פון דער צאָל פון דער אידישער באַפעלקערונג אין פּלאָצק. מיר האָבן אָבער א יסוד אָנצונעמען, אַז די דאָזיקע צאָל איז קרוב צו דער פאַקטישער צאָל אידישע הייזער אין פּלאָצק אין אָנהויב 17־טן י"ה.

נעמענדיק איצט אין אכט, אַז לכל הפּחות 90 פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג האָבן געוואוינט אין אידישע הייזער, קאָנען מיר זי באַטראַכטן פאַר א יסוד פאַר א שאַצונג, וואָס איז רעלאַטיוו קרוב לאמת.

רעכענענדיק אין דורכשניט 4 פאַמיליעס אויף א הויז, באַקומען מיר די צאָל 120 פאַמיליעס, אָדער 480—600 נפשות (4—5 נפשות אויף א פאַמיליע). די דאָזיקע צאָל שטימט אגב מער ווייניקער מיט דער צאָל, וואָס מיר האָבן באַקומען פון אַן אַנדער זייט. (זע קאַפּיטל 4.).

עס איז כדאי אויך צו דערמאָנען, אַז די לוסטראַציע פון יאָר 1616 גיט אָן 25 אידישע הייזער — א ציפער, וואָס איז זייער נאָענט צו דער אויבנדערמאָנטער.

פ. קאַץ

דורות פּלאָצקער אידן

פּלאָצקער אידן אין ארגענטינע פייערן זיבן הונדערט יאָר פּלאָצק. אליין שוין היבשע עטלעכע יאָר פון דאָרטן, פון דער אלטער שיינער שטאָט ביים ווייסל און ווער וויים צי עמיצער פון די אייגענע און נאָענטע לעבט נאָך אין פּלאָצק און צי לעבט נאָך איבערהויפּט איצט א איד אין דער פּוילישער שטאָט, וואָס געפינט זיך אונטער דער ממשלת זדון פון דעם אָקופּאַנט. נאָר די אידן זיינען פּלאָצקער און פּלאָצק איז א באשטימטער אידישער קולטור באגריף, וואָס געפינט זיך אין זייער אינערלעכן לעבן, באצייכנט זייער וועזן און אָט די אינערלעכע פארבונדנקייט זייערע מיט דער געוועזענער היים, ווילן זיי ארויסברענגען, מאַניפעסטירן. און ווי אזוי זאָלן זיי עס טון, אויב ניט אין א בוך, אין א אידיש פּלאָצקער בוך?

און אפשר איז עס מער ווי דאָס? אפשר איז עס דער אויסדרוק פון זייער טיפן גלויבן, אז פּלאָצק איז נאָך נישט אונטערגעגאנגען, אז פּלאָצק וועט נאָך זיין ווי געוועזן א אידישע שטאָט?

וואָרום פּלאָצק, וואָס האָט געהאַט אידן אלס איינע תושבים נאָך אין יאָר 1474, איז שוין ניט איין מאָל געוועזן אידן-ריין און איז אלץ געוואָרן א אידישע שטאָט. לויט דער לוסטראציע פון 1616, האָבן אידן אין פּלאָצק געהאט 25 הייזער און פלעגן אריינטראָגן צינז אינם שלאָס א „האַלבן שטיין" פּעפּער, א פונט נעגעלעך און אנדערע געווירצן און האָבן געהאלטן אין פאכט דעם שטאָטישן יאַויד פאר פערציק זלאָטעס א יאָר. אידן האָבן געהאנדלט און געטון מלאכה און געדאַווענט אין דער שיל, וואָס זיי האָבן אויסגעבויט, העכער פון אלע הייזער, ווי דער דין איז, אזוי ביז ארום 1656, ווען די פּרייסן בשותפות מיט די שוועדן זיינען איבער פּלאָצק אריין קיין ווארשע. און אז גאָט האָט געהאָלפן און דאָס פּוילישע מיליטער האָט פארטריבן די בראנדנבורגער מיט די שוועדן, האָט זיך עס נוקם געוועזן אָן די אידן און קוים א פּאָר אידן זיינען דעמאָלט לעבן געבליבן אין פּלאָצק.

1658 דערלויבט קעניג יאַן קאַזימיר די פּאָלצקער אידן ווידער אויפצובויען זייער שיל און זייערע הייזער און אידן לעבן ווידער און האנדלען און טוען מלאכה. אזוי ביז 1688, ווען עס ברעכט אויס א שרפה און דער גאנצער אידישער פערטל גייט אוועק מיטן פייער.

אידן האָבן זיך ווי עס איז ווידער אויפגעשטעלט די הייזער און געלעבט אין שלום ביז 1754. דעמאָלט איז עס דעם פּלאָצקער וואויט דעמבאָווסקי איינגעפאלן א שפּיצל, ער וועט מאכן די אידן א בלוט-בילבול און אידן וועלן זיך אויסקויפן. צעטראָגן האָט זיך באלד א קלאנג איבער דער שטאָט, אז א געוויסער איד מיטן נאָמען דוד האָט פארמוטשעט א קריסטלעך קינד פון א נאָענטן דאָרף, וואָס ער האלט אין פאכט. ארויסגעשיקט האָט ער די פּאַליאקן איבערן אידישן פערטל שלאָגן אידן און דעם פאכטער דוד האָט ער איינגעשפּארט אין תפיסה, וואו מען האָט אים פארפּייניקט צום טויט.

און אָט וואָס עס ווערט ווייטער דערציילט: „געזען אז דער אומגליק צעוואקסט זיך, זיינען די גבאים פון דער פּלאָצקער שיל אוועק צום יאַסנאָוויעלמאַזשנע פּאַן וואויט מיט א בקשה ער זאָל אָפּשטעלן די נגישות אויף די אידן און נישט פארגיסן מער קיין אומשולדיק אידיש בלוט". ארייננגעטראָגן האָבן זיי אים דערביי 2.400 פּוילישע זלאָטעס און זיך מתחייב געווען אריינצוטראָגן דריי יאָר נאָכאנאנד צו 800 זלאָטעס יערלעך.

אָפּגעלאָפן זיינען די דריי יאָר, די אידן האָבן פּינקטלעך געצאָלט פאראויס די 800 זלאָטעס, נאָר ווייטער צאָלן האָבן זיי נישט געוואָלט. אריין איז דער וואויט אין גרימצאָרן און האָט די גבאים אריינגעוואָרפן אין „קאָזע" און איינעם פון זיי, שייע מאגנוס, אויסגעשמיסן מיט ריטער. אויך די איבעריקע גבאים האָט מען נישט געשוינט. נאָר, שרייבט זיך, די גבאים האָבן איבערגעטראָגן די אינקוויזיציע און זיינען נישט איינגעגאנגען צו באלאסטן די קהילה מיט דעם שווערן שטייער.

אין 1792 איז געקומען קיין פּלאָצק א נייער וואויט, בראָמיערסקי, און אויך ער האָט גענומען פאָדערן א צינז פון 800 זלאָטעס. די גבאים האָבן זיך קעגנגעשטעלט, עס קומט ניט פון זיי, זיי האָבן אים באוויזן זייער פּריווילעגיע פון יאַן קאַזימיר און די לוסטראציע. נאָר עס האָט זיי נישט געהאָלפן. די גבאים האָט מען אריינגעוואָרפן אין „קאָזע" און דעם רב, ר' יקים, האָט מען געשמיסן מיט ריטער. און פּלאָצקער אידן האָבן געמוזט באצאָלן דעם צינז.

דאָס אלץ איז אלטע פּלאָצקער געשיכטע. 1792 שטייט בכלל אויף דער גרענעץ פון א נייער געשיכטלעכער עפּאָכע. מיט 1793 הויבט זיך דאָך אָן אין דער וועלט-געשיכטע דאָס ניינצנטע יאָרהונדערט. די גרויסע פראנצויזישע רעוואָלוציע, מענטשן-רעכט, „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט", באלד קומט ארויף נאַפּאָלעאָן, די וועלט-מלחמות אָדער, ווי האָט מען זיי דעמאָלט גערופן, קאָאַליציע-מלחמות. פרידריך ווילהעלם דער צווייטער וויל נישט זיין קלענער פון נאַפּאָלעאָנען און אויך צאַר אלעקסאנדער דער ערשטער וויל נישט זיין קלענער. מען כאפּט זיך פונאנדערפּליקן דאָס שליאכטעסקע האָנעראָווע פּוילן און פּלאָצק מיט איר גוביערניע, אָדער מיט איר דעפּארטאמענט, ווי דאָס האָט געהייסן, פארזוכט די ערשטע אין פּוילן די דאָזיקע פרוכט פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט.

מיט איין יאָר נאָך די שמיץ, וואָס דער פּלאָצקער רב האָט באקומען אין „קאָזע", פאלט פּלאָצק אריין צו פּרייסן און פּרייסן שאפט דעמאָלט אָפּ אלע פּוילישע אויסנאַם-געזעצן קעגן אידן. עס הערשט דעמאָלט, ווי געזאָגט, פרידריך ווילהעלם דער צווייטער, וואָס האלט אָן די טראדיציעס פון זיין גרויסן פאָטער, דעם פריינט פון מענדעלסאָן, דער פריינט פון בילדונג.

פּלאָצקער אידן ווערן „דייטשן", מען הויבט אָן אונטערשניידן די קאפּאָטעס, צופּוצן די בערדלעך, ריידן דייטש און טאקע אריינקוקן אין מענדעלסאָנס „ביאור". מען שמעקט אריין אין דער דייטשער השכלה, מען דעקלאמירט געטעס „ערל-קעניג" און שילערס „די גלאָקע". מען מענטשלט זיך און מען דייטשמערט זיך. איין זאך נאָר, די געטאָ, די פּלאָצקער, האָבן זיי מורא צו פארלאָזן, כאָטש מען לאָזט זיי זיך באזעצן אין דער „קאטוילישער שטאָט". עס דאכט זיך זיי, אז דאָס איז עפּעס א חלום אזא, ווי מען זאָגט ביים בענטשן: היינו כחולמים...

דאָס „גליק" האָט טאקע לאנג נישט געדויערט. 1807 פאלט אריין פּלאָצק צוזאמען מיט דעם דעפּארטאמענט אירן און מיט נאָך זעקס דעפּארטאמענטן, דעם לאָמזשער, דעם קאלישער, דעם פּויזנער, בידגאָטשער און ווארשעווער, אינם „ווארשעווער הערצאָגטום", אונטער דער הערשאפט פון דעם זאקסישן קעניג פרידריך אויגוסט, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט אים צוגעטיילט, און ניט נאָר זיינען דעמאָלט אָפּגעשאפט געוואָרן אין דעם הערצאָגטום די פרייהייטן, וואָס די אידן האָבן באקומען אונטער פרידריך ווילהעלם דעם צווייטן, נאָר אויך די פּריווילעגיעס, וואָס זיי האָבן אָנגעהאלטן נאָך פון יאַן קאַזימיר.

אידן האָבן געמאָנט יושר, זיך פארופן אויף נאַפּאָלעאָנס נאָמען, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. די פּלאָצקער זיינען צוזאמען מיט אלע אנדערע פּוילישע אידן פון דעם הערצאָגטום ארונטערגעפאלן אונטער נייע באגרעניצונגען און צוזאמען מיט זיי די פּלאָצקער. אזוי ביז 1815, ווען פּלאָצק ווערט רוסלאנד. און דאָ ווייזן פּלאָצקער אידן, אז זייערע דייטשע יאָרן זיינען נישט געגאנגען לאיבוד. זיי נוצן אויס צאַר אלעקסאנדערס קאָקעטירן מיט די „פראנצויזישע פרייהייטן" פאר די פּוילישע גובערניעס און עס גייט אוועק א סדרה בילדונג אויפן גרויסן שטייגער. פריי געלאָזט האָט אלעקסאנדער די פּאַליאקן זיך צו באנוצן אדמיניסטראטיוו מיט זייער אייגענער שפּראך, אפילו אין דער ארמיי. נאָר פּלאָצקער אידן האָבן אָן אייגענע שפּראך. זייער שפּראך איז די שפּראך פון מאזעס מענדעלסאָן און אלעקסאנדער פאָן הומבאָלדט. פּלאָצק ווערט דער פארפּאָסטן פון דער השכלה פאר פּוילן.

פונקט ווי בראָד איז געוואָרן דער פאָרפּאָסטן פאַר דער השכלה אין וואָלין.

איך האָב דאָ, אין בוענאָס איירעס, געקענט א אידן פון יענעם דור, ריכטיקער געזאָגט, פון יענע דורות פּלאָצקער משכילים. געוועז איז דאָס פאַביאַן ש. (שרייבער) הלוי (האַלייווי). מערקט אייך גוט דעם נאָמען זיינעם: פאַביאַן און הלוי. דאָס איז הערכט כאַראַקטעריסטיש. אזוי כאַראַקטעריסטיש ווי אַן אונטערגעהאַקטע קאַפּאָטע און א נישט גערנקייט צו ריידן דעם אידישן זשאַרגאָן. די ש. פון „שרייבער" איז פאַרקאַטשעט אונטערן אויער ווי א פּאה, מיט וועלכער מען שעמט זיך. און געווען איז ער באמת פול מיט וויסן, מיט תורה און מיט חכמה און א ליבער מענטש איז ער געווען, פול מיט גוטע מידות און דערצויגענע מאַנירן. אַז איך וויל אַמאָל א טראַכט טון פון די ערשטע פּוילישע משכילים, שטעל איך מיר פאָר דעם בנעימותדיקן נאָר דייטשמערישדיקן תלמיד חכם פון פּלאָצק, וואָס האָט דאָ געמוזט זיין דער רעדאַקטאָר פון זשאַרגאָנישע בלעטער, פון דעם „פּאָנאָגראַף" אין 1898 און א צייט אינם „טאָג" פון 1915.

איך קען אויך זיין זון ישראל שרייבער הלוי.

און אים שטעל איך מיר פאָר ווען איך טראַכט צו די משכילים חובבי ציון, צו דעם ווייטערדיקן דור פּלאָצקער אידישער אינטעליגענץ און אייניקלעך זיינע קען איך: טייל זיינען פּועלי־ציון און טייל זיינען גלאַט ליבהאָבער פון דער אידישער שפּראַך, פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור. דאָס זיינען מוסטערן, שטעל איך מיר פאָר, פון דער פּלאָצקער עוואָלוציע, פון דער אסימילאַציע, פון דער השכלה, צום חובבי ציוניזם, צום פּאָליטישן ציוניזם, צו די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, צו דער שפּראַך און צו דער ליטעראַטור פון די אידישע אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס...

און אַז איך טראָג מיך איבער קיין פּלאָצק, צו דער פּלאָצקער סביבה, וואָס איז די סביבה פון אַפּאַטאָשוס „פּוילישע וועלדער" און פון זיינע געזונטע פישער־יונגען, איצט אין דער צייט פון דער נאַצישער אינוואַזיע, זע איך זיי אין די וועלדער אַלס פּאַרטיזאַנער, ווי עס זעט זיי אַפּאַטאָשו, ווי מיר וואָלטן זיך אַליין געוואָלט זען אויף זייער אָרט, אַלס די באַפרייער פון דער אַלטער און שיינער שטאָט ביים ווייסל, וואָס האָט אַזאַ וויכטיקן פּלאַץ פאַרנומען אין דער אויסבילדונג פון די אידישע דורות.

י. ל. פּ ר ץ צ ו ג א ס ט א י ן פּ ל אָ צ ק

אין די „ייוואָ בלעטער" פון דעצעמבער 1937, דערשינען אין ווילנע, שרייבט משה אַלטבערג, פּרצס א יוגנט־פריינט צווישן אנדערעס אָט וואָס:

„אין יאָר 1885 בין איך אַרויסגעפאָרן אויף שטענדיק פון זאַמאָשטש קיין פּלאָצק, וואו איך האָב חתונה געהאַט. אויף דער חתונה איז געווען לעאָן (פּרץ). און דאָ אין פּלאָצק האָט ער זיך באַקענט און זיך באַפריינדעט מיט אברהם יעקב פּאַפּערנאַ, דעם באַקאַנטן העברעער און ליטעראַטור־קריטיקער, דעם מחבר פון „צפנת פענח" (?). לעאָנס איינציקער זון פון דער ערשטער פרוי לוציאַנען, האָב איך נאָך דעם ווי ער האָט געענדיקט גימנאַזיע, אַראָפּגעבראַכט קיין פּלאָצק און כ'האָב אים איינגעאָרדנט אויף סטאַנציע ביי פּאַפּערנען. בעת לעאָן האָט אין יאָר 1889 פאַרלוירן זיין רעכט פון א „פּריוואַטן־אַדוואָקאַט", האָב איך לוציאַנען צוגענומען צו זיך, כדי לעאָנען קומען צו הילף. און דאָ ביי מיר האָט לוציאַן געענדיקט גימנאַזיע אין פּלאָצק".

דר. ע. רינגעלבלום

דער פנקס פון דער פּלאָצקער „חברה הייטים"

(סוף פון 18־טן יאָרהונדערט)

די אַרבעט פון דר. ע. רינגעלבלום פאַרעפנטלעכט אין צווייטן באַנד „עקאָנאָמישע שריפטן" פון אידיש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע, גיבן מיר מיט אייניקע קיצורים.

רעד.

דער פנקס פון דער חברה חייטים אין פּלאָצק שטאַמט פון סוף 18־טן יאָרהונדערט. אויף דער ערשטער זייט פון פנקס געפינט זיך די ווייטערדיקע אויפשריפט: „למזל טוב פנקס דחברה חייטים דפ"ה ק"ק פּלאָצק בשנת תקנ"ח (1798). לפ"ק". אין זיין איצטיקן אויסזען שטאַמט אַלזאָ דער פנקס פון יאָר 1798. די חברה חייטים און איר פנקס האָבן אָבער נאָך פריער עקזיסטירט. פאַרן יאָר 1798, ד"ה נאָך דעמאָלט ווען פּלאָצק האָט געהערט צום אומאָפּהענגיקן פּוילן, האָט פון לאַנג עקזיסטירט א חברה חייטים, וועלכע האָט אויך געהאַט אירן א פנקס. דער פנקס איז אָבער אַלט געוואָרן, פאַרשריבן און צעריסן דעריבער האָט דער פאַרטרעטער פון דעם פּלאָצקער סטאַראָסטע און גלייכצייטיק דער לאַנדקאַמערער (אויף פּויליש: פּאָדקאָמאָרזשי) מאַציעי סטאַרטשעווסקי דערלויבט אין יאָר 1798 איבערצושרייבן די אַלע געזעצן אין א ניי בוך.

אין יאָר 1793 איז פאָרגעקומען די צווייטע צעטיילונג פון פּוילן, און פּלאָצק איז אַריבער צו פּרייסן. איינע פון די פראַגן, וועלכע די פּרייסישע רעגירונג האָט געפּרואווט צו באַשיידן, איז געווען די אידן־פראַגע, וואָס האָט שטאַרק באַשעפטיקט די פּרייסישע באַאַמטע פון דעם ניי אָקופּירטן שטח, כדי צו אָריענטירן זיך אין די רעכט פון דער אידישער באַפעלקערונג, כדי צו רעגולירן די באַציאונגען צווישן דער אידישער און קריסטלעכער באַפעלקערונג האָט די פּרייסישע מאַכט געזאַמלט אַלע פּריווילעגיעס פון דער אידישער באַפעלקערונג און זיי איבערגעזעצט אין דייטש. א באַזונדער אַכט האָבן די פּרייסן געלייגט אויף די פּריווילעגיעס פון די אידישע צעכן, וואָס האָבן געדינט ווי א מאַטעריאַל צו דעם באַרימטן „גענעראַל־יודען רעגלאַמענט" פון יאָר 1797. פון יענער צייט זיינען טאַקע אויפגעהיט געוואָרן עטלעכע איבערזעצונגען פון אידישע צעכן אין פּויזנער קאַנט (קורניק, גנעזן פּניעוו, א.א.) אין דער דאָזיקער צייט איז אויך אונזער פנקס איבערגעשריבן, איבערגעזעצט און באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער פּרייסישער מאַכט. איבערגעשריבן האָט מען נאָר דאָס, וואָס האָט געהאַט א דויערנדיקן ווערט, בכן נאָר די תקנות פון דער חברה חייטים מיט די הוספות פון יאָר 1796. די לעצטע גילטיקע רעדאַקציע פון פנקס אין דער פאָרם, וואָס איז דערגאַנגען צו אונז, שטאַמט פון יאָר 1798. אין דעם יאָר זיינען איבערגעשריבן געוואָרן די תקנות פון דער חברה. דער פנקס איז געשריבן אויף א פּאַפּיר, וואָס מען זעט אויף דעם גאַנץ דייטלעך וואַסער צייכנס מיט אַן אויפשריפט ''Pro Patria'' (פאַרן פאָטערלאַנד) מיט א צייכענונג פון דעם גריכישן גאָט פּאָסיידאָן מיט א דריי צאָן אין דער האַנט. דאָס בוך איז געווען פּאַגינירט נאָך פאַרן באַנוצן. בס"ה האַלט עס 108 זייטן.

פון זייט 1 ביז זייט 4 האָבן מיר געמעלן מיט פאַרשידענע אויפשריפטן, די זייטן 5־47 אנט־

האַלטן דעם וויכטיקסטן טייל פון פנקס: די תקנות, ווייטער גייען פוסטע זייטלעך 55 - 91, פון זייט 91 גייען ווייניק אינטערעסאנטע איינשרייבונגען, וואָס געהערן צו די יאָרן 1801 - 1820. די יאָזיקע זייטלעך ברענגען: די יעדעס מאָליקע נעמען פון דער צעך־פארוואלטונג אין פארשידענע יאָרן, די נעמען פון די ניי אויפגענומענע מיטגלידער וכדומה.

די דייטשישע איבערזעצונג פון די תקנות און נאָך פון עטלעכע אמטלעכע דאָקומענטן האָט געמאכט אין יאָר 1801 א געוויסער וואסערצוג,*), וועלכער טיטולירט זיך „אינטערפרעטאַטאָר יוריס", ד"ה פארטייטשער פון די געזעצן. ער איז מסתמא ווי אנדערע באאמטע פון דער קאמער, געווען א פארמיטלער צווישן דער פרייסישער און היימישער באפעלקערונג און גלייכצייטיק דער פארטייטשער פון די אָרטיקע געזעצן. אויסער די תקנות זיינען אויך איבערגעזעצט געוואָרן אויף דייטש אנדערע דאָקומענטן. אזוי למשל איז אויף ז' 46: דער „כתב התקשרות", ד"ה דער אָפּמאך צווישן די אנשי החברה חייטים אין דער פארוואלטונג פון צעך, די א"ג אחד עשר הנבחרים, פון יאָר 1798, די באשטעטיקונג פון די 41 תקנות דורך דער פלאָצקער קהילה־פארוואלטונג מיט רב בראש, אויך פון יאָר 1798 און די רשימה פון די אחד עשר הנבחרים פון דעם זעלבן יאָר. די איבערשרייבער פון די תקנות האָבן זיך באמיט, דער פנקס זאָל וואָס שענער אויסזען. דער פנקס האָט א גוטן איינבונד, אויף די ערשטע זייטלעך געפינען מיר שיינע, הגם שטאַרק פרימיטיווע בילדער. דער פאָלקס מאָלער האָט נישט געזשאלעוועט קיין פארבן: גרינע, גאָלדפארב, ראָזע, רויטע, געלע אא"וו. ווייטער בלומען, צווייגן, וויינטרויבן, לייבן מיט רויטע צינגער אד"ג. אָט מיט די כלערליי עפעקטן האָט געוואָלט פארכישופן דער פרימיטיווער פאָלקס מאָלער. דער איבערשרייבער איז ווייזט אויס געווען א געניטער סופר. די אותיות זיינען גאנץ שיינע ממש געטאָקטע, זעלטן, וואו איז עפּעס איבערגעשטראָכן, דער טעקסט איז דעריבער ביז ז' 47 זייער א דייטלעכער.

---

*) ווי ס'האָט מיר איבערגעגעבן דער פראָפעסאָר פון ווארשעווער אוניווערסיטעט מארצעל האנדעלסמאן, איז וואסערצוג געווען אן אָנגעזעענער כלל־טוער אין פלאָצק פון אים טאקע שטאמט דער פוילישער געלערנטער באהדאן וואסיוטינסקי.

דער שרייבער האָט אויך דאָ נישט געזשאלעוועט קיין עפעקטן, אויף זייט 45, וואָס איז כולל אין זיך דעם בעסטן סעיף (מא), האָט דער שרייבער דעם טעקסט פונאנדערגעטיילט אין דריי שיינע דריי עקן. אויף זייט פיר, וואו ס'איז אויפגעשריבן אן אריינפיר צו די תקנות אין פערזן, האָט דער שרייבער אויפגעשריבן א גרויסע „ס" און ארויסגעלאָזט פון איר שטראלן צו די אלע שורות, וואָס ענדיקן זיך מיט „ס" און די „ס" איז ביי זיי מיט א כיוון אויסגעלאָזט געוואָרן. פארשטייט זיך, אז די לעצטע זייטלעך פון פנקס, געשריבן אין די שפעטערדיקע יאָרן דורך פארשידענע גבאים, האָבן שוין א גאנץ אנדער כתב, א פשוטן, האמעטנעם.

די תקנות בילדן דעם וויכטיקסטן טייל פון פנקס. די תקנות זיינען קורצע, נישט פאראן קיין באגרינדונג אין זיי, זיי באפעלן — „ומי שיעבור על זה" ווערט באשטראָפט מיט כמה וכמה זהובים אָדער רויטע טאָלער לטובת דער אָדער יענער אינסטיטוציע. די אנדערע פנקסים פון שניידערשע חברות, ווי למשל דער פרעמישלער, ברענגען כמעט צו יעדער תקנה א ברייטע באגרינדונג. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס דער פרעמישלער פנקס געהער צו די עלטסטע אין פוילן, וואָס זיינען אונז באקאנט.

ער איז אנטשטאַנען אין די צייטן, ווען ס'האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אויספיקן די אָרגאניזאציע פון די אידישע צעכן, און די תקנות זיינען נאָך געווען פרישע, דעריבער איז נויטיק געווען א באגרינדונג. פארקערט דער פלאָצקער פנקס, וועלכער שטאמט גיכער פון אלץ פון דער מיט 18־טן יאָרהונדערט,חזרט אָפּט איבער אלטע תקנות, שוין לאנג באקאנטע, וואָס צו זיי איז נישט נויטיק קיין שום באגרינדונג.

הגם מיר האָבן אויבן אזוי שטאַרק געלויבט דעם סופר, מוז אָבער אונטערגעשטראָכן ווערן דער תוה ובוהו, וואָס הערשט אין סדר פון די תקנות. אזוי למשל ריידן די סעיפים 20-22 ארום די באדינגונגען פון די „פועלים" און „לעהרין־יונג". אָנשטאָט צו פארענדיקן וועגן דעם שפרינגט אין דעם סעיף 23 ארויס דער פארבאָט צו ארבעטן בשותפות מיט א קירזשנער; די סעיפים 24-25 ריידן ווידער וועגן די פועלים, און סעיף 26 פלוצים וועגן דעם, אז מ'טאָר נישט אָפּשפעטן פון יענעמס ארבעט. דאָס זעלבע קאָן אויך געזאָגט ווערן וועגן דעם סעיף 35, וועלכער איז פארבונדן מיט די סעיפים 5-16, 18 און 19.

די ענינים וואָס מיט זיי פארנעמען זיך אונזערע תקנות, קען מען אנטיילן אויף ווייטערדיקע געביטן:

1) אָרגאניזאציע פון דער חברה: די פארוואלטונג, וואלן פון דער פארוואלטונג, אירע קאָמפעטענצן און די חובות פון די מיטגלידער לגבי דער פארוואלטונג.

2) די באציאונגען פון די שניידער־מייסטערס צווישן זיך. דער עיקר ווערט דאָ געלייגט אכט אויף אויסמיידן די קאָנקורענץ צווישן די מיטגלידער פון דער חברה.

3) די באציאונגען צווישן די מייסטערס און זייערע ארבעטער: די לערן אינגלעך און די פועלים.

4) רעליגיעזע תקנות.

די גרעסטע מערהייט סעיפים פארנעמט זיך מיט די באציאונגען פון די מייסטערס צווישן אנאנד. דער קלענסטער טייל סעיפים זיינען באשעפטיקט מיט רעליגיעזע ענינים, הגם די חברות האָבן אויסער זייער עקאָנאָמישן כאראקטער געטראָגן אויך א רעליגיעזן. נישט אומזיסט טאקע שטאָלצירט די פלאָצקער חברה חייטים מיט אירע ספרי־תורות, ידן און פרוכתן.

בראש פון דער חברה אין פלאָצק איז געשטאַנען א ראט פון 11 מיטגלידער, די א"ג „אחד עשר הנבחרים". אין די תקנות גופא רעדט זיך נישט וועגן דעם, ווער עס זיינען געווען אָט די 11 אויסגעוויילטע, אָבער פון דעם וואל פראָטאָקאָל פון יאָר 1801 קענען מיר זען, אז דאָס זיינען געווען: 3 גבאים, 3 נאמנים (קאסירער) און 5 רואי־חשבונות, אָדער ווי זיי הייסן אין דער דייטשער איבערזעצונג: קאלקולאטאָרן; א חוץ דעם זיינען נאָך געווען שמשים אָדער נאָר איין שמש. די דאָזיקע פארוואלטונג פלעגט אויסקלייבן נישט די אסיפה פון אלע מיטגלידער, נאָר דריי כשרים, אויסגעוויילטע דורך א גורל. די קאָמפעטענצן פון די „11 אויסגעוויילטע" זיינען ברייט ארומגערעדט אין דעם „כתב התקשרות פון יאָר 1978. „זיי מעגן זיך פארנעמען מיט אלע עסקים און זייערע הענט וועלן זיין ווי אונזערע הענט", ד"ה ווי די הענט פון די אנשי החברה, „און זייער טון ווי אונזער טון", זיי האָבן דאָס רעכט צו מאכן הוצאות לטובת דער חברה, זיי מעגן שטיין פאר די הארן פון דער קאמער, פון מאגיסטראט" אא"וו. די גבאים האָבן זיך יעדן חודש געביטן. דער אמטירנדיקער גבאי האָט געהייסן „גבאי־חודש". די גבאים זיינען אויך געווען פאראנטוואָרטלעך פארן טעקסט פון די תקנות. נאָכדעם ווי ס'האָט זיך געענדיקט זייער קאדענץ האָבן זיי געדארפט ווייזן דעם פנקס דעם רב אויף פעסטצושטעלן, אז זיי האָבן גאָרנישט צוגעגעבן.

אָננעמען מיטגלידער האָט געהערט צו די „11 אויסגעוויילטע", און בכלל האָבן זיי געהאַט צו פארוואלטן איבער אלע ענינים פון דער חברה: אויפמאָנען דעם מיטגליד־אָפּצאָל, האָבן אין זייער רשות די געלטער פון דער חברה א.ד"גל.

די קאָמפעטענצן פון דער קהילה ווי די אויפזיכטס־מאכט איבער דער חברה זיינען געווען קלענערע ווי אין פרעמישלע.

אמת, די סטאַטוטן פון דער חברה זיינען אין יאָר 1798 באשטעטיקט געוואָרן דורכן רב און דורך דער קהילה־פארוואלטונג, דאָך האָט די קהילה נישט געהאַט דאָ לגבי דעם צעך אזא מאכט ווי אין פרעמישלע. אין די וואל פראָטאָקאָלן פון פארשידענע יאָרן איז נישט פאראן דער קלענסטער רמז, אז די „11 אויסגעוויילטע" זיינען באשטעטיקט געוואָרן דורך דער קהילה, ווי דאָס באשטימט למשל דער סטאַטוט פון יאָר 1786 אין פרעמישלע. אין פלאָצק איז אויך נישט געווען קיין מנהג, ווי אין פרעמישלע, אז אין דער פארוואלטונג פון דער חברה זאָלן אריינגיין 2 פארטרעטער פון דער קהילה. אין פרעמישלע רעדט זיך אָפּט, אז אויב א מיטגליד וועט נישט האלטן איינע פון די תקנות וועט ער באצאָלן א קנס לטובת דעם קהל; אין פלאָצק איז נאָר איין איינציק מאָל דערמאָנט, אז דער קנס גייט לטובת דעם קהל. בקיצור, פון דעם אויבנגעבראכטן און פון דעם פריער דערמאָנטן וואל־מאָדוס קאָן מען דרינגען, אז אין פלאָצק האָט די קהילה נישט געהאַט אזא שליטה איבער די בעלי־מלאכות, ווי למשל אין פרעמישלע, מען וואָלט דאָס געקענט דערקלערן מיט די פארענדערטע צייט־באדינגונגען. דער פרעמישלער־צעך איז איינער פון די עלטסטע, אויפגעקומען אין די צייטן ווען די קהילה איז געווען ממש אלמעכטיק, אין דעם בלי פעריאָד פון דער אידישער אויטאָנאָמיע, פארקערט דער פלאָצקער קומט אויף אין דער מיט 18־טן יאָרהונדערט, בעת די אָרגאנען פון דער אידישער אויטאָנאָמיע האָבן זיך געפונען אין א גסיסה צושטאַנד.

נאָך בולטער ווערט די זעלבסטשטענדיקייט פון דעם פלאָצקער שניידער־צעך אין פארגלייך, למשל, מיט די פויזנער האנט־ווערקער חברות פון

דער זעלבער צייט (1794). אין פּויזן ווילן די צעך־פאַרוואַלטונג אויס די כשרים נישט פון צעך, נייערט פון דער קהילה און אין דער פאַרוואַלטונג גייען אריין אויף דריי מיטגלידער פון צעך אזש צוויי פון דער קהילה. איבער יעדן פאַריין ווערט באַשטימט א „לערער", דער פאַרטרויאונגס מאַן פון דער קהילה, וועלכער האָט זייער ברייטע קאָמפּעטענצן. קיין שום וויכטיקער אקט ווי אויסגלייכן סכסוכים, אויפנעמען נייע מיטגלידער אד"גל טאָר נישט געשעען אָן זיין בייזיין.

די הכנסות פון דער חברה האָבן זיך גענומען פון חודש־אָפּצאָל, איינשרייב געלט און שטראָפן. דער חודש־אָפּצאָל האָט באַטראָפן 6 גראָשן פון א מיטגליד. אין פּרעמישלע האָט דער וועכנטלעכער אָפּצאָל פון א מיטגליד אין יאָר 1766 באַטראָפן 1 גראָשן, בכן מער ווייניקער דאָס זעלבע, ווען מען נעמט אין אכט די כסדרדיקע דעוואַלוואַציע פון דער פּוילישער מטבע.

דאָס איינשרייב־געלט פון א מיטגליד האָט באַטראָפן 2 טאָלער, אין פּרעמישלע (אין יאָר 1734) 18 גילדן. פאַר עובר זיין אויף א תקנה איז באַשטימט געוואָרן א קנס לטובת דער מלוכה (קאַמער) לטובת רעליגיעזע אינסטיטוציעס, ווי תלמוד תורה, ביהמ"ד, ביהכ"נ, ווי אויך לטובת דער חברה. צום מיינסטן איז געווען פאַרשפּרייט דער קנס פון 1 רויטן טאָלער.

די הכנסות האָט מען פאַרווענדט צו דעקן די פּענסיע פון בעל־קורא, שמש און דעם געניויער נישט באַקאַנטן אָפּצאָל „קוואַרטאַלני". ווי מיר דוכט, איז דאָס געווען אַן אָפּצאָל פון דער חברה לטובת די קריסטלעכע צעכן, ווי דאָס איז געווען פאַרשפּרייט אין גאַנץ פּוילן. די דאָזיקע השערה ווערט באַשטעטיקט דורך דעם פּוילישן נאָמען פון דעם אָפּצאָל; נאָך א ראיה איז, וואָס אין פּרעמישלע האָט עקזיסטירט אַן ענלעכער אָפּצאָל וועלכן מ'פלעגט אויך איינצאָלן יעדן קוואַרטל (מעות המגיע להצורך של ערלים בכל קווארטיל מאנשי החברה קדושה מלבושי ערומים).

פאַר דער קאַסע פון דער חברה האָבן געטראָגן די אחריות די גבאים. די געלטער פון דער חברה האָבן זיך געפונען ביים נאמן און מיט אים האָט יעדער גבאי זיך געמוזט אָפּרעכענען, נאָכדעם ווי ס'האָט זיך פאַרענדיקט זיין קאַדענץ. אויף א הוצאה גרעסער ווי 2 גילדן האָט דער נאמן געגעבן זיין הסכמה נאָר דעמאָלט, ווען דערויף זיינען געווען מסכים 5 פון די „11 אויסגעוויילטע".

די וויכטיקע אויפגאַבע פון שניידער־צעך איז געווען אָפּצוהיטן די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון זיינע מיטגלידער, אכטונג געבן דערויף, עס זאָלן נישט אָנגערירט ווערן די אינטערעסן פון קיין שום מיטגליד. דעריבער זיינען טאַקע אזויפיל סעיפים אָפּגעגעבן דער פראַגע פון קאָנקורענץ, די באַציאונגען פון איין מיטגליד צום צווייטן. די תקנות באַמיען זיך אריינצוגיין אין די קלענסטע דעטאַלן. זיי ווילן פאַראויסזען אַלע מעגלעכע פאַלן, אַלץ כדי איינער זאָל נישט משיג גבול זיין דעם צווייטן. אין דעם פּרט איז דער פּלאָצקער סטאַטוט אינגאַנצן ענלעך צום קיידאַנער, וואו דער עיקר אכט איז אויך געלייגט אויף די עקאָנאָמישע אינטערעסן אויף אויסמיידן די קאָנקורענץ. די תקנות פון פּלאָצק זעען אָבער פאַראויס אנדערע מיטלען. אין קיידאַן, וואו די הויפּט אָפּנעמער פון די אידישע בעלי־מלאכות זיינען משמעות געווען פּריצים, האָט יעדער בעל־מלאכה געהאַט א מין חזקה אויף א פּריץ. זי ווערט דאָרט אָנגערופן „מערופיא". די מערופיא גייט איבער בירושה אויף דער פרוי, אויף די קינדער פון בעל־מלאכה. דער רוב סעיפים פון קיידאַנער סטאַטוט קאָנקרעטיזירט די מערופיא, רעגולירט אַלע מעגלעכע פאַלן. ווי דאַרף מען זיך נוהג זיין, ווען דער פּריץ איז אין „האַרבעריג", אין גאַס אא"וו, ווען דער פּריץ גייט באַזונדער און די פּריצה באַזונדער, ווי איז דער דין, ווען עס גייט דער פּריץ, וואָס איז א מערופיא פון איין בעל־מלאכה, מיט פּריצים, וואָס זיינען די מערופיא פון אַנדערע בעלי־מלאכות, אא"וו.

אין פּלאָצק איז אַנדערש. פּלאָצק ליגט אין מאַזאָוויע, דעם צענטער פון דער קליינער שלאַכטע. אין די תקנות ווערט נישט דערמאָנט דאָס וואָרט פּריץ. דאָרט רעדט זיך וועגן א קונה: אין שטאָט צי מחוץ איר, א איד צי א קריסט, א וועלטלעכער פּערזאָן צי א גייסטלעכער. דאָ אין פּלאָצק איז באַגריף „מערופיא" בכלל נישט באַקאַנט. קיינער האָט דאָ נישט קיין חזקה אויף א שטענדיקן קונה, ווי אין קיידאַן. ווער עס האָט פריער באַקומען א באַשטעלונג, דער איז דער אוחז ביד. פאַרקערט, די תקנות באַמיען זיך וועגן אַרבעט פאַר אַלעמען. די טענדענץ איז וואָס מער בעלי־מלאכות צוצולאָזן צום שותפות. קומט למשל, א שניידער מיטן קונה אין טוך־קראָם און טרעפט דאָרט אַנדערע שניידערס, וואָס וואַרטן אויף אַרבעט, מוז ער, הגם דער קונה האָט נאָר אים פאַרגעלייגט די אַרבעט, צונעמען א שותף נאָך א צווייטן (סעיף 11).

כדי צו מילדערן די קאָנקורענץ צווישן די מיטגלידער און געבן זיי אַרבעט־מעגלעכקייטן, באַמיען זיך די תקנות צו באַגרענעצן די אַרבעט מעגלעכקייטן פון די א"ג נייע מיטגלידער און נישט־מיטגלידער. די צעך־מיטגלידער איז שטרענג פאַרווערט צו אַרבעטן שותפות מיט נישט־מיטגלידער (סעיף ג). דער דין פון נישט משיג גבול זיין אָן אַנדערן איז נישט חל אויף אַזעלכע „וואָס זיינען נישט איינגעקויפט אין דער חברה". ביי זיי מעג מען צונעמען אַרבעט אפילו אין קראָם (סעיף ד).

די נייע מיטגלידער, די אַזוי גערופענע „מלאַטשי" (דאָס וואָרט שטאַמט — אָן ספק פון פּוילישן וואָרט Mlodsi) ביז, דריי יאָר נאָך דער התונה, טאָרן נישט האַלטן קיין געזעלן, בעת אַנדערע מיטגלידער מעגן האַלטן א לערנאינגל הן א געזעל.

די סעיפים וועגן די געזעלן און לערן אינגלעך זיינען אַדורכגעדרונגען מיט דער טענדענץ, וואָס שווערער צו מאַכן דעם צוטריט פרעמדע, נישט היימישע עלעמענטן. פאַר אַן אָרטיקן לערן אינגל צאָלט דער מייסטער איין — פאַרשטייט זיך פון דעם לערן אינגלס קעשענע 6 גילדן פאַר דער חברה, פאַר א פרעמדן טאָפּלט — 12 גילדן. ביז וואַנען עס האָט זיך נישט געענדיקט די צייט, וואָס איז אָנגעגעבן אין אָפּמאַך (כתב התקשרות), טאָר קיינער נישט צונעמען דעם לערן־אינגל פאַר א פּועל. בכלל איז די טענדענץ פון די תקנות אַ פיינטלעכע לגבי די לערן אינגלעך און די פּועלים. בפרט ווען דאָס זיינען נישט קיין זין פון מייסטערס. אַזוי למשל פאַרווערט דער סעיף 25 די פּועלים צו אַרבעטן זעלבסטשטענדיק פאַר דער חתונה, אָבער ווען די „11 אויסגעוויילטע" וועלן זייערס א מענטשן דערלויבן, מעג מען עס יאָ טון. א פרעמדער פּועל, וואָס האָט געאַרבעט ביי א מייסטער, צוויי יאָר טאָר נישט אויפגענומען ווערן דורך א צווייטן (28). ס'בלייבט אים אַלזאָ איבער ווערן א מייסטער וואָס סאיז פאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות און שטאַרק פאַרשווערט, אָדער וואַנדערן און זוכן אַרבעט ערגעץ אַנדערש. דער סעיף 36 נעמט כלומרשט אונטער זיין שוץ די לערן אינגלעך און די פּועלים. קוקן מיר זיך אָבער נענטער צו צו די דאָזיקע סעיפים, זעען מיר, אַז דיקטירט האָט זיי דער מייסטערשער עגאָאיזם. אויב א מייסטער באַגייט זיך שלעכט מיט זיין פּועל און יענער האָט באַוויזן, אַז עס איז טאַקע אַזוי, איז דער אָפּמאַך בטל און דער פּועל קאָן זיך אָנדינגען ערגעץ אַנדערש. זייער שלעכט איז אָבער דעם פּועל, וואָס האָט נישט נושא חן געווען ביי זיין בעל־הבית. אויב דער בעל־הבית קלאָגט זיך אויף אים, און אין זיין אָנקלאָג האָט ער באַוויזן מיט פאַקטן, ווערט דער פּועל דערווייטערט און טאָר שוין נישט באַקומען קיין אַרבעט ביי אַן אַנדער מייסטער אין משך פון דער צייט, וועלכע ס'נעמט אַרום דער כתב התקשרות. ווער ס'פלעגט בלייבן גערעכט, איז נישט שווער צו טרעפן בעת מען גערענקט, אַז די גאַנצע דעה איז תמיד געלעגן אין די הענט פון די מייסטערס, אַז נאָר זיי האָבן געהאַט וואָלרעכט און זיי האָבן דאָס געדאַרפט אָפּשאַצן, צי האָט דער לערן־אינגל זיך פאַרזינדיקט צי נישט. ווען מען נעמט דאָס אין אכט, איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן די לאַגע פון די הילפלאָזע לערן־אינגלעך און פּועלים.

בנוגע די געזעלן זיינען אונזערע תקנות אפילו מילדער ווי די תקנות אין אַנדערע שטעט. דער לוצקער צעך פון שניידער און קירזשנער פאַרווערט בפירוש (סעיף כ"ח) צו צאָלן מער, ווי דאָס באַשטימטע טאַריף פון צעך. דער רעדאַקטאָר פון צעך־סטאַטוט איז אויפגעבראַכט „בדבר אשר מבזבזים ממון הרבה בשכירות הפועלים" און ער סטראַשעט, אַז די וואָס וועלן צאָלן מער „ענש יענש בקנס עצום". די זעלבע תקנות געפינען מיר אין קירזשנער סטאַטוט פון ליסע. אין גרעסערע קהילות ווי לוויצק אָדער ליסע האָט דער קאַמף פון די געזעלן מיט זייערע מייסטערס אָנגענומען שאַרפערע פאָרמען, דעריבער באַוואָרענען זיך אַזוי, מ'זאָל חלילה וחס נישט צאָלן צופיל דעם געזעל.

אין אַזאַ קליינער שטאָט ווי פּלאָצק, וואו די צאָל אידישע שניידערס האָט נישט געמוזט זיין גרעסער ווי עטלעכע צענדליק, האָבן די ווידערנאַנדן צווישן די מייסטערס און געזעלן נישט אָנגענומען אוודאי אַזאַ בולטן כאַראַקטער, ווי אין די גרעסערע קהילות. דערמיט דערקלערט זיך טאַקע די מילדקייט פון די תקנות.

זייער ווייניק סעיפים פאַרנעמען זיך מיט רעליגיעזע ענינים. דער סעיף א' לייגט אַרויף אויף אַלע מיטגלידער די התחייבות צו דאַווענען יעדן טאָג, דערביי פאַרוואָרנט מען זיך, אַז ער מוז קומען גאָר פרי. אויף די גבאים, נאמנים און רואי־חשבונות לייגט דער סעיף אַרויף א ספּעציעלן חוב. אום שבת טאָרן זיי נישט אַרומגיין בטל, נאָר הערן דברי תורה פון די חכמי העיר. אויף די גבאים און בכלל אויף דער צעך־פאַרוואַלטונג ליגט א חוץ דעם דער חוב צו קומען יעדן שבת

צו קריאת־התורה אין דעם אָרט, וואו די אַנשי חברה וועלן לייענען די תורה. מיט רעליגיעזע ענינים פאַרנעמט זיך א חוץ דער סעיף 35, וועל־כער רעדט ארום די פראגע פון עלית־התורה און פון קומען פּינקטלעך צו שמיני־עצרת. צי האָט אין פלאָצק עקזיסטירט א באזונדער שניידערשער בית־המדרש, איז שווער פעסטצושטעלן.

אויף זייט דריי פון פנקס איז אויסגערעכנט דער אינווענטאר פון דער חברה: הייליקע ספרים, 3 ספרי־תורות, א זילבערנע בלעך, א זילבערנער יד און א זיידן פּרוכת. ס'איז אָבער נישט דערמאָנט וואו דאָס אַלץ האָט זיך געפונען. ביים אויסרע־כענען דעם אינווענטאר פון דער חברה ווערט שטרענג פאַרווערט צו פאַרזעצן די הייליקע חפצים פאַר א חוב. אַן ענלעכע וואָרענונג טרעפן מיר אויך אין פויזנער פּנקס פון אַלע האַנטווערקערשע חבר־רות פון יאָר 1794 — א סימן, אז דאָס פלעגט אַמאָל טרעפן.

אין דעם פלאָצקער פּנקס איז לחלוטין נישט באַ־רירט די פראגע פון שעטנז. סיי דער פּרעמישלער און סיי דער לויצקער שניידער־סטאַטוט איז זיך מיט דעם ענין שטאַרק מתעסק. אין פּרעמישלע איז אפילו באַשטימט געווען א ספּעציעלער דיין וואָס האָט געהאַט דעם מאָנאָפּאָל אויף פּאָדעם. דאָס וואָס די דאָזיקע תקנות פעלן קאָן מען דער־קלערן דערמיט, אז דאָס איז שוין געווען אזוי שטאַרק איינגעבירגערט, אז עס איז נישט נייטיק געווען אריינצושטעלן עס אין די תקנות. דערמיט דערקלערן מיר אויך, וואָס עס פעלט די וויכטיקע תקנה: ווי לאַנג דאַרפן גדויערן די לערן יאָרן, ווי לאַנג דאַרף אַרבעטן א געזעל אויף צו ווערן א מייסטער, אד"גל.

דאָס זיינען געווען זאכן אַלגעמיין אָנגענומענע, וועלכע מען האָט אפילו נישט געהאַלטן פאַר נויי־טיק אריינצושטעלן. פאַרקערט אנדערע פראַגן, וואָס זיינען געווען שטאַרק אקטועל, וואָס אַלע האָבן אויף דעם שטאַרק געליטן: די פאַרשטאַרקטע קאָנקורענץ — אָט דעם האָט מען אין פלאָצקער פּנקס אָפּגעגעבן א גרויסע, נישט פּראָפּאָרציאָנעלע צאָל סעיפים. אין קיין שום סטאַטוטן, פון די ביז איצט באַקאַנטע, האָבן מיר זיך נישט אָנגעטראָפן אויף אזא גרויסן סכום תקנות מכוח דער קאָנקור־רענץ. די מחברים פון אזעלכע סטאַטוטן פלעגן, הייסט דאָס, זאכן אַלט־באַקאַנטע ארויסוואַרפן, ענינים אקטועלע, ברענענדיקע דעטאַלירן, איבער־חזרן, כדי אזוי ארום איינצוקריצן אין די מוחות פון די מיטגלידער.

פאַרוואַלטונג פון אידישע האנטווערקער אין פלאָצק

אויסצוגן פון פּנקס פון דער פלאָצקער „חברה חייטים"

תקנה ו'

בעל מלאכה אחר החתונה ג' שנים איז ער ניט אין גקופט בחברה טאהר ניט האלטין ניט קיין פועל ניט קיין לערין יונג. איז ער יוא איין גקופט מעג עהר איין לעהרין יונג האלטין רק קיין פועל טאהר ער ניט האלטין אונ' מוז זיין איין מלאטשי כל השלשה שנים ומי שיעבור על זה יוקנס א' ר"ט על ביהכ"נ וא' ר"ט בהמ"ד וא' ר"ט על הארון יוסטיץ וכל השנים וואש ער האט זיך אין דער חברה נישט איין גקופט נחשבים כיום א' אונ' דער דין שלשה שנים הנ"ל מתחיל מזמן וואש ער וועט זיך איין קופן — — —

תקנה ז'

ווען ב' או ג' בעלי מלאכה וועלין קומין איינער נאָך דעם אנדרין אין איין חנות אונ' וועלין אלי זיין בייא דעם אב שניידרן אזו זענין זיא כולם שותפות צו דער מלאכה. ומי שיעבור על זה יוקנס א' ר"ט על בית הכנסת וא' ר"ט על בהמ"ד אונ' זענין שותפין רק למלאכה: און דער כלל פון כל דיני שותפת איז אז דער פועל ווען עהר טוג צו דער מלאכה קעהן אים דער צו גנומנר בעל מלאכה ניט מדחה זיין רק דער פועל האָט אזוי גוט איין חלק כמו הבעה"ב שלו — — —

תקנה כב

ווען איזה חייט וועט זיך מתחתן זיין עם חייט אחר טאהר דער חתן קודם החתונה ניט ארבטין פאר זיך. און וועט דער מחותן אודר זיין בעל מלאכה אחר וועט אים בייא זיך האלטין אויף איין חלק יוקנס א' ר"ט קש על הבהמ"ד וא' ר"ט על ת"ת וא' ר"ט על החברה וב' ר"ט על הקאמיר ואינו נאמן להתנצל אז ער האלט איהם פאר איין פועל רק אם ימלא שבוע"ה על זאת יוקחו (ויקחו) בעליו השבועה ולא ישלם הקנס. ואין צריך לומר זו אז דער חתן וואש ארביט פאר זיך איז חייב קנס הנ"ל: רק אחד עשר הנבחרים בהסכמת כולם יכולים להתיר לאיזה חתן לעשות על חוק כשיהיו לו אמתלאות צודקות. אבל לא לפועל בשום אמתלא: — — — — — —

תקנה כג

קיין בעל מלאכה חייט טאהר ניט ארבטין מלאכת חייט עם בעל מלאכה קירזנר בקנס א' ר"ט על ת"ת וא' ר"ט על החברה וא' ר"ט על היוסטיץ יר"ה: —

התחייבותן פון די ניי־אויסגעווילטע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער אין י' 1806 געשריבן בלשון „דייטש"

מיט איינשטימונג אונזרער אונד פילער אונזרער חברה איבערגעבין וויר אללע געוואלט אן דען נונ־מעהריגען גדאכט אלס ה"ה נחמו דהרר זאב, אלי' בהרר דוב בער כון, הרר אברהם בהרר יעקב קאפיל, דאָס דיא דיא קראפט האבין זאללען פיר דאָס בעסטע אונזרער צונפט צו זארגין. אונד נימאנד פאָן אונס זאלל אים שטאנדע זיין גדאכטע פאר־געזעצטע איינווענדונג ווידער איהרע ראטהשלעגע צו מאכין פיל מעהר זאללען זיא וויא וויר דאס דאטטא אללעס פאררעכנט לויט איינפירונג דעם בוכס האבין נאך איהר וואהל געפאללען צו האנ־דעלן אונד צו טהון. דאך אבר זינד ערוועהנטע פארגעזעטצטע שולדיג אונד פערבונדן פיר דאס וואהל אונזרער גאנסען צונפט צו זארגען, דא דאס אללער צופרידענהייט באפערדערט ווירד. אום אבר דאָס פארגעזעטצטע ניכט אלליין נאך איהרען וויללען האנדלען זאללען דא האבין וויר נאָך דרייא רעכנונגס אבנעהמער בעשטימט אלס ה"ה טעדלה בה דוד, הרר נחמי' זאב יצחק אייזיק, ה"ה שמואל בר' דוד, דאָס ערשטער אהני לעצטרע קיינע זאבע

פארנעהמען דארפין און זאללען, פילמעהר מיססען זיא, לעטצטע דרייא יעדע צייט צו ראטה ציען, צור זיכרונג אונד פעסט האלטונג דיזעס אונטר־שרייבן וויר אונס אייגענהענדיג אונד זאגין נאכ־מאלס דאס געדאכטע פארגעזעטצטע פאן אונס גע־וועהלעט אונד פאן אונזרע גאנסע צונפט דא פיר גענעהמיגט אונד געאכטעט ווערדין זאללען, אונד דאס די אללע אנדרע בים העריגע געוואלט האבין פה פלאצק יום ג יוד סיון תקסוו.

אויפנעם פון א נייעם מיטגליד דורך די גבאים, אין י' 1806, אויך בלשון „דייטש"

לאז אונטער היינטיגען דאטטא האבין וויר גבאים מהברה חייטין ה"ה החתן יצחק איצק בה יהודא ליב ז"ל אונטער אונזרע חברה גענאממען אונד דאס ער דא גוט אלס איינער פאן אונס די מלאכה טרייבין קאן, דאך אבער דארף דער גע־דאכטע יצחק איצק דיא מלאכה קודים חתונה ניט טרייבין אויסגענומען ווען ער מיט איינעם פאן אונזרער חברה התונה האבין זאלל, זאלטע ער אבר קום חתונה אלליין ארבייטין פערליהרט ער אלל זיין גערעכטיגקייט דער חברה אונד זאל קיין אנ־שפרוך אויף איהרער איינוויליגונג מאכען, פערנער מוס דער יציק צווייא נאך איינאנדער פאלגענדע יאהרע נאך דער חתונה די חברה בעדינען אונד אלעס אהנע אנווענדונג טהון וואס זיא פאן איהם פארדערן אונד אין אללע שטיקען געהארכזאם זיא דא באלד דער יצחק אללעס דיזעס נאך פאלגען ווערד קאן ער אלס מיט געלד אונזרער הברה אנ־געזעהן ווערדען דאס בעקרעפטיגען וויר דורך אונזרע אונטערשריפט. פלאצק יום ה יג סיון תקסו.

וועגן שחיטה־שטייער

„אין יולי 1810 זיינען זיך צונויפגעפאָרן אין ווארשע פיל אידישע דעלעגאטן כדי פאָרצושטעלן דעם פינאנץ־מיניסטער די עולות, צוליב די שווערע לאסטן פון שחיטה־שטייער און אויספועלן אן אוידיענץ ביים מיניסטער.

פון פלאָצק איז געקומען דניאל לאנדוי."

„אויף די אָפטע ווענדונגען פון די קהילה־פאָרשטייער, האָט דער מיניסטער, נעמענדיק אין אכט די שווערע לאגע פון דער אידישער באפעלקערונג, פארקלענערט די אלגמיינע שטייער־סומע פון פלאָצקער דעפארטאמענט מיט 164.879 זל."

פון א. אייזנבאַכס ארטיקל אין „בלעטער פאר געשיכטע", ווארשע, 1938.

יעקב באַטאַשאַנסקי

צוויי פּלאָצקער

(א געדאנקען אוואנטיורע וועגן זשול ווערן און נחום סאָקאָלאָוו)

זשול ווערן — א וועלט בארימטער פראנצוי־זישער ראָמאנען שרייבער פאר דער יוגנט. א מחבר פון פאנטאַסטישע באשרייבונגען וועגן דעם ווי אזוי דער מענטש וועט באהערשן דעם הימל און דעם אונטערן ים און ווי אזוי ער וועט פון די ווייטסטע ווייטקייט מאכן די נאָענטסטע נאָענט־קייטן. א בעל חלומות וועגן די דערגרייכונגען, וועגן דער ציוויליזאציע. א פאנטאַסטישער פליער איבער די דערגרייכונגען פון דער ציוויליזאציע.

נחום סאָקאָלאָוו, א העברעאיש־אידישער שריי־בער, א רעדאקטאָר פון א וועלט־בארימטער העב־רעאישער צייטונג, א ציוניסטישער עסקן, וואָס איז געוואָרן א שתדלן צו פועלן — ווי ער האָט זיך אליין עס אויסגעדריקט — א שטיקל ערד פאר דעם אידישן פאָלק. א רעאליסטישער שריי־בער און א רעאליסטישער טוער דורך און דורך.

וואָס פאר א שייכות קען זיין צווישן אָט די ביידע? אויף דעם אויבנאויפיקן קוק זיינען ביידע ווייט איינער פון אנדערן כרחוק מזרח ממערב און די איינציקע קרובהשאפט צווישן ביידע איז, וואָס זיי זיינען ביידע פלאָצקער אידן. זיי שטאַמען ביידע פון דער הערלעכער פויליש־אידישער שטאָט פלאָצק און וואָס ביידע זיינען געוואָרן וועלט־מענטשן.

אויסער דעם איד, דאכט זיך, נישט פאראן קיין שום שייכות צווישן ביידע. זשול ווערן האָט פאר־לייקנט דאָס פינטעלע פלאָצק און נאָך מער דאָס פינטעלע איד און ער האָט זיך דערקלערט פאר א פראנצויז שעבע פראנצויזן. נחום סאָקאָלאָוו איז אין זיין וועלטישקייט געבליבן א דורכויסיקער איד און טאַקע א דורכויסיקער פלאָצקער איד. פונקט ווי זשול ווערן האָט געקענט אלע וויסנ־שאפטן, פונקט אזוי האָט נחום סאָקאָלאָוו געקענט כמעט אלע אייראָפּעאישע שפראכן, אָבער זשול ווערן האָט געקענט די וויסנשאפטן אויף פראנ־צויזיש, בעת נחום סאָקאָלאָוו האָט געקענט די אלע שפּראכן אויף — אידיש. ער האָט זיי אלע גע־רעדט מיט א אידישן אקצענט און מיט א אידיש געפיל... אפילו דעם גאלא־אנצוג, דעם סמאָקינג מיטן געפּרעסטן ווייסן העמד האָט ער געטראָגן אידיש. דער סמאָקינג האָט זיך ביי אים שטענדיק געדרייט קרום, קיילעכדיק און דאָס געפּרעסטע העמד האָט זיך ביי אים געקנייטשט.

זשול ווערן און נחום סאָקאָלאָוו זיינען געווען צוויי וועלטן, וואָס זיינען ביידע ארוים פון איין פינטל און וואָס זיינען זיך צעגאנגען ווייט, ווייט און זיי זיינען, דאכט זיך, געוואָרן ווי דער נאָרד־פּאָל מיט דעם זיד־פּאָל. נחום סאָקאָלאָוו האָט אמאָל באשריבן זיינע א באגעגעניש מיט זשול ווערן. דער רעדאקטאָר פון דער „הצפירה" איז דעמאָלט נאָך געווען א יונגער מענטש און דער מחבר פון „זיבן טעג אין א באלאָן איבער דער וועלט" איז שוין געווען אלט. און זשול ווערן האָט שוין דעמאָלט געהאַט פארלוירן דעם זיכרון, ער האָט בשום אופן נישט געקענט גערענקען, אז ער איז א פלאָצקער און אז ער איז א איד... ער האָט פּחדנותדיק פארלייקנט זיין אידישקייט און דער־

ציילט א מעשה — אפשר די פאנטאסטישסטע מעשה זיינע — אז ער איז אן עכטער פראנצויז. און סאָקאָלאָוו האָט ניט געקענט פארשטיין ווי אזוי מ'קאָן זיך אזוי פארלייקענען. עס קען זיך מאכן, אז עס וואָלט גענראפט קומען אן אנדער פאנטאסטישער שרייבער אָלאָ זשול ווערן, וואָס זאָל באשרייבן די פאנטאסטישע געשיכטע וועגן דעם ווי אזוי זשול ווערן איז ארויסגעקראָכן פון דער אייגענער אידישער הויט — א הויט פון וועלכער עס איז זייער שווער ארויסצוקריכן...

און דאָך איז יאָ פאראן א געוויסע קרובהשאפט צווישן די דאָזיקע צוויי פלאָצקער: ביידע זיינען געווען פאנטאסטן. אומגעהויערע פאנטאסטן. און עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אז אין זייער פאנטאסטישקייט זאָל האָבן א חלק נישט נאָר זייער אידישקייט, נאָר זייער פלאָצקערישקייט! עס קאָן זיך מאכן, אז פלאָצק אליין פארמאָגט אין זיך פאנטאסטישקייט און זי באווירקט אירע קינדער מיט נייגונגען צו פאנטאסטיק. פלאָצק האָט ארויסגעגעבן אזויפיל אייגנארטיקע פערזענלעכקייטן, אז ס'איז אומבאדינגט נויטיק צו שטודירן די אייגנשאפטן פון פלאָצקער פייזאזש און פון פלאָצקער קלימאט.

די קרובהשאפט צווישן זשול ווערן און נחום סאָקאָלאָוו באשטייט ניט נאָר אין דעם, וואָס זיי זיינען ביידע פלאָצקער און ביידע אידן, נאָר אויך אין דעם, וואָס זיי זיינען ביידע פאנטאסטן. דער רעאליסט סאָקאָלאָוו איז אויך געווען א פאנטאסט. אפשר איז ער געווען נאָך פאנטאסטישער ווי דער רעאליסט נחום סאָקאָלאָוו. פאנטאסטיק איז דאָך אויך א רעלאטיווער באגריף. דוד פרישמאן האָט א וואונדערלעכע פאָעמע וועגן א באָבען מיט איי־ניקלעך. די באָבע דערציילט די מעשה וועגן א רבין, וואָס האָט קפיצת הדרך און די אייניקלעך גלויבן נישט אין דעם, עס איז פאר זיי פאנטאסטיש. און די אייניקלעך דערציילן דער באָבען א „מעשה" וועגן אן אייזנבאן, וואָס שניידט ווייטקייטן און די באָבע גלויבט נישט אין דעם, עס איז פאר איר באגריף — פאנטאסטיש.

און ווער ס'איז מער פאנטאסטישע דערשיינונג, זשול ווערן, צי סאָקאָלאָוו, איז באמת שווער צו דעפינירן. זשול ווערן האָט טאַקע דערציילט נאָר פאנטאסטישע רייד און סאָקאָלאָוו האָט טאַקע נאָר דערציילט רעאלע רייד און דאָך, שיינט מיר, אז די מער פאנטאסטישע דערשיינונג איז סאָקאָלאָוו. נעמט און צעגלידערט עס פאוואָליע.

זשול ווערן, א זון פון א פלאָצקער אידן. קינדווייז איז ער מיטן פאָטער נאָך געגאנגען אין שיל אריין. און זיין פאָטער איז אוועק קיין פראנקרייך. און דער זון האָט באשלאָסן צו ווערן א שרייבער, איז ער געוואָרן א פראנצויזישער שרייבער. וואָרום אויב א מאָדערנער שרייבער, מוז מען דאָך עס זיין אויף גויאיש. און געשריבן האָט ער פאנטאסטישע זאכן, אָבער אז מען קוקט טיפער אריין אין דער פאנטאסטיק פון די דאָזיקע זאכן, זעט מען, אז זיי זיינען גאָרניט אזוי פאנטאסטיש! זיי זיינען פאנטאזיעס פון א מענטשן, וואָס האָט געקענט גוט די וויסנשאפט פון זיין צייט און וואָס האָט גוט געקענט דעם פארמעסט פון דער וויסנשאפט פון זיין צייט. און די דאָזיקע פאנטאזיעס זיינען גאָרנישט אזוי פאנטאסטיש, ווייל זיי האַלטן אין ווערן רעאליטעטן. וואָס האָט דאָ געטון זשול ווערן? ער האָט די שטרעבונגען פון דער וויסנשאפט פון זיין צייט באשריבן ווי פאקטן. און היינט זיינען זשול ווערנס פאנטאסטישקייטן שוין טאַקע פאקטן. פרואווט און נעמט איצטער איבערלייענען זשול ווערנס א ווערק און איר וועט אייך איבערצייגן, אז די היינטיקע ווירקלעכקייט איז א סך פאנטאסטישער, ווי דעם שרייבערס פאנטאסטישקייט.

און נחום סאָקאָלאָוו האָט זיך אָנגעזאפט מיט אידישקייט און פלאָצקישקייט ביז אין דער יוגנט. און ווען ער האָט אויסגעלערנט שפראכן און ער איז אוועק אין דער וועלט, האָט ער א רגע נישט געקלערט וועגן אוועקגיין פון זיך אליין. און ווען ער האָט זיך באשלאָסן צו ווערן א שרייבער, איז ער דאָס געוואָרן אין העברעאיש. און ווען ער איז שפעטער מיט יאָרן געוואָרן פון א שרייבער א טוער, איז ער עס געוואָרן פאר זיין פאָלק. און דאָך איז אין סאָקאָלאָווס רעאלן שרייבן העברעאיש פאַראן מער פאנטאסטיק, ווי אין זש. ווערנס פאנטאסטישן שרייבן פראנצויזיש. שרייבן העברעאיש וועגן פאָליטיק און וועגן מלחמה און וועגן טעכנישער וויסנשאפט און וועגן עקאָנאָמיק און דאָס שרייבן קלאָר און לויטער און זוכן ניט די שיינקייט פון דער מליצה, נאָר די קלאָרקייט פון געדאנק, איז פאר יענער צייט געווען מער פאנטאזיע, ווי אויסלערנען פראנצויזיש און שרייבן אין סטיל פון דער עפּאָכע.

און די גאנצע פאָליטישע טעטיקייט פון נחום סאָקאָלאָוו, זיין גרויסע קאריערע, איז געווען א מער פאנטאסטישע מעשה, ווי אלע פאנטאסטישע

מעשהס פון זשול ווערן אינאיינעם גענומען. א איד פון פלאָצק, וואָס האָט אָנגעשפּארט וואו די וועלט האָט אן עק און וואָס האָט געקענט גרייכן ביז צו די הויכע פענצטער און ווערן א היימישער אין די בתי מלכות פון גאנץ אייראָפּע. ער האָט גערעדט כמעט אלע אייראָפּעאישע שפראכן, דער רעדאקטאָר פון דער „הצפירה", אָבער ער האָט זיי חיפּשלעך גערעדט אויף אידיש. זיין אידישער אקצענט איז געווען א זייער בולטער. דאָך האָט שוין הערצל אין אים דערקענט דעם דיפּלאָמאַט און ער האָט אים געשיקט מיט א דיפּלאָמאטישער שליחות און מיט דער צייט איז ער געוואָרן ד ע ר ציוניסטישער אויסערן מיניסטער. און זיין אידישלעכקייט האָט נישט געשטערט. די גויים האָבן גאָרניט געוואָלט האָבן א אידישן פירער א גוי... נחום סאָקאָלאָוו, דער פלאָצקער איד, וואָס האָט א רגע נישט פארלייקנט פלאָצק, איז געוואָרן א היימישער מענטש אין ווערסאַיל און אין דאַונינג סטריט 10, איז דאָס נישט קיין פאנטאסטישע מעשה? און נחום סאָקאָלאָוו דער דער פלאָצקער איד מיט דעם פלאָצקער אידישן אקצענט און מיט דעם פלאָצקער שטייגער פון טראָגן א גאלאַנצוג איז געשטאַנען ביי דער טיר, ווען א פאָרשטייער פון דער גרויס בריטאנישער וועלט־אימפּעריע האָט מיט אן אָפן מויל דערקלאַרירט, אז ענגלאנד וועט העלפן די אידן בויען א היים אין ארץ ישראל, איז דאָס דאָזיקע נישט פאנטאסטישער ווי אלע מעשהס פון זשול ווערן?

די פאנטאזיעס פון דעם פלאָצקער אידן, וואָס האָט פארלייקנט זיך און זיין פאָלק, זיינען געוואָרן ווירקלעכקייטן. איז דאָס דאָזיקע פאנטאסטיש, אָבער א סך מער פאנטאסטיש וועט עס זיין, ווען די פאנטאזיע פון דעם פלאָצקער אידן, וואָס האָט נישט זיך און נישט זיין פאָלק פארלייקנט, וועלן ווערן ווירקלעכקייטן...

אויף דער דאַמף־שיף פון וואַרשע קיין פלאָצק איז געבוירן געוואָרן

די „גאָלדענע קייט"

„די „גאָלדענע קייט" איז דורכגעגאנגען פיל גלגולים. זי איז צום ערשטן מאָל געשריבן געוואָרן אויף העברעאיש אין גאנין געוויינלעכער פּראָזע און איז געדרוקט געווען אין „השלוח" אונטער דעם נאָמען „חורבן בית צדיק". דערנאָך ערשט איז זי איבערגעארבעט געוואָרן אויף אידיש אויך אין פּראָזע און געהייסן האָט זי, דאכט זיך, „דער נסיון", און איבערגעארבעט געוואָרן איז זי — א פּאָר מאָל, ביז צום סוף איז זי ארויס אין ריטמישע פערזן, מיטן נאָמען „די גאָלדענע קייט".

דאָס איז געשען, איך געדענק דאָס אזוי ווי איצט, אויף דער דאַמף־שיף פון וואַרשע קיין פלאָצק. געווען א הייסער זומער־טאָג. מען איז געפאָרן אויף א פאָרלעזונג. פרץ איז געזעסן אויפן דעק און האָט געהאַט פאר זיך אויף א טישל די צעוואָרפענע בלעטער פון דעם פּראָזאישן „נסיון". און ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין פלאָצק — א נסיעה פון א שעה 7-6 — איז די „גאָלדענע קייט" געווען פאַרטיק".

(פון ה. ד. נאָמבערגס ארטיקל „די רעוויזיע פון פּרצס שאַפן").

אידישע האנטווערקער אין פּלאָצק אין 16־טן יאָרהונדערט

„וועגן אידישע בעלי־מלאכות דערוויסן מיר זיך א דאנק צונעמענישן פון פּראָפעסיאָנעלן כאראקטער, מיט וועלכע די אקטן באצייכענען געוויסע אידישע האנטווערקער.

אזוי למשל דערמאָנען די מקורים פון 16־טן יאָרהונדערט א פּאָר מאָל דריי אידישע וועבערס: פעליקס, לעוועק, און יוסף, צוויי גלעזערס: יעקב און איצקאָ און א שווערדן־מאכער — מארעק; חוץ דעם גיבן זיי אָן אין צוויי פאלן די פּראָפעסיע פון דער געגעבענער פּערזאָן (וועבעריי) ניט אָנרופנדיק זי ביים נאָמען, אזוי אז מ׳קאָן נישט וויסן, צי עס האנדלט זיך דאָ וועגן אנדערע וועבער, צי וועגן די שוין באקאנטע. מן הסתם זיינען די ערטער שייך צו פעליקסן, וועלכער איז אפּנים געווען אזוי פּאָפּולער, אז דער שרייבער האָט געפינען פאר איבעריק אָנצוגעבן דעם נאָמען.

פון דעם געזאָגטן קאָן מען דרינגען, אז דער אנטייל פון די פּלאָצקער אידן אין וועבעריי איז געווען א גאנץ אָנזעעוודיקער״.

עס איז איבעריק צוצוגעבן, אז די אויסגערעכנטע בעלי־מלאכות שעפּן נישט אויס די פאקטישע צאָל אידישע האַנטווערקער אין פּלאָצק, ווייל נישט אלע האָבן געהאַט א סיבה צו פיגורירן אין די געריכטס־אקטן. חוץ דעם האָבן, לויטן דת געמוזט זיין אידישע בעקערס, קצבים און שניידערס.

„דאָס קאסע בוך פון דעם שניידער־צעך, וואָס נעמט ארום די יאָרן 1623—1681, זאָגט עדות וועגן דעם, אז לכל־הפּחות א געוויסע צאָל אידישע שניידערס האָבן געהערט צום אלגעמיינעם שניידער־צעך. מיר געפינען דאָרט א גאנצע רייע אָפּצאָלונגען פון אידישע שניידערס — אָפּצאָלונגען, וואָס זיינען געווען פארבונדן מיט דער אָנגעהעריקייט צום צעך, דהיינו, „איינשרייב־געלט״, „קווארטאַלנע״, „לערן אינגל־געלט״ און אנדערע געלעגנהייטלעכע אָפּצאָלונגען, ווי „טרינק־געלט״ א. א., אין אנדער פּנקס פון דעם דאָזיקן שניידער־צעך דערמאָנט נאָך אן אָפּצאָל פון אידישע בעלי־מלאכות א. נ. „פּארטאטש־געלט״. אין יאָר 1688 האָט דער פּנקס פארנאָטירט אן הכנסה פון 1 גל. 15 גר. פון דעם דאָזיקן שטייער.

די אָפּצאָלונגען זיינען געווען גענוג הויכע: „איינשרייב - געלט״ למשל האָט באטראָפן פון 5 ביז 6 גל. „קווארטאַלנע״ — 4 און מער גל. א. אזוי ווייטער.

דאָס קאסע בוך דערמאָנט פון 1632 — 1652 9 אידישע שניידערס: מארעק און זיין זון יוסף, יעקב דער זון פון „גרויסן״ מארעק, שלמה, דעם גראָבן יעקב און זיינע צוויי זין און יעקב שיינקער״.

„צי שעפּט די אויבנדיקע רשימה אויס אלע אידישע שניידערס אין פּלאָצק, וואָס האָט געציילט אָנהויב 17־טן י״ה בערך 550 נפשות? מיר דוכט אז ניין״.

חוץ שניידערס דערמאָנען אויך די מקורים א אידישן שמוקלער מיטן נאָמען סאלאמאָן, וואָס איז אין יאָר 1621 געווען פּרנס.

עס ווערט אויך דערציילט „וועגן אן אייביקן קריג מיט די אידישע בעקערס. דער בעקער־צעך האָט נאָך פון זיגמונט דעם דריטן באקומען א פּריווילעג, באשטעטיקט דורך יאַן דעם דריטן און אויגוסט דעם צווייטן, וועלכער האָט די אידישע בעקער פארווערט דעם פארקויף פון ווייצענע ברויט. בפרט אויפן קאנאניקער־מארק, ווי אויך דעם קויף פון מעל צום שאדן פון די קריסטלעכע בעקערס״.

„געשיכטע פון אידן אין פּלאָצק״, זייט 53-55.

י. האָרן

אידיש לעבן אין פּלאָצק

(שטריכן)

אין לאנד פון „דער ווייסל״ איז אזא שטאָט, ווי פּלאָצק נישט קיין אויסנאם. ווארום, שטעט אין פּוילן, וואו ס׳האָבן געלעבט אריבער דרייסיק טויזנט מענטשן, זיינען געווען אין די היפּשע צענדליקער. און וואָס שייך די צאָל אידישע איינוואוינער שטעלט פּלאָצק אויך מיט זיך נישט פּאָר קיין ספּעציעלן אויסנאם, ווייל שטעט אין פּוילן, וואו ס׳האָבן געלעבט ביי די זיבן טויזנט אידישע נפשות זיינען געווען זייער פיל. פּלאָצק געהער אָבער צו די שטעט אין פּוילן, וואו ס׳האָט נאָך מיט זיבן הונדערט יאָר צוריק, אָנגעהויבן אויפגיין א אידישער קיבוץ, וואָס האָט געשפּילט א וויכטיקע ראָל אין דער אנטוויקלונג פון דער גאנצער פּראָווינץ (מאזאָוויע). ליידער, זיינען מיר אָבער נישט בכוח ארומצונעמען און אָפּצושפּיגלען דעם אידישן ישוב אין פּלאָצק אין זיין פולן פארנעם. ווארום, דאָס אידישע פּוילן האָט כמעט, ווי נאָך נישט פארמאָגט קיין מאָנאָגראפיעס פון באזונדערע שטעט. די ארבעט פון ארויסגעבן שטאָט־פּנקסים האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אנטוויקלען.

דער יונגער דור אידישע היסטאָריקער אין פּוילן, די נאָכפאָלגער פון מ. באלאבאן, מ. שאָר, י. שיפּער א.א. האָבן זיך איצט אָנגעהויבן פארמעסטן אויסצופאָרשן די ארכיוון פון די שטעט. די מלחמה פון 1939, האָט אָבער די ארבעט איבערגעריסן. באזונדערס, זיינען אהער נישט דערגאנגען די אלערליי אויסגאבעס, וואו עס האָבן אָנגעהויבן פארעפנטלעכט ווערן די רעזולטאַטן פון די אדורכגעפירטע אויספאָרשונגען.

דורך א „נס״ געפינט זיך אין ב. איירעס איין עקזעמפּליאר פון י. טרונקס בוך „געשיכטע פון אידן אין פּלאָצק״, (דערשינען אין ווארשע אין יאָר 1939), וואָס די היסטאָרישע סעקציע ביים אידיש וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט, בעסער געזאָגט, וואָס די קאָמיסיע פאר פּוילן מיט דער הילף פון א קאָמיטעט צו פייערן דעם 700 יאָריקן יובל׳ פון דעם אידישן ישוב אין פּלאָצק האָבן ארויסגעגעבן. זאָל זשע ביי דער געלעגנהייט אויך פארצייכנט ווערן דער צוזאמענשטעל פון יובל־קאָמיטעט: י. בערנשטיין, דר. ה. טעמערסאָן, מג״ר ש. טרונק, דר. י. פליישער, נ. קאָזשען, דר. ע. רינגעלבלום, דר. י. שיפּער, וואָס האָבן אונטערגעטראָגן דער אידישער עפנטלעכקייט אזא נויטיק און וויכטיק בוך, ווי עס איז ש. טרונקס „געשיכטע פון אידן אין פּלאָצק״.

איך לייען דאָס בוך און פאר מיר גייט ממש אויף דער באגינען פון אידישן לעבן אין מאזאָוויע. אָט, האָבן זיך די ערשטע אידישע סוחרים אין שטאָט באזעצט, און באלד האָבן זיי אָנגעהויבן פונאנדערפירן די פּראָדוקטן איבערן לאנד. אין פּלאָצק האָבן זיך באוויזן אידישע בעלי מלאכות: שניידער, שוסטער, וועבער און אפילו א שווערדן מאכער; אידן אין פּלאָצק קאָנצענטרירן זיך אין א ספּעציעלן קווארטאל און דאָס אייגענע אידישע לעבן וואקסט און ברייטערט זיך אויס. קאמפן מיטן ארום, מיט דער קריסטלעכער סביבה קומען פּאָר גרויסע, נישט איינמאָל פארמעסט זיך די־קריסט־

לעבע סביבה ארויסצורייסן ביי די אידן דעם ביסן ברויט פון מויל, דאָס אידישע לעבן איז אָבער גובר אַלע שוועריקייטן. דאָס מיינט אָבער נישט צו זאָגן, אז דאָס אידישע לעבן אין דעם קליינעם פּלאָצקער ישוב איז נישט געווען סאָציאַל געשפּאָלטן. דער אידישער ישוב אלס גאנצעס האָט געטראָגן דעם געמיינזאמען גורל. אנדערש האָט אָבער געלעבט דער סוחר, דער בעל־מלאכה, אָדער גאָר דער לוין־ארבעטער.

„דער טעזיס — שרייבט ש. טרונק — וועגן דער אבסאָלוטער גלייכקייט פון די געשיכטלעכע תנאים, אין וועלכע עס האָט געלעבט די אידישע געזעלשאפט, איז היסטאָריש גענומען א פיקציע. זי איז אין א געוויסער מאָס א פאלשער איינדרוק, וואָס באקומט זיך פון דער מלוכהשער געזעצגעבונג, וועלכע איז ס'רוב נוגע אלע אידן און רעדט וועגן אידן בכלל. אמת, דער שטאַרק אקצענטירטער בשותפותדיקער נאציאָנאלער גורל איז אָפּט מסוגל צו פארווישן אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו די סאָציאַלע אונטערשיידן אין דער אידישער געזעלשאפט, מען דארף אָבער דעם דאָזיקן „אָפּטישן" טעות נישט אָננעמען פאר א געשיכטלעכן אמת".

לײדער, איז מער, ווי דער ערשטער באנד פון ש. טרונקס „געשיכטע פון אידן אין פּלאָצק" נישט דערשינען, אזוי, אז דער מחבר האָט אונז בלויז צוגעפירט ביזן יאָר 1657. אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס אין בוך איז באשריבן דאָס אידישע לעבן אין פּלאָצק פון 1237 ביז 1657, און די צאָל אידישע פאמיליעס גרייכט ביז 120, דאָך זעט מען בולט די ליניעס פון דעם אינעווייניקסטן אידישן לעבן. נאָך מער: מ'הערט אפילו אויך דעם קרעכץ פון די ארבעטנדיקע אידישע פאמיליעס.

די פארוואלטונג פון דער אידישער קהילה „האָט זיך געפונען אין די הענט פון א קליינער גרופּע פּערזאָנען, וואָס פארנעמען אָפּט דעם קהלישן אמט כל זמן זיי לעבן". „פון 3 פּערזאָן: יוסף מאריאנקא, זיין איידעם שמעון און פעליקס בערמאן האָבן מיט קליינע הפסקות פארנומען דעם אמט פון א פּרנס: דער ערשטער אין משך פון 27 יאָר (1556 — 1583), דער צווייטער אין משך פון 16 יאָר (1576 — 1592) און דער דריטער במשך פון 30 יאָר (1572 — 1602)".

ניין, דעם ארבעטנדיקן מענטש איז גאָרנישט געווען, וואָס מקנא צו זיין. צו זיינע פארלאנגען האָט זיך אידיש קהל גאנץ וויניק צוגעהערט.

און אז די אָנפירונג פון דער אידישער קהילה זאָל זיך אמאָל געוועז אָננעמען די קריוודע פון די אידישע פועלים און לערן־אינגלעך איז לגמרי נישט צו מערקן. איך האָב געלייענט דעם פּנקס פון דער פּלאָצקער „חברה חייטים" פון סוף 18טן יאָרהונדערט, און פון די תקנות איז מיר קלאָר געוואָרן דער לעבנס ארט פון אידישן בעל־מלאכה און דער עיקר פון אידישן שניידער. צווישן אַלע תקנות וואָס פארפליכטן דעם שניידער מייסטער און צעך־מיטגליד, רעדט זיך אויך וועגן א שטראָף פאר א שניידער א „פארטאטש", וואָס הרגעט אוועק א מלבוש. אויף א צווייט פּלאַץ רעדט זיך וועגן באקומען א שטראָף אין פאל ווען א שניידער מאכט נישט פארטיק דעם אָנצוג צו דער באשטימטער צייט.

וועגן ענדערן די שווערע לאגע פון אידישן שניידער געזעל און וועגן דער פארשקלאפטקייט פון לערן־אינגל, טרעפט מען דאָן אין ערגעץ א וואָרט נישט אָן. לאנגע יאָרן האָבן נאָך די אידישע שניידער געזעלן אין פּלאָצק געמוזט וואַרטן, ביז זיי האָבן זיך געשאפן אן אייגענעם פּראָפעסיאָנעלן פאריין, מיט תקנות לטובת די ארבעטער און לערן אינגלעך.

אין ש. טרונקס בוך ווערן מיר געוואָר פון א אידישן ישוב אין פּלאָצק, וואָס האָט נאָך נישט געציילט קיין 600 אידישע נפשות. מאכן מיר אָבער א שפּרונג איבער יאָרהונדערטער און מיר לייענען די „אידישע עקאָנאָמיק", אזוי דערוויסן מיר זיך, אז אין יאָר 1931, האָט פּלאָצק געציילט 6.571 אידישע נפשות.

פון א מודעה וואָס די קהילה פארוואלטונג אין פּלאָצק האָט ארויסגעגעבן נאָך די דורכגעפירטע וואלן אין סעפּטעמבער 1936, דערוויסן מיר זיך, אז וואל בארעכטיקטע אידישע מענער אין עלטער פון 25 יאָר אָן, זיינען געווען אין פּלאָצק 1.637. און נאָך א זאך ווערן מיר געוואָרן, אז אלס פּרנסים אין דער פּלאָצקער אידישער קהילה זיינען צווישן אַלע אויך דערוויילט געוואָרן פּשוטע לוין־ארבעטער און אָרימע שניידער.

און דער עיקר די אָרעמע ארבעטס־מענטשן זיינען צו די וואלן פון דער קהילה געגאנגען מיט פּראָגראמען.

פּלאָצק האָט אדורכגעמאכט א מוראדיקן ליידנס

וועג, און די אידישע קהילה האָט א סך ביטערע וואסערן געטרונקען.

נאָך דעם ארויסמארש למשל פון די שוועדן איז פּלאָצק דריי חדשים געווען הפקר. אין דער צייט זיינען רויב און מאָרד געווען אן אָפּטער גאסט ביי די פּלאָצקער אידן. און איצט, וואו זיינען די סריפות? צווישן די סריפות און הריגות איז פּלאָצק אויפסניי געבויט געוואָרן און אידן האָבן זייערע כוחות אָפּגעגעבן פאר זייער היים־שטאָט.

אידיש לעבן האָט ווידער אָנגעהויבן בליען און וואקסן. לומדים, רבנים, דאָקטוירים, סוחרים האָבן די שטאָט פארבונדן מיטן גאנצן לאנד און אויסלאנד. פרעמדע אידן האָבן זיך באזעצט אין פּלאָצק, און פּלאָצקער האָבן זיך באזעצט אין אנדערע שטעט. טייל האָבן זיך גאָר געלאָזט מעבר לים.

פון דעם אלעם זיינען נישט בלויז פארבליבן צייכנס אין די מאגיסטראט ביכער, נאָר אין דעם אידישן לעבן גופא.

פּלאָצק האָט פיל אידישע לעגענדעס, לעגענדעס, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין יענע יאָרן, ווען דאָס אידישע לעבן, איז געווען איינגעהילט אין רעליגיע.

נאָר ווער — טענהען די פּלאָצקער — געדענקט זיי נאָכצודערציילן.

די נויט און די רעכטלאָזיקייט האָט אוועקגעטריבן אין דער ווייטער וועלט אריין — האָבן מיר גאָרנישט פארצייכנט.

— שרייבט, זאָגט מיר איינער, אז פּלאָצק האָט געהאַט אַ שיין און ווירדיק אידישע לעבן און פארטיק...

פּארטייען האָבן געפירט א שיינע ארבעט, די אידישע יוגנט האָט געהאַט אידעאלן. „בונד", „לינקע", ציוניסטן, פּועלי ציוניסטן, „החלוץ", ספּאָרט־קלובן, דראמאטישע קרייזן, אַלץ איז געווען. פּלאָצק האָט טאַקע געשמט אלס אן אסימילירטע שטאָט, די אידישע מאסע אין פּלאָצק האָט אָבער געלעבט איר עכט אידיש לעבן. יאָ, פּלאָצק האָט אויך אייגענע שרייבער, פּארטיי פירער, רעדנער, מאלער, מוזיקער, וואָס זייערע נעמען זיינען בארימט אין דער אידישער וועלט.



א אידיש סאָציאליסטישער קרייז אין פּלאָצק. צווישן זיי דער קונסטמאלער נתן קאָזשען

דאָס פּוילישע אידנטום אלס גאנצעס איז פול מיט ראָמאנטיק, אמבעסטן זעט מען דאָס אין די ווערק פון אידיש פּוילישע קינסטלער. מעגן זיי זיין, ווי ווייט פון זייער אלטער־היים, קאָנען זיי אָבער ניט פארגעסן די פּוילישע לאנדשאפטן, און אין זייערע ביכער „הערט זיך דאָס געזאנג פון דער „ווייסל". איך האָב אויפגעשריבן דאָס וואָרט געזאנג און כ'שפּיר, ווי שוואך דאָס דריקט אויס דעם ריכטיקן צושטאַנד. ווען אידיש פּוילישע

שרייבער שילדערן דעם „ווייסל" דאָן אַ־ז עס נישט קיין טייך, נאָר אַלע ימען פון דער וועלט אינאיינעם. פון שלום אשז זינגט דאָך ממש ארוים „דער ווייסל". און וועגן מאיאָוון רעגן ריידן אשס העלדן אפילו פון „גאָט פון נקמה". בילדער פון פוילישער לאַנדשאַפט מאָלט אש אויך אין „דער מאַן פון נצרת", שוין אָפּגערעדט אין זיינע יוגנטווערק.

ווי אמעריקאניזירט יוסף אָפּאַטאָשו זאָל שוין נישט זיין, גיט ער אָבער „א פארבלאָנדזשע" אין „די פוילישע וועלדער", דערמאָנט ער זיך זיין מלאווע, אזוי שפירט מען פוילישן באָדן, פוילישע לאַנדשאַפט, אזוי זינגט פון אים ארוים „דער ווייסל".

פלאָצקער „סקיפּיסטן"

י. פּערעלע האָט אין זיין ראָמאַן „הינטערגאסן" אויף א פּרעכטיקן אופן ארויסגעבראכט זיין איינגעוואָרצלטקייט אין פוילן. אידישע שרייבער אין פוילן האָבן געהאַט ערד אונטער די פיס, :ז בלויען הימל איבערן קאָפּ און ארום: פעלדער, סעדער און וועלדער. יאָ, אידישע שרייבער אין פוילן האָבן געהאַט אַ היים.

ביי דער געלעגנהייט וואָלט איך געקאָנט אָנרופן צענדליקער אידישע שרייבער פון פוילן און ברענגען ציטאַטן פון זייערע ווערק, וואָס זאָלן אויפן בעסטן אופן באקרעפטיקן דאָס געזאָגטע.

נאָר צו וואָס אזויפיל באווייזן?

הארט פארן מלחמה אויסברוך אין סעפטעמבער 1939, האָט דער שרייבער מ. בורשטיין פארעפנטלעכט א ווערק א. נ. „ביי די טייכן פון מאזאָוויע". א ווערק, וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס אידישע לעבן אין פוילישן שטעטל שוין בעת דעם צעווילדעוועטן :אַנטיסעמיטיזם.

ווייל איך איצט נישט שרייבן איבערן אינהאַלט פון בוך, נאָר בלויז זאָגן אפּאָר ווערטער וועגן זייע אידן, די סאדראָווניקעס פון נעבן ווישעגראָד. דער מחבר שילדערט די אידישע סאדראָווניקעס מיט אַזאַ קראַפט, אז איר זעט זיי ממש נעבן זיך. און ווי קינסטלעריש שיין בורשטיין באשרייבט א פור מיט „שאפראַנען" און „גאָלדענע ראָנעטן". פירט א איד זיין וואָגן אויבם און ער הערט זיך איין, ווי „דער ווייסל" זינגט.

איז טאָקע „דער ווייסל" אזוי שיין?

ווי האָט אַמאָל געזאָגט א רוסישער שרייבער, די „וואָלגא" איז גאָרנישט אזוי שיין, ווי מיר רוסן שילדערן זי".

ווי אזוי ס'זאָל נישט זיין, פלאָצק שפּיגלט זיך אין „דער ווייסל" און פלאָצקער, וואו זיי זאָלן נישט זיין געדענקען גוט ווי אזוי „דער ווייסל" רוישט.

און איצט א פּאָר שטריכן וועגן איייניקע פלאָצקער.

נחום סאָקאָלאָוו.

אין דער אויסגאבע, וואָס דער פלאָצקער ל.ל.

פאריין גיט ארוים זיינען שוין דאָ א פּאָר ארבעטן וועגן סאָקאָלאָוון, וועל איך דעריבער אָנהייבן ביים פּאָעט זישע לאַנדוי.

זישע לאַנדוי, איז דעם סטריקאָווערס אן אייניקל. דאָס האָט אים אָבער נישט פארשטעלט דעם וועג צו ווערן א אידישער פּאָעט אין פולן זינען פון דעם באגריף.

אלס 17 יאָריקער אינגל איז ז. לאַנדוי אוועקגעפאָרן קיין אמעריקע און דאָרט איז ער געוואָרן איינער פון די „יונגע" אידישע שרייבער, וואָס האָבן געבראכט נייע פאָרמען און מאָטיוון אין דער אידישער פּאָעזיע. ז. לאַנדוי איז געגאַנגען צוזאַמען מיט משה לייב האלפערן, ה. לייוויק, דוד איגנאַטאָוו א.א. און דאָך איז ער געוועזן אליין. אלע „יונגע" צוזאמען האָבן זיך פארמאָסטן צו לייטערן און דערהויבן דאָס קינסטלערישע אידישע וואָרט, יעדער איז אָבער געווען א וועלט פאר זיך.

משה לייב מיט זיין שטורמישער קראַפט האָט מיטגעריסן, ה. לייוויק מיט זיין כסדרדיק פרעגן האָט צעפּייניקט און זישע לאַנדוי מיט זיין שטילן טאָן האָט אָנגעזאָגט א דינעם טרויער. ז. לאַנדוי האָט געזונגען וועגן זיין טרויעריקער נשמה אין א נאכט פון רעגן.

„שטיל זייבען געווען זייבע רייד און שטיל זייבען געווען זייבע טריט".

טיילמאָל האָט זיך אויסגעדוכט, אז זישע לאַנדוי איז א „קליין און גלויביק קינד", וואָס וויל זיך נישט קריגן מיטן מזל זיינעם.

ער וויל זיך בלויז פארוויגן און דערגרייכן די רו פון זיין נשמה.

און צי מ'איז מיט זישע לאַנדוי מסכים געווען, אָדער נישט, איינס איז זיכער, אז ביי אים איז געווען „ריין און העל אלץ, וואָס ס'איז אידיש"! און דער זאָג אין זיינס א ליד: „דאָס אָרימע לעבן בוי צוריק!" איז ארויסגענומען פון הארץ פון אונזער אייגן לעבן.

א פלאָצקער איז אויך הרב יהודה לייב זלאָטניק. י. זלאָטניק ווערט אין זלמן רייזנס לעקסיקאָן באַצייכנט אלס דער ערשטער ציוניסטישער רב אין פוילן. א חוץ זיין אקטיוויטעט אלס ציוניסט האָט ער פיל געארבעט אויפן געביט פון אידישן פאָלקלאָר. י. זלאָטניק האָט שוין ארויסגעגעבן פיל בראָשורן און ביכער און א דאנק זיין ליבשאפט צו אונזער פאָלקלאָר, וואָס ער האָט איינגעזאַפּט פון זיין יוגנט אָן, איז ער א נאָענטער און אייגענער

א זעלבסט־בילדונג־קרייז ביי דער פלאָצקער יוגנט־אָרגאניזאציע 'פריוהייט" אין 1917.

אין דער אלטער און נייער אידישער ליטעראטור. אין מאי 1935 האָט הרב י. זלאָטניק אין שליחות פון קרן קימת באזוכט ארגענטינע.

פון א גאָר אסימילירטער פאמיליע שטאַמט יוליוס גאָלדע, וועלכער האָט אונטער דער השפּעה פון לאצקי בערטאָלדי א צייט לאנג מיטגעארבעט אין דער ס. ס. פארטיי. שפּעטער איז ער אוועק צו די לינקע.

יעקב וואסערמאן איז אויסגעווען א וועלט, שפּעטער איז ער צוריק געקומען קיין פוילן און האָט פארעפנטלעכט א ווערטפול־בוך א"ט דאָס טעאַטער און דער סאָציאליזם.

יצחק גרינבוים האָט געלערנט אין פלאָצק און דאָרט אָנגעהויבן זיין ציוניסטישע טעטיקייט.

משה ווארשע האָט אין פלאָצק אָפּגעלעבט זיינע קינדער־יאָרן און דאָרט שיינע חלומות געחלומט, ביז ער איז אין 1906 אוועק קיין אמעריקע.

א גאנץ אָנגעזעען אָרט האָט אין ווארשע פארנומען י. בערנשטיין. נאָך זייענדיק אין פלאָצק פלעגט ער זיינע וואָגיקע אָפּהאנדלונגען פארעפנטלעכן אין די „ייוואָ־בלעטער", וואָס זיינען דערשינען אין ווילנע. שפּעטער, זייענדיק אין ווארשע פלעגט ער פארעפנטלעכן ליטעראַרישע אָפּהאנדלונגען אין ווארשעווער אידישע צייטונגען.

פאזנער יחיאל מאיר איז געווען דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר. ער האָט געשאפן מוזיק צו מאָרים ראָזנפעלדס „הערבסט בלעטלעך". צו א. רייזנס „די מוטער צום קינד", צום „העמערל" צו דוד

ערעלשטאַטס „עלנט" און ער האָט אויך פאַרפאסט אַן אָפּערע אין אידיש „שאול".

א פלאָצקער איז אויך דער שרייבער חיים פלאקס.

א גאָר אַנגעזעען אָרט אלס אידישער קונסטמאלער האָט פארנומען אין ווארשע נתן קאָזשען. שוין אין זיינע יונגע יאָרן פלעגט ער מאָלן די שיינע פלאָצקער פּייזאזשן. שפּעטער, אז ער איז רייפער געוואָרן און ער האָט אַנגעהויבן גוט באַנעמען דעם סוד פון פאַרבן, פלעגט ער אויפמאָלן ווינקלען פון זיין היים־שטאָט.

— ווייסט איר — זאָגט איינמאָל קאָזשען — ווי אזוי מ׳מאָלט א קאָליר פון וואסער?

— איך האָב קיינמאָל וועגן דעם נישט געטראכט האָט אים געענטפערט זיין מיטשמועסער.

— טאָ זייט זשע וויסן, האָט אים אויפגעקלערט נתן קאָזשען, אז דער קאָליר פון א וואסער ווערט געמאָלן לויטן קאָליר, וואָס ס׳האָט דער הימל, אין דעם מאָמענט בעת מ׳מאָלט.

ווי שיין ס׳איז דער הימל, וואָס הענגט איבער „דער ווייסל".

צום יונגערן דור, וואָס זיינען אוועקגעפאָרן פון פלאָצק קיין ווארשע און דאָרט אויסגעברייטערט זייער שרייבערישע און פארטייאישע ארבעט געהער פנחס שווארץ.

פּ. שווארץ האָט זיין ליטערארישע ארבעט אַנגעהויבן אין דער „סאָציאַליסטישער יוגנט־שטימע" שפּעטער איז ער געוואָרן אַן אינערלעכער אקטיווער מיטארבעטער פון דער ווארשער „פאָלקס ציייטונג". אַנגעהויבן האָט פּ. שווארץ מיט פּשוטן רעפּאָרטאַזש, אָבער א דאנק זיין שטודיום און טאַלאַנט האָט ער דערגרייכט צו ווערן א גאָר ערנסטער זשורנאַליסט און קענער פון לעבן אין פּוילן. זיין בוך „פּילסודסקי און די אידן" איז אין פּוילן זייער ווארעם אויפגענומען געוואָרן. היינט געפינט זיך פּ. שווארץ אין נ. אַמעריקע. גאָר בקרוב דערשיינט זיינס א בוך „חורבן פּוילן". און צום סוף וועגן הערשעלע קרוק.

די ליבשאפט צו אידישע ביכער האָט הערשעלע קרוק מיטגעבראכט פון פלאָצק קיין ווארשע.

אין דער „גראָסער ביבליאָטעק" אין ווארשע, וואָס האָט פארמאָגט ביי די 50 טויזנט אידישע ביכער איז הערשעלע קרוק געווען דער הויפּט ביבליאָטעקאר. מיט וויפל ליבשאפט, קענטעניש און דערפארונג ער פלעגט טון זיין ארבעט. פון צייט צו צייט פלעגט הערשעלע קרוק פארעפנטלעכן ארטיקלען וועגן ביכער און לייענער אין „די פאָלקס צייטונג", די „וואָכנשריפט פאר ליטעראטור און קונסט". ער האָט אויך ארויסגעגעבן א בראָשור וועגן ביכער און לייענער.

אין די פארנאכטן פלעג איך הערשעלע קרוק אָפט טרעפן אין ליטעראטן־פאריין אין ווארשע, אויף טלאָמאצקע 13.

איך האָב פארצייכנט א רייע שטריכן פון אידישן לעבן אין פלאָצק און דערביי אַנגעמערקט איניקע פלאָצקער, וואָס האָבן אין זייער היים־שטאָט געשטעלט די ערשטע שריט און דאָרט באקומען די אַנרעגונג פאָרצוזעצן זייער גייסטיק שאפן.

פּוילן אין כלל גענומען, איז געווען דער שעפערישסטער און אויסגעשמידסטער אידישער צענטער אין דער וועלט, וואו ס׳האָט געבליט א שיין און אייגנארטיק אידיש לעבן, און יעדע שטאָט פאר זיך איז געווען די פרוכטבארע ערד, וואו עס זיינען כסדר געוואקסן יונגע שעפערישע כוחות.

פלאָצק, איז א שיינער ביישפּיל.

מ. מאגנעס

25 יאָר דראמאטישע קרייזן אין פלאָצק

כדי אונזער אלמאנאך זאָל ארומנעמען וואָס מער געביטן פון אידישן לעבן אין פלאָצק, איז וויכטיק צו דערמאָנען די דראמאטישע סעקציעס. אין אלע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, האָבן עקזיסטירט דראמאטישע קרייזן. געהערן צו א דראמאטישן קרייז איז שוין געווען אַן אטעסטאַט אויף עפּעס העכערס, דערהויבנס, אזעלכעס, וואָס מיר אליין האָבן זיך נישט געקענט אויסטייטשן. אזוי האָבן מיר קליינבירגערלעכע און ארבעטער יוגנט געפילט מיט צוואנציק און דרייסיק יאָר צוריק לעבנדיק אין פּוילישן שטעטל.

ווי איינער, וואָס האָט אנטיילגענומען און געהערט צו א דראמאטישן קרייז, און נישט בלויז איך אליין, נאָר פיל פון אונזער פאמיליע חאָבן געשפּילט טעאַטער. מיין עלטערער ברודער משה אהרן און מיין שוועסטער חנה זיינען געווען גאנצע סטארן ביי אונז אין שטאָט; איך וויל דעריבער פארצייכענען איניקע שטריכן וועגן די דראמאטישע קרייזן אין מיין היים־שטאָט: פלאָצק.

איך געדענק, נאָך זייענדיק א קינד, און געווען איז עס אין די יאָרן 7—1906, האָב איך געהערט ריידן מיינע עלטערן דאָס זיי גייען אין טעאַטער אריין צו „מכירת יוסף" און אז מיין קוזינע חנה ווייצמאן און א רייע אנדערע מיידלעך פון שטאָט שפּילן היינט. דאָס וויל זאָגן, אז שוין מיט קנאפּע פערציק יאָר צוריק, האָט אין פלאָצק עקזיסטירט א דראמאטישער קרייז. איך ווייס אויך, אז דער זעלבער קרייז האָט אויסגעפירט אנדערע פאָרשטעלונגען, ווייל איך האָב אין שטוב געהערט זאָגן, אז חנה ווייצמאן איז א גאנצע שפּילערן און אז זי שפּילט און זינגט זייער שיין.

דאָס אמתע טעאַטער שפּילן האָט זיך אָבער אַנגעהויבן בעת און נאָך דער דייטשער אָקופּאציע אין די יאָרן 18־1915. דעמאָלט האָבן זיך אין אונזער שטאָט געשאפן אלערליי אידישע פאריינען, יוגנט־אָרגאניזאציעס און צווישן זיי די „צוקונפט", וואָס האָט איינגעאָרדנט ליטערארישע פארוויילונגס־אָוונטן מיט קינסטלערישע פּראָגראמען: איינאקטערס, דעקלאמאציעס און געזאנג. אין יענער צייט איז צו אונז געקומען דער ארטיסט יעקב ווייסליץ אלס רעזשיסאָר צום דראמאטישן קרייז צו וועלכן ס׳האָט שוין אויך געהערט מיין ברודער. אויף דער טרויער אקאדעמיע נאָך י. ל. פּרץ איז שוין אויך אויפגעטראָטן א גרויסער כאָר זינגענדיק פיל נייע לידער.

יעקב ווייסליץ האָט ביי אונז געוויילט א לענגערע צייט, אזוי אז מיר האָבן אים שוין באטראכט אלס פלאָצקער. פון צייט צו צייט פלעגט ער איינאָרדנען רעציטאַציעס ביי פול געפּאקטע סאלאָנען און דאָס האָט סטימולירט צו שפּילן טעאַטער. קיין שטענדיק פּראָפעסיאָנעל אידיש טעאַטער איז אין פלאָצק נישט געווען. אויך דער „הזמיר", וואו ס׳האָבן זיך גרופּירט די אידישע אינטעליגענץ פון פלאָצק, האָט פעריאָדנווייז דורכגעפירט טעאטער אוונטן מיט מוזיק און געזאנג פּראָגראמען. ביים „הזמיר" האָט עקזיסטירט א פערמאנענטער דראמ. קרייז, נאָר צו גרעסערע אויפירונגען פלעגן צוגעצויגן ווערן עמך, יוגנטלעכע ארבעטער, וועלכע האָבן זיך איינגעלעבט און אפילו גוט געפילט אין יענער סביבה. דער „הזמיר" ביי אונז אין פלאָצק איז געווען א דורכגעדרונגען מיט א דעמאָקראטישן גייסט, און אין א סך פעריאָדן זיינען אין דער פארוואלטונג פון „הזמיר" געווען א היפּשע צאָל בונדישע טוער. דער „הזמיר" איז אָבער שטענדיק

געווען אן אומפּאַרטייאישע אינסטיטוציע, וואָס איז שטאַרק טעטיק געווען אויפן קינסטלערישן געביט. דער הזמיר האָט איינגעאָרדנט פיל ליטעראַריש־קינסטלערישע אָוונטן מיט געזאַנג און מוזיק.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט זיך ביים פּלאָצקער נאָרל־פאַריין געשאַפן א דראַמאַטישער קרייז און דער רעזשיסאָר איז געווען קאָן, וואָס האָט זיך גערופן „בן עמי”. אין דעם קרייז האָב איך געמאכט מיין דעבוט. מיר האָבן אויפגעפירט י. גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול”. מיר האָבן זיך באמיט ארויסצוברענגען דאָס סאָציאַלע פון דער פּיעסע און דער רעזשיסאָר א האלבער פּראָפעסיאָנעלער אקטיאָר האָט זיך צוגעפּאַסט צום גייסט פון די אמאַטאָרן און די אויפירונג איז געווען א געלונגענע. אזוי איז געווען די מיינונג פון די פּלאָצקער פיינשמעקער. מיטן זעלבן רעזשיסאָר איז אויך אויפגעפירט געוואָרן „דער מטורף” פון י. גאָרדין. די חברים האָבן זיך מיטן לויף פון דער צייט איינגעלעבט אויף דער בינע און וואָס אמאָל זיינען זיי געוואָרן דרייסטער און זיי האָבן געשפּילט די ראָלן מיט מער איבערלעבונג.



דאָס שטאָטישע טעאַטער אין פּלאָצק

מיט דער צייט האָט שוין פּלאָצק פאַרמאָגט אייגענע אקטיאָרן: מיין ברודער משה אהרן, מיין שוועסטער חנה מאגנעס, ביילע טשוק, יצחק גאָנשער. ווער פון אונז פּלאָצקער קאָן זיי נישט די חברים און ח'טעס, וועלכע זיינען אין אלע זייערע אויפירונגען פון אלעמען געליבט געוואָרן?

מיט דעמזעלביקן רעזשיסאָר איז אויך אויפגעפירט געוואָרן די „שחיטה”, מיט ח'טע ביילע טשוק אין דער הויפטראָלע. דער פאַרמעסט איז געוואָרן א געוואגטער און דער דערפאָלג איז געווען זייער גרויס.

ביי דער געלעגנהייט זאָל דערמאָנט ווערן די ח'טע רבקה פּלאצקער אלס איינע פון די ערשטע פון די דראַמ. קרייזן; אויך די חברים: ווענגאזש, י. מ. אילאָווער. זיי האָבן אנטייל גענומען כמעט אין אלע אויפירונגען. נישט דירעקט איז אומדירעקט; שטענדיק זיינען זיי געשטאַנען נאָענט צום טעאַטער. ס'האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין צו שפּילן טעאַטער אָן זייער מיטהילף און ראַט. זייערע עקאָנאָמישע, אָדער פאַמיליארע באַדינגונגען זיינען געווען אזעלכע, וועלכע וואָלטן זיי באַרעכטיקט צו שטיין פונדערווייטנס, ווייל זיי זיינען געווען ארבעטער, וואָס האָבן באַדאַרפט פאַרזאָרגן זייערע אייגענע מיט פּרנסה. און מיר אידן פון פאָלק ווייסן גוט וואָס עס הייסט אין די קלענערע שטעט און שטעטלעך דער עול פּרנסה, פונדעסטוועגן האָט דאָס די דערמאָנטע נישט אָפּגעהאַלטן שטענדיק צו זיין גרייט אנטיילצונעמען אין אלע אונטערנעמונגען, וואָס זיינען אדורכגעפירט געוואָרן. אויך מוז דערמאָנט ווערן, אז דאָס איינאָרדענען טעאַטער־פאָרשטעלונגען איז אין פּלאָצק קיינמאָל נישט געווען קיין פּאַרטייאישער ענין. אויב א געזעלשאַפט אָדער א פאַריין האָט באַשלאָסן דורכצופירן אן אונטערנעמונג פאַר א געזעלשאַפטלעכן צוועק, האָבן שטענדיק אנטייל גענומען מענטשן פון קעגנזעצלעכע אידייען און שטרעמונגען. יונגטלעכע און דערוואַקסענע פון אלע ריכטונגען האָבן געפונען די געמיינזאמע שפּראַך

און דער ציל איז געווען, אז די אויפירונג זאָל ארויסקומען וואָס רייכער און וואָס שענער.

דאָס טיילן די איינקונפטן פאַר יעדער ריכטונג, אָדער פאַריין איז שוין אָנגעקומען אָן שוועריקייטן. די גאַנצע יידישע געזעלשאַפט האָט אונז געמוטיקט צו ווייטערדיקע אויפירונגען.

אויך ביים פּראָפ. לעדער־פאַריין איז געווען טעטיק א דראַמ. קרייז. קיין גרויסע טעאַטער פאָרשטעלונגען האָט דער קרייז נישט דורכגעפירט, אָבער כמעט אויף אלע ליטעראַרישע פאַרוויילונגס אָוונטן איז דורכגעפירט געוואָרן אן ארטיסטישע טייל: איינאַקטערס, דעקלאַמאַציעס, מאָנאָלאָגן, מיט אַ פּראָלעטאַרישן אינהאַלט. שטאַרק אויסגעצייכנט האָט זיך די חברטע סטעלא באַל מיט איר דעקלאַמירן. די ח'טע שיינדל, א קינד פון אן אָרימער ארבעטער פאַמיליע, האָט דורך אייגענע מי, אָנשטרענגונגען און פעאיקייטן דערגרייכט צו העכערע בילדונג. איר דעקלאַמירן האָט אונז אמאָל אָפּגעראַטעוועט פון אן ארעסט. איינמאָל איז אונזער א פאַרוויילונגס אָוונט איבערגעפאַלן געוואָרן דורך דער פּאָליציי. פאַרלאַנגענדיק א דערלויבעניש אויף דער ארטיסטישער טייל פון פּראָגראַם, וואָס מיר האָבן נישט געהאַט. דעם אָוונט האָבן מיר איינגעאָרדנט אין די לאָקאַלן פון „הזמיר”. אין דעם מאָמענט, ווען די פּאָליציי האָט זיך באַוויזן אין לאָקאַל, האָט די ח'טע סטעלא דעקלאַמירט די „צען מיליאָן” פון דוד איינהאָרן. איר דעקלאַמירן האָט געמאַכט אזא איינדרוק אויפן פּאָליציי קאָמיסאַר (שטאָפּהאַלץ, א פּלאָצקער איידעם), אז נאָכן דורכפירן אלע פאָרמאַליטעטן האָט ער ווייטער דערלויבט אָנצוגיין מיטן אָוונט און פאַרהיט פון א זיכערן ארעסט, אָדער געלט שטראָף די יוגנטלעכע איינאָרדנער, מיטגלידער פון דער יוגנט אָרגאַניזאַציע „פרייהייט”. א דאַנק דער ח'טע שיינדלס דעקלאַמירן האָבן מיר אויסגעמיטן א שטראָף.

דער כאָר ביי די פּועלי־ציון אין פּלאָצק

ווי איך האָב אויבן באַמערקט, זיינען די אלע דראַמאַטישע קרייזן, וועלכע האָבן עקזיסטירט ביי פאַרשידענע געזעלשאַפטן, ווירקלעך געווען איין קרייז, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט ביי גרעסערע אויפפירונגען. וואָס ס'האָבן זיך יאָ געביטן אין דעם קרייז, זיינען געווען די רעזשיסאָרן. אין פאַרשידענע צייטן און געלעגנהייטן, האָבן פיל פּעאיקע פּערזאָנען זיך געשטעלט בראש פונם קרייז. אזוי דאַרף דערמאָנט ווערן מיט אנערקענונג די לייסטונג פונם פריינט פּסח וואַלראַט, אליין א טשעכאַנאָווער. זייענדיק אן איידעם אין פּלאָצק, איז ער מיט לייב און לעבן געוואָרן א פּלאָצקער.

אן אקטיוו אינטעליגענטער מענטש האָט ער אנטיילגענומען אין פיל געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס ווי אין „הזמיר”, און „מכבי”, האַנטווערקער פאַריין א.א. נישט זייענדיק קיין פּאַרטייימאַן האָט ער געקאָנט זיין פאַרטרעטן אומעטום און דער עיקר איז ער געווען אקטיוו, ווען ס'האָט

זיך געהאנדלט אין אלגעמיינע גוטע טאַטן לטובת הכלל. אזוי האָט ער פּסח וואלראַט צוזאמענגערופן הברים פון אלע קרייזן און ער האָט אויף זיך גענומען די פאראנטוואָרטלעכקייט אויפצופירן שלום אשס „פאר אונזער גלויבן”. דאָס ווערק איז ביז דאַן אין פוילן אפילו נישט געשפילט געוואָרן פון קיין פּראָפעסיאָנעלע ארטיסטן. אין דער פּיעסע האָבן צווישן אנדערע אנטיילגענומען: ביילע טשוק, מיין שוועסטער חנה, מיין ברודער משה אהרן, מ. מאגנעס, דער וועטעראַן פון די פלאָצקער טעאַטער „ליבהאָבער” י. מ. אילאָווער, בן ציון יאגאָדא, יצחק גאָנשער און נאָך פיל פריינט. א דאנק אונזער גוטן ווילן און ארבעטזאמקייט איז „פאר אונזער גלויבן” אויפגעפירט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג. דער רעזשיסאָר האָט צוגעגרייט א פוילישן טאנץ אין וועלכן ס'האָבן צווישן אנדערע אויך אנטיילגענומען די פלאָצקער, וואָס געפינען זיך אין ב. איירעס: חנה און משה זינגער. דער גאנצער איינקונפט איז געגאנגען פארן אידישן שפּיטאָל אין פלאָצק. אלס דאנקבארקייט פאר אונזער ארבעט, האָט די אדמיניסטראציע פון אידישן שפּיטאָל איינגעאָרדנט לכבוד אונז א יום־טוב אויף וועלכן דער שעף פון שפּיטאָל דר. פיינבערג, האָט אין נאָמען פון דער פלאָצקער קהילה אונז זייער הארציק באדאנקט.

אויך ביי די לינקע פועלי ציון, וועלכע האָבן געהאט אן אייגענעם לאָקאל, האָט עקזיסטירט א דראמאטישער קרייז, וואָס האָט פון צייט צו צייט אויסגעפירט אויף זייערע אונטערנעמונגען קינסטלערישע פּראָגראמען. זיי האָבן אויך געהאט אן אייגענעם כאָר, וואָס איז אויפגעטראָטן ביי פארשידענע געלעגנהייטן. זאָל זשע דאָ דערמאָנט ווערן דער אויפטריט פון כאָר ביים טרויער אקט נאָך ב. בּאָראָכאָוו, וואָס די פּ. ציון האָבן דורכגעפירט אין שטאָט טעאַטער.

פאראַן נאָך פיל צו דערמאנען, נישט אלץ געדענקט זיך אָבער, הגם איך וויל מיטן גאנצן הארצן אלץ פארצייכענען און אלעמען דערמאָנען. איך וויל דעריבער אויספירן אָט וואָס:

פלאָצק האָט פארנומען אן אָנגעזעען אָרט צווישן די שטעט אין פוילן, וואו ס'איז געווען אן עכט און אייגן אידיש לעבן. אין דער איצטיקער מלחמה איז פלאָצק ברוטאל צעשטערט און חרוב געוואָרן. דאָס פוילישע אידנטום וועט לאָמיר האָפן נאָך צוריק שטארק ווערן, דאן וועט אויך אונזער געליבטע היים־שטאָט פלאָצק ווייטער שפּינען דעם גאָלדענעם פאָדים פון א שיין אידיש לעבן צווישן באפרייטע פעלקער.



א בילד פון דער אויפפירונג פון שלום אשס „פאר אונזער גלויבן”

מיט נחום סאָקאָלאָוו אין פלאָצק און אין ווישעגראָד

מארק טורקאָוו*)

אויף דער רעכטער זייט פון דער קעניגן פון די פוילישע טייכן — פון דער ווייסל, אויף א בארג, וואָס איז איבער הונדערט מעטער די הויך, צעשפּרייט זיך דאָס מאָלעריש בילד פון דער אלטער פוילישער שטאָט פלאָצק.

די אלטע קאטעדראלע קירך און דערנעבן דער פּאלאַץ פון די פלאָצקער ביסקופּן צייכנען זיך אויס מיט זייער סטיל־פּולן בוי אויף דער הויכקייט פון בארג, וואָס איז זעבאר אויף א ריזיקן מהלך איידער מען קומט־צו צו דער שטאָט גופא.

נעבן קראָקע, טשענסטעכאָוו און גניעזנא, געהערט פלאָצק צו די היסטאָרישע אוצרות פון דער פוילישער געשיכטע, ווען דאָס לאנד איז נאָך געווען צעטיילט אויף פירשטנטומס און דאָ האָבן געקיניגט און געקעמפט די מאזאָווישער פירשטן. אין דער קאַטעדראלער קירך רוען אויך דיביינער פון די אמאָליקע הערשער פון דעם פירשטנטום.

יעדע שטאָט אין פוילן, וואָס האָט געשפּילט א וועלכע עס איז ראָל אין דעם לעבן פון פוילישן פאָלק, ווערט אויך באצייכנט מיט וויכטיקע געשעענישן אין דעם אידישן געזעלשאפטלעכן און רעליגיעזן לעבן.

נעבן דעם גרויסן פּארק אין צענטער פון שטאָט, וואָס איז פול מיט אלטע היסטאָרישע מאָנומענטן, ציען זיך דורך דעם פלאכן בארג־שפּיץ אויך שמאָלע געסלעך, וואָס קרייזלען זיך בארג־אראָפּ און בארג־ארויף, וואו עס געפינען זיך אויסער א גרויסער מאָדערנער סינאגאָגע אויך אלטע בתי מדרשים, וועלכע זאָגן עדות אויף דער הונדערטיאָריקער טראדיציע פון דעם אידישן לעבן. אָבער נאָכמער ווי די מויערן פון שטאָט זיינען עדות פון דער איינגעוואָרצלטקייט פון אָרטיקן אידישן לעבן די אלטע מצבות, וואָס געפינען זיך אויפן אָרטיקן בית־עולם, די מצבות פון די רביים, וואָס האָבן אין משך פון איינעקע דורות געלעבט און געווירקט אין יענער געגנט.

אין דער שטאָט האָט נחום סאָקאָלאָוו פארבראכט די ערשטע יאָרן פון זיין לעבן נאָכן פארלאָזן זיין געבורט־שטעטל ווישעגראָד. דאָ האָט ער אלס א קינד פון חסידישע, מיוחסדיקע עלטערן געלערנט אין דער אָרטיקער קליינער ישיבה און דאָ האָט ער אויך באקומען זיין ערשטן, וועלטלעכן וויסן. איך ווייס נישט, צי די קליינע ענגע ישיבה, וואָס האָט זיך געפונען אויף א גאס, וועלכע האָט די לעצטע צוואנציק יאָר געטראָגן דעם נאָמען פון בערעק יאָסעלעוויטש, האָט זיך ווען עס איז אויסגעצייכנט מיט עפּעס ספּעציעלעס אויסער דעם, וואָס דאָרט האָט זיך געלערנט נחום סאָקאָלאָוו.

ווען איך פלעג אין די שפּעטערדיקע צייטן באזוכן פלאָצק, האָט מען מיר שטענדיק אָנגעוויזן אויף דער הילצערנער געביידע פון בית־המדרש (וואָס מען פלעגט אָנרופן אלס פלאָצקער ישיבה) און דאָס איינציקע, וואָס מען האָט געקענט וועגן דער ישיבה זאָגן, איז געווען:

— איר זעט, אָט־דאָ האָט זיך געלערנט נחום סאָקאָלאָוו.

פון דער שטאָט פלאָצק איז אויך נחום סאָקאָ־

---

*) א קאפּיטל פון א סעריע ארטיקלען, וואָס דער מחבר האָט פארעפנטלעכט אין „די אידישע צייטונג” אין מאי 1941, צום פינפטן יאָרצייט נאָך נ. סאָקאָלאָוו. רעד.

לאָוו אוועק קיין ווארשע, וואו ער האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך די לאנגע קאַפּאָטע, געוואָרן „א דייטש" און פאָרגעזעצט זיין אלגעמיינע, וועלטלעכע זעלבסט־בילדונג.

ביז די גאָר לעצטע יאָרן איז קיין דירעקטע באַן־פארבינדונג צווישן ווארשע און פּלאָצק נישט געווען. מען האָט דעריבער געמוזט פאָרן מיט דער באַן ביז קוטנע (שלום אש'ס געבורט־שטאָט), פון וואנען מען איז מיט וואָגנס אָדער ווינטער מיט שליטנס געפאָרן ביז פּלאָצק.

ווען די ווייסל איז נישט געווען פארפרוירן איז די שענסטע און אָנגענעמסטע רייזע געווען מיט דער שיף.

דער אידישער שיפס־אייגנטימער מאקס פרידמאַן, וואָס האָט געהאט די בעסטע פּאסאזשיר־שיפן אויף דער ווייסל, האָט עס באטראכט פאר א גרויסן כבוד, וואָס נחום סאָקאָלאָוו, מיט וועלכן ער האָט זיך קנאפּע 50 יאָר פריער געשפּילט אין שטיינדלעך אויפן הויף פון פּלאָצקער בית־מדרש, וועט פאָרן מיט זיין שיף און געשטעלט צו סאָקאָלאָווס דיספּאָזיציע א ספּעציעל איינגעאָרדנטע לוקסוס קאבינע.

דער אלטער, גוטמוטיקער מאקס פרידמאַן, א שטאַרק אסימילירטער ווארשעווער גביר, וואָס האָט פארנומען דעם אמט פון „פּרעזידענט" פון דער פּאָפּולערער פילאנטראָפּישער געזעלשאפט „תומכי עניים" פלעגט מיר זאָגן:

— איר פארשטייט, פּראָשע פּאנא, מיר זיינען צוזאמען געגאנגען אין חדר־אריין. אָבער ער האָט זיך טאָקע געלערנט און איז היינט דער גרעסטער איד, דאקעגן איך... וואָס קומט מיר ארויס, וואָס איך בין רייך? מען קען מיך נאָר דאן, ווען מען דארף האָבן ביי מיר געלט...

אז מען פלעגט קומען צו פרידמאַנען נאָך א באַשטייערונג אויף אידישע צוועקן, האָט מען געמוזט אָפּזיצן גאנצע שעהן און אויסהערן זיינע דערציילונגען וועגן נחום סאָקאָלאָווס קינדער־יאָרן. די געמיינאזם־פארבראכטע קינדהייט־יאָרן מיט נחום סאָקאָלאָוון האָט דער אסימילירטער פרידמאַן באַטראכט פארן גרעסטן כבוד פון זיין לעבן.

באגלייט דורך א רייע ציוניסטישע עסקנים און זשורנאליסטן האָט מען זיך אין א שיינעם פרילינג־אָוונט געלאָזט אין דער שיפס־רייזע קיין פּלאָצק.

מיר פערזענלעך איז אויסער מיין זשורנאליסטישער פליכט צוגעפאלן א צווייטע ערנפולע מיסיע: צו ווערן דער צערעמאָניען־מייסטער פון סאָקאָלאָווס רייזע.

די דאָזיקע מיסיע האָט געזאָלט אויספירן סאָקאָלאָווס זון פלאָריאַן. אין דער לעצטער מינוט האָט זיך אָבער געמאכט, אז פלאָריאן סאָקאָלאָוו האָט נישט געקענט באגלייטן זיין פאָטער און האָט דעריבער מיך באאויפטראָגט צו זיין נעבן נחום סאָקאָלאָוון ווי עפּעס א מין פּערזענלעכער סעקרעטאר.

דאָס איז טאָקע געווען גאָר א גרויסער כבוד, אָבער עס איז גלייכצייטיק געווען פארבונדן מיט א היפּשער ארבעט, ווייל דער ענטוזיאזם פון דעם ליבן עולם איז געווען אזוי גוואלדיג גרויס, אז מען האָט געמוזט אָנווענדן זייער פיל מי, בכדי צו פארהיטן סאָקאָלאָוון פון דער צושטאַרקער היציקייט, וואָס דער המון האָט ארויסגעוויזן. עס איז דערביי אויך געווען פארבונדן מיט געוויסע אינצידענטן, וועלכע זיינען געווען מער קאָמיש ווי טראגיש.

אזא מין אינצידענט איז פאָרגעקומען קודם־כל ביים אָנקומען פון דער שיף קיין ווישעגראָד, סאָקאָלאָווס געבורט־שטאָט.

דאָס איז געווען פארטאָגס און דער רייזע־פּראָגראם איז געווען אזוי פאראויסגעזען, אז מיר זאָלן פריער פאָרן אויף צוויי טעג קיין פּלאָצק און ערשט שפּעטער קיין ווישעגראָד, וואו סאָקאָלאָוו האָט געדארפט האלטן שבת א רעפעראט.

אָבער ווישעגראדער אידן האָבן נישט געוואָלט וויסן, נישט פון קיין אָפיציעלע פּראָגראמען און אויך נישט פון קיין צייט.

נחום סאָקאָלאָווס דורכרייזע איז פאר די ווישעגראדער אידן געווען א ליל־שימורים.

א גאנצע נאכט איז דער עולם געווען פארזאמלט אין דעם קליינעם האפן, ביים ברעג פון דעם ווייסל און געוואַרט אויפן אָנקומען פון דער שיף. ווען די שיף איז אהין אָנגעקומען פארטאָגס האָט מען דערהערט אָוואציעס און בעת מהאָט אראָפּגעלאָזט דאָס בריקל, בכדי איבערצולאָזן און אויפצונעמען די געוויינלעכע רייזע־פּאסאזשירן, האָט זיך א גרופּע אידן ארויפגעריסן אויף דער שיף און געפאָדערט, אז מען זאָל זיי צולאָזן צו סאָקאָלאָוון.

דער שיפס־קאפּיטאן האָט מיך גלייך אויפגעוועקט און מיך פאָרגעשטעלט פארן עולם אלס

סאָקאָלאָווס „סעקרעטאר". אָבער דער עולם האָט נישט געוואָלט ריידן מיט קיין שום סעקרעטארן, נאָר געפאָדערט, אז מען זאָל צולאָזן זייערס א דעלעגאציע צו סאָקאָלאָוון אליין.

קיין שום טענות און דראָאונגען האָבן נישט געהאָלפן.

די שיף איז נישט געווען קיין גרויסע און דער טומל איז שוין דווקא געווען גאָר גרויס, אז סאָקאָלאָוו האָט זיך אויפגעכאפּט און ארויס פון זיין קאבינע געוואויר ווערן וואָס מען טומלט אזוי שטאַרק.

דער עולם ביים ברעג האָט כסדר געמאכט אָוואַציעס „יחי סאָקאָלאָוו" און איינער פון דער דעלעגאציע האָט אין א וויניק העפלעכער, אָבער גאנץ קאטעגאָרישער פאָרם אוועקגעלייגט א „ספּיטש" אין וועלכן ער האָט אויסגעדריקט דעם פארדרוס פון גאנצן ווישעגראָדער כלל, וואָס דער חשובער פּרעזידענט „חבר" סאָקאָלאָוו גיט אָפּ פּלאָצק מער כבוד, ווי זיין געבורט־שטעטל ווישעגראד, וואו עס געפינען זיך די קברים פון זיינע עלטערן.

אין נאָמען פון גאנצן ווישעגראדער אידנטום, וואָס שלאָפט נישט די גאנצע נאכט און איז פארזאמלט אויפן ברעג האָט די דעלעגאציע געבעטן, אז ער זאָל ענדערן זיין רייזע־פּלאן און גלייך אָפּשטייגן.

סאָקאָלאָוו האָט מיט א גוט־מוטיקן שמייכל אָנגעהויבן באַרואיקן די „חברים", אז ער וועט, חלילה, נישט מביש זיין ווישעגראָד און ער האלט, אז שבת אין ווישעגראד איז מער כבוד ווי אין א פּראָסטן מיטוואָך. עס האָט געדויערט א לענגערע צייט ביז דער עולם האָט זיך געוואָלט באַרואיקן און מסכים־זיין, אז די שיף זאָל זיך ווייטער לאָזן אין וועג אריין בפרט נאָך, וואָס די מאנשאפט האָט זיך שוין אָנגעהויבן דענערווירן, אז עס איז שוין לאנג צייט אָפּצופאָרן ווייטער.

עס האָבן זיך שוין אפילו געהאט באוויזן עטלעכע פּאָליציאנטן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן „בעטן" די דעלעגאטן, אז זיי זאָלן פארלאָזן די שיף...

ביי אומאויפהערלעכע יחי אויסרופן און ביים געזאנג פון התקוה האָט זיך די שיף געלאָזט ווייטער אין וועג־אריין.

די גאנצע סצענע אויף דער ווישעגראדער האפּן־סטאַנציע, ווי קאָמיש זי זאָל נישט זיין, האָט זי אָבער שטאַרק גערירט סאָקאָלאָוון און ווען איך פלעג מיך מיט פיל יאָרן שפּעטער באגעגענען מיט סאָקאָלאָוון, פלעגט ער דערמאָנען דעם „בונט" אין ווישעגראד, וואָס איז געווען א סימן ווי טיף דער עפּיזאָד האָט זיך איינגעקריצט אין זיין זכרון.

אין די פריע מאָרגן שעהן זיינען מיר אָנגעקומען קיין פּלאָצק.

ווען מיר זיינען ארויס אויפן דעק און עס האָט זיך פאר אונז אנטפּלעקט די הערלעכע פּאנאָראמע פון דעם הויכן פּלאָצקער בארג, האָבן זיך סאָקאָלאָוון באוויזן טרערן אין די אויגן.

עפּעס האָט אים די דאָזיקע פּאנאָראמע דערמאָנט. עס זיינען דאָך אריבער כמעט 40 יאָר זינט ער האָט פארלאָזט די דאָזיקע שטאָט און אין משך פון דער צייט האָט זיך א גאנצע וועלט געענדערט.

ווען די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט האָט זיך פאר אונז אנטפּלעקט א ניי־אויסערגעוויינלעך בילד. אויפן ברעג זיינען געווען פארזאמלט עטלעכע טויזנט פּערזאָן מיט אידישע און פּוילישע נאַציאָנאַלע פענער, מענער, פרויען און שול־קינדער, און איבער אלע א גרויסער טריאומף־טויער באַפּוצט מיט בלומען און פענער מיט א גרויסן אויפשריפט אויף העברעאיש און אויף פּויליש: „ברוך הבא", „וויטאַמי" (מיר באגריסן!)

דער ענטוזיאזם פון עולם ווען מען האָט דערזען סאָקאָלאָוון, איז ממש נישט צו באשרייבן. עס זיינען געקומען מענטשן פון אלע שיכטן און עס זיינען אויך געווען אָפיציעלע פארטרעטער פון דער לאָקאלער מלוכה־אדמיניסטראציע און מוניציפּאליטעט.

קיין שום איד פאר און נאָך נ. סאָקאָלאָווס ערשטן באזוך אין פּוילן, האָט מען נישט געהאט צוגעטיילט אזא כבוד, ווי דאָס איז געווען דער פאל ביי זיין אָנקומען אין פּלאָצק.

אין א גרויסן ברייטן דראָזשקע־וואָגן, געשפּאנט מיט פיר ווייסע פערד, באַפּוצט מיט בלומען, איז נחום סאָקאָלאָוו אריינגעפאָרן אין שטאָט אריין.

די טראָטוארן זיינען געווען אויסגעשטעלט דורך טויזנטער מענטשן, פון די פענצטער און באלקאָנען זיינען געפאלן בלומען, און אפילו די קריסטלעכע צושויער זיינען מיטגעריסן געוואָרן פון דעם ענטוזיאזם פון דעם אידישן המון.

פון פיל הייזער האָבן אראָפּגעפלאטערט אידישע און פּוילישע פענער און עס זיינען אויסגעהאנגען געוואָרן טראנספּארענטן מיט סאָקאָלאָווס בילד און מיט אויפשריפטן „יחי נחום סאָקאָלאָוו".

די צוויי טעג פון סאָקאָלאָווס אויפהאַלט אין פּלאָצק זיינען געווען צוויי טעג פון גרויסן יום־טוב. מען האָט געוואַרט שעהן לאַנג פאַרן האָטעל, וואו ער איז איינגעשטאַנען און ריזיקע מאַסן זיינען נאָכגעגאַנגען אומעטום, וואו ער איז געגאַנגען.

באַזוכן ביי קרובים און ביי פריינט פון די יוגנט־יאָרן, באַזוכן אין אינסטיטוציעס און ביי אָפיציעלע פאָרשטייער פון דער לאָקאַלער מאַכט, האָבן אויסגעפילט דעם גאַנצן פּראָגראַם פון באַלד אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט. יעדער איינער האָט געוואָלט האָבן די זכיה צו זען סאָקאָלאָוון, צו דערלאַנגען אים „שלום" און אויסצוריידן מיט אים א וואָרט.

סאָקאָלאָוו האָט געקענט יעדעס ווינקל פון דער שטאָט, יעדעס געסל און יעדע אַלטע געביידע, וואָס האָט אויסגעמיטן דאָס פייער פון דער פאַריקער וועלט־מלחמה.

אַלטע אידן פלעגן קומען און פרעגן:

— זי געדענקען, פּאַניע סאָקאָלאָוו, ווי זי פלעגן קומען צו מיר אין קלייט אריין קויפן...

— זי געדענקען ווי זי האָבן זיך דאָ געלערנט?

— זי געדענקען, פּאַניע סאָקאָלאָוו, ווי זיי פלעגן זיין דאָ, זיין דאָרט, טוהען דאָס, טוהען אַנדערש...

יעדער איינער האָט געהאַט עפּעס צו פרעגן. יעדער איינער האָט געהאַט עפּעס צו דערמאָנען.

און סאָקאָלאָוו פלעגט טאַקע געדענקען, ער האָט דערקענט די מענטשן, ווי ערשט נישט לאַנג וואָלט ער זיך געהאַט מיט זיי צעשיידט, ווי ער וואָלט אין משך פון די פּאָר צענדליק יאָר קיינעם נישט געזען מער, ער פלעגט זיך אפילו נאָכפרעגן אויף מענטשן, וואָס זיינען שוין לאַנג אוועק פון פּלאָצק אָדער גאָר אוועק פון דער וועלט.

מיר האָבן אויך באַזוכט דעם אַלטן און דעם נייעם פּלאָצקער בית עולם, וואו סאָקאָלאָוו האָט אָנגעטראָפן אויף מצבות פון א סך פון זיינע קרובים און חברים. ער פלעגט דערמאָנען ווי יעדער איינער האָט אויסגעזען, פלעגט דערציילן וועגן יעדן איינעם אַן עפּיזאָד.

צומאָרגנס אין אָוונט האָט סאָקאָלאָוו געהאַט א רעפעראַט אין שטאָטישן טעאַטער וועגן ציוניזם. וויפל מענטשן עס זאָלן נישט האָבן געווען אין טעאַטער, איז פיל מער געבליבן אויפן גאַס, ווייל דער זאַל האָט מער נישט געקענט אויפנעמען אַזאַ ריזיקע מאַסע, וואָס האָט געוואָלט הערן ריידן סאָקאָלאָוון און קיין גרעסערער זאַל איז אין פּלאָצק נישט געווען. אויך קריסטן זיינען געקומען אים הערן.

וועגן דעם טיפן רושם, וואָס זיין רעפעראַט האָט געמאַכט איז איבעריק צו זאָגן. ער האָט גערעדט וועגן ציוניזם, וועגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע און וועגן דער אידישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. ער האָט אָנגעהויבן זיין רעפעראַט אין פּויליש, דאַן א קורצע ווײַלע גערעדט אין העברעאיש און דעם עצם־ענין אויפגעקלערט אין אידיש.

מילא, וועגן סאָקאָלאָווס רעדנער־טאַלאַנט איז איבעריק צו שרייבן. ער האָט זיך אין דער הינזיכט דערוואָרבן א וועלט־נאָמען.

עס איז אויך איבעריק צו זאָגן, אַז זיין באַזוך איז געווען א גרויסע איבערלעבונג פאַר די אָרטיקע אידן און מיט פיל, פיל יאָרן שפּעטער, אַז איך פלעג קומען קיין פּלאָצק, פלעגט מען נאָך אַלץ דערמאָנען דעם דאָזיקן באַזוך, כאָטש עס זיינען שפּעטער געווען דאָרט אויך אַנדערע אידישע גדולים, פּאָליטישע פירער, שרייבער און רעדנער.

אין סאַמע ברען פון דער יום־טובדיקייט האָט נחום סאָקאָלאָוו געמוזט פאַרלאָזן פּלאָצק, בכדי פרייטיק פרי אָפּצופאָרן קיין ווישעגראַד.

די רייזע האָבן מיר געמאַכט מיט אַן אויטאָ, וואָס איז אגב אין יענע צייטן נאָך געווען אין פּוילן א זעלטנהייט.

הגם דער דעקאָראַטיווער פּאַראַד אין ווישעגראַד איז געווען א סך אָרימער ווי אין פּלאָצק, איז אָבער דער אינערלעכער ענטוזיאַזם איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען.

אויך דאָ איז ביים אריינפאָר אין שטעטל אויפגעשטעלט געוואָרן א טריאומף־טויער און דאָס גאַנצע שטעטל איז אים אנטקעגנגעגאַנגען א שטיק וועג פאָראויס.

ווען אונזער אויטאָ האָט זיך דערנענטערט צום טריאומף־טויער און סאָקאָלאָוו מיט זיינע באַגלייטער זיינען אויסגעשטיגן פון אויטאָ האָבן מיר בראש פון דעם אָפיציעלן קבלת־פּנים־קאָמיטעט דערזען דעם רב פון שטעטל מיט א ספר־תורה אין האַנט.

נחום סאָקאָלאָוו איז געוואָרן טיף גערירט פון דעם דאָזיקן כבוד און איז גלייך צו צום רב און געגעבן א קוש די ספר־תורה. ער האָט א לאַנגע ווײַלע נישט געקענט קיין וואָרט אויסריידן. דער עולם בפרט די יוגנט, האָט געטאַנצט פון גרויס פרייד.

איך דערמאָן זיך אַזאַ סצענע:

צווישן דעם עולם, וואָס האָט אָפּגעוואַרט ביים טריאומף־טויער איז אויך געווען אַן עלטערע פרוי, עפּעס א מומע פון סאָקאָלאָוון. ווען סאָקאָלאָוו איז צו איר צוגעגאַנגען און איר דערלאַנגט די האַנט, האָט זיך די אַלטיטשקע איינגעבויגן און אים געוואָלט געבן א קוש אין האַנט. סאָקאָלאָוו האָט שנעל זיין האַנט צוריקגעצויגן און מיט פאַרוואונדערונג געפרעגט:

— מומע, וואָס טוט איר?

די אַלטיטשקע האָט זיך אביסל פאַרשעמט און זיך געפּרואווט פאַרענטפערן:

— מען דערציילט, אַז דו ביזט א שררה ביי אידן, אַז דו רעדסט מיט קיסרים, אַז גרויסע פּריצים גיבן דיך אָפּ כבוד און דאָך ביזטו געבליבן א איד...

און נחום סאָקאָלאָוו האָט זיך צעשמייכלט און גלייך געענטפערט:

— מען גיט מיר אָפּ כבוד טאַקע ווייל איך בין א איד, ווייל איך רייד אין נאָמען פון אידן, ווייל איך וויל, אַז אידן זאָלן קענען צוריקקומען קיין ארץ ישראל...

האָט די אַלטע זיך צעוויינט און אויסגערופן:

— הלוואי, רבונו של עולם, הלוואי זאָל שוין משיח קומען און מיר זאָלן קענען אַלע גיין קיין ארץ־ישראל...

אַז פאַר קיין רייזנדן פון דער גרויסער וועלט האָט דאָס קליינע, אָרימע ווישעגראַד נישט געקענט פאָרשטעלן קיין שום ספּעציעלן אינטערעס, איז איבעריק צו זאָגן.

ווען מיר האָבן זיך אָבער געפונען מיט נחום סאָקאָלאָוון, האָט זיך אונז געקענט אויסדוכטן, אַז ווישעגראַד איז די וואונדערבאַרסטע שטאָט אין דער וועלט. אַזוי וואונדערשיין האָט ער געשילדערט דאָס דאָזיקע קליינע, אָרימע און פאַרנאַכלעסיקטע שטעטל, וואו ער האָט דאָס ערשטע מאָל געזען די ליכטיקע שיין.

ווישעגראַד, וואָס האָט אויך איר בלעטל אין דער געשיכטע פון פּוילישן חסידיזם, איז דורך סאָקאָלאָווס שילדערונג אויסגעוואַקסן גרויס און שיין.

בפרט נאָך אין דער יום־טובדיקייט פון זיין באַזוך.

נישט בלויז זייענדיק צוזאַמען מיט סאָקאָלאָוון איז עס דאַן געווען אינטערעסאַנט, נייערט אויך ווען מיר האָבן זיך אויף א ווײַלע געפונען אָן אים און זיך צוגעהערט צו די גאַסן־דיסקוסיעס פון דעם פאָלקס־עולם וועגן סאָקאָלאָוון. צי ער איז א פּרעזידענט אָדער ער וועט זיין א קיסר אין ארץ ישראל, צי איז ער פרום אָדער ער איז אַן אפיקורס, צי איז ער רייך און צי גיט מען אים אָפּ מער כבוד ווי ראָטשילדן... צי דאַוונט ער — אָדער נישט...

פון די דאָזיקע אונטערגעהערטע און צופעליקע אויפגעכאַפּטע פראַגמענטן איז אין יענער צייט אויסגעוואַקסן א גאַנצער ציקל פון וויצן און הומאָרעסקעס אין דער וואַרשעווער אידישער פּרעסע.

דער ערשטער באַזוך פון סאָקאָלאָוון אין ווישעגראַד איז געווען אויף די קברים פון זיינע עלטערן, ווען ער האָט נאָך פאַר זיין אָנקומען קיין פּוילן געהייסן אויפשטעלן נייע, שיינע מיט מאַרמאָר באַפּוצטע מצבות. דאַן ערשט האָט ער באַזוכט אייניקע קרובים און צו קבלת שבת געגאַנגען אין בית־המדרש, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אויפן אָרט פון דעם אַלטן חרוב געוואָרענעם.

שבת אינדערפרי, ביי עלית־התורה האָט סאָקאָלאָוו געהאַלטן א דרשה און אין אָוונט, זיינען מיר מיט דער שיף צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע, וואו עס האָט זיך פאַר סאָקאָלאָוון אָנגעהויבן א נייע, גרויסע פּאָליטישע אַרבעט פאַרן ציוניזם און פאַר דער פאַרבעסערונג פון די פּויליש אידישע באַציאונגען.

דער אידישער האנדל אין פּלאָצק

„פון קדמונים אָן איז פּלאָצק געווען א וויכטי־קע האנדלס־סטאציע אויף דעם ווייסל שליאך קיין דאנציג. די אידן האָבן דעריבער געהאט אין פּלאָצק א ברייט פעלד פאר זייערע האנדלס אינ־טערעסן. זייערע האנדלס באַציאונגען זיינען ברייט פאַרצווייגט: זיי שפּאַרן אָן אין נירענבערג אין מערב און אין דער וואָלאכיי אין מזרח.

דורך די צאָל קאמערן פון פּויזן און קאָליש פאָרן אָפּט א דורך אידישע סוחרים פון פּלאָצק, מיר זעען זיי אויף ירידים פון פּויזן, גנעזן און טוירן.

די פּוילישע מלאכים האָבן געשטיצט דעם האנדל צווישן פּלאָצק און דאנציג. דער קעניג אלעקסאנדער האָט באפרייט פון וואסער־צאָל אלע סחורות, וואָס מען פירט מיט דער ווייסל פון פּלאָצק קיין טוירן, זיגמונט דער ערשטער האָט אין יאָר 1527 באשטעטיקט אלעקסאנדערס פּרי־ווילעג און אין יאָר 1540 באפרייט די שטאָט פון האלב־גראָשנדיקן צאָל פון אריינגעפירטע סחורות.

אין יאָר 1523 איז ארויס א פאַראָרדנונג, אז אלע וואָס פאָרן דורך פּלאָצק אויף די יאָרמערק קיין גנעזן, פּויזן און לענטשיץ מוזן פּאסירן די ווייסל ביים פּלאָצקער פאָרט. די דאָזיקע פאַר־אָרדנונג האָט משמעות אריינגעבראכט דער שטאָט א היפּשע הכנסה פון די דורכרייזנדיקע סוחרים".

די צאָל רייסטערס רעכענען אויס ביי די האנ־דלס אומזאצן פון די פּלאָצקער אידישע סוחרים אזעלכע סחורות:

1) וואָל — געווינלעכע, גלאָגעווער און קעל־נער, 2) טוך און אנדערע טעקסטיל סחורות — געווינלעכע, טשעכישע און שלעזישע; 3) סאַ־מעט טשעכישן און געווינלעכן, 4) פּורפּור, 5) פארשידענע מינים לייוונט, 6) פּוטער (פּוקסן און מארדער), 7) לעדער — רינדערנע און ציגענע, 8) פערד און בהמות, 9) געווירצן, פעפער, זאפּ־רען, צימערינג, און נעגעלעך, 10) מעטאַלענע מכשירים (קאסעס, סאָכעס א"א.) אנדערע מקורים רעכענען נאָך אויס: 11) בליי, 12) פעדערן, 13) אלקאָהאָל־משקאות, 14 פיש, 15) אייל, 16) צו־קערוואַרג און 17) זילבערנע און זיידענע קנעפּ.

קיין דאנציג האָבן די פּלאָצקער סוחרים עקס־פּאָרטירט: 18) געהילץ, 19) כמאָלע, 20) אש און 21) פּוך.

שוין די דאָזיקע נישט גאנץ גענויע רשימה גיט אונז א באגריף וועגן דער קוואַליטאַטיווער רייכ־קייט פון אידישן האנדל אין פּלאָצק.

פון ש. טרונקס „געשיכטע פון אידן אין פּלאָצק", זייט 23.

נ. לערמאַן

אַלטמאַנס הויף אויף ברייטע 10

אין פּלאָצק אזוי ווי אין אלע גרעסערע שטעט אין פּוילן, זיינען פאראן הויפן וועלכע זיינען קליי־נע שטעטעלעך, אויב נישט גאנצע וועלטן פאר זיך. אויף א הויף האָבן געוואוינט און געלעבט מענטשן פון אלע שטאַנדן. שוסטער, שניידער, סטאָלערס, בלעכערס און א טוץ אידישע „מאַ־כערס". קאמאשנמאכערס, זייגערמאכערס, הענ־טשקע מאכערס א. א. חוץ דעם זיינען געווען: חסידים־שטיבלעך, טאנץ־זאלן, גמרא־מלמדים, א סופר, טרעגער, טיי־הייזער מצבה קריצערס און אפילו א פריילעך הייזל. קורץ: פון הייליקייט ביז טומאה. איינעם אזא הויף וועל איך דאָ דערמאנען.

„אלטמאנס הויף", אָדער ברייטע 10. אזוי האָט מען גערופן דעם הויף וואו איך פּונקט ווי אנדערע אידישע אָרימע ארבעטער קינדער, זיינען געבוירן, און דערצויגן געוואָרן און אזוי א גאנץ לעבן איבערגעקומען אין נויט, אין ענגשאפט. זיך אזוי איינגעלעבט און צוגעוואוינט צו דער ענג־שאפט, אז ס'האָט זיך טיילמאָל אויסגעוויזן אזוי נאטירלעך, אזוי אייגן, אז ס'קען גאָר אנדעריש נישט זיין. יאָ, מ'האָט ליב באקומען דעם הויף, דאָס „וועלטל", ווי מען האָט ליב דאָס אייגענע לעבן, ווייל דער הויף און דאָס לעבן איז געווען פארבונדן מיט טויזנטער פעדים. איצט גע־פינענדיק זיך ווייט פון פּלאָצק און פון „אלט־מאנס הויף" אויף ברייטע 10, זע איך איצט דעם הויף מיט אנדערע אויגן.

אין פּלאָצק זיינען געווען נאָך פיל גרויסע הויפן: „פראשקערס הויף", דעם „קאלך־אידס הויף", „ברויזדאס הויף". א.א., אָבער קיין איינער פון די אלע הויפן האָבן זיך נישט געקאָנט פארמעסטן מיט „אלטמאנס הויף". א חוץ וואָס דער הויף איז געווען א שטעטל פאר זיך, האָט ער אויך געהאט אדורכגאנג וועג, וואָס האָט פארבונדן צוויי גאסן. דעם בית המדרש וואָס איז געווען אויף „ברייטע גאס", מיט דער נייער מקוה, וואָס האָט זיך גע־פונען אויף „טורמע גאס". איז ווער האָט עס נישט געמוזט דורכגיין „אלטמאנס הויף"? און אז עס איז געקומען א ערב יום־טוב, ווען מען האָט באַ־דארפט טוישן דאָס שטרוי אין די בעטן פון די אָרימע פאָלקס מענטשן און דאָס האָט מען געטון צוויי מאָל אין יאָר: ערב ראש השנה און ערב פסח, דאן האָט דער „סטרוזש" שוין נישט באַ־דארפט אויסקערן, אויסרייניקן דעם הויף, ווייל די ווייבער שלעפּנדיק די בינטלעך שטרוי פון מארק האָבן שוין אויסגעקערט דאָס אָנגעקליבענע מיסט צווישן די ברוקירטע שטיינער און איבער־געלאָזט א פולן הויף מיט איינצלנע שטרויען און אויסגעדראָשענע זאנגען. און דאָס געדענק איך האָט זיך איבערגעחזרט יאָר איין, יאָר אויס. די איינוואוינער פון דעם הויף אָן ערך פון א 40 ביז 50 פאמיליעס, א 200 אָדער 250 שטענדיקע תוש־בים, א חוץ איינגעוואנדערטע אויף א גאנצן טאָג, וואָס א טייל האָבן איבערגענעכטיקט אין די קע־לערס פונם הויף.

צוגעפּאָרענע אינם הויף זיינען אויך געווען די חסידים פון „גערער שטיבל". און אין די דריי הדרים זיינען געווען מער, ווי הונדערט קינדער. זייער גערויש און געפּילדער קלינגט מיר נאָך איצט אין די אויערן.

צורעכענענדיק די קליענטן צו יעדן בעל מלאַ־

יכה, געסט אין טאנץ־זאל און סתם געסט, זיינען געוועזן טויזנט און אפשר נאָך מער נפשות אויף דעם הויף פון ברייטע 10.

איצט קאָן מען זיך פאָרשטעלן די היימלעכקייט אויף דעם הויף, ווען אלע האָבן אָנגעהויבן טון זייערע טעגלעכע ארבעטן. די ערשטע, וואָס האָט אָנגעזאָגט די שכנים, אז אָט, אָט הויבט שוין אָן צו טאָגן איז געוועזן די אלטע מצבה קריצערן, וואָס האָט באַוויינט איר ביטער גורל מיט קללות אלם צולאָג. יעדן פארטאָג האָט זי באַזאָרגט די בעלי בתישע שטובן מיט ברויט. אָבער ווען דאָס קלאפּן פון די שטיוול פון מיכאל שמש פונם גרויסן בית־המדרש, האָט זיך דערהערט דאַן האָט שוין קיין רייד פון שלאָפן נישט געקאָנט זיין. ווי לויט א סיגנאל האָט זיך באלד געהערט א געהוסטעריי און ניסעריי, פון אליהו דעם סטאָליער, פון משה־בריינים דעם בלעכער, שלמה טאָפּ דער טרעגער, הירש אהרן דער היטלמאכער, בעריש דער מצבה קריצער, דער טויבער דרעקסלער, די שוחטים, דער סופר, דער חזן, דער זיפּן־מאכער. יעדער באַזונדער האָט זיך אָפּגעהיט אויף זיין שטייגער און זיך מכין געוועזן צום ערשטן דאַווענען. שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן ווייבער מיט פארשלאָפענע פנימער און טשייניקעס אין די הענט, דאָס זיינען זיי אראָפּגעגאנגען צו גאָלדע לאהן אין דער קעלער־טשיינע, כדי צו קויפן געקאָכט וואסער פונם קעסל צוצוגרייטן טיי פאר דעם הויז־געזינט. נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן א געקלאפּעריי, געטראסקעריי, א געפּילדער, א גערויש, פון די חדרים און אזוי א גאנצן טאָג. פארנאכט פלעגט פאָרקומען א מלחמה צווישן די חדרים־אינגלעך, וואָס האָט זיך פארענדיקט מיט אויסהאקן ביי שכנים עטלעכע שויבן. און אזוי טאָג איין און טאָג אויס, יאָר איין, יאָר אויס, האָט זיך געלעבט אין „אלטמאנס הויף“ אין פּלאָצק, אויף „ברייטע 10“.

דער פלאָצקער שיך־הענדלער פינקלשטיין מיט זיין זון. ביידע זיצן און ווארטן אויף א קונה.

ריטועלע פּראָצעסן

„אויך אין מאזאָוויע האָט געבליט די דאָזיקע גיפּטיקע פרוכט. דער גרעסטער ריטועלער פּראָצעס אין מאזאָוויע, וואָס האָט געפונען א ברייטן אָפּקלאנג אין און מחוץ די גרענעצן פון פּוילן, איז דער טרויעריק בארימטער סאכאטשעווער פּראָצעס פון יאָר 1556, וואָס האָט ארייַנגעצויגן אין זיין קרייז אויך די פּלאָצקער קהילה“.

פיר סאכאטשעווער אידן: דער שמש ביניש, זיין זון יעקב און די צוויי ברידער יוסף און יעקב סאכא (שפּעטער האָט מען אין גאנג פון דער אויספאָרשונג ארייַנגעצויגן אויך זייער פאָטער טרייטל) זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין אפּריל 1556, אז איינער פון זיי, היינו דער שמש ביניש האָט צוגערעדט די פרוי דאָראָטא לאבענצקא, זי זאָל צוגנבענען די האסטיע בעת דער קאָמוניע אין דער דאָרפישער קירך אין קאָזלאָווא און זי האָט דאָס ביי איר דערנאָך אָפּגעקויפט פאר 3 טאָלער און א שטיק טוך; שפּעטער האָט ביניש מיט זיינע אויסגערעכנטע שותפים אדורכגעשטאָכן די האסטיע און דאָס בלוט, וואָס איז ארויסגעפלאָסן פון איר צונויפגעזאמלט אין א כלי. איינגעזעצט צוזאמען מיט די ווייבער אין פּלאָצקער טורעם (חוץ ביינישן, וואָס איז געזעסן אין דער סאכאטשעווער תפיסה), זיינען זיי דערנאָך גענומען געוואָרן אויף פארהער.

די אויספאָרשונג האָבן געפירט: פראנציס ליפּאמאָנאָ — ווי דער שליח פון זיין קרוב, דעם פּויפּסטלעכן לעגאט אילויזי ליפּאמאנא דעם לעגאטס סעקרעטאר יוזעף אליוואָ (ביידע איטאַליענער) און אויך דער לוויטשער בירגער־מייסטער סטעפאן און דער מילנער וואויטשעך — דעלעגירט דורכן גניעזנער ארציבישאָף מיקאָליי דזשעזשגאָווסקי.

נישט קאָנענדיק אויסהאלטן די עינויים פון דער אויספאָרשונג האָבן זיך די באַשולדיקטע „מודה געווען“ אין דעם פארברעכן און לויט דעם אורטייל פון דעם ליטווישער סינאָד, וואָס האָט דעמאָלט אָפּגעהאלטן זיינע בארא טונגען, זיינען זיי געוואָרן פארמישפּט צום טויט. דעם אורטייל איבער ביינישן האָט מען אויסגעפירט אויפן באַפעל פון סאכאטשעווער סטאַראָסטע דעם 25־טן מאַי, איבער טרייטלען און זיינע צוויי זין יוסף און יעקב מחוץ די מויערן פון פּלאָצק דעם 1־טן יוני 1556 (פריער נאָך דעם 23־טן אפּריל איז איבער פרוי דאָראָטע אויסגעפירט געוואָרן דער טויט אורטייל אין סאכאטשעוו.

די גופים פון די דריי פארמישפּטע (אין פּלאָצק) האָט מען נישט קובר געווען, נאָר זיי זיינען געהאנגען (אויף א תליה?) ביז יאנואר 1557, און ערשט נאָך אן אינטערווענץ פון קעניג ביים מאַגיסטראט און סטאַראָסטע (געשריפטס פון וואַרשע פון 13־טן יאנואר 1557) זיינען זיי מסתמא ארויסגעגעבן געוואָרן דער פּלאָצקער קהילה און געבראכט געוואָרן צו קבורה. דאָס איז געווען דער עפּילאָג פון דעם דאָזיקן טראגישן פּראָצעס.

ווי איז געווען די שטעלונג פון קעניג? מיר האָבן אזש 8 קעניגלעכע עדיקטן, וואָס זיינען אויף א דירעקטן אָדער אומדירעקטן אופן נוגע דעם דאָזיקן ענין. אין זייער שיין באַווייזט זיך אונז זיגמונט אויגוסט אין פוילן הסכם מיט זיין כאראקטער, וועלכן מ׳קאָן באַצייכענען מיט די ווייטערדיקע ווערטער: ערלעכקייט געפּאָרט מיט א שוואַכן ווילן. דער קעניג האָט געקאָנט ביי א גרעסערער אָנשטרענגונג ראטעווען די אומשולדיקע קרבנות (דאָראָטא האָט זיך מודה געווען פארן טויט, אז דעם בלבול האָט זי אויסגעטראכט אויס נקמה צו ביינישן), אָבער ער האָט דעם דאָזיקן ענערגישן שריט נישט געמאכט.“

דאָס אידישע געריכט

„פאַר סיכסוכים, אין וועלכע דער איד איז געווען דער אָנגעקלאָגטער, האָט עקזיסטירט א באַזונדער געריכט, דאָס א״ג אידישע געריכט, וועלכן מיר קענען נאָך פון 15־טן י״ה. דאָס געריכט פלעגט אָפּהאַלטן זיינע זיצונגען אין דער שיל, די זיצונגען פלעגן פאָרקומען 3—4 מאָל אין חודש״.

„די ענינים, וועלכע געפינען זיך אויף דער וואָקאַנדע פון געריכט זיינען זייער פארשידנארטיק ווי למשל: 1) סיכסוכים וועגן נישט באַצאָלטע הובות (דער רוב), דערביי איז די סקאַלע זייער א רייכע — פון 23 גר. ביז 4.500 גל! 2) וועגן פאַרזעצטע חפצים, (פון א טאָפּ בראָנפן ביז א גאָלדן קייטל), 3) א סיכסוך וועגן עפּל, וועלכע א אינגל האָט געריסן אין סאָד פון די יעזואיטן, 4) פּערזענלעכע זידלערייען און באַליידיקונגען, 5) וועגן באַליידיקן דעם קריסטלעכן צעך, 6) וועגן איבערגעלאָזטע אָדער פארלוירענע חפצים, 7) וועגן קויפן געגנבעטע לעפל, 8) שלאָגן און באַליידיקן א גלח א.א.וו.

וואָס שייך די פּסקים און שטראָפן וועלכע דאָס געריכט האָט ארויסגעגעבן, פלעגט דאָס געריכט אין רוב פאַלן צו פּסקענען דעם אידישן צד א שבועה; איז דער איד נישט געקומען צו דער שבועה האָט ער פארשפּילט דעם פּראָצעס און דאָס געריכט פלעגט דעמאָלט פאַראָרדנען אן עקזעקוציע איבער דעם האָב און גוטס פון דעם באַשולדיקטן.

אין סיכסוכים וועגן באַליידיקן פלעגט דאָס געריכט באַשולדיקן מיט דעם חוב עפנטלעך איבערצובעטן דעם באַליידיקטן (אין געריכט) און חוץ דעם געבן א געוויסן סכום וואַקס אָדער וויין פאַר דער באַוועלעטן אין דער שיל (העלפט אויף העלפט).

א הארבע שטראָף איז געווען די קונע. אין יאָר 1681 למשל איז א אידישער שניידער, וואָס האָט נישט אויסגעפירט די באַשטעלונג פאַר א בירגער, פון וועלכן ער האָט פריער אויס גענומען באַצאָלט, באַשטראָפט געוואָרן צו געבן פאַר דער שיל 10 פונט וואַקס און צו זיצן א צוגעשמידטער צו דער קונע אזוי לאַנג, ביז ער וועט נישט אומקערן דאָס באַקומענע געלט״.

ביי דעם אידישן געריכט האָבן זיך געפונען די אזויגערופענע „אידישע ביכער״ אָדער „אידישע אַקטן״, וואו מ׳פלעגט פארצייכענען ענינים און סיכסוכים צווישן אידן און קריסטן״.

די אידישע שבועה

„די אידישע שבועה איז פאָרגעקומען אָדער ביי א ספר־תורה אין פאַלן ווען די סומע פון דער תביעה איז געווען גרעסער פון 50 „מארק״ זילבער אָדער ביי דער „קייט פון דער שול־טיר״, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן קלענערע סומעס. די פראַגע וועגן דער שבועה ביי דער שול־טיר רופט ארויס ספקות, ווייל אין דער גאַנצער תלמודישער און רבנישער ליטעראַטור געפינט זיך אפילו נישט קיין זכר פון אזא אָדער ענלעכע שבועה פאָרם. אז די דאָזיקע שבועה איז געווען א לעגאַלע, דורך די אידן אָנערקענטע, זאָגט עדות דער סיכסוך צווישן דעם פּלאָצקער גלח קאָרזשבוג און דעם פּלאָצקער איד יעקב וועגן דעם מין שבועה, וועלכע דער איד דאַרף אָפּגעבן, דערביי האָט דער ריכטער, וואָס האָט צוגעפּסקנט יעקבן א שבועה „ביי דער שול־טיר״ זיך פאררופן אויף דעם אידישן סטאַטוט און מנהג.

שפּעטער האָט מען געפּרואווט מוסיף צו זיין צו דער אָנגענומענער שבועה־פאָרם נייע, באַליידיקנדיקע צערעמאָניעס.

עס זאָגן וועגן דעם עדות צוויי דעקרעטן פון קעניג באַטאָרי — איינער פון יאָר 1576 אין וועלכן דער קעניג שטעלט נאָך אמאָל פעסט די באַקאַנטע שבועה פאָרמען און דער צווייטער פון יאָר 1585, אין וועלכן דער קעניג פארווערט אָנצואווענדן בעת א שבועה פון א איד פּוסטע און אומגעלומפּערטע מנהגים.

די דעקרעטן האָבן אָבער נישט געהאָלפן, במשך דעם 17־טן י״ה האָבן זיך אין געוויסע געריכטן איינגעבירגערט אזעלכע בזיונדיקע מנהגים, ווי א שבועה אויף דער פעל פון אן אייזל״.

„געשיכטע פון אידן אין פּלאָצק״.

א. זיגער

טיפּן און בילדער פון פּלאָצק

מיין געבורט־שטאָט: פּלאָצק „זיצט״ ווי א פּרינצעסן אויף א הויכן בארג און שפּיגלט זיך אין „דער ווייסל״. אין שטאָט איז אָבער דאָס לעבן גאָרניט אזוי גרינג.

אויפן ראָג „באַלסקער״ און „ברייטע״ גייט א איד און אַלע פּאָר מינוט שטעלט ער זיך אָפּ צו וואַרטן אויף זיין חבר. איינער פון זיי איז „לייזער אין שיל אריין״ און דער צווייטער דער האַלב געליימטער, דאָס איז „קוקורוזע״. דאָס זיינען צוויי אָרימע מענטשן, וואָס גייען צו פייגע די קאַשעמאַכערקע אָפּמאָלן אביסל גריטשענע קאַשע צום מארק טאָג.

צוויי באַקאַנטע פּלאָצקער טיפּן



שמואל נח און משה אָקס.

אויף א צווייט פּלאַץ שפּאַנט דער בלינדער משה. פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט טראָגט דער בלינדער משה וואַסער אין די הייזער אריין. ער טרעפט אפילו אין די שטובן, וואָס געפינען זיך אין די פינצטערסטע ווינקלען. משה דער בלינדער טראָגט די עמער און זינגט דערביי צו און דערווייל וווערט די „גילדינע גאַס״ פול מיט וועגענער, מיט סוחרים, וואָס ווילן באַקומען א גוט פּלאַץ אויפן מאַרק.

אָט זיינען שוין געקומען די סוחרים פון גאָמבין און באָדזאַנאָווע. פייגעס טשיינע איז פול מיט פּאַסאַזשירן, וואָס פיל פון זיי וועלן קיין בים נישט טון איידער זיי האָבן אָפּגעדאַוונט. אנדערע זיינען אריין צו פּאַפּיערטשיקן אויף „טאָמסקע״ גאַס און זיי מאַכן א גאָר געשמאַקן לחיים. נאָר נישט געזאָרגט תנחום דער מילך־הענדלער שטייט אויך נישט ליידיק און אין הערש מרדכים שענק איז אויך פול מיט קונים. היינט איז מארק־טאָג אין פּלאָצק און דערצו איז דאָך ערב שבת אויך, טוט זיך אין שטאָט אויף טיש און בענק. פּלאָצקער גאַסן זיינען פול מיט וועגענער. און וואו ס׳איז פאַראַן אן אריינפאָר הויז קאָן מען זיך קיין ריר נישט טון. פאַרן באַזאַר איז פול מיט עופות, גרינווארג, פיש, פּרוכט און ווייבער האַנדלען מציאות.

נעבן באַזאַר שטעלט זיך אויך אָפּ דער הינטשלעגער מיט זיין וועגעלע זאַמד און ווייבער רינגלען אים ארום, קויפן ביי אים זאַמד און ער דער הינטשלעגער מיט די גרויסע אראָפּגעלאָזטע וואָנצעס צוטראָגט די שמאָלע זעקעלעך זאַמד אין די

א גרופּע אלטע לייט אין פּלאָצקער מושב־זקנים

אידישע שטובן אריין לכבוד שבת. צום מארק טאָג קומען גויאים צו גיין פון גאנץ ווייט, כדי איינצור־האנדלען א מלבוש, צו גאָר א שטיקל ציץ אויף א קלייד. אנדערע ברענגען מיט אין די קעשענעס מאָסן אראָפּגענומען פון קינדערשע קעפּעלעך, פּי־סעלעך, געמאכט אויף שטריקלעך. יעדער קנופּ אין שטריקל איז אן אנדער סימן און אויף אָט די דאָ־זיקע סימנים קויפן די פּויערים שיך און מלבושים פאר ווייבער און קינדער.

הערש ראובן.

ווער אין פּלאָצק קען עס נישט הערש ראובנען?

אלע ווייסן, אז הערש ראובן איז א פרומער איד, וואָס וואכט איבער דער שטאָט און תמיד איז ער גרייט אונטערצוקומען מיט הילף אויף דעם בכבודיקסטן אופן. יורדים, אלמנות, יתומים, וואָס ליידן הונגער און זיי ווילן נישט, אז די „גאס", אָדער די גמינע זאָל זיך דערוויסן, ווייל דאָס זייענען נאָך מענטשן, וואָס ווילן נישט פיגורירן צווישן די אָפיציעלע שטיצע־נעמער; אָט די עקאָנאָמיש געפאלענע האָט הערש ראובן אין זינען.

ניין, הערש ראובן איז נישט אליין. מיט אים ארבעט מיט א גאַנצער שטאב אידישע פרויען און זיי טרעפן שוין אהין וואו מ'דארף הילף.

אין דער „ברייטער" גאס אריין הייבט זיך אָן אָנרוקן דער שבת. ביי צימבלערן אין הויף טוט זיך חושך. אידענעס לויפן אָפּגעבן דעם טשאָלנט, דער שמש קלאפּט צו ליכט בענטשן און רופט אין שיל אריין און אידן איילן זיך שנעל, שנעל אהיים.

די געשעפטן שליסן זיך איינער נאָכן אנדערן און אין איין האלבער שעה באקמוען די פּלאָצקער גאסן אן אנדער אויסזען.

אידן אויסגעצוואָגענע, שבתדיקע גייען אין בית־המדרש אריין, יונגע לייט און מיידלעך גייען ארויס אויפן שפּאציר און אָט אזוי קומט אָן דער שבת. פּלוצים שניידט דורך די גאס גימפּל דער בעל עגלה.

נישט אנדערש, נאָר א שטן האָט אים פאר־האלטן אין וועג — האלט גימפּל אין איין שרייען. גימפּל שמייסט דאָס פערדל זיינס און ציט די לייצעס מיט אלע כוחות און דאָס פערדל קוים, וואָס עס גייט.

גימפּל שעלט זיך און דאָס פערדל זיינס, ער שמייסט און טרייבט דאָס פערדל, אז א פארע זעצט פון זיי ביידן.

גימפּלס צעפּייניקטן אויסזען, ווען ער פלעגט אריינקומען קיין פּלאָצק א פּאָר מינוט נאָך ליכט־בענטשן, שטייט מיר נאָך היינט פאר די אויגן.

ז. וואסערצוג

האָבן זיי אים געשווינט, די מערדער?

(טרויער רעפלעקסן וועגן דער אלטער היים)

— 1 —

א שווערע אומרואיקייט פּייניקט מיך לעצטנס וועגן מיין אלטן טאַטן. אזוי לאנג אז איך האָב נישט קיין ידיעה פון אים...

זיין הויכע, אביסל איינגעבויגענע געשטאַלט, איז מיר אזוי נאָענט און זי שיילט זיך אויס בולט דורך דעם ווייטן שטח און צייט, וואָס כ'האָב אים נישט געזען.

אויף שריט און טריט באגלייט מיך לעצטנס מיין טאַטנס ליכטיקע געשטאַלט און זי איז פאר מיר אן אָנשפּאר, אן אָנהאלט אין די קריטישסטע מאָמענטן.

אין די טיפע קנייטשן פון מיין טאַטנס איידעלן פּנים נעסטן שפּורן פון מיינע נישט ווייטע קינ־דער יאָרן; טעג ליכטיקע, ווען די שכינה האָט גע־רוט אין אונזער ירושה־שטוב, און טעג טונקעלע, ווען וואָלקנס שווערע האָבן זיך פארצויגן ארום אונזער באלעבאטישער היים.

— מען דארף האָבן בטחון — פלעגט זאָגן מיין טאַטע ביי יעדער געלעגנהייט.

און די פּשוטע אידישע ווערטער, ארויסגעזאָגט מיט א רואיקן און בארואיקנדן טאָן, קלינגען נאָך איצט אין מיינע אויערן און ווירקן ווי א גוטער באלזאם אויף מיין צעטרייסלט געמיט.

ווי א ליכטיקער שטערן לייכט צו מיר ארויס דער מאָמענט, ווען מיר האָבן זיך ארויסגעצויגן פון שטעטל. דאָס גאנצע שטעטל איינוואוינער איז נאָכגעגאנגען נאָך די אָנגעלאָדענע וועגענער מיט זאכן, און מיט טרערן אין די אויגן האָבן זיי זיך מיט אונז געזעגנט:

— ר' משה, אויף וועמען לאָזט איר אונז איבער?

נאָך ביים היינטיקן טאָג, אז איך דערמאָן זיך דעם מאָמענט, פיל איך אז עס ווערט ליכטיק ארום מיר, און א טיפער דרך ארץ נעמט מיך דורך צו מיין שטילן, כמעט שטענדיק שוויגנדיקן טאַטן, מיט שיינע אידישע מדות.

איך פיל אין מיר נאָך די טיפע קרעכצן פון מיין טאַטן, בשעת ער האָט אין די בין השמשותן גע־שפּאנט איבער דעם צימער און געקרעכצט אויף אייגענע דאגות און צרות הכלל.

יעדער פון מיין טאַטנס קרעכצן האָט זיך מיר איינגעשניטן אין מיין יונגער נשמה און האָבן אויף מיר שטאַרקער געווירקט ווי די שאַרפסטע שטראָף־רייד. צוזאמען מיט די קרעכצן האָב איך אלס יונג קינד גענומען אויף זיך פליכטן, פּענ־טעס, פון וועלכע כ'וועל זיך שוין אייביק נישט קענען באפרייען.

עס קלינגען נאָך איצט אין מיינע אויערן די לעצטע ווערטער, וואָס איך האָב געהערט פון מיין טאַטן, בשעת איך האָב זיך געזעגנט מיט אים, אוועקצופאָרן אין דער וועלט אריין.

— ווען מיר זיך נאָך אמאָל זען, זלמן? — —

אין דעם מאָמענט האָט די שטימע זיינע פאר־

לוירן די זיידענע געמיטלעכקייט און זי האָט זיך אָנגעזאפּט מיט טרערן, וועלכע ער האָט נישט גע־קאָנט אויסבאהאלטן פון מיר.

דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, ווען איך האָב מיין טאַטן געזען א וויינענדיקן.

איך פיל נאָך איצט אויף מיין ליב דעם שווי־דער, וואָס די ווערטער, די לעצטע ווערטער פון מיין טאַטע, האָבן ביי מיר געהאַט ארויסגערופן.

וועל איך נאָך אמאָל הערן זיין גוט און בארו־איקנד קול?

האָט די השגחה פארשוינט מיין אלטן טאַטן, אז ער זאָל נישט אומקומען דורך די פארבלוטיק־טע הענט פון די רוצחים?

— 2—

אויפן שאָסיי וואָס פירט פארביי דעם שטעטל־שן בית עולם האָב איך אים באגעגנט. א באָרווע־סער און מיטן טלית־זאק אונטערן אָרעם האָט ער געשפּאנט א פארטיפטער און געלייטערטער.

א הויכער, אן אויסגעדארטער, מיט צעבלוטיק־טע פיס האָט ער געשפּאנט איבערן שאָסיי מיט א אויפגעהויבענעם קאָפּ און געקוקט פאר זיך מיט זיינע שווארצע און טרויעריקע אויגן.

— טאַטע!

ער האָט געשוויגן און איז ווייטער געגאנגען זיין וועג.

— טאַטע, דערקאָנסט מיך נישט?! — האָב איך אויפגעציטערט.

און דער טאַטע האָט געווענדעט זיין בליק צו מיר און האָט טרויעריק און קאלט ארויפגעלייגט זיין האנט אויף מיר.

איז דאָס טאַקע מיין טאַטע, אָדער איז דאָס א שאָטן נאָר, אן עכאָ פון זיין אייגענער געשטאַלט?

בין איך געשטאַנען אזוי נעבן מיין טאַטע און ביידע האָבן מיר געשוויגן. און די שווייגעניש איז געוואָרן געדיכטער, שטאַרקער פון מינוט צו מי־נוט און האָט מיך געשטיקט.

איך האָב מער נישט געקאָנט אריבערטראָגן אזא שווערע שווייגעניש און איך האָב אויסגעבראָכן מיט א געיאָמער:

„איך פיל זיך אזוי שולדיק, טאַטע, כ'האָב אייך געלאָזט אליין אויף די אלטע יאָרן און כ'בין אוועק אין דער וועלט אריין צו זוכן ברויט פאר מיר".

„אויף אלע אייביקייטן האָב איך זיך פארזינ־דיקט. כ'האָב אייך אלטע לייט איבערגעלאָזט אויף הפקר, געלאָזט אייך אויף דעם חסד פון אן אכזריותדיקן שונא, און אליין בין איך אוועק צו באזעצן זיך אין דעם לאנד פון זאטקייט, אין דעם לאנד פון ברויט און פלייש".

„ווײ איז מיר! איך האָב אויסגעביטן, טאַטע, דיין שבתדיקע גייסטיקייט אויף מיט חלב באַרעק־טן כאמאָן — — —"

א קעלט האָט געגומען טרייסלען אלע מיי־נע גלידער. ווי א פרעמדער און זינדיקער בין איך געשטאַנען פאר מיין אלטן טאַטן. מיין גאנץ לעבן וואָלט איך אוועקגעגעבן, אז איך זאָל ווידער זיך פילן אזוי נאָענט צו מיין טאַטן, ווי אין יענע טעג פון מיין קינדהייט, ווען איך האָב געטרונקען פון זיין קידוש־און הבדלה־בעכער.

און איך האָב מיט ברען, מיט פייער גענומען זאָגן שטיקער פון תפלות, אָפּגעריסענע שטיקער פון פיוט, וואָס האָבן נאָך ארומגעבלאָנקעט אין מיין זכרון פון די קינדער־יאָרן, ווען איך בין גע־שטאַנען אין אונזער אָרימער שיל ביים טאַטנס שטענדער און ארייננעקוקט אין זיין מחזור אריין.

דער טאַטע האָט מיט באדויערן ארויפגעלייגט ביידע הענט אויף מיר, ווי ערב יום־כפור צום בענטשן, און ער האָט טרויעריק געשעפּטשעט:

„...איבעריקע רייד, מיין קינד. גאָט הערט אונז נישט מער. ער האָט זיך אָפּגעטון פון אונז...

איך בין געבליבן א פארגליווערטער פון מיין טאַטנס רייד.

מיין טאַטע א גאָט לעסטערער?!

איך האָב דערפילט דאָס געשריי, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן ווי א שטורעם אין זיין איינגעטרוקנ־טער ברוסט.

וואָס פארא מוראדיקע און גרוילהאפטע איבער־לעבונגען עס האָט געמוזט דורכמאכן מיין טאַטע; וואָס פארא בלוט־פארגליווערנדיקע בילדער עס האָבן איינגעזאפּט אין זיך זיינע אויגן, וועלכע האָבן אזויפיל יאָרן געשוועבט צווישן די שורות

פון די הייליקע ספרים, אז ער, דער פרומער און אָפּגעהיטענער איד זאָל ווערן א גאָט לעסטערער...

ווי לאנג איז ערשט, אז איך בין געווען דער אומגלויביקער, און מיין טאַטע פלעגט מיר פאָר־ווארפן גאָט־לעסטערונג? אזא אויסטערלישער בייט מיט די ראָלן?

כ'האָב נישט געוואגט דעם בליק אויפצוהויבן צו מיין טאַטן. זיין גאָט־לעסטערונג האָט אים נאָך מער דערהויבן און געהייליקט. איך האָב גע־זען אין אים די פארקערפּערונג פון אלע ליידן אונזערע.

פון ווייטנס זיינען אָנגעלאָפן די גערמאנישע מערדער, צעווילדעוועטע, באוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס האָבן זיי זיך געיאָגט נאָך מיין אלטן טאַטן.

איך האָב געוואָלט אים באשיצן, פארשטעלן אים, אָדער נעמען אים און אנטלויפן, אָבער ער האָט נישט געוואָלט.

„איך מוז דאָ בלייבן!"

ער האָט זיך איינגעהילט אין זיין טלית, וואָס ער האָט געטראָגן מיט זיך און דרייסט און מוטיק איז ער געבליבן שטיין אן אויסגעגלייכטער.

איך בין געבליבן א פארציטערטער, א צעבראָ־כענער, א מאכטלאָזער אין מיין אומבאהאָלפנ־קייט, אָן א געשריי צומאָל אין מיין האלז — —

— 3 —

מיין טאַטנס געשטאַלט באאומרואיקט מיך לעצ־טנס. שטומערהייט מאָנט עפּעס ביי מיר זיין ליכ־טיקע געשטאַלט.

האָבן זיי אים געשוינט די מערדער?

אפשר נויטיקט ער זיך איצט אין מיין טרייסט, אין מיין הילף?

אפשר דארף איך גאָר קדיש זאָגן נאָך אים? —

מערער אָבער פון אלץ מאָנט ער ביי מיר נקמה, — נקמה פאר אים און פאר אלע קדושים אונזערע — — —

ס. לעבגאט

דערינערונגען פון מיין אלטער היים

אין א חול המועד־פסח איז עס געווען. איך צו־זאמען מיט נאך קינדער האבן זיך געשפילט אין באהעלטעניש צווישן די גרויסע געמויערטע יאט־קעס, וואס זיינען געשטאנען אין דער מיט נייעם מארק. אונזערע קינדערישע געשרייען האבן אפ־געהילכט ווייט, ווייט ביז צו די פעלדער פון וואנען ס'האבן געיאגט פרילינגס ווינטלעך, וואס האבן געגלעט אונזערע פנימלעך.

פלוצים איך שפיר ס'ליגט אויף מיר א האנט. איך קוק זיך ארום, איך זע פאר זיך מיין עלטער ברודערל: ישראל יחיאל.

— וואס איז — פרעג איך מיין ברודערל?

— דער טאטע רופט דיך — זאגט ער האלב דערשראקן. עס איז געקומען דער רבי און ער וויל דיך אנקוקן.

די בשורה האט מיך ממש אונטערגעהאקט די פיס; איך בין אבער גלייך געלאפן אהיים. אז דער טאטע רופט האב איך געוואוסט מוז מען גיין און דערצו איז נאך מיין פאטער געווען א שטרענגער.

מיט אן אראפגעלאזטן קאפ בין איך אריינגע־קומען אין שטוב. גלייך האט מיר מיין טאטע צו־גערופן, מיר אנגעוויזן דעם רבין וועמען כ'האב געדארפט געבן די האנט און מיר אנגעזאגט די בשורה, אז נאך יום טוב וועל איך צו אט דעם רבין דארפן גיין אין חדר אריין.

איך האב צוגעשטימט, אבער אין הארצן בין איך נישט געווען קיין גוטער פריינט נישט דעם רבין און אויך נישט מיין טאטן.

איך דערמאן זיך פונקט, ווי ס'וואלט ערשט נעכטן געווען: דער באעלפער איז מיך געקומען נעמען אין חדר אריין. מיין מאמע ע"ה האט מיך אנגעטון א ניי קאפאטקעלע, מיט נייע שטיוועלעך און ארונדיק היטל אויפן קאפ. דאס אליין האט דער טאטע מיינער מיר צוגעגרייט, כדי איך דאס פינף יאריקע קינד זאל האבן דעם אויסזען פון א חדר־בחור.

מיט א קלאפנדיק הארץ בין איך געגאנגען ביי דער זייט פון מיין באגלייטער, און די לאנגע קא־פאטקע האט זיך מיר געפלאנטערט פאר די פיס ביז איך בין אנגעקומען אין מיין ערשטן חדר אריין.

דער רבי דער אלטער ר' לייבל ליטוואק (אזוי האט מען אים גערופן) א נידעריק אידל מיט אן איינגעפאלן פנים און ארויסשטארצנדיקע קינבאקן, מיט קלוגע אויגן און א קליין בערדעלע, וואס איז געווען האלב ווייס און האלב געל, האט מיך אויפגענומען מיט א ברייטן ברוך־הבא, מיך גע־געבן א קניפ אין בעקל אריין און מיך אוועקגע־זעצט אין דער ערשטער רייע צווישן די עלטערע תלמידים. איך האב זיך צוגעפאסט צו דער נייער סביבה מיינער און האב אנגעהויבן טראגן דעם שווערן יאך.

צום שטארקסטן איז מיר געבליבן איינגעקריצט אין זכרון דער אלטער ר' הלל פויזנער. ער האט פארנומען דאס אנגעזעענסטע ארט אין מיינע קינדער־יארן. ביי אים האב איך געלערנט דריי יאר.

געוואוינט האט ער דעמאלט אין „אלטמאנס הויף" אין א נידעריק שטיבל. ער דער רבי און זיין ווייב רבקה זיינען שטענדיק ארומגעגאנגען בייז. זאל עס זיין דערפאר, ווייל זיי האבן קיין קינדער נישט געהאט? וואס ס'זאל נישט זיין די סיבה,

איז ווי געווען צו יענעם אינגל, וועלכער האט נישט געבראכט צו דער צייט דעם האלבן רובל ראש חודש געלט. (אויסער דעם שכר־לימוד) און האט דער רבי געווארפן אן אומחן אויף עמיצן פון די תלמידים, פלעגט ער קנייפן מיט אזא סאדיזם, אז אויפן אינגלס לייב פלעגן בלייבן בלויע צייכנס. שלאגן פלעגט ר' הלל מיט א לעדערנעם פאסיק מכת־רצח. פיל מאל פלעגט זיך זיין ווייב רבקה פאר אונז איינשטעלן, פלעגט ער איר אנ־שעלטן וויפל ס'האט נאר געקאנט אריין.

איינמאל בין איך אהיים געקומען פון חדר א



די פלאצקער שיל

צעקיילטער מיט בלויע צייכנס אויפן לייב. מיין מאמע ע"ה געדענק איך, האט זיך שטארק צע־וויינט און געוואלט, אז מ'זאל מיך מער נישט שיקן צו ר' הללן. מיין טאטע האט זיך אבער איינ־געעקשנט און איך האב געמוזט דעם בעכער אויס־טרינקען ביזן דנא.

די „ברייטע גאס".

אזוי הייסט די גאס, וואס איז דאס הארץ פון מיין געבורט־שטאט: פלאצק.

זי איז די ברייטסטע גאס אין פלאצק און איז דער צענטער פון גאנצן אידישן האנדל און האנט־ווערקערטום. פוןביידע זייטן גאס ציען זיך אי־דישע געשעפטן, ווי אויך קליינע קרעמעלעך מיט גראשנדיקן האנדל. די הויפט חיונה פון די אלע געשעפטן און קראמען זיינען געווען די צוויי מארק טעג א וואך. דינסטיק און פרייטיק פלעגן זיך צו־נויפקומען די פויערים פון אומגעגנט אין גרויסן מארק אריין. נאכן האבן פארקויפט זייער'ן סחו־רות, וואס זיי האבן געבראכט פון דארף, פלעגן די פויערים זיך לאזן אין אידישן האנדלס־צענ־טער איינקויפן, וואס זיי האבן געדארפט פאר זייער הויז־געזינד.

אין אט דער ברייטער גאס שטייט דאס בית המדרש החדש. פארן אריינגאנג איז דא א גער־טנדל, וואו ס'שטייען ביי דער זייט עטלעכע ביי־מער. אין דער זעלבער געביידע איז דאס קהל־שטיבל, וואו ס'קומען זיך צונויף די דאזארעס, דער נעבן געפינט זיך דאס שעכט־שטיבל פאר עופות. דאס אליץ געהער צום בית המדרש.

דאָס לעבן אין בית־המדרש איז אָבער אַ גאַנצע וועלט פאַר זיך.

עס דערמאָנט זיך מיר דער שמש ר׳ מכאל, וואָס פלעגט יעדן פון די דאַוונער האָבן אויפן אויג. ער האָט שוין געוואוסט וועמען אויפצורופן צום ספר און וואָס פאַר אַ יעמוד אים צו מאַכן. דער עולם־דאַוונער איז דאָ געווען אַ פאַרשידנפאַרבי־קער. מערסטנס האָט מען דאָ געטראָפן: שניידער, שוסטערס און כתם קבצנים. דער פּשוטער בעל־מלאכה האָט זיך דאָ געפילט באַקוועם. ווייל ער האָט געקאָנט זאָגן וואָס ער וויל און שמועסן, ווי אַזוי אים געפעלט.

ווערן ביז דער שמש ר׳ מכאל פלעגט אַ קלאַפּ טון אין שלחן אַריין און אַרויסגעלאָזט אַ הייזעריקן: שאַ!

און איצט לאָמיר אַ שפּאַציר טון פון גרויסן בית המדרש איבער דער ברייטער גאַס ביז צום „גילדענעם געסל”, אָדער ירושלים־גאַס, ווי מ׳האָט עס גערופן אין פויליש.

פון „ירושלים גאַס” פירט אַ גלייכער וועג צום שיל געסל. ווען איר גייט אַראָפּ רעכטס טרעפט איר זיך אָן מיט דער שיל. דאָרט, וואו די שיל איז

דריי חסידישע בחורים ביים לערנען אין קליינעם בית־המדרש אין פלאָצק

צווישן אַט דעם עולם האָט פאַרנומען גאָר אַ גרוים אָרט ר׳ הלל פּאַביאַן. אַ איד אַ בעל עגלה מיט אַ גרויסע „בילע” אויפן קאַרק, און ריידן פלעגט ער מיט אַ באַסאָווער שטימע. ווי נאָר ער פלעגט אַריינקומען אין בית־המדרש אַריין, האָט אים זיין חברה אַרומגערינגלט און ער פּאַביאַן פלעגט שרייען אויפן הויכן קול.

נישט זיכער איז יענער איד געווען, וואָס האָט אים נישט צוגעטאַקעוועט.

דער עולם פלעגט אָבער פריער שטיל נישט

אויפגעשטעלט איז אַמאָל געווען אַ בית־עולם. איך אליין האָב געזען, ווי גראָבנדיק קאַנאַלן נעבן דער שיל האָט מען אין דער ערד געפונען ביי־נער, וואָס מ׳האָט זיי אַריבערגעפירט אויפן נייעם בית־עולם.

דער אויסנווייניקסטער, ווי דער אינעווייניקס־טער אויסזען פון דער שיל איז זייער אַ שיינער.

איר קומט אַריין אין שיל אַריין דערפילט איר גלייך אַ טיפן יראת־הכבוד צום אָרט, וואו איר שטייט. אין שיל דאַוונען די מיוחסים פון שטאָט און צוויי־

אַ צוזאַמענקום פון חלוצים אין פלאָצק

שן זיי דער רב, די.דאַזאַרעס און סתם רייכע אידן, תקיפים ווי ר׳ אפרים דוד עלבערג, ר׳ אליעזר בריגאַרד, בראַמבערגער און אַנדערע.

אין די ימים נוראים פלעגן אויך די רעשטלעך פון דער אַסימילאַציע קומען צו גאַסט אין שיל אַריין.

צוויי הייזער נעבן דער שיל, אָפּגעטיילט מיט אַ שמאָל געסעלע געפינט זיך דאָס „קליינע בית המדרשל”. דאָס הויז איז געשאַנקען געוואָרן פון אַ איד אַ נדבן מיטן נאָמען ר׳ יחזקל דאַנציקער, מיט וועמענס אייניקלעך איך האָב צוזאַמען גע־לערנט אין דעם זעלבן „בית־המדרשל”.

דאָרט איז געווען אַ פלאַץ פאַר טיף און ערנסט לערנען. בעלי בתים, וואָס פלעגן אין דערפרי קו־מען דאַוונען, אָדער צו מנחה־מעריב האָבן אַריינ־געקוקט אין ספרים און זיך אויסגעטון פון דאגות הפרנסה. אפילו בייטאָג האָט מען דאָרט געקאָנט טרעפן זיצן יונגעלייט און לערנען איידעמס אויף קעסט, האַלבע משכילים, געוועזענע ישיבה בחורים, אַלע, אַלע פלעגן זיך אַריינכאַפּן אין דעם בית המדרשל און לערנען אַ בלאַט גמרא. מענדל ווידאַוואַסקים זין, וואָס האָט שוין שטודירט מע־דיצין פלעגט אין וואַקאַציע צייט קומען לערנען

אין בית המדרשל אַריין. פון צייט צו צייט זיינען אויך אַהינגעקומען ישראל גרשון בורשטין און אליהו זילבערבערג, שפּעטערדיקע פירער פון „בונד” אין פלאָצק.

אַ פּאָר יאָר פאַרן וועלט קריג 1914, איז גע־שאַפן געוואָרן אין פלאָצק אַ ישיבה. די פּני העיר, די גרעסטע לומדים ווי ר׳ יודא פלאַנסקער, ר׳ מאיר קאָן, ר׳ מכאל רובינשטיין דער לעצטער איז געווען אַ גרויסער למדן און ער איז געווען ראש הישיבה. נאָך אים איז געווען דער אַלטער ר׳ מענדל מענדעלזאָן, אַ איד אַ למדן אַ בקי בש”ס ומפרשים. דיביידע זיינען געווען זיילן פון דער ישיבה, וואָס האָט באַקומען רום און אָנזען אין גאַנצן אומגעגענט. פון ווייטע שטעט און שטעט־לעך פלעגן בחורים קומען לערנען אין דער פלאָצ־קער ישיבה.

מיינע עלטערן שטרענג רעליגיעזע האָבן מיך אַריינגעגעבן אין דער דאָזיקער ישיבה און זיי האָבן געחלומט אַ שיינעם חלום. זייענדיק איינער פון די אינגסטע תלמידים האָבן די ראשי הישיבה געהאַט וועגן מיר אַ זייער גוטע מיינונג. און איך אליין האָב מיט דעם גאַנצן יוגנטברען זיך אָפּגע־געבן צום לערנען. דער בית המדרש איז געווען

מיין היים. וועגן וואָכעדיקע ענינים פלעג איך אפי־לו קיין טראכט נישט טון. מיינע עלטערן קוקנדיק אויף מיין איבערגעגעבנקייט צום לערנען האָבן זיך געפילט שטאָלץ און גליקלעך. די יאָרן 1917-18, דאָס געבן פון דער באַלפור דעקלאַראַציע האָט פיל מיטגעריסן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אריין און די אידייע פון א אידישע נאַציאָנאַלע היים האָט אויך מיך אינגאַנצן פארכאַפּט.

די פלאָצקער יוגנט איז מיטגעריסן געוואָרן און דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן ביי אונז אין שטאָט האָט דאַן, ווי אויפגעוואַכט.

עס זיינען געשאַפן געוואָרן פּארטייען און אָר־גאַניזאַציעס, די „אלגעמיינע ציוניסטן" מיט ה' בעקער בראש, מזרחיסטן מיט יאַנקל אשכנזי בראש, צעירי ציון, פּועלי ציון מיט פישל פלידער־בלום אלס אָנפירער, „החלוץ", „החלוץ הצעיר", השומר־הצעיר, לינקע פּועלי ציון, „בונד" און אַנדערע.

דער אידייען קאַמף האָט זיך צעפלאַקערט. מען האָט דיסקוטירט אין די שטובן, אויף די גאַסן, אויף פאַרזאַמלונגען און וואו נישט?

די פּאַרטיי קאָמיטעטן אין פלאָצק האָבן אָנגע־הויבן אַראָפּברענגען אין שטאָט־אַריין די בעסטע רעדנער. מ'האָט איינגעאָרדנט מיטינגען מיט דיס־קוסיעס און די שטאָט איז ממש געגאַנגען כאַדאָ־ראָם. די מזרחי און די אָרטאָדאָקסיע האָבן אויך נישט גערוט, זיי האָבן געשראָקן די עלטערן, אַז זייערע קינדער ווערן פאַרכאַפּט פון דער סטרא אחרא.

און מיט אַמאָל האָט מען זיך אָנגעהויבן סודען, אַז מ'האָט איטשעלע דאַנציגער און לייבל בור־שטין געזען ארויפגיין אין „הזמיר־ביבליאָטעק", וואָס האָט זיך געפונען אויפן „אַלטן מאַרק נו־מער 11".

יוגנטלעכע האָבן זיך אָנגעהויבן רייסן אין דער אידישער גימנאַזיע־אַריין, א טייל זיינען גע־פאָרן שטודירן קיין וואַרשע און די וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו פאָרן שטודירן, אָדער גיין אין דער העברעאישער גימנאַזיע, האָבן שטודירט פּריוואַט.

אין דער פאָטשטאָוואָי גאַס און אין די אַלעען, וואָס האָבן געפירט צום נייעם בית־עולם, האָב איך זיך באַגעגנט מיט מיינע געוועזענע חברים פון

„החלוץ הצעיר" אין פלאָצק

דער ישיבה און זיי האָבן מיר געגעבן סמאָלענס־קיס, אחד־העמס און ביאַליקס ווערק. כ'האָב געלייענט, געקאַמפּערט זיך און אַזוי אַמפּערנדיק זיך בין איך אריין צו די רעכטע פּועלי־ציון.

בראש פון דער פּועלי־ציון באַוועגונג אין פלאָצק זיינען דאַן געשטאַנען: צימבאַליסטא, פלידער־בלום (מיינע חברים פון בית המדרש) אברהם משה אַלטער, וועלכער איז געשטאָרבן אין זיין בליענדיקער יוגנט און אליהו איסר פאַפּיערטשיק, וועלכער געפינט זיך אין ארץ ישראל.

מיר אַלע צוזאַמען האָבן געפירט א פאַרצווייג־טע ארבעט. פּועלי־ציון האָט אויך געהאַט צוויי פאָרשטייער אין שטאָט־ראַט: פלידערבוים און א. משה אַלטער. די בונדישע פאָרשטייער אין פלאָצ־קער שטאָט־ראַט זיינען געווען: ישראל גרשון בור־שטין און אליהו זילבערבערג.

שפּעטער זיינען די בעסטע פון דער פּועלי־ציון יוגנט געפאָרן קיין ארץ ישראל. דאָס לעבן, די באַוועגונג האָט אָבער געהאַט איר נאַכוואוקס, איר אוואַנגאַרד.

איך זיץ און פאַרצייכן א רייע פון מיינע אי־בערלעבונגען אין מיין געבורט־שטאָט און פלאָצק גייט מיר אויף פאַר די אויגן. מענטשן נאָענטע און אייגענע וואַקסן אויס ארום מיר און איך לעב נאָך אַמאָל איבער מיין יוגנט. ניין, ס'איז נישט קיין חלום!

כ'יט יאָרן ערב פוילנס אומקום האָבן שוין אידן דאָרט מוראַדיק געליטן. פּאָליטישע רעכטלאָזי־קייט, עקאָנאָמישע נויט האָט געשטיקט, ווער עס האָט געקאָנט האָט זיך ארויסגעראַטעוועט.

איך האָב זיך ארויסגעריסן פון דאָרטיקן גהי־נום, אָבער מיטן פוילישן אידנטום בין איך פאַר־בונדן מיט מיין גאַנץ וועזן, מיט מיין גאַנצער נשמה.

איצט איז דאָס אידישע לעבן אין פוילן א בלוטיקער יאָמער טאָל; עס פרעגט דעריבער יע־דער ביי זיך: מאין יבא עזרי? און באַלד ווערט געבוירן דער אַלטער ענטפער: עם ישראל חי!

מיר לעבן און מיר וועלן לעבן!

פייוול קאַפּיטאַ

א אידישע פאַמיליע אין פלאָצק

מיין זיידע ר׳ איטשע משה איז ביי אונז אין פלאָצק געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע באַלעגאָלעס. ער האָט פאַרמאָגט פיר געשפּאַן און ס׳האָבן ביי אים געאַרבעט א סך מענטשן. ער פלעגט דערציילן, אז זיינע רייזעס מיט פערד און וואָגן, פון פלאָצק ביז טיף רוסלאַנד האָבן געדויערט ביז דריי חדשים.

מיין זיידע פלעגט ליב האָבן א סך צו דערציילן פון דער פוילישער „פּאווסטאַניע" אין 1863 און אז ער האָט פאַר זיין העלדישקייט באַקומען א ספּעציעלע אויסצייכענונג.

ווען מיין זיידע איז געקומען אין די עלטערע יאָרן האָט ער אָפּגעלאָזט דאָס באַלעגאָלעריי. ער האָט אַלץ פאַרקויפט און זיך אוועקגעשטעלט נעבן זיין טיר מיט פּרוכטן, פון וועלכן ער האָט געצויגן חיונה.

מיין זיידע האָט געהאַט פיר זין און איין טאָכטער. דער ערשטער, דער פעטער חיים איז געווען א מלמד. ער פלעגט לערנען מיט קינדער און זיין ווייב האָט געהאַלטן א „שטעל" אין באַזאַר און פאַרקויפט עופות. ביידע האָבן געאַרבעט און קוים אַרויסגעשלעפּט פּרנסה.

די צווייטע איז געווען איטקע. זי האָט חתונה געהאַט מיטן פעטער שלמה און פון דער קאַשע מיל האָבן זיי געהאַט פיין צו לעבן.

דער דריטער זון איז געווען אברהם יצחק. ער איז געווען א שניידער און זיין ווייב די „שוואַרצע רחל" האָט געהאַט אין שטוב א יאַטקע און זי פלעגט צושיקן עופות אין די רייכע הייזער אַריין.

דער פערטער זון יאָסל איז געווען א שטיקל באַלעגאָלע. ער האָט געהאַט איין פערד און אויף זיין שמאָלן וואָגן פלעגט ער פירן סחורות פון דער ווייסל אין שטאָט־אַריין, אָדער צופירן סחורה פון איין קלייט אין דער אַנדערער. שטענדיק פלעגט אים די מומע הינדע אָנטקעגן גיין באַרג אַראָפּ צו דער ווייסל.

און אז דעם פעטער יאָסלס פערד האָט זיך אָפּגעשטעלט פלעגט די מומע מיט אַלע אירע כוחות צוהעלפן אַרויפפאָרן אויפן באַרג.

די מומע הינדע האָט קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט צו פאַרנעמען זיך מיט שטוב באַלעבאַטישקייט, ווייל א הויז, וואָס זי האָט געמוזט אָפּהיטן אירע קראַנקע קינדער, האָט זי געמוזט זיין אין גאַס נעבן דעם וואָגן און אָננעמען די „יאַזדעס". זיי האָבן זיך שטאַרק געמוטשעט אויפן שטיקל ברויט.

מיין טאַטע האָט איבערגענומען דעם זיידנס פּראָפעסיע. ער האָט געהאַט פערד און וועגענער און ער צוזאַמען מיט זיינע שותפים: „שלומה טאָפּ", „שמואל נאַר" און אויך גע‏דונגענע מענטשן האָבן געאַרבעט ביי די „סטאַטקעס", ביים ווייסל. פון די אָנגעקומענע סחורות האָבן זיי איבערגענומען די פּראַכטן און יעדן סוחר צוגעשטעלט די סחורה אין שטוב אַריין.

ביי אונז אין שטוב זיינען געווען זיבן קינדער און יעדער האָט זיך געלערנט א פאַך.

איך האָב זיך געלערנט זיין א שלאָסער און שוין פאַרדינט 8 זלאָטעס א וואָך. פּלוצים קומט צו אונז א בריוו פון מיין מאַמעס ברודער, יחזקאל פון אַמעריקע און ער פרעגט זיך אָן, וואָס די קינדער טוען. מיין מאַמע האָט אים געשריבן, אז איך בין א שלאָסער. האָט מיין פעטער געענטפערט און געעצהט, אז איך זאָל זיך אָנהויבן לערנען שניידעריי, ווייל ער רעכנט מיר אַראָפּצונעמען קיין אַמעריקע.

בין איך געוואָרן א שניידער.

פנחס ביזבערג

פלאָצק — א יוגנט־חלום

אידישע שטעט און שטעטלעך אין מדינת פּוילן, ווער קאָן אייך פאַרגעסן? ווער קאָן פאַרגעסן אייערע שבתים, אייערע ימים טובים, אייער קול התורה, אייער אידיש לשון, אייער אידיש ליד דורך די פענסטער פון די שניידער און שוסטער־וואַרשטאַטן, ווער קאָן פאַרגעסן דעם חן פון אייערע אידישע טעכטער, און פון די בחורימלעך מיט די געקרייזלטע פּאהלעך, דעם חן פון די שבת־ליכט דורך די קליינע פענסטערלעך פון די אידישע ענגע געסלעך?

אידישע שטעט און שטעטלעך: לוּוויטש, זגערזש, לענטשיץ, קוטנע, גאָמבין, זשיכלין, פלאָצק, אידישע געזונטע קולות פון אידן, וואָס ויינען געוואוינט מיט פעלד, מיט וואַלד, מיט סאָד, יוסטע קולות פון בעלי עגלות, וואָס פאָרן איבער די וועגן פון שיינעם זאַטן פּוילן מיט זייערע בוידן, קולות פון סאַדאָווניקעס, וואָס נעכטיקן חדשים לאַנג אין די שפּעדיקע סעדער באַלאָדענע מיט זאַפטיקע באַרן, עפּל, אַגרעסן, קאַרשן, פלוימען; קולות פון פּי־הענדלער, וואָס קויפן אויף אָקסן אין רייכע מאַיאָנטעקעס; קולות פון פישערס, וואָס מעסטן אויס פּוילנס טייכן, פּוילנס סטאַוון, כדי אידן זאָלן האָבן דעם אמתן עונג שבת מיט א שטיק געפילטע פיש.

אידישע שטעט און שטעטלעך, ווי האָט זיך מיר נאָך אייך פאַרבענקט!

עס זינגען אייערע שניי ווייסע טבת־נעכט מיט א מתיקותדיקן גמרא־ניגון פון די געפּאַקטע בתי־מדרשים, עס זינגען די פאַרפרילינגדיקע פּורים־נעכט מיט זייער משנכנס אָדר מרבים בשמחה, עס זינגען די סדר־נעכט מיטן טאַטנס אומפאַרגלייכלעכן שיר השירים־ניגון: „שטיי אויף געליבטע און קום אַרויס, דען די רעגנצייט איז שוין פאַרביי, שפּראָצונגען האָט מען געזעען אין לאַנד, אויך דאָס קול פון די טירקל־טויב האָט זיך געלאָזט הערן"....

אידישע שטעט און שטעטלעך! עס זינגען אייערע בעז־דופּטנדיקע שבועות־נעכט, עס טרייסטן אייערע מנחם־אָב־טעג מיט מעליקע עפּל־פּאַפּיראָווקעס, מיט פּריצייטיקע ווי מיידל־בעקלעך רויטע באַרן, מיט די איילִיק־זיסע יאַגדעס, פּאַזשאָמקעס, מיט זאַפטיקע מאַלינעס אין די וועלדער, וואָס האָבן איינגעראַמט די אידישע ישובים אין דער שיינער מדינת פּוילן.

דער בעל עגלה איז א איד א זשוואַווער פון דאָרף סאַניק, וואָס האַלט א צוויי מאָרגעס פאַר גאָרטנוואַרג ביים פּריץ, ווייל ער אַרויספאָרן פאַרטאָג, און טאַקע איידער די זון וועט אַרויסגיין.

—אויב דו ווילסט מיטפאָרן, בחור, נעם איך דיך מיט קיין פלאָצק!

די בריטשקע איז געשפּאַנט, די פעטע שקאַפּע לויפט פלינק אויפן שליאַך קיין גאָמבין. — ביי מיר שטייט זי אויף האָבער, אין איין שמע ישראל, שלינגט זי דעם וועג.

שלינגט זי טאַקע איין שטיקער שאָסעען צוזאַמען מיט די ריזיקע טאָפּאָלן, שלינגט זי איין דעם ווייסן געשלענגלטן וועג מיט די בעריאָזקעס־אַלעע, עסט אויף נאָך א דערפל און ווידעראַמאָל א דערפל, כאַפּט אויף דעם ערשטן זון־שטראַל אויף די שטרויענע דעכטער פון די בלוי געקאַלכטע כאַטקעס, א באָטשאָן פון זיין נעסט באַגריסט איר; די פויערן פון זאַטן קויאַווען זיינען שוין לאַנג אויף

די פיס; און איידער, וואָס ווען טאַנצט די בריטשקע אויפן שטיינערנעם ברוק פון שטעטל גאָמבין. אַט־אַ דער מארק, אַט־אַ די שיל, אַט־אַ דאָ וואוינט ר׳ „שלמה נגיד”. דאָס בחורל האָט שוין געלייענט די באשרייבונג פון שטעטל, און עס ליגט אים גוט אין טעם די אלע פיינע אידן פון שטעטל, שלום אַשם העלדן. אַט־אַ גייט ער דאָך טאַקע דער ר׳ שלמה נגיד, אַט־אַ גייט חנהלע, רחלה, שרהלע, איי, סארא חן, סארא בעקלעך, סארא צעפלעך, סארא פלאמענדיקע אויגן; וויל וויסן ביים סאניקער סאדראָווניק צי ער קען זיי, צי ער וויים זיי, וואָלט געוואָלט דאָ בלייבן זיך באקענען מיט ר׳ שלמה נגידס טאָכטער. פארוואָס דען נישט?

א בליק אויף פלאָצק

דער בעל עגלה וויים זיי נישט. מוסרט דעם פאסאזשיר:

— וואָס פלאַפלסטו בחור, פון מיידן גאָר! וואָס פאר א שלמה נגיד, וואָס פארא חנהלע? צופרי פאר דיר!...

שמוצירט צו דער שקאפע, טיילט איר איין עטלעכע שמיץ, און שוין איז גאָמבין ווייט, ווייט אוועק. דאָס הארץ איז פארקלעמט, א שאָד חנהלע, א שאָד שרהלע. ער דאָס בחורל וואָלט זיי שטאַרק ליב געהאַט... ער זעט זיך אין דמיון מיט זיי, אין מנוחהדיקן גאָמבין.

דאָס פערדל שלינגט די וועגן, אויפגעגעסן דעם גאנצן שליאך און שטייט ראפטום פאר דעם שווארצן בלויען וואלד, וואָס וועט באלד איינשלינגען שקאפע, בריטשקע און פאסאזשירן. דער וואלד שליסט זיך צו הינטער אונז, מיילנווייז רוישן די סאָסנעס, שאָרשן די אָלכעס, קרעכצן די דעמבעס; די שקאפע גייט פאמעלעכער, אז זי וועט באווייזן זיך ארויסצוקריגן פון די פאָר מייל ביימער־מויערן, וועט מען אָנקומען צו דער ווייסל.

די ווייסל ביי פלאָצק. מען זאָגט, אז דאָרטן איז זי ברייט און שיין. און בכלל די ווייסל! דאָס בחורל וועט זי זען צום ערשטן מאָל. און פלאָצק. דער נאָמען פון דער שטאָט קלינגט אזוי יוסט. סיי פאר אידן, סיי פאר גויאים. אונטן גייט און שטראָמט דער טייך ברייט און מאיעסטעטיש און אויבן אויפן בארג די שטאָט: פלאָצק.

די ווייסל ביי פלאָצק איז מלכותדיק שיין. אָ, ווי זי שטראָמט, ווי זי שוימט ארום די שויפלעןרעדער פון די סטאטעקס. הויבט אָן אזוי רוישיק פון די קוואלן אין די קארפאטן־בערג, א שמאָלטייכל און צעוואקסט זיך, און צעכוואליעט זיך אין איר גאנג איבער פוילנס וועלדער, איבער די פרוכטבארע פעלדער. אירע ברעגעס זיינען פול מיט שפע, פול מיט לאנעס פון שווערע תבואה־זאנגען, פול מיט וויינשל־גערטנער, פול מיט בערגאמאָטן, פול מיט פלוימען מיט בלויע טויען, און אז זי קומט אָן קיין פלאָצק צעגיסט זי זיך ווי א שטראָם פון

פליסיק קוועקזילבער. דעריבער האָט זיך צעלייגט ביי אירע פיס אזא מין שטאָלצע שטאָט, מיט אַזעלכע גאווהדיקע ברייטע גאסן, מיט אזעלכע שיינע אידישע טעכטער. אזוי האָט זיך דעם בחורל אויסגעדאכט, דעם פופצן יאָריקן בחורל, וואָס האָט מיטן חסד פון סאניקער סאדראָווניק זוכה געווען צו זיין אין דער דאָזיקער שטאָט ביי דער ווייסל; נישט מער ווי א קנאפן האלבן טאָג ביז דער סאניקער בעל עגלה האָט פארהאנדלט א פעל, עטלעכע זעק קארטאָפליעס, איינגעקויפט א נייעם כאָמעט, א לעמעש צום פלוגל, ביז די שקאפע האָט זיך אָנגעפאשעט ווי ס׳געהער צו זיין אין דער קאָריטע מיט האָבער און שעטשקע, ביז דער בחורל האָט אָפגעגעסן א קארשן־באָרשטש מיט קליינע נייאינקע קארטאָפלעלעך מיט פוטער, און זיך פארליבט אין פעסעלען דער טאָכטער פון די מכנים אורחטע. אין דעם פלאמיקן מיידל מיט די גלעטנדיקע אויגן, קיילעכדיק גופל און מיט דער זיסער שטימע, — אלע מיידלעך האָבן דאַן ביי דעם בחורל געהאַט די זיסטע מעלאָדישסטע שטימען. און ווידער האָט דער איד געשמוצערט צו דער אָנגעפרעסענער שקאפע מיטן קיילעכדיקן הינטן, געפאָכעט מיט דער בייטש גלאט אזוי אין דער וועלט אריין, ווייל דאָס פערדל האָט סיי ווי סיי נישט באדארפט קיין שמיץ. מיט זיינע נאָזדרעס האָט עס אוודאי געניוכעט די לופט פון זיין היימישן סאניקער שטאל, און די פאָר מייל פון פלאָצק ביז סאניק איז עס געלאָפן ווי א מזמור, טריפ, טריפ און געלאָזט הינטער זיך די ווייסל א געפארבטע אין רויטן־ראָזעוון וויינפערלעך־זאפט דאָס האָט די שקיעה זי אזוי געפארבט; די בריטשקע האָט ממש געשלונגען שטיקער וועג צוזאמען מיט די שאָטנס פון די באטקעס, טאָפאָלן, סאָסנעס, צוזאמען מיטן מאָראלייש קול פון די קוקאוועס, וואָס האָבן געפילדערט דורך די וועלדער.

און דעם בחורל איז געוואָרן אזוי באנג, און אזא בענקשאפט האָט אים ארומגענומען נאָך פלאָצק דער הויכער שטאָט, וואָס באָדט אירע פיס אין דער פרישער דערקוויקנדיקער ווייסל, נאָך פעסעלען, א בענקשאפט צו קענען שפרייזן אזוי אייביק ביי אירע שיינע ברעגעס מיט איר, מיט איר.

פלאָצק — טרוים פון מיין יוגנט.

א. ווינשטיין

ביי א סדר אין פלאָצק

(א פאַרצייכענונג פון א בעסאַראַבער איד)

גנעוועזן איז עס אין יאָר 1909, ווען איך בין צו־גענומען געוואָרן אלס זעלנער אין רוסישן מיליטער. און כאָטש איך האָב מיט פערד קיינמאָל קיין עסקים נישט געהאַט, האָט מען מיר דווקא געשיקט צו קאַוואַלעריע. איז טאקע די ערשטע צייט מיר געווען זייער שווער און ביטער. דער סוף איז געווען, אז מיין וואַכמייסטער האָט זיך שפּעטער מיט מיר שטאַרק גערימט. נישט אזוי לייכט, ווי עס רעדט זיך איז עס אָבער צוגעגאַנגען. קודם מוזט איר וויסן, אז ס׳איז מיר, א געבוירענעם אין קעשענעוו, בעסאַראַביע, גאָרניט געוואָרן אזוי גרינג אויפן האַרצן, אז מ׳האָט מיר געשיקט דינען קיין פּוילן אין דער פּלאָצקער גובערניע אריין. איך בין אָנגע־קומען קיין שערפּץ, דערנאָך קיין ריפּין, וואו אַלץ איז פאַר מיר געווען ניי און פרעמד. אזוי דער אויסזען פון די גאַסן, אזוי דער אַרט לעבן. און אָט אזוי אָפּזייענדיק א קליין שטיקל צייט איז דער־ווייל אונטערגעקומען דער יום־טוב: פּסח.

זיין פּסח אין דער פרעמד און דערצו אין מילי־טער איז ניט געווען אזוי פריילעך. מ׳דאַרף זיצן ביי א פרעמדן טיש און חוץ אַלעם ווייסט מען ניט צו וועמען מ׳וועט אריינפאַלן.

געווען זיינען מיר אין קאַוואַלעריע־פּאָלק 14 אי־דישע סאָלדאַטן. די עטלעכע אידישע סאָלדאַטן האָבן געהאַט אייגנס א ספר תורה, וואָס איז גע־שטאַנען אין א פּריוואַט־צימער. עס איז, הייסט עס, געווען אן אייגן שילכל און דער עלטסטער פון די זעלנער איז געווען דער גבאי. דער סאָלדאַט־גבאי האָט באַדאַרפט אכטונג געבן אויף אַלעם און קודם כל באַזאָרגן אַלע אידישע זעלנער מיט האָבן וואו צו עסן פּסח. דעם אמת געזאָגט, האָט א אידישן זעלנער ניט געפעלט, וואו צו עסן פּסח, ווייל אידי־שע באַלעבאַטים פלעגן זיך ממש שלאָגן צו באַקו־מען א זעלנער אויף פּסח. איך בין געקומען אין שילכל אריין, זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט די אנדע־רע זעלנער און באַלד האָט מען מיר מכבד געווען מיטן יום־טובדיקן מעריב. נאָכן דאַווענען האָט דער גבאי באַפוילן, אז די עלטערע סאָלדאַטן זאָלן צו־פירן די „נאָוואָבראַנצעס” יעדן אויף זיין באַשטימ־טן אדרעס. מיר האָט דער גבאי געהייסן צו וואַר־טן. איך האָב זיך געוואָלט ארויסדרייען און קיי־נעם ניט פאַרשאַפן קיין שוועריקייטן.

איך וועל שוין — האָב איך געזאָגט — זיך אן עצה געבן.

— איר מוזט גיין צו א באַלעבאָס עסן פּסח — האָט מיר דער גבאי געגעבן צו פאַרשטיין. וואָרום, פּלאָצקער אידן ווייסן וויפיל אידישע זעלנער עס דינען אין זייער שטאָט און מ׳דאַרף נישט איינ־רייסן מיט דער אידישער באַפעלקערונג. גאַנץ באַ־זונדער האָט מיר דער גבאי געגעבן צו פאַרשטיין, אז יעדן זעלנער מוז מען וויסן וואו אריינצוגעבן. דער סוף איז געווען, אז פאַר מיר האָט ער אויס־געפונען א גאָר שיינעם באַלעבאָס, א איד א וויין־סוחר.

אריינקומענדיק אין שטוב אריין, האָט מיך דער גבאי פאָרגעשטעלט פאַר דער פריילן, וואָס איז ארומגעגאַנגען א זינגענדיקע. דאָס מיידל האָט מיר באַלד געגעבן צו לייענען א אידישע אויסגאַבע פון וואַרשע און געזאָגט, אז דער טאַטע איז נאָך ביים ראַווינען און די מאַמע גרייט צו אין קיך דאָס עסן.

זעקס חדשים האָב איך שוין ניט געהאַט געלייענט קיין אידישע אויסגאַבע, איך האָב דעריבער פּשוט געשלונגען די ווערטער. אין דעם איז אריינגעקומען דער באַלעבאָס און מיר געגעבן שלום־עליכם און מיר געזאָגט, אז איך זאָל זיך פילן היימיש, ווי ביי זיך אין דער היים.

דער אויסזען פון מיין באַלעבאָס האָט מיך פּשוט באַרוישט. א הויכער איד מיט א לאַנגע ווייסע באָרד און א שיין איידל פּנים. און דערצו זיין הלבשה. א שיינע אַטלעסענע זשופּיצע, א שטריימל אויפן קאָפּ. איך האָב זיך פּשוט אָנגעהויבן שרעקן, וואו איך בין אריינגעפאַלן. וואָס האָט מיר דער גבאי געדאַרפט שיקן צו אזא אידן, האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט. אין דעם איז אריינגעקומען די באַלעבאָסטע און מ׳האָט זיך געזעצט צום סדר.

איידער נאָך דער באַלעבאָס האָט אָנגעהויבן מאַכן קידוש, האָב איך זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן. איך האָב זיך אָבער אָנגענומען מיט מוט און צו זיך געזאָגט: איך וועל מאַכן קידוש, ווי א בעסאַ־ראַבער איד, אָן די אַלע קנייטשן און געזאַנגען. בקיצור: איך האָב געזאָגט פּראָסט און גיך, כדי וואָס גיכער איבערצוקומען. ביים פאַרענדיקן דעם קידוש, האָב איך באַמערקט א שמייכל אויפן מיידלס פּנים. זי האָט שוין זעט אויס געוואוסט, וואָס מיר דערוואַרט.

מיר האָבן אָנגעהויבן זאָגן די הגדה. איז באַלד ביים אָנהייב האָט מיר דער באַלעבאָס אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— נו די קשיות.

האָב איך זיך נישט געמאַכט וויסנדיק.

הייבט ער אָן צו מיר פּאָטערלעך צו זאָגן:

— האָסט געלערנט אין חדר? מ׳האָט דיר גע־לערנט די פיר קשיות?

— יאָ, ענטפער איך, נאָר איך האָב קיינמאָל ניט געפרעגט די קשיות, ווייל ס׳איז געווען א יונגער ברודערל פון מיר.

— צייט איז דאָ און יום־טוב איז, זאָגט ער מיר, פרעג זשע דו די קשיות.

זעענדיק, אז ארויסדרייען וועל איך זיך שוין נישט קענען, האָב איך זיך גוט צוגעצויגן דעם פּאַסיק, באַפעסטיקט מיין זעלנעריש היטל אויפן קאָפּ און האָב אָנגעהויבן פרעגן די קשיות.

האָבנדיק איבערגעקומען און אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, האָבן מיר שוין צוזאַמען געזאָגט די הגדה. מיין באַלעבאָס האָט אָבער געזאָגט מיט אזוי פיל זיסקייט, וואָס איך האָב ביי אונז אין בעסאַראַביע ניט געהערט.

ביים עסן האָט ער דערציילט משלים פון דובנער מגיד און פיל, פיל שיינע געשיכטעס. איך האָב זיך ביים טיש געפילט היימיש, אָבער אין האַרצן האָט גענאָגט און ס׳האָט זיך געבענקט אהיים.

מיין באַלעבאָס האָט עס זעט אויס געשפּירט, האָט ער זיך באַמיט מיר צו טרייסטן און ער האָט מיר גרינגער געמאַכט מיין געמיט.

די שטוב איז פאַר מיר געוואָרן א צווייטע היים און דאָס האָט מיך גרינגער געמאַכט מיין זיין אין מיליטער, דאָס דינען קנאַפּע פיר יאָר אין פּלאָצ־קער געגנט.

איך ווייס נישט וואָס פון די אידן אין ריפּין, שערפּץ, ליפּנע, פּלאָצק איז געוואָרן.

איך וואָלט נאָך געוואָלט אין מיין לעבן זיך צו־זאַמענטרעפן מיט די אידן פון יענע פּוילישע שטעטלעך, וואו איך, א איד פון בעסאַראַביע, האָב פיר יאָר אָפּגעדינט פּאָניען.

מ. ל—בערג

ווען איך בין געוואָרן אן ארבעטער

אין סוף 1918, האָב איך אָנגעהויבן גיין אויף דער לער אלס שניידער. נישט אזוי לייכט ווי עס רעדט זיך ווערט מען אָבער א שניידער. אלס לערן־יונג האָב איך געהאַט אויסצושטיין געברענטע לייד. דער באַלעבאָס האָט מיר אויסגעשיקט גאַנץ פּלאָצק, די באַלעבאָסטע האָט זיך געשאַפן מיט מיר און די געזעלן האָבן מיר אויך נישט געשאָנעוועט...

איידער מ׳האָט מיר אויסגעלערנט כאַפּן „נאָדל פינגער־הוט", האָט מען מיר פריער ארומגעשיקט איבערן שטאָט באָרגן די „פּרעס־קישן", די „סור כה־שער" א.א.

אזוי זיינען אריבער די ערשטע וואָכן. שפּעטער האָט מען מיר איצט אָנגעהויבן צו נוצן צום ווערקשטאַט. איך מוז אָבער זאָגן דעם אמת, אז דאָס זיין אין טאַזשער ביז נאָך 10 ביינאכט האָט זיך אויף מיר מיר געלייגט ווי א באַרג. נאָר וואָס האָב איך זיך געקאָנט העלפן, אז איך בין געווען א יתום און אויסלערנען זיך א פאַך האָב איך געמוזט.

אין דעם ווערקשטאַט ביי מיין פעטער דוד האָב איך זיך אָפּגעמוטשעט א יאָר. אויפן צווייטן יאָר בין איך אָנגעקומען צו ר׳ משה סטאָלעק. ביי אים איז מיר שוין געווען לייכטער. דער באַלעבאָס פלעגט מיר שוין נישט ארומשיקן, נאָר געלאָזט זיצן און נייען און ווערן אן ארבעטער.

דערביי האָט ער מיר געצאָלט 100 מאַרק א וואָך געהאַלט.

די הונדערט מאַרק האָבן טאַקע געקלעקט נישט מער ווי צו קויפן א ברויט, דער פאַקט אז איך קאָן שוין פאַרדינען האָט מיך אָבער זייער גע־מוטיקט.

דער ערשטער פאַרדינסט. ווי שטאָלץ איך האָב זיך געפילט יענעם פרייטיק אויף דער נאַכט, ווען דער באַלעבאָס האָט מיר צום ערשטן מאָל געגעבן מיין לוין. איך בין דאַן נישט געגאַנגען, נאָר שנעל, גאָר שנעל געלאָפן איבער די פּלאָצקער גאַסן און געטראַכט ביי זיך, אז איך הויב שוין אָן צו ווערן א זעלבסטשטענדיקער מענטש.

ווי שווער די ארבעט איז מיר נישט געווען, האָב איך זי אָנגענומען פאַר ליב.

איינמאָל גייענדיק פון דער ארבעט טרעפט מיר אויפן וועג י. ווישינסקי און ער פרעגט מיר: צי איך קען לייענען אידיש און נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, גיט ער מיר א בלעטל און ער זאָגט מיר אָן דערביי:

— לייען דאָס בלעטל אין געהיים! איך האָב איבערגעלייענט דאָס בלעטל א פּאָר מאָל און די ווערטער האָבן מיר נישט געלאָזט רוען. ווישינסקי האָט מיר אָבער שוין געהאַלטן אויפן אויג. טיילמאָל זיצנדיק ביי דער ארבעט און האָבנדיק נעבן זיך דעם „טויטן אליהו", האָב איך אים געוואָלט עפּעס פרעגן און האָבן א שמועס וועגן דעם, וואָס כ׳האָב געלייענט אין בלעטל. באַלד האָב איך זיך אָבער צוריקגעהאַלטן.

דער „טויטער אליהו" זינגט דאָך ביים חזן חזנשפּרונג, קאָן ער דאָך זיך דאָרט ארויסכאַפּן מיט א וואָרט. און צווייטנס, איז דעם „טויטן אליהו" נישט געקראָכן אין קאָפּ אריין קיין שום אנדערע זאַכן, אויסער זיין זינגעריי.

שטענדיק פלעגט אליהו ציען א טאָן און דריי פיר מאָל א טאָג פלעגט ער אָפּזינגען דאָס שבת־

דיקע דאַוונען שוין מיט ראש חודש בענטשן אלס צולאָג...

ווי נאָר איך פלעג ארויסקומען פון טאַזשער אזוי האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן א ניי לעבן.

ווי נעכטן וואָלט עס געווען, ווען מיר זיינען זיך צונויפגעקומען א גרעסערע גרופּע יונגוואַרג און מיר האָבן געגרינדעט אין פּלאָצק דעם „יוגנט־בונד־צוקונפט".

ווישינסקי און נאָך עלטערע בונדיסטן האָבן אונז געהאָלפן איינשטעלן די ארבעט. מיר האָבן געשאַפן אן אָרגאַניזאַציע, מיט א קאָמיטעט, מיט א פּרעסע־קאָמיסיע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אויסשרייבן און פאַרשפּרייטן אין פּלאָצק „די סאָציאַליסטישע יוגנט שטימע". די ארטיקלען פון ה׳ יאָש און נאַטאַן פלעגן מיר ממש שלינגען, ווייל מיר האָבן אָנגעהויבן געוואָר ווערן וועגן פיל נייע זאַכן, וואָס מיר האָבן פריער נישט געוואוסט. א חוץ מיין איינלעבן זיך אין טאַזשער און אויסלערנען זיך ארבעטן בין איך געוואָרן א טייל פון א גרויסע משפּחה. איך בין אריין אלס מיטגליד אין נאָדל־פאַריין און שפּעטער אויך געוואָרן א פאַרוואַלטונגס מיטגליד.

זייענדיק אין דער פאַרוואַלטונג איז אויסגעקומען צו פירן שטרייקן מיט די שניידער באַלעבאַטים. טיילמאָל האָבן די שטרייקן זיך אזוי לאַנג געצויגן, אז מ׳האָט אַזש געמוזט שאַפן א קאָמיטעט, וואָס זאָל די ארבעטער ארויסגעבן באַשפּייזונג.

אין יענער צייט זיינען פון וואַרשע צו אונז געקומען פיל בונדישע רעדנער, וואָס איניקע פון זיי וויל איך ספּעציעל דערמאָנען.

הערשל הימלפאַרב.

ער איז געווען דער אָנפירער פון די וואַרשעווער אידישע שניידער־ארבעטער. אומעטום, וואו ער איז געקומען איז ער באַלד געוואָרן אן אייגענער מענטש. און ריידן האָט ער געקאָנט פאַר פייער און וואַסער, א מאַסן־רעדנער מיט אַלע פּיטשעווקעס. האָט מען געדאַרפט א מאמר הז"ל האָט ער אים נישט אויסגעפעלט, האָט הערשל באַדאַרפט א מישל, א וויץ, האָט ער אים גלייך געהאַט. און האָט הערשל הימלפאַרב געדאַרפט ברענגען ביישפּילן פון דער ארבעטער באַוועגונג איז ער געשוואומען, ווי אין א ים. נאָך אים איז געקומען די ה׳טע דינה.

איר נאָמען האָט אין פּוילן געשמט. קליין און דאַר איז זי געווען, האָט זי זיך אָבער געשטעלט ריידן, האָט זי אַלעמען מיטגעריסן. פיל פון אירע ווערטער געדענק איך נאָך ביז היינט, הגם עס זיינען שוין אוועק אזוי פיל יאָרן.

אין אלגעמיין קענען יענע יאָרן נישט פאַרגעסן ווערן.

1921-22. טאָג און נאַכט האָבן מיר כסדר געערדט וועגן שטאַנדפּונקטן אין דער ארבעטער־באַוועגונג. צי דאַרף די ארבעטער באַוועגונג ווערן געשפּאָלטן אָדער נישט?

„בונד", „קאָמ. בונד". די ארבעטער האָבן דיסקוטירט צווישן זיך. איך האָב, ווי אן ארבעטער מיטגעלעבט דאָס דאָזיקע לעבן און טיילמאָל פאַרגעסן אין די שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון ארום. די אייגענע עקאָנאָמישע באַדינגונגען זיינען אָבער פון יאָר צו יאָר געוואָרן שווערער און קיין אויסזיכטן, אז אין פּוילן זאָל בעסער ווערן איז אויך נישט געווען.

ווען ס׳איז ביי מיר געבוירן געוואָרן דער פּלאַן צו פאַרלאָזן פּלאָצק איז מיר געוואָרן שווער אויפן הארצן. א צייט לאַנג האָב איך זיך געשלאָגן מיט דער דעה: צי זאָל איך פאָרן, אָדער נישט און אין 1928 בין איך געקומען קיין ארגענטינע, וואו איך האָב זיך גאַנץ פיין איינגעאָרדנט.

ווענן די וואלן צום פלאָצקער שטאָטראט אין יאָר 1934

אין דער ווארשעווער בונדישער „פאָלקס־צייטונג" פון 7טן יוני, 1934, לייענען מיר אין א קאָרעספאָנדענץ פון פלאָצק, וועגן רעזולטאַט פון די שטאָט־ראט וואלן צווישן אנדערש אָט וואָס:

„דער סאָציאליסטישער בלאָק פון פּ. פּ. ס. און „בונד" („סאָציאליסטישע פארייניקונג") האָט באקומען מער שטימען פון דער „סאנאציע". צוליב דער צוגעשניטענער וואל־געאָגראפיע האָבן מיר פונדעסטוועגן באקומען וויניקער מאנדאטן פון דער „סאנאציע", ד. ה. די „סאנאציע 15 און די „סאָצ. פארייניקונג" — 12.

פון די איבעריקע פארטייען האָבן באקומען: די ענדעקעס 3 מאנדאטן, דער בלאָק פון אגודה, ציוניסטן, מזרחיסטן, רעוויזיאָניסטן און סאנאציע־יידן (אָנהענגער פון פילסודסקי) — 1 מאנדאט און רעכטע פּ. צ. — 1 מאנדאט.

די דערמאָנטע גרויסע צאָל שטימען פאר דער „סאָצ. פארייניקונג" איז נאָך ווייט נישט דער אויסדרוק פון די פאקטישע כוחות פארהעלטענישן ביי אונז אין שטאָט. מען דארף נאָך נעמען אין אכט, די פארשידענע „נסים" אין די וואל־אורנעס, די צוגעשניטענע וואל־אָרדינאציע, דעם וואל־דרוק און אזוי ווייטער.

ביי אונז אין שטאָט, האָט דאָס אנטשטיין פון א בלאָק פון אידישע און פוילישע סאָציאליסטן ארויסגערופן א גרויסע אויפרודערונג. די „סאָצ. פארייניקונג" איז געווען דער איינציקער דאָרן אין די אויגן פון דער רעאקציע. די „סאנאציע" האָט זיך ליציטירט מיט די ענדעקעס אין אנטיסעמיטיזם. וועגן דעם האָט די גאנצע צייט נישט אויפגעהערט צו שרייבן די גאנצע היגע פוילישע פרעסע, ווי אויך אלע בירגערלעכע אויפרופן.

אויף די פעפעסישע מיטינגען, וואָס זיינען באזוכט געוואָרן דורך טויזנטער פוילישע ארבעטער, האָבן די רעדנער אָפן און מוטיק באקעמפט דעם אנטיסעמיטיזם. נישט צוזאָגנדיק קיין שום גליקן פון צוקונפטיקן מאגיסטראט האָבן די סאָצ. רעדנער ברייט פאנאנדערגעוויקלט דעם סאָציאליסטישן פראָגראם, דורכפירנדיק דערמיט א גרויסע סאָציאליסטישע פראָפאגאנדע.

אויף אונזערע מיטינגען זיינען ארויסגעטראָטן פעפעסישע רעדנער, ג. דעפוטאַט קעמפּטשינסקי, סענאטאָרקע קלושינסקא א.א.

דער „בונד" האָט באקומען אזויפיל שטימען, וויפל אלע איבעריקע אידישע ליסטעס — ארום טויזנט. מאנדאטן האָבן מיר באקומען מיט איינעם מער, ווי ביז איצט, ד. ה. דריי".

איניקע ציפערן

די אלגעמיינע באפעלקערונג אין פלאָצק אין יאָר 1931, האָט געציילט 32.998 נפשות. —אידן 6.571.

וואַל־בארעכטיקטע אידישע מענער צו די קהילה וואלן אין פלאָצק אין יאָר 1936

אין א מודעה פון דער קהילה־פארוואלטונג אין פלאָצק דעם 7־טן סעפטעמבער 1936, לייענען מיר:

וואל־בארעכטיקטע זיינען געווען 1.637 און אָפּגעגעבן זייערע שטימען האָבן 1.321.

צו די געבראכטע ציפערן פון די קהילה וואלן, האלטן מיר פאר וויכטיק צו באמערקן אָט וואָס: אז שטים־רעכט צו די אידישע קהילות האָבן געהאט בלויז מענער און דערצו פון 25 יאָר אָן.

ע־. ו

שרייבער, וואָס שטאמען פון פלאָצק

פראגמענטן פון זייערע ווערק

נחום סאָקאָלאָוו

אלט־וואַרשע

(א פראַגמענט)

ציטערנדיקע געשטאלטן, אָן ממשות, כמעט ווי שאָטנס. אָבער ווייס, און מיט פליגלען, פלאטערן און שוועבן ווי כמארעס שניי־בלומען, בליענדיק מיט מאָרגנשטערן־ריינקייט אין קרישטאלענעם לופט־ים, — און נאָך וויניקער קערפערלעך: דאכט זיך, גייסטיקייט פון א ניגון, אָן אקארד, א שמייכל פון א קינד, א ריח פון א רויז — נישט צו דערזען, נישט אָנצורירן. און דאָך שטארקער פון אלע ריזן־כוחות.

דורות, טיפן, פארשוינען, גאנצע חברותות — א לאנגע הקפה! פארבייפליענדיק גיט דער איינער מכלומרשט א גלעט איבערן שטערן מיטן שפיץ פון זיינע פליגל, ווי אויף א כתבות, אָן אנדער בויגט דיר צו זיין ספר־תורה צוליב א קוש. אלע ווינקען צו דיר ווי אלטע באקאנטע; טיילמאָל דאכט זיך, אז זיי רופן דיך.

דו האָסט זיי נישט אלע געקענט, אָבער דורכגעלעבט האָסטו זיי ביז צום דינסטן פעדעמל פון דיינע נערוון. דו ברויכסט זיי נישט צו רייניקן פון ארכיוון־שטויב, דו ברויכסט נישט צו גריבלען אין שמות, און טרעפן די רעטענישן פון גראָע מצבות. דו האָסט זיי אין דיר. זיי לעבן אין דיר. און פיל פון זיי האָסטו טאקע געקענט.

ביזט א פוילישער איד, בפרט א ווארשעווער, געדענקסטו דאָך אונזערע אלטע גבירים, פרנסים, אונזערע לומדים; אונזערע בעלי־צדקה: ערנסטע פנימער, קלוגע אויגן, לאנגע בערד, ראַצעמאָרענע קאפּאָטעס, סויבלנע ספּאָדקעס, שווערע זילבערנע עטרות אויף די לאנגע טליתים איבער די קעפּ — מיין זיידע, דיין זיידע!

ר׳ שמואל זביטקעווער!

ווייסטו ווער דאָס איז געווען? גיב א קוק אין דער ענציקלאָפּעדיע! ניין! דאָס לאָז איבער צו דער חברה דייטשן! זאָלן זיי לערנען פון ענציקלאָפּעדיעס, וואָס א גביר איז, און וואָס א בעל־צדקה איז, און וואָס איז זביטקעוו. אָבער דו ווייסט דאָך! געדענקסט ר׳ ישעיהן, עליו השלום, אָדער ר׳ יוסל קרעל, אָדער אפשר האסטו געקענט מיין פעטער ר׳ עקיבא אין פלאָצק? איך מיין די צורה פון גדלות און בעל־הבתישקייט, גרויסע געשעפטן, חשוב ביי דער מלוכה און ביי פריצים, אָבער נישט מה יפיתדיק, פארקערט! אנדערע געמוזט טאנצן ארום זיי — שטאָם־פאָטערס מיט גרויסע זין און געקליבענע איידעמס, און מחותנים־גאונים, און בעלי־צדקות אָן א שיעור, און בסודי סודות, און קהל געטראָגן אויף די ברייטע פלייצעס. קהל — יחסנים גלייך ווי המון־עם און דרך־ארץ נאָר פאר לומדים. גלאט שקצים, גראָבע יונגען, וואויטקעס מיט געלט, האָבן געהאט וויניק וואָס צו זאָגן! א אידישע דעמאָקראטיע ־ אריסטאָקראטיע? אלע בייזע חלומות! אזוי איז געווען די טיפּאָגראפיע פון די אמתע טיפן פון אמתן לעבן, פון אייגענע מעלות און אייגענע חסרונות, אייגענע כוחות און אייגענע צרות. נישט קיין פורים־שפּיל פון נאָכגעמאכטע און אויסגעטראכטע מכירת־יוספן? האָסטו זיי געקענט? אויב דו האָסט זיי געקענט — האסטו געקענט אויך ר׳ שמואלן אויף יענער זייט ווייסל, אין פראגע!

פראגע! ערב ווארשע! א ריח פון פראָווינץ, מיט ווייטע פעלדער ארום און ארום, א סך מאָל חרוב

געוואָרן דורך מלחמות און שריפות, און צוריק אויפגעבויט, סימנים פון אַקאַפּעס, א שלאַכטפעלד און אַקסן־מאַרק, צו גרויס פאר א פאַרשטאָט און צו קליין פאר אן אייגענעם אָפּגעזונדערטן גוף, א טויער קיין ווארשע, אָבער פאר אונז אידן אן עלטערע קהילה, זיך צוזאמענגעקוועטשט, — דאָרט וואו די אלטע שיל האָט זיך באהאלטן און דער אלטער בית־עולם האָט זיך פארגראָבן — מיט גרויסע קראָמען און קליינע קליינטשיקע געוועלבלעך, און וואו מ'האָט געהאט „פּראוואָ" צו וואוינען, ווען מען האָט נאָך נישט געהאט קיין „פּראוואָ" אין ווארשע גופא, חוץ מיט פּריווילעגעס, און אויף ירידים און נאָר אין געוויסע גאסן, אין רוימיץ ביי קעלן, און נאָך א סך פאַרשטעט ביי גרויסע שטעט, א שטייגער ווי: „התקן עצמך בפרוזדור, כדי שתכנס לטרקלין" — געוואכט דאָס ביסל אידן אין קאָרידאָר, און דערווייל דאָרט געכאַפּט קלעפּ...

און פאָרסטו פון ווארשע קיין סראָצק, נאשעלסק, פּולטוסק, ווי איך פלעג פאָרן מיט א בעל־עגלה איבער די אלטע בריק איבער פּראגע געבריקעוועט מיט אלטע שטיינער, און טרייסלענדיק די געדערים, און וועט דאָס ביידל בלייבן שטיין א ווייל ביים גרוסן זאיאזד מיט שפּייכלערס, מיט א ברייטער קרעטשמע, מיט געמויערטע אלטע האלב דאָרפישע האלב שטאָטישע כאלופּעס, אין וועלכע עס וואוינען האלבע פּויערים אין קאפּעליושן, שוין געכאַפּט אין ווארשע, און וואו מיין אלטער פריינט לייבקע דער קאָוואל פלעגט זיצן דרויסן פאר דער שמידעריי און קאָוועז הנהס „לייבן", און די פונקען האָבן געשפּריצט אויף די שטענדיקע בלאָטע, און ארומגעשטאנען די קליינע יאַנעקס און מאַריסיעס מיט די פלאַקסענע האָר — ביזטו אין שמולעוויזנע!

אויב דו ביסט כאָטש א שטיקל ווארשעווער, וועסטו דאָך וויסן וואָס דאָס באדייט. שמולעוויזנע האָט געהערט צו ר' שמואל זביטקעווער, ר' יעקבס א זון (דערפאר האָט מען אים גערופן: יאקובאָוויטש) — געקומען פון זביטקעוו קיין פּראגע, געהאנדלט מיט צעלניק, מיט שניט־סחורה, דערנאָך געוואָרן א תבואה־הענדלער, קאהנען אויף די ווייסל קיין דאנציג, באַרייכערט זיך אליין און די שכנים; געקויפט וועלדער; אויפגעשטעלט טאַרטאַקעס; טראנספּאָרטירט האָלץ אויף טראַטוועס, געבויט הייזער, געקויפט מאַיאָנטקעס, באשעפטיקט א מאסע מענטשן. ער האָט אויך געהאט זיין „ווילהעלם דעם נײַנטן לאנדגראף פון העססען־קאססעל"; דאָס איז געווען פרידריך ווילהעלם, קעניג פון פּרייסן, וואָס האָט אים געגעבן א „פּריווילעגיע צו וואוינען אין ווארשע, אין דרום פּרייסן, אין שלעזיען, און נאָך אנדערע מקומות", מן הסתם צוליב געשעפטן, וואו פּרייסן האָט אויך אָפּגעלעקט א ביינדל. אין אויסלאנד האָט מען אזא מין איד גערופן „האָף־יודע", „האָף־באנקיר" — אין פּוילן, בפרט אין יענעם דור, האָט דאָס געהייסן, פּשוט, א פּריווילעגיע. ר' שמואל, א איד מיט באָרד און פּאות און א זיידער יופּעצע מיט א גארטל, שטארק פארנומען מיט געשעפטן און קהילה־זאכן אין פּראגע, פיל אידן געגעבן פּרנסה, א כל ולך ביי דער מלוכה, וואָס האָט זיך דעמאָלט געענדערט, אביסל אריינגעוויקלט אין דאָס נעץ פון יענע היסטאָרישע דראמעס, האָט זיך בענוגנט דערמיט, וואָס אידן האָבן אים ליב געהאט. „גבאים זיינען געווען סארווערס אויף זיינע שמחות" — האָב איך אלס קינד געהערט פון מיין זיידנס א תלמיד, ר' אברהמל אין פּראגע.

פונדעסטוועגן וואָלטן מיר אזוי געוואוסט פון א ר' שמואל זביטקעווער, ווי מיר ווייסן פון אנדערע טויזנטער גבירים, וואָס האָבן געהאט פּריווילעגיעס, דאָס הייסט, מיר וואָלטן אפילו דעם נאָמען נישט געוואוסט. אויב מיר ווייסן על כל פּנים עפּעס פון דעם דאָזיקן ר' שמואל, איז דאָס מכוח דער באקאנטער לעגענדע, וואָס איטלעך אידיש קינד אין ווארשע ווייס וועגן די צוויי פעסלעך גאָלד, וואָס ר' שמואל האָט ארויסגעשטעלט אין זיין הויף אין פּראגע, אין יאָר 1794, בשעת סואוואָראָוו האָט איינגענומען די שטאָט: א דוקאט פאר א לעבעדיקן איד, א רובל פאר א בר־מינן און די קעזעקלעך האָבן גענומען ברענגען סחורה — באלד געבליבן צוויי ליידיקע פעסלעך.

א לעגענדע ?

וואָס איז פּדיון שבוים? וואָס איז מת־מצוה? נישט פעסלעך גאָלד — דעם לעצטן טראָפּן בלוט האָבן זיך אויסגעפּרעסט צו ראטעווען א ברודער פון א גזירה, צו ברענגען א אידישן בר־מינן לקבר ישראל! א געוויינלעכע זאך! פאַניע האָט פארכאַפּט פּראגע! (דאָס איז געווען מקדמונים א מקום לפּורעניות!) אן אורגאן פון רציחות! די קאזאצקע נאגייקעס (ווער געדענקט זיי נישט?) האָבן זיך צעבושעוועט, אידיש בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואסער, די משוגענע בעסטיע האָט מען געקאָנט איינשטילן נאָר מיט איין מיטל — האָט ר' שמואל

מפקיר געווען זיין גאָלד און מציל געווען א היפּש ביסל אידן. אויף וואָס זיינען דען אידן — אידן? אנדערש וואָלטן מיר נישט ווערט געווען, אז די ערד זאָל אונז טראָגן.

פאראן אזא מין מאיעסטעט, וואָס ווען זי באַווייזט זיך, ווערט דער עולם רואיק. איר נאָמען איז: גוטסקייט. אָפּטמאָל ארומקוקנדיק זיך אין נאַציאָנאלע, אָדער כלל מענטשלעכע האַרעוואַניע, און אין די גרויסע אויפטוען האָבן מיר פיל התפּעלות, און גרויס כבוד פילן מיר, אָבער פון וואו־ערגעץ פאלט אויף אונזער געפיל א שאָטן פון אומרואיקייט און דערוואַרטונג. מיר וואַרטן אויף נאָך עפּעס, ווי דאָס פּובליקום אין א טעאַטער, וואָס איז געקומען צוליב דעם עיקר קונסט, אָבער מ'ווייזט אים אנדערע זאכן, אויך נשקשה, אָבער נישט דאָס, עס פארלאנגט דעם קלו! א גאַלעריע — ווידער א פּעאיקער מענטש, א טאלאנט, א גרעסערער, א קלענערער, א זשעני, אזא מין, אן אנדער מין, — אלץ זייער שיין, אָבער דאָס בילד ווערט ערשט אמת ליכטיק, ווען עס באווייזט זיך למשל, א ר' נחומקע גראָדנער, וואָס גייט ביינאכט מיט דער לאמטער אין א קנאקנדיקן פראָסט נאָך א תענית, און פאלט האלב חלשות, געפּאטשט פון שניי־שטורעם, און טראָגט אן אויסגעבעטלטע נדבה פאר אן אָרימען חולה — און נאָך אזעלכע ר' נחומקעס ווערט אונז לייכטער אויפן הארץ: אָט, דאָס האָט נאָך געפעלט. און ווען דאָס באַווייזט זיך, זיינען מיר רואיק.

אזוי גייט די אמתע אידישע ירושה. ר' בער ר' שמואלס, באקאנט אלס בערעק, איז שוין מער ווארשע, ווי פּראגע. געבוירן 1764 — ביי דער פּראגער שחיטה איז ער שוין א דרייסיק־יאָריקער, — דעם טאטנס ירושה פארגרעסערט, א גרויסער גביר מיט געשעפטן, אויך געזעסן און געלערנט. 1810 קריגט ער א פּריווילעגיע פון נאמיעסטניק גענעראל זאיאנטשעק איבעראל צו וואוינען, צו טראָגן אידישע קליידער און נישט געצוואונגען זיך צו ראזירן. זאיאנטשעק אן אלטער גענעראל פון קאשטשושקאס צייט, שפּעטער פון דער נאפּאלעאָנישער ארמיי, שוין אביסל נהמיץ מיט אויסלענדישע פרייהייט אפּיקורסות, א פריינט פון דער בערעק־פאמיליע, איז גרייט אלץ צו דערלויבן, אָבער ער מוז די זאך פארשטעלן דעם קייזער אליין — א קליינינקייט אזא פּריווילעגיע! און אלכסנדר דער ערשטער באגרענעצט די פּריווילעגיע דורך א בפירושע באדינגונג, אז נאָר בערעק אליין, און נאָך אים זאָל זיין עלטסטער זון ווערן אזוי געלייטזעלעגט.

א וואזשנער איד, מיט לייב און לעבן, געגעבן ספרי־תורות אין אלע שילן אליין, כל ימיו חתן־התורה, א גרויסע דעה ביי קהל, דאָך וואָלט קיין האָן נישט נאָך אים געקרייט. קנאַפּ האָבן מיר געהאט שיינע אידן, גבירים אָנגעזאָפּט מיט תורה. בערעק וואָלט געווען א פארגעסענער, ווען נישט זיין ווייב טעמערל.

טעמערל! אויב דו ביזט כאָטש א שטיקל ווארשעווער, קאָנסטו דאָך דאָס ווארשעווער אידישע שפּריכוואָרט:

„טעמערל איז רייכער געווען".

די שיינקייט פון א בלום, די צניעות פון א טויב, א נשמה מיט גאָלדענע פליגלען און פרוכטבאר ווי אן איילבירט. דריי זין. יעקב, מיכאל, ליב (לעאָפּאָלד) — דוכט זיך נאָך א פערטער, אָבער איך געדענק נישט דעם נאָמען — און א בת־יחידה: פערל־מירל. טעמערל איז א מין מאמע רחל אין דער ווארשעווער אידישער לעגענדע. מען רעדט ווייניק פון בערעקן: בערעק איז געווען טעמערלס מאן Prince Consort; דאָס אליין איז גענוג. איבערגעלאָזט פינף מיליאָן גולדן, ס'רוב אויף צדקה, קרן קימתן א. א. וו.

דאָס אלץ זע איך פאר מיר, ווי היינט, אָבער נאָך קלאָרער זע איך די פאָרזעצונג. פון דאַ־אָן בין איך שוין אינגאנצן אין דער היים. חברים, אלטע ווארשעווער! ווער פון אייך האָט נישט געקאָנט פערל־מירל, טעמערלס טאָכטער? ווער האָט זי נישט אמאָל געטראָפן ארום נאוואליפּקי, דזשעלנא, פּאווע, דזשיקע, ווען זי פלעגט גיין צו באזוך צו דער פארשטאָרבענער מאריא בלומבערג, צו מאַדאם שרה סלאנימסקי, אָדער צו אונז, ווען די „הצפירה" איז נאָך געווען א וואָכנבלאט אויף דזשיקע? אָרים — פון אלע יענע מיליאָנען און קרן קימתן האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם! — אָבער ווי א קעניגן־אלמנה אין איר האַרבאנד מיט די טונקל־בלויע סטענגעס, אין דעם טערקישן שאַל ווי אן אנטיקער גאָבעלין. א גאנג ווי אין א פייערלעכער פּראָצעסיע, אָבער גאנץ נאטירלעך. א יאָרהונדערט איז זיך געגאנגען פון נאוואליפּקי, איבער די דזשיקע, א יאָרהונדערט פון אלטן חן, טואלעטן־שיינקייט און פון חכמה. איר האָט זי געזאָלט הערן ריידן אידיש! איר וואָלט פארהאלטן דעם אָטעם, נישט צו פארלירן א האלב וואָרט. נאָר צוויי מענטשן האָבן אזוי גערעדט אידיש: פערל־מיר־

און מיין באבע איטע עליה השלום פון פלאָצק. דערציילן האָט די געקאָנט! פון דער ערשטער פאוורסטאניע, פון קאָנסטאנטין, פון פאסקעוויטשן, פון 1864, פון ר׳ בעריש מייזלס, פון מאטיאס ראָזן, פון קראשעווסקין אלס רעדאקטאָר ביי דער „גאזעטא פאָלסקא" און ביי קראנענבערגן. דאָס זיינען געווען מענטשן מיט א גורל, מיט וואונדערלעכע טראדיציעס, זיי האָבן זיך געפילט ווי יורשים פון יענע העלדן, פון וועלכע זיי האָבן דערציילט.

צוהערנדיק זיך צו אירע ווערטער, האָב איך געמוזט די אויגן אראָפּלאָזן, געצוואונגען פון אן אינערלעכן עהרפורכט געפיל. אָט דאָס איז געווען אמת אידיש. אָט, דאָס איז געווען אן אמתע „מירעלע אפרת"! נישט אויף דער סצענע, נאָר אין לעבן, אין אמת.

איר ערשטער מאן איז געווען א יחסן און א גרויסער למדן, ר׳ ישכר הורוויץ, אונזער ישכר בעריש הלוי איש הורוויצס פאָטער (ישכר בעריש האָט געהייסן נאָכן פאָטער, וועלכער איז נפטר געוואָרן א חודש אידער דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן). ישכר בעריש פארנעמט א פלאַץ צווישן די אלטע משכילים און די שטרענגע מדקדקים, מליצים און פאָעטן. איר האָט אים אלע געקענט — א וואונדערלעכע קאמבינאציע: בערעקס אן אייניקל, פוילן שבפוילן, און אליין א ליטוואק, א גראדנער; פון א מיליאָנערישער פאמיליע, און כמעט גאנץ אָרים; אמאָל א מענטש מיט געשעפטן, אָבער כל ימיו א פאָעט, פלעגט באזינגען דעם „המגיד", און האָט אויך געשריבן אויסגעצייכנטע ריין העברעאישע איבערזעצונגען און גוטע אפאריזמען אין סטיל פון אדם הכהן און שטיינבערג. פיל יאָרן איז ער ביי מיר געווען א בן־בית. אויף דער עלטער האָט ער נישט ווייניק געליטן; זיין גרעסטע דאגה, וואָס האָט אים מקצר ימים געווען, איז געווען, ווען חברה האָט אָנגעהויבן שרייבן העברעאיש פריי. נישט ווילנדיק, האָב איך אים נעבעך גורם געווען דעם גרעסטן שברות־הלב, ווען איך האָב אליין אָנגעהויבן צו מאָדערניזירן דעם אקאדעמישן מליצה־סטיל. פריער איינער פון מיינע פייערדיקסטע חסידים, דער נייער קורס האָט אונז אביסל דערווייטערט, אביסל, ווייל אין תוך אריין זיינען מיר געבליבן ידידים, און איך דערמאן אים מיט כבוד און מיט ליבשאפט. פיל, פיל איז צו שרייבן איבער ישכר בעריש הלוי איש הורוויץ; דאָ ברענג איך אים נאָר אלס א בערגסאָן, פון דער מוטערס צד — א מערקווירדיקער גלגול פון ר׳ שמואלן.

דער נאָמען בערגסאָן, ריכטיקער בערעקזאָן, האָט זיך אָנגעהויבן נאָך ר׳ בער ר׳ שמואלס. איך האָב פריער דערמאנט ר׳ בערס זין: יעקב לעאָפאָלד און מיכאל. פון יעקבן און לעאָפאָלדן האָב איך געהערט פיל מעשיות — די בעסטע פון פערל־מירל, מער ליטעראריש, אָבער ווייניקער אָריגינעל פון ישכר בעריש. יעקב איז געווען א גרויסער בעל־צדקה, א בר־אוריין, א שטילער באהאלטענער מענטש — מיכאלן האָב איך נאָך געקענט (פארשטייט זיך, אז איך מיין נישט מיכאלן, דעם פרעזידענט פון זאזשאנד גמיני וועלכן מיר אלע האָבן געקענט), ווען ער איז געווען א בן־שמונים. ער איז א גאנצע הילכתא פאר זיך. געבוירן אין 1818 אין ווארשע, 1825 האָבן אלע ברידער געקראָגן א פריווילעגיע „צו וואוינען וואו זיי ווילן און זיך צו קליידן, ווי אידן". מיכאל איז אלזאָ אין זיין פריער יוגנט, אויך געגאנגען אין א לאנגער קאפאָטע, און פון דעם פארמעגן איז ער — ווי פערל־מירל פלעגט זאָגן — אנטלאָפן צו די כלי־זמרים, און פארליבט האָט ער זיך אין יענעם געניאלן קלעזמער, וועלכער האָט געהייסן שאָפען, אין יענער זיסער פארחלומטער מוזיק, אין וועלכער די נשמה פון פוילן זינגט די הארמאָניעס פון אירע יסורים און פון אירע האָפענונגען. טעמערלס זון איז געווען א פיאָנער פון יענעם גאונישן זון פון א פראנצויזישן פאָטער און א פוילישער מוטער, אין וועלכן מוטער צד האָט גובר געווען. דערצו איז נאָך ווארשע נישט מסוגל געווען. און אזוי איז מיכאל בר׳ בער ארוים קיין אויסלאנד. אָט דער ווארשעווער יונגערמאן, אן אייניקל פון ר׳ שמואל מיט די צוויי פעסלעך גאָלד און די רייכע צדיקת טעמערלס א זון, פערל־מירלס א לייבלעכער ברודער, אונזער ישכר בערישס דעם העברעאישן מליץ׳ס א פעטער, איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פאָפולאריזירט שאָפענען אין אייראָפע. אליין א פיאניסט און קאָמפאָזיטאָר מיטן טוי פון דער יוגנט אויפן שטערן, האָט ער זיך אוועקגעלאָזט קיין פראנקרייך, קיין איטאליען, בעלגיען, ענגלאנד מיט שאָפענס מוזיק פון אן אנדער וועלט, טיף און ווייך, תהילים פון פוילישע הארפעס, גרינע זאנגען פון פוילנס פעלדער, פאָעזיע פון געפאנגענע העלדן, בענקעניש פון פוילישע עמיגראנטן, בליענדע הימנען, מוזיק פון בלומען און פון נשמות, סודות פון שטימונגען.

דער זיידע האָט געשאָטן מיט רענדלעך אויסצולייזן די אידן אין פראגע, די מאמע האָט באקריינט און באשיינט די שילן אין ווארשע, די שוועסטער האָט חתונה געהאַט מיט א גרויסן ליטווישן למדן, איר זון שרייבט שירים מיט אזויפיל און אזויפיל „יתדות" און „תנועות" — און ער פירט אריין זביטקעוו מיט שאָפען אין די וועלט מוזיק, ארומגערייזט, זיך געפּאָרעט, און זיך דערשפילט ביז דירעקטאָר פון בריסעלער קאָנסערוואטאָריום, וואו ער האָט געארבעט פיל יאָרן, פון דאָרט קיין פראנקרייך, איטאליען, ענגלאנד, אויסגעצייכנט אלס ווירטואז, נאָך פיל מער אלס קאָמפאָזיטאָר, געשריבן צוויי גרויסע אָפּערעס („לואיזא דע מאנפור", „סאלוואטאָר ראָזא"), א מאסע עטיודן, לידער, הימנען, מארשן, באפריינדעט מיט די גאונים פון דער מוזיק וועלט אין זיין גאנצן דור, אויף דער עלטער זיך באזעצט אין לאָנדאָן— זיין ווייב איז געווען אן ענגליש אידישע טאָכטער, דר. י. ל. לעווענזאָנס צווייטע טאָכטער, און א הויז האָט ער געהאַט אין לאָנדאָן, שעפערדסבוש— און דאָרט האָב איך מיך באקענט מיט אים אין יאָר 1896.

ער האָט געבענקט נאָך ווארשע, און האָט געפרעגט ווי ס׳זעט אויס אויפן מקום, און אונטער די פילארן, און פארן אייזערנעם טויער, און אויפן שילעץ; פויליש האָט ער גערעדט אין א הויכן סטיל, אָבער מיט גראמאטיקאלישע פעלערן, און א פראנצויזישן אקצענט, אביסל אידיש מיט א ווארשעווער רי״ש, האלב רי״ש האלב הי״ת, א קינסטלער אריסטאָקראט ביז צו די נעגל, און ווען ער האָט גערעדט פון שאָפען איז ער געוואָרן א בחור, און די באקן האָבן געגליט, און די באגייסטערטע אידישע, פויליש־אידישע אויגן, האָבן געברענט ווי פייערדיקע קוילן.

איך האָב אים דערציילט און דערציילט פון ווארשע, בפרט האָט ער זיך אינטערעסירט וועגן דעם „דאָס סטאַרצוב" אויף וואָליע, וואו זיין ברודערן זון מיכאל — אונזער „פרעזעס" — האָט געפירט זיין ערלעכע ממשלה מיט אזויפיל התמדה, און וועגן די ווארשטאַטן, וואו דער אנדערער ברודערן־זון שמואל (סאמועל) איז געווען פרעזעס אין דעם קאָמיטעט, וואָס האָט געהאַט זיינע פארזאמלונגען אויף דלוגע־גאס, ביי דער „סטאווארזישעניע סוביעקטוב האנדלאוויך וויזנאניא מאוזשעשאוועגא", ביי וועלכן איך האָב מיך באטיליקט עטלעכע יאָר.

אין 1889 איז ער געשטאָרבן. שטילערהייד, כמעט ווי איינגעשלאָפן, און זיין הויז אין לאָנדאָן, שעפערדסבוש, א טאָג צופיר — האָבן מיר באקאנטע דערציילט — האָט ער נאָך געשפילט „שאָפענס נאקטורן". די פרוי, קעהט האָט זי געהייסן, האָט אים איבערגעלעבט.

אין 1900 בין איך ווידער געווען אין לאָנדאָן, צו אונזער קאָנגרעס. פון סעסיל האָטעל אויפן סטרענד בין איך געפאָרן אין „העננ׳ס צו „קוויענס האלל" (וואו מיר האָבן געהאלטן דעם קאָנגרעס). דורכפאָרנדיק אָקספאָרד־סטריט אין מיין „העננ׳ס" בין איך פארהאלטן געוואָרן דורך א קאָנגעסטיאָן אין דעם פארקער. פלוצים — ווער זע איך?

אונזער מיכאל בערגסאָן, אונזער שפעטערן פרעזעס; מיין אלטער גוטער באקאנטער. פאניע מיכאליע! — א שמחה.

— וואָס מאכט איר דאָ? — פרעגט ער מיך.

— סטייטש ציוניסטן־קאָנגרעס! היתכן, איר ווייסט גאָרנישט, אז דאָ איז א ציוניסטן־קאָנגרעס! — ענטפער איך אים מיט א טאָן פון פרעטענסיע.

— טאקע זאָגט ער אביסל אונטער דער נאָזצאָש סלישאלעם!

— און איר? — פרעג איך אים צוריק.

— איך באזוך מיין משפחה, די טאַנטע קעהט.

ער איז נישט געווען קיין שמואל זביטקעווער און קיין בערעק, אָבער אן אָרענטלעכער, גרינדלעך אָרנטלעכער מאן, און א מתמיד אין קהל זאכן, וואָס די וועלט פארמאָגט עס נישט. ערלעכקייט, פינקטלעכקייט, ווירדע, געוויסן אין געשעפט און אין קהל. א שול־גייער כל ימיו פתיחיה צו נעילה געשטאַנען א פאסטענדיקער, א שטאַרקער כאראקטער, אסימילירט, אָבער אין תוך אריין א ירא־שמים. דער ברודער סאמועל אביסל קרענקלעך אן פיל ענערגיע, מיט גוטע כוונות, א רעפרעזענטאַנט. נאָך א ברודער יוזעף, א גאנצער אריסטאָקראט־באנקיר, באנק דיסקאָנטאָווי. געטראָפן שטענדיק ביי לורסן, פראנצויזישע צייטונגען, אויסלענדישע פארבינדונגען, אמפונען א וועלט־מאן, אן עסטע־

פּיקער, קיין שום אידישע אינטערעסן. — פון די אינגערע האָב איך קאָלעגירט אין קאָמיטעטן מיט גוסטאוון, א הויכער, א בלאָנדער, א קורצזיכטי־קער, מיט בינאָקלען, שטאַרק דזשענטעלמעניש לויט יענע באגריפן, אסימילירט אָבער אויף אן אויסלענדישן שניט. א פיינער יונגערמאן, נאָר די פּלוניתטע האָט נישט דערלויבט, אז דעם זיידענס פּאָרטרעט, מיט דער יארמלקע און באָרד און פּאות, זאָל הענגען אין זאל. בערעקן האָט מען מחילה משלך געווען אין קיך...

דאָ רייסט זיך אָפּ דער פאָדעם פון זכרונות. איך וויל דאָך נישט דערציילן, וואָס איר אלע ווייסט. וואָס איר ווייסט נישט, אָדער נישט גענוג קלאָר צוריק אויף א מינוט צו אונזער שאפען — מיכאל. האָט דער מיכאל האָט געהאט צוויי זין. איינער, וויניקער באקאנט, האָט זיך באשעפטיקט מיט ענגלישער ליטעראטור אין לאָנדאָן אונטער א פּסעוודאָנים. נישט פיל אויפגעטון, אונטערגעגאנ־גען ווי טויזנט אנדערע אין אנאָנימיטעט. אן אָרנט־לעכער שטילערמאן. דער אנדערער, דער עיקר, איז פּראָפעסאָר אנרי בערגסאָן! ער איז געבוירן אין דער צייט, ווען זיינע עלטערן האָבן געוואוינט אין פראנקרייך, אלזאָ א פראנצויז! די מוטער איז גע־ווען דר. לעווענזאָנס טאָכטער, א פיינע אידענע פון ענגלאנד, אליין האָט ער חתונה געהאט מיט א מים כהן אין ענגלאנד, דעריבער קען ער ענגליש אזוי גוט, ווי פראנצויזיש. וואָס אנרי בערגסאָן איז אין אונזער דור, דאָס איז איבעריק צו דער־ציילן. ער האלט דעם סצעפּטער פון פילאָזאָפיע, ער באלויכט די סארבאָנע, די פראנצויזישע אקא־דעמיע, ער שפּייזט די וועלט, ער איז דער וועג־ווייזער — אין דער מלוכה פון גייסטיקער וויסנ־שאפט קיניגט טעמערלס אייניקל!

„היינט יובליי־בוך", ווארשע 1928.



ז י ש ע ל א נ ד ו י

פאר אונזער חרוב אידיש לעבן

פאר אונזער חרוב אידיש לעבן
פאל איך און בעט פאר דיין גנאָד!
איך וויין אויף אונזער מאמע ווילנע,
אויף קאָלאָמעא און אויף בראָד,
אויף ווארשע, קאָוונע, קאליש, לעמבערג,
אויף גרויסע און אויף קליינע שטעט,
וואָס ס'איז דער שונא שוין באפאלן
וואָס שפּעטער נאָך בעפאלן וועט.

אויף יעדן אידיש שמוציק געסל,
אויף יעדער קראָם, — וויין איך און קלאָג,
אויף יעדן שענק, לאָמבארד און קרעטשמע,
אויף אונזער פאלשער מאָס און וואָג:
אויף יעדן אידיש פריילעך הייזל
וואָס אין א גויאיש שטעטל שטייט —
אויף אלץ, וואָס איז געווען אונזערס
און מיט רויך א צינד פארגייט.

ס'איז ריין און העל אלץ, וואָס ס'איז אידיש!
דאָס אָרימע לעבן בוי צוריק!
און די פאראומערטע נשמות
מיט א ניט דאָ איג וואָרט פארוויג.

ט ר ו י ע ר י ג

אין פרילינג און דעם גאנצן זומער
באמערקן מיר ניט, אז עס איז דאָ ביימער —
אין גאס, אין פארק,
און אויף די ביימער — גרינע, וואונדערבארע בלעטער.
ערשט שפּעט אין הערבסט, ווען געלע און פארוועלקטע
בלעטער
פאלן צו דער ערד און פונם ווינט געיאָגטע
פארביי אונז טראָגן זיי זיך גיך אזוי
ווי שפּעטלעך דערשראָקענע,
ערשט דאמאָלט הויבן מיר זיי אָן באמערקן
און קוקנדיק אויף זיי ווערט טרויעריג **אונז.**

טרויעריק איז מיין נשמה

טרויעריק איז מיין נשמה
און אין דרויסן — נאכט און רעגן.
כ'וועל מיט דיך זיך מיין נשמה,
לאָזן אין דער נאכט און רעגן.

כ'וועל אין מיינע הענט דיך טראָגן,
אָרעמע נשמה מיינע.
אפשר וועל איך דיך דערטראָגן
צו זיין גנאָד נשמה מיינע.

צום לאַנד פון פרידן

איך גיי צוריק צום לאנד פון פרידן,
פארבלייבן דאָ קען איך נישט מער.
איך טראָג מיט זיך א קאָפּ א מידן,
מיין הארץ פאַראומערט איז און שווער.

און אלעם וויל איך זיך פארגעסן,
וואָס איז געוועזן איז פארביי.
אמבראָזיא וויל איך ווידער עסן,
און נעקטאר טרינקען פון דאָסניי.

איך וואָלט

איך וואָלט געקויפט א פערד ווען איך זאָל קענען רייטן,
און רואיג וואָלט איך זיך געלאָזן אין מיין וועג:
אזוי וואָלט איך געפאָרן טריט ביי טריט באגלייטן
די שטאַרבנדע טעג.

און ווען מיין לעצטער אָוונט וואָלט זיך אָנגעצונדן,
און אויף מיין מידער ערד וואָלט זיך מיין נאכט צעשפרייט—
צוזאמען מיט מיין טרייען פערד וואָלט איך פארשוואונדן
פון קיינעם נישט באגלייט.

אוי, די אויגן מיר פאַרדעק

אוי, די אויגן מיר פאָרדעק —
אלעס זעען זיי דאָך, אלעס...
סטראָגט מיין שיפל זיך אויף כוואליעס
פונם טעמפּן ים פון שרעק.

כ'בין א קליין און גלויביק קינד
מיט א טיף צוקנייטשטן שטערן...
מיינע נערוון — הערן, הערן
און דאָס הארץ מיינס — בלינד איז בלינד.

***

און שטיל זענען אונזערע רייד,
און שטיל זענען אונזערע טריט.

דער ווינט האָט פון לאנג שוין פארוויעט,
די בלום האָט פון לאנג שוין פארבליט.

מיט הערצער פון דורות שוין טויט
מיר זינגען דאָס קומענדע ליד:
און שטיל זענען אונזערע רייד,
און שטיל זענען אונזערע טריט.

כ'וויל מיטן מזל זיך נישט קריגן,
וואָס ס'גיט דער טאָג, דאָס נעם איך צו —
פערוויגן, וויגן און דערוויגן
וויל איך די טעג צו העכסטער רו.

יהודה עלזעט

ביאליקס טרערן

א קאפּיטל פון א גרעסערער ארבעט

יעדע פּאָר בלעטלעך ביי ביאליקן, יעדעס צווייטע, דריטע ליד — אלץ טרערן, טרערן, טרערן!

און וויינט דער דיכטער נישט, רעדט ער כאָטש וועגן טרערן.

א באזונדערן געַנוס, א באזונדערן תענוג און פארגעניגן האָט ביאליק, ווען ער דערמאנט די ווערטער „טרער, געוויין”. עפּעס קלינגט עס פאר זיין אויער מאָדנע היימיש, מאָדנע הארציק!

עס איז אָבער נישט קיין וואולגאר געוויין. דאָס זיינען נישט קיין וואָלוועלע, וואָכעדיקע טרערן! „יעדע טרער אין איר צייט — מיט חבלי לידה, מיט ציין־קריצונג האָב איך פון מיין אויג ארויסבאקומען... טעג און חדשים האָב איך זי אין מיין הארצן מיט מיין וואונד אויסגעווארעמט, ביז זי איז קרישטאל קלאָר געוואָרן” —

כל טפה בשעתה בצירי יולדה
ובלחץ שנים מעיני עצבתי.
— — — — — — — — — —
וימים וירחים בלבבי יחמתי
עם פצעי הדמעה הזאת עד נצרפה.

(„לא תמח במהרה”)

ביאליק רעדט גאנץ אָפט וועגן טרערן, וועגן געוויין; ווילנדיק און נישט ווילנדיק, מוז ער וועגן זיי ריידן, על כל פנים — דערמאנען...

ער פּרושט אָבער נישט מיט זיי, ער פּרעזענטירט נישט מיט זיי. ביי אים איז באזונדערס הייליק און ווערטפול די „דערשטיקטע”, „באהאלטענע”, „נישט אויסגעוויינטע” טרער און דאָס שטילע, שטילע געוויין.

און ער דערמאנט וועגן זיי אזוי זאכט, אזוי שטיל, אזוי ווי עס פאָרמירט זיך זאכט און שטיל די טוי־טרער פרימאָרגנס אויף דער רויז.

הייליק, הייליק איז די טרער ביים דיכטער, קודש קדשים!

ועד אלהים מה נאמנה דמעתי! 1)

„און גאָט איז מיין עדות, ווי אויפריכטיק ס'איז מיין טרער!” צו דער, וואָס איז „צו־ריין צו זיין פריינדן, צו־הייליק — מיט אים צו זיצן”, שרייבט דער דיכטער:

„שיין מיר אין די זונען־שטראלן,
ווינק צו מיר פון הימלס שטערן,
רוף צו מיר פון מיין הארצנס דופק,
ציטער אין מיין טרערס א טראָפּן” —
זרחי לי באור החמה,
רמזי לי מכוכב מרום,
קראי לי מהלמות לבי
וברסים דמעתי רעדי.

(„מכתב קטן”, „זי האָט מיר געשיקט א בריוול”)

און ווען אלס קרבן איר ברענגט דער דיכטער דאָס טייערסטע און הייליקסטע, שרייבט ער:

„מיינע טרערן, מיינע זיפצן...
אויך דעם לעצטן חלום מיינעם
וועל איך ברענגען דיר אלס אָפּפער” —
דמעת לילי ראש אנחותי
הלם לבי, נשמת אפי,
גם האחרון בחלומותי —
אלה יהיו קרבנותי...

עס ציטערט נאָר אזוי אינגאנצן דעם דיכטערס

1) דאָרט.

נשמה, ארויסריידנדיק די ווערטער „דמעה מזהירה", א קלאָר גלאַנצנדיקע טרער". 1)

באזונדערס ליב געשעצט און געהייליקט איז פאר ביאליקן א קינדער־טרער און דער אָפּגלאַנץ פון א ליכט־שטראַל אין א טרער. 2)

דער דיכטער, וואָס זינגט מיט אזוי פיל פאטאָס, מיט אזוי פיל באגייסטערונג, וועגן זומער, ליכט און זון, וועגן פויגל, פעלדער און וועלדער — פון וואנען נעמען זיך צו אים אזוי פיל טרערן, פון וואנען נעמט זיך צו אים אזא אָפּט געוויין?

— דער דיכטער פון „צער און צאָרן" — וועט איר אפשר זאָגן!

אויב אזוי קענט איר נישט דעם דיכטער!

ביים אמתן צער, ביים אמתן צאָרן בלייבט „טרוקן ווי א שטיין אין מדבר זיין אויג". 3)

אונזער דיכטער איז

„פון גאָט מיט מוט באשמידט,
וואָס רייסט אויס בערג און ווערט נישט מיד,
וואָס לאָזט דעם רוקן זיך נישט בויגן
און קוקט דעם בייז גלייך אין די אויגן" 4)

וואונדערט אייך אָבער פאָרט נישט אויף דער טרער, וואָס פילט אָן דעם דיכטערס אויג און זוכט נאָר א געלעגנהייט ארויסצורינען...

דער דיכטער דערציילט אונז וועגן זיין זיפץ, פון וואנען ער נעמט זיך צו׳ אים, דרך־אגב דערוויסן מיר זיך אויך וועגן זיין הייליקער טרער.

פארטאָג האָט דער דיכטער אין זיינע קינדער־יאָרן דערוואכט אין זיין וויגל אמאָל אין א פינצטערן חדר, דורך דער אָפענער טיר האָט ער באַמערקט זיין מוטער די אלמנה, ווי ביי א קליין פלעמעלע קנעט זי מיט אירע דארע הענט דאָס ברויט פאר אירע זיבן יתומימלעך.

שטילע קרעכצן, שטילע זיפצן האָבן זיינע קלייני אויערלעך דאן פארנומען. „און ס׳הארץ זאָגט מיר, און איך ווייס עס, אז אין דעם טייג האָט ארייגעטריפט א טרער" —

ולבבי לי אומר ויודע הנני
כי נטפה לבצק גם דמעת עיניה.

(„שירתי")

ברויט געקנעטן מיט מוטער־טרערן, האָט אונזער דיכטער אין זיין פריסטער יוגנט געגעסן!

אזעלכע טרערן ווערן קיינמאָל, קיינמאָל נישט פארדייט, אזוינע טרערן ווערן אויך קיינמאָל נישט אויסגעטריקנט, קיינמאָל נישט פארגעסן!

אויך דאָס גאנצע לעבן ארום דעם דיכטער — דעם אידישן נאציאָנאלן דיכטער — רופט תמיד נאָר צו טרערן.

באלד אין זיין ערשטן שיר „אל הצפור", זאָגט דער דיכטער: „צו דיין בארג, אין דיין מדבר, פויגעלע, אנטלויף! א נס דיר, וואָס מיין געצעלט האָסטו פארלאָזן; וואָלסטו מיט מיר טאקע פארבליבן — אויך דו, אויך דו, לוסטיק פויגעלע, וואָלסט דאן ביטער, ביטער אויף מיין גורל געוויינט" —

נודי, צפורי, אל הרך, מדברך!
אשרתי, כי עזבת את אהלי;
לו עמי שכנת, אז גם את, כנף רננים,
בכית, מר בכית לגורלי.

(„אל הצפור")

עס שיינט, אז נאָך דעם אלעם געזאָגטן האָבן מיר זיך גאָרנישט צו וואונדערן, ווען מיר עפענען אויף די זאמלונג פון ביאליקס לידער אין אידיש און די ערשטע ווערטער, וואָס זיינען אונז מקבל־פנים זיינען:

„גלוסט זיך מיר וויינען געשמאקער פון הארצן..."

1) זע „פעמי אביב", „ואם ישאל המלאך", „משומרים לבקר".

2) זע „צפרירים", „ואם ישאל", „משומרים לבקר", „אכן גם זה מוסר אלהים" און „נטף נטפה הדמעה".

3) „אין דער שחיטה שטאָט".

4) „דאָס לעצטע וואָרט".

י. בערנשטיין (פלאָצק)

דער צייטיקונג־פעריאָד אין לעבן פון אונזערע קלאסיקער

פסיכאָלאָגישע באטראכטונגען אויפן יסוד פון זייערע אויטאָביאָגראפישע ווערק

— א. —

דעם באדייט פון די קינדער־יאָרן און צייטיקונג־פעריאָד פאר דער אויסגעשטאַלטונג פון דער פערזענלעכקייט הייבט די פסיכאָלאָגיע אָן וואָס אמאָל מער אָפּצושאצן. באזונדערס, האָט לעצטנס די פסיכאָאנאליטישע פאָרשונג געמיט זיך צו ווייזן, ווי ווייט דער מענטשלעכער גורל איז פארבונדן מיט די איבערלעבונגען פון דער קינדהייט. אין דער לעצטער צייט אינטערעסירט מען זיך אויך שטאַרק מיט דער פסיכאָלאָגיע פון דעם צייטיקן זיך.

הגם די גייסטיקע אייגנשאפטן פון צייטיקונג־פעריאָד זיינען בולט אייגנארטיק, זיינען זיי דאָך אויסגעטיילט געוואָרן ווי א באזונדער געביט פון פאָרשונג ערשט אין די גאָר לעצטע יאָרן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אנטוויקלען אויף דעם פעלד א זעלבסטשטענדיקע וויסנשאפטלעכע טעטיקייט, וואָס אירע רעזולטאַטן זיינען זייער וויכטיק אויך פון דערציערישן שטאַנדפונקט.

די ענדערונגען, וועלכע באווייזן זיך אין דער קערפּערלעכער אנטוויקלונג ביים איבערגאנג צו די צייטיקייט־יאָרן, ווערן באגלייט אויפן פסיכישן געביט דורך דעם פּראָצעס פון סעקסועלן צייטיק ווערן, וועלכע דריקט זיך אויס אין פארשטאַרקטע צוציען דעם צווייטן געשלעכט און אין געשלעכטלעכע געפילן און גלוסטונגען. פאראלעל ווידער צום פּראָצעס פון געשלעכטלעכן צייטיק ווערן וועלכע דריקט זיך אויס אין פארשטאַרקטע צוציען צום צווייטן געשלעכט און אין געשלעכטלעכע געפילן און גלוסטונגען. פאראלעל ווידער צום פּראָצעס פון געשלעכטלעכן צייטיק ווערן קומט פאָר דער פּראָצעס פון גייסטיקן צייטיק ווערן, וועלכער איז אין א געוויסער מאָס נישט אָפּהענגיק פון דער ספערע פון מין. אין דעם גייסטיקן לעבן פון יוגנטלעכן באווייזן זיך שינויים הן אין געביט פון אינטעליגענץ הן אין דער ספערע פון געפיל און ווילן. עס לאָזן זיך מערקן שטרעבונגען פון סאָציאל־עטישן און עסטעטישן כאראקטער. די דאָזיקע שינויים אין גייסטיקן לעבן פון יוגנטלעכן בילדן דעם כאראקטעריסטישן פּרצוף פון צייטיקונג און זיינען דער פאָרש־געביט פון דער פסיכאָלאָגיע פון דעם צייטיקונג־פעריאָד.

דער איבערגאנג פון קינדהייט צו בחורשאפט און אויך דער שפּעטערדיקער איבערגאנג צום דערוואקסן־צושטאַנד קען נישט ווערן פארבונדן מיט א גענוי אָפּגעגרענעצטן עלטער. געוויינטלעך ווערן די יאָרן ביז 14 באטראכט ווי די קינדער יאָרן און פון 14 ביז 20 ווי דער פעריאָד פון צייטיק ווערן (W. Hofman) עס זיינען אָבער אויך פאַראן אנדערע איינטיילונגען: ערשטע קינדהייט ביז 3 יאָר, צווייטע קינדהייט פון 3 ביז 7, דריטע קינדהייט פון 7 ביז 12, צייטיקונג־פעריאָד פון 12 ביז 16 אָדער ביז 18 יאָר (Vermeylem) דער צייטיקונג - פעריאָד ווערט אויך איינגעטיילט (Tumlirz) אויף פריער יוגנט — פון 11 ביז 14 יאָר, יוגנט — פון 14 ביז 17, בחורשאַפט — 17 און ווייטער (פארפּובערטעט, פּובערטעט, אדאָלעסענץ).

אין אונזער אָפּהאַנדלונג וועלן מיר זיך נישט שטרענג בינדן מיט א ספּעציעלער טערמינאָלאָגיע, ווייל די מאָמענטן וואָס מיר באהאנדלען זיינען נישט דירעקט נוגע די צייטלעכע קלאסיפיצירונג פון פארשידענע עטאַפּן פון צייטיקונג־פּעריאָד. (מיר ווייזן אָבער גלייך אָן, אז די איינטיילונג פון טומלירץ, איז אונז באזונדערס נאָענט). אונזער פּסיכאָלאָגישע סטודיע האָט א טאָפּלטן ציל: א) אָנווענדן צוליב דער פּסיכאָלאָגישער פאָרשונג דעם אויטאָביאָגראפישן מאטעריאל פון אונזערע קלאסיקער, וואָס עס ווערן געשילדערט אין אים זייערע איבערלעבונגען פון צייטיקונג־פּעריאָד; ב) באלייכטן פון פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט א געוויסן צייט־אָפּשניט אין לעבן פון אונזערע קלאסיקער.

פאר דער ווייטערדיקער שטודיע איז נעענטער דער ערשטער ציל, ווייל עס גייט אונז ראשית אין א פּסיכאָלאָגישער אויספאָרשונג און נישט אזוי אין א ליטערארישׂ־היסטאָרישער, אָדער ליטעראריש קריטישער, וועלכע בויט זיך אויף פּסיכאָלאָגישע פאָרש־מעטאָדן. דער צווייטער טייל וועט דעריבער דאָ אין א געוויסער מאָס רעאליזירט ווערן דרך אגב, פון זיך אליין, ווי א פּועל־יוצא פון דער פּסיכאָלאָגישער אויספאָרשונג.

קעגן די מעגלעכע טענות, אז דער דערוואקסענער קען נישט פּינקטלעך רעקאָנסטרואירן די איבערלעבונגען פון זיין אייגענער יוגנט, און ער מוז זיי סוביעקטיוו באפארבן פון זיין איצטיקן קוקווינקל ארויס, באטראכטן מיר דאָך (מיט געוויסע באוואָרענישן) דעם אויטאָביאָגראפישן מאטעריאל פאר ווערטפול צוליב דער פּסיכאָלאָגישער פאָרשונג פון יוגנטלעכן עלטער.

מיר באציען זיך מיט צוטרוי צו דעם זכרונות מאטעריאל פון אונזערע קלאסיקער מו״ס, י. ל. פּרץ און שלום עליכם, ווייל מיר ווייסן ווי אזוי זיי זיינען געווען באמיט צו געבן א גענוי אָביעקטיוו בילד פון זייערע איבערלעבונגען. אלע דריי האָבן געשריבן זכרונות אין זייערע עלטערע יאָרן, בעת עס האָט זיי ארומגערינגלט אן אטמאָספערע פון ליבע און אנערקענונג. זיי האָבן אין די זכרונות נישט געפירט קיין וויכוחים מיט קיינעם, זיי האָבן נישט געזוכט צו געבן קיין אפּאָלאָגיע פון זייער לעבן און שאַפן. אבראמאָוויטש און טיילוויז אויך שלום עליכם האָבן אין די זכרונות אנטפּלעקט א יוגנט, וועלכע איז געווען רייך מיט ווייטיקדיקע איבערלעבונגען. די שילדערונג פון דער פארגאנגענהייט איז געווען פאר זיי פארבונדן מיט דערלייכטערונג און אנטשפּאנונג, מיט באפרייען זיך פון איבערלעבונגען, וועלכע האָבן באדריקט זייער פּסיכיק זינט די יונגע יאָרן. אָט דאָס באפרייען זיך פון דריקנדיקע איבערלעבונגען און ארויסברענגען זיי פון דער טיפעניש פון דער נשמה אויף דרויסן איז געווינטלעך א סטיכישער פּראָצעס, וועלכער שליסט אויס פון לכתחילה יעטווידער אומערלעכקייט אָדער וואָסערע עס איז ליטעראַרישע צוטראכטענישן און צוגאָבן. אויך פּרץ האָט אין זיינע זכרונות א צווייט מאָל איבערגעלעבט זיין אידילישע קינדערהייט. די אויפריכטיקייט פון די איבערלעבונגען מיט זייערע פּרטים ודקדוקים, וועלכע פּרץ ציט ארויס פון הינטער דעם שלייער פון עבר, לאָזט אויף קיין מינוט נישט צו דעם געדאנק, אז עפּעס וואָס איז דאָרטן צוגעטראכט. אמת איז, אז ביי פּרצן איז פאראן פיל נישט דערזאָגטס, א דורכגעלאָזנס מחמת דעם אויטאָרס איינעווייניקסטער צענזור, אָבער דאָס וואָס ער האָט פארפיקסירט אין די זכרונות, איז עס א געטרייער דאָקומענט פון א מענטשלעכער נשמה.

עס איז כדאי קודם־כל זיך אָפּצושטעלן אויף די אינעווייניקסטע סיבות, וועלכע האָבן גורם געווען דערצו, אז די אויטאָביאָגראפיעס זאָלן געשריבן ווערן. מענדעלע האָט זיך גענומען באשרייבן זיין יוגנט אין „שלמה ר׳ חיימס״, ווייל דאָס האָבן ביי אים געמאָנט זיינע נאָענטע גוטע פריינט פאָרשטייער פון אדעסער ליטעראטור־קרייז״ 1). מענדעלע האָט אדורכגעמאכט א קאמף מיט זיך אליין, ביז ער האָט באשלאָסן צו טון דעם פארלאנג פון זיינע פריינד און מסתמא טיילווייז זיין אייגענעם באגער, וועלכער האָט נאָך נישט געהאָט די הסכמה פון זיין אייגענעם איבער־איך.

געוויסע איבערלעבונגען פון דער יוגנט זיינען פאר מענדעלען געווען אזוי ווייטיקדיק ־ פּיינלעך, אז ער האָט נישט געקענט ביי זיך פּועלן צו שרייבן אנדערש ווי אין רמזים. די דאָזיקע פּיינלעכע איבערלעבונגען האָט ער פאראייביקט אין זיינע קינסטלערישע ווערק, ער האָט זיי אָבער נישט ארויסגעפירט אין זיין אויטאָביאָגראפיע, הגם עס איז מעגלעך, אז ער וואָלט עס אפשר געטון טיילווייז, אויב ער וואָלט ווייטער געשריבן זיין ווערק, וואָס איז פארבליבן נישט פארענדיקט. אין דער

---

1) זע: שלמה ר׳ חיימס, פארלאג „מענדעלע״ דער ארייננפיר „אָמאר מענדעלע״.

הקדמה צו „שלמה ר׳ חיימס״ קומט בולט צום אויסדרוק די באציאונג פון מענדעלען צו זיינע יוגנט זכרונות, באזונדערס אין דער סימבאָלישער דערציילונג אָדער וויזיע פון אָרעמען בחור, וועלכער זוכט אן אָרט, וואו א נאכט אדורכצושלאָפן בעת א שרעקלעכן געוויטער און טרעפט אָן אויף צוגעמאכטע טירן און אויף מוסר־רייד און חשדים. די געשטאַלט פון ברוך דערמאָנט ר׳ שלמהן (מענדעלען) זיין פארגאנגענהייט: „דערמאָן זיך נאָר ר׳ שלמה, אז אזוי האָסטו דיך אומגעוואלגערט אין דיין יוגנט, ארויסגייענדיק פון דער ישיבה, און אזוי ביזטו אויך ווי א פארוואָגלט פייגעלע... געקומען אין בית־המדרש מען זאָל דיך לאָזן דעם קאָפּ אנידערלייגן״. אין דעם ארייננפיר צו „שלמה ר׳ חיימס״ שטעלט מענדעלע פאָר זיין באשלוס צו שרייבן די אויטאָביאָגראפיע, ווי אן אויסגאנג פון אן אינעווייניקסטן איבערבראָך. ער באטראכט זיינע זיכרונות ווי א ווידוי פון געוויסן, וואָס איז באשטימט קודם־כל פאר אים אליין.

מיט נישט ווייניקער אינעווייניקסטער באציאונג האָט שלום עליכם געשריבן זיין „פונם יאריד״. ער האָט דאָס ווערק באטראכט ווי זיין ספר הספרים און האָט עס געגעבן א מתנה זיינע קינדער, וועלכע ער האָט אויסערגעוויינלעך ליב געהאַט.

אין א גרעסערער מאָס ווי די בקשות פון גוטע פריינד האָט מיטגעווירקט צו שרייבן די אויטאָביאָגראפיע דאָס פאָרגעפיל פון נאָענטן טויט. גענומען זיך צום שרייבן האָט ער נאָך אדורכגעמאכטער שווערער קראנקייט, וואָס דעמאָלט האָט ער „זוכה געווען — ווי ער זאָגט — צו באגעגענען זיך פּנים אל פּנים מיט דעם מלאך־המות 1). דער מאָטיוו פארן שרייבן די אויטאָביאָגראפיע איז: „קיינער ווייס נישט וועמענס מאָרגן איז״. ער קוקט אויף דעם ענין שרייבן אן אויטאָביאָגראפיע, ווי אויף שרייבן א צוואה און זאָגן ווידוי, וואָס דעמאָלט איז דער מענטש שוין אויסגעטון פון הבלי עולם הזה. זיין איינציקע זאָרג איז, ער זאָל קענען „ביישטיין דעם נסיון״, נישט וועלן אויספיינען זיך פארן פּובליקום״. ער זאָגט אונז צו אז „שלום עליכם דער שרייבער״ וועט דערציילן די „ביאָגראפיע פון שלום עליכם דעם מענטשן״, און טון וועט ער עס „אָן צערעמאָניעס... ווי עס וואָלט.... דערציילט... א ווילד־פרעמדער״

---

1) „פונם יאריד״.

י. ל. פּרץ איז אין זיינע זכרונות אויסן געווען צו געבן אן אויטאָ כאראקטעריסטיק. בעת שלום עליכם בעט אין ארייננפיר צו זיין אויטאָביאָגראפישן ווערק, אז „דער וואָס גיט כוח דעם מענטשן״ זאָל אים ביישטיין, אז ער זאָל חלילה נישט פארגעסן קיין איין פּרט פון דעם דורכגעלעבטן אויפן לעבנס־יאריד, האָט פּרץ כלל נישט געזאָרגט וועגן געבן דעם לייענער אלץ, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. ווייל — „נישט אלץ איז דער מענטש״. פּאָרטרעטירט דארף ווערן נאָר דאָס כאראקטעריסטישע.

די זכרונות פון פּרצן זיינען באזונדערס רייך אין יחידישער אינטראָספּעקציע. ביי מענדעלען שפּילט א גרויסע ראָלע דאָס בילד פון כלל לעבן, די מנהגים און „פאסטעמקעס״ פון דער עדה, שילדערונגען פון דער סביבה און פון די ספּעציפיש אידישע אייגנשאפטן; עס גייט דעם מחבר אין פארפיקסירן אין בילדער א לעבן וואָס האָט גענומען זיך אָפּרוקן אין נעפּלדיקן עבר אריין. ביי שלום עליכמען שפּילט די וויכטיקסטע ראָלע אין „פונם יאריד״ די ראָמאן־ביאָגראפיע, די גילגולים און איבערלעבענישן פון דעם הויפּט־העלד שלום. ביי פּרצן איז דער עיקר דער פּסיכאָלאָגישער אנאַליז פון אייגענעם איך. אין די אויטאָביאָגראפישע ווערק פון מענדעלע און שלום עליכם איז אויך פאראן פארן פּסיכאָלאָג צום פאָרשן שטאָף פון אומגעפעלשטער איכות, אָבער דער עיקרשט און קודם־כל גיבן זיי מאטעריאל פארן געשיכטע־שרייבער און ביאָגראף. די זכרונות פון י. ל. פּרץ זיינען קודם־כל מאטעריאל פארן פּסיכאָלאָג, וועלכער געפינט אין זיי א שלל אינטראספּעקציע פון א פילזייטיקער, באגאבטער פּערזענלעכקייט, דערביי זיינען זיי אויך אן אויסגעצייכנטער הילפסמיטל צום פארשטיין דעם מענטש און זיינע ווערק.

— ב. —

דער פּעריאָד פון צייטיק ווערן איז א צייט פון איבערבראָך אין דער ליניע פון פּסיכישער אנטוויקלונג, וואָס ציט זיך פון קינדישן עלטער, א צייט ווען די אינעווייניקסטע כוחות פון אָרגאניזם יורן און ברענגען אריין דעם יוגנטלעכן אין א צושטאַנד פון אויפברויז. דער יוגנטלעכער ווערט פארפלייצט פון א שפע געפילן און באגערן, וועלכע זיינען גאנץ פרעמד דעם קינד. אין דער גייסטיקער הארמאָניע פון קינד דרינגען אריין אנארכיזירנדיקע עלעמענטן, וועלכע מאכן דעם יוגנט־

לעבן פאַרעקשנט, ווידערשפּעניק און צערייצט. די אינטענסיוויקייט פון די איבערלעבונגען און זייער לייכטע פאַרענדערלעכקייט זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם עלטער. עס באַווייזט זיך אויך אין פּעריאָד פון צייטיק ווערן א בענקשאַפט, טיילמאָל פון אומבאַשטימטן כאַראַקטער — אָן א באַשטימטן אָביעקט, וואָס זי זאָל זיין געווענדט צו אים. עס באַמערקט זיך ביי די יוגנטלעכע א באַדערפעניש אין נאַטור הסתכלות, וועלכע ברענגט סרוב די יוגנטלעכע אַריין אין א לירישן השתפחות־הנפשדיקן געמיט צושטאַנד. עס קומט אויך דאַמאָלט אויף די נייגונג צו חקירות וועגן גוטס און שלעכטס לעבן און טויט. לעבן די עטישע און מעטאַפיזישע פאַראינטערעסירונגען באַווייזן זיך אויך פּסיכאָלאָגישע, דהיינו די שטרעבונג צו דערקענען דעם מהות פון די אַרומיקע און פון זיך אַליין. עס מערקט זיך די נייגונג צו קריטיק און אויטאָקריטיק.

די דאָזיקע גייסטיקע שטרעבונגען זיינען סרוב נישט אין אַן ערך שטאַרקער און צווינגענדיקער ווי ביי דערוואַקסענע צייטיקע מענטשן, הגם די מעגלעכקייט צו ענטפערן אויף די שאלות זיינען אין יוגנטלעכן עלטער באַשיידענע און דער צוגאַנג צו זיי איז נאַאיוו. דער יוגנטלעכער שטרעבט צו שלמות און ער ליידט אָפּטמאָל מחמת דער נישט שלמותדיקער רעאַליטעט אין לעבן; פאַר די ליקויים און פגימות פון רעאַלן לעבן געפינט ער דערפאַר אַן אויסגלייך אין טרוים. די דאָזיקע גייסטיקע איינגנשאַפטן באַווייזן זיך נישט אין א גלייכער מאָס ביי אַלע צייטיק־ווערנדיקע, עס איז אויך נישט מעגלעך פעסטצושטעלן א גענויעם עלטער, און אפילו א דורכשניט־עלטער פאַר די באַזונדערע קאָמפּלעקסן, ווייל די אַרויסווייזן זיינען דורכאויס אינדיווידועל. זיי זיינען אָבער אָן ספק ענג פאַרבונדן מיט דעם פּעריאָד פון צייטיק ווערן. (די ווייטסטע גרענעצן: פון 12 יאָר ביז 22 יאָר) און מיט נישט צוזעענדיקע פעדים צונויפגעקניפּט מיט דער געשלעכטלעכער צייטיקונג.

אינטערעסאַנט ביז גאָר איז די שילדערונג פון דעם גייסטיקן לעבן אין צייטיקונג פּעריאָד, וואָס עס גיט אין זיינע זכרונות י. ל. פּרץ, באַזונדערס מחמת דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דעם גייסטיקן אומרו אין דעם געשלעכטלעכן צייטיק ווערן.

י. ל. פּרץ איז זייער פרי צייטיק געוואָרן, ער פּרוּווט אפילו אָנצונעמען דאָס פריע אַריינטרעטן אין צייטיקייט־פּעריאָד ווי א סימן מובהק פון אידן. „ראש וואַקסן אידישע קינדער הלוואי אויסערלעך ווי אינערלעך". ער רעדט וועגן „אידישלעך פריען" צייטיק ווערן, בעת די סומאַטישע אַנטוויקלונג געפינט זיך נאָך אין א קינדערשער סטאַדיע. אָט איז דאָס בילד פון דעם צייטיק־ווערנדיקן לייבושל:

„וועסט איך געהאַט אין דער האַנט, אָנשטאָט א פּעדער צו באַשרייבן, א בליישטיפט צום צייכענען, וואָלט איך פון מיר, פון דעמאָלטיקן, פון אינגלישן — א קאַריקאַטור געמאַכט: קליין, מאָגער. הענט און פיס ווי שטעקעלעך; א קאָפּ — א גרויסער; א שטערן אין קאָפּ — איין איינגעשרומפּענער; אונטער אים אויגן גרויסע, זוכנדיקע, שמערצלעך־פאַרגנדיקע... אין דער האַנט א שמעטערלינג־נעצל... איך... כאַפּ פּראָבלעמען... און זעגל אַזוי אַריין... אָן מיין ווילן און וויסן :אין ערוואַכנדיקן געשלעכטס פּראָצעס. און ווייטער: מיך אָבער באַשעפטיקן דברים העומדים ברומו של עולם... הויה און יצירה!... און וואָס איז לעבן... און וואָס איז גיין פון דער וועלט?.. און די פּראָבלעמען... וואַקסן ווי ווילד שוואַמען איבערן אומרואיקן, פאַרגעפיל־פולן ציטערדיקן תוהו ובוהו... וואו עס דערוואַכט דאָס געשלעכט, וואו עס פּיקט זיך אַרויס, אָן מיין וויסן און ווילן די חיה מאַנספערשוין". אין דער פיינער אויטאָכאַראַקטעריסטיק ווערט באַטאָנט די אַמביוואַלענץ, וואָס מיט איר נעמט דער יוגנטלעכער אויף די געשלעכטלעכע איינדרוקן און באַגערן, וועלכע קומען „אָן זיין וויסן און ווילן".

דער יוגנטלעכער האָט ליב זיך איבערצוגעבן זיינע מחשבות און פאַנטאַזיעס דעמאָלט, ווען ער ווערט נישט קאָנטראָלירט פון דער סביבה. ער האָט דערפאַר ליב צייטנווייז פאַרבלייבן אַליין אָדער פּראָווען יחידותדיקע שפּאַצירן הינטערן שטאָט. ער איז ממש פאַרליבט אין הימל בלוי און אין שטימונגספולע שקיעות און ער וועבט זיינע דמיונות און רעיונות בעת אַזוינע שפּאַצירן. שעהן פליען דעמאָלט אַדורך פאַר אים מיט דער גיכקייט פון מינוטן. דער אויסנווייניקסטער נאַטור־כישוף באַרואיקט די אינעווייניקסטע נאַטור ספקות פון יוגנטלעכן, לייזט אים אויס פון שוועריקייטן. די דאָזיקע יוגנטלעכע וואַנדערונגען ברענגען אָפּטמאָל דעם צייטיק־ווערנדיקן צו א צוזאַמענשטויס מיט די דערציערישע כוונות פון די עלטערן און סביבה, וועלכע פאַרלאַנגען פון אים רעגלמעסיקייט סיי אין אַרבעט סיי אין צייט־פאַרטרייב.

פּרץ דערציילט אין זיינע זכרונות וועגן אַזאַ שפּאַציר אין התבודדות. לייבושל איז דעמאָלט געווען א 14 יאָריקער „בחור", געלערנט דעם

ŻYDOWSKI PŁOCKU

„מורה־נבוכים" פון רמב"ם און איז אַרומגעגאַנגען „פאַרמרה שחורעט" מיט וועלט טראַגישע חלומות און געדאַנקען" וועגן ידיעה ובחירה, וועגן תכלית פון מענטש וכדומה אַזעלכע הויכע ענינים. איינמאָל אין א פרייטיק איז ער אַוועקגעגאַנגען אויף התבודדות־שפּאַציר, דאָס „שוואַרצע געמיט" האָט געזוכט צו זיין אַליין מיט זיך. ער איז „פאַרפאַלן געוואָרן" אויף א גאַנצן טאָג. צו קבלת־שבת אין בית המדרש אַריין איז דער 14 יאָריקער בחור געקומען גלייך פון שפּאַציר מיט נישט־געפּוצטע שיך און אין וואָכעדיקן מלבוש. אויף די שיך האָט זיך נאָך געפונען דער ליים, וועלכער האָט זיך צו זיי צוגעקלעפּט בעתן שפּאַציר הינטערן שטאָט. „דעם טאַטנס פּנים האָט אויפגעפלאַמט". ביים קידוש קען ער קיין אויג נישט אַראָפּנעמען פון זונס „פאַרחושכטן פּנים" און „גיט פּלוצים א שטעל אַוועק דעם כוס און דערלאַנגט מיר אין באַק מיט דער באַפרייטער האַנט: — שיינע שבתים מאַכט ער מיר..." די מוטער פּרצס פילט דעם קינדס נשמה שטאַרקער ווי דער פאָטער. זי שטעלט זיך איין פאַרן זון: גלייך א קינד האָט ניט זיינע ווייטאָגן". און פּרץ גיט צו אין די זכרונות: „אַז מיין ווייטאָג איז געווען גאָרנישט קינדיש איז איר נישט איינגעפאַלן".

און „שלמה ר' חיימס דערציילט מענדעלע, אַז אין דעם יוגנטלעכן עלטער פלעגט ער אָפּטמאָל אַנטלויפן פון דער גמרא אין פעלד און אין וואַלד אַוועק. דאָס פלעגט ס'רוב געשען אין שיינע זומערדיקע טעג, ווען די נאַטור אין דרויסן האָט געכישופט, און דער יוגנטלעכער שלמהלע האָט זיך נישט געקענט קעגן דעם כישוף אַנטקעגנשטעלן. ער באַטראַכט זיינע שפּאַצירן, וואָס האָבן אים מבטל געווען פון לערנען תורה, ווי א זינד און ווי דעם יצר־הרעס א שטיקל.

„שלמה לאָזט זיך איינריידן... און דערווייל מפסיק פון לערנען לכה דודי רעדט איין דער יצר־הרע, קום שפּאַצירן... שלמהלע גנבעט זיך אַרויס פון שטוב און גייט אויפן קבלת־פּנים צו דער שיינחנעוודיקער נאַטור, ווי א חתן אַקעגן א כלה"... דאָס נאַטור בילד ווירקט אויף דעם צייטיק־ווערנדיקן שלמהלע זייער שטאַרק: „די כלה (נאַטור) וויטעט זיך, לאָזט אים הערן שטיל אויף א שושקענדיק קולכל צווישן זאַנגען ווייץ און קאָרן, מאַכט חן דורך א... זייל שטראַלן... צווישן דעם גרינעם ים בלעטער... שיקט אים א קוש, גרייזלט אים די האָר דורך א מילד וואַרעם ווינטעלע — דער סאָלאָוויי צעגיסט זיך אין טרעלן, דער ציזיק, דער שטיגליץ מיט דער חברה משוררים האַלטן אים אונטער... אויף ביי־קולכלעך..." — דאָס ברענגט אַריין דעם יוגנטלעכן שלמה אין א מצב פון ליריש השתפחות־הנפש. „שלמהלען טוט עס אַזש אינעווייניק א ברי, ער ווערט אַזש צעשמאָלצן פאַר הייסע זיסע געפילן... אין דער הייסער שעה פלעגט ער זיך צעגיסן... און א ניגונדל פון זמירות, אין א וויינענדיקס צו א „באַדעקנס", אָדער געזאָגט „ברכי נפשי" הויך אויף א קול צעקייענדיק איטלעכס וואָרט, און געפילט דערביי עפּעס גאָר א באַזונדערן טעם"...

די דאָזיקע נאַטור איבערלעבונגען פון יונגן שלמהלע האָבן אויסגעפורעמט מענדעלעס באַציאונג צו דער נאַטור און האָבן געקראָגן א הילכיקן אָפּקלאַנג אין זיינע קינסטלערישע שאַפונגען.

די פאַרכישופנדיקע טיילמאָל אויפטרייסלענדיקע ווירקונג פון דער נאַטור אויף דער פּאָעטישער נשמה פון יונגן ש. י. אַבראַמאָוויטש וועלן מיר האָבן די געלעגנהייט צו דערקענען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער איבערלעבונג זיינער, וועלכע מיר רופן אָן „אַנטפּלעקונג פון איך". איצטער ווילן מיר נאָר אויפמערקזאַם מאַכן אויף דעם פאַקט, וואָס דער נשמה־אויפברויז פון יונגן אַבראַמאָוויטשן דריקט זיך אויס אין געזאַנגען: א וויינענדיקס צו „באַדעקנס", אין זמירות און אין לייענען אויפן קול די ביבלישע פּאָעזיע „ברכי נפשי". עס איז דער צושטאַנד פון השתפחות־הנפש, וואָס דריקט זיך אויס אין געלייטערטער רעליגיעזקייט און פליסט אַרויס פון נאַטור־הסתכלות.

אַזאַ איבערלעבונג אויפן באָדן פון נאַטור באַטראַכטונג געפינען מיר אויך ביים יונגן שלום ראַבינאָוויטש. 1) געשעען איז עס מיט דעם בר־מצוה־בחורל בעת דער רייזע קיין באָהוסלאַוו צים זיידן, נאָכן טויט פון דער מוטער. די יתומימלעך האָט אָפּגעפירט א בעל־עגלה קיין באָהוסלאַוו. דער אינטערעסאַנטסטער מאָמענט פון דער דאָזיקער רייזע, וועלכע איז ביי די יתומימלעך געווען זייער אָנגעלייגט, איז דאָס איבערשיפן זיך מיטן „פּאַראָם" איבער דעם דניעפּר. דער גרויסער און שטראָמיקער אוקראַאינער טייך האָט שטאַרק באַצויבערט דעם יונגן רייזנדער. „לאַנג און ברייט האָט ער זיך געוואָרפן ווי א ים... דער בלויער הימל קוקט אַראָפּ פון אויבן און שפּיגלט זיך אָפּ אין וואַסער... ריין דער הימל... ריין די לופט. און שטיל. א שטילקייט פון גאָט. ברייט. א ברייטקייט פון גאָט. עס

---

1) „פונם יאַריד".

דערמאנט זיך פון תהילים: למרחביה...״ עס הייבט אָן טונקל צו ווערן, עס גייט צו נאכט: „אָט הייבט אָן די זון זיך צו געזעגענען מיטן טאָג, מיט אירע לעצטע... גינגאָלדענע שטראלן שפּיגלט זי זיך אָפּ אינם זילבערנעם וואסער פונם דניעפּר״... אונטערן איינפלוס פון אָט דער דורכגעלעבטער נאַטור־פּראכט פארווילט זיך שלומען דאווענען מנחה און אויפן קול, און ווי שלום עליכם פארזיכערט, איז עס געווען זיין ערשטע נישט אויפגעצוואונגענע מנחה, וועלכע ער האָט מתפּלל געווען אין דעם פארנאכט אונטערן פרייען הימל צוזאמען מיטן אידישן בעל עגלה און די ברידערלעך יתומימלעך. ווי שלום עליכם פארזיכערט איז ער שוין געווען דווקא א שקאָץ, וועלכער האָט געוויינטלעך ליב געהאַט דאָס דאווענען אדורכצולאָזן.

עס איז טאַקע אמת, אז די נאַטור שילדערונגען, ווי זיי שטייען איצט אין די אויטאָביאָגראַפיעס, זיינען די פרוכט פון דעם געצייטיקטן טאַלאַנט פון שרייבער אין דעם לעבנס פעריאָד, בעת ער שרייבט די זכרונות.

די שפּראך־מיטלען פון עלטערן שרייבער, וואָס זיינען בלי ספק אפילו נישט פריי פון השפּעות פון געלייענטע ווערק, ווערן אויסגענוצט צוליב שילדערן די איבערלעבונג פון דער פריער יוגנט. אָבער די איינדרוקן גופא זיינען געבליבן פון דער פריער יוגנט, זיי האָבן איבערגעלאָזט טיפע שפּורן אויף דער פסיכיק, די בילדער וואָס דער יוגנטלעכער האָט דורכגעלעבט אויף אן אמת פארבלייבן אויפן גאנצן לעבן. און אז דער אויטאָביאָגראַף רופט זיי ארויס אין זכרון, לעבן זיי ווידער אויף, ווי מענדעלע דריקט זיך אויס אין „שלמה ר׳ חיימס״: „דער כוח המדמה ברענגט זיי ארויס ווי יענע כישופמאכערן פאר שאולן אין עין דור״.

מיר מיינען דעריבער, אז די נאַטור־שילדערונגען אין די אויטאָביאָגראַפיעס, אויף וויפל זיי זיינען שייך צו באשטימטע איבערלעבונגען, זיינען טאַקע אזעלכע ווי עס האָט זיי געזעען דאָס יוגנטלעכע אויג און ווי עס האָט זיי אויפגענומען דאָס אינגלשע הארץ. די טיף־פּאָעטישע נאַטור איבערלעבונג פון יוגנטלעכן שלום עליכם פּונקט ווי די ענלעכע איבערלעבונג פון יונגן מענדעלע, יורט אזוי אז דאָס אויפגעטרייסלטע געמיט פון יוגנטלעכן ווענדט זיך צו די עקסטאַטישע ווערטער פון דער תפילה, וועלכע פּאסן זיך פאר דעם געהויבענעם צושטאַנד פון זיין אייגענעם איך.

ווען מיר פארגלייכן דעם געבראכטן פאקט פון יחידישן שפּאציר ביי י. ל. פּרץ מיט דעם זעלבן פאל ביי מענדעלען און מיט דער נאַטור איבערלעבונג, וועלכע עס האָט אדורכגעמאכט אויפן וועג קיין באָהוסלאוו דער יוגנטלעכער שלום עליכם, קאָנען מיר פעסטשטעלן א געוויסן אונטערשיד צווישן זיי. דער יוגנטלעכער פּרץ אנטלויפט פון דער געזעלשאפט, ער זוכט איינזאמקייט, כדי צו וועבן זיינע געדאנקען וועגן וועלט און לעבן, און כדי צו באפרידיקן די שטרעבונג, צו איינזאמקייט, וועלכע איז כאראקטעריסטיש פאר דער צייטיקונג־עלטער.

ביי מענדעלען און שלום עליכעמען האָבן מיר נאַטור איבערלעבונגען לשמה. עס איז עסטעטישע הסתכלות, וועלכע ברענגט דעם יוגנטלעכן צום צושטאנד פון לירישער השתפּכות־הנפש. ביי פּרצן איז דער הויפּט מאָטיוו אן אינטעלעקטואליסטישער, ביי מענדעלען און שלומעליכעמען אן עסטעטישער. די באהאנדלטע פאקטן געהערן צום פרייען פעריאָד אין פּראָצעס פון צייטיקונג, צו דער אזוי גערופענער פארפּובערטעט (פאר 14 יאָר). עס איז דערפאר כדאי אויפמערקזאם צו מאכן, אז די נאַטור איבערלעבונגען פון מענדעלע און שלום עליכם זיינען אין געוויסער מאָס סותר די אָנגענומענע השערה, אז ערשט די אדאָלאסענץ, ד. ה. די שפּעטסטע פאזע אין דעם פעריאָד פון צייטיק ווערן, איז מסוגל צו עסטעטישער איבערלעבונג, און אז דער דאָזיקער מין איבערלעבונג איז בכלל פרעמד דעם קינדערשן עלטער און דעם עלטער פון פארפּובערטעט און פּובערטעט.

עס איז כדאי אָנצואווייזן אויף א כאראקטעריסטישן שטריך אין דער נאַטור־איבערלעבונג, וועלכע ווערט געשילדערט ביי שלום עליכעמען: אויף דעם, וואָס ער באַטאָנט אזוי די שטילקייט אויפן ברעג פון דניעפּר: „שטיל״... א שטילקייט פון גאָט...״ מיר זיינען כלל נישט מסופק, אז אזוי האָט דער יוגנטלעכער שלומל אויפגענומען אין זיך דאָס בילד פון דער שקיעה צוזאמען מיט דעם פאקט פון דער שטילקייט ארום, און אָט דער פּרט איז פארבליבן אין זכרון פון ש״ע נאָך בעתן שרייבן זכרונות (דאָס געדענקען די קלענסטע פּרטים פון יוגנטלעכע איבערלעבונגען געהער צו די פאקטן, וואָס זיינען אלעמען גוט באקאנט פון אייגענער אָבסערוואציע). דאָס דאָזיקע אויפנעמען די שטילקייט ווי א פּאָזיטיוון פאקט איז כאראקטעריסטיש ערשט פאר דעם פעריאָד פון צייטיק ווערן. פאר א קינד איז שטילקייט א נעגאַטיווע דערשיינונג, ד״ה א צושטאַנד, ווען מען הערט גאָרנישט. פאר דעם צייטיק־ווערנדיקן איז שטילקייט

שוין נישט קיין אויספעלן פון קלאנגען, נאָר א פּאָזיטיווער יש. דאָס דאָזיקע אויפנעמען די שטילקייט איז פארבונדן מיט דער שטרעבונג צו איינזאמקייט, וועלכע באווייזט זיך צייטנווייז אין צייטיקונג פעריאָד און וועלכע איז אינגאנצן פרעמד דעם קינד.

ביי פּרצן באגעגענען מיר שוין אן אנדער באַציאונג צו דער נאַטור. אויפן יונגן פּרצן איז דייטלעך קענטיק די ווירקונג פון דער אידישער טראַדיציאָנעלער דערציאונג וועלכע האָט אָפּגעפרעמדט דאָס קינד פון דעם נאַטור־לעבן. פּרץ קלאָגט זיך טאקע אין די „זכרונות״ (ז׳ 109), אז ער האָט בלויז „אַ קליין ביסעלע נאַטור״ אין זיין אוצר פון לעבנס־איינדרוקן. וואָרעם „א קינד — איז ער — געווען א אידישס אין א פעסטונג (זאמאָשטש) געבוירן, פון וואלד און פעלד מיט מויערן און וואלן אָפּגעגרענעצט. ער דערציילט וועגן זיך, אז ווען ער האָט געלערנט וועגן דער חבצלת השרון און דודאים אין דער הייליקער שריפט האָט ער נאָך נישט געהאַט צוגעטראָגן קיין בלימעלע צו די „קערפּערלעכע נאָזלעכער״ (געזען שוין יאָ ביי די אָפּיצירישע פרויען, וועלכע האָבן געטראָגן בלומען צוגעשפּיליעט צום בוזעם). אין פּרט פון נאַטור איז די בכלל וויניקער גליקלעכע קינדהייט און יוגנט פון מענדעלען און שלום עליכעמען געווען פריידיקער.

נישט וויניקער ווי דער פאקט, וואָס דאָס געבוירן אָרט ביי פּרצן איז געווען „מיט מויערן און וואלן אָפּגעגרענעצט פון וואלד און פעלד״ האָט מיטגעהאָלפן צו דערווייטערן אים פון דער נאַטור אין דער פריער יוגנט די שוין צו שטאַרקע השגחה מצד דעם עלטערן־הויז. מכוח מענדעלען און שלום עליכעמען ווייסן מיר פון דער שילדערונג פון זייערע לעבנס־תנאים אין זייערע זכרונות, אז די סביבה האָט וויניקער אָפּגעהיט זייערע טריט, און דערפאר טאַקע האָבן זיי אין די יוגנטלעכע יאָרן פארבונדן מער אינטימע באציאונגען מיט דער נאַטור. אָבער אויך זיי (כאָטש נישט אין אזא מאָס ווי ביי פּרצן) האָבן די נאַטור פריער דערקענט ווי א באגריף פון דעם חדר־לימוד ארויס, און דאָס די ווייטע ארץ־ישראלדיקע נאַטור פון פייגן, באָקסער, איילבירטן, בערג און טאָלן וכו׳), איידער זיי האָבן זי דערקענט מיט די חושים אין דעם ארום. דערפאר איז נישט קיין חידוש, וואָס בעת זיי קומען אין באריר מיט דער נאַטור־שיינקייט, דערמאָנען זיי זיך פּסוקים פון דער ביבל. פּרץ דערציילט אויך, אז ער האָט שוין „היפּש דורכגעפילט „ברכי נפשי״ און אנדערע ביבליש־פּאָעטישע נאַטור־באשרייבונגען, איידער ער האָט געזעען א וואקסנדיק גרעזל. ער ווייס נאָר, אז עס איז פאראן „אזוינס״, וואָס „מלאכים שטייען דעריבער מיט ריטלעך און שרייען: „שפּראָץ, שפּראָץ״.

דאָס איז אפשר די וויכטיקסטע סיבה פאר וואָס דער יוגנטלעכער פּרץ, איז גענויגט אויפצונעמען די נאַטור סימבאָליש, מער מיט מוח ווי מיטן אויג: אזוי האָט ער זי אויפגענומען אין זיך אין דער פריסטער יוגנט. ער דערציילט למשל: „איך וועל שוין האָבן דורכגעפילט דעם גאנצן סוד... פון סנה אין מדבר... און האָב נאָך קיין דאָרן, קיין שטענגל פון עפּעס וואָס וואקסט נישט געזען״... פּרץ נעמט טאַקע דעם „סוד״ פון דער נאַטור שטאַרקער, ווי ער נעמט זי אליין אויף.

עס שפּילן דערביי א וויכטיקע ראָלע אויך די איינגעבוירענע אינטעלעקטואליסטישע נטיות פּרצעס: ער זוכט כסדר עטישע רמזים אין דער נאַטור־סביבה, אזוי אז זי ווערט נאָר א סימבאָל. דער יוגנטלעכער פּרץ נעמט אויף די נאַטור, נאָך דעם ווי ער האָט פריער פּראָיעצירט אין איר זיינע אייגענע ליידן און פריידן. אין דעם פּרט איז כאַראקטעריסטיש די ערשטע באקאנטשאפט פּרצעס מיטן וואלד. ער געפינט זיך דעמאָלט אין א גייסטיקן צושטאַנד, וועלכער האָט געקענט אין א געוויסער מאָס משפּיע זיין אויף דעם אופן, ווי אזוי ער נעמט אויף די פאר אים נייע נאַטור־דערשיינונג. ער פאָרט אוועק פון דער „געליבטערס״ תנאים־שרייבן, ער האָט עס נישט געוואוסט אויף קלאָר, אָבער מסתמא זיך אָנגעשטויסן פון דעם פאָטערס האלטונג. כאראקטעריסטיש פאר די צייטיקונג־יאָרן איז דאָס וואָס דער יוגנטלעכער באַלעבט די נאַטור־לאנדשאפט מיט זיין כוח הדמיון. ביים ערשטן אָנבליק פון וואלד ווערט לייבושל נתפּעל: „אזוינע גבורים, אזוינע ריזן״ זיינען די אלטע ביימער, און... ער „פאלט ביי זיך אראָפּ״... און ווען ער דערזעט ווי א „קליינער פויער״ האקט אונטער א גרויסן אלטן דעמב, נעמט אים אָן א רחמנות־געפיל צו דעם געפאלענעם ריז. ער לעבט אויך איבער אן עטישע אויפטרייסלונג: עס איז דאָ געשעען אן אומרעכט דעם בוים; דער צאַרט־פילנדיקער בחור זעט אין דעם פאל א סימבאָל פון צעשטערונג און טויט אָן א פארוואָס. „ער לויפט אוועק פון וואלד א צעשראָקענער״ און מיט א „געוויין אין הארצן״ אין דעם וואלד־שרייבערס שטיבל אריין.

„ייוואָ בלעטער״ (יאנואר - מאי), ווילנע 1932.

י. גרינבוים

אנטקעגן א נייעם היסטאָרישן מאָמענט

די וועלט און מיר אידן בתוכם שטייען ווידער פאר א מעגלעכקייט פון גוואלדיקע אויפטרייסלונגען, פאר אַ מוראדיקער קאטאסטראָפע. ווידער אמאָל, ווי פאר דער וועלט־מלחמה, נאָך וועלכער די מענטשהייט איז נאָך נישט געקומען צו זיך, גרייט מען זיך אין יעדן לאנד צו דער קומענדיקער מלחמה, וואָס קאָן זיך אָנהויבן גאָר אומדערווארטעט. אָט קאָן פאלן א פונק, און עס קאָן קומען צו אן אויפרייס אין ווייטן מזרח, און אָנגעצונדן וועט ווערן א פייער אין דער גאנצער וועלט. און אָט האָט דאָס היטלעריסטישע דייטשלאנד צעשטערט די לעצטע פארצוימונגען, וועלכע די שלום טראקטאטן און שפעטערע אָפּמאַכן צווישן מלוכות האָבן געשטעלט, כדי צו פארזיכערן די נאָך־מלחמה אָרדענונג, כדי צו פארהיטן פאר א נייער, נאָך שרעקלעכער מלחמה. און אן אימה, ענלעך צו דער, וואָס האָט געהערשט פאר דער וועלט־מלחמה, פאלט ווידער אויף פראַנקרייך, אויף בעלגיען, אויף טשעכאָסלאָוואקיע, אויף רוסלאנד. אַן אימה פארן באַוואָפנטן נאַצי־דייטשלאנד, וואָס גרייט זיך אַלץ שטארקער צוריקצוגעווינען די פריערדיקע אויבערמאַכט. און אַלץ וואָס מען פלאנט, אַלץ וואָס מען טוט, וואָס מען גרייט צו, איז פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער אימה, מיט דער דאָזיקער שרעקלעכער פערספעקטיוו.

פיבערהאַפט הויבט מען אָן צו זוכן פארבינדעטע און העלפער נישט נאָר צווישן מלוכות, וואָס באזיצן ארמייען. מען הויבט אָן ערנסט צו באַטראכטן פלענער און קאָמבינאציעס, וועגן וועלכע מען האָט פריער נישט געוואָלט וויסן, מיט וועלכע מען האָט זיך העכסטנס געשפילט, נישט גלויבנדיק, אז דאָס שפיל קאָן אמאָל האָבן פארפליכטנדע קאָנסעקווענצן.

עס דערוועקן זיך ווידער האָפענונגען, דערווארטונגען, וועלכע מען האָט שוין געהאט אָפּגעשטופט אויף ווייטערע צייטן. פאָדערונגען ווערן געשטעלט, פלענער ווערן אויסגעארבעט און פאָרגעשטעלט. די רעגירונגען און די פעלקער ווענדן זייערע אויגן צו דער ווייטערער צוקונפט, באקומען אינטערעס פאר „פאנטאזיעס", וועגן וועלכע זיי האָבן פריער נישט געוואָלט הערן. דאָס ווייטע און פאַנטאַסטישע ווערט נאָענטער, קאָנקרעטער, דאָס גרויסע און אומעגלעכע — קלענער, רעאלער.

פאַר יעדן פרייז וויל מען אויסמיידן די מוראדיקע בלוטיקע קאַטאַסטראָפע, די גרעסטע אָנשטרענגונגען ווערן געמאַכט צו דעם צוועק. אָבער אין דער זעלבער צייט גרייט מען זיך. על כל צרה שלא תבוא.

אומדערטרעגלעך ווערט די לאגע פון די אידן אונטער די דאָזיקע באדינגונגען. זייט 1933 הערט נישט אויף די ווילדע ארבעט אויף חרוב צו מאַכן, אויף אויסצוראָטן דאָס דייטשע אידנטום. די אידן אַנטלויפן פון דייטשלאנד. אַלע לענדער, וואָס גרענעצן זיך מיט דייטשלאנד זיינען פול מיט אנטלאָפענע אידן. און יעדע נייע גזירה, יעדע פארשאַרפונג פון דער אויסראָטונג רופט אַרויס אַ נייע כוואַליע פון אַנטלאָפענע, אַ נייע מחנה פון פליטים. דער פעלקער בונד, וואָס האָט אויף זיך גענומען די דאגה וועגן פליטים קאָן זיך קיין עצה נישט געבן מיט זיי, איז נישט אומשטאנד זיי צו העלפן. די מלוכות, וועלכע האָבן געעפנט זייערע

גרענעצן פאר די דייטשע פליטים, די מלוכות, אין וועלכע זיי זאמלען זיך, פילן, אַז זיי האָבן אויף זיך גענומען גאָר אַ שווערע לאַסט און ווילן פון איר פטור ווערן.

אין די מלוכות, וואָס צווישן דייטשלאנד און רוסלאנד, ווערט די לאגע פון די אידן אַלץ שווערער, אַלץ אומדערטרעגלעכער. טעראָר, וואָס הערט נישט אויף, וואָס ווערט נישט איבערגעריסן, טראָץ די באַמיאונגען פון די רעגירונגען, אַנטיסעמיטישע העצע, באָיקאָט און ועל כולם עקאָנאָמישע ארויסשטויסונג־פּאָליטיק, וואָס פארקלענערט אַלץ מער און מער דעם שטח פון אידישער אַרבעט, פון אידישע פרנסות, גזירות און פּראָיעקטן פון גזירות, וואָס באַדראָען די עקזיסטענץ פון די אידן און מאכן זיי דאָס לעבן מיאוס — אָט דאָס איז דאָס בילד פונם אידישן לעבן אין די דאָזיקע מלוכות, אין וועלכע עס לעבט דער רוב מנין פון די אייראָפּעאישע אידן. אין פּוילן שטייען מיר נאָך דער גזירה פון שחיטה, וואָס וועט ביי מיליאָנען אידן צונעמען די מעגלעכקייט פון פרנסה, וואָס וועט זיי דערנידעריקן און פאַרמיאוסן ביי די נישט־אידן אַלס באַרבארן, קעגן וועלכע מען האָט געמוזט אָנעמען געזעצלעכע מיטלען, וואָס וועט זיי מאַכן הפקר פאַר יעדן שונא, פאַר יעדן שפעקולאנט אויף שנאה צו אידן, ווארום דאָס שיצנדע געזעץ, די קלאָרע גאראנטיעס פון דער קאָנסטיטוציע, זיינען צעבראָכן געוואָרן און וועלן מער נישט שטערן.

וועט דער דאָזיקער אַטענטאט געלינגען, וועט זיך ווידער אויפהויבן אַ נייע כוואַליע פון מענטשן, וואָס וועלן אנטלויפן, וואו די אויגן טראָגן. עס וועלן נישט העלפן קיין שום פאַרצוימונגען אין די שכנותדיקע לענדער, מענטשן וועלן זיך שוין אַן עצה געבן. צו די אידישע פּליטים פון דייטשלאנד, פון רוסלאנד, וועלן צוקומען אידישע פּליטים פון פּוילן אין די צענדליקער, אין די הונדערטער טויזנטער. די פאָרמולע, וועלכע ווערט איצט אַזוי קלאָר און אָפן ארויסגעזאָגט אין פּוילן, ווי אויך אין די אַלע לענדער פון מזרח־אייראָפּע, אַז ס'איז קיין אנדערע עצה נישטאָ פאַר אידן, ווי אויסוואנדערונג אין א וואָס שנעלערן טעמפּאָ, די באַמיאונגען צוצויאָגן די אידן, אונטערשטויסן זיי, אַז זייער אויסוואנדערן זאָל פאַרוואנדלט ווערן אין אַ ווילדן אַנטלויפן, — דאָס אַלץ ווערט אַ געפאַר נישט נאָר פאַר אידן, נאָר פאַר די נאָענטסטע מלוכות, פאַר גאנץ אייראָפּע. בנוגע צו דייטשלאנד האָט אויף דערויף שוין אָנגעוויזן דער פריערדיקער הויך־קאָמיסאר מאַקדאָנאלד און האָט געפאָדערט אָפּצושטעלן די רדיפות אין דעם נאַצי־לאנד, כדי עס זאָל נישט שטייגן אומאויפהערלעך די צאָל פון פּליטים, וועלכע מען קאָן נישט העלפן. וואָס וועט זיין, ווען עס וועט זיך אָנהויבן דאָס לויפן פון די לענדער פון מזרח־אייראָפּע — קאָן מען זיך גאָר נישט פאָרשטעלן.

דאָס אַלץ דראָעט דווקא אין אַזאַ צייט, ווען די אינטערנאַציאָנאלע שפּאנונג וואקסט און דערגייט צו דעם העכסטן גראַד, ווען א מינדעסטער שטויס קאָן ברענגען צו אַן אויפרייס, צו אַ וועלט־קאַטאַסטראָפע.

ווידער קומט דער גרויסער היסטאָרישער מאָמענט פאַר אונז, דער מאָמענט, אין וועלכן מיר מוזן זיך גרייטן צו טון א ווייטערן שפרונג אין דער ריכטונג פון פאַרברייטערן, פון פאַרפעסטיקן די מעגלעכקייטן פון אונזער באַפרייאונג אין ארץ־ישראל. אַזוי ווי אין דער צייט פון דער מלחמה און די פרידנס־אונטערהאנדלונגען. אויפן יסוד פון די דערגרייכונגען אין יענער צייט האָבן מיר אויפגעשטעלט אין א"י אַ אידישן ציבור פון 400.000 נפשות, אויפגעריכטעט אַ לאנד אין אלע טיילן זיינע, צו וועלכע מיר האָבן זיך נאָר צוגערירט. עס איז דורך דער דאָזיקער שאַפנדער אַרבעט אונזערער פאַרשטארקט געוואָרן דער ווידערשטאנד פון אונזערע שונאים, וואָס באַמיען זיך איבערצורייסן אונזער אנטוויקלונג. די רעכט אונזערע אין לאנד, די אַלטע, נישט די פּאַפּירענע, זיינען שוין ווייט, ווייט נישט גענוגנד, און עס פעלן רעכט, וואָס זאָלן פּאַסן צו די נייע כוחות, צו דעם נייעם שוואונג, צו דער שפּאַן־קראַפט, וואָס האָט זיך צונויפגעזאמלט אין דער צייט אינם אידישן ציבור אין ארץ ישראל, וועלכע איז אומגעהויער פאַרשטארקט געוואָרן דורך דער נויט און די אויסראָטונגס־פּראָצעסן אינם רוב פון די אייראָפּעאישע לענדער.

אויב אין דער צייט פון די פרידנס פאַרהאנדלונגען האָבן אונזערע ארגומענטן וועגן דער לאגע פון די אידן אין דער וועלט, וועגן די געפאַרן, וואָס דראָען זיי, וועגן די מעגלעכקייטן אין ארץ־ישראל — געהאט אַזאַ גרויסע ווירקונג, אַז מיר האָבן באַקומען נישט נאָר דעקלאַראַציעס, נאָר אויך רעאַלע אַרבעטס־מעגלעכקייטן אינם לאנד פון אונזער שטרעבן, וועלן דאָך די איצטיקע אר־

גומענטן געוויס האָבן נאָך אַ פיל שטאַרקערע וויר־
קונג. עס האָט זיך באַשטעטיקט אַלץ, וואָס מיר
האָבן פאָרויסגעזאָגט אי׳ בנוגע די לענדער פון
גלות — און נאָך פיל מער — בנוגע ארץ ישראל
— אין דעם פּרט אפשר אַביסל וויניקער. אָבער
קיינער קאָן שוין איצט נישט באַהויפּטן, אַז אונ־
זער דיאַגנאָז איז געווען פאַלש אָדער אונזער היי־
לונג־מעטאָדע איז געווען אומבאַגרינדעט. אין די
לעצטע יאָרן איז ארץ־ישראל אַלס אידיש לאַנד
געבליבן דער איינציקער קאָנקרעטער ענטפער
אויף דער אידישער פראַגע, וואָס איז געוואָרן אַזוי
גרויזאַם.

עס ווערט געפירט אַ שטאַרקער אָנגריף קעגן
אונזערע רעכט און מעגלעכקייטן אין ארץ־ישראל.
די אָנגרייפער האָבן אויך גינסטיקערע קאָניוקטורן
אַדאַנק דעם איצטיקן צושטאַנד אויף דער וועלט,
אַדאַנק די מלחמה־געפאַרן. מיר ווערן זיך ענערגיש,
אָבער דאָס געניגט נישט, דאָס טאָר נישט געניגן.
עס קומט ווידער אַ היסטאָרישער מאָמענט. די
פאַרשאַרפונג פון דער אידן־פראַגע איז ווידער
געוואָרן אַ אינטערנאַציאָנאַלע געפאַר, און מיר
מוזן זיך גרייטן צו אַ נייער גרויסער אָפענסיווע
אויפן גאַנצן פּאָליטישן פראָנט.

„היינט", וואַרשע, 27־טער מערץ 1936.

...און מען וואַרט

אין אַ ווילד־שנעלן טעמפּאָ גייט צו די ליק־
ווידאַציע פון דעם רעזשים, וועלכן דער ווערסיילער
שלום־טראַקטאַט האָט אויפגעבויט אין אייראָפּע.
צווישן דער ערשטער טיילונג פון טשעכאָסלאָוואַ־
קיע און דער צווייטער איז קוים אַדורך אַ האַלב
יאָר. מען האָט זיך נאָך נישט אַרומגעזען נאָך דער
טיילונג פון טשעכאָסלאָוואַקיע איז געקומען די
אַנעקסיע פון מעמעל, און דער גורל פון ליטע איז
געשטעלט געוואָרן אויף דער טאָג־אָרדענונג. אינ־
צווישן ענדיקט זיך די שפּאַנישע עפּאָפּייע און דער
צוויי־בונד דייטשלאַנד—איטאַליען. נישט רעכע־
נענדיק אונגאַרן, וועט באַלד צוקומען שפּאַניען.
וועט ענגלאַנד און פראַנקרייך נישט געלינגען אָפּ־
צורייסן פראַנקאָ פון זיינע ביזאַיצטיקע פּראָטעק־
טאָרן און וואַוילטעטער, וועט פראַנקרייך מוזן
ערנסט אַ טראַכט געבן וועגן דעם פּירענעען־
פראָנט.

מענטשן טראַכטן מיט אַנאַלאָגיעס. נאָכדעם
ווי די רוסישע רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעשטויסן
אויף אומגעהויערע שוועריקייטן און דער אינער־
לעכער טעראָר האָט אָנגעהויבן עסן די רעוואָלוצי־
אָנערן מיטן גאַנצן מויל, ווי מען זאָגט אויף העב־
רעאיש, האָט נישט איינער געזאָגט: אָט באַלד
קומט די רעאַקציע, אָט באַלד וועט דערשיינען דער
רוסישער נאַפּאָלעאָן. אין אַזאַ גרויס לאַנד, ווי רוס־
לאַנד, גייט אַלץ צופיל לאַנגזאַמער, ווי אין פיל
קלענערן פראַנקרייך. אָבער אָט באַלד שלאָגט די
שעה פון אַ רוסישן נאַפּאָלעאָן.

די דאָזיקע דערוואַרטונגען זיינען נאָך אַלץ
נישט מקוים געוואָרן. דערווייל אָבער האָט די דייַ־
טשע רעאַקציע אַרויסגעגעבן אַ מין נאַפּאָלעאָן,
וואָס וואַרפט אום אַלע בנינים, וועלכע מען האָט
אין ווערסייל אויפגעשטעלט. אָט באַלד וועט זיך
קאָנצענטרירן אין היטלערס הענט די זעלבע
קראַפט, וועלכע עס האָבן פאַרמאָגט אין 1913
דייטשלאַנד מיט עסטרייך צוזאַמען, דערצו גייט
עס און מיט אַ גאָר האַסטיקן טעמפּאָ, די מלוכות,
וואָס האָבן באַקומען אַ טייל פון די אויבנדערמאָנ־
טע לענדער, לעבן אין איין שרעק, וואַרטנדיק אויף
זייער ריי. אין נאַפּאָלעאָנס צייטן האָבן זיך די לענ־
דער געווערט, די דעראָבערונגען האָבן אים אָפּגע־
קאָסט בלוט. היטלער גיט נישט אָפּ קיין איין שאָס:
די שרעק ווירקט אין אַ גענוגנדער מאָס. דער ווי־
דערשטאַנד איז פאָרויס געבראָכן, וואָרום די קרב־
נות פון היטלערן ווילן נישט ריזיקירן, מורא האָבנ־
דיק פאַר אַ פולשטענדיקער פאַרניכטונג נאָך איי־
דער עמעצער וועט קאָנען קומען צו הילף.

אין נאַפּאָלעאָנס צייטן איז גרויס בריטאַניען
געווען דער כּוח, וואָס האָט אָרגאַניזירט דעם ווי־
דערשטאַנד. אויך איצט זאָל גרויס־בריטאַניען רע־
פּרעזענטירן דעם כּוח, וואָס זאָל זיך אַנטקעגנ־
שטעלן דעם דייטשן „נאַפּאָלעאָן", אָבער גרויס־

בריטאַניען, צוזאַמען מיט פראַנקרייך, האַנדלען
נישט גענוג שנעל און אַנטשלאָסן, און דאָס
שטאַרקט נאָך מער די האַסטיקייט און דעם אָנגריף
מצד דעם היטלעריסטישן דייטשלאַנד. און עס
פאַלט איין קרבן נאָכן אַנדערן. נעכטן טשעכאָ־
סלאָוואַקיע, היינט מעמעל, ווער מאָרגן און אי־
בערמאָרגן? גרויס־בריטאַניען גרייט זיך צו דעם
קינפטיקן קריג, אויך דייטשלאַנד וויל זיין שטאַר־
קער, מעכטיקער, ווען די שעה וועט אויסשלאָגן.
דערווייל אַטאַקירט דייטשלאַנד, און גרויס בריטאַ־
ניען מיט פראַנקרייך האַלטן אין איין גרייטן זיך.

אַזוי לעבט אייראָפּע, אַזוי לעבט די גאַנצע
וועלט אין איין שרעק און קיינער ווייס נישט, ווען
עס שלאָגט זיין שעה, יעדער פרעגט טאָג־טעגלעך,
וועמענס רייע איז איצט?

מיר, אידן, פאַלן אַ דאָפּלטער קרבן פון דעם
דאָזיקן געיעג צווישן אַטאַקירנדן דייטשלאַנד און
די צוריקגעהאַלטענע גרויסבריטאַניען מיט פראַנק־
רייך, סיי אין די גלות־לענדער און סיי אין ארץ־
ישראל. וואָרום היטלער, דער נאַפּאָלעאָן פון דער
אַנטיסעמיטישער רעאַקציע, האָט זיך אַלס ציל גע־
שטעלט צו פאַרניכטן די אידן, וואו ער קאָן נאָר,
צו פאַרוואַנדלען זיי אין פּאַריאַס און צו פאַרטריי־
בן די רעשטלעך זייערע. נאַפּאָלעאָן איז געווען אַ
יורש פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און,
וואו נאָר ער איז געקומען, האָבן אידן אָפּגעאָטעמט
פרייער, עס זיינען געפאַלן די מויערן פון געטאָ,
אידן האָבן גלייכע רעכט מיט אַלע בירגער באַקו־
מען. היטלער איז דער טרעגער פון דער טריאומ־
פירנדיקער רעאַקציע, און ער טרעט אויף די חור־
בות פון אידישן לעבן אין אַ ים פון אידיש בלוט
און טרערן.

די וועלט־דעמאָקראַטיעס האָבן פאַר אונז
מיטלייד־ווערטער, אַמאָל געלט, הילף און פיל ווי־
ניקער אָרט אין זייערע לענדער פאַר אונזערע פּלי־
טים, וואָס רייסן זיך אַרויס פון היטלערס גהינום.
נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו פאַרענדיקן די
פאַרניכטונג פון דעם דייטשן אידנטום, האָט ער
באַקומען אין זיין געצעלט דאָס עסטרייכישע, דאַן
דאָס טשעכישע, איצט דאָס מעמעלער אידנטום.
דאָס אונגאַרישע ווערט צעשטערט דורך די אונגאַ־
רן אַליין לויט זיינע רעצעפּטן. דאָס זעלבע דאָס
איטאַליענישע. און ווידער פרעגט מען זיך מיט
טויט־שרעק: וועמענס רייע קומט איצט?

אין ארץ ישראל ווירקט נישט אַזוי די דאָזי־
קע שרעק, ווי דאָס גרייטן זיך צו דעם קינפטיקן
קריג. ענגלאַנד זוכט פאַרבינדעטע און מען וויל
בשום אופן נישט ריזיקירן מיט די אַראַבער. פאַר
יעדן פּרייז מוזן זיי באַרואיקט ווערן, און עס מוז
גאַראַנטירט ווערן זייער הילף בשעתן קריג. דעם
פּרייז דאַרפן מיר אידן באַצאָלן. וואָרום מען
פרעגט זיך: „איז דאָ מורא צו האָבן, אַז אידן
וועלן זיך נישט שטעלן אויף דער זייט פון גרויס־
בריטאַניען און פראַנקרייך?" און מען ענטפערט:
„אוודאי און אוודאי איז נישטאָ וואָס צו שרעקן
זיך מכּוח דעם!" קאָנען דען די אידן שטעלן זיך
אויף אַן אַנדער צד? אויך זייער קאַמף וועט דאָך
אויסגעקעמפט ווערן. אָבער מיט די אַראַבער איז
מען נישט זיכער. אמת, זיי האָבן מורא פאַר די
טאָטאַליסטישע מלוכות, זיי ווייסן, אַז עס לויערט
אויף זיי איטאַליען, טערקיי, אָבער זיי קאָנען דאָך
מיט זייער צוטרעטן צו דעם אַנדערן צד עפּעס
געווינען און נישט אַלץ פאַרלירן. פאַר אונז איז
דער דאָזיקער וועג געשלאָסן. קאָן מען, הייסט עס,
מיט אונז אידן אַלץ זיך דערלויבן. מיר דאַרפן נאָר
דאַנקען, וואָס מען ליפערט אונז נישט אין גאַנצן
אויס, אום צו פאַרזיכערן זיך די אַראַבישע פריינט־
שאַפט אינם קומענדיקן קריג...

מיר וואַרטן אין ארץ־ישראל, פול צער און
צאָרן, וואָס עס וועט ברענגען דער מאָרגנדיקער
טאָג. אָט קומט אַ ידיעה, אַז די דורך אונז אָפּגע־
וואָרפענע פאָרשלאָגן פון דער בריטישער רעגירונג
וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן אַלס אַ דערקלערונג
וועגן דער פּאָליטיק, וואָס וועט דורכגעפירט ווערן,
נישט רעכענענדיק זיך מיטן ווילן פון די אַראַבער
און פון די אידן. און מען פרעגט זיך: צי וועלן
געמאַכט ווערן ענדערונגען אין די דאָזיקע פאָרש־
לאָגן? צום גוטן אָדער צום שלעכטן? און מען
גרייט זיך צו אַ קאַמף. אָבער אָט קומט ווידער אַ
ידיעה: די דערקלערונג וועט נישט פאַרעפנטלעכט
ווערן. די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרוויקלונגען דער־
לויבן נישט. מען מוז קאָנצענטרירן די אויפמערק־
זאַמקייט אויף היטלערס מאַנעוורען, אויף אייראָ־
פּע. דאָס ווינקל פון נאָענטן מזרח מיט א"י אינ־
מיטן מוז וואַרטן. דערווייל, הייסט עס, בלייבט
„סטאַטוס קוואָ". מען אָטעמט אָפּ פרייער. מען קאָן
געווינען צייט. אָבער עס קומט אַ דריטע ידיעה:
מען וועט יאָ פאַרעפנטלעכן, דאַן אַ פערטע, נישט
פאַרעפנטלעכן, מען וועט אָפּלייגן ביז נאָך פּסח.
און מען ווייסט נישט, וואָס עס קאָן ברענגען דער

נאָענטסטער טאָג און מען ווארט — פול צער און צאָרן.

נישט אין אנגסט און אין שרעק ווארטן מיר דאָ אין ארץ ישראל. מיר גרייטן זיך צו דעם מאָרגנדיקן טאָג. מיר באַטראַכטן פּלענער, ווי אזוי עס זאָלן געשפּאנט ווערן די כוחות צו אַ צוועקמעסיקן ווידערשטאַנד, ווי אזוי עס זאָלן אויסגענוצט ווערן די ענערגיעס און די אָפּפערוויליקייט און אָפּפערגרייטקייט, אז עס זאָל געבן די גרעסטע און בעסטע רעזולטאַטן. וואָרום לאָזן זיך פירן בלויז פון צער און צאָרן איז פּונקט אזוי געפערלעך, ווי פון אַנגסט און שרעק. די דאָזיקע געפילן, ווען זיי באַהערשן אַ פאָלק, פירן זיי אים בלויז אין זאַק־גאַס, פון וועלכער ס'איז קיין אויסגאַנג נישטאָ.

מיר זוכן דעם אויסגאַנג. מיר מוזן ווידער ארויף אויף א ברייטן, אָפענעם וועג, און דעריבער מוז דער ווידערשטאַנד געליפערט ווערן דאָרט, וואו מיר ווערן אַטאַקירט. אויף דער ליניע פון אָנגריף, וועט דאָס ברענגען צו קאָנפליקטן — אַנטשידן ווערן. אויף דער ליניע פון דער עליה, פון דער קאָלאָניזאַציע. דאָס הייסט — אויף דער ליניע פון פאַרגרעסערן אונזער צאָל און אונזער שטח אין לאַנד. מיר האָבן געלערנט שוין פון דער דערפאַרונג: די ליניע פון טעראָר און קעגן־טעראָר אַנטשיידט נישט, אַפילו בנוגע די אַראַבער. נישט דער טעראָר האָט אזוי געווירקט אויף דער מאַנדאַטאָר־מאַכט, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער דויערט שוין דריי יאָר, נאָר די סכנה פון אַן אויפשטאַנד, אין וועלכן עס וועלן אַריינגעצויגן ווערן אויך די ארומיקע אראבישע מלוכות בשעת דעם קומענדיקן קריג. און אפשר נאָך מער די שאַנסן צו פאַרווירקלעכן די פּאַן־אַראַבישע פּלענער און באַקומען אויך סיריען אין די הענט. דאָס איז דאָך די אַלטע שטרעבונג, צו וועלכער מען קומט ווידער צוריק. אָבער פראַנקרייך האַלט זיך פאַרעקשנט. אַפילו דער קאָנפליקט מיט די סיריער, וואָס פאַרשאַרפט זיך אַלץ מער און נעמט אָן פאָרמען פון בלוטיקע אומרוען, שרעקט זי נישט אָפּ. עס פאַרשטייט זיך, אַז די בלוטיקע געשעענישן אין סיריען ווירקן אויך אויף אונזער לאַגע. וועלן זיי זיך אַנטוויקלען — קאָן קומען צו א שטילשטאַנד אויף אונזער פראָנט.

נישט דער פראָנט פון טעראָר דעצידירט. פאַר אונז געוויס נישט. וואָרום פאַר אונז דעצידירט די פאַרגרעסערונג אין צאָל, אין שטח, דער קעגן־טעראָר קאָן דאָס נישט געבן. דאָס קאָן געבן אַ דירעקטע טעטיקייט און אָנשטרענגונג. מיר טאָרן נישט דערלאָזן צו דער פאַרגליווערונג אין צאָל און אין שטח, וועט דאָס ברענגען צו קאָנפליקטן — איז אין ברירה.

מיר וואַרטן נאָך, אָבער גרייטן זיך צום קאַמף און פאָדערן, אַז אויך איר זאָלט זיך גרייטן אונז צו העלפן.

„היינט", ווארשע, 7־טער אפריל, 1939.

פּ. שוואַרץ

אויפן באַרג ביי דער ווייסל

אַן אומגעריכטער בריוו פון דער ווייטער אַרגענטינע. עס שרייבן פריינט. נעמען, וועלכע געדענקען זיך פון די קינדער־יאָרן, פון די יוגנט־יאָרן. עס טוט א ציטער דאָס האַרץ: פּלאָצק, דיין שטאָט פּלאָצק, האָבן זיי דיר דערמאָנט.

לאַנדסלייט שרייבן דעם בריוו. זיי בעטן אַן אַרטיקל וועגן דיין געבורטס־שטאָט. זיי גיבן אַרויס אַ בוך וועגן דעם טויזנט יאָריקן אידישן פּלאָצקער קיבוץ, וואָס איז איבערנאַכט אויסגעריסן געוואָרן — אויסגעריסן טיף ביזן וואָרצל. אַן אַרטיקל, וועגן דיין היים־שטאָט, וואָס גייט דיר נאָך דיין גאַנץ לעבן, ווי דאָס גענזאַנג פון דער יוגנט־צייט — ווי א חלום, וואָס איז אויף אייביק אַריבער.

א דאַנק אייך, לאַנדסלייט, וואָס איר האָט מיך נישט פאַרגעסן. אַ שוואַרצע חתונה גייט אין אונזער אידישן לעבן, און פּלאָצק איז געווען פון יענע ערשטע שטעט, וואו די שוואַרצע חתונה האָט זיך אָנגעפאַנגען. לאָמיר אַוועקלייגן די הענט אויף אונזערע הערצער און לאָמיר שווערן: מיר, די קינדער פון דער אַלטער, פּרעכטיקער שטאָט פּלאָצק וועלן אונזערע היימישע שוועלן נישט פאַרגעסן — מיר וועלן נישט פאַרגעסן אונזער פּוילישע ערד און מיר וועלן נישט פאַרגעסן אונזער ראָמאַנטישע היים־שטאָט אויפן באַרג נעבן דער ווייסל. לאָמיר שווערן ביי די קברים פון אונזערע עלטערן, וואָס ליגן באַגראָבן אין דער ערד פון אונזער פּוילישן לאַנד: ווי לאַנג עס וועט אונז קלעקן אונזער געראַטעוועט לעבן, וועלן מיר נישט רוען ביז אונזער אַלטע היים וועט צוריק אָפּגעבויט ווערן און אַ נייע אידיש לעבן וועט צוריק אויפגיין ביי די ברעגעס פון דער גרויער, שטילער ווייסל.

ווען איז דאָס געווען? וויפל יאָרן זיינען זינט דאַן אָפּגעלאָפן?

אָ, דאַכט זיך, אַז עס איז געשען אָקאָרשט נישט לאַנג צוריק? אָט, אָט, פאַרמאַך די אויגן און דאָס בילד שטייט אויף פאַר דיינע אויגן, ווי א לעבעדיקס! דאַכט זיך, אז עס איז געשען טאַקע אָקאָרשט!

געדענקסטו די דאָזיקע שוואַרצהנעוודיקע מויד מיט די פאַרחלומטע אויגן און צוויי לאַנגע, דיק־געפלאָכטענע סאַמעט־שוואַרצע צעפּ? אָט שטייט זי א צעפלאַמטע אויף דער בינע פון גרויסן שטאָטישן טעאַטער און מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן חזרט זי פאַרחלומט די פּרעכטיקע ווערטער פון גרויסן אידישן דיכטער:

אויפן הויכן באַרג, אויפן גרינעם גראָז
האָב איך קינדווייז, שטיל אָפּגעטרוימט מיין גליק.
וואָס איז דאָס געווען? כ'ווייס אליין נישט וואָס.
כ'ווייס נאָר, אַז ס'קומט קיינמאָל, קיינמאָל
נישט צוריק!

געדענקסט דעם טעאַטער זאַל, וועלכער האָט דאַן אויסגעזען ווי איינגעהילט אין א לייכטן נעפּל? — דאָס האָבן די מענטשלעכע אָטעמס געדיכט געמאַכט די לופט אינם ראָמאַנטיש־צעוויגטן טעאטער־זאַל. מענטשן זיינען געזעסן פאַרגאַפט, פאַרהערט אין דער יונגער שטימע פון דער שיינער, ציטערדיק־דעקלאַמירנדיקער שוואַרצהנעוודיקער מויד אויף דער בינע. די אויגן פאַרמרוזשעט, די הענט צוזאַמענגעלייגט ווי צו אַ געבעט, און די ליפּן חזרן ווי אין עפּעס א כישוף: „אויפן הויכן באַרג, אויפן גרינעם גראָז"...

ווער האָט געשריבן די דאָזיקע פאַרחלומטע

וועדטער? דער גרויסער אידישער דיכטער חיים נ. ביאַליק. האָט ער אַמאָל געזען אונזער פּרעכטיקע שטאָט אויפן הויכן באַרג ביי דער ווייסל? דאָס זעט דאָך אויס, אז דאָס האָט ער אונז געמיינט — אונז די קינדער פונם גרין־באַגראָזטן באַרג איבער דער פלאַך־וואַסערדיקער ווייסל. האָט ער טאַקע?

שטיל איז אין די פאַרנאַכטן אויף דער פלאַך־וואַסערדיקער ווייסל הינטער דער אַלטער הויפּטשטאָט פון דער פּוילישער מאַזאָווּשע. איינגעהילט אין סודות זיינען די טומער בערג. פאַרבענקט קוקן אַריבער איבערן טייך די ווייטע, בלויע האָריזאָנטן. בלויז פון צייט צו צייט הערט זיך דאָס פּליעסקן פון אַן איעסלע, דאָס שטילע שעפּטשן פון צוויי שטימען, דאָס צעצויגענע, איינגעהאַלטענע געזאַנג פון אַהיימפאָרנדיקע שיפלעך.

גלעקער צעקלונגען זיך אין דער דערנעבנדיקער אַלטער קאַטעדרע. דער ריזיקער וואַנט־זייגער מיטן אַלט־פרענקישן ציפערבלאַט הויך אויפן טויזנט־יעריקן טורם האָט, דאַכט זיך, אַ ציטער־געטון -- אַ מינוט איז אין דער אייביקייט אַריבערגעשפּרונגען.

סודות פון טויזנט יאָר שאַרן זיך איצט צווישן די מויערן פון דער אַלטער קאַטעדרע. אימהדיקע שאָטנס גנבענען זיך איצט ביי די ווענט פון דעם טויזנט־יאָריקן קלויסטער־טורעם, וואָס רייסט זיך מיט זיין שווארצן שפּיץ צום הימל, ווי ער וואָלט אפילו אויפן הימל געוואָלט אָנוואַרפן אַן אימה.

גלעקער קלינגען ביז טיף אין אָוונט. יונגע גלחים ציען זיך אין אַ לאַנגער, שוואַרצער רייע פון קלויסטער אַרויס ערגעץ אַוועק, איבערן שמאָלן טראָטואַר צום הויך־אַרומגעצוימטן בנין, פון וועלכן זיי זיינען פריער געקומען. שוואַרץ־ווייס באַקליידטע קלויסטער־שוועסטער ציען זיך אויס אין אַ צווייטער לאַנגער רייע איבערן קעגנאיבערדיקן טראָטואַר, מיט וועלכן זיי זיינען מיט אַ שעה צוריק געקומען. ליידיק ווערט אינעם הויכן, מאַיעסטעטישן אַריינגאַנג פון דער אַלטער פּלאָצקער קאַטעדרע. צאַנקענדיקע ליכטער טריפן ערגעץ אין די ווינקלען. נאָך אַ שעה און די אַלטע פּוילישע קעניגן וועלן איבערייסן זייער אייביקן שלאָף אין די טיפע היילן פון דער קאַטעדרע און זיי וועלן אַרויף אויבן, צום אַלטאַר פון הייליקן יעזוס, תפילה־טון און מחילה־בעטן.

נאָר מענטשן מיט אומדערשראָקענע הערצער וועלן אין מיטן נאַכט פאַרבייגיין דעם אָפענעם טויער פון דער אַלטער פּלאָצקער קאַטעדרע. אינמיטן נאַכט זאַמלען זיך דאָרטן שאָטנס. עס קומט אַרויס פון אונטער דעם שווערן שטיינערנעם קבר אין די טיפע היילן דער קעניג וולאַדיסלאַוו הערמאַן, וואָס האָט פון דער שטאָט אַרויס רעגירט איבער פּוילן מיט 800 יאָר צוריק. נאָך אים הייבט אויף דעם מעכטיקן צודעק איבער זיין אייגענעם געמויערטן קבר דער קעניג באָלעסלאַוו דער קרום־מויליקער. צוזאַמען מיט זיי גייען אַרויס פון ערד און שטיין טויזנט ריטער אין קלינגענדיקע פּאַנצערס. די גאַנצע געשיכטע פון דער מאַזאָוויעצקער ערד לעבט אין די דאָזיקע פאַרמויערטע היילן. אַ פאַרבאָרגענער וועג פירט פון זיי צו די אינעווייניקסטע טיילן פון דער אַמאָליקער רעזידענץ פון דער מאַזאָווּשע. אָט צעצווייגן זיך די קאָרידאָרן אין פאַרשידענע זייטן. איין קאָרידאָר, דערציילט מען זיך אין פּראָסטיקע ווינטער־אָוונטן אין אידישע שטובן, פירט אַפילו העט־אַוועק צום אַמאָליקן אידישן געטאָ...

דאָס האַרץ האָט אַ צאַפּל געטון: אידישער געטאָ?

ניין, נישטאָ מער אין פּלאָצק קיין שום אידישער געטאָ. געווען אַ געטאָ מיט הונדערטער יאָרן צוריק, ווען די מיטלאַלטערלעכע קעניגן און די פּאַריסענע „שליאַכטע" און די קאָנקורירנדיקע „מיעשטשאַנעס" האָבן פאַרשטויסן די אידישע מיטמענטשן אין אַ באַזונדערן קוואַרטאַל הינטער אַ הויכער מויער. אָבער דאָס איז געווען מיטלאַלטער.

אָ, ליכטיקע פינצטערניש פונם שוידערלעכן מיטלאַלטער — די נייע צייט, דער מאָדערנער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט קומט ביי דיר מחילה בעטן, וואָס מיר האָבן באַשמוצט דיין נאָמען, זאָגנדיק נישט איינמאָל, אַז די גרויזאַמקייטן פון דיין עפּאָכע האָבן איבערגעשטיגן אַלץ, וואָס מענטשלעכע אכזריות קען נאָר צוטראַכטן. אָ, שוידערלעכער מיטלאַלטער, מיר בעטן ביי דיר מחילה!

זעסטו יענע מויער? דאָ, זאָגט מען, איז אַמאָל געווען די גרענעץ פון אידישן געטאָ. ווייטער ציט זיך דאָס גילדערנע געסל. נאָך אַ טריט איז די גרויסע שיל מיטן קליינעם בית־המדרשל דערנעבן. וויפל גאונים, וויפל גרויסע אידן האָט אַרויסגעגעבן דאָס געסל אין משך פון טויזנט יאָר, וואָס אידן האָבן זיך דאָ געפּרוכפּערט?

פון דאַנען צעגייען זיך גאַסן און געסלעך. די שמאָלע שול־גאַס איז דאָס האַרץ פון טויזנט־יאָ־

ריקן אידישן קיבוץ. פאַרן דאָזיקן שמאָלן געסל האָבן אידן געציטערט אין די נעכט טויזנט מאָל מער, ווי די שטאָט האָט געציטערט פאַר די מיטלאַלטערלעכע שאָטנס פון דער אַלטער קאַטעדרע. אַמאָל האָט אַ איד געוואַגט פאַרבייצוגיין צוועלף ביינאַכט דורך דעם שיל־געסל און גאָטס שטראָף האָט אים דערפאַר געטראָפן: עפּעס אַ בת־קול האָט זיך דייטלעך דערטראָגן צו זיינע אויערן, אַז די ליכטיקע נשמות, וועמענס שטילע אסיפה זיין פאַרבייגיין האָט געשטערט, רופן אים תיכף אַרויס אין שיל אַריין צו אַ הייליקער דין־תורה.

קיינער האָט אין שטאָט קיינמאָל נישט געוואוסט מיט וועמען די דאָזיקע מעשה זאָל זיך האָבן פאַרלאָפן — מיט וועמען? ווען? אָבער שטאָט האָט געגלייבט און פון מויל צו מויל איז וועגן דעם געגאַנגען די אימהדיקע דערציילונג: ווי דער איד איז אַוועק אין טויט־שרעק צום רב נאָך אַן עצה, און ווי דער רב האָט אים באַפוילן זיך צו פאַרהילן געדיכט אין אַ טלית און גיין אין מיטן נאַכט צו דער דין־תורה; ווי אַזוי דער איד איז אַריינגעגאַנגען, פאַרדעקנדיק זיך ביז איבערן קאָפּ מיטן טלית, און געענטפערט אויף אַלע פראַגן, און זיך מודה געווען אין זיין שווערער זינד — אין שטערן די רו פון די דאַוונענדיקע מתים; ווי ער האָט געבעטן מחילה, און צום סוף הינטערוויילעכטס זיך אַרויסגעשאַרט פון דער גרויסער שול, וואָס איז פול געווען מיט שאָטנס פון יענע שטאָטישע אידן, וואָס זיינען שוין געשטאָרבן; ווי —

קינדער, וואָס זיינען שפּעט אין אָוונט געגאַנגען אַהיים פון חדר, האָבן שטייף געהאַלטן די לאַמטערנעס אין די ציטערדיקע הענט און אַוועקגעדרייט די קעפּלעך פון דער שוואַרצער פינצטערניש, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרטשעט מיט פּחד פון שמאָלן שול־געסל.

מענטשן האָבן נאָר תמיד זיך געוואונדערט, ווי אַזוי ס'געפינען זיך נאָך אַזעלכע, וואָס קענען אין דעם געסל וואוינען. גאָרנישט? האָט זיי שפּעט אין די אָוונטן נאָך קיינמאָל נישט נאָכגעיאָגט קיין באַפעלערישע שטימע, אַז די עדה שאָטנס פון די געשטאָרבענע רופט פלוני בן פלוני אַרויס צו אַ הייליקער דין־תורה?

ערגעץ ווייט איז פאַראַן אַ דרויסנדיקע וועלט, אָבער פּלאָצק איז געווען ווייט־ווייט פון דער וועלט אינדרויסן. מען איז געפאָרן אין הויכע קאַרעטעס צו 6 און צו 8 פאַרשוינען קיין פּלינסק און קיין קוטנע, קיין באָדזאַנאָוו, קיין גאָסטינין און ריפּין.

וואַרשע איז געווען אין פּלאָצק אַ צויבערוואָרט, וואָס האָט געכישופט מיט וואונדערלעכן גלאַנץ פון אומגלויבלעכע נסים.

געהערט אַ מעשה — די וואַרשעווער טראַמוויען! דאָס גייט ווי אַ ווירע לענג־אויס די וואַרשעווער גאַסן אָן פערד, אַליין פון זיך. מענטשן גייען אַריין און מענטשן שטייגן אויס אויף אַלע ראָגעס — וואו דו ווילסט קאָנסטו פאָרן.

געהערט אַ מעשה — וואַרשעווער חייזער. מענטשן וואוינען צען יאָר אין איין הויז און קענען זיך נישט — אַזוי ריזיק זיינען די וואַרשעווער הייזער. און וואַרשעווער „שיק", און וואַרשעווער „סטראָי", און וואַרשעווער מאכלים!

קיין וואַרשע איז מען געפאָרן מיטן וואַסער. עטלעכע חדשים אין יאָר איז מען בכלל נישט געפאָרן — ווינטער. די ווייסל איז געווען געפרוירן. אויפן אייז זיינען געווען אויסגעטרעטן שמאָלע וועגעלעך און מען איז געגאַנגען אַהין און צוריק צופוס אַזוי זיך, צוליב פאַרגעניגן. ווייסע חברה האָט זיך געגליטשט איבערן אייז אויף דער ווייסל. יונגע שטימען האָבן פאַרהילכט די לופט און אָפּגעקלונגען מיט טיפע עכאָס אין די ווייטע האָריזאָנטן. געפאָרן קיין וואַרשע איז מען נאָר זומערצייט. דאַמף־שיפן האָבן זיך דאַן געטראָגן איבער דער ווייסל ווי ווייסע לעגענדעס. די שטאָט האָט זיי גערופן — „סטאַטקעס". אַנדערע האָבן זיי גערופן אין דייטש אַריין — „דאַמפּערס".

צוויי מאָל אַ טאָג זיינען די „סטאַטקעס" געקומען און געגאַנגען. יעדער אָפּפאָר פון אַ שיף — און נאָכמער יעדער אָנקום — איז אין שטאָט געווען ווירקלעך אַ געשעעניש. מען איז געגאַנגען אָפּוואַרטן די „סטאַטקעס" נישט נאָר ווען עמעץ אַ נאָענטער האָט געדאַרפט קומען. עס איז געווען סתם־אַזוי אַ גרויסע אַטראַקציע. מען איז געגאַנגען אַראָפּ צו די „סטאַטקעס" סתם־אַזוי אויף בייז וואונדער. דער „סטאַטעק" איז דאָך געווען אַ שליח פון דרויסן. דער „סטאַטעק" איז דאָך געווען אַ באַשטעטיקונג, אַז עס עקזיסטירט אין דרויסן ווירקלעך דאָס אַלץ, וואָס די עלטערע דערציילן זיך אָן אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן ביים אויוון:

מען האָט געוואוסט וועגן נאָך אַ ווייטערער וועלט ווי וואַרשע. פון אַמעריקע זיינען געקומען „בריוועלעך צו דער מאַמען". פּריצים, וואָס פלעגן אַריינפאָרן אין שטאָט „נאַ שפּיץ" מיט צוויירעדערדיקע בריטשקעס, פלעגן איבערלאָזן אין

שטאָט וואונדערלעכע געשיכטעס וועגן ווייטע לענדער, וואו זיי, די פּריצים פאָרן זיך ווארעמען און הוליען, ווען דאָ איז פראָסטיקער ווינטער. וואַרעמע לענדער — עס האָט געקלונגען צויבערפול, אומגלויבלעך, אָבער עס האָט פּאָרט אויסגעזען צו זיין אמת. די פּריצים אַליין האָבן עס מיט זייער מויל דערציילט אין יענע געציילטע שטובן פון די אידישע תבואה־סוחרים און אונטערטעניקע תבואה מעקלערס, צו וועלכע דער פּריץ פלעגט באַווייליקן אַמאָל אריינצופאלן און וועלכע פלעגן אַלץ באַזאָרגן פאַרן פוילן פּריץ — אַלץ, וואָס זיין הארץ האָט נאָר באַגערט: אַ וויכטיקע תבואה־טראַנזאַקציע און אַ געזאַלצענע הלוואה, אַ שטיקל אידיש פיש און א שבתדיקן קוגל, אַ גוטע עצה וועגן פאַמיליע שוועריקייטן און טיילמאָל אַ געהיים בריוול צו אן אקטריסע אין ווארשע. האָ, זיי פלעגן עס דערציילן וועגן א ווייטער וועלט ערגעץ אויף יענער זייט גרענעץ; וועגן לענדער, וואו עס איז קיינמאָל נישטאָ קיין שניי און קיין ווינטער; וועגן שפּיל־הייזער, וואו מען שטעלט איין אין איין קאָן דאָס גאנצע גוט, וועלכעס ליגט ערגעץ הינטער ליפּנע אָדער דראָבנין; וועגן ערטער, וואו אַלע מענטשן אָן אויסנאם רעדן פראנצויזיש — נישט נאָר פּריצישע גואוורנאַנטקעס, נאָר אַפילו געוויינלעכע בריווטרעגערס און הויזוועכטערס...

שפּעטערדיקע יאָרן איז צוגעקומען אַ באַן, אַ מעכטיקע אייזערנע באַן־בריק איבער דער ווייסל — די וועלט איז טאַקע נענטער געוואָרן, אָבער יעדן האָט זיך געדאַכטן, אַז די שטאָט פּלאָצק אַליין איז עפּעס אָרעמער געוואָרן. טיר און טויער אויפגעריסן, פאַרשייטע פּייפּערייען שניידן איבער די לופט טאָג און נאַכט, און באַנען, ווי שוואַרצע שלאַנגען, שניידן דורך אין עטלעכע ריכטונגען די אידילישע פּלאָצקער בערג, די פאַרחלומט־דרימלענדיקע הינטערשטאָטישע פעלדער — וואו איז אַהינגעקומען די אַלטערטימלעכע ראָמאַנטיק?

אָ, די ראָמאַנטיק האָט איינציקווייז זיך גענומען בייטן, שפּעטער צוביסלעך — אַפילו אינגאַנצן פאַרשווינדן.

יאָרנלאַנג האָט פּלאָצק געלעבט — דאָס אידישע און דאָס קריסטלעכע פּלאָצק — מיט דער ראָמאַנטיק פון יאָר 1863. דאָ, אין פּלאָצק, האָט זיך אָנגעהויבן די „פּאָווסטאַניע”. דאָ האָט די „פּאָווסטאַניע” געהאַט אירע אידישע און פּוילישע העלדן. נאָך אין די יאָרן פון אונזער דור האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטאָט אַן אַלטיטשקער איד אין אַ שוואַרצער פעלערינע, וועלכער איז באַקאַנט געווען מיט זיינע פאַנטאַסטישע דערציילונגען, פון וועלכע אַלע האָבן געלאַכט אין די פויסטן — עס איז געווען אַ מענטש פון יענע פאַנאַטסטישע בעלמגזמס, וואָס גלויבן קרענקלעך אַליין אין זייערע אומגלעכע געשיכטעס. דער דאָזיקער איד איז געווען אַ פאַרקריפּלטער עכאָ פון זאכן, וואָס זיינען אַמאָל ווירקלעך געשען אין די פּלאָצקער און גאָמבינער וועלדער. זיינע מעשות האָבן איינע אָנגענומען פאַר א וויץ פון אַ כיטרען זקן, אַנדערע האָבן עס באַטראַכט פאַר פּראָדוקטן פון אַ קרענקלעכן פאַנטאַסט, אָבער שטאָט האָט געקליבן נחת פון זיינע מעשיות און ער פלעגט זיי טויזנט מאָל איבערדערציילן.

אַממייסטן האָבן די יוסטע שטאָטישע באַלעבאַטים ליב־געהאַט אָנצוציען דעם אַלטן פאַנטאַסט אין דער שוואַרצער פעלערינע ער זאָל דערציילן, ווי אַזוי ער האָט זיך געראַטעוועט פון די קאָזאַקן אויפן שאָסיי צווישן פּלאָצק און באָדזאַנאָוו. יעדעס מאָל ווען מען פלעגט אים איבערפרעגן וועגן דער דאָזיקער פאַנטאַסטישער געשיכטע, פלעגט ער מאַכן אַן אומשולדיקע מינע, ווי ער וואָלט די זאַך ווירקלעך קיינמאָל נישט געהאַט דערציילט:

— אָ, נאָך נישט געהערט די דאָזיקע מעשה? אַ פיינע מעשה געווען, אַ פיינע מעשה!

און ער פלעגט יעדעס מאָל זיך אַוועקשטעלן דערציילן די „שרעקלעכע געשיכטע”, ווי אַזוי ער איז אין יענע צייטן אַמאָל געגאַנגען דורכן וואַלד פון פּלאָצק קיין באָדזאַנאָוו און אין מיטן וועג זיינען אָנגעקומען אַנטקעגן רוסישע קאָזאַקן.

— ווען איך זאָל מיך דעמאָלט נישט שנעל כאַפּן וואָס צו טון — פלעגט ער יעדעס מאָל טויט־ערנסט ציען די פאַנטאַסטישע אויסטראַכטעניש — וואָלט איך שוין היינט מיט אייך זיכער נישט געווען גערעדט. איך האָב שנעל אַרויסגעכאַפּט פון טאַש דאָס טאַבאַק־שקעטעלע, אַריינגעפּאַקט אינעווייניק אין שקעטעלע, שנעל צוריק עס פאַרמאַכט און עס אַריינגעלייגט אין וועסטל־קעשענע... ערשט נאָכדעם בין איך מיר אַוועק ווייטער מיין וועג און די קאָזאַקן האָבן מיך נישט באַמערקט — איך בין דאָך געלעגן באַהאַלטן אין טאַבאַקשקעטעלע...

שטאָט האָט געלאַכט פון דאָזיקן קאָמישן זקן, וועלכער איז געווען, ווי געזאָגט, אַ קרומע גרימאַסע אין די דערינערונגען, וואָס האָבן געלעבט אין

די גאַסן, אין די אַרכיוון און אין זכרון פון די זיידעס וועגן די ו י ר ק ל ע כ ע העלדישקייטן, וואָס פּלאָצקער אידן און קריסטן האָבן אַרויסגעוויזן אין דער העלדישער „פּאָווסטאַניע”. עטלעכע דורות זיינען געוואַקסן און באַקומען כאַראַקטער אין עכאָ פון די פאַרשידענע „פּאָווסטאַניעס” אין די לאַנגע, לאַנגע ווינטערדיקע נעכט.

דאַן איז געקומען די ראָמאַנטיק פון יאָר 1905. יאָרנלאַנג נאָכדעם האָט די שטאָט געאָטעמט מיט די אָפּקלאַנגען פון קאַמף, מיט די לעגענדאַרע באַוועגונגען, וואָס האָבן ווי אַ וויכער זיך ווידער אַדורכגעטראָגן איבער שטאָט און לאַנד.

פּלאָצק איז געווען אַ שטאַרקער צענטער פון יענעם אויפברויז אין יאָר 1905. פּ. פּ. ס. איז דאָ געווען אַ מעכטיקע באַוועגונג צווישן אַרבעטער און שטודירנדיקער יוגנט. אידן און פּאָליאַקן האָבן זיך דאָ פאַרברודערט דורך געמיינזאַמע קאַמפן, קאָנספּיראַציעס און האָפענונגען. די שטובן פון דער אידישער אינטעליגענץ זיינען געווען אָפן פאַר די שווערע שטיוול פון פּוילישע אַרבעטער און „פאָרנאַלעס”, וועלכע זיינען געקומען אַהער אָפּנעמען ליטעראַטור, געהיימע אויפרופן, אינסטרוקציעס. יאָרנלאַנג שפּעטער האָט שטאָט דערציילט מיט באַוואונדערונג און שוידער וועגן די דעמאָנסטראַציעס, וואָס קאָזאַקן האָבן געטריבן; וועגן דעם רייכן אידישן אַפּטייקערס טאָכטער, וואָס האָט געוואָלט אַריבערשפּרינגען אַ פּאַרקן, אָבער דאָס געדיכטע געפאַלדעוועט קלייד האָט זיך איר פאַרטשעפּעט און איז געבליבן הענגען אין אַ ביטערן מעמד אויף די אייזערנע גראַטעס. וועגן באַרימטן אידישן יונגנמאַן קוויאַטעק, וואָס איז אַרויס פון דאַנען, כדי צו ווערן אין וואַרשע דער פירער און אָרגאַניזאַטאָר פון ערשטן באַוואָפנטן אַרויסטריט פון פּ. פּ. ס. אויפן גזשיבאָווער פּלאַץ אין וואַרשע.

„בונד”, ס. ס. פּועלי־ציון — פּלאָצק האָט שטאָלצירט מיט אירע פּאַרטייען, מיט די פאַרזאַמלונגען אויפן אידישן בית־עלמין, אַפילו מיט די אייגענע, אַביסל קינדעריש־אָרגאַניזירטע עקספּראָפּריאַציעס ביי אָרעמע אידישע קרעמער.

פון דאַנען איז אַרויס איינער פון די טוער פון „בונד” אין פוילן, דער אין אַמעריקע יונג פאַרשטאָרבענער מ. וואַרשע. פון דאַנען זיינען אַרויס די שפּעטערדיקע פירער פון פאַרשידענע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין פוילן, די גאָלדעס. פון דאַנען איז אַרויס דער „פּוילישער סטאַלין” יוליאַן לענסקי, (געהייסן האָט ער לעשטשינסקי און די יוגנט אין שטאָט האָט אים אין יענע יאָרן ביים אָנהייב פון אונזער היינטיקן יאָרהונדערט גערופן פּראָסט פּשוט: יולעק) — דער פיל יאָריקער אַלמעכטיקער דיקטאַטאָר פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איינער פון די לאַנג־יאָריקע זיילן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל (אין דער צווייטער העלפט פון די דרייסיקער יאָרן איז ער דערשאָסן געוואָרן אין רוסלאַנד צוזאַמען מיט פיל אַנדערע פירער פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי). פון דאַנען איז אַוועק אין די לעגיאָנען דער גרויסער פּוילישער פּאָעט פון אונזער צייט וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי, וועלכער האָט הינטער זיך אַ שטורמישע קאַריערע פון אַ באַקאַנטן קאָמוניסט און תפיסה־זיצער אין פּוילן, פון אַ תפיסה זיצער אין סאָוועט־רוסלאַנד אין דער צייט פון איצטיקן קריג און פון אַ מיטגליד פון דער פּוילישער אַרמיי אין אויסלאַנד זינט די לעצטע צוויי יאָר.

פון די זיבעציקער יאָרן אָן האָט דאָ דער באַרימטער אידישער היסטאָריקער און משכיל אַברהם יעקב פּאַפּיערנאָ געלערנט מיט דורות אידישע גימנאַזיסטן אין די אַמאָליקע רוסישע גימנאַזיעס „זאַקאָן באָזשי”. פון דאַנען איז אַרויס צו דער וועלט דער ישיבה־בחור נחום סאָקאָלאָוו, וואָס איז געווען אַ פירער ביי אידן. דאָ, אַלס אַברהם יעקב פּאַפּיערנאָס תלמיד אין דער פּלאָצקער רוסישער גימנאַזיע, האָט יצחק גרינבוים אָנגעהויבן וועבן זיינע ערשטע חלומות וועגן אַ פאַרצווייגטער ציוניסטישער טעטיקייט. דאָ איז געוואַקסן דער גרויסער אידישער פּאָעט זישע לאַנדוי, וועלכער האָט איינגעזאַפּט אין זיך די גאַנצע ראָמאַנטיק פון דער פּלאָצקער ערד און זי שפּעטער מיטגענומען מיט זיך קיין אַמעריקע, כדי זי דאָרטן איבערצופלעכטן אין וואונדערלעכע פּאָעזיע. דער שטורמישער שוין־דערמאָנטער משה וואַרשע, דער זייער אָריגינעלער חיים פּלאַקס זיינען געקומען צו דער אידישער ליטעראַטור דורך די פאַרחלומטע פּלאָצקער „זיבן וועגלעך”, טומער בערג, שאָטנדיקע הינטערשטאָטישע פּלאָצקער אַלייען און אייגנאַרטיקן פּלאָצקער אַריסטאָקראַטיזם, מיט וועלכן די קינדער פון דער דאָזיקער שטאָט טראָגן זיך ביז היינט אַרום איבער דער וועלט — מיט רעכט צי אָן.

דאָס דאָזיקע בוך וועט מייסטנס דערגיין צו

אזעלכע הענט, וואָס געדענקען די אַלע אויסגערעכנטע פעריאָדן נאָר ווי דורך אַ נעפל. די פריינט, וואָס גיבן ארויס דאָס דאָזיקע בוך, און אויך דער מחבר פון די דאָזיקע פאַרבענקטע שורות, זיינען קינדער פון די לעצטע צוויי־דריי פלאָצקער דורות. זאָל איך אויך זיך צורירן מיט דער איינגעטונקטער פעדער צו די גליענדיקע דערינערונגען אויך פון אונזער אייגענעם דור?

אַ יתום צווישן יתומים איז זייער שווער איצט וועגן דעם אַלעם צו שרייבן. אַ יתום צווישן יתומים — ווייל דאָס זיינען מיר דאָך היינט אַלע, קינדער פון אונזער אַלטער שטאָט אויפן באַרג ביי דער ווייסל: יתומים אַלס קינדער פון פלאָצקער אידישן קיבוץ, יתומים אַלס קינדער פון אידנטום אין פוילן. ווער וועט געפינען פאַר אונז, לעבן־געבליבענע אַ טרייסט?

פלאָצק אין פעריאָד פון ביידע וועלט־מלחמות איז שוין געווען אַ שטאָט, וואָס איז געווען איינגעגלידערט אין אַ גרויסן רינג פון סאָציאַלע און פאָליטישע פראָצעסן, וועלכע האָבן געריזלט אינם לעבן פון ניי־אויפגעלעבטן פוילן און אינם לעבן פון די פוילישע אידן.

כאָטש פלאָצק האָט געהערט צו די אמווייניקסטן אידישע שטעט אין פוילן (פון 32.998 איינוואוינער אין יאָר 1931 האָט פלאָצק געהאַט בלויז 6.571 אידן — נישט מער ווי קנאַפע 20 פראָצענט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג), האָט פלאָצק אויפגעברויזט צו אַ פאַרצווייגטן, מאָדערנעם אידישן לעבן. אמת, די פאַרטייען און פאַרטיי־קאַמפן האָבן דאָ שטענדיק אויסגעזען אַביסל אַנדערש, אַביסל־איינגעהאַלטענער, ווי ערגעץ אַנדערש (פלאָצקער אַריסטאָקראַטיזם!) דאָך — פלאָצק האָט געשוימט מיט לעבן און טעטיקייט. אַרבעטער ראַטן אין 1918; אַ לאַנג־יאָריקע סאָציאַליסטישע שטאָט־פאַרוואַלטונג פון פ. פ. ס. און „בונד"; פאַרבנרייכע געשטאַלטן אין דער פוילישער און אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג; קאַמפן צווישן ציוניזם, בונדיזם און דער אַמאָליקער פאַרוואָרצלטער מעכטיקער אַסימילאַציע; פאַרדינסטפולע אידישע קולטור אינסטיטוציעס (דער באַרימטער „הזמיר", אַרבעטער־פאַריינען) די „צוקונפט" אין די ערשטע יאָרן נאָכן ערשטן וועלט־קריג, יוגנט אָרגאַניזאַציעס (יוגנט בונד „צוקונפט", „פרייהייט", „קאַמיוג"), רייזעס און פאַרבינדונגען מיט די שטעטלעך אַרום און מיט וואַרשע, פאַרשטייערשאַפטן אין די צענטראַלע אָנפירנדיקע פאַרטיי־קערפערשאַפטן פון גאַנצן לאַנד, אייגענע איינמאָליקע פרעסע־אויסגאַבעס — גאָר אַן אַנדערע וועלט, כאָטש אַלץ נאָך איינגעהילט אין דער אייגנאַרטיקער בלויקייט פון פלאָצקער ראָמאַנטיק.

פאַר די אויגן שטייען געשטאַלטן, עס שוועבן פאַרביי געזיכטער — וואו זענט איר, יוגנט־חברים און סתם אידן פון די פלאָצקער אַלטע גאַסן און געסלעך? ווער פון אייך איז לעבן־געבליבן? וויפל פון אייך זיינען אומגעקומען אונטערן מעסער פונם שוחט? ווי גרויס — אָדער: ווי קליין — וועט זיין די מחנה פון יענע, וואָס וועלן דערלעבן דעם טאָג פון נקמה און אָפבוי?

דעם ערשטן גרוס פון פלאָצק אונטער היטלערס שטיוול האָבן געבראַכט קיין ווילנע צענדליקער פלאָצקער, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון היטלערן קיין סאָוועט־רוסלאַנד און קיין ליטע אין ווינטער 1939—1940.

אויך איך בין דאַן געווען אין ווילנע. איך האָב דאָרטן געזען צענדליקער פלאָצקער: אַמאָליקע שול־חברים, פאַרטיי־חברים, סתם־אידן.

אַמאָל האָט זיך אין מיין ווילנער צימערל באַוויזן מיין אַלטער חבר און פריינט שמעון פ. ער איז אָקאָרשט אין טיפע שנייען אַריבער די גרענעץ צווישן סאָוועט־רוסלאַנד און ליטע (די גרענעץ איז דעמאָלט געווען ביי סווענציאַן). ער האָט געטאָפטשעט ביזן בויך אַריין אין שניי. ער האָט געפילט, אַז די כוחות פאַרלאָזן אים. אָבער גלייכצייטיק האָט ער געפילט, אַז ער האָט נישט מער ווי אַ צוויי מייל איבערצוקומען צום געוואונטשענעם ציל — ליטע.

מיט אים איז געווען ב—ן, דער פיל־עלטערער פון אים פיל־יאָריקער בונדישער פלאָצקער „לאַווניק" — אַ קראַנקער, אַ צעבראָכענער איז ער אָפגעשטאַנען ביי די ערשטע עטלעכע צענדליק מעטער.

— יעדעס מאָל, ווען איך האָב זיך אומגעקוקט — האָט מיין חבר מיר דערציילט מיט אַראָפגעלאָזטע אויגן — האָב איך אים געזען אַלץ ווייטער הינטער זיך... אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער אויסגערופן צו מיר: „גייט ווייטער... איך קען נישט מער... איך וועל צוריקגיין..." אינגיכן איז ער מיר פאַרשווינדן פון די אויגן...

אין פלאָצק האָט דערווייל געווילדעוועט היטלער. איינער פון זיינע ערשטע קרבנות איז געווען מיינער אַ שוואָגער. טויזנטער מענטשן האָבן אים געקענט אין פלאָצק — ער איז דאָרטן געווען יאָרנלאַנג דער פירער פון דער סאָציאַלער פאַרזאָרגונג אין סאָציאַליסטישער שטאָט פאַרוואַלטונג. אַזאַ פאַרברעכן האָבן די היטלעריסטן אים נישט געקענט מוחל זיין — אַזאַ טאָפלט פאַרברעכן: אַ איד און אַ סאָציאַליסט אין דער שטאָט פאַרוואַלטונג. צוזאַמען מיט נאָך דריי אידן האָט מען אים אַריבערגעפירט אַריבער דער בריק צום דאָרף ראַדזשיוויע און דאָרטן האָט מען זיי אַלע פיר פאַרקאַפעט לעבעדיקערהייט ביזן האַלדז — אַזוי ווי די רוסישע צאַרן פלעגן אַמאָל, אין מיטלאַלטער, פאַרקאָפן יעדן איינעם, וואָס האָט זיך פאַר זיי מיט עפעס פאַרזינדיקט.

ווען די דייטשן זיינען אַוועק, האָבן די אַרומיקע פויערים זיי אויפגעקאָפעט, אָפגעגאָסן מיט וואַסער און זיי דערמונטערט. מיין שוואָגער איז מער נישט צוריקגעגאַנגען אין שטאָט. ער איז אַוועק קיין וואַרשע. איך האָב געהאַט פון אים פון דאָרט עטלעכע גרוסן. ער איז געווען אין געטאָ. וואו איז ער איצטער? איז ער געבליבן לעבן?

מיין איינציקע שוועסטער האָט זיך אונטער היטלערס רעזשים אַרויסגעוויזן פאַר אַ גאַנצער אשת־חיל. כדי צו לעבן, האָט זי אָנגענומען אין פלאָצקער געטאָ דעם פאָסטן פון אַ בריוו־טרעגער. זי איז יעדן טאָג אַרויס פון געטאָ צו דער שטאָטישער פאָסט, געבראַכט מיט זיך אַלע בריוו פאַרן געטאָ און זיי פונאַנדערגעטראָגן איבער די שטובן. איר פאַרדינסט איז געווען: אַ גראָשן פאַר יעדן אָפגעטראָגענעם בריוו, געצאָלט דורכן אָפנעמער. פון דעם האָט זי געהאַט אויף קאַרטאָפל און וואַסער. אָבער זי האָט זיך נישט איינגעבראָכן און געשריבן מוטיקע בריוו קיין ווילנע — אַזעלכע פיין־מאַסקירטע בריוו וועגן אונזער שלעכטער „קוזינע נאַטשע" (נאַצי, הייסט עס), וועלכע איז „נעכטן אַריינגעפאַלן אין אַזאַ ירגזון, אַז זי איז באַפאַלן יעדן איינעם, וואָס איז איר געקומען אונטער דער האַנט און אויף די קעפ פון אַלע ליאַלקעס איז אויסגעברענט אַ מגן־דוד". פאַר מיר איז נישט געווען קיין ספק: מיין שוועסטער האָט מיר באַשריבן אַ בלוטיקן נאַצי־פאָגראָם איבער די אידן פון דער שטאָט פלאָצק.

אַמאָל האָט זי מיר דערציילט אין אַ בריוו ווי די „שלעכטע קוזינע נאַטשע" האָט שוין אויסגערוימט ביי איר די גאַנצע וואוינונג: „שוין נישטאָ דער טיש, דאָס בעט, די שאַפע, די שטולן, שפעטער איז געקומען בריוו, אַז די „קוזינע נאַטשע" האָט איר צוגענומען די דירה. ווען איך בין אָנגעקומען קיין אַמעריקע האָט די פרעסע אָפגעדרוקט אַ קורצע טעלעגראַמע: די היטלער־מאַכט האָט אַרויסגעטריבן פון פלאָצק אַלע אידן. פלאָצק איז געוואָרן אינקאָרפאָרירט אין דייטשן רייך.

מיינער אַ וואַרשעווער באַקאַנטער, וואָס האָט געאַרבעט אין 1941 אין וואַרשעווער „דזשאָינט", האָט אַמאָל געמאַכט אַ רייזע אַלס „דזשאָינט"־שליח איבער ראַדאָמער געגנט. אין סטאַשעוו און אומגעגנט האָט ער דאָרטן אָנגעטראָפן די גאַנצע פאַרטריבענע פלאָצקער אידישע עדה. ער האָט מיר וועגן דעם געשריבן. איך האָב גענומען קאָרעספאָנדירן מיט מיין אומגליקלעכער שוועסטער. דורך איר האָבן אַנדערע פלאָצקער אידן גענומען צו מיר שרייבן. יעקב יוסף ב., אַ באַקאַנטער פלאָצקער זייגערמאַכער, אַ פאַרברענטער אידישיסט און קולטור מענטש, האָט צו מיר געשריבן: „הילף, איך גיי אויס, עס זיינען מיינע לעצטע כוחות"...

שפעטער איז אַלץ אָפגעריסן געוואָרן. אַמעריקע איז אַריין אין קריג און יעטוועדע שריפטלעכע פאַרבינדונג איז איבערגעריסן געוואָרן. איך האָב נאָך באַוויזן פעסטצושטעלן, אַז מיין שוועסטערס גורל האָט זי טראַגיש געבראַכט קיין טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצקי, וואו זי איז אַרעסטירט געוואָרן — אַליין אַ נישט באַטייליקטע אין דער אונטערערדישער אַרבעט — אין אַ הויז, אין וועלכן עס זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן עטלעכע באַקאַנטע אַמאָליקע בונדישע טוער. איינעם פון זיי האָבן די היטלעריסטן אומגעבראַכט באַלד דעמאָלט (1941) — דאָס ווייס איך זיכער. קיינער פון מיינע פריינט האָט מיר נישט געענטפערט אויף אַלע אָנפראַגעס וועגן גורל פון מיין שוועסטער...

וואָס איז איר גורל? וואָס איז דער גורל פון יענע אַלע פלאָצקער, וואָס האָבן מיט 3 יאָר צוריק געשריבן הילפס־רופן פון דער ראַדאָמער געגנט אַרויס, וואו זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן? וואָס איז דער גורל פון יענע פלאָצקער, וואָס זיינען „גליקלעך" אַנטרינען קיין וואַרשע?

צאַפל אויף, האַרץ. דיין ווינקל איז צעבראָכן. דיין היים־שטאָט איז צעבראָכן. די מענטשן, צווישן וועלכע דו ביסט מיט די אינטימסטע פעדים פאַרבונדן — דיינע יוגנט פריינט, דיינע קרובים, דיינע לאַנדסלייט — זיינען אין די הענט פון אַ

מענטשנפרעסערישער חיה, און ווער־ווייסט וויפל די דאָזיקע חיה האָט שוין פאַרצוקט...

די אידן פון פלאָצק האָבן די היטלעריסטן פאַרטריבן, פאַרפייניקט. און די פּאָליאַקן? דעם 25־טן אָקטאָבער 1943 האָט די פּוילישע טעלעגראַפן־אַגענטור אין לאָנדאָן געמאָלדן קורץ און טראַגיש: אויפן וועג אין אַ קאָנצענטראַציע לאַגער האָבן די דייטשן פאַרפייניקט צום טויט דעם 88 יעריקן פלאָצקער ביסקופּ ס. נאָוואָוויעיסקי...

איר שטעלט זיך פאָר דאָס בילד: דער 88־יאָריקער פלאָצקער ביסקופּ נאָוואָוויעיסקי — שטאַרבט אויפן וועג צו אַ דייטשן קאָנצענטראַציע־לאַגער — וויפל אכזריות מוז זיין אין די הערצער פון די מענטשן, וועלכע שלעפּן אַן 88־יאָריקן זקן אין אַ קאָנצענטראַציע לאַגער? וואָסער געפאַר האָט דער דאָזיקער זקן פון קנאַפּע 90 יאָר געקענט פאַרשטעלן מיט זיך פאַר די היטלעריסטן?

אָבער פלאָצק וועלן זיי נישט אומברענגען. און דעם גייסט פון די, וואָס זיינען געבליבן אין פלאָצק, וועלן זיי נישט אומברענגען. פאַרקערט: עס וועט קומען אַ טאָג, ווען דער דאָזיקער גייסט וועט טריי דער רומרייכער טראַדיציע פון דער שטאָט פלאָצק אין אַלע יאָרן פון איר טויזנט־יאָריקער געשיכטע, טריי די „פּאָווסטאַניעס" און טריי דעם גייסט פון יאָר 1905 — אויסברענגען יעדעס שטיקל ערד, אויף וועלכן עס שטייט דער אָקופּאַנט.

וועגן גייסט פון יענע, וואָס זיינען געבליבן אין פלאָצק, דערציילט אונז פאָלגנדיקע ידיעה, וואָס טעלעגראַפישע אַגענטורן און ראַדיאָ־סטאַנציעס האָבן דערציילט דער וועלט דעם 2־טן מערץ 1944:

„אַ נאַצי־געריכט אין פלאָצק, פּוילן — האָבן געמאָלדן די נייעס־אַגענטורן — האָט באַשטראָפט פרוי סאָפיאַ טשעכאַן מיט טויזנט מאַרק דערפאַר, וואָס איר הונט האָט נישט ליב קיין דייטשן. עס איז אין געריכט באַוויזן געוואָרן, אַז איר הונט איז באַפאַלן דעם דייטשן הונט פון הויפּטמאַן ריכאַרד קונאָט, כאָטש מיט פּוילישע הינט קומט ער גאַנץ גוט אויס. עס איז אויך באַוויזן געוואָרן, אַז ווען דער הונט דערזעט אַ דייטש, הויבט ער אָן שרעקלעך האַווקען, וואָס דאָס מיינט, אַז ער האַסט דייטשן. באַשטימענדיק די טויזנט מאַרק שטראָף פאַר דער פּוילישער פרוי טשעכאַן, האָט דער דייטשער ריכטער איר נאָך צוגעלייגט אַ פאַרציע מוסר, אַז זי דאַרף זיך שעמען פאַר איינפלאַנצן אין איר הונט שנאה צו אַלעם, וואָס איז דייטש".

איך ווייס נישט וואָסער אויסדרוק פרוי טשעכאַן האָט געהאַט אויף איר געזיכט, ווען זי איז געווען געצוואונגען אויסצוהערן די פאַרציע מוסר פון היטלערישן הענקער, אָבער עס איז זיכער, אַז קיין סימן פון חרפּה איז אויפן דאָזיקן געזיכט ניט געווען. מיר קענען זיך פאָרשטעלן וואָסער פייער עס ברענט אין די הערצער פון די מענטשן, אויב זיי איז געלונגען אַזוי וויט איבערצופלאַנצן דעם שנאה־געפיל אין אַ געוויינלעכן הונט.

די דאָזיקע שנאה וועט אויפפלאַקערן אין דער נאָענטסטער צוקונפט מיט אַ העלישן פלאַם פון הייליקער נקמה און באַצאָלונג. שוין איצטער פלאַקערט דאָס דאָזיקע פייער אין דער שטיל. די קעמפער פון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין פּוילן זיינען איצטער די מוטיקע היטער פון דאָזיקן הייליקן פייער. פון פלאָצק, צי פון אויסער פלאָצק — עס וועלן נאָך דערגיין צו אונז אַנדערע גרוסן, ווי די, וואָס דערגייען צו אונז די לעצטע 4 יאָר. פון פלאָצק, צי פון אויסער פלאָצק — די זין און טעכטער פון דער פלאָצקער געפייניקטער אידישער עדה וועלן נאָך לאָזן הערן אין דער צוקונפט זייער וואָרט. צעוואָרפן איבער אַלע עקן פון לאַנד אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אַרבעטס־לאַגערן, באַהעלטענישן און לעבער וועלן זיי צוזאַמען מיט אַלע פּוילישע און אידישע טעכטער און זין פון דער פאַרבלוטיקטער פּוילישער ערד אַנטקעגן־גיין יענעם בלוטיקן זון־אויפגאַנג, וואָס וועט זיין דער טאָג פון גרויסער באַצאָלונג דעם שונא און גרויסער פאַרגיטיקונג צו זיינע אידישע און פּוילישע קרבנות.

מיר — די געראַטעוועטע, די צעזייטע און צעשפּרייטע קינדער פון דער שיינער אַלטער ראָמאַנטישער שטאָט פלאָצק — וועלן דעמאָלט איבער ימים אויסשטרעקן אונזער האַנט אַהין. מיר וועלן דאַן מיטהעלפן אָפּבויען דאָס אידישע לעבן אויפן פלאָצקער גרינעם באַרג.

פון אַלע עקן־וועלט, וואו דער גורל האָט אונז נאָר פאַרוואָרפן — אונז, קינדער פון דער אַלטער ראָמאַנטישער פּוילישער שטאָט ביי דער ווייסל — גייען אונזערע געדאַנקען אומאויפהערלעך צוריק אַהין צו יענער שטאָט, צו יענעם גרינעם באַרג, וואו אונזער וויגל איז געשטאַנען.

ה. קרוק

ווי אַזוי דאָס ספר איז געוואָרן אַ בוך

די געשיכטע פון דער אידישער ביבליאָטעק איז ענג פאַרבונדן מיט דער אַנטשטייאונג פון דער אידיש־וועלטלעכער ליטעראַטור וועמענס ערשטער אויפבלי־פּעריאָד ס'איז די השכלה־עפּאָכע אין די 40־ער ביז די 80־קער יאָרן פונם פ. י.

ביז דאַן האָט בכלל נישט עקזיסטירט ביי אידן קיין ב י כ ע ר. עס זיינען געווען ס פ ר י ם און די באַציאונג צום ספר ביי אידן איז געווען אַזאַ, ווי צו עפּעס אַ הייליקייט. צוגייענדיק צום ספר, וואַשט זיך דער איד די הענט, פאַרמאַכנדיק עס — טוט ער אַ קוש אויפן שער־בלאַט. דאָס ספר איז אַ הייליקייט, ווייל ס'איז ענג פאַרבונדן מיט גאָט, מיט זיינע דינים און איבערמענטשלעכע וואונדער.

די השכלה־עפּאָכע איז אַ פּעריאָד פון פאַרוועלטלעכן דאָס אידישע לעבן, ס'אַנטשטייט דאָס מאָדערנע אידישע בוך — דאָס ספר פאַרבלייבט ווייטער אַ הייליקייט, אָבער שוין פון גאָר אַן אַנדער מין. דער לייענער פונם אידישן בוך זעט אינם ספר אַ זאַך, וואָס אַנטפּלעקט פאַר אים נייע וועלטן, ער דערפילט אינם אידישן (דאַמאָלט זשאַרגאָנישן) ספרל אַ נייעם קוואַל פון וויסן און דערהייבונג — דאָס „הייליקע ספרל" ווערט אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט אין אַ מאָדערנעם כוח, וואָס טראָגט וויסן און בילדונג.

1. ספר און בוך

אַרום די „היינטוועלטיקע ביכלעך" פירט זיך אַ קאַמף. מען לייענט זיי „טאַטע־מאַמע זאָלן ניט וויסן". דער ישובהניק שאָקלט זיך איבערן ספר און אונטער אים פאַרבאַהאַלטן דער „טריף־פּסל", דאָס „היינטוועלטיקע ביכעלע". אַ חסידישער יונגערמאַן, וואָס „קוקט אַריין" אין אַ בוך איז שוין פאַראורטיילט — „ער גייט אַראָפּ פון גלייכן וועג". אַנדערע טוען עס באַהאַלטנדיק זיך דערמיט — מען וועט זאָגן, אַז זיי פאַרנעמען זיך מיט ווייבערישע זאַכן. אַזעלכע און ענלעכע פאָלקס־זאָגענישן זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט.

פונקט ווי ביי אַנדערע פעלקער, אַזוי איז אויך ביי אידן דאָס ספר אַ זאַך פון די פּריווילעגירטע קלאַסן. די רייכע זיינען געבילדעט, ביי זיי זיינען פאַראַן ספרים־שענק, אָפט אפילו ריזיקע הויז־ביבליאָטעקן. די אָרעמע פאָלקס מאַסן זינקען אין אומוויסנהייט, זיינען גראָב און עם־הארציש. כדי אויפצוהאַלטן דעם דאָזיקן „המון" אונטער די „באַרימהאַרציקע פליגל" פון גאָט און גאָטספאָרכטיקייט איז גענוג זיי אויסצוטייטשן די סדרה אָדער איבערחזרן אַ קאַפּיטל תהילים אום שבת.

„היגע אידן — זאָגט צו מענדעלע מוכר ספרים אַ איד פונם „ווינשפּינגערל" (קאַפּיטל — דער סוף פון דער מעשה) — באַדאַרפן ברויט, ברויט באַדאַרפן זיי, נישט קיין ספרים".

אַנדערש איז עס ביי די רייכע: א. י. פּאַפּירנאָ (1840—1918) דערציילט אין זיינע זכרונות:

„אַ ביכער־שאַנק מיט אַ גאַנצן ש"ס אין אַ רויטן לעדערנעם איינבינד איז געווען די שענסטע צירונג פאַרן אידישן באַלעבאָס, ווי פּערל און בריליאַנטענע אוירינגלעך פאַר זיין ווייב". 1)

---

1). זכרונות פון א. י. פּאַפּירנא, זייט 22.

און ווייטער:

„אויך די ווייבער האָבן געהאַט זייערע קליינע ביבליאָטעקן. ס׳רוב זיינען עס געווען ספרים פון אַ רעליגיעזן אינהאַלט, ווי סדרים, „צאינה וראינה“, תורה מיט לעגענדעס — און הגדה־געשיכטן, דער „מנורת המאור“, מוסר־געשיכטן פון הגדה און מדרש, דערציילונגען פון דער אידישער געשיכטע, ווי למשל, „גדולת־יוסף“ — די ראָמאַנטיש לעגענדאַרע געשיכטע פון שיינעם יוסף“. 2)

אַברהם־בער גאָטלאָבער (1811—1899) דערציילט, ווי אַזוי עס האָבן אויסגעזען די דעמאָלטדיקע פריוואַט־ביבליאָטעקן און דער ווערט פון די ספרים, וואָס זיינען אין זיי געווען:

„ביז דעמאָלט האָב איך שוין געהאַט איבערגעלייענט אַ היבש ביסל ספרים, דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען אַזוינע ספרים, אויף וועלכע ס׳איז דאָ אַ חסידישער הכשר, ד. ה. אַזעלכע, אין וועלכע ס׳איז נישטאָ קיין טראָפּן חכמה און וויסנשאַפט“. 3).

ווייטער זאָגט אַברהם־בער גאָטלאָבער, אַז דאָס זיינען געווען ספרים „וואָס וואַרפן אַרויף אַן אימה אויף זייערע לעזער“. 4).

אַזוי אַן ערך האָט אויסגעזען די אידישע „ספרים־שאַנק“ אין דער ערשטער העלפט פונם פריערדיקן יאָרהונדערט. מיט דער אויפבליציייט פון דער וועלטלעכער השכלה־עפּאָכע, ענדערט זיך אויך דאָס אידישע ספר, ממילא שוין — די באַציאונג צו אים.

ווי אַזוי דאָס הייליקע ספר ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ בוך, דערוויסן מיר זיך פון דער רייכער אידישער מעמואַרן־ליטעראַטור:

דער זעלבער אַברהם־בער גאָטלאָבער דערציילט וועגן אומגעהויערן איינדרוק, וואָס עס האָט אויף אים געמאַכט דאָס ערשטע אידישע וויסנשאַפטלעכע ביכל:

„איך געדענק אויך, אַז צווישן די מענגע ספרים איז צו מיר אַמאָל אַריינגעפאַלן דער ספר יוסיפון בן גוריון, וואָס איז פאַר מיר געווען אַן אָפּרו. פון דאַן אָן פלעג איך אָפּט זוכן אַזעלכע ספרים. איך האָב אָבער נישט געקענט געפונען. בלויז איינמאָל האָט מיר דער פאָטער געבראַכט אַ ספר מיטן נאָמען קאָלומבוס, אויף אידיש־דייטש (זשאַרגאָן). דער דאָזיקער ספר האָט מיך פאַרכאַפּט אינגאַנצן. האָט צעאַקערט און פאַרזייט אויף די בייטן פון מיין האַרץ אַ גאָט־געבענטשטע זריעה, וואָרום דורך דער דערציילונג פון דעם ספר האָב איך זיך דערוואוסט וועגן דער ערד און די פעלקער, וואָס באַוואוינען זי, וועגן וועלכע איך האָב ביז דאַן קיין השגה נישט געהאַט“. 5).

אויך אַ. י. פּאַפּירנאַ דערציילט:

„צייטנווייז פלעגן זיך אויך געפונען וועלטלעכע ביכער ווי, למשל, „בבא־מעשה“, „טויזנט אין איין נאַכט“, א. א. וו. 6).

„אין די פערציקער יאָרן (1840), האָבן שוין אָנגעהויבן דערשיינען פאָלקסטימלעכע געשיכטן פון א. מ. דיק“. 7).

מ. ספּעקטאָר דערציילט אין זיין בוך „מיין לעבן“:

„אין יענער צייט, (אַן ערך זעכציקער־זיבעציקער יאָרן), האָבן אייניקע ביכלעך געמאַכט אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין דעם חסידיש־פּאַטריאַרכאַלישן לעבן פון דער אַלטער שטאָט“.

„איינס פון די ביכער וועלכע האָבן געבראָכן די ווענט פון חסידישן פאַנאַטיזם איז — לויט דער דערציילונג פון מ. ספּעקטאָר — געווען „דאָס פּוילישע אינגל“, פון י. י. לינעצקי, וואָס איז צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יאָר 1868 אין „קול מבשר“. אַלע פריערדיקע ביכער האָט מען אַפילו נישט גענומען אין האַנט. מען האָט זיי צעריסן אָדער פאַרברענט. „דאָס פּוילישע אינגל“ איז זייער געשמאַק געלייענט געוואָרן אַפילו דורך דער חסידישער וועלט. אַלע האָבן דעם מחבר געשאָלטן מיט טויטע קללות אָבער מען האָט אים געלייענט“. 8).

2). זע דאָרט.

3). אַברהם־בער גאָטלאָבער אין זיין עפּאָכע, פאַרל. ב. קלעצקין, ווילנע 1925.

4). זע דאָרט.

5). „קאָלומבוס“ איז דערשינען אין ווילנע אינם יאָר 1824.

6). זכרונות פון א. י. פּאַפּירנאַ, זייט 22.

7). דאָרט זייט 23-24 אויך ש. ניגער, אַרטיקל ווען האָט ש. מ. דיק אָנגעהויבן שרייבן. (פנקס פון דער אַמעריקאַנער ייוואָ־אָפּטייל, ב. 1, העפט 4, 1928.

8). מ. ספּעקטאָר „מיין לעבן“, קאַפּיטל צוויי.

כדי בעסער פאַרשטיין די אַטמאָספערע, אין וועלכער דאָס „ספר“ האָט זיך אָנגעהויבן פאַרוואַנדלען אין אַ „בוך“, וואָס וועקט און רופט, איז נויטיק זיך צו באַקענען מיטן לייענער פון יענער צייט. וועגן לייענער פונם „פּוילישן אינגל“ דערציילט אַ. ליטוואַק: (1874—1932).

„ביי די ערשטע זייטלעך האָבן זיי גוטמוטיק געלאַכט, ווי פון לצנות, ווייטער אַביסל האָבן זיי געשליידערט דאָס בוך אָן דרערד, ווי אַ חלול השם אַ לעסטערונג אויף אַלץ, וואָס הייליק. זיי האָבן עס אָבער באַלד ווידער אויפגעהויבן. עס האָט זיי געצויגן צו לייענען אַלץ ווייטער און ווייטער, ביז זיי זיינען אינגאַנצן אַריינגעצויגן געוואָרן אין נעץ, און דאָס בוך האָט אָנגעמאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין זייער נשמה“. 9).

דער מחבר דערציילט, אַז זייער פיל מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו לייענען „דאָס פּוילישע אינגל“ פון י. י. לינעצקי „נאָר צוליב געלעכטער, זיי האָבן אָנגעקוואָלן פון די שאַרפע ווערטלעך זיי האָבן אָבער אַליין נישט באַמערקט, ווי זיי האָבן אָנגעהויבן פיינט צו האָבן דאָס, וואָס האָט זיי אויסגעלאַכט; קעגן זייער ווילן האָט זיי דער פאַרפאַסער פאַרסמט מיט זיין שנאה“.

ליטוואַק האַלט, אַז דאָס דאָזיקע ביכל האָט אין יענער צייט געווירקט ווי שטאַרקער אויפרייסמאַטעריאַל, „וואָס די השכלה האָט געוואָרפן אין דער פעסטונג פון אירע פיינט און חסידות“ 10).

אויך דער זיידע פון דער אידישער ליטעראַטור, מענדעלע מוכר ספרים, דערציילט:

„תחילת, ווען די השכלה, די בילדונג, הייסט עס, איז אַריינגעפאַלן אין דער „אידישער גאַס“, איז זי געגאַנגען ווי אַ מגפה, נישט היינט געדאַכט“ — — —

ווייטער:

„אַ ישובה בחור „קוועטשט די באַנק, — פּלוצים געפינט זיך, מעשה שטן, צווישן די בלעטלעך פון דער אָפענער גמרא זיינע השכלה ביכלעך, אי, אי, ער איז גאָר אַ ווערעמדיקער בחור!“...

אויף ווי וויט די דאָזיקע „ווערעמדיקייט איז געוואָרן אַ מגפה איז אינטערעסאַנט נאָך פאָלגנדיקעס:

וועגן ערשטן אידישן סאָציאַליסט אהרן שמואל ליבערמאַן (1844—1880) דערציילט מען: זיין חשק צו לייענען איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער (ליבערמאַן) פאַרבראַקירט נישט אַפילו די ספרים פון זיין באָבענס ביבליאָטעק“. ער לייענט פון דאָרט די „צאינה וראינה“ דעם מנורת המאור א. א. אויך אויף אליעזר צוקערמאַנען (1848 — 1886) — איינער פון ליבערמאַנס פריינט — מאַכן די השכלה ספרים אַ גרויסן רושם. ער רייסט זיך אָפּ פון לערנען, לייגט אַוועק די גמרא און נעמט זיך אין דער שטיל צו אַלגעמיינע לימודים:

מענטשן פלעגן פאַרלאָזן זייערע היימען (מ. ל. ליליענבלום 1843—1910) און לאָזן זיך דינען זייערע ניי־דערקענטע אידעאַלן. פיל באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע זעלבסטבילדער דערציילן נאָך ערד־היום, אַז דאָס זשאַרגאָנישע ביכל איז געווען די איינציקע שטויס־קראַפט פאַר זייער זעלבסטבילדונג.

וועגן אַ יונגערמאַן, וואָס איז אַריינגעלאָזן אין די ביכלעך, זאָגט מען, אַז „ער איז געכאַפּט אין דער מעשה“, אָפּט איז אַזאַ יונגערמאַן אַפילו באַדראָט, אַז די „כאַפּערס“ זאָלן אים צונעמען אין מיליטער אַלס קאַנטאָניסט. אַ משכיל איז אָפּט אָפּפערוויליק, טראָץ אַלע שוועריקייטן פון יענער צייט, איז אַ משכיל נישט קליינלעך. דער אידעע צו פלאַנצן ליכט און וויסן דינט ער מיט גרויס איבערגעבנקייט. משכילים פלעגן נישט נאָר לייענען אַליין, נאָר אָנגעשטרענגט פלאַנצן דעם חשק צום לייענען צווישן אַנדערע. פאַר אַזעלכע פלעגט זיין אַ ספּעציעל וואָרט: „ער פירט אַראָפּ יונגעלייט פון וועג“, ווי נאָר אַ בחורל פלעגט זיין „געכאַפּט אין דער מעשה,“ פלעגט באַלד אונטערקומען אַ משכיל, וועלכער העלפט שוין צו ביים פאָרזעצן זיין בילדונג.

א. יצחקי, דער ביאָגראַף פון פּרץ סמאָלענסקין, דערציילט:

סמאָלענסקים עלטערער ברודער, יהודה לייב, געהער צו די, וועלכע באַגנוגענען זיך נישט דערמיט, וואָס ער אַליין לייענט — ער פלאַנצט איין חשק צום לייענען אינם יונגערן ברודער.

פּרץ סמאָלענסקין (1840—1885), ווערט טאַקע אומאויפהערלעך פאַרפאָלגט דערפאַר, וואָס

9). אַ. ליטוואַק — יצחק יואל לינעצקי, קיעווער פאַרלאַג, זייט 44.

10). אַלץ דאָרט.

די באַלעבאַטים דערוויסן זיך, אַז ער נוצט אויס די פּריוואַט־ביבליאָטעק פונם שקלאָווער נגיד אידל ר' הירשס. מען זאָגט אָפּ דעם אינגל פּרצל דאָס עסן „טעג". פּרצל גיט זיך נישט אונטער. ער גנבעט ליכט אין בית־המדרש כדי צו קענען שפּעט ביינאַכט, זיך אוועקזעצן אין ווייבער־שיל און שטילערהייט לעזן השכלה־ביכלעך. 11).

באַקומען דאָס ערשטע בוך אין דער האַנט האָט נישט געהערט צו די ליכטע זאַכן. אָפּט אָבער איז עס נישט מער ווי אַ צופעליקייט.

י. דינעזאָן האָט זיך צופעליק אָנגעשטויסן אויף דער פּריוואַט־ביבליאָטעק פון צוקערמאַן אין מאָהילעוו און פון דאָרט ארויס הייבט אָן פאַר אים שיינען אַ נייע וועלט. 12).

דאָס זעלבע אויך מיט י. ל. פּרצן: צופעליק שטויסט ער זיך יונגערהייט אָן אויף אַ רייכע פּריוואַט־ביבליאָטעק אין זיין געבורט־שטאָט זאַמאָשטש. 13).

אזוי אָט־אָ טראָגט זיך די דאָזיקע מגפה איבער דער אידישער גאַס. ביי אַזעלכע אומשטענדן ווערט פאַרשטענדלעך פאַרוואָס דאָס בוך, וואָס מען שליידערט אָן דרערד ווי א חלול־השם, קען שוין נישט טראָגן אויף זיך דעם הייליקן נאָמען „ספר". עס ווערט איבעריק דאָס וואַשן זיך די הענט, ווען מען דערנענטערט זיך דערצו, און פאַרשטייט זיך, אַז מען קושט עס שוין נישט פאַרמאַכנדיק עס — דאָס נייע מין ספרל ווערט געשווינט און אָפּגעהיט אָבער עס הערט אויף צו זיין אַ רעליגיעזער רעקוויזיט.

א. מ. דיק, וואָס ווערט באַטראַכט אַלס דער ערשטער אידישער בעלעטריסט און זיינע שאַפונגען זיינען אָנערקענט אַלס די ערשטע וועלטלעכע ביכער אויף אידיש, קומט צום אידישן לייענער מיט איין הויפּט־ציל: בילדן דעם המון־עם.

קיין וואונדער נישט, וואָס דיקס ביכלעך, וועלכע זיינען ליכט געשריבן ווערן אזוי ארום פאַרשפּרייט מיט אַן אומגעהויערער שנעלקייט. זיינע ווערק ווערן געדרוקט נישט ווייניקער — ווי אין 6.000 עקזעמפּלאַרן און אין פאַרלויף פון איין יאָר ווערן זיי אויספאַרקויפט. פון דעם אַליין איז צו דרינגען, ווי גרויס עס איז שוין דעמאָלס געווען די נאָכפראַגע נאָכן אידישן בוך.

דאָס בוך ווערט שוין איצט געשריבן אין דער פאַרשטענדלעכער שפּראַך פון די מאסן און די פאָרם און אינהאַלט פון בוך ווערט צוגעפּאַסט צו די נויטן און באַדערפענישן פון די ברייטסטע שיכטן פונם פאָלק. דאָס אידישע בוך ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער דער הויפּט פאַרשפּרייטער פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור ביי אידן. קלאָר: דאָס אידישע בוך ווערט דער אויפריים־מאַטעריאַל, וואָס ברעכט די וואַנט פונם אידישן געטאָ.

2. השכלה־ליטעראַטור, פּראָקלאַמאַציע־ליטעראַטור, ליטעראַטור

אומגעהויער פינצטער איז געווען דאָס לעבן פון די אידישע מאַסן אינם סוף פונם נייינצנטן יאָרהונדערט. דער באַלעבאָס, דער פּרנס און דער בעל־טאַקסע, זיינען איינציק און אַליין די אומבאַשרענקסטע „פאַרזאָרגער" פונם געטאָ־איד. די השכלה־באַוועגונג, וואָס איז באַהויכט מיט אידייען פון פאַרוועלטלעכן דאָס אידישע לעבן, פּרואווט אויסגעפינען רעצעפּטן אויף צו ראַטעווען „דאָס אָרעמע פאָלק".

די אומאויפהערלעכע רדיפות אויף דער אידישער באַפעלקערונג טויטן אָפּ יעדן מין געפיל און פאַרשטענדעניש פאַר מענטשלעכער און בירגערלעכער ווירדע, אַטראָפירט פון יעדן מין געזעלשאַפטלעכן דענקען, וואַקסט אין די מאסן דאָס דאָס געפיל פון יאוש און אונטערגאַנג, וואָס ווירקט אומגעהויער שווער אויפן אידישן לעבן. טיף אין הארצן גראָבט אַ טרוים — ציון, די „איינציקע אויסלייזונג"...

דער משכיל איז מיינסטנס אַ קינד פון באַלעבאַטישע עלטערן. זיין באַציאונג צום „אָרעמען פאָלק" איז אַ פילאַנטראָפּישע. די אידיש־רוסישע אינטעליגענץ לעבט נאָך מיט דער פאַרבליבענער ירושה פונם ערשטן השכלה־פּעריאָד, וואָס האָט מיט גאַווהדיקער פאַראַכטונג געקוקט אויף אידיש ווי אויף עפּעס אַ געטאָ־שפּראַך, ווי אויף דער שפּראַך פון דינסטן און בעלי־עגלות.

דער מאַסן־מענטש זעט אין רייכן משכילישן זונדל, אַ זאַטן זעלבסטצופרידענעם מענטש וואָס „קען זיך דערלויבן" אויף נייעסן, אויף אַן אַנדער

———

11). זע זיין ביאָגראַפיע.

12). זע זיין ביאָגראַפיע.

13). זע זיין ביאָגראַפיע.

לעבן און דענקען. דער מאַסן־מענטש האָט אַפילו נישט דעם מוט צו טראַכטן, אַז די „נייעס", די בילדונג און קולטור האָבן א וועלכן עס איז שייכות אויך צו אים, פאַרקערט — אָפטמאָל טראַכט ער אין זיין אומבאַוואוסטזיין — מיט ביטול וועגן „די ליכטע קעפּ" פון די נגידישע קינדער.

ביז —

צווישן די אין חושך פאַרזונקענע אידישע אַרבעטער־מאַסן דערהערן זיך נייע טענער — „א נייער משיח קומט אָן"! — די אַנטשטייאונג פון דער אַרבעטער באַוועגונג און אירע רעוואָלוציאָנירנדיקע לאָזונגען דערמוטיקן און דערהויבן די אין חושך זינקענדיקע פאָלקס־מאַסן. רעשיק און מיט ברען דערפילט אין זיך די אידישע אַרבעטער מאַסע אַ נייעם כוח, נייע שטרעבונגען.

די בעסטע אידישע יוגנט ווערט· פאַרכאַפּט פון די נייע אידייען. דאָס „גיין אין פאָלק", דאָס אָנטיילנעמען אין דער באַוועגונג „נאַראָדנאַיא וואָליא" — דאָס אַלץ באַקומט אַן אָפּקלאַנג אין דער שפּעטערדיקער אידישער אַרבעטער באַוועגונג.

דאָס בוך, דאָס געדרוקטע וואָרט איז אומעטום אַ הילפס מיטל ביים פאַרשפּרייטן די דאָזיקע אידייען. די אידישע אַרבעטער מאַסן זיינען רוי און פאַרזינקען אין פינצטערניש, און כדי צוצוקומען צו זיי איז נויטיק צו באַהערשן זייער שפּראַך, לערנען זיי אין זייער אומגאַנגס שפּראַך.

אָבער — ס'איז נישטאָ קיין אידיש אויפקלערערישע ליטעראַטור — פאַראַן בלויז רוסישע אומלעגאַלע ביכלעך. די יונגע אידישע רעוואָלוציאָנערן וואָס דערפילן אויף זייערע אייגענע פּלייצעס דעם מאַנגל אינם אידיש־געדרוקטן וואָרט, זיינען געצוואונגען צו פאַרטראַכטן זיך וועגן אַן אויסוועג פון דער לאַגע.

די 80־ער און 90־ער יאָרן געהערן, ווי באַוואוסט, אין דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג צום איבערגאַנגס פּעריאָד פון קרייזל־פּראָפּאַגאַנדע צו מאַסן־אַגיטאַציע. ווי נאָר מען איז אריבער צו מאַסן־אַגיטאַציע ווערט די רוסישע שפּראַך פאַרביטן אויף דער אידישער.

ווי אזוי עס האָבן אויסגעזען די אַגיטאַציע־מיטלען פון יענער צייט און ווי שטאַרק נויטיק עס איז שוין דעמאָלט געווען פאַר דער פּראַקטיק פון דער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג דאָס אידישע געדרוקטע וואָרט, איז צו זען פון אַ. ליטוואַקס קאַפּיטל מעמוארן „מיין ערשטער שריט".

די אַגיטאַציע פאַר יענער צייט איז געווען מיינסטנס א מונדלעכע, עווענטועל דורך פאַרבאָטענע רוסישע ביכלעך, דאָרט דערציילט זיך ווי אזוי ער, ליטוואַק, האָט אָנגעשריבן זיין ערשטן אויפרוף אין אידיש און וואָסער רושם ער האָט געמאַכט: צופעליק איז עס געשען, אַרבעטנדיק אין אַ מצה־בעקעריי האָט זיך ליטוואַק צוגעקוקט צו דער איבערמענטשלעכער עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטנדיקע אין דער בעקעריי. צווישן ליטוואַקן און זיין חבר איציק איז פאַרבליבן: באַשרייבן עס אין „המליץ".

„— וואָס באַשרייבן?

„— אָט ווי איר מאַטערט זיך דאָ און ווערט פאַרשוואַרצט ביי די מצה". 14).

און חבר איציק כאַפּט זיך:

„— באַשרייבן, זאָגסטו? אַוודאי וואָלט עס געווען א שכל. אָבער אין „המליץ", אויף לשון־קודש, פאַר מלמדים און באַלעבאַטישע פּעמפּעקעס... אָט אויף אידיש — פאַר אַרבעטער, פאַר אָרעמע־לייט, אָבער ווי מאַכט מען עס?"

„— ווייסטו, וואָס, האָב איך מיך אָנגערופן: מען קען אָנקלעפּן צעטעלעך אויפן שול־הויף, וועלן אַלע לייענען".

„— צעטעלעך אויפן שול־הויף, זאָגסטו? ווי איך בין א מענטש, א שכל. אדרבא, זעץ זיך דאָ אין ווינקל, נעם אַ בלייפעדער און פּרואוו צוזאַמענשטעלן אַזאַ מין צעטל".

אין א שעה ארום איז עס געווען פאַרטיק. דער שרייבער פונם אויפרוף האָט געזידלט די רבנים, וואָס שיקן אין דער בעקעריי משגיחים אַכטונג צו געבן אויף כשרות און טוען גאָרנישט פאַרן געזונט פון די אַרבעטער: („די מצה איז טריף: זי איז געבאַקן אויף אידיש בלוט, אויפן בלוט פון די וועלגערקעס און רעדלער") און א. ליטוואַק דערציילט ווי אזוי דער דאָזיקער אויפרוף איז פאַרשפּרייט געוואָרן: די צעטעלעך זיינען איבערגעשריבן געוואָרן מיט „סידור־אותיות", כדי מען זאָל זיי קע־

———

14). דאָס בוך „וואָס געווען", אַרטיקל — „מיין ערשטער שריט", זייטן 54־68.

נען לייענען, ביז פאַרטאָג האָט דער אונטערשמש פון קוימענקערערישן קלייזל, בערקע מיכאַלישקער, אַ בחור וואָס שרייבט גוט כתיבה, באַוויזן איבערצושרייבן נאָר זיבן צעטלעך. מיט גרויס מי און אָנשטרענגונגען זיינען זיי פאַנאַנדערגעקלעבט געוואָרן אין שיל־הויף, אין די שילן פון די קצבים און שניידער, ביי די בעלי־עגלות א. א. וו. 15).

אַ צווייטער פאַל:

שמואל ראַבינאָוויטש האָט אין די יאָרן 86־1888 געהערט אין דער שווייץ צו אַן אקאַדעמישן קרייז, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו שאַפן ליטעראַטור וועגן אַרבעטער פראַגן אויף אידיש. ער האָט איבערזעצט דיקשטיינס באַרימטע בראָשור „פון וואָס איינער לעבט” 16), און נאָך לאַנגע און שווערע באַמיאונגען זי אָפּגעדרוקט אין לאָנדאָן אינם יאָר 1887 און אין זעלבן יאָר איר אומלעגאַל געבראַכט קיין רוסלאַנד.

אַבע לעוו דערציילט אין „עמעס” (מאָסקווע 1927), אַז די דאָזיקע בראָשור האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער גרינדונג פון דער ערשטער שטרייק־קאַסע אין ווילנע. בכלל גענומען האָבן די ברייטע שיכטן אידישע אַרבעטער זיך דערצויגן אויף דער דאָזיקער בראָשור. דאָס קליינע ביכעלע איז געווען דער ערשטער שטויס, וואָס האָט געוועקט צו קלאַסן־קאַמף. דער פאַרשטאָרבענער טימאָפעי (קאָפּעלזאָן), וועלכער איז דעמאָלט געווען טעטיק אין ווילנע, דערציילט וועגן דער דאָזיקער בראָשור, אַז ווען ער האָט פון ראַבינאָוויטשן דערהאַלטן דאָס פּעקל בראָשורן מיט רויטינקע פאָדער־בלעטלעך איז ער באַגייסטערט געוואָרן קוקנדיק דערויף: „איך האָב עס פּשוט געקושט ווי אַ הייליקייט” 17).

דאָס געדרוקטע וואָרט אין אידיש באַקומט בלוט און פלייש — עס ווערט אַ מעכטיקער פאַקטאָר אינם אידישן מאַסן־לעבן. צו דער ערשטער פּרוּוו פון דער אומבאַהאָלפענער השכלה־ליטעראַטור אין אידיש קומט צו דער צווייטער און דעצידירנדיקער עטאַפּ פאַר דער אידישער ליטעראַטור: דאָס זשאַרגאָנישע סאָציאַליסטישע געדרוקטע וואָרט אין אידיש. אין דער הייסער אַטמאָספער פון דער סאָציאַליסטישער פּראָקלאַמאַציע־ליטעראַטור ווערט דערצויגן דער אידישער מאַסן־לייענער, פיקט זיך אויס די סאָציאַלע באַשטעלונג פון אַ מאָדערנער אידישער ליטעראַטור בכלל.

3. ..וואָוקס און פונאַנדערבלי

וואָס נענטער צו אונזער צייט, אַלץ גרעסער ווערן די רייען פונם אידישן לייענער און שטאַרקער — זייער איבערקלייבערישקייט. די ווירקונג פון דער בעלעטריסטישער ליטעראַטור איז שוין אומגעהויער. נאָך דיקס קורצע דערציילונג קומט דער „ראָמאַן”. די דאָזיקע ראָמאַנען מיט זייער צוגעשפּיצטער שפּאַנונג, פול מיט אינטריגעס און פאַרפלאָנטערנישן, ווירקן אומגעהויער דערנידעריקנד אויפן גייסטיקן ניוואָ פון אידישן מאַסן־לייענער.

די אַזוי גערופענע שמ”רישע ראָמאַנען זיינען זייער צייט געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אַז עס האָט זיך געשאַפן אַ געפאַר, אַז די אידישע ליטעראַטור וועט פאַרזונקען ווערן אין דער בלאָטע פון דער „שפּאַנענדער אינטריגע”.

אינם יאָר 1887 טרעט שלום עליכם אַרויס אינם קאַמף מיט דער שמ”רישער ליטעראַטור (שמ”רס משפט) י. ה. ראַווניצקי שרייבט וועגן דעם שמ”רישן ראָמאַן (1888) ווי וועגן אַ עסק מיט שמאַטעס א. א. וו.

---

15). דאָרט, זייט 67.

16). די בראָשור איז איבערזעצט געוואָרן אונטערן פּסעוודאָנים מרדכי בן שאול. כדאי צו דערמאָנען, אַז די דאָזיקע בראָשור געהער צו די ערשטע סאָציאַליסטישע אויסגאַבן אין אידיש, (זע ז. רייזנס לקסיקאָן, באַנד 4 — שמואל ראַבינאָוויטש). די ערשטע אידישע בראָשור געהער מ. ווינטשעווסקין „יהי הור”, לאָנדאָן 1884 די צווייטע — אַן איבערזעצונג פון לאַווראָווס אַ רעדע געהאַלטן א”ג אידישן אַרבעטער פאַריין 1885.

17). זע וועגן דעם באַריכות, „אַ ביכל וואָס האָט געקאָסט צען יאָר פאַרשיקונג” אין דער בראָשור: „שמעון דיקשטיין” („יאַן מלאָט”) זיין לעבן, רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט און טראַגישער זעלבסטמאָרד פון פּראָפ. לודוויק קזשיוויצקי (איבערזעצט ה. הענעכאָוויטש), פאַרלאַג „טאַשן ביבליאָטעק”, וואַרשע פעברואַר 1932.

פאַרן לעצטן צענדליק יאָר פונם 19־טן יאָרהונדערט באַווייזט זיך אין דער אידישער ליטעראַטור אַ נייער גייסט: י. ל. פּרץ אַנטוויקלט דאַן אַ ברייט־פאַרצווייגטע ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. דער ציל פון דער דאָזיקער טעטיקייט — פּאָפּולאַריזירן נאַטורוויסנשאַפט און סאָציאָלאָגיע צווישן די אידישע פאָלקס־מאַסן.

פּרץ פאַרבינדט זיך דאַן מיט דער קאָנספּיראַטיווער אידישער אַרבעטער באַוועגונג. פּרץ, פּינסקי און האָדל קויפמאַן (מ. ספּעקטאָרס אַ שוועגערן) טרעטן צו אַרויסצוגעבן אַ זאַמלבוך „ליטעראַטור און לעבן” און שפּעטער — די באַרימטע „יום־טוב בלעטלעך”.

די „יום־טוב־בלעטלעך” האָבן דאַן אָפּגעשפּילט אַן אויסערגעוויינלעך רעוואָלוציאָניזירנדיקע ראָל. די נעמען פּרץ און פּינסקי — דערציילט אַ. ליטוואַק (די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן”) „זיינען דאַן געווען הייליק: די „יום־טוב בלעטלעך” זיינען געווען „אונזערע בלעטלעך”, צעגליאַנע 1 — אונזער גייסטיקער צענטער... פאַרשפּרייטן די בלעטלעך איז געווען אונזער שמחה” א. א. וו.

אין דער אַרבעטער באַוועגונג האָט די מאָגערע פּראָקלאַמאַציע ליטעראַטור שוין נישט באַפרידיקט די גרויסע ליטעראַטור־נאָכפראַגע. אַרום פּסח 1895 טרעט י. ל. פּרץ צו אַרויסצוגעבן דעם 2־טן יאָרגאַנג „יום־טוב בלעטלעך”. קיין געלט האָט די רעדאַקציע אָבער נישט געהאַט, ווייל די „יום־טוב־בלעטלעך” זיינען געווען אַ דעפיציט אונטערנעמונג. דוד פּינסקי קומט דאַן אין שליחות פון די „יום טוב בלעטלעך” קיין ווילנע. דער ציל פון זיין רייזע (ווילנע, מינסק, מאָהילעוו א. א. וו.) איז לויט א. ליטוואַקן — צונויפבונדן זיך מיט די דאָרטיקע אידישע סאָציאַליסטן, פאַרבעסערן די פאַרשפּרייטונג און דער עיקר — באַקומען אַביסל געלט פאַר דער אויסגאַבע.

דאָ אין ווילנע ווערט דאַן געשאַפן דער „זשאַרגאָנישער קאָמיטעט” (עקזיסטירט ביזן יאָר 1898). צו די הויפּט אָרגאַניזאַטאָרן זיינע געהערן א. ליטוואַק. פּ. אַנ־מאַן (ראָזנטאַל), א. א.

און וואָס איז באַשטאַנען די אויפגאַבע פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט? — אויך דאָ, פּונקט ווי ביי ראַבינאָוויטשן, פּונקט ווי אין פּרצעס ערשטע יום־טוב־בלטעלעך, איז דער דראַנג געווען צוגעשפּיצט צו איין זאַך, אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן פּאָפּולערע ביכער אין אידיש. היות דאָס מאָדערנע אידישע בוך האָט שוין געהאַט אַ ברייטן אָפּזאַץ, האָבן די גרינדער פון די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן” זיך שוין נישט געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו שאַפן אויך אידישע ביבליאָטעקן.

דער דור פון אייזיק מאיר דיק, לינעצקי א. א. האָבן באַשאַפן דעם אידישן פאָלקס־לייענער. אין די יאָרן 1890—1900 איז דער קאַמף געגאַנגען אויף צוויי פראָנטן: אויפן פראָנט פון געזעלשאַפטלעכער פּאָליטישער דערציאונג דורך דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור און אויפן פראָנט פון אַלגעמיינער מאָדערנער ליטעראַטור־שאַפונג פון אידיש בכלל. דאָס אידישע בוך ווערט, ווי ביי אַלע ציוויליזירטע פעלקער, אַ חשובער תושב אין דער שטוב פונם אידישן פאָלקס־מענטש. דאָס בוך, ווי רובאַקין זאָגט, איז אַזוי אַרום אויך אויף דער אידישער גאַס געוואָרן אַזאַ געצייג, אָן וועלכן קיין שום מענטש קען זיך נישט אויסלעבן.

„שריפטן”, וואַרשע, נאָוועמבער, 1938.

חיים פלאקס

תקיעת־כף

עס איז געווען א הייסער זומער־טאָג. אין ענגן און נידעריקן חדר פון אונזער מלמד רב יוסף האָט די היץ געברענט ווי אין אפריקע. טראָפּנס שווייס האָבן זיך געקייקלט איבער אונזערע פּנימער, און די מלבושים אונזערע זיינען פייכט געווען פון שוויצן.

מיר, תלמידים, האָבן געווישט דעם שווייס מיט די ארבלען, געפאָכעט איבער אונזערע פּנימער מיט די פּאָלעס און טאַשנטיכלעך, געמאַכט „מויל־פּאָנטאנען” און באַשפּריצט איינער דעם צווייטן. די אַלע סגולות האָבן אָבער קנאַפּ וואָס געהאָלפן: אײדער נאָך אונז האָט זיך איינגעגעבן אַ קליין ביסל זיך אָפּצוקילן, איז אין א מינוט אַרום אונז נאָך הייסער געוואָרן ווי פריער.

דערפאַר טאַקע האָבן מיר אומגעדולדיק געווארט אויף די מינוט, ווען דער רבי וועט אונז אָפּלאָזן אַהיים אויף מיטיק, כדי כאָטש אויף אַ שעה צייט זיך צו קאָנען אויסבאַהאַלטן ערגעץ אין אַ קיל אָרט, וואו די זון וועט אונז נישט אזוי מאַטערן.

מיט א באַזונדערער אומגעדולדיקייט אויף יענע גליקלעכע מינוט, ווען מיר וועלן זיך שוין געפינען אויף יענער זייט טיר פון חדר, האָב געווארט — איך. מיר איז פאָרגעשטאַנען נישט נאָר אויף איין שעה פּטור צו ווערן פון דעם דעמפּיקן חדר: אויף מיר האָבן געווארט גאַנצע טעג פון אָפּרו און פארגעניגן אין סאָד פון אונזער שכן נחום דעם סעדער, וואָס איז היינט אינדערפרי געקומען פון סאָד מיט אַ פור קאַרשן און מיר צוגעזאָגט היינט נאָכמיטיק מיך מיטצונעמען אויף א פּאָר טעג צו זיך אין סאָד אריין.

און כאָטש געווען בין איך נאָך דערוויל אינם שטיקנדיקן חדר, אין מיינע געדאנקען אָבער בין איך שוין איצט, ווי פאַראיאָרן זומער, געלעגן אויסגעצויגן אין סאָד אויפן גראָז אונטער ברייטצווייגיקע ביימער, וואו די לופט איז אזוי קיל, פריש און שמעקנדיק. אויף די צווייגן, איבער מיין קאָפּ, זינגען אזוינע שיינע גאָלדפארביקע פייגעלעך מיט רויטע העלזלעך, און מיר איז אַזוי לייכט, אַזוי זיס, אַזוי היימלעך. אָט לויף איך אַ באָרוועסער אָן רעקל אויף דער פייכטער לאָנקע, וואו עס פּאַשעט זיך אונזער שכנס פערד, און אַ לינד ווינטל פאָכעט מיר איבערן פּנים און רירט אַזוי ווייך אָן מיין גאַנצע הויט. דאָ ווידער באָד איך מיך אין טייכל, אויף וועלכן עס שווימען אום געלע פוכיקע קאַטשקעלעך און מאַכן אזעלכע געשיקטע „קאָזשעלקעס” אין וואסער. באַלד נאָכן באָדן לייג איך מיך אַוועק אין שאָטן פון אַ בוים. דער בלויער הימל ציט מיך צו זיך אינדערהייך אַזוי ווייט און טיף. מיר איז אזוי גוט, אזוי קיל, אַזוי גרינג און עס גלוסט זיך מיר איינצושלאָפן.

איך בין געווען אזוי איבערפולט פון גליק, וואָס האָט מיך דערוואַרט, אַז איך האָב מיך נישט געקאָנט איינהאלטן, נישט איינרוימענדיק וועגן דעם עטלעכע תלמידים, וואָס זיינען געזעסן מיט מיר אויף איין באַנק.

כ׳ווייס נישט, צי אלס נקמה, ווייל אַנדערע האָב איך מיין „סוד” יאָ פאַרטרויט און אים נישט, צי אויס קנאה, דאָס אינדערצייט, וואָס ער וועט מוזן שוויצן אין שטיקנדיקן חדר ביים לערנען, וועל איך מיר פראנק און פריי ארומשפּאַצירן אין סאָד

— גענוג איז, אַז דאָס אינגל, וואָס איז געזעסן הינטער מיר אויף דער אַנדערער באַנק און אונטערגעהאָרכט מיין סוד, האָט באַלד אויסגעשריען:

— רבי, רבי, חיימל האָט געזאָגט, ער וועט נאָכמיטיק נישט צוריקקומען אין חדר אריין, ער וועט פאָרן אין סאָד אריין.

דער רבי, וואָס האָט אָן אָפּגעצוואָגענער פון שווייס אין בלויזע וועסט־הויזן, פאַרפּעצטן טלית־קטן און אויסגעקראָכענער סאַמעטנער יארמעלקע געלערנט מיט די תלמידים אויף דער ערשטער באַנק, האָט לייכט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון „חומש”, אָפּגעמאָסטן מיך מיט אַ שאַרפן, פאַרשנדיקן בליק און בייז אַ זאָג געטון:

נו, נו, איכל שוין זעען...

און ווען עס איז ענדלעך אָנגעקומען די אזוי לאַנג אויסגעקוקטע גליקלעכע מינוט אַהיימצוגיין אויף מיטיק, און דער רבי האָט געהייסן פארמאַכן די חומשים און אויסגערופן „אויף מיטיק”!, האָט ער, ווענדנדיק זיך צו מיר מיט אַ חוזק־זינגענדיקן טאָן, צוגעגעבן:

— און דו, חיימל בלייבסט איבער...

איך האָב געפילט, ווי מיין הארץ גיט זיך פּלוצים אַ שטעל אָפּ. מיינע שלייפן האָבן אָנגעהויבן עפּעס אזוי האַסטיק צו צוקן, אַ שטיקל באַק האָט גענומען מיר שטארק בריען און זיך טרייסלען...

און ווען אַלע תלמידים זיינען שוין געווען אויף יענער זייט טיר, בין איך נאָך א צעמישטער און דערשלאָגענער געזעסן איינער אַליין אויף מיין באַנק, נישט ווויסנדיק, וואָס איך האָב צו טון. גאָרנישט האָט מיך אזוי געשראָקן און געפּייניקט, ווי דער געדאנק, טאָמער וועט נחום דערוויל אַוועקפאָרן אין סאָד אריין אָן מיר. די האָפענונג צו זיין היינט אין סאָד האָט מיך אַזוי שטארק געהאט באַהערשט, אַז איך, אַליין פאר מיר, אָפּגעזונדערט פון סאָד, בין מיר פאָרגעקומען עפּעס אזוי מטושדיק־בלאַס, אָן האפּט, אָן אויסזען...

דער רבי, וואָס איז נאָכן אַהיימגיין פון די תלמידים געהאט אריינגעגאנגען אין קיך־שטיבל, פונוואַנען עס האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון געריישטע ציבעלעס, און אָן מיר ווי געהאט פאַרגעסן, איז, צוריק אריינקומענדיק אין חדר־שטיבל, געווען עפּעס בעסער אויפגעלייגט און מיט א ווייכער, מיטפילנדיקער שטים צו מיר געזאָגט:

— נו, חיימל, איכל דיך אַהיימלאָזן, דו וועסט מיר נאָר געבן „האנט־תקיעת־כף”, אַז וועסט צוריקקומען. וואָס טויג דיר דען, נאַרעלע, אַ סאָד, — ארומצולאָבעסן, האַ?

וואָס אזוינס עס דערוואַרט מיך, אויב איך וועל געבן דעם רבין תקיעת־כף און אויף אים עובר זיין — דאָס האָב איך שוין דעמאָלסט, אַלט זייענדיק אַכט יאָר, קלאָר געוואוסט: איך פאַרליר דורכדעם מיין „עולם הבא”, און נאָך מיין טויט וועל איך שוין קיינמאָל נישט קומען אין גן־עדן אַריין, דאָרט אַהין אין יענעם גרויסן, ליכטיקן, צווייגהאפטיקן לוסטגאָרטן, וואו אויף גינגאָלדענע שטולן זיצן די צדיקים מיט קרוינען אויף זייערע קעפּ און קוויקן זיך מיט דער לויטערקייט פון דער שכינה. אויב איך וועל געבן דעם רבין תקיעת־כף און נישט צוריקקומען נאָכמיטיק, האָב איך אויף גאָרנישט מער זיך צו ריכטן, ווי בלויז געשטראָפט און געפּייניקט צו ווערן אין גיהנום, אין יענער גרויסער, טיפער און פינצטערער גרוב, וואו די רשעים ווערן נאָכן טויט אומברחמנותדיק געברענט און געבראָטן אין קאָכעדיקער סמאָלע און מוזן נאקעטערהייט רייטן אויף פייערדיקע פערדלעך, וואָס זייערע רוקנס זיינען באַשטעקט מיט שפּיציקע אָנגעגליטע שפּיזלעך. מיר האָט זיך שוין געהאט פאָרגעשטעלט, ווי איך, אַן אָפּגעבריטער אין אַ פלאַקערדיקן טייך סמאָלע, וואַרף אויס מיט מיינע הענט און פיס און מאַטער מיך צוצוקריגן זיך צום ברעג. אָט בין איך שוין האַרט ביים ברעג און הייב מיך אָן ארויסצודראַפּען פון דער ברענענדיקער סמאָלע, — און דאָ גיבן זיך פּלוצים אַ רוק אונטער עפּעס אזוינע שוואַרצע, מוראדיקע מלאכי־הבלה און גיבן מיט זייערע פיס מיך אַ האַסטיקן שטויס צוריק אין פייער אריין. שטענדיק ווער איך רק געברענט און געפּייניקט, און קיינמאָל נעמען מיינע יסורים קיין סוף נישט. נאָר וואָס אַמאָל לייד איך אַלץ מער און ערגער.

און אַז דער רבי האָט מיר אויסגעשטרעקט זיין דארע האָריקע האנט, און איך האָב אים דערלאַנגט מיינע, האָט ער אַביסל פאַרטראַכט אויסגערעדט:

— געדענק, חיימל, דו גיסט „האנט תקיעת־כף”, אַז דו וועסט צוריקקומען, טאָמער קום־כּטו חס־וחלילה, נישט צוריק, האָסטו פאַרלוירן דיין חלק לעולם הבא. מיין נישט, אַז ס׳איז אַ קלייניקייט... געדענק גוט, גיי אַהיים, עס אָפּ און קום באַלד צוריק.

און איך, היימל, האָב דוקא גאָרנישט געוואָלט געדענקען, גאָרנישט געוואָלט טראַכטן, גאָרנישט געוואָלט וויסן...

אַז נחום זאָל נאָכנישט האָבן אוועקגעפאָרן, — די איינע זאַך, דאָס נאָר, האָב איך געוואָלט.

און אַז איך בין שוין, אויפן וועג אין סאָד אריין, געזעסן אויף אונזער שכנס פור צווישן גרין גאָלדענע תבואה־פעלדער און געאָטעמט אין זיך די פרישע, זיסע ריחות פון יונגע טאָפּאָל־ביימער, פון געלן לובין, פון מיענטע און פאַרשידענע שמעקעדיקע קרייטער, פאַרנומען דאָס פרייליכע צוויטשערן פון זינג־פייגעלעך און געפילט אַ הויכן, פרייען און ליכטיקן הימל איבער מיין קאָפּ, — איז מיר עפּעס גאָרנישט אַ שאָד געווען מיין פאַרלוירן־געגאַנגענער עולם הבא, מיין נישט־טאָרן קומען קיינמאָל אין גן עדן אריין. אדרבה, וואָס מער איך האָב מיך פאַרטראַכט וועגן יענע אַלטע לאַנגבערגדיקע באַקרוינטע צדיקים אין גן־עדן, — אַלץ ליבער און שטאַרקער האָבן מיך געצויגן די גרינע שמעקנדיקע ביימער אין סאָד, דאָס קילע לינדע ווינטל אויף דער לאָנקע, דער בלויער, קלאָרער דאָרפס־הימל . . .

— — — — — — — — — —

און ביז איך וועל דאָרטן ערגעץ דארפן אָפּקומען מיין שטראָף אין גהינום, ביז איך וועל שטאַרבן, — האָט זיך מיר דעמאָלט געהאַט אויסגעדאַכט — וועט נאָך אַזוי לאַנג דויערן, אַזוי אומבאַגרייפלעך לאַנג, אַז אפשר... אַפשר וועט יענע אַזוי נעפּלהאַפטיק־ווייטע און אויסטערלישע שעה גאָר אינגאַנצן קיינמאָל נישט קומען...

מ י י ן ג ל י ק

מיין גליק האָב איך אַמאָל געזען אין חלום.

איך געפין מיך — האָט זיך מיר געחלומט — אין אַ זומער־פאַרנאַכט אויף אַ פאַרוואָרפענער קעמפּע ביים ווייסל־שטרייך. דער הימל אין מערב גליט אין רויטע און אָראַנזש־גאָלדענע פלאַמען. די בלוילעך־זילבערנע וואַסער־פלאַך פון דער ווייסל, קוים זיך וויגנדיק, שלאָגט אָפּ מיט אַ בלאַס־ראָזער ליכטיקייט. דער וואַלד, נעבן טייך, טוקט זיך אין אַ דינעם פיאָלעט־נעפּל, און איבער זיינע קרוינען שווימען אום צאַרטע גאָלדפּוכיקע וואָלקנדלעך.

ארום איז שטיל. עס שמעקט מיט גראָזן און קרייטער. אַ ווינטל גלעט איבער מיין פּנים.

און אַלס איך האָב דאַן מיט שטומער בענקשאַפט אָנגעווענדעט מיינע בליקן צום הימל, האָט עס זיך באַוויזן — מיין גליק.

הויך איבער מיין קאָפּ האָט עס געשוועבט אין געשטאַלט פון אַ ווייס גאָלדלאָקיק מלאַכל מיט אַ פּאָר פאַרחלומטע, זיסע מיידלשע אייגעלעך.

עס האָט זיך געטראָגן צווישן הימל און ערד לאַנגזאַם, פאַרזיכטיק ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע גן־עדן־טויב.

ענדלעך, מיך באַמערקנדיק, האָט עס אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן זיך אין דער נידער, שיקנדיק צו מיר אַ שמייכל פול מיט טרייסט און ליבשאַפט, אַזעלכן, וואָס נאָר עמעצנס גליק אַליין קאָן אים שיקן.

איך האָב ברייט פאַנאַנדערגעשפּרייט מיינע אָרעמס און מיט הארצקלאַפּעניש פון פרייד און האָפענונג האָב איך דערוואַרט אומצוהאַלזן און קושן דאָס, וואָס עס איז געווען דער אייביקער טרוים פון מיין נשמה, דער אומאויפהערלעכער באַגער פון מיין זיין.

נאָר אינדעם, ווי געשטויסן פּלוצים דורך עפּעס אַ פאַרשאָלטענער בייזער קראַפט, האָט מיין גליק ראש גענומען אַראָפּפאַלן אויף אַ שאַרפן קיזעלשטיין — — — —

איך האָב געוואָלט שרייען, נאָר ווער האָט מיר אויסגעריסן מיין קעל?... איך האָב געוואָלט וויינען, נאָר ווער האָט מיין טרערן־קוואַל אויסגעטריקנט?...

מיין גליק איז געווען צעשמעטערט און טויט!

אַ ק ע ל ב ל

דאָס קעלבל — אַזוי ווי איך וואָלט עס נאָך איצט געזען פאַר די אויגן: אַ ווייס־רויט ביציקל מיט טינט־שוואַרצע שפּרענקעלעך אַרום מאָרדעלע, אַ קליין געקרייזט גזשיוועלע אויפן שטערן, און אונטערן בויך אַ נאָכנישט פאַרטריקנט, עפּעס אומגעלומפּערט זיך נאָכבאָמבלענדיק שמוציק ראָז נאָפּל־שנירל.

אַן איינגעהויקערטס, ציטערנדיק אינגאַנצן, איז עס אין אַ טריבן הארבסט־טאָג געשטאַנען אין אַ ווינקל אויפן הויף פון שעכטהויז און זיך ליכט צוגעוויגט אויף די דינע וואַקלדיקע פיסלעך.

ווען נישט ווען פלעגט עס שטאַרק אויסביגן דעם האַלז און קעפּל צו דער הינטערשטער רעכטער טייל קערפּער, אַרויסגעבלעקט אַ פּיצל צינגל און דערנאָך שוואַך, ווי פאַרשלאָפן, זיך אַ לעק געטון ביי דער זייט.

טיילמאָל ווידער האָט עס אויפגעצויגן די נאָז און מאָרדעלע אין אַ זויער־ברוגזלעכער מינע, געשאָקלט אַביסל מיטן קעפּל אויף רעכטס און לינקס און אַדורכגעזיגן דורך די ליפּן אַ לאַנגן, צעצויגענעם „פּ־פּ־פּ־פּו".

אַז אַ קצב איז דערצו צוגעגאַנגען און געעפנט אים דאָס פּיסקל, — געוואויר צו ווערן, מן־הסתם, אויב עס האָט שוין אַלע אכט פאָדערשטע ציין, מען זאָל עס מעגן שעכטן „אויף כשר" — האָט עס שנעל אַריינגעכאַפּט אין פּיסקל דעם קצבס אַ פינגער און גיריק אים גענומען זויגן. נישט דערפילט קיין מילך אין פינגער, האָט עס אַרויסגעבלעקט אַ שפּיץ צינגל, אומרואיק אויסגעוואָרפן מיטן עקל און פעסט אַ טריק געטון מיטן שטערן דעם קצב אין אַ פוס אריין, גלייך ווי עס וואָלט געווען אָנגעקלאַפּט דאָס אייטער ביי אַ קו, זי זאָל נעמען צולאָזן די מילך. געגלויבט, ווייזט אויס, אַז דאָס דאָזיקע מילך־אַרויסרופנדיקע קעלבערנע מיטל האָט געהאַט זיין פּעולה, און אין דעם כלומרשטן „ציצל", אין פינגער, איז שוין דאָ מילך, האָט דאָס קעלבל — אומגעדולדיק זיך צואיילנדיק צוריקצוכאַפּן דעם בשעתן אָנטריקן ערגעץ־וואוהין אוועקגעקומענעם פינגער — עקשנותדיק גענומען צושטיין מיטן פּיסקל צום קצבס רעקל און פון אַלע זייטן דאָס אונטערצוזוכן.

נאָר ווען אנשטאָט צוריקצוגעפינען דעם פינגער, האָט עס געקריגן פון קצב אַ זעץ מיט דער האַנט אין זיסקל אריין, איז עס, אַרויסבלעקנדיק אַלע ווייל דאָס צינגל און עס צוריק אריינעמענדיק געבליבן שטיין אויף זיין אָרט איינגעשטילט און געלאַסן, גלייך ווי דער גאַנצער חשק נאָך דער מילך וואָלט מיטאַמאָל דערפון געווען אָפּגעגאַנגען.

אַן אָפּגענאַרטס און אומבאַהאָלפנס, עפּעס ווי אַליין נישט וויסנדיק וואָס עס האָט צו טון, האָט עס פויל איינגעצויגן די הינטערשטע פיסלעך אונטערן בויך און האַלב צוגעמאַכט די אויגן. דאָס שטייענדיקע האָר אויף זיין קערפּער האָט זיך איצט נאָך מער אויפגעשטעלט. דער ברייטער שטערן איז ביי אים עפּעס ווי נאָך ברייטער געוואָרן און האָט אויסגעזען ווי אָנגעלאָפן, די פעל אויף זיינע באַקן האָט זיך געפּאַלבט אין שאַרפע, אַרויסשטאַרנדיקע „טרעפּן".

מיט אַ שטומען אומעט אין די מאַט־בלוילעכע אויגן האָט עס איצט געקוקט פאַר זיך קאַלט און גלייכגילטיק, גלייך ווי עס וואָלט עס שוין גאָרנישט געווען אָנגעגאַנגען, גלייך ווי קיין שום זאַך וואָלט נישט בכוח געווען עס אויפצומינטערן.

פּלוצלינג אָבער, ווי איבערגעוועקט פון אַן אומהיימלעכן, פאַרדריסלעכן חלום, האָט עס ברייט פאַנאַנדערגעעפנט די אויגן, שנעל זיך אויסגעגלייכט אויף די פיסלעך, הויך פאַריסן דאָס קעפּל פאָרויס און מיט אויפגעשפּיצטע אויערן זיך אומבאַוועגלעך גענומען אין עפּעס איינהאָרכן. באַלד האָט זיך געעפנט דאָס טויער פון הויף פון שעכטהויז און עס האָט זיך באַוויזן אַ שוואַרצע קו, געפירט אויף אַ שטריק דורך אַ יונג. אין דער אייגענער רגע האָט דאָס קעלבל כמעט אין איין אָטעם אָנגעהויבן דומפּיק און אָפּגעהאַקט צו מעקען, און מיט קוים איינגעבויגענע פאָדערשטע קניעלעך און צעקראַטשעטע אַביסל הינטערשטע פיסלעך, לייכט אונטערשפּרינגענדיק, איז עס דער קו גיך אַנטקעגן געלאָפן.

צוגעקומען צו דער קו, האָט עס מיט אַ שטייף אָנגעשטעלטן האַלז און אין דער הייך פאַרמאָסטן פּיסקל פאַרביסן, ווי אַ פּיאַווקע, זיך גענומען איינזויגן אין דער קוס אייטער.

געצויגן מיטן שטריק דורכן יונג, גענייט אַזוירנאָך צו שפּרייזן פאָרויס, האָט די קו טיילמאָל אַ טראָט געטון דעם קעלבל אויף אַ פאָדערשטן פיסל. נאָר דאָס קעלבל, ווי פאַרשיכורט פון דער גרויסער פרייד צו פילן אין פּיסקל אַ קיאיש ציצל, האָט זיך איצט געדאַכט צו זיין אינגאַנצן אומפילבאַר אויף דעם אָנטרעטן פון דער קו: ווי צוגעוואַקסן מיטן פּיסקל צום אייטער, האָט עס אויפן גאַנצן הויף טריט ביי טריט הינטערווייִלעכטס זיך געשאַרט אויף די פיסלעך, איינמאָל נישט אָפּצולאָזן דאָס ציצל.

פאַר דער טיר פון שעכטהויז, ווען די קו האָט מיט שטאַר־גלאָצנדיקע ווייסלען און מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ זיך אָפּגעזאָגט צו גיין ווייטער, האָט דאָס קעלבל, ווי שרעקנדיק זיך צו פאַרלירן די אונטערגעקומענע איצט צוליבן אָפּשטעלן זיך פון דער קו גינציקע און באַקוועמע געלעגנהייט צום זויגן — ראש און פיבערהאַפטיק גענומען זופּן איינס נאָכן אַנדערן דער קוס אַלע פיר ציצלעך, אַז פון דער מילך ביי אים אין פּיסקל האָט אַזש געשלאָגן אַ שוים.

KOMITET ŻYDOW... PŁOCK

ווען דער קצב, וואָס איז מיט אַן איינגעלייג־טן שטריק אין דער האנט ארויסגעקומען פון שעכטהויז צו העלפן דעם יונג אַריינטרייבן די קו, האָט געפּרואווט מיט די הענט אַוועקצורייסן דאָס קעלבל פונם אייטער, איז עס, וויפל מאָל ער האָט עס נישט אָפּגעשטופּט, באַלד ווידער צוריק אונ־טערגעלאָפן און אויפסניי אָנגעהויבן זויגן. ערשט, אַז דער קצב האָט אים געגעבן עטלעכע שטויסן מיטן פוס אין בויך אריין, דעמאָלט, אַוועקפאַלנדיק אַן א זייט, האָט עס אָפּגעלאָזט דאָס ציצל.

נאָכן אַריינטרייבן די קו אין שעכטהויז, האָט אַ קיילער יונג באַלד אַהין אַריינגעטראָגן דאָס קעלבל, אַנידערגעלייגט עס אויף דער ערד און עס געבונדן. איצט, אַ געבונדנס, האָט עס אויסגע־שטרעקט דאָס קעפּל האַרט צו דער פּאָדלאָגע און, שטיל אונטערקרעכצנדיק, שווער און לאַנגזאַם גע־נומען כאַפּן מיט די דערשוויצטע, זיך רויכערדי־קע נאָזלעכער. זיינע ווייט־אַרויסגעזעצטע, מיט ראָז־בראָנזענע אָדרעלעך פאַרצויגענע אויגנווייס־לען האָבן ערגעץ־וואוהין געבליקט פאַרצאָגט און צעמישט און געשיינט שטומערהייט עפּעס ווי צו בעטן.

אַז דער קיילעריונג האָט מיט אַ מעסער אים איבערגעשניטן די קעל, און פון דער אָפּענער וואונד האָט זיך אַ גאָס געטון דאָס בלוט ווי פון אַ שפּריץ, האָט דאָס קעלבל, אַרויסגעבנדיק פון זיך א מין כראָפּנדיקן שנאָרך, פאַרצווייפלט גענו־מען צאַפּלען מיטן קערפּער, ווערלאָז אויסוואַרפן מיט די צונויפגעבונדענע פיסלעך און קראַמפּהאַפּ־טיק פּאַטשן מיטן עקל. זיין האַלבראָנדיק־אַרויס־שטאַרנדיקער בויך איז געוואַקסן, ווי זיך אָנבלאָ־זנדיק, און די מאַטע, עפּעס ווי מיט אַ פּאַרע פּאַר־לאָפענע אויגן האָבן זיך פאַרגליווערטע אָפּגעש־טעלט אין זייערע אויגנלעכער.

אָבער שוין נאָכן אויפהערן פון די לעצטע גסיסה־ציטערונגען, ווען דאָס קעלבל איז געבליבן ליגן שטיל און באַוועגלאָז, נישט אַרויסווייזנדיק מער קיין שום סימן פון לעבן, — האָט עס נאָך אַלץ איינגעשפּאַרט געהאַלטן אָנגעשטעלט דאָס אַרויסגעבלעקטע פּיצל צינגל פּונקט אזוי אייגן ווי ביים זויגן די קו, גלייך ווי איצט נאָך וואָלט עס נישט אויפגעהערט צו טשמאָקען עפּעס אַן אוּמגעזעגן ציצל, נישט געקאָנט זיך דערמיט שיידן, נישט געוואָלט עס אָפּגעבן...

פון ח. פלאקס בוך „מיט זיך”, דערשינען אין פארלאג „ווילנער טאָג”, 1928.

אַ אידישע יאַטקע אין פּלאָצק

י. גאָלדע

די סך־הכּלען פון דער איבערוואַנדערונג־אַרבעט אין קרים

אין די זיבן יאָר, וואָס די איבערוואַנדערונגס־אַרבעט פירט זיך אין קרים, זיינען דערגרייכט גע־וואָרן גרויסע ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע רע־זולטאַטן, וועלכע האָבן פּראַקטיש באַשטעטיקט, ווי ריכטיק עס איז די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער ראַטנמאַכט און די מאָסמיטלען, וואָס זיינען גע־ווענדעט צום אַריינציען די אידישע אָרעמשאַפט אין דער לאַנדווירטשאַפט־סאָציאַליסטישער אַר־בעט.

צום ערשטן יאַנואַר 1932 איז אין די קרימער פּאָנדן געווען 4286 איבערוואַנדערונג פאַמיליעס. עס זיינען אויסגעבויט געוואָרן 97 נייע ישובים מיט 2900 הייזער און ביז 200 קאָלעקטיווע ווירט־שאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע געביידעס: 16 קעזקאָכעריען, 28 פערד־שטאַלן און קי־שטאַלן, 8 מאַשין־שייער, 94 מילאָסן, 8 בעדער, 6 מעדפּונק־טן און אמבולאַטאָריעס א. א. וו.

אינם 1931־טן יאָר האָט מען נאָך צוגעבויט 135 הייזער פיר־דירותדיקע און 78 הייזער צו צוויי־דירות, סך־הכּל 696 דירות.

עס זיינען אויך אויפגעריכט געוואָרן 70 שאַכ־טע ברונעמס און 93 אַרטיזאַנישע ברונעמס. אין אייניקע ישובים זיינען ביי די ברונעמס איינגעש־טעלט געוואָרן מאָטאָרן, וואָס דערלאַנגען וואַסער מעכאַניש.

צום סוף 1931־טן יאָר האָבן די איבערוואַנדע־רער פאַרמאָגט 2825 פערד און 5091 קי, פון זיי זיינען 2253 קי געווען פאַרגעזעלשאַפטלעכט.

אַדאַנק דעם, וואָס אינעם פריידאָרפער און אַנ־דערע ראַיאָנען זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן מאַשין־טראַקטערנע סטאַנציעס, האָט זיך אינעם 1931־טן יאָר שטאַרק פאַרגרעסערט די צאָל פאַרשיידענע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס צום זייען, שניידן, דרעשען און אנד. די צאָל טראַקטערס, וואָס דער קאָמערד האָט אריינגעפירט אין קרים און וואָס אַר־בעטן איצט אין די איבערוואַנדערשע ערד־חלקים, האָט צום אָנהויב 1932־טן יאָר דערגרייכט ביז 682 מיט אַן אַלגעמיינער מעכטיקייט פון העכער צען טויזנט פערד־קראַפט. חוץ דעם האָט אויך טראַקטער־צענטער איינגעפירט א סך טראַקטערס.

ריכטיק אויסנוצן די דאָזיקע מאַשינעס קאָן מען נאָר, ווען די ווירטשאַפט ווערט געפירט קאָלעקטיוו.

די איבערוואַנדערער האָבן זיך אויף זייער איי־גענער דערפאַרונג איבערצייגט אין די מעלות פון קאָלעקטיווער ווירטשאַפט אין פאַרגלייך פון דער אינדיווידועלער. צום ערשטן אָקטאָבער 1930 איז אין די קאָלווירטן געווען פאַרייניקט ביי 65 פּראָ־צענט פון אַלע אידישע איבערוואַנדערשע ווירט־שאַפטן אין קרים. און צום ערשטן יאַנואַר 1932 — 99 פּראָצענט פון אַלע ווירטשאַפטן. אינגאַנצן איז געווען 100 קאָלווירטן פון זיי 4 קאָמונעס און די איבעריקע אַרטעלן.

דער פאַרזיי־שטח ווערט אויף די קרימער איבערוואַנדערשע פאָנדן וואָס אַ יאָר גרעסער. אין 1925—26 איז פאַרזייט געוואָרן 1730 העקטאַר, אין 1926—27 — 23.856 העקטאַר; אין יאָרן

1927—28 — 36.926 העקטאר, אין 1928—29 איז פארזייט געוואָרן ווינטער־תבואה און זומער־תבואה אויף אַ שטח פון 43.435 און אין 1929-30 איז פארזייט געוואָרן סך־הכּל 64.431 העקטאַר, פון דעם: הארבסט ווייץ: 28.076 העקטאר, פרייקע תבואה־קולטורן (גערשטן און האָבער) — 29.538 העקטאר און שפּעטיקע דורכאקער־קולטורן (קוקורוזע, בוימוואָל און אַנדערע) — 6767 העקטאר.

אינם 1930־טן יאָר איז דער פארזיי־שטח דערפירט געוואָרן ביז הונדערט טויזנט העקטאַר. פון זיי האָבן זומער־תבואה און דורכאקער־קולטורן פאַרנומען 40 הא.

אין הארבסט 1931 איז פארזייט געוואָרן 49.875 הא. פון דעם איז א טייל געווען אויסגערעכנט פאַר די איבערוואנדערער, וואָס דארפן אָנקומען אין 1932־טן יאָר. פאַר זומער־תבואה איז געווען אָנגעמערקט אַ שטח פון 40 טויזנט הא.

גלייכצייטיק מיט די פּאָזיטיווע רעזולטאטן פון דער איבערוואנדערונג־ארבעט אין קרים דאַרף מען אָבער אָנווייזן אויך אויף די שלעכטע זייטן פון דער ארבעט און אין דער ערשטער ריי — אויף דעם באַדייטנדיקן אָפּפלוס פון איבערוואנדערער, וואָס דערגייט ביז 30 פּראָצענט.

אַלס גרונט־סבות פון אזא אָפּפלוס אין 1931־טן יאָר מוז מען אַנערקענען די נישט גענוגנדיקע צוגעגרייטקייט פונם קאָמערד און פון די אָרטיקע אָרגאנען פון פּאָלקאָמערד אין קאָלווירטצענטער צו אויפנעמען די נייע איבערוואנדערער, די איבערייסן אין דער באַזאָרגונג, די נישט־צופרידנשטעלנדיקע וואוינונג־באַדינגונגען אין די ערשטע חדשים ווי אויך די פעלער ביים אָפּקלייבן די איבערוואַנדערער. צו די סבות פונם פאַרשטאַרקטן אָפּפלוס דאַרף מען צורעכענען: דעם נישט גענוג פריינטלעכן אויפנעם אין אייניקע קאָלווירטן, די נישט גענוג אָנפירונג און קאָנטראָל מצד דעם צענטראַלן קאָמערד אינם צוגרייטן דעם אויפנעם פון די איבערוואנדערער, די נישט באַפרידיקנדיקע ארבעט פון די רייקאָלווירט - פאַרבאנדן און פון די אָקאָרשט אָרגאניזירטע מ. ט. ס. וועלכע האָבן זיך נישט באַטייליקט סיסטעמאטיש אין אָרגאנירן ריכטיק די קאָלעקטיווע אַרבעט; די נישט גענוגנדע אויפקלער־ארבעט צווישן די איבערוואנדערער און גלייכצייטיק די בייזוויליקע אַגיטאציע, און די אונטערגראָבערישע ארבעט פון די בעלי־גופים, נעפּלייט און זייערע אַגענטן, וואָס האָבן זיך אריינגעשמוגלט אין א טייל קאָלווירטן.

די פראגע וועגן צושטאנד פון די איבערוואנדערער אין קרים, איז באַהאנדלט געוואָרן אין די קרימער און צענטראלע אָנפירנדיקע אָרגאנען, און אויפן סמך פון זייערע באַשלוסן, האָבן די סאָוועטישע און קאָאָפּעראטיווע אָרגאניזאציעס אָנגענומען א ריי קאָנקרעטע מיטלען אויף אויסצובעסערן די לעבנס־באַדינגונגען פון די אידישע איבערוואַנדערער.

בפרט ווערט פארבעסערט די באַזאָרגונג פון די איבערוואנדערער מיט דערנערונג־פּראָדוקטן און אינדוסטריעלע סחורות, עס ווערן אָרגאניזירט צוגאַב־קוואלן און הכנסה, ווי אונטערנעמונגען פון געווערב־אָפּעראציעס, עס ווערט פארגרעסערט די צאָל שולן, קינדער־גערטנער א. א. וו.

די ריכטונג פון דער לאַנדווירטשאַפט

די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראַקטיק אין קרים און די וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונגען האָבן באַוויזן, אַז די פאָרמען און די ריכטונג פון דער לאַנדווירטשאַפט ביי די קרימער ערדארבעטער אַנטשפּרעכן נישט די נאַטור־באַדינגונגען און שטערן אויסנוצן אַלע פאַראַנענע מעגלעכקייטן פון באַ זאָרגן מיט רויוואַרג די סאָציאַליסטישע אינדוסטריע.

ביז דער לעצטער צייט איז אין די סטעפּ־ראיאָנען פון קרים געפירט געוואָרן אויסשליסלעך אַ תבואה ווירטשאַפט און דערביי — מיט אָפּגעשטאַנענע אופנים פון באַארבעטן די פעלדער. דאָס איז געווען די הויפּט סיבה פון דעם, וואָס אין די טריקעניש־יאָרן פלעג די לאַנדווירטשאַפט אין קרים שטאַרק ליידן פון נישט גערעטעניש.

כּדי די איבערוואנדערשע קאָלעקטיווע ווירטשאַפט זאָל געבן מער הכנסה און ווערן מער שטאַנדהאַפטיק קעגן דער טריקעניש דאַרף מען:

1) **מער זאָרגזאם באַארבעטן די פעלדער, שטרענג האַלטן זיך ביי די אָנווייזונגען פון די אַגראָנאָמען;**

2) **איינפירן א חוץ די תבואה־קולטורן אויך טעכנישע געוויקסן, ווי בוימוואָל, ריצינייל־קולטור** און אנד. פּיטער־קולטורן, ווי סאָרגא, קירבעסן און פאַרשיידענע גראָזן. א חוץ דעם דאַרף מען קולטיווירן גאָרטן־קולטורן און פאַרלייגן ווייַנגערטנער פלאַנצונגען;

3) **איינאָרדנען אין דער ווירטשאַפט די פּיצוכט־מילך־ווירטשאַפט, עופות־צוכט, חזירים־צוכט.**

אין קרים, ווי איבערהויפּט אין די באַדינגונגען פון טרוקענע ראיאָנען, איז די ריכטיקע באַארבעטונג פון ערד די ערשטע באַדינונג פונם דערפאָלגרייכן שוץ קעגן טריקעניש און קאמף פאַר דער הויכער גערעטעניש.

די אויפגאַבע פון דער ראַציאָנעלער באַארבעטונג פון די פעלדער אין קרים באַשטייט אין דעם, אַז מען זאָל 1) בעסער אויסנוצן דעם שניי און דעם רעגן, וואָס פאַלט ארויס אין ווינטער, מיט דער הילף פון פריראקער (זיאב) און מאקסימאַל אויסנוצן די פייכטקייט פון דער ערד דורך פריצייטיקן אַקערן און פאַרזייען, 2) מעגלעכסט מער אויסנוצן די פייכטקייט פון דער ערד דורך פאַרניכטן די ווילדע גראָז, וואָס נעמען אוועק די פייכטקייט ביי די קולטור געוויקסן און דורך באַראָנעווען די ערד, און 3) צופּאסן די געוויקסן גופא צו די קלימאַטישע באַדינגונגען פונם ראיאָן דורך אויסוויילן אַזעלכע געוויקסן, וואָס פאָדערן ווייניק פייכטקייט.

ווען מען שאַפט אזא קאָלעקטיווע ווירטשאַפט פון א געמישטן טיפּ און מען שטעלט איין א ריכטיקן פארזיי־קרייז אין הסכם מיט די אָרטיקע נאַטור באַדינגונגען און מען אָרגאניזירט ריכטיק די אַרבעט אין קאָלווירט — קאָן מען זיין זיכער, אז **די איבערוואנדערער וועלן ווערן פארסטראכירט פון די הארבע וואקלונגען אין דער גערעטעניש און וועלן זיך גיך פאַרפעסטיקן אויף זייערע ערד־חלקים.**

דער קאָמערד, דער קרימער פּאָלקאָמערד און אַנדערע אָרגאנען האָבן שוין אָנגענומען מיטלען, אז אויף די איבערוואנדערשע פאָנדן זאָלן געבויט ווערן טאקע אזוינע שטאַנדהאַפּטיקע, מער רענטאַבעלע ווירטשאַפטן פון געמישטן טיפּ.

די ערשטע שריט אין דער ריכטונג זיינען שוין געמאַכט געוואָרן.

אינם פאַרגאַנגענעם 1931־טן יאָר האָט מען אויסגעבויט אין די איבערוואנדערשע קאָלווירטן 57 סילאָס־טורעמס פאַר 150 טאָן איסועצע; אזוי אז די איבערוואנדערשע ישובים פארמאָגן שוין צום אָנהויב פון 1932 — 94 סילאָס־טורעמס. פאַר דעם לעצטן יאָר זיינען צוגעקומען 20 נייע קאָלווירטישע שטאַלן פאַר פי אויף 2.000 שטיק. עס זיינען אָרגאניזירט געוואָרן 11 גרויסע מילך־סחורהדיקע פערמעס.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אנטוויקלען די קאָלווירטישע הינער־צוכט: אין 1931־טן יאָר האָט מען אין די אידישע קאָלווירטן איינגעאָרדנט פיר אינקובאַטאָרנע סטאנציעס מיט 43 טויזנט אייער־נעסטן און אויסגעבויט א סך הינער־הויפן און קאָלאָניאלניקעס פאַרן געפליגל־יונגוואַרג. דער צוּוואוקס פון געפליגל פאַר פאַרגאַנגענעם יאָר האָט באַטראָפן 20 טויזנט שטיק (הויפּטזעכלעך פון דעם סאָרט לעגארן).

ס'האָט זיך אויך פארגרעסערט די צאָל חזירים אין די איבערוואנדערשע קאָלווירטן (העכער טויזנט שטיק); סחורהשע פערמערס פאַר חזירים־צוכט זיינען פאראַן אין די קאָמונעס „אָקטיאבער" און „וואָיא־נאָוואַ", שאָף, הויפּטזעכלעך פיינוואָליקע (סאָרט „ציגיי") האַלט מען אין צפון טייל פון דזשאנקאָיער און פריידאָרפער ראיאָנען און אין אייניקע אַנדערע פּונקטן. סך־הכּל פאַרמאָגן די אידישע קאָלווירטן 13.600 שטיק שעפּסן.

באַדייטנדיקע דערפאָלגן האָבן די אידישע קאָלווירטן דערגרייכט אויך אין געביט פון רעאָרגאנירן די פעלדווירטשאַפט.

דער ערשטער פאָרבאַדינג צו אנטוויקלען נאָרמאַלע קאָלווירטישע פיצוכט באַשטייט אין שאַפן פאַרן קאָלווירט א פעסטע פיטער־באַזע.

אין די באַדינגונגען פון קרימער סטעפּ, ווי די זומער־תבואות (גערשטן און האָבער) פלעגט געבן נישטיקע גערעטענישן, האָט א באַזונדערע באַדייטונג דאָס שאַפן פוראזש־פאָנדן אין דער פאָרם פון קאָנצענטרירן פיטער, סילאָס און טיילווייז גראָבע פּאַשע פון די דורכאקער־קולטורן — קוקורוזע, סאָרגאָ.

פאראיאָרן האָט דער קאָמערד צום ערשטן מאָל אריינגעפירט קיין קרים ריינסאָרטיקע זריעה סאָרגאָ. דאָס דאָזיקע געוויקס, וואָס איז באַוואוסט מיט איר שטאנדהאפטיקייט קעגן טריקענישן, האָט מען פאַרזייט אין די איבערוואנדערשע קאָלווירטן אויף

אַ שטח פון 4.100 האַ. די גערעטעניש האָט זיך באַקומען זייער אַ רייכע — די שטעקלעך האָבן דערגרייכט ביז דריי מעטער די הויך, נאָר, איבערן שלעכטן אָרגאַניזירן די אַרבעט אין אַ ריי קאָלווירטן און טיילווייז איבערן דוחק אין אַרבעט קראַפט איז אַ גרויסער טייל סאָרגאָ געבליבן נישט באַאַרבעט, וואָס האָט געבראַכט צו פאַרקלענערונג פון דער גערעטעניש; אַ טייל סאָרגאָ האָט מען אָראָפּגענומען פונם פעלד נישט צו דער צייט.

פאַראַיאָרן האָט מען אין די אידישע קאָלווירטן געמאַכט פּרוּוון צו פאַרזייען דורכאַקער-קולטורן אויף אַ „שאַכמאַט" - אופן און באַאַרבעטן זיי גראָד אין דער ברייט מיט דער הילף פון טראַקטערס-פאָרמאָלן. די פּרוּוון האָבן באַוויזן, אַז עס איז מעגלעך פולקאָם צו מעכאַניזירן די פּראָצעסן פון פאַרזייען און באַאַרבעטן דורכאַקער-קולטורן פאַר פיטער און דערמיט צו פאַרקלענערן ביז מינימום די נייטיקע -צאָל האַנט-אַרבעט.

די ערשטע שריט אין דער ריכטונג זיינען שוין געמאַכט געוואָרן.

אין אַ סך קאָלווירטן זיינען איינגעפירט געוואָרן נייע קולטורן אַ חוץ די תבואה-קולטורן.

אויף אַ שטח פון 500 העקטאַר איז אין האַרבסט 1930-טן יאָר אין פאַרשיידענע ישובים צוגעגרייט געוואָרן די ערד פאַר וויינגערטנער. עס זיינען שוין פאַרפלאַנצט געוואָרן וויין-שטעקער אויף אַ שטח פון 315 העקטאַר. איינציקע ישובים (רייזנדאָרף, ערשטמייסק און אַנד) האָבן שוין פּרוכטגעבנדיקע וויינגערטנער, די קאָלעקטיווע פאָרם פון אַרבעט אין די נייע וויינגערטנער האָבן געעפנט אַזוינע מעגלעכקייטן צו מעכאַניזירן די אַרבעט-פּראָצעסן, וואָס זיינען פאַר די קליינער איינצלוויינגערטנער געווען לחלוטין נישט צוטריטלעך. דאָס טיפאַקערן (פּערעוואַל) אין די אידישע קאָלווירטן ווערט אויסגעפירט מיט דער הילף פון טיפאַקער „גיאַ" און אַ בלאַק, וואָס פאַרגיכערן די אַרבעט און פאַרקלענערן דעם קערנקאָסט פונם טיפאַקער אויף גאַנצע 80 פּראָצענט. די מעכאַניזירטע באַאַרבעטונג פון וויינגאָרטן — שיטערן, איבערגראָבן, באַשפּריצן, א. א. וו. פאַרביליקט אויך אין עטלעכע מאָל די האַנט-באַאַרבעטונג, וועלכע מ'האָט פריער געהאַט פּראַקטיקירט אין די קליינע וויינגערטנער אין דרום-קרים.

חוץ דעם איז פאַראַיאָרן אין אַ ריי קאָלווירטן איינגעפירט געוואָרן דער פאַרזיי פון טעכנישע קולטורן. באַזונדערס וויכטיק איז דער פאַרזיי פון בוימוואָל.

אונטער דער אָנפירונג פונם הויפּטבוימוואָלקאָם איז אין פאַרשיידענע אידישע ישובים פאַרזייט געוואָרן אין 1930 — 369 האַ. און אין 1931 — 1500 העקטאַר בוימוואָל. הײַ-יאָר ווערט פּראָיעקטירט צו פאַרזייען בוימוואָל אין אידישע קאָלווירטן אויף אַ שטח פון 5.000 העקטאַר. דער סטעפּקרים ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ראַיאָן פון טרוקענעם בוימוואָל-צוכט (וואָס פאָדערט נישט קיין באַגיסונג), און די איבערוואַנדערער ווירטשאַפטן וועלן דאַרפן נעמען אין דעם אַ גרויסן אָנטייל.

אַ חוץ דעם זיינען אין האַרבסט 1930-טן יאָר איינגעאָרדנט געוואָרן אין פאַרשיידענע ישובים באַגוס-גערטנער סך-הכל אויף 428 האַ. אינם 1931-טן יאָר זיינען אויף די דאָזיקע ערדן לויטן קאָמערצם פּלאַן געשאַפן געוואָרן אין 19 פּונקטן באַגים-גערטנער אויף 339 האַ. און טרוק-גערטנער אויף 30 האַ.

צווישן די ערדן, וואָס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן דעם קאָמערד אין 1930, זיינען פאַראַן אין יעווּפּאַטאָריער ראַיאָן (נעבן דער קאָמונע „וואָיאַ נאָוואַ") און אין דזשאַנקאָיער ראַיאָן (נעבן דעם גאָרטן-אַרטעל „סוועדרלאָוו") גרויסע ערד-פּלעצער צו 1000 העקטאַר, וואָס טויגן פאַר באַגוס-גערטנער. אין די דאָזיקע פּונקטן זיינען געגרינדעט געוואָרן ספּעציעלע גאָרטן-ישובים, פאַר עטלעכע הונדערט פאַמיליעס אין איטלעכן ישוב.

נעבן די דאָזיקע ערטער ווערן געבויט קאָנסערוון פאַבריקן, וואָס וועלן איבעראַרבעטן דאָס גרינס פון די פאַרקאָנטראַקטירטע ווירטשאַפטן.

עס שטייט נאָך פאַר, אין הסכם מיט די אָנווייזונגען פון דער פּאַרטיי, ברייט פונאַנדערצוּוויקלען דאָס לאַכדים-האַנדל פון די קאָלווירטן, נאָכדעם ווי זיי האָבן אויסגעפילט זייערע התחייבותן פאַר דער מלוכה. ביז איצט האָבן דערווייל די אידישע קאָלווירטן נאָך נישט אָרגאַניזירט אָט דעם קאָלעקטיוון פאַרקויף פון זייערע פּראָדוקטן.

כדי אויסצולערנען די איבערוואַנדערער ווי צו פירן דעם גאָרטן און ווי מען דאַרף אַרומגיין אַרום די טעכנישע קולטורן — אַרום דעם וויינגאָרטן

און אַרום די פּרוכט-ביימער, זיינען אין טשעבאָטאַרקע (יעווּפּאַטאָריער ראַיאָן) איינגעאָרדנט געוואָרן איינויאָריקע קורסן פאַר די איבערוואַנדערער. אין 1931 האָט מען די קורסן פאַרוואַנדלט אין אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן טעכניקום. חוץ דעם ווערן אין קרים איינגעאָרדנט יעדן יאָר טראַקטער-קורסן פאַר די איבערוואַנדערער.

אין 1931-טן יאָר זיינען געעפנט געוואָרן קורסן אויף צוצוגרייטן פון די איבערוואַנדערער נייע 900 טראַקטאָריסטן, קורסן אויף צוצוגרייטן 100 אָרגאַניזאַטאָרס פון קאָלווירטן און 75 בוכפירער. אויך אין 1932-טן יאָר האָט דער טראַקטערצענטער אָרגאַניזירט אין פאַרשיידענע פּונקטן קורסן פאַר טראַקטאָריסטן, מעכאַניקער א. אַנד. אויף די קורסן לערנען זיך אַרום טויזנט אידישע קאָלווירטניקעס-

כדי צוצוגרייטן די נייטיקע קאַדרען פון אָנפירער פאַר קאָלווירטן, האָבן די קאָלווירט פאַרבאַנדן אָרגאַניזירט פאַרשיידענע קורצטערמיניקע קורסן, אויסער דעם האָט דער פריידאָרפער רייקאָלווירט האַיאָר איינגעאָרדנט קורסן פאַר קולטשטייגערישע טוער, אָרגאַניזאַטאָרס פון אַרבעט, קורסן פאַר פיצוכט, געפליגל-צוכט, שעפסן-צוכט. קורסן פאַר בריגאַדירן פאַר מילך-סחורהשע פערמער און אַנד. אויף די קורסן ווערן אין דער ערשטער ריי אָנגענומען קאָלווירטניקעס שלאָגלער.

די איבערוואַנדערער, וואָס האָבן געענדיקט די קורסן, ווערן קוואַליפיצירטע טוער פון די קאָלווירטן און אָנפירער אין פאַרשיידענע געביטן פון דער לאַנדווירטשאַפט.

(אויסצוג פון י. גאָלדעס בראשור „די אידישע ערד-אַרבעטער אין קרים", אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „עמעס" אין מאָסקווע, 1932).

פאביאן ש. הלוי

דער פארלארענער

(קאפיטלעך פון א ראמאן)

— 1 —

נישט ווייט פון פראג, פון יענער זייט פון מאלדוי, געפינט זיך א קליין דערפל מיט דעם נאמען בוכעניץ, אין וועלכן ס׳געפינט זיך דער קעניגלעכער גארטן, וואס איז באקאנט מיט דעם נאמען בוים־גארטן, אין וועלכן ס׳שפאצירן די איינוואוינער פון פראג, אין די יום־טוב טעג צו געניסן פון די פרישע לופט, און פון די שיינע אויסזיכטן פון דער נאטור. און זייער אפט שפילט דארט דער מיליטערישער ארקעסטער, וואס מאכט זייער פיל פארגעניגן דעם פובליקום, וואס שפאצירן דארט, אבער אין דעם מאמענט, ווען מיר הויבן אן אונזער דערציילונג הערשט א שטילקייט אין אלע ווינקעלעך פון דעם גארטן, נאר אט וואו נישט וואו שפאצירן איניקע מענטשן צווישן דיביימער און צווישן די מענטשן געפינט זיך א יונגערמאן, וואס מיט זיין שיינעם אויסזען ציט ער אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון אלע, וואס גייען פאר אים פארביי.

דער יונגערמאן האט זיך אויסדערוויילט אן אפגעלעגן ארט ווייט פון דעם ארט וואו מענטשן שפאצירן, און ער, נישט ער גייט, נאר ער לויפט און ווי א מידער, איז ער צוגעלאפן צו א באנק און האט זיך א זעץ אנידער געגעבן. דער יונגערמאן איז געווען זייער שיין, זיין אינטעליגענץ האט באשיינט זיין פנים, שווארצע האר מיט געקרייזלטע לאקן, זיינע קלוגע אויגן האבן ארויסגעלויכטן, הויך געוואקסן זיין גאנצע פערזאן איז געווען מלא חן.

אך! האט דער יונגערמאן אויסגערופן, פארפלויגן זיינען אלע מיינע האפענונגען, די קללה פון מיינע זיידעס איז אויסגעגאסן אויף אלע זייערע קינדער, ביז צום לעצטן דור, און זייערע קינדסקינדער האבן ניט קיין רעכט אז זיי זאלן געניסן פון דעם צו וואס זייער הארץ גלוסט, די וואס זיי האבן ליב קוקן אויף זיי מיט פאראכטונג, און אומזיסט באמיען זיי זיך צו דערווייטערן פון זיך די אלטע קללה מיט וועלכע זיי זיינען פארשאלטן, וואס דריקט זיי אומאויפהערלעך.

און אזוי רעדנדיק, האט ער זיין פנים באדעקט מיט זיינע צוויי הענט און האט זיך שטארק צעוויינט, און אזוי איז ער געבליבן זיצנדיק איניקע מינוט און האט גארנישט באמערקט, אז ס׳איז צוגעקומען צו דעם ארט אן אלטער מאן, זייער א חשובער פערזאן און האט זיך נעבן אים אנידערגעזעצט.

און דער יונגערמאן האט מיט פארביטערונג ווייטער גערעדט: „וואס טויג מיר דאס לעבן, אז יענע האפענונג אויף פרייד איז פון מיר פארלוירן, ווי קען איך מנוחה געפינען, ווי קען פאר אזא אומגליקלעכן ווי איך בין, א שטראל פון ליכט אויפשיינען, צי זאל איך זוכן מיין גליק צווישן אידן, מיינע גלויבנסגענאסן? אבער צי זיינען דען זיי מיינע גלויבנסגענאסן? צי גלויב איך דען אין דעם וואס זיי גלויבן? אז איך בין פון מיין ערשטער יוגנט פון זיי דערווייטערט געווארן און פון זייער אמונה, איך בין נישט געקומען אין זייערע בתי־מדרשים, איך האב נישט מיט זיי געגעסן, איך האב קיינמאל זייערע דינים געלערנט, נאר צום אומגליק בין איך א איד — נאר די קריסטן האלטן מיך פאר א איד, — ווען איך... אן אומגליקלעכער א פארלארענער בין איך, אן האפענונג, צו וואס בין איך געבוירן געווארן? צו וואס דארף איך טראגן די לאסט און ליידן פון אן אומגליקלעך לעבן, אז מיין האפענונג האט מיך אפגענארט בין איך אן אומגליקלעכער מענטש. מעגלעך, אז פילע האלטן מיך פאר א גליקלעכן, איך בין רייך, געזונט, פול מיט יוגנטקראפט, געבילדעט, אבער מיינע ליידן זיינען גייסטיקע, איך האב שוין גערעכנט, אז די ליבע וועט מיך טרייסטן און דא איז די ליבע ווי א חלום פארשוואונדן און וואס האב איך מער צו דערווארטן, און זאגנדיק די ווערטער האט ער ארויסגעצויגן פון זיינע קליידער א רעוואלווער צו וועלכן ער האט געזאגט: דו וועסט זיין די טרייסט אין מיין עלנט, דו וועסט מאכן א סוף צו מיינע ליידן, דו וועסט מיך אינגאנצן באפרייען פון זיי.

ווי ער האט נאר די ווערטער ארויסגערעדט, האט זיך דער רעוואלווער אים ארויסגעגליטשט פון זיין האנט, און איז ארונטערגעפאלן אויף דער ערד, פון א קלאפ וואס ער האט באקומען איבער דער האנט.

דער יונגערמאן האט זיך ארומגעקוקט צו זען ווער האט דאס אים געטון, האט ער ערשט דערזען, אז א זייער געהערטער זקן זיצט נעבן אים און דער האט אים דעם רעוואלווער ארויסגעשלאגן פון האנט, האט דאס אים שטארק פארדראסן, און האט מיט כעס אויסגערופן: געערטער הער! ווער האט אייך דאס רעכט געגעבן, דאס מיר צו טון?

— בארואיקט אייך, יונגערמאן, האט דער אלטער געענטפערט — איר האט מיר דאס רעכט געגעבן, אז איך זאל רעטן פון טויט אייער לעבן און אייער נשמה פון די גרויסע זינד, ווי גרויס מוז זיין אייער אומגליק,און ווי קראנק איז אייער גייסט.

א גייסט קראנקער בין איך.

איר האט רעכט, א גייסט קראנקער זענט איר. ווען איר האט נישט דעם כוח, דעם קוראזש איבערצוטראגן צרות, וואס איר ליידעט, נאר איר ווילט פון זיי אנטלויפן, א פארנינפטיקער מענטש זוכט נישט די רעטונג פון זיין אומגליק דורך זינד ער טראגט איבער רואיק זיין פיין ביז זי ענדיקט זיך, נאר נאך אלעם, פארלירט נישט אייער האפענונג, פארלאזט אייך אויף מיר. זעט, איך בין פיל עלטער פון אייך, אפשר וועל איך קענען אייך העלפן, גאט האט מיך געבענטשט מיט א גרויס פארמעגן, איך קען פיל טון, איך בין אויך רייך מיין הער.

אלזא, וואס פעלט אייך, זאגט מיר אפן, לייקנט מיר גארנישט, אז גאט האט שוין אונז ביידע צוזאמען געטראפן אין אזא צייט, גאט האט אונז צוזאמען געטראפן האט איר געזאגט. איז טאקע דא א גאט?

די זון איז זייער הייס און ברענט שטארק, זאלן מיר זיך דערהויבן, און זיך זעצן אויף דער אנדערער זייט, אונטער דעם שאטן פון די צווייגן, האט דער אלטער געזאגט, און נאכדעם ווי זיי האבן געענדערט זייער ארט, האט זיך דער אלטער געווענדעט צו אים, און האט אים געפרעגט: זאגט מיר נאר, ס׳איז דא א זון אין הימל?

— געוויס איז דא, האט דער יונגערמאן געענטפערט, — די שטראלן פון דער זון האבן דאך אונז אזוי שטארק געבריט.

— און וואס וועלן מיר טון, ווען די זון וועט זיך פארגלוסטן און וועט ארונטערקומען אויף דער ערד און וועט די גאנצע ערד פארברענען?

— די זון קען דאס נישט טון!

— ווער וועט איר דאס שטערן?

— די זון האט איר גוזעץ, און זי קען דאס נישט ענדערן!

— ווער האט איר דאס גוזעץ געגעבן?

— די נאטור.

אזוי, הייסט עס, אז ס׳איז דא א נאטור אויף דער וועלט?

אלעם וואס קומט פאר אויף דער וועלט, אלע אינערלעכע קרעפטן, וואס באווייזן זיך אין לעבן, די אלע געזעצן פון הימל און ערד דאס אלעם רופן מיר אן נאטור.

און פארוואס זאלן מיר דאס נישט אנרופן גאט?

רופט דאס אן גאט, ווען איר ווילט, נאר אנשטאט צו זאגן, די נאטור האט אונז צוזאמענגעטראפן, און דאס איז געשען אן שום ציל און תכלית.

איר זענט גערעכט, האט דער אלטער געזאגט, נאר ווען איר ווילט מיך פאלגן, פון די ווערטער,

וואָס איך האָב פון אייך געהערט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איר זענט אַ איד, זאָגט מיר אַלזאָ, קענט איר די געשיכטע פון אונזער פאָלק?

עפּעס האָב איך געהערט פון אונזער געשיכטע, ווען איך בין נאָך א קינד געווען, נאָר דאָס ווייס איך, אַז מיר זיינען אַן איינגעשפּאַרט פאָלק, און אַז מיר האַלטן זיך אין אַלטע און פאַרפוילטע אידייען, און דעריבער האָבן אונז אַלע פעלקער פיינט, און פאַראַכטן אונז.

אַזוי קענסטו נישט דיין פאָלק, מיין זון! זייערע לערן זיינען אין גאַנצן פון דיר פאַרבאָרגן, ווען דו זאָלסט זיך צוהערן צו די לערן פון דיינע עלטערן און זאָלסט באַטראַכטן די געזעצן פון דער לערע, דאַן וואָלסטו געוואוסט, אַז דאָס געטלעכע ליכט, וואָס באַשטראַלט יעדעס ווינקעלע פון דער וועלט, באַשיינט אויך אונזערע לערן, דערהויב דיך מיין זון, קום מיט מיר, איך וועל דיך אַריינפירן אין אונזערע געצעלטן, און דו וועסט זיך איבערצייגן, אַז אַ געטלעכער גייסט רופט אין זיי, דו וועסט דיך איבערצייגן, אַז אונזערע לערן, זיינען געטלעכע לערן, דו וועסט אויך באַגרייפן, אונזער געשיכטע, און וועסט דיך איבערצייגן, אַז דאָס אַלעס וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט דורכגעלעבט, איז אַלעס געווען באַשטימט פון גאָט. קום מיט מיר אין מיין הויז אויך דאָ וועסטו קענען לערנען, די אידן, זייער תורה און איך בין זיכער, אַז דו וועסט געפינען טרייסט, הילף און אמתע מנוחה, און דו וועסט דיך נישט מער שעמען אַ איד צו זיין.

— 2 —

דער נאָמען פון דעם יונגן מענטש, וואָס מיר האָבן דאָ דערקענט אין גאָרטן איז רפאל דעל מאָנטאַ, אַ זון פון אַ ספּרדישע פאַמיליע, וואָס האָט געוואוינט אין האַמבורג, ער איז געווען אַן איינציקער זון ביי זיינע עלטערן, און ווען ער איז נאָך געווען א קליין קינד זיינען זיינע עלטערן געשטאָרבן, און ער איז דערצויגן געוואָרן ביי זיינעם אַ פעטער, וואָס איז געווען דער איינציקער קרוב אין דער משפחה, און אין זיין הויז איז ער דאָס דערצויגן געוואָרן ווי אן אייגענער זון, אָבער זיין פעטער האָט אים נישט געלאָזט לערנען אידישע למודים, אַזוי אַז רפאל האָט גאָרנישט געוואוסט, אַז ער איז א איד, נאָר דאָס האָט ער געוואוסט, אַז ער קומט אַרויס פון אידן. רפאל איז געווען זייער אינטעליגענט, ער האָט פלייסיק געלערנט וויסנשאַפט, ער האָט אָבער נישט געוואָלט זיין פרנסה ציען פון זיין בילדונג, דען ער איז זייער רייך געווען, האָט ער געמאַכט רייזעס איבער אייראָפּע, און ער האָט זיך פאַרהאַלטן אַ לענגערע צייט אין ווין, אין ווין איז ער אויפגענומען געוואָרן צווישן די הויכע קריסטלעכע פאַמיליעס, דען אויך זיין פאַמיליען נאָמען דעל מאַנטאַ, וואָס איז ענלעך צו די נעמען פון די הויכע קריסטלעכע מיוחסימדיקע פאַמיליען נעמען, האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַן איטאַליענישן אָדער שפּאַנישן באַראָן און מען האָט אים אויפגענומען מיט פיל כבוד.

און אַזוי ווי ער איז געווען צווישן די הויכע פאַמיליעס האָט ער זיך פאַרליבט אין דער יונגער באַראָנעסע אַגנעס פון דעם הויז האָהענשטיין, און אויך זי האָט זיך אין אים פאַרליבט, אויך אירע עלטערן זיינען צופרידן געווען פון דעם שידוך, אַזוי אַז גאַנץ ווין האָט שוין געוואוסט, אַז אַגנעס ווערט די פרוי פון דעל מאַנטאַ. צום אומגליק אָבער, איז אגנעס געוואויר געוואָרן, אַז דעל מאַנטאַ איז א איד, זי איז דערציטערט געוואָרן, הערנדיק אַז ער איז אַ איד, און זי האָט אים מיט פאַראַכטונג אָנגעקוקט און אים געפרעגט: ווי ער האָט זיך אונטערגעשטעלט אלס איד צו איר זיך צו דערנענטערן און האָט אים אַרויסגעטריבן פון הויז. אומזיסט האָט רפאל צוגעזאָגט אָנצונעמען דאָס קריסטנטום, עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. טרויעריק און פאַרשעמט האָט ער פאַרלאָזט ווין, און איז געקומען נאָך פּראַג, וואו מיר האָבן אים געפונען, ווי אַן אַלטער מאַן האָט אים גערעטעט פון טויט.

דער אַלטער, וועלכן גאָט האָט אים צוגעשיקט, נישט צו דערלאָזן דעם יונגן מאַן צו זעלבסטמאָרד, איז געווען באַקאַנט מיט דעם נאָמען יצחק קאַלעמבערג פון די גרויסע סוחרים פון דער שטאָט, פון די פיינע אידן, אַ ליבהאָבער פון אידישע וויסנשאַפט, און ער איז געווען דער איינציקער איד וואָס די רעגירונג האָט אים דערלויבט צו וואוינען אויסער דער אידישער גאַס. קאַלעמבערג האָט געבראַכט דעם יונגנמאַן אין זיין הויז, און האָט אָן אים אָנגעהאַלטן, אַז ער זאָל ביי אים בלייבן אין זיין הויז, דען דער אַלטער נדיב, האָט זיך געטראַכט, ער זאָל קענען אויף אים אַכטונג געבן, אַז ער זאָל נישט חשק האָבן ווידער זעלבסטמאָרד צו באַגיין, אויך האָט ער גערעכנט, אַז ער זאָל אים עפּעס אונטעריכטן אין אידישע לימודים, און דעל

מאַנטאַ האָט זיך אינגאַנצן אונטערגעגעבן אונטער די פירונג פון דעם אַלטן, ווי א געהאָרכזאַם טריי קינד, נאָר אַזוי ווי די פאַרלאָרענע ליבע האָט אים שטענדיק געגליט, און פון דעם אויפגערעגטן געמיט, איז ער אַלע מאָל שוואַכער געוואָרן, ביז ער איז קראַנק געוואָרן, און איז געוואָרן זייער געפערלעך. אָבער די גאַנצע פאַמיליע פון קאַלעמבערג, האָבן אים אָפּגעהיט, ווי מען קען נישט בעסער, מיט דער גרעסטער ליבע ביז ער איז געזונט געוואָרן. און אַזוי ווי ער איז געזונט געוואָרן, האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו האָפן, און געפילן פון דאַנקבאַרקייט האָבן דערפילט זיין האַרץ פאַר זיינע נייע פריינט. אין דעם הויז האָט רפאל דאָס ערשטע מאָל זיך באַקענט מיט דעם אידישן פאַמיליען לעבן. די ליבע און אַכטונג, וואָס די אַלטע פון דער פאַמיליע פילן איינע פאַר דער אַנדערע, אין דעם כבוד און אמתע ליבע וואָס בינדט צוזאַמען די שוועסטער און ברודער, די הייליקע רו, וואָס שוועבט איבער דער פאַמיליע יום־טוב און שבת, וואָס ער האָט אַזאַ הייליקייט אַפילו אין חלום ניט געזען, אַזוי אַז דאָס אַלעס האָט באַנייט ביי אים אַ פריילעכן געמיט און אַ האָפענונג צום גוטן.

רפאל האָט אָנגעהויבן צו באַקומען ליבע, צום אידנטום, און האָט געוואָלט זיך באַקענען מיט דער אידישער געשיכטע, די נביאים, אַפילו תלמוד, אויך די אידישע פילאָזאָפישע ווערק, ווי דעם מורה נבוכים, כוזרי, חובות לבבות, עקרים, און אַזוי אינטעליגענט ווי ער איז געווען האָט ער געשווינד די למודים אַדורכגעמאַכט. ער האָט זייער ליב געהאַט אָפט צוזאַמענצוקומען מיט גרויסע אידישע געלערנטע פון פּראַג, וועלכע האָבן אים זייער מקרב געווען. דער אומגאַנג מיט די חכמי פּראַג (וועלכע האָבן אים זייער מקרב געווען) און די למודים, וואָס ער האָט ביז אַהער נישט געקענט האָבן אים אינגאַנצן געמאַכט פאַרגעסן זיינע אַלטע צרות.

איין יאָר איז פאַרבייגעגאַנגען ווי רפאל איז געווען אין הויז פון ר׳ יצחק קאַלעמבערג, זיין וואוילטעטער, זיין רעטער פון טויט און לערער, אַ רואיקייט פון ליבע, פרייד און גליק, האָט אָנגעפילט זיין האַרץ דאָס וואָס ער האָט פריער נישט געקענט. ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן די באַראָנעסע פון האָהענשטיין, דען דאָס וואָס ער האָט זיך אַזוי שטאַרק צום האַרץ גענומען, איז מער געווען, וואָס ער האָט זיך געפילט באַליידיקט, ווי פאַר ליבע צו איר. די חרפּה האָט אים פאַרביטערט דאָס לעבן, און האָט דערנידעריקט זיין שטאָלץ, און דעריבער האָט ער געוואָלט פּטור ווערן פון זיינע ליידן. אָבער איצט איז ער געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש, איצט ווייסט ער, אַז ער איז א זון פון אַ פאָלק, וואָס ער דאַרף זיך גאָרנישט שעמען צו זיין אַ איד, און זיין לעבן האָט אַן הייליקן ציל. אַלע קינדער פון ר׳ יצחק קאַלעמבערג, זיינע זין און טעכטער זיינען שוין געווען פאַרהייראַט, נאָר איין טאָכטער פון אַכצן יאָר איז נאָך געווען א מיידל, זי איז נישט געווען קיין שיינהייט, אָבער פיל מיט חן און אידישן וויסן און פרעמדע שפּראַכן.

פּונקט צום יאָר ווי קאַלעמבערג האָט גערעטעט רפאלן פון טויט, האָט ער געהייראַט די טאָכטער פון קאַלעמבערג פריילן ווילמעלהינע פאַר א פרוי, זיין געלט האָט ער איבערגעגעבן זיין שווער, וואָס איז געווען אַ באַרימטער סוחר און ער וועט האָבן א טייל אין פאַרדינסט און וועט זיך קענען רואיק אָפּגעבן צו שטודירן די אידישע למודים און וואוילטעטיקייט.

(פון פאַביאַן ש. הלוים איבערגעבליבענע כתבים).

שמואל קרוק

אונזערע לאנדסלייט

פלאָצקער אידן האָבן זיך תמיד געגרויסט, אַז פון צווישן זיי זיינען ארויס פיל מענטשן, וואָס האָבן שפּעטער פאַרנומען אַ פירנדיק אָרט אין אידישן לעבן פון פּוילן און אַפילו — אין אידישן לעבן אין דער ברייטער וועלט. פלאָצק האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ שטאָט, אַ מיוחסת. עס האָבן געלעבט אין פלאָצק גאנצע טעאָריעס, וועלכע האָבן „באַגרינדעט" דעם דאָזיקן פאקט.

מיר וועלן זיך היינט נישט אריינלאָזן אין די אַלע טעאָרעטישע באַטראַכטונגען. דאָס איז אַן ענין פאַר היסטאָריאָזאָפן. דער פאקט אַליין איז אָבער אומבאַשטרייטבאַר: פלאָצק האָט טאָקע געהערט צו יענע יחוסדיקע פּוילישע שטעט, וואָס האָבן ארויסגעגעבן פון זיך אַ היפּשע צאָל מענטשן, וואָס זיינען שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אַלס אידישע פירער, שרייבער און פּאָליטיקער. און פאַרקערט: פלאָצק האָט געהאַט אין זיך עפּעס אַ צוציאונגס קראַפט, וואָס האָט באַוואויגן נישט פלאָצקער פירנדע אידישע פּערזענלעכקייטן אויסצוקלייבן פלאָצק אַלס זייער וואוינאָרט. געווען אויך אַזעלכע פירנדיקע אידישע פּערזענלעכקייטן, וואָס זיינען אין פלאָצק נישט געבוירן און נישט דערצויגן געוואָרן, און האָבן קיינמאָל אין פלאָצק זיך נישט באַזעצט, אָבער עס האָט זיי געצויגן די שטילע ראָמאַנטיק, די מאַיעסטעטישע אַריסטאָקראַטישקייט פון דער דאָזיקער שטאָט, און זיי פלעגן אַלעמאָל זוכן אַ געלעגנהייט דאָ אַ צייט צו פאַרברענגען, דאָ זיך אָפּצורוען. יאָ, געווען עפּעס אַזעלכעס אין דער שטאָט פלאָצק, וואָס האָט זיי בפירוש אויסגעטיילט פון פיל אַנדערע שטעט.

אין דאָזיקן אַרטיקל וועלן מיר איבערגעבן בלויז וועגן יענע אידישע פּערזענלעכקייטן, וואָס זיינען ארויס פון דער דאָזיקער שטאָט אָדער אַ צייט אין איר געלעבט. אין אַ באַזונדערער נאָטיץ וועלן מיר דערציילן וועגן יענע אידישע פּערזענלעכקייטן, וועלכע זיינען נישט דירעקט קיין פלאָצקער, אָבער זייער נאָמען איז אין אַזאַ אָדער אַנדער אופן דירעקט געווען פאַרבונדן מיט דער שטאָט פלאָצק.

נחום סאָקאָלאָוו

וועלכער איד קען נישט היינט דעם דאָזיקן נאָמען? אָנגעהויבן און געלעבט לאַנגע יאָרן אַלס אַ גרויסער, פיל־זייטיקער אידישער שריפטשטעלער און דענקער, האָט ער שפּעטער, די צווייטע טייל פון זיין לעבן, געווידמעט פּ אָ ל י ט י ש ע ר טעטיקייט. ער איז, ווי באַוואוסט, געווען צווישן די קעפּ פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. אָבער ציוניסטן און אַנטי־ציוניסטן זיינען אייניק דערין, אַז נחום סאָקאָלאָוו איז געווען איינער פון די גרעסטע אידן פון אונזער צייט.

אַלס 5־יאָריק קינד איז סאָקאָלאָוו געבראַכט געוואָרן קיין פלאָצק דורך זיינע עלטערן. פריער האָבן זיי געוואוינט אין מאָלערישן שטעטל ווישעגראָד, וואָס איז, ווי פלאָצק, געלעגן אויף אַ שיינעם באַרג ביי דער ווייסל, אינמיטן וועג צווישן פלאָצק און וואַרשע. ווי אַזוי דער גורל האָט זיי געבראַכט צום קליינעם אידיש־פּוילישן שטעטל ווישעגראָד, ווייס איך נישט — גיי פאָרש נאָך דעם וועג פון אידישע גורלות און אידישער פאַרוואָגלטקייט. איך ווייס בלויז, אַז זיי האָבן געשטאַמט פון קראָקע. עס איז געווען, דערציילט מען, אַ קראָקעווער אידישע משפּחה, וואָס איז איינגעטונקען געווען אין גרויסן אידישן יחוס.

פלאָצק איז פול געווען מיט לעגענדעס וועגן נחום סאָקאָלאָווס קינדהייט און יוגנט. שוין אַלס קליין קינד האָט ער אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן. פלאָצקער גמרא־מלמדים האָבן זיך נישט געקענט אַן עצה־געבן מיטן וואונדערלעכן קליינעם עילוי. אַלס 10 יאָריק קינד האָט ער אַלעמען איבעראַשט מיט זיין גמרא־קענטעניש. עלטערע האָבן געהערט דאָס האַרבע גמרא־לערנען פון קליינעם אינגעלע מיט אמתער פאַרגאַפטקייט.

נחום סאָקאָלאָוו

צום גליק איז אָבער דער אינטערעס פון יונגן נחום סאָקאָלאָוו צו וועלטלעכע לימודים געווען גרויס. נאָכדעם, ווי די גמרא־מלמדים האָבן דערקלערט, אַז זיי קענען דעם יונגן עילוי מער גאָרנישט געבן האָט אים דער פאָטער אַוועקגעזעצט אין פלאָצקער אַזויגערופענעם „קליינעם בית־המדרשל" אויף דער שול גאַס (נעבן דער גרויסער סינאַגאָגע). דאָ זיינען געזעסן די גרעסטע לערנער פון דער שטאָט, עלטערע בחורים, וואויל־לערנער. אָבער גראָד דאָ האָט זיך אָנגעהויבן נחום סאָקאָלאָווס גרויסער וועג צו דער ווייטער וועלט. אונטער זיין גמרא האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן פאַרשידענע „טריף־פּסולס". אַלס אַ אינגל פון 16 יאָר האָט ער שוין געשריבן און געדרוקט אַרטיקלען אין די פאַרשידענע דעמאָלטיקע העברעאישע אויסגאַבעס. אין דאָזיקן עלטער האָט ער שוין באַוויזן צו ווערן דער איבערזעצער פון אַ געאָגראַפיש האַנטבוך, וועלכעס האָט זיך גערופן אויף העברעאיש „מצוקי ארץ" (דאַכט זיך, דאָס ערשטע געאָגראַפישע האַנטבוך אין העברעאיש).

מיר קלייבן זיך דאָ נישט צו געבן סאָקאָלאָווס גאַנצע ביאָגראַפיע. פון פלאָצק און מאַקאָוו (דאָרט האָט ער אַ צייט געוואוינט מיט זיין נגידישן שווער), האָט זיין וועג געפירט קיין וואַרשע און לאָנדאָן. וואָס איז סאָקאָלאָוו פאַר זיינע יאָרן נישט געווען? וואָס האָט סאָקאָלאָוו פאַר זיין פרוכטבאַר לעבן נישט געשריבן? אַרטיקלען איבער לויפנדיקע פראַגן און איבער פילאָזאָפישע טעמעס, עסייען איבער קונסט און עסטעטיק, לידער, ראָמאַנען, ליטעראַטור - קריטיק. אָנגעהויבן אַלס סתם משכיל מיט פּויליש - אַסימילאַטאָרישע נייגונגען, איז ער שפּעטער אַריבער צום ציוניזם און געוואָרן מיט דער צייט דער קאָפּ פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. ווי ווייט איז געווען דער וועג, וואָס נחום סאָקאָלאָוו האָט אַדורכגעמאַכט פון די פלאָצקער חדרים ביז די גרויסע ליטעראַרישע און דיפּלאָמאַטישע סאַלאָנען פון לאָנדאָן און פּאַריז!

פאַר פלאָצק, ווי פאַר גאַנץ פּוילן, האָט נחום סאָקאָלאָוו געהאַט דעם טיפסטן סענטימענט. ווי אַלע פלאָצקער, האָט ער געהאַלטן, אַז אין פלאָצק איז געווען עפּעס ספּעציפישעס — עפּעס אַזוינס, וואָס נישט יעדע שטאָט פאַרמאָגט. אָט וואָס ער שרייבט וועגן פלאָצק אין יאָר 1915, ווען ער איז שוין געווען אַ מענטש פון דער ברייטער, גרויסער וועלט:

„כשאזכה לכתוב יותר על־דבר פולניה זה, שנפשי בשורה בה כל־כך: פולניה שלערינו הקטנות, פולניה של השלאכטא הישנה, **גזע** ישישים שלהם, ושל למדנינו ומשכילנו, אראלים וישישים שלנו, אז אולי אבאר מה היה „הדבר המיוחד" של זאמושץ, ומה — של־פלאָצק, ועוד" (בוך „אישים", אַרויסגעגעבן פון שטיבל־פאַרלאַג אין תל־אביב, אין יאָר תרצ"ה, זייט 41).

דאַכט זיך, אַז סאָקאָלאָוו האָט מער קיינמאָל וועגן דעם אין ערגעץ נישט געשריבן. אָבער די פּאָר שורות זיינען גענוג, אויף וויפל מען וויל

פאַרשטיין ווי ליב סאָקאָלאָוו האָט געהאַט אַלט־פּוילן מיט אירע טראַדיציעס, מיט איר גייסט, מיט איר לופט, און קודם - כל — ווי ליב ער האָט געהאַט זיין היים־שטאָט פּלאָצק, די שטאָט, וואָס פאַרמאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס אַנדערע שטעט פאַרמאָגן נישט („הדבר המיוחד״).

אין פּלאָצק האָט מיט רעכט טאַקע תמיד שטאָלצירט מיטן גרעסטן איד, וועלכן זי האָט פון זיך אַרויסגעגעבן — מיט נחום סאָקאָלאָוון.

אברהם יעקב פּאַפּיערנאַ

ווען אברהם יעקב פּאַפּיערנאַ איז אָנגעקומען אין 1870 קיין פּלאָצק אַלס לערער פון „זאַקאָן באָזשי״ פאַר די אידישע תלמידים אין די רוסישע דאָרטיקע רעגירונגס־גימנאַזיעס, איז ער שוין געווען ביי זיינע 30 יאָר אַ באַקאַנטער העברעאישער שריפטשטעלער, וואָס האָט שוין געהאַט באַוויזן אויפצורודערן די דעמאָלטיקע משכילישע וועלט פון גרויסן רוסלאַנד מיט זיין צעשמעטערנדיקער קריטיק פון די פּאַטעטישע לאַקריץ־שרייבער פון דער נייער העברעאישער ליטעראַטור פון יענער צייט.

אברהם־יעקב פּאַפּיערנאַ איז אין 1870 שוין געווען אַן אָנגענומענער מיטאַרבעטער אין כמעט אַלע דעמאָלטיקע העברעאישע און אידיש־רוסישע אויסגאַבעס פון רוסלאַנד, ליטע און פּוילן. פון זאַקראָטשין אַרויס, אַ פּיצינקע שטעטעלע ביי דער ווייסל צווישן פּלאָצק און וואַרשע, וואו ער איז געווען עטלעכע יאָר לערער פון דער דאָרטיקער רעגירונגס שול פאַר אידישע קינדער, און פון פּלאָצק אַרויס, האָט פּאַפּיערנאַ צוגעשטעלט דער גאַנצער דעמאָלטיקער העברעאישער און אידיש־רוסישער פּרעסע אַרטיקלען און לידער, היסטאָריש קריטישע אָפּהאַנדלונגען און היסטאָרישע אַרבעטן בכלל. דאָ, אין פּלאָצק, האָט ער אויך געשריבן און אַרויסגעגעבן זיין ווערטפול רוסיש בוך וועגן די אידישע חדרים (1884), לערנביכער אין רוסיש, אידיש און העברעאיש, אַ אידישן בריוונשטעלער און אַזוי ווייטער.

ווי געזאָגט, איז אברהם יעקב פּאַפּיערנאַ אַליין נישט געווען אַ פּלאָצקער — ער איז געווען אַ „ליטוואַק״, געשטאַמט פון אַ שטעטל הינטער מינסק (קאַפּוליע). אָבער דאָ, אין פּלאָצק, האָט ער פאַרבראַכט 37 יאָר פון זיין לעבן: ער איז אָנגעקומען אין שטאָט אַריין אַלס אַ דרייסיק־יאָריקער יונגערמאַן און אָפּגעפאָרן איז ער פון דאַנען אין 1907 אַלס אַ כמעט 70־יאָריקער זקן, באַרימט און גרויס אין דער העברעאישער ליטעראַטור און אינם רוסלענדישן אידנטום.

הונדערטער פּלאָצקער אידישע אינטעליגענטן האָבן געהאַט פּאַפּיערנין פאַר זייער לערער — דעם איינציקן אידישן לערער אין דער שטייפער צאַרישער גימנאַזיע. קנאַפּע 40 יאָר האָט פּאַפּיערנאַ טאָג־ביי־טאָג געשפּרייזט איבער דער שטילער, שמאָלער גימנאַזיאַל־גאַס נעבן די מאָלערישע טומער־בערג, כדי צו וואַכן איבערן ביסל אידישקייט פון די נגידישע קינדער, וואָס האָבן מיט דער הילף פון פּראָטעקציע און רענדלעך זיך דערשלאָגן צום גרויסן גליק פון טראָגן דעם עלעגאַנטן מונדיר פון אַ גימנאַזיסט. צענדליקער פון פּאַפּיערנאָס תלמידים זיינען שפּעטער זיך פאַנאַנדערגעפאָרן איבער דער ברייטער וועלט און באַקאַנט געוואָרן — ווער צווישן אידן און ווער צווישן נישט אידן, אַלס פּירער, שרייבער און פּאָליטיקער.

מסתמא האָט פּאַפּיערנאָס לאַנג־יאָריקע זיצן אין דער שטאָט פּלאָצק נישט ווייניק בייגעטראָגן צום גייסטיקן אַריסטאָקראַטיזם פון דער שטאָט — מיר ריידן וועגן אידישן ישוב. אַ שאָד, וואָס פּאַפּיערנאָ האָט נישט פאַרענדיקט זיינע לעבנס זכרונות, וועלכע זיינען אַן אויסערגעוויינלעכער בייטראָג צו דער אידישער געשיכטע אין רוסלאַנד אין דער צווייטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין די זכרונות זיינע ביי זיין יוגנט און מיר האָבן דעריבער ווייניק ערשטהענטיקע מאַטעריאַלן וועגן די יאָרן, וואָס פּאַפּיערנאָ האָט פאַרבראַכט אין פּלאָצק. דעם בלויז זיינען מסוגל אויסצופילן זיינע תלמידים, וועלכע זיינען צעוואָרפן איבער דער ברייטער וועלט — אין רוסלאַנד, פּאַלעסטינע, אין פאַרשידענע אַנדערע לענדער.

לאָמיר האָפן, אַז זיי וועלן עס נאָך טון.

משה וואַרשע

איינע פון די געהיימניספולסטע געשטאַלטן אין דער אידישער ליטעראַטור פון אַמעריקע, איז משה וואַרשע. יונגערהייט אַוועק פון דער וועלט פון זיין אייגענעם ווילן, נישט באַוויזנדיק צו שענקען דער אידישער ליטעראַטור די אַלע פעיקייטן, וואָס האָבן אין אים געדרימלט. אָבער די יונגע אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע האָט לאַנגע יאָרן נישט געקענט פאַרגעסן איינעם פון אירע מיטבויער און מיט־טרוימער — משה וואַרשען. זיינע יוגנט־חברים — דער שפּעטער באַרימטער חנוועדיקער אידישער פּאָעט זישע לאַנדוי און דער נישט ווייניקער פון וואַרשען קאָמפּליצירטער, שטורמישער און טראַגישער קאָליע טעפּער — האָבן יאָרנלאַנג מיט פּיעטעט געהאָדעוועט עפּעס אַ מין וואַרשע־קולט. נישט ווייניקער לעגענדאַריש איז געווען משה וואַרשעס נאָמען אין זיין היים־שטאָט, אין פּלאָצק, וואו מען האָט אים געקענט אַלס גרינדער און פּירער פון דער בונדישער באַוועגונג אין די יאָרן פאַר דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905.

עפּעס אומעטיקעס איז געווען אין דער גאַנצער וואַרשע־פאַמיליע, וועלכע איז אַראָפּגעקומען קיין פּלאָצק, ווען משה וואַרשע איז נאָך געווען אַ קינד. אַן אומעטיקער איז געווען זיין טאַטע, דער מלמד; עפּעס אַן אומעט איז געלעגן אויסגעגאָסן תמיד אויף זיין יונגערער שוועסטער, וועלכע איז שפּעטער געווען אין פּלאָצק אַ לערערין אין אַ רעגירונגס־שול פאַר אידישע קינדער.

און אַזאַ איז געווען משה וואַרשע אַליין: אַן אומעטיקער. אַ טיף און טראַגיש פאַרטראַכטער, אַ קרענקלעכער, פלעגט ער אויסמיידן מענטשן. איינער אַליין פלעגט ער זיך אַרומטראָגן מיט זיינע אינטימע חלומות און טראַכטענישן. קיינער האָט אים נישט פאַרשטאַנען, קיינער האָט נישט דורכגעדרונגען די פינצטערע לאַבירינטן פון זיין קאָמפּליצירטער נשמה. גערופן האָט מען אים — צוליב זיין פאַרטראַכטקייט — „דער פאַרגאַפּטער״.

געבוירן אין שטעטל אַנטאָפּאָל (גראָדנער געגנט), האָט ער אין פּלאָצק פאַרבראַכט זיין קינדהייט און יוגנט, זיין ערשטע גרויסע צעשטרייאונג איז געווען — די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע, וואָס האָט זיך גענומען טראָגן איבער שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד, ליטע און פּוילן. דאַכט זיך, אַז דאָס איז נישט נאָר געווען זיין ערשטע צעשטרייאונג, נאָר אויך די לעצטע. שפּעטער, אין אַמעריקע, זיינען ווידער געקומען יאָרן פון פאַרפּלאָנטערטע טראַכטענישן און ווייען, יאָרן פון גייסטיקער צעטראָגנקייט און זעלבסטפּייניקונג. און אַזוי איז ער געשטאָרבן יונגערהייט אין עלטער פון 25 יאָר — געשטאָרבן אַ נישט אויסגעלעבטער.

די פּאָליטישע באַוועגונג האָט אים פאַרכאַפּט אין זיינע אינגלשע יאָרן. פּלאָצק האָט, נישט ווייניקער ווי אַנדערע פּוילישע שטעט, טיף איבערגעלעבט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. אַ קורצע צייט פאַרכאַפּט פון ציוניזם, איז משה וואַרשע אינגיכן געוואָרן דער פּירער פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין פּלאָצק, וועלכע איז דאָ אַנטשטאַנען עטלעכע יאָר נאָך דעם, ווי דער „בונד״ איז אויפגעקומען אין ליטע און ווייסרוסלאַנד, און אויך אַ שטיקל צייט נאָכדעם, ווי עס האָבן שוין געווירקט גרויסע בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין וואַרשע, לאָדז און אַנדערע גרויסע פּוילישע שטעט.

וואַרשע ווערט גיך פּאָפּולער אין „בונד״ אויסער דער שטאָט פּלאָצק. ער וואַרפט זיך אַריין מיטן גאַנצן אימפּעט אין דער אַרבעט פון דער פּאַרטיי. ער האָט אויך נישט אויסגעמיטן קיין טורמעס — ער איז געזעסן אין די טורמעס פון פּלאָצק, וואַרשע און קאַליש. ווי נאָר די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס האָבן גענומען אַרויסווייזן די ערשטע סימפּטאָמען פון פאַלן, האָט וואַרשע עוקר געווען — ער איז אין עלטער פון ניינצן יאָר אַוועק קיין אַמעריקע.

מיט וויפל מענטשן איך האָב גערעדט אין פּוילן און אין אַמעריקע וועגן משה וואַרשען, אַזויפיל מאָל האָב איך געהערט איין־און־זעלבן ענטפער, אַז משה וואַרשע איז געווען אַ גרויסע געהיימניש. און וואָס מער איך האָב געלייענט די פאַרוויטיקטע שורות פון זיין טאָג־בוך, אַלץ פינצטערער איז געוואָרן אין מיין פאָרשטעלונג די געשטאַלט פון משה וואַרשען, זיין גאַנץ אינערלעך וועזן, זיין לעבן און זיין טויט.

אין אַמעריקע האָט ער געלעבט ווי אַן אַסקעט. אָט האָט ער געאַרבעט און אָט אונטערגעהונגערט נישט אַרבעטנדיק (מער דאָס צווייטע, ווי דאָס ערשטע). פאַר די 6 יאָר, וואָס ער האָט געלעבט אין אַמעריקע, האָט ער געהאַט 20 אַרבעטס־פּלעצע ער איז געווען אַ פאַבריק־אַרבעטער, אַ צייטונגס־פאַרשפּרייטער, אַ הויזוועכטער. צוזאַמען מיט קאָליע טעפּער האָט ער איבערגעזעצט פון רוסיש אויף אידיש אַנטאָן טשעכאָווס אַ רייע פּיעסן. צוזאַמען מיט זישע לאַנדוין האָט ער געשמאַק שטודירט דעם טעם פון הונגער — טאַקע דעם טעם פון הונגער ממש, דעם טעם פון אַרומדרייען זיך מיט אַ ליידיקן מאָגן, דעם טעם פון הונגער־קראַמפּן.

דער טאָג־בוך, וועלכן וואַרשע האָט געשריבן אין משך פון דער צווייטער העלפט פון יאָר 1911

און אין די ערשטע דריי חדשים פון יאָר 1912, ווייזט, אַז עס זיינען נאָך געווען אין זיינע לעצטע מאָנאַטן מינוטן, ווען ער האָט זיך געגרייט צו לעבן און נישט צו שטאַרבן. אָבער דאָס זיינען ווירקלעך געווען נאָר איינצלנע מאָמענטן. בכלל איז משה וואַרשעס טאָגבוך, פאַרעפנטלעכט אין בוך־פאָרם אין 1913 דורך זיינע איבערגעגעבענע פריינט זישע לאַנדוי און קאָליע טעפּער אין ניו־יאָרק, פול געווען מיט אומגעהייערע צווייפלענישן און מיט א פאַרביטערטער קרענקעניש, מיט זעלבסטפּייניקונג און זעלבסטפאַראורטיילונג. ער איז בפירוש געגאַנגען צום טויט.

אָט שרייבט משה וואַרשע דעם 2־טן אויגוסט 1911:

„שוואַך בין איך און מיין לעבן איז אומנויטיק. אָבער איך וויל גלויבן: אויף מיר וואַרט אַרבעט, אמת־שוואַרצע, אָבער — אַרבעט פאַר דער אידישער קולטור. איך וועל זי טון, אין איר לעבן".

אָבער באַלד דערנעבן געפינט איר די פאָלגנדיקע שורות: „איין פרומע רגע נאָר איז מיר באַשערט: די רגע פון פרייען טויט — וויל איך זי נישט. מיר איז אַזוי גוט. דאָס איז אויך דעקלאַמאַציע. וואָס גיי איך נישט? בין איך דערגאַנגען צום באַוואוסטזיין פון מיין אוממאָראַלישקייט, נידעריקייט — פאַרוואָס גיי איך נישט?".

צוזאַמען מיטן דאָזיקן משונהדיקן טאָגבוך, האָבן זישע לאַנדוי און קאָליע טעפּער פאַרעפנטלעכט אינם דערמאָנטן ביכל אויך עטלעכע שאַפונגען פון משה וואַרשען. אָט נעמט איין גערידכט זיינס:

. . . אַן אַלטער, אַ מידער גיי איך אַרום,
אַ שאָטן אין לעבן שלעפּ איך זיך אום.
אָן פריידן אין לעבן, אָן רו פונם טויט.
די פרייד פונם לעבן איז מיר נישט באַשערט —
וויל איך די רו פונם טויט,
וויל איך די רו פונם טויט — —
זייט מיר געגריסט.

און ער האָט זיך טאַקע גענומען דעם טויט. אַלץ, וואָס דער דאָזיקער טראַגישער מענטש האָט נאָך זיך געלאָזן איז: עטלעכע איבערזעצונגען, א קליינטשיק, מאָדנע־ווירקנדיק ביכל, אַרויסגעגעבן פון פריינט נאָך זיין טויט („וועגן פון א נשמה") און דאָס וויכטיקסטע — אַ גרויסע, פינצטערע רעטעניש, וואָס קיינער וועט שוין קיינמאָל נישט לעזן, די רעטעניש וואָס רופט זיך: משה וואַרשע.

טיילמאָל טראַכט איך, אַז אין משה וואַרשעס פּסיכאָלאָגיע האָט אייגנטלעך געשטעקט עפּעס אַזוינס, וואָס י ע ד ע ר זין פון דער דאָזיקער ראָמאַנטישער שטאָט אויפן באַרג האָט איינגעזאַפּט אין זיך, נאָר זעט אויס, אַז משה וואַרשע האָט עס איינגעזאַפּט אין זיך אין א צו גרויסער מאָס. . .

און — עס האָט אים, זעט אויס, פאַרשאַדט.

זישע לאַנדוי

ווי קען מען דערמאָנען משה וואַרשען און נישט דערמאָנען דעם נאָמען פון זיין טרייען לעבנס חבר זישע לאַנדוי? בפרט, אַז מען רעדט וועגן אידישע פּערזענלעכקייטן, וואָס זיינען געווען פּלאָצקער לאַנדסלייט. משה וואַרשע און זישע לאַנדוי זיינען טאַקע נישט נאָר געווען נאָענטע חברים און

פריינט, נאָר אויך — לאַנדסלייט, פּלאָצקער לאַנדסלייט. זיי האָבן זיך ביידע געקענט פון די יונגסטע יאָרן אָן.

עס איז ווירקלעך א גרויסער כבוד פאַר פּלאָצק און פּלאָצקער אידן, וואָס פון זיי איז אַרויס דער דאָזיקער טאַלאַנטפולער און באַחנטער אידישער פּאָעט, דער דאָזיקער שפּילעוודיקער זינגער

און פערזן־פלעכטער, דער דאָזיקער עסטעט, וואָס האָט געקענט זיין פּונקט אַזוי טיף־פילאָזאָפיש, אורקוואַליק און טראַדיציאָנעל, ווי לייכט־שפּילעוודיק, לייכט־זינגעוודיק און אינגלעריש־באַחנט.

זישע לאַנדוי איז געבוירן געוואָרן אין פּלאָצק אין 1889 — ער איז געווען מיט 2 יאָר יונגער פון זיין טראַגישן חבר משה וואַרשע. און ער איז געווען אינגאַנצן אַנדערש פון אים. מענטשן, וועלכע האָבן ביידן גוט געקענט, האָבן זיך תמיד געוואונדערט ווי אַזוי זיי ביידע זיינען א פּאָר. אַז סך־הכל זיינען זיי געווען 2 אַבסאָלוטע קאָנטראַסטן.

זישע לאַנדוי האָט זיך געלערנט אין פּלאָצק — אין חדר, אין שול, פּויליש, רוסיש, העברעיש. אגב: ווער האָט אין פּלאָצק נישט געקענט דעם אײדעלן, שטילינקען העברעאישן לערער ש. פּענסאָן, וועלכער האָט אויפגעהאָדעוועט גאַנצע דורות אידישע יוגנט, איינגעפלאַנצט אין זיי א ליבשאַפט צו העברעאישער און אפילו צו דער גרויסער אייראָפּעאישער ליטעראַטור? דער דאָזיקער איד מיטן שוואַרצן משכילישן בערדל און קאַנטיקן שטייענדיקן קאָלנער לעבט ביז היינט טיף אין זכרון פון זיינע הונדערטער תלמידים, וועלכע זיינען צעוואָרפן איבער דער גרויסער, ווייטער וועלט. דאָס הויז ביי עק טומסקער און וויעזשעננע (שפּעטער שענקיעוויטש־גאַס), אין וועלכן פּענסאָן האָט זיך שטיל געלעבט, אינגאַנצן ווי א זייטיקער, איז געווען דורך זיינע שילער אַרומגערינגלט מיט אַכטונג און זייער אָפט אַפילו מיט ליבשאַפט. זישע לאַנדוי איז געווען איינער פון ש. פּענסאָנס דאַנקבאַרע תלמידים. זישע לאַנדוי האָט אין זיינער אַן אויטאָביאָגראַפישער סקיצע אַליין דערציילט, אַז ש. פּענסאָן האָט געהאַט אויף אים, אויף זישע לאַנדוין, אַן אומגעהייערע ווירקונג.

זישע לאַנדוי האָט געשטאַמט פון גרויסן, גרויסן רביישן יחוס. אין זיינע לידער גייט זישע לאַנדוי אָפט צוריק צו זיין זיידע רב וואָלף סטריקאָווער און צו זיין עלטער־זיידע רב אברהם לאַנדוי, דעם באַרימטן טשעכאַנאָווער רבי, מיט וועלכן עס האָט זיך געגרויסט נישט נאָר טשעכאַנאָוו, נאָר אַפילו דער שכנותדיקער פּלאָצק, וועלכער האָט אַליין קיין גרויסע רביים נישט געהאַט...

דערצויגן דורך זיין מומען אין פּלאָצק (זיין מוטערס שוועסטער האָט חתונה געהאַט מיט זיין פאָטער נאָך זיין מוטערס טויט), האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך די גאַנצע שיינקייט פון דער נאַטור אין און אַרום פּלאָצק. ער איז שפּעטער אַוועק קיין ווילנע און נאָך שפּעטער (אין 1906) — קיין אַמעריקע. דאָ איז ער געוואָרן דאָס, וואָס ער איז און וואָס ער וועט אויף אייביק פאַרבלייבן אין דער אידישער ליטעראַטור: איינער פון די גלענצנדיקסטע פאָרשטייער פון דער אידישער פּאָעזיע.

אין פּלאָצק האָט מען זיין נאָמען תמיד דערמאָנט מיט ליבשאַפט און מיט צופרידנקייט, וואָס ער איז א פּלאָצקער. די מענטשן פון זיין דור און זיינע פּלאָצקער קרובים האָבן וועגן אים אָנדערציילט אָן א שיעור ליב־זאַכן: וועגן זיין אינטעליגענץ, פיינשמעקעריי, עלעגאַנץ. אַז איר וועט זיך גוט אַריינלייענען אין זיינע לידער וועגן זיינע רביישע זיידעס און עלטער־זיידעס, וועט איר בפירוש דערהערן ווי עס טראָגט זיך פון די דאָזיקע לידער דער זאַפטיקער ריח פון דער מאַזאָוויעצקער ערד. דעם דאָזיקן ריח האָט זישע לאַנדוי מיטגענומען מיט זיך קיין אַמעריקע.

די גאָלדעס, די אַלטבערגס

געווען אין פּלאָצק אַ פאַמיליע, וואָס וואָלט געקענט זיין די צענטראַלע אַקס פון דער פּרעכטיקסטער ליטעראַרישער שאַפונג, דער שענסטער ראָמאַן וואָלט געקענט אָנגעשריבן ווערן אויפן יסוד פון דער כראָניק פון דער דאָזיקער פאַמיליע. עס וואָלט געווען אַ קלאַסישע עפּאָפּייע פון אידישן לעבן אין פּוילן.

ווער האָט אין פּלאָצק נישט געקענט דעם נאָמען פון דער פאַרצווייגטער פאַמיליע גאָלדע? פיר זין און דריי טעכטער זיינען אַרויס פון דער דאָזיקער פאַמיליע אין דער ברייטער וועלט. יעדער און יעדע פון זיי האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין אידישן און נישט־אידישן לעבן.

דאָס הויז פון דער עלטסטער טאָכטער פון די גאָלדעס איז געוואָרן איינער פון די צענטראַלע הייזער פון דער אידישער אינטעליגענץ אין פּוילן. דער נאָמען פון דער דאָזיקער פרוי איז געווען פּאַאולינאַ אַלטבערג. וועגן איר און איר מאַן וועט דער לייענער געפינען אינטערעסאַנטע פּרטים אין אַן אַנדערן אָרט אין דאָזיקן זאַמלבוך. דאָ וועלן מיר בלויז אונטערשטרייכן, אַז פּאַולינע, די עלטסטע טאָכטער פון דער פּלאָצקער פאַמיליע גאָלדע, איז פון די יונגסטע יאָרן אָן געווען דערצויגן אין פּוילישן גייסט. די מוטער אירע איז שוין געווען אַן

אַסימילירטע פרוי. זי האָט געגעבן אירע קינדער אַ פּויליש־פּאַטריאָטישע דערציאונג. אידיש האָט מען אין הויז פון די גאָלדעס נישט גערעדט. דאקעגן דער איידעם משה אַלטבערג, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט פּאַולינען אין 1885, איז געווען פיל אידישער. פון זאמאָשטש האָט ער געבראַכט מיט זיך אידיש - משׂכּילישע טראַדיציעס. ער איז אויך אויסערלעך געווען אַ אידישער טיפּ: אַ מאָגערער, אַן איינגעבוירענער, מיט סעמיטישע שטריכן, מיט סעמיטישער אויסשפּראַך. דאָס, וואָס ער איז שפּעטער צענדליקער יאָרן געווען אין פּלאָצק דער פירער פון די פּאָר מנינים אָרטיקע אסימילאַטאָרן, איז געווען דער איינפלוס פון זיין פרוי פּאַולינע.

אַלטבערג איז אָבער געווען אין פּלאָצק נישט נאָר דער פירער פון די אסימילאַטאָרן. מיטן לויף פון יאָרן איז ער געוואָרן דער אנערקענטסטער פאָרשטייער פון דער אידישער באַפעלקערונג אין שטאָט. אין קהילה, אין שטאָט־ראַט, ביי די רוסישע און פּוילישע מאַכט אָרגאַנען — אומעטום האָט מען געוואוסט, אַז אַלטבערג רעדט אין נאָמען פון די אידן. עס האָט זיך אַזוי געצויגן צענדליקער יאָרן. געענדערט האָט עס זיך ערשט אין 1919, ווען פּוילן איז געוואָרן אומאָפּהענגיק און די עפנטלעך־רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפטן זיינען געוואָרן געוויילטע.

וואַסער רעוואָלוציע איז דאָס געווען אין דער פּראָווינצער פּסיכאָלאָגיע, ווען דער „בונד" האָט געוואַגט אין די ערשטע וואַלן צו אַ פּלאָצקער שטאָט־ראַט אַרויסצושטעלן אַלס קאַנדידאַט אַ „געווינלעכן" אַרבעטער, וועלכער האָט אפילו קיין שיך נישט געהאַט (ער האָט געטראָגן הילצערנע טרעפּעס)! מען האָט נישט געקענט אין שטאָט קומען צו זיך פון דער „מעשה־נוראָ": נעבן אַלטבערגן גייט דער „בונד" אַוועקזעצן אין שטאָט־ראַט אַזאַ „פּראָסטן" מענטש! מען האָט זיך דאַן גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן, אַז עפנטלעך־רעכטלעכע אמטן זאָלן קענען פאַרנעמען מענטשן, וואָס זיינען אָרעם און האָבן נישט קיין אָפיציעלע בילדונגס־דיפּלאָמען.

דאָס הויז פון די אַלטבערגס אין פּלאָצק איז מיטן אויסנאַם פון פּאַולינעס עלטסטן ברודער, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין שום געזעלשאַפטלעכע פאַראינטערעסירונגען (ער האָט שפּעטער געוואוינט אין וולאָצלאַוועק), זיינען אירע אַנדערע דריי ברידער אַריין אין דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דער צווייטער, לויטן עלטער, סעלים גאָלדע איז די לעצטע יאָרן פאַרן קריג געווען דער דירעקטאָר פון דער „איקאַ" אין פּוילן.

ער איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־שלאַג, אין טאָג ווען היטלער איז אַריין קיין וואַרשע.

אַלעקסאַנדער גאָלדע („אָלעש") איז פון די סטודענטן־יאָרן אָן געווען אַ בונדישער טוער. ער האָט געהערט אין וואַרשע צום ערשטן קרייז פון פּויליש אידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט פאַרבונדן איר גורל מיטן „בונד". נישט קיין אַנדערער ווי דער בונדישער פירער בראָניסלאַוו גראָסער דערציילט, אַז אַלעקסאַנדער גאָלדע האָט אים, גראָסערן, צוגעצויגן צו דער בונדישער אידעאָלאָגיע. אין די יאָרן פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע (1905) האָט ער געפיבערט אינגאַנצן פון פּאָליטישער טעטיקייט. צווישן אַנדערן האָט ער אין 1906 צוזאַמען מיט אסתר איווינסקאַ (איצט אין ניו־יאָרק), אַבראַם ליפּניק (פאַרן קריג פּראַקטיצירט אין גראָדנע אַלס דאָקטאָר) און העניע גאָרעליק (איצט אַ קאָמוניסטקע אין אמעריקע) געפירט די בונדישע באַוועגונג אין טשענסטאָכאָוו. נישט זייענדיק די לעצטע יאָרן דירעקט אַקטיוו אין דער בונדישער באַוועגונג, האָט ער אָבער תמיד געהערט צו יענעם קרייז מענטשן, וואָס אַ וואָרט פון צ. ק. פון „בונד" איז געווען אַ הייליקער באַפעל. ווען היטלער איז אַריינגעקומען קיין וואַרשע, האָט זיין פרוי און זיינע צוויי זין זיך געלאָזן אין וועג אַריין קיין ווילנע און קאָוונע. אָבער אַלעקסאַנדער גאָלדע האָט דערקלערט, אַז ער וועט וואַרשע נישט פאַרלאָזן. ער איז טאַקע געבליבן. וועראווייסט צי ער לעבט.

סעלים און אַלעקסאַנדער גאָלדע זיינען נישט געווען די איינציקע סאָציאַליסטן אין דער פאַמיליע גאָלדע. אַ דריטער ברודער, יוליאַן גאָלדע („יולעק") איז געווען אַ טוער פון דער אַמאָליקער פּאַרטיי „סיימאָוועצעס". איצט איז ער אַ באַקאַנטער קאָמוניסטישער טוער אין סאָוועט־רוסלאַנד.

באַזונדערס באַרימט און באַקאַנט איז געווען אין פּוילן און אין אויסלאַנד פרוי עסטערע גאָלדע, אַ יונגערע שוועסטער פון די אַלע דערמאָנטע גאָלדעס.

אין זייער יונגן עלטער איז זי אַריינגעטראָטן אין דער פּפּס. זי האָט אינגיכן זיך אַרויסגערוקט

אין פאָדערגרונט פון דער פּאַרטיי. ארום 1905 איז זי שוין געווען אַ וויכטיקע פּאַרטיי־טוערין, באַליבט און באַקאַנט אין די ברייטסטע קרייזן פון דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ. זי האָט אָנגעפירט סאָציאַליסטישע טעטיקייט אין פאַרשידענע געגנטן פון פּוילן און דייטשלאַנד. נאָך דער רעוואָלוציע האָט זי פאַרבראַכט אין אויסלאַנד — אין דער שווייץ און אין פראַנקרייך. איר מאַן איז געווען דער באַקאַנטער און איבעראַל־געאַכטעטער פירער פון פּפּס. יאַן סטרוזשעצקי. זי איז געווען צו אים צוגעבונדן בלב ונפש. ווען מען האָט אים פאַרשיקט אין 1902 קיין סיביר, האָט זי אויף אים געוואַרט יאָרנלאַנג, כדי מיט אים חתונה צו האָבן. ערשט אין 1912 האָט זיך דאָס געלאָזט פאַרווירקלעכן — ער איז צו איר געקומען קיין אויסלאַנד. אָבער איר פאַמיליע־לעבן האָט געדויערט קורץ. יאַן סטרוזשעצקי איז אומגעקומען אין 1918 אין פּאַריז, אויף די אויגן פון זיין ווייב און קינד. זיי האָבן צוזאַמען שפּאַצירט ביים ברעג פון טייך סען, וועלכער שניידט אַדורך פּאַריז, ווען עס האָט זיך דערהערט פון וואַסער אַ רעטונגס־רוף פון אַ קינד. יאַן סטרוזשעצקי האָט זיך געוואָרפן אין וואַסער, כדי צו ראַטעווען דאָס טרינקענדיקע קינד, דאָס איז אים פולשטענדיק געלונגען. דער טרינקענדיקער איז אַרויסגעצויגן געוואָרן פון וואַסער, נאָר סטרוזשעצקי אַליין האָט פאַרלוירן די כוחות און דערטרונקען געוואָרן.

אין 1920 קומט פרוי סטרוזשעצקי קיין פּוילן. זי ווידמעט איר לעבן דער אַרבעטער באַוועגונג און אירע 2 קינדער. אַלס דאָקטאָר־מעדיצין ווערט זי טעטיק אויפן געביט פון הויבן דעם געזונטהייט מצב פון דעם אַרבעטער קלאַס. גלייכצייטיק ווערט זי טעטיק פּאָליטיש און זי דערנענטערט זיך אַלץ מער און מער צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זי האָט פיל יאָרן פראַנק־און־פריי אָנגעפירט איר קאָמוניסטישע טעטיקייט (זינט 1925), ווייל דער פּוילישער דיקטאַטאָר פּילסודסקי, אירער אַ געוועזענער פּערזענלעכער פריינט, האָט נישט געלאָזן איר אַרעסטירן. שפּעטער, אין די דרייסיקער יאָרן, איז פרוי גאָלדע־סטרוזשעצקאַ אַריבערגעפאָרן קיין פּאַריז, וואו זי האָט רעדאַקטירט אַ פּוילישע קאָמוניסטישע צייטונג. זי איז געשטאָרבן פאַרן אויסברוך פון קריג אין 1939 אַ צעקריגטע מיט דער פּאַרטיי — מען האָט איר אַפילו נישט איינגעאָרדנט קיין פּאַרטייאישע לוויה.

אומקערנדיק זיך צו דער פרוי פּאַולינע גאָלדע־אַלטבערג, מוז געזאָגט ווערן צו איר שבח, אַז כאָטש זי איז אַליין נישט געווען קיין אַקטיווע סאָציאַליסטקע, האָט זי אָבער שטאַרק פּאַטראָנירט דער סאָציאַליסטישער טעטיקייט פון אירע ברידער און שוועסטער. אין די יאָרן פון 1905 איז מען פון וואַרשע געפאָרן צו די אַלטעבערגס קיין פּלאָצק, ווי פרומע חסידים פאָרן צו אַ רבין.

איינע פון די שוועסטערס, צעלינע, איז געווען די פרוי פון אַ וואַרשעווער דאָקטאָר, אַ באַקאַנטער ציוניסטישער טוער, מינץ. אָבער אויך ביי די וואַרשעווער מינצעס איז געווען אַ הויז, וואו בונדיסטן, פּפּסאָוועצעס אָדער סססאָוועצעס האָבן נישט איינמאָל געזוכט שוץ און הילף.

די אַלטבערגס האָבן געהאַט דריי טעכטער און אַ זון. דער לעצטער איז געווען אַ באַקאַנטע פיגור אין פּוילן — ער איז געווען יורידישער ראַטגעבער פון דער מעכטיקסטער קאַפּיטאַליסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאַנד („לעוויאַטאַן"). סיי ער, סיי זיינע דריי טעכטער זיינען געווען געשמדט. איינע פון זיי איז געווען די פרוי פון באַקאַנטן וואַרשעווער דעמאָקראַטישן פּראָפעסאָר אַרנאָלד.

עמעץ, וואָס האָט עס בייגעוואוינט האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן די סצענע, ווען דער אַלטיטשקער משה אַלטבערג איז געקומען קיין וואַרשע אָנהויב 1940 אויף אַ פויערישער פור, אַן אַרויסגעטריבענער פון פּלאָצק. זיין פרוי פּאַולינע האָט שוין נישט געלעבט. ער איז געווען אַרום 80 יאָר אַלט, שוין אַביסל טויבלעך. דאָך האָט ער נישט פאַרלוירן דעם געפיל פון מוט. ער האָט דערקלערט, אַז ער וועט פרייוויליק זיין הויז נישט פאַרלאָזן. די דייטשן האָבן אים דאַן מיט גוואַלט אַרויסגעזעצט פון זיין וואוינונג און ערשט דאַן איז ער אַוועק קיין וואַרשע מיט אַ פויערש וועגעלע. אָבער דאָ, אין וואַרשע, האָט זיין רייכער זון, דער דערמאָנטער קאַפּיטאַליסטן־לאַיער לוציאַן אַלטבערג, מורא געהאַט צו האַלטן זיין אידישן טאַטן ביי זיך אין הויז. דער נאַיווער משומד האָט נאָך געמיינט, אַז משומדים וועלן זיך קענען ראַטעווען פון היטלערס הענט. אַזוי האָבן אויך געמיינט די טעכטער, די משומדיתטעס. אַלע קינדער, די אידישע טעכטער, די משומדיתטעס און די קריסטלעכע שנור, דעם משומד יוליאַנס ווייב, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען צום אידישן פּעטע,

דעם דערמאָנטן אַלעקסאַנדער גאָלדע, אין הויז אַריין, כדי דער פעטער זאָל „רחמנות־האָבן אויף זיי" און אַריינעמען צו זיך זייער אַלטן טאַטן, דעם איינזאַמען זקן משה אַלטבערג...

אַ סצענע האָט דאָס געמוזט זיין, וואָס פּאַסט זיך פאַר אַ גריכישער טראַגעדיע: קינדער, וואָס זיצן אַליין „אויפן אַלימפּ", ווייזן אַ שטיינערדיק געזיכט צו יענעם מענטש, וואָס האָט זיי אויף דער וועלט געבראַכט און זיי געגעבן מעגלעכקייטן צו ווערן דאָס, וואָס זיי זיינען — אוממענטשלעכקייט און אכזריות לגבי אַן אייגענעם טאַטן אין אַ מאָמענט, ווען דער „אַלימפּ" וואַקלט זיך שוין סיי־ווי אונטער זייערע פיס...

דער סוף פון דער דאָזיקער טראַגעדיע? ווער־ווייסט! אפשר וועלן מיר זיך אַמאָל דערוויסן, צי דער אַלטער משה אַלטבערג — אַ שטיק לעבעדיקע פּלאָצקער געשיכטע — איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט פון אַ זקן, ביי וועלכן די כוחות גייען אויס, צי ער איז צוזאַמען מיט די אַנדערע מיליאָנען אויסגעמאָרדעט געוואָרן.

אפשר וועלן מיר זיך עס אַמאָל דערוויסן.

יצחק גרינבוים

אין דער וועלט איז גרינבוים איצט באַוואוסט אַלס איינער פון די וויכטיקסטע ציוניסטישע פירער. אין פּוילן איז ער אַ לאַנגע צייט געווען באַקאַנט אַלס אַ אידישער דעפּוטאַט אין פּוילישן סיים. די פּלאָצקער אידן — ציוניסטן און אַנטי־ציוניסטן — האָבן תמיד אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, אַז יצחק גרינבוים איז „אַ שטיקל פּלאָצקער".

פאַרוואָס עפּעס — אַ שטיקל?

ווייל זיין פאַרבונדנקייט מיט פּלאָצק נעמט זיך בלויז פון דעם, וואָס ער האָט זיך דאָ געלערנט אין דער רוסישער גימנאַזיע, וואו אברהם יעקב פּאַפּיערנא איז געווען לערער פון „זאַקאָן באָזשי" (אויך דער דערמאָנטער ש. פענסאָן איז געווען יצחק גרינבוימס לערער).

פאַקטיש איז יצחק גרינבוים אַ פּלאָנסקער, נישט ווייט פון פּלאָצק (פון דאָרטן שטאַמט אויך אַ צווייטער וויכטיקער ציוניסטישער פירער דוד בן־גוריון.) געבוירן אין וואַרשע אין 1879, איז יצחק גרינבוים אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין פּלאָנסק. זיין טאַטע איז געווען אַ משכיל און ער האָט דעריבער געוואָלט געבן זיין זון וועלטלעכע בילדונג. צוליב דעם האָט ער אים טאַקע געשיקט קיין פּלאָצק, אין גימנאַזיע אַריין. דאָ, אין די נייניציקער יאָרן, איז שוין יצחק גרינבוים געווען דורכגעדרונגען מיטן ציוניסטישן געדאַנק און טאַקע אויף דער שול־באַנק, הייבט זיך אָן זיין שטורמישע פּאָליטישע קאַריערע פון אַ ציוניסטישן טוער. גרינבוים האָט זיך אין דער ערשטער טייל פון זיין לעבן אויסגעטיילט פון צווישן פיל ציוניסטישע פירער דערמיט, וואָס ער האָט שטאַרק אַגיטירט און אַליין זיך געווידמעט דעם אַזוי־גערופענעם קעגנוואַרט־פּראָגראַם. מיט פּראָסטע ווערטער

י. גרינבוים

הייסט עס, אַז ער איז געווען אין יענעם פּעריאָד פון זיין לעבן אַ קעגנער פון פאַרנאַכלעסיקן דעם קאַמף פאַר די רעכט פון די אידן אין די אַזוי־גערופענע גלות־לענדער צוליב פּאַלעסטינע. שפּעטער, די לעצטע 10 יאָר, האָט ער מיט געוויסע זיינע אַרויסטרעטונגען געהאַנדלט אין ווידערשפּרוך צו די פּרינציפּן פון זיין ערשטן לעבנס־פּעריאָד אַלס געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער טוער.

אומאָפּהענגיק פון פּאָליטישע מיינונגס־פאַרשידנקייטן, האָבן פּלאָצקער אידן זיך מיט אים געגרויסט און אים געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם.

חיים פלאַקס

אין דער ברייטער אידישער וועלט איז דער דאָזיקער נאָמען ווייניק באַוואוסט, און דאָך האָבן פּלאָצקער אידן זיך געגרויסט מיט חיים פלאַקסן. און ווירקלעך: עס איז דאָ ווערט צו דערמאָנען דעם דאָזיקן מענטש נישט נאָר דערפאַר, וואָס ער איז אַ אידישער שרייבער, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס ער איז איינער פון די אָריגינעלסטע מענטשן, וואָס פּלאָצק האָט ווען נישט איז אַרויסגעגעבן.

אַ געבוירענער אין 1883, איז חיים פלאַקס אויסגעוועזן אַ וועלט (ענגלאַנד, רוסלאַנד, פּאַלעסטינע). זיין ערשטע זאַך האָט ער אָפּגעדרוקט אין עלטער פון 22 יאָר (אין לאָנדאָן). שפּעטער האָט ער זיך געדרוקט אין אַמעריקע און אין פּוילן. קליינע זאַכן, פּיצלעך אימפּרעסיעס, אָפּגעריסענע שטימונגען — דאָס איז חיים פלאַקסעס נוסח פון שרייבן.

אַן איינגעהאַלטענער, אַ גרויסער שווייגער און אַ שטיק חלוש דערצו, האָט פלאַקס בפירוש פאַרנאַכלעסיקט זיין שרייבערישע פעיקייט. תמיד פאַרהאָוועט און פאַרהאָרעוועט אין דעם לאַגער פון אַלט־אייזן פון זיינע עלטערן אויף וויעזשענע גאַס, האָט ער אָפּגעהושכט זיין יוגנט. נאָכן צוריקקומען פון אויסלאַנד, האָט ער ווידער געלעבט אין גרויס דהקות און זיין גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען אָוועקצוגיין פון מענטשן, פאַרברענגען מיט קעלבלעך און מיט אַנדערע בעלי־חי. ער האָט געקענט זייער שפּראַך און זיי האָבן אים אויך זייער גוט פאַרשטאַנען. די פּלאָצקער אינטעליגענץ האָט וועגן אים גערעדט ווי וועגן אַן אייגענעם מין גאַנדי, וואָס לעבט פון קאָזע־מילך און קרייטעכצער. זיין אָפּגעזונדערטקייט פון מענטשן האָט צוגעצויגן צו אים איטשע מאיר ווייסנבערגן, דעם גרויסן אידישן פּאָלקס מענטש, וואָס האָט אַזוי הויך אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישן דעביוט אַלס פּרצעס אַ תלמיד, אָבער ווען עס האָט מיטן גאַנג פון יאָרן אויסגעפעלט ליטעראַרישער אָטעם זיך צו דערהאַלטן אויף די דעראָבערטע הויכקייטן. פאַרביטערט אויף מענטשן, האָט זיך ווייסנבערג דערווייטערט פון דער וואַרשעווער ליטעראַרישער סביבה (אין די יאָרן פון נאָכן ערשטן וועלט־קריג). אַרום אים האָבן זיך מיינסטנס גרופּירט אַזעלכע אידישע ליטעראַטן, וואָס האָבן געהאַט באַרעכטיקטע אָדער אומבאַרעכטיקטע טענות צו דער וועלט.

איינער פון ווייסנבערגס נאָענטע פריינט איז געווען דער פּלאָצקער חיים פלאַקס. אין ווייסנבערגס זאַמלביכער, וועלכע פלעגן די לעצטע 20 יאָרן דערשיינען, ווי ווייסנבערג האָט אַליין עס באַצייכנט, מיט דער „זשעלעכאָווער אָרטאָגראַפיע" (ער האָט געשטאַמט פון פּוילישן שטעטל זשעלעכאָוו), פלעגן זיך דרוקן פון צייט צו צייט חיים פלאַקסעס אייגנאַרטיקע שאַפונגלעך.

אין שטאָט האָט מען געהאַלטן חיים פלאַקסן פאַר אַ „לא יוצלח". קיין פּרנסה האָט ער טאַקע קיינמאָל נישט געהאַט. קודם־כל דערפאַר, ווייל עס האָבן אים געפעלט דאָס, וואָס מען רופט „עלנבויגנס". ער האָט נישט געטויגט פאַר דער טאָג־טעגלעכער האַוועניש, דינגעניש, מאַרק־פּלאָנטעריש.

אין 1920 איז מיר אויסגעקומען אים צו זען אין אַ באַזונדערש דראַמאַטישן מאָמענט פאַר די פּלאָצקער אידן, ווען מען האָט אַלע אידישע יונגעלייט פון דער שטאָט — צוזאַמען מיט די נישט אידישע — מאָביליזירט אין משך פון 24 שעה און זיי אַריבערגעטריבן אויף דער צווייטער זייט ווייסל, ווייל די באָלשעוויסטישע אַרמיי האָט פון פאַרשידענע זייטן זיך שנעל דערנענטערט צו די מויערן פון פּלאָצק.

די דראַמאַטישקייט פון מאָמענט איז נישט באַשטאַנען אין דער מאָביליזאַציע, נאָר דערין, וואָס נאָכן אַריבערגיין איבער דעם ווייסל, האָבן מיר אַלע זיך דערזען, ווי אַרומגערינגלט פון וועלף. די שרעקלעכע אַנטיסעמיטישע העצע, פאַרשפּרייט דורך געוויסנלאָזע ליגנער און שווינדלער, האָט דערפירט די קריסטלעכע רעקרוטן מאַסע צו אַזאַ ווילדקייט, אַז דאָס לעבן פון די אידישע רעקרוטן איז ווירקלעך געווען איינגעשטעלט (2 אידישע יונגעלייט זיינען טאַקע דערהרגעט געוואָרן).

אין אַ פינצטערער נאַכט האָט מען אונז אויסגעשטעלט אינמיטן וואַלד, כדי אונז אָפּצופירן קיין קוטנע. אָבער אַרום האָט נישט אויפגעהערט צו זשומען די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע. „קוילעַנען זיי", „קוילענען זיי" — האָט מען זיך געשושקעט אַרום אונז. עס איז לייכט צו פאַרשטיין די שטימונג פון די אידישע יונגעלייט אין יענער נאַכט.

צווישן אונז איז געווען חיים פלאַקס. ער איז געשטאַנען רואיק מיט זיין זאַק אויף דער פּלייצע

(טאַקע אַ זאַך ממש). נישט ער איז געווען פאַרציטערט פון דער ארומיקער פּאָגראָם־העצע און נישט ער האָט זיך באַטייליקט אין די שטילע שושקרייען פון די צוזאַמענגרופּירטע אידן — שושקרייען וועגן באַשיצן זיך אין פאַל פון אַן אָנפאַל. ווען עס האָט שוין געהאַלטן ביים אָפּמאַרשירן אין דער פינסטערער נאַכט אריין, האָבן מיר פון מויל צו מויל זיך איבערגעגעבן אָנווייזונגען ווי זיך צו האַלטן.

דער צווייי מאָל עלטערער פון מיר חיים פלאַקס (מען האָט מאָביליזירט מענער ביז קנאַפּע 40 יאָר) איז געשטאַנען אין אַ רייע פאַר מיר. ווען איך האָב אָנגעהויבן ריידן צו אים אין דער שטיל וועגן דעם, ווי מיר האָבן באַשלאָסן זיך צו האַלטן, האָט עס אַ מינוט אויסגעזען, אַז ער שאַצט יאָ אָפּ די סכנה, אין וועלכער מיר געפינען זיך. „יהודה — האָט ער צו מיר אויסגערופן אַ געריצטער — די ערלים הערן דאָך אַלץ”. אָבער מער האָט ער זיך נישט אָפּגערופן, מער האָט ער זיך מיט גאָרנישט נישט אינטערעסירט. ער האָט מאַרשירט אַ גאַנצע נאַכט ווי אַ מאַנ־עקין.

ווען מיר זיינען בייטאָג אָנגעקומען קיין קוטנע און זיך געפונען אויפן הויף פון די מיליטערישע קאָשאַרן, האָט עפּעס אַ כוליגאַנישער אויסוואורף גראָד אים אויסגעקליבן פאַר זיין קרבן צו וואַרפן אים אַ פלאַש אין קאָפּ אריין. דער כוליגאַן האָט געהאַלטן די פלאַש אין האַנט און לאַנג זיך ארומגעקוקט, זוכנדיק פאַר זיך אַ קרבן. סוף־כל סוף האָבן זיינע רוצחישע אויגן זיך אָפּגעשטעלט אויפן פאַרשפּיצטן, אַסקעטישן געזיכט פון חיים פלאַקסן. דעם כוליגאַן איז, זעט אויס, געפעלן געוואָרן חיים פלאַקסעס פאַרטראַכטקייט, זיין נישט־דאָאיקייט, און ער האָט באַשלאָסן, „צוריקצוברענגען אים” פון די עולמות העליונים צוריק אויפן הויף פון די קאָשאַרן...

ער האָט אים דעמאָלט שיעור נישט דערהרגעט, דעם מאָדנעם אידישן שרייבער, וואָס איז תמיד געווען אַזוי פאַרפרעמדט צווישן מענטשן און אַזוי היימיש, אַזוי „באַרעדעוודיק” צווישן קאָזעס און קעלבלעך...

ביים קריגס אויסברוך אין 1939 איז חיים פלאַקס, אַ חלוש אין די פּופּציקער, געווען אין פלאָצק. וואו איז ער איצטער?

ליביש אַסטראָווער

אַזוי האָט ער געהייסן אין זיינע יונגע יאָרן — ביי טאַטע־מאַמע אין הויז. אין די רוסישע ביכער־קאַטאַלאָגן פיגורירט ער איצטער אונטערן נאָמען: לעוו אָסטראָוויער. היינט געהערט ער צו די באַדייטנדיקערע סאָוועטישע ראָמאַנען־שרייבער. אָבער שטאַמען שטאַמט ער פון פלאָצק ביי דער ווייסל. איינער פון זיינע ראָמאַנען, וועלכער טראָגט אַן אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער (דער ראָמאַן הייסט אויף רוסיש: „קאָגדא ריעקא מיעניאעט רוסלאָ”, פאַראַן אויך אַ אידישע איבערזעצונג, גיט אויף אַ סך פּרטים וועגן זיין אייגן לעבן, וועגן זיינע פלאָצקער אידישע און פּוילישע חברים און חברטעס, און קודם־כל גיט דאָרטן דער מחבר איבער אויף אַ פרעכטיקן אופן דאָס, וואָס מען רופט, די אַטמאָספער פון זיין געבורט־שטאָט — דאָס, וואָס נחום סאָקאָלאָוו רופט מיטן נאָמען — „הדבר המיוחד”.

זיין פאָטער אברהם יצחק אָסטראָווער האָט געשטאַמט פון פּראַשניץ. נאָכן אָפּלעבן 10 יאָר מיט אַ פרוי, וועלכע האָט אים נישט געבענטשט מיט קיין קינדער, האָט ער זיך געגט און חתונה געהאַט מיט אַ מיידל פון ווייסל־שטעטל זאַקראָטשין. דאָס פּאָר־פאָלק האָט זיך באַזעצט אין פלאָצק און דאָ האָט שיינדל אָסטראָווער (אַזוי הייסט ליביש אָסטראָווערס מוטער) געבוירן 6 קינדער: 4 זין און 2 טעכטער. ליביש איז געווען דאָס דריטע קינד.

די עלטערן זיינען נישט געווען אַזוי רייך, ה׳י פאַרשטענדיק, און זיי האָבן געשיקט כמעט אַלע זייערע קינדער אין גימנאַזיעס. ליביש האָט געענדיקט די פלאָצקער גימנאַזיע מיט אַ מעדאַל (איינער פון זיינע לערער אין דער גימנאַזיע איז נאָך געווען דער אַלטער העברעישער משכיל אברהם פּאַפּיערנאַ). דאַן איז ער אַוועק שטודירן אין אויסלאַנד. ער האָט שטודירט פריער אין אַלטן קראָקעווער אוניווערזיטעט און שפּעטער — אין בערלין. אין 1914 האָט ער געהאַלטן ביים ענדיקן דעם אוניווערזיטעט, אָבער עס איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה און עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז ער זאָל אינטערנירט ווערן דורך די דייטשן אַלס אַ רוסישער בירגער. ער איז שנעל אַוועק פון דייטשלאַנד אין דער שווייץ. פון דאָרטן איז ער אָפּגעפאָרן קיין רוסלאַנד, וואו מען האָט אים מאָביליזירט אַלס מיליטערישן דאָקטאָר. ער האָט אַזוי דורכגעמאַכט דעם גאַנצן קריג און אין קערענסקיס צייטן, ווען ער האָט פאַרלאָזן די ארמיי, האָט ער שוין געהאַט זיך דערדינט צום „טשין” פון אַ פּאָלקאָווניק.

זיין ליטעראַרישע קאַריערע האָט ער אָנגעהויבן נאָך אַלס גימנאַזיסט אין פלאָצק. זיין ערשט ווערק האָט ער אָנגעשריבן און ארויסגעגעבן אין רוסיש אין זיין היימשטאָט. עס איז געווען אַ פּאָעמע, וואָס האָט געהייסן „זשערטווי ליובווי”. שפּעטער, אין קראָקע און אין בערלין, האָט ער זיך דערנענטערט צו אַ רייע אידישע שריפטשטעלער, און גענומען שרייבן און דרוקן אידישע סקיצן. ער איז געווען באַפריינדעט מיט דער פאַמיליע פון דר. נאַטאַן בירנבוים, איינעם פון די באַגייסטערסטע דעמאָקראַטיקע קעמפער פאַר די רעכט פון אידיש (שפּעטער איז ער געשטאָרבן אַלס איינער פון די פירער פון דער אידישער אָרטאָדאָקסיע, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „אגודה”). אין בירנבוימס הויז אין בערלין פלעגט זיך דאַן צוזאַמענקומען די אָנגעפאָרענע אידישע אינטעליגענץ, און אויך ליביש אָסטראָווער, באַפריינדעט מיט בירנבוימס קינדער, איז געווען פון די אָפּטסטע געסט. זייער נאָענט איז ער אויך געוואָרן מיט אברהם רייזינען, מיט אברהם וויעוויאָרקע און יעקב מעסטל. אברהם רייזין דערציילט וועגן אים פיל אינטערעסאַנטע פּרטים אין זיינע זכרונות. זיין ערשט בוך סקיצעס אין אידיש איז דערשינען פאַרן וועלט־קריג אונטערן נאָמען „פאַרוואָס”.

אין רוסלאַנד, אין די שטורעמדיקע טעג פון דער רעוואָלוציע און קאָנטרע־רעוואָלוציע, האָט ער זיך אָפּגעפונען אין איינעם פון די שטורעמדיקע קעסלגריבער פון רעוואָלוציאָנערן אויפברויז — אין אָדעס. דאָרטן האָט ער זיך דערנענטערט צום צענטער פון די גרויסע אידישע און העברעאישע שריפטשטעלער, וואָס האָט זיך גרופּירט אין אָדעס ארום חיים נ־מן ביאַליקן. ער האָט זיך געדריקט אין דער אידישער פּרעסע, וואָס האָט דאָרטן אָנגעהויבן דערשיינען נאָך דער רעוואָלוציע. שפּעטער איז ער אריבער קיין קיעוו און נאָך שפּעטער — קיין מאָסקווע.

איצט איז ליביש אָסטראָווער לאַנג שוין נישט קיין אידישער שרייבער. מיט 20 יאָר צוריק האָט ער אָנגעהויבן שרייבן רוסיש און אין דער דאָזיקער שפּראַך האָט ער פּאַקטיש ברייט אַנטוויקלט זיין ליטעראַרישן טאַלאַנט. ער האָט ארויסגעגעבן ביז איצט אַ רייע ראָמאַנען, אַ טייל פון זיי זיינען געווידמעט אידישע טעמעס. גלייכצייטיק האָט ער נישט אויפגעהערט צו פּראַקטיצירן מעדיצין. אַ רייע ביכער זיינע זיינען איבערזעצט געוואָרן אין אידיש (אין רוסלאַנד). צווישן די סאָוועטישע שרייבער פאַרנעמט ער איצט אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ. ער פאַרנעמט אויך איצט פאַרשידענע בכבודיקע אַמטן אין דער מאָסקווער שרייבער־אָרגאַניזאַציע. ווי אַ טרייער סאָוועטישער בירגער האָט ער, פאַרשטייט זיך, שוין לאַנג איבערגעריסן אַלע פעדים, וואָס האָבן אים געבונדן מיט דער „פאַרשימלטער אייראָפּע”, אָבער אַן אויפמערקזאַמער לעזער וועט געפינען אין אָסטראָווערס ביכער יענעם ראָמאַנטישן טאָן, וואָס פיל פלאָצקער האָבן איינגעזאַפּט אין זייער בלוט אין דער ראָמאַנטישער שטאָט פלאָצק אין די יאָרן פון זייער קינדהייט און יוגנט.

עליאָוויטש

זיין פאָטער איז געווען אַ באַקאַנטער פלאָצקער איד, וואָס האָט געהאַט 2 פּרנסות: בדחנות און צייטונגס־פאַרשפּרייטעריי. פוןביידע פּרנסות איז קיין זאַטקייט אין הויז נישט געווען. אָבער זיין שטוב אויף דער ביעלסקער גאַס נעבן מאַגיסטראַט איז געווען פון די פּאָפּולערסטע אידישע שטובן אין שטאָט. ווער זאָל עס דאָס נישט קענען דעם דאָזיקן נידעריקן שוואַרצן איד אין ברילן, וועלכער — ווען ער גיט זיך אַ שטעל ארויף אויף עפּעס אַ חתונה אויף אַ שטול און הייבט אָן אויסזינגען זיינע טרויעריקע און פריילעכע שטיקלעך, גייט אַ געוויין און אַ געלעכטער איבערן חתונה זאַל, אָפּהענגיק פונם ווילן פונם דאָזיקן איד. דעם בדחן, וועלכער קוקט אויפמערקזאַם דורך זיינע פאַרמרוזשעטע אויגן און שוואַרצע ברילן אויפן עולם. דאָס וויכטיקסטע איז ביי אים געווען — נישט לאָזן דעם עולם זיין צופיל טרויעריק, אָבער אויך נישט לאָזן זיי פאַרגעסן, אַז אויף שמחות דאַרף מען אויך אַביסל ביי אידן טרויערן...

די צווייטע סיבה פון דער גרויסער פּאָפּולאַריטעט פון בדחנס וואוינונג אויף ביעלסקער גאַס (אידן האָבן זי גערופן אביסל פאַראידישט „באַלסקער גאַס”), זיינען געווען — די וואַרשעווער צייטונגען. ביי אים האָט מען געקענט קריגן נישט נאָר אַ „היינט” און אַ „מאָמענט”, נאָר אויך פאַרשי־

דענע וואָכנבלעטער, וועלכע האָבן געהאט אן אינטערעס פאַר ספּעציעלע לייענער — פאַר אַזעלכע לייענער, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט אידישע פּאַרטייען, מיט ספּעציעלע אידישע פּראָבלעמען. ווער געדענקט נישט, למשל, דעם אינטערעס, וואָס עס האָט אין די יאָרן פון ערשטן וועלט־קריג אַרויסגערופן אין פּוילן די אנטשטייאונג און גיכער וואוקס פון דער אידישער פאָלקס־פּאַרטיי און איר וואָכנבלאַט „דאָס פאָלק"? אַלס קליין אינגל פלעג איך יעדן פרייטיק לויפן צו עליאָוויטשן, דעם בדחן און צייטונג־אַגענט, איינקויפן א גאַנצן באַרג צייטונגען און וואָכנבלעטער, וועלכע מיין עלטערער ברודער האָט געשלונגען ממש ווי מיט בעקערישע לאָפּעטעס. יעדעסמאָל ווען איך בין אריבערגעטראָטן די שוועל פון בדחנס שטוב, האָב איך געפילט עפּעס א ציטער, ווי איך וואָלט אריינגעקומען אין אַ הייליקן טעמפּל: אַ קליינינקייט, עס האָט ממש פאַריסן פון די ריחות פון פרישער צייטונגס פאַרב, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די פּעק צייטונגען.

און כאָטש עס איז נישט געווען קיין צו שטאַרקע פּרנסה אין דאָזיקן הויז (שא, דאַכט זיך, אַז דער בדחן האָט געהאט נאָך אַ דריטע פּרנסה — ער האָט, דאַכט זיך, אויך געהאַנדלט מיט לאָטעריי צעטעלעך), זיינען אויפגעוואַקסן ביי עליאָוויטשן פיינע קינדער, פון וועלכע איינער, דער עלטסטער, איז געוואָרן אַ באַרימטער אידישער מאַלער.

איך מיין, אַז עליאָוויטש איז געווען דער בעסטער אידישער פּאָרטרעטן־מאָלער. דאָס האָט אים שפּעטער אַביסל קאַליע־געמאַכט. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזן אויפן וועג פון זוכן רייכע קונים, וועלכע זאָלן קענען גוט באַצאָלן פאַר אַ פּאָרטרעט. ער איז געוואָרן איינגיכן איינער פון די „טייערסטע" פּאָרטרעטן מאָלערס אין פּוילן. נאָך שפּעטער איז ער געוואָרן אַ קונסט־הענדלער.

ער איז געווען זייער באַפריינדעט מיט פּרצן. דאָס האָט ער געמאָלן דעם בעסטן פּרץ־פּאָרטרעט, וואָס איז פיל מאָל רעפּראָדוצירט געוואָרן שפּעטער אין ביכער און זשורנאַלן: פּרץ שטייט ביי אַ טיש, ווי ער וואָלט געפירט אַן אַסיפה אָדער זיך געגרייט צו האַלטן אַ רעדע. דער אָריגינאַל פון דאָזיקן פּרעכטיקן פּרץ־פּאָרטרעט האָט באַשיינט אַלע יאָרן דעם הויפּטזאַל פון וואַרשעווער אידישן ליטעראַטן־פאַריין אויף טלאָמאַצקע 13. דער אַלטער עליאָוויטש, דער פּלאָצקער בדחן, פלעגט מיט שטאָלץ ווייזן די פּלאָצקער אידן פּרצעס אַ מתנה צו זיין זון, דעם גרויסן מאָלער: אַן אָפּגעדרוקטן עקזעמפּלאַר פון פּרצעס „מאָניש" מיט צושריפטן פון פּרצן אַליין, טעקסט־ענדערונגען געמאַכט מיט פּרצעס פערלדיקער האַנטשריפט.

ביים אויסברוך פון איצטיקן קריג איז דער מאָלער עליאָוויטש געווען אין וואַרשע. זיין איצטיקער גורל איז אומבאַקאַנט.

וואָלף און משה גרויבאַרד

ביידע שטאַמען פון אַ פאַרצווייגטער פאַמיליע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פון זיך פיל אינטערעסאַנטע מענטשן. איינער פון זייערע עלטערע ברידער איז דער באַקאַנטער אַמעריקאַנער אידישער יוניאָן־טוער ראָבערטס (פירער פון דער ניו־יאָרקער קעפּמעיקער־יוניאָן און אָנגעזעענער טוער פון אַרבעטער רינג). אַ צווייטער ברודער זייערער איז דער באַקאַנטער לערער פון די אַרבעטער־רינג שולן אין שיקאַגאָ. פאַראַן נאָך א דריטער, עלטערער ברודער, וועלכער איז אַ לאַנגיאָריקער טוער פון אַרבעטער רינג אין ניו־יאָרק. דאָ רעדן מיר אויספירלעכער וועגן די צוויי יונגסטע זין אין דער משפּחה, ווייל זיי זיינען געוואַקסן און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין פּלאָצק. פריער האָט די פאַמיליע געלעבט אין שטעטעלע שרענסק (מלאווער געגנט).

אין די יונגלשע יאָרן פון וואָלף און משה גרויבאַרד איז זייער פאַמיליע אַריבערגעפאָרן קיין פּלאָצק (די עלטערע ברידער זיינען שוין דאַן געווען אין אַמעריקע). דער פאָטער איז געווען אין פּלאָצק משמש אין גרויסן בית־המדרש אויף דער ברייטער גאַס, אָבער כבוד האָט אים די שטאָט אָפּגעגעבן מער, ווי א רב. און ער האָט עס פאַרדינט — כשר פאַרדינט. עס איז געווען אַן ערנווירדיקער, פיינער און שטאָלצער איד, וואָס האָט, כאָטש ער איז געווען „בלויז" אַ משמש, ווירקלעך באַשיינט די שטאָט.

דער עלטערער פון די צוויי אינגלעך, וועלכע זיינען געווען מיט אים, איז אַוועק אין דער גרויסער אידישער מעטאַל פאַבריק פון די מאַרגוליעסעס ווערן א מעטאַל אַרבעטער. געראָטן אין פיל הינזיכטן אין טאַטן אריין, איז דער דאָזיקער בחור (מיר ריידן וועגן וואָלפן) געווען קלוג און ערנסט, באַלעזן און וויליק צו טון געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. הויך און ברייטפּלייציק, פלעגט ער נאָך דער שווערער פאַבריקס־אַרבעט, איינער פון די געציילטע אידישע פאַבריק־אַרבעטער אין שטאָט, פאַרברענגען די אָוונטן מיט א גרופּע יונגע אַרבעטער און גימנאַזיסטן, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געגרינדעט אַ „אידישן יוגנט קולטור־פאַריין", וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סאָציאַליסטישער יוגנט אָרגאַניזאַציע. וואָלף איז געווען דער פאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע. זיינע חברים, כאָטש זיי זיינען געווען מייסטנס „פּריוויליגירטע" גימנאַזיסטן, האָבן געהאַלטן פאַר אַ כבוד צו זיין חברים מיט וואָלפן.

שפּעטער איז אויסגעבראָכן דער פּויליש־־סאָוועטישער קריג אין 1920 און וואָלף איז גענומען געוואָרן צום מיליטער. ביי גראָדנע איז ער אריינגעפאַלן אין סאָוועטישער געפאַנגענשאַפט און ער האָט באַשלאָסן צו בלייבן אין סאָוועט־רוסלאַנד. ער האָט טאַקע אָפּגעגעבן דעם דאָזיקן לאַנד אַלע זיינע כוחות און פעיקייטן. ער איז זיך צוזאַמענגעוואַקסן מיטן דאָזיקן לאַנד, וועלכעס האָט אים געגעבן אַלע מעגלעכקייטן צו וואַקסן און זיך צו אַנטוויקלען.

קיין גענויע ידיעות וועגן דער אַנטוויקלונג פון וואָלף גרויבאַרדס קאַריערע אין סאָוועט רוסלאַנד באַזיצן מיר נישט. לויט די אָפּגעריסענע אינפאָרמאַציעס, וואָס עס פאַרמאָגט זיין פאַמיליע אין אַמעריקע, איז וואָלף אַוועק אויפן וועג פון אַ מיליטערישער קאַריערע. נאָך מער: ער האָט זיך געווידמעט דעם סאָוועטישן פלאָט. ער האָט פאַר די העכער 20 יאָר פאַרנומען פאַרשידענע וויכטיקע אַמטן: פון אַ סובמאַרין־קאָמאַנדיר ביז אַן אַדמיראַל. ער האָט אין רוסלאַנד חתונה געהאַט מיט אַ רוסישער פרוי און געהאַט מיט איר אַ פּאָר קינדער. וואָס ער טוט איצטער איז נישט באַוואוסט. ווער עס האָט געקענט זיין אינערלעכן פייער און זיין טיפן אידעאַליזם, דער צווייפלט נישט, אַז אַדמיראַל וואָלף גרויבאַרד איז אין די פאָדערשטע רייען פון יענע סאָוועטישע קעמפער, וואָס טוען אַלץ, כדי צו פאַרגיכערן היטלערס מיליטערישע מפּלה.

איצט — וועגן יונגערן פון די צוויי אָנגערופענע ברידער, וועגן משה גרויבאַרדן.

אין עלטער פון 17 יאָר האָט משה גרויבאַרד פאַרלאָזן, צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע, די שטאָט פּלאָצק און אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע. פאַרן אָפּפאָר פון פּלאָצק, האָט משה גרויבאַרד געהערט צו דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט" אין פּלאָצק. גאָר האַרט פאַרן אָפּפאָר קיין אַמעריקע, איז ער צוזאַמען מיט אַ גרויסער טייל מיטגלידער פון דער „צוקונפט" אַוועק און געגרינדעט אַ נייע יוגנט אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „פרייהייט". איר פּראָגראַם איז געווען אומפּאַרטייאישקייט, אָבער אינגיכן האָבן די „פרייהייט" אָרגאַניזאַציעס זיך פאַראייניקט מיט דער קאָמוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע (סך־הכל זיינען געווען אין גאַנץ פּוילן דעמאָלט דריי אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס: אין וולאָצלאַוועק, פּלאָצק און וואַרשע).

אין אַמעריקע האָט משה גרויבאַרד אַדורכגעמאַכט אַ שווערע יוגנט. עס האָט אים געצויגן צו אַ וויסנשאַפטלעכער קאַריערע, און כדי זי צו דערגרייכן האָט ער געמוזט ביי טאָג אַרבעטן און ביי נאַכט זיך לערנען.

פון 1922 ביז 1930 האָט משה גרויבאַרד ענערגיש שטודירט. אין 1930 באַקומט ער זיין טיטול פון דאָקטאָר־פילאָזאָפיע אינם ניו־יאָרקער באַרימטן קאָלאָמביאַ־ אוניווערזיטעט (דאָס איז שוין געווען זיין צווייטער אוניווערזיטעט דיפּלאָם). זיין געביט איז: ביאָ־כעמיע. ער האָט שטודירט ביאָ־כעמיע אין אויסלאַנד אַלס סטיפּענדיאַנט פון פאַרשידענע וויכטיקע אַמעריקאַנער וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. איצט איז ער אין אַמעריקע באַקאַנט אַלס דער מחבר פון אַ רייע ביכער פון געביט פון בין־כעמיע, שפּייז־פּראָבלעמען, גענעטיק, פיזיאָלאָגיע א. א. לאַנג פאַרן באַקומען זיין דיפּלאָם פון דאָקטאָר פילאָזאָפיע אין קאָלומביע אוניווערזיטעט (אָפיציעל האָט ער שטודירט פיזיאָלאָגיע), איז ער שוין געווען אין דאָזיקן אוניווערזיטעט אינסטרוקטאָר פון זאָאָלאָגיע און גענעטיק (1928—1931). שפּעטער, פון 1938 ביז 1941, איז ער געווען געהילף־דירעקטאָר פון דער פאָרשונגס־לאַבאָראַטאָריע פון פיזיאָלאָגיע אין קלאַרק־אוניווערזיטעט. זינט 1941 פאַרנעמט ער א הויכן אַמט אין אַגריקולטור דעפּאַרטאַמענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין וואַשינגטאָן. ער פירט אָן מיטן אָפּטייל פון אַרבעטער אויפקלערונג בנוגע באַשפּייזונג ביים „וואָר־פוד־אַדמיניסטרעישאָן".

ווי געזאָגט, האָט משה גרויבאַרד פאַר דער צייט אויך שטודירט אין אויסלאַנד. ער פלעגט גע־

שיקט ווערן אויף פאַרשידענע שטודיר־רייזעס אין פאַרשידענע עקן וועלט. צווישן אנדערן האָט ער אדורכגעמאַכט אַ רייזע צו שטודירן די שפּייז־מנהגים פון ווילדע פעלקער. אַלס שליח פון פאַרשידענע אַמעריקאַנער וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, האָט ער באַזוכט דייטשלאַנד, פראַנקרייך, שווייצאַריע, סאָוועט־רוסלאַנד און אַנדערע לענדער. זינט 15 יאָר צייט איז ער באַקאַנט נישט נאָר אַלס מחבר פון פאַרשידענע וויסנשאַפטלעכע ווערק אין בוכפאָרם, נאָר אויך אַלס באַטייליקטער אין אַן אַ שיעור וויסנשאַפטלעכע און אַלגעמיינע אַמעריקאַנער זשורנאַלן.

אַ צייט האָט גרויבאַרד אויך געהאַט אין אַמעריקע געוויסע סימפּאַטיעס פאַר דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. היינט איז ער נישט נאָר אַ קעגנער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, נאָר פון מאַרקסיזם בכלל. זיין איינציקע פאַראינטערעסירונג איז איצט — די וויסנשאַפט. זיין הויפּט־אינטערעס אין דער וויסנשאַפט איז מענטשלעכע שפּייז, מזונות. איר טראַכט: אַן אומאינטערעסאַנטע טעמע. אַנו, זעצט זיך אוועק שמועסן מיט דר. מאַרק (משה) גרויבאַרד און איר וועט זען, ווי אינטערעסאַנט ער קען וועגן דעם רעדן.

משה בעקער (קאָוואַלסקי)

אין די צייטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך אַרומגעדרייט אין פּלאָצק אַ יונגערמאַן, וואָס איז קיינמאָל נישט אַרויס פון גימנאַזיסטישן מונדיר און אין בליק זיינעם פון הינטערן פּענסנע איז געווען עפּעס שאַרפעס, וואָס האָט אייך געשניטן, ווי אַ מעסער — אפילו ווען ער האָט צו אייך גאָרנישט נישט געהאַט.

נאָך שאַרפער איז געווען זיין צונג. אָפּגערעדט שוין אַלס רעדנער — ער איז געווען אַ גוטער, אַ פּליסיקער, שאַרפזיניקער און בייסיקער רעדנער. אָבער אויך אין פּריוואַטן רעדן האָט ער געהאַט אין זיך עפּעס שאַרפעס, עפּעס בייסיקעס. אַז איר האָט גערעדט מיט אים, האָט איר געטראַכט: דער מענטש שטרעבט אָן אַלע זיינע חושים פאַר איין צוועק — ווי יענעמען בעסער „אַריינצוזאָגן"...

דאָס איז געווען משה בעקער, אָדער ווי ער האָט זיך שפּעטער גערופן אַלס באַקאַנטער סאָוועטישער זשורנאַליסט — קאָוואַלסקי.

נאָך אַלס יונגער גימנאַזיסט איז ער אַריינגעטראָטן אין דער פּ. ס. ד. (סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון קעניגרייך פּוילן און ליטע, וועלכע איז געשטאַנען זייער נאָענט צום באָלשעוויסטישן פליגל פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער רעפּרעזענטירט מיט זיך אין פּלאָצק דעם טיפּ פון אַ אידישן סאָציאַליסט־אַסימילאַטאָר, וואָס לאַכט אָפּ פון יענע אידישע סאָציאַליסטן, וועלכע מיינען, אַז כדי צו זיין אַ סאָציאַליסט מוז מען נישט דווקא אויפהערן צו זיין אַ איד. אין עפנטלעכע דיסקוסיעס אין דעמאָלסטיקן פּלאָצקער קולטור־פאַריין „הזמיר" האָט ער געמאַכט אַש און בלאָטע פון אַלע בונדיסטן און פּועלי־ציוניסטן פאַר דעם, וואָס זיי הערן נישט אויף צו „פּלאַפּלען" וועגן ספּעציעלע נאַציאָנאַלע רעכט פון די אידישע מאַסן.

אַליין האָט משה בעקער געשטאַמט גראָד פון אַ נאַציאָנאַל־געשטימטער אידישער פאַמיליע. זיין פאָטער איז געווען דער פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּלאָצק און אַלע זיינע טרוימען זיינען געווען פאַרבונדן מיט עולה־זיין קיין פּאַלעסטינע. דערווייל האָט ער זיך געהאַט אַ שטיקל לאַנדווירטשאַפט נעבן פּלאָצק און געפּראָוועט דאָרטן אמתע פאַרמערייי — ווי גאָט האָט געבאָטן. דער אידישער היסטאָריקער בעקער איז, דאַכט זיך, געווען משה בעקערס אַ פעטער.

משה בעקער האָט געפירט עפנטלעכע דעבאַטעס מיט זיין אייגענעם טאַטן. צוליב אָריגינאַליטעט פלעגט ער אין פּאָלעמיקעס אָנרופן דעם טאַטן „הער בעקער". עס פלעגט שוין איינמאָל זיין אַ סענסאַציע אין שטאָט: „הער בעקער האָט געזאָגט...", „הער בעקער מיינט"... הער בעקער וויל אונז איינרעדן"...

שפּעטער, ביים סוף פון קריג, איז משה בעקער אוועק פון פּלאָצק. מען האָט געזאָגט, אַז ער איז אוועק קיין רוסלאַנד, וואו עס זיינען דאַן שוין געווען ביי דער מאַכט די באָלשעוויקעס. אין 1920 בעתן פּויליש־באָלשעוויסטישן קריג, איז בעקער אַרויסגעשוואומען אין ביאַליסטאָק אַלס באָלשעוויסטישער פאָרשטייער.

מיינער אַ פריינט, וועלכער איז דאַן געווען אין ביאַליסטאָק דער סעקרעטאַר פון דאָרטיקן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָפ. פאַריין פון טעקסטיל אַרבעטער, האָט מיר איבערגעגעבן וועגן דעם די פאָלגנדיקע אינטערעסאַנטע פּרטים:

אַ געוויסן טאָג, ווען די באָלשעוויקעס זיינען נאָך נישט געווען אין שטאָט, זיינען צו אים, צו מיין חבר, וועלכער איז געווען אַ בונדיסט, געקומען עטלעכע קאָמוניסטישע טוער און געבעטן ביי אים הילף פאַר איינעם, וואָס באַהאַלט זיך אויס פון דער פּאָליטישער פּאָליציי. צוזאַמען מיט מיין חבר האָבן זיי געפונען אַ וועג ווי אַזוי צו „דעקן" דעם מענטש, וועגן וועלכן עס רעדט זיך. ווען אַלץ איז איינגעאָרדנט געוואָרן, אַז דער מענטש זאָל זיך פילן זיכער, האָט ער זיך גענומען באַווייזן אין טעקסטיל־פאַריין און פירן צווישן די אַרבעטער קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע. ער איז געווען אָרעם געקליידעט און ער האָט געקענט ריידן צו אַרבעטער. אַז ער איז אַ געקומענער פון דער באָלשעוויסטישער זייט, האָט מיין פריינט דעמאָלט נישט געוואוסט. דאָס האָט ער זיך דערוואוסט שפּעטער, ווען די באָלשעוויסטישע אַרמיי האָט פאַרנומען ביאַליסטאָק. אין איין אויגנבליק האָט דער „אָרעמער אַרבעטער" זיך פאַרוואַנדלט אין אַ באָלשעוויסטישן דיקטאַטאָר. ער איז געשטאַנען אויף אַלע פּלאַטפאָרמעס און געהאַלטן רעדעס אין נאָמען פון מאָסקווער באָלשעוויסטישן קאָמיסאַרן־ראַט און אין נאָמען פון דער „צייטווייליקער פּוילישער רעגירונג", וואָס די באָלשעוויקעס האָבן דאַן אויסגעבילדעט, מיינענדיק, אַז אָט־אָט פאַרנעמען זיי פּוילן.

מיט אידישע זאַכן האָט ער זיך נישט פאַרנומען — ער איז געווען אַנגאַזשירט אין דער אַלגעמיינער פּאָליטישער טעטיקייט, ער איז געווען איינער פון די וואָרט־זאָגער פון דער „צייטווייליקער פּוילישער רעגירונג". אַ געוויסן טאָג איז ער אַריינגעקומען צו זיין בעל־טובה, מיין חבר, וועלכער איז געווען סעקרעטאַר פון טעקסטיל־פאַריין, און אים דערקלערט מיטן האַרבן וואָרט, אַז ער מוז תיכף „איבערגעבן" דעם פאַריין צו די באָלשעוויקעס, ווייל אַנדערש...

ווען די באָלשעוויסטישע אַרמיי איז אָפּגעטראָטן צוריק, איז משה בעקער אַוועק צוזאַמען מיט איר.

נאָכן פּויליש־באָלשעוויסטישן קריג האָט משה בעקער זיך גענומען אין רוסלאַנד צו דער פּעדער. עס האָט זיך מיט אים פאַראינטערעסירט איינער פון די גרעסטע קעפּ אין דעמאָלסטיקן באָלשעוויסטישן רוסלאַנד קאַרל ראַדעק. אַליין אַן אָפּשטאַמיקער פון פּוילן (זיין היים־שטאָט איז געווען די מערב־גאַליציישע שטאָט טאַרנאָוו) האָט ער ספּעציעל ליב געהאַט צוצוקלייבן זיך מיטאַרבעטער פון פּוילישער אָפּשטאַמונג. משה בעקער איז אַריין אין סאָוועטישן זשורנאַליזם און אַריין — טיף. ער האָט רעדאַקטירט אַן אָוונט־צייטונג אין מאָסקווע, געפאָרן אַלס אויסלענדישער קאָרעספּאָנדענט פון „טאַס" (סאָוועטישע אָפיציעלע טעלעגראַפן אַגענטור) קיין פּאַריז, פּראָג און וואַרשע. דאָ האָט ער פאַרבראַכט אַ היפּשע צייט אונטערן נאָמען קאָוואַלסקי. ער איז געווען באַקאַנט און פּאָפּולער אין אַלע פּוילישע און אויסלענדישע זשורנאַליסטישע קרייזן פון וואַרשע. ער איז אויף אַ צייט אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין עפּעס אַן אַנדערער אייראָפּעאישער הויפּטשטאָט (דאַכט זיך, פּאַריז) און ווידער צוריקגעקומען. קיינער אין פּוילן האָט נישט געוואוסט, אַז דער דאָזיקער עלעגאַנטער שאַרפזיניקער און בייסיקער סאָוועטישער זשורנאַליסט קאָוואַלסקי איז אַ פּלאָצקער איד, וואָס הייסט משה בעקער. איך פלעג זיך מיט אים באַגעגענען ביי פאַרשידענע זשורנאַליסטישע געלעגנהייטן. דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך און אפשר וועל איך זיך נאָך אַמאָל האָבן אַ געלעגנהייט אומצוקערן צו דער דאָזיקער טעמע. איצט האָב איך נישט קיין פּלאַץ פאַר דעם.

אין 1937, אין פּעריאָד פון די דראַמאַטישע גרויסע פּראָצעסן פון די ווייכטיקסטע סאָוועטישע פירער, איז קאָוואַלסקי געווען אין רוסלאַנד. ווען עס איז אַרעסטירט געוואָרן ראַדעק — קאַרל ראַדעק, וועמען משה בעקער קאָוואַלסקי האָט געהאַט אַזויפיל צו פאַרדאַנקען אין זיין פּערזענלעכער קאַריערע — האָב איך איבערגעלייענט אין דער מאָסקווער סאָוועטישער פּרעסע, וועלכע פלעגט אָנקומען קיין וואַרשע, אַ שאַרפן אַרטיקל פון תלמיד קעגן דעם רבין. דער טאָן איז געווען מער ווייניקער אַזאַ, אַז נאָך איין שפּיאָן, נאָך איין פאַשיסטישער הונט איז אַרעסטירט געוואָרן, און עס איז אַ גליק, וואָס די סאָוועטישע גערעכטיקייט האָט אים דערגרייכט. גלייכצייטיק האָבן אויפן אָרט פון ראַדעקס אַרטיקלען וועגן דער אויסלענדישער פּאָליטיק זיך גענומען באַווייזן אַרטיקלען פון זיין תלמיד משה קאָוואַלסקי. ווען עס איז מיט אַ קורצער צייט שפּעטער געקומען ראַדעקס פּראָצעס, איז

משה בעקער אַוועק אַ שריט ווייטער: ער איז געווען אויפֿן פּראָצעס איינער פֿון די הויפּט־עדות קעגן ראַדעקן, ער האָט צוגעשטעלט צום פּראָצעס „זאַכלעכע באַווייזן", אַז ראַדעק האָט זיך געהאַט פֿאַרבונדן מיט דער פֿאַשיסטישער קליקע אין פּוילן און געווען זייערער אַ שטילער אַגענט...

ווער עס האָט גוט געקענט משה בעקער־קאָוואַלסקין, יענער האָט געוואוסט, אַז דער דאָזיקער מענטש איז מסוגל צו טון פֿיל אומדערלאָזבאַרע זאַכן. אָבער דאָס, וואָס ער האָט געטון קעגן זיין רבין ראַדעק, האָט איבערגעשטיגן — ווייט־ווייט איבערגעשטיגן! — אַלע מעגלעכע פֿאָרויסזעונגען.

און שטעלט אייך פֿאָר: מיט עטלעכע חדשים שפּעטער איז אויך קאָוואַלסקי אַרעסטירט געוואָרן. די באַשולדיקונג קעגן אים איז געווען די זעלבע, ווי קעגן ראַדעקן: אַן אַגענט, אַ שפּיאָן פֿון די פּוילישע פֿאַשיסטן.

איך ווייס נישט צי משה בעקער־קאָוואַלסקי לעבט איצט צי נישט. ער האָט נישט געהאַט קיין עפֿנטלעכן פּראָצעס און דערפֿאַר איז נישט פֿאַראַן קיין גענויע אינפֿאָרמאַציעס וועגן זיין ווייטערדיקן גורל.

נתן קאָזשען

די לעצטע יאָרן פֿאַרן איצטיקן וועלט־קריג איז נתן קאָזשען געווען אַ באַקאַנטער נאָמען ניט נאָר אין דער אידישער קינסטלערישער וועלט פֿון פּוילן, נאָר אויך אין דער ברייטער פּוילישער עפֿנטלעכקייט. נישט געווען קיין ערנסטע אַלגעמיין־פּוילישע אויסשטעלונג אָן נתן קאָזשענס בילדער. און יעדעסמאָל, ווען קאָזשען האָט עפּעס אויסגעשטעלט, האָט די קונסט־קריטיק — די פּוילישע, ווי די אידישע — געהאַט פֿאַר קאָזשענען נאָר לויב־ווערטער.

נתן קאָזשען איז אַ פּלאָצקער. זיין וועג צו די הויכע שטאַפּלען פֿון דער מאָלערישער קונסט איז געווען אַ שווערער, אַ דערנער־פֿולער. מען קען זאָגן, אַז אויב נתן קאָזשען איז געוואָרן אַן אָנערקענטער מאָלער, האָט ער עס צו פֿאַרדאַנקען אויסשליסלעך זיך אַליין. אין אַמעריקע זאָגט מען אין אַזאַ פֿאַל: „הי איז אַ סעלף־מעיד מען" (ער האָט זיך אַליין געמאַכט פֿאַר אַ מענטש). דער אויסדרוק איז זייער צוגעפּאַסט צו נתן קאָזשענען. ווען נישט זיין עקשנות, זיין ענערגיע און זיין פֿאַרליבטקייט אין דער מאָלעריי, וואָלט ער נישט אויסגעהאַלטן די יאָרן פֿון שווערן, איינזאַמען גאַנג דורך אָרעמקייט און הונגער. און נישט־געקוקט אויף זיין גרויסן טאַלאַנט איז זיין קאָפּ קיינמאָל נישט געווען פֿריי פֿון מאַטעריעלע זאָרגן. אַ שטילער, אַ געלאַסענער, אַ בכבודיקער האָט ער זיך געהאַלטן שטאָלץ און ווירדיק. נאָר גאָר נאָענטע מענטשן האָבן געוואוסט, אַז עס פֿעלט אים תמיד אויס דער צווייטער זלאָטי...

נתן קאָזשען שטאַמט פֿון דער אמתער פֿאָלקס געדיכטעניש. זיין שווער־האָרעוונדיקע מאַמע האָט פֿונדעסטוועגן געהאַט די געזונטע שטרעבונג צו האָבן אינטעליגענטע, גוט־דערצויגענע און געבילדעטע קינדער. נתן איז געווען דער עלטסטער, אויב איך האָב נישט קיין טעות. אים האָבן די עלטערן אַמווייניקסטן געגעבן — ער האָט זיך אַליין דורכגעשניטן זיין וועג.

אין די יאָרן פֿון ערשטן וועלט־קריג האָט נתן קאָזשען געהערט צו יענער גרופּע אידישיסטישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן באַשיינט און רייך־געמאַכט די שטאָט. תמיד מיט פּענזלען און פֿאַרבן אין דער האַנט, האָט ער געמאָלן די שיינע פּלאָצקער בערג, די שיינע פּלאָצקער נאַטור. דערביי האָט ער נאָך אין יענע יאָרן געהאַט זייער אַן ערנסטן אינטערעס אין פּאָליטישן לעבן. אַ צייט איז ער געווען אַ מיטגליד אין פּלאָצקער קאָמיטעט פֿון „בונד". שפּעטער האָט אים די קונסט איינגעשלונגען אינגאַנצן. אין די יאָרן פֿון זיין וואַרשעווער באַרג־אַרויף האָט ער נישט אַרויסגעוויזן קיין שום פֿאַראינטערעסירונג אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ער איז געווען אומפּאַרטייאיש אין בוכשטעבלעכן זין פֿון וואָרט.

ווען עס איז אויסגעבראָכן דער איצטיקער וועלט־קריג, האָט קאָזשען צוזאַמען מיט אַ הונדערט אידישע שרייבער און קינסטלער זיך אָפּגעפֿונען אין ווילנע, וועלכע האָט אין משך פֿון עטלעכע מאָנאַטן אַ 4 מאָל געביטן דעם רעזשים: פֿריער זיינען אַריינגעקומען די באָלשעוויקעס, ביים סוף 1939 האָבן די באָלשעוויקעס אַוועקגעשאָנקען די שטאָט צו דער קליינער ליטווישער מלוכה, זומער 1940 האָבן די באָלשעוויקעס צוריקגענומען

די שטאָט (צוזאַמען מיט גאַנץ ליטע) פֿון די ליטווינער.

יעדע פּאַרטייאישע גרופּע האָט געהאַט דאָן שטיצע פֿון אַמעריקע. די וואַרשעווער אידישע ליטעראַטן האָבן געהאַט אַן אייגענע היים אויף סאַדאָווא 7, געשטיצט דורך עטלעכע אידישע אָרגאַניזאַציעס (דער אַמעריקאַנער „דזשאָינט", דער אַמעריקאַנער אידישער אַרבעטער קאָמיטעט, דער אַמעריקאַנער י. ל. פּרץ־שרייבער־פֿאַריין, דער ווילנער „טאָז".) קאָזשען האָט זיך אַרומגעדרייט אַן איינזאַמער און פֿאַרלאָזענער אויף די אומעטיקע ווילנער גאַסן. אָבער די וואַרשעווער אידישע ליטעראַטן האָבן אים אַריינגענומען צווישן זיך ווי אַן אייגענעם, צוזאַמען מיט זיי איז געווען קאָזשענען אַביסל לייכטער דורכצוהאַלטן די ביטערע צייט.

ווען עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פֿון אַמעריקע און פּאַלעסטינע רייזע־פּאַפּירן פֿאַר פֿיל אידישע ליטעראַטן און געזעלשאַפֿטלעכע טוער, האָט קאָזשען נישט געהאַט צו וועמען זיך צו ווענדן. ער איז געבליבן אָדער אין ווילנע אָדער אויף דער טעריטאָריע פֿון סאָוועט רולאַנד — איך ווייס נישט גענוי. אויב ער זאָל האָבן געבליבן אין ווילנע און אומגעקומען פֿון די נאַצישע הענט, וואָלט עס געווען אַ באַדייטנדיקער פֿאַרלוסט פֿאַר דער אידישער קינסטלערישער וועלט.

אדאַם דאָמב

דאָס איז געווען איינער פֿון די מערקווירדיקסטע טיפּן, וואָס דאָס אידישע פּלאָצק האָט אַרויסגעגעבן. וועגן פֿיל מענטשן זאָגט מען, אַז „זיי האָבן באַרעכטיקט די האָפֿענונגען, וואָס מען האָט אויף זיי געלייגט". וועגן דאָמבן קען מען זאָגן, אַז ער האָט באַדייטנדיק איבערגעשטיגן די האָפֿענונגען, וואָס פּלאָצק האָט ווען נישט איז אויף אים געלייגט.

ער האָט געשטאַמט פֿון דער אידישער פֿאָלקסמאַסע, אָבער ער און זיינע איבעריקע ברידער האָבן דורך חברן זיך מיט קריסטן היבש זיך אַסימילירט. דער עלטערער ברודער, אַ באַקאַנטער פּלאָצקער פֿאָטאָגראַף, האָט גערעדט זייער שוואַך אידיש. אויך אַ. דאָמב אַליין איז אין די ערשטע יאָרן פֿון זיין אַרטיסטישער קאַריערע נישט געווען — זייער שווה־בשווה מיט דער אידישער שפּראַך. אָבער מיטן גאַנג פֿון יאָרן איז ער געוואָרן אַ באַקאַנטער אידישער אַקטיאָר, וואָס האָט מיט אינטעליגענץ און אינטואיציע איבערגעשטיגן פֿיל אַנדערע, אויף וועלכע מען האָט אפשר לכתחילה געלייגט גרעסערע האָפֿענונגען ווי אויף אים.

אַקטיאָרסטווע האָט דאָמב געהאַט אין בלוט. נישט נאָר ער, אויך זיין עלטערער ברודער יוליאַן דאָמב, דער פֿאָטאָגראַף. זיי זיינען געווען אין פּלאָצק יענע, וואָס האָבן אַראָפּגעבראַכט אַלעמאָל קיין פּלאָצק פֿאַרשידענע קינסטלערישע פּוילישע טרופּעס צו שפּילן אין גרויסן שטאָטישן טעאַטער. זיי זיינען געווען באַפֿריינדעט מיט פֿיל וואַרשעווער פּוילישע קינסטלער. אין יוליאַן דאָמבס פֿאָטאָגראַפֿישן אַטעליע אויף טומסקער גאַס איז תמיד געווען פֿול מיט געזאַנג און דראַמאַטיזירונג. אָט זינגט עמעץ אויף דעם נייעסטן וואַרשעווער „שלאַגער", וואָס איז אָקאָרשט אַהער דערגאַנגען, און אָט דעקלאַמירט יוליאַן דאָמב אַליין עפּעס אַן ערנסטע דראַמאַטישע טיראַדע פֿון שעקספּירן.

אדאַם דאָמב האָט געטון אין זיין יוגנט פֿאַרשידענע זאַכן, אָבער עס האָט אים די גאַנצע צייט געצויגן צו דער בינע. די איינציקע באַפֿרידיקונג, וואָס ער האָט געפֿונען אין יענע יאָרן, זיינען געווען אַמאַטאָרן־פֿאָרשטעלונגען. טאָג־טעגלעך פֿאַרנומען מיט פֿאָטאָגראַפֿישער אַרבעט, ווי זיין ברודער יוליאַן, האָט ער זיך אויסגעלעבט „אויף די ברעטער" אין די דאָזיקע אַמאַטאָרן־פֿאָרשטעלונגען. אַ צייט האָט ער געפֿירט אַ פֿאָטאָגראַפֿישן אַנשטאַלט אין דערנעבנדיקן שטעטל גאָסטינין. ער האָט אָבער צום סוף זיך אַרויסגעריסן און אַוועק צו דער בינע. דאָס, וואָס אדאַם דאָמב איז געראָד געוואָרן אַ אידישער אַקטיאָר, איז פֿאַר פֿיל זיינע באַקאַנטע געקומען אינגאַנצן אומגעריכט.

די ערשטע יאָרן פֿון זיין שפּילן אויף דער אידישער בינע אין וואַרשע און אין פֿאַרשידענע פּראָווינץ־שטעט, האָט אַ. דאָמב זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט. אָבער שפּעטער איז ער אויסגעוואַקסן. די פּרעסע, די טעאַטער־קריטיקער, האָבן אים גענומען שטאַרק לויבן. ער האָט, צום ביישפּיל, געהאַט די דיקציע — איינע פֿון די וויכטיקסטע זאַכן אויף דער בינע — וואָס פֿיל אידישע גרויסע אַקטיאָרן האָבן אים געמעגט מקנא זיין. ער האָט געשפּילט מיט דער טרופּע פֿון זיגמונט טורקאָוו אין די יאָרן פֿון אויפֿשטייג פֿון אידישן טעאַטער אין פּוילן. אַ רייע זיינע קרעאַציעס האָבן זיך טיף

איינגעקריצט אין זכרון פון די דאנקבאַרע אידישע טעאַטער־גייער. ער האָט אויך געמאַכט אַ רייע רייזעס קיין אויסלאַנד. צווישן אַלע אידישע אַקטיאָרן האָט ער זיך אויסגעטיילט אויף דער בינע מיט זיין האַרטן פּלאָצקער דיאַלעקט, מיט דער שאַרף אַרויסגערעדטער „ר״, וועלכע האָט געקלונגען מער פּויליש, ווי אידיש. מען האָט אים טאַקע געהאַלטן צווישן די אידישע אַקטיאָרן פאַר אַ שטיק פּאָליאַק. ער האָט עס ליב־געהאַט. זיינע מאַניערן, זיין האַלטונג, זיין באַנעמונג איז טאַקע געווען אַנדערש, ווי די האַלטונג און די באַנעמונג פון זיינע אידישע קאָלעגן. פּלאָצק האָט ער ליב געהאַט, ער האָט ליב געהאַט צו דערמאָנען די „אַלטע, גוטע פּלאָצקער ציטון״.

די גאַלעריע איז גרויס

ווען איך האָב מיך אַוועקגעזעצט שרייבן, האָב איך אַליין זיך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג, אַז די גאַלעריע איז אַזוי גרויס. אָט האָב איך שוין אויסגערעכנט אַזויפיל מענטשן און איך האַלט נאָך ווייט פון סוף. עס רוקן זיך אַרויס פון זכרון אַלץ נייע און נייע נעמען. לאָמיר זיך פון זיי דערמאָנען כאָטש בקיצור.

מ ש ה א י נ ד ע ל מ אַ ן : — איז געווען אין פּלאָצק אַ קורצע צייט. ווען ער איז אָנגעקומען קיין פּלאָצק אַלס לערער פון העברעאיש אין דער ניי־געגרינדעטער העברעאיש־פּויילישער גימנאַזיע איז ער נאָך געווען אַ יונגער בחור, אַן אויטאָדידאַקט פון דערנעבנדיקן שטעטעלע זשוראָמין. ווי קורץ ער איז געווען אין פּלאָצק, האָט ער געלאָזן אַ גרויסע השפּעה אויף דער דעמאָלטיקער אידישער גימנאַזיסטישער יוגנט (עס איז געווען די צייט פון ערשטן וועלט קריג). ער איז געווען דער מיטגרינדער און באַגייסטערער פון דעם אָקאָרשט אַנטשטאַנענעם „השומר הצעיר״. אַליין נאָך יונג, האָט ער מיטגעלעבט און מיטגעראָמאַנסירט מיט דער יוגנט פון די עלטערע קלאַסן. שפּעטער איז ער אַוועק קיין וואַרשע, וואו עס האָט זיך אָנגעהויבן זיין קאַריערע פון אַ ציוניסטישן פּובליציסט און פּאָליטיקער. פאַרן אויסברוך פון איצטיקן וועלט־קריג איז ער געווען איינער פון די וויכטיקסטע שרייבער פון ציוניסטישן „היינט״ און פּאָרזיצער פון אידישן זשורנאַליסטישן סינדיקאַט. ווען די היטלעריסטן האָבן פאַרנומען וואַרשע, האָבן זיי אים אַרעסטירט און פאַרשיקט אין אַ בערלינער תּפיסה. שפּעטער האָבן זיי אים באַפרייט און עס איז אים געלונגען צו אַנטלויפן פון פּוילן. איצט איז ער אין פּאַלעסטינע.

י ק י ר וו אַ ר ש אַ וו ס ק י — דער העברעאישער און אידישער שרייבער, איז אַזוי ווי משה אינדעלמאַן, אַ צייט געווען לערער אין דער פּלאָצקער אידישער גימנאַזיע. ער האָט געלערנט העברעאיש אין די עלטערע קלאַסן. ווי לאַנג ער איז געווען אין שטאָט, האָט ער זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, אַרויסגעטראָטן פון צייט צו צייט מיט לעקציעס אויף פאַרשידענע ציוניסטישע און אַלגעמיין־ליטעראַרישע טעמעס.

פ ר י ד מ אַ ן — ווי די צוויי פריערדיקע, איז געווען אַ צייט לערער אין דער אידישער גימנאַזיע. פון אַלע דריי האָט ער געלאָזן אין פּלאָצק די טיפסטע שפּורן מיט זיין גרענעצלאָזן, אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף — מען קען זאָגן: פאַנאַטישן קאַמף — פאַר די נשמות פון דער פּלאָצקער גימנאַזיסטישער יוגנט, וועלכע ער האָט געוואָלט געווינען פאַרן ציוניזם. אַליין אַן אָפּשטאַמיקער פון רוסלאַנד, האָט ער געהאַט פאַר זיינע פּלאָצקער שילער אַ מאָדנע צוציאונגס קראַפט. איצט פאַרנעמט ער, דאַכט זיך עפּעס אַ וויכטיקן אַמט אין דעם בילדונגס דעפּאַרטאַמענט פון דער פּאַלעסטינער „הסתדרות״.

י. ט. אַ ל ט מ אַ ן — ווער אין פּלאָצק האָט נישט געקענט דעם דאָזיקן שטילן, נידעריקן איד, וואָס האָט געפירט כל־ימיו אַ געשעפט פון זייגערס אויף עק ברייטע און טומסקער? אָבער אויסער זייגערמאַכעריי האָט דער דאָזיקער איד אויך געהאַט ליטעראַרישע אַמביציעס. ער האָט פאַרקערט מיט פּרצן, אַליין געשריבן פון צייט צו צייט. אין 1912 האָט ער אַרויסגעגעבן אין פּלאָצק אַ ביכעלע, וואָס האָט געהייסן „איין טאָג פּלאָצקער סוחר״. ער האָט אונטערגעשריבן דאָס ביכעלע מיטן פּסעוודאָנים „אני״. ער האָט אויך אַ צייט אָנגעפירט אין פּלאָצק מיט אַ וואָכנבלאַט אין אידיש.

ה ע ר ש (הערמאַן) ק ר ו ק — אַ געבוירענער פּלאָצקער און אַ מענטש, וואָס האָט אַלע זיינע יאָרן, ווען ער האָט שוין אַפילו געוואוינט אין וואַרשע, געפילט אַן אינטימע פאַרבינדונג מיט זיין היימשטאָט. געבוירן אין יאָר 1897,

האָט ער געהאַט אַ שווערע קינדהייט און יוגנט. געאַרבעט אַלס פאָטאָגראַף און אין די צייטן פון ערשטן וועלט־קריג — אַלס אויפזעער ביים פאַנאַנדערנעמען די דייטשע „אָקאָפּעס״ מיילנווייט אַרום דער שטאָט. אָנגעהויבן זיין פּאָליטישע טעטיקייט האָט ער אַלס טוער פון דער פּ. ס. ד. (סאָציאַל דעמאָקראַטיע פון קעניגרייך פּוילן און ליטע). אומבאַפרידיקט פון צוגאַנג פון דער דאָזיקער באַוועגונג און פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, צו וועלכער ער האָט שפּעטער געהערט, צו דער אידן־פראַגע, איז ער באַלד נאָכן ערשטן וועלט־קריג אַריבער צום „בונד״, געווען אַ טוער פון בונד אין פּוילן, אַרומגעפאָרן מיט רעפעראַטן איבער פאַרשידענע שטעט, געווען טעטיק אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. זיין אינטימסטער אינטערעס איז געווען דאָס ביכער־וועזן. ביזן אויסברוך פון איצטיקן וועלט־קריג איז ער געווען דער פירער פון דער וואַרשעווער „גראָסער־ביבליאָטעק״, וועלכע איז געווען די גרעסטע אידישע אַרבעטער ביבליאָטעק אין דער וועלט. ער האָט זיך באַטייליקט מיט פעליעטאָנען, סקיצן און אַרטיקלען אין דער וואַרשעווער בונדישער „פאָלקסצייטונג״, „יוגנט־וועקער״ (אָרגאַן פון יוגנט־בונד „צוקונפט״) אין ליטעראַרישן בונדיסטישן וואָכנבלאַט „וואָכנשריפט״ א. א. אָנגעשריבן אַ רייע בראָשורן און אַרטיקלען אויף אידיש און פּויליש וועגן ביבליאָטעק וועזן. אין דער צייט פון איצטיקן וועלט־קריג איז ער געווען און געבליבן אין ווילנע. זיין איצטיקער גורל איז אומבאַוואוסט.

א ב ר ה ם אָ ס ט ר אָ וו ע ר — איז אַ יונגערער ברודער פון פריער דערמאָנטן לייביש אָסטראָווער. ער האָט אָנגעהויבן זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין פּלאָצק אין די צייטן פון ערשטן וועלט־קריג אַלס איינער פון די פירער פון „השומר הצעיר״. אַלס סטודענט אין וואַרשע האָט ער אַרויסגעוויזן שפּעטער ליטעראַרישע נייגונגען און אַרויסגעגעבן אַ ביכל לידער. שפּעטער געוואָרן אַ באַקאַנטער און דערפאָלגרייכער וואַרשעווער אַדוואָקאַט. די אַדוואָקאַטור האָט אים אינגאַנצן איינגעשלונגען. עס איז אָבער געבליבן אין אים אַן אינטערעס פאַר אידישע פראַגן און צו אידיש. אין די צייטן פון איצטיקן וועלט־קריג האָט ער זיך געראַטעוועט קיין אַמעריקע. ער וואוינט איצט אין וואַשינגטאָן. געבוירן אין 1902, איז ער איצט 42 יאָר אַלט.

ב נ י מ י ן ג ר ו י ב אַ ר ד — אַ קרוב פון די פריער־ דערמאָנטע גרויבאַרדס, האָט ער אָנגעהויבן זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג, אַלס טוער פון דעם אָקאָרשט אַנטשטאַנענעם „השומר הצעיר״. שפּעטער איז ער געוואָרן אַן אַדוואָקאַט און אַ באַקאַנטער ציוניסטישער כלל־טוער אין לאָמזשע. געקומען מיט דריי יאָר צוריק קיין אַמעריקע אַלס גליקלעך געראַטעוועטער פון פּוילן, איז ער געווען דאָ עטלעכע יאָר טעטיק אין „פאַרבאַנד פון פּוילישע אידן״ אין ניו יאָרק און דעטראָיט. ער באַטייליקט זיך דאָ מיט אַרטיקלען אין דעם פּויליש־אידישן צוויי וואָכנבלאַט „נאַשאַ טריבונאַ״, וועלכע איז דער אָרגאַן פון „פאַרבאַנד פון די פּוילישע אידן אין אַמעריקע״ און פון אַ גרופּע אידיש פּוילישע פליכטלינגע, וועלכע זיינען אַריבערגעקומען אין דער צייט פוןו איצטיקן וועלט־קריג.

פון פּלאָצק (ריכטיקער: פון הינטער פּלאָצק) האָט אויך געשטאַמט דער ציוניסטישער יונגער פעליעטאָניסט פון וואַרשעווער „היינט״ מ אַ י ר ב ע ר נ ה אָ ל ץ (סעלים). אַ געבוירענער אין דאָרף מאידאַני הינטער פּלאָצק, איז ער אַוועק פון דער ישיבה צו וועלטלעכער בילדונג און ער האָט געענדיקט דעם וואַרשעווער אידישן לערער סעמינאַר. ווי געזאָגט, האָט ער זיך שפּעטער געווידמעט דער זשורנאַליסטישער פּראָפעסיע. ער האָט אויך מיטגעאַרבעט אין דער העברעאישער פּרעסע. איצט איז ער אַלט 43 יאָר. ער האָט זיך, דאַכט זיך, געראַטעוועט קיין סאָוועט־רוסלאַנד.

אַ פּלאָצקער געבוירענער איז אויך דער באַקאַנטער אידיש־אַמעריקאַנער באַגאַבטער מוזיקער **יחיאל מאיר פאָזנער** (געבוירן אין יאָר 1890). אין אַמעריקע איז ער באַקאַנט אַלס טאַלאַנטפולער מחבר פון פאַרשידענע מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס, אַלס דיריגענט פון די גרעסטע אידישע כאָרן אין אַמעריקע, אַלס מחבר פון ערשטן אידישן מוזיקאַלישן לערנבוך. בעת זיין זיין אין לאָנדאָן, האָט ער אָנגעשריבן די אידישע אָפּערע „שאול״. ער האָט זיך באַטייליקט אין דער אַמעריקאַנער אידישער פּרעסע מיט אַרטיקלען וועגן מוזיק.

אַ רייע פּלאָצקער אידן האָבן באַרייכערט מיט זייער טאַלאַנט די פּוילישע פּאָליטישע און קינסטלערישע וועלט. אויפן ערשטן אָרט דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן דער באַרימטער פירער פון דער פּפּס, ק ו י אַ ט ע ק, וועלכן פיל פּוילישע היסטאָרי־

קער האַלטן פאַרן גרעסטן פירער, וואָס די פּפּס. האָט ווען נישט־איז פאַרמאָגט. זאָל דאָ אויך דערמאַנט ווערן דער מייסטער פון די בעסטע קליינקונסט־בינעס אין פוילן קאָנראַד טאָם — אַ טאַלאַנטפולער און אינטעליגענטער פוילישער אַקטיאָר. מיר דערמאָנען דאָ בלויז זייערע נעמען, ניט ווידמענענדיק זיי מער פּלאַץ נישט דערפאַר, ווייל זיי האָבן עס נישט פאַרדינט לויט זייערע טאַלאַנטן און אויפטוען, נאָר בלויז דערפאַר, ווייל מיר האָבן זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע דאָ ברייטער ארומצורודען דאָס לעבן און אויפטוען פון יענע פּלאָצקער ל״ל, וועלכע האָבן מיט זייער לעבן און טעטיקייט באַווירקט קודם־כל דאָס אידישע לעבן.

פּלאָצק האָט אויך אַרויסגעגעבן נישט ווייניק פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אַריינגעשריבן אַ רייך בלאַט אין דער פוילישער פּאָליטישער באַוועגונג, קונסט און ליטעראַטור. גענוג צום ביישפּיל צו דערמאָנען דעם נאָמען פון יוליאַן לעשטשינסקי, וועלכן די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע יוגנט פון פּלאָצק האָט געקענט אין די יאָרן פון דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָלוציע אונטערן היימישן נאָמען יולעק. גענוג צו דערמאָנען דעם טאַלאַנטפולן פוילישן פּראָלעטאַרישן פּאָעט ווולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי. גענוג צו דערמאָנען דעם נאָמען פון דער באַגאַבטער פוילישער אַקטריסע מאָדזעלעווסקאַ.

יוליאַן לעשטשינסקי האָט אדורכגעמאַכט אַ רייך לעבן. ער איז מיט דער צייט דערגאַנגען צום הויכן אַמט פון „פוילישן סטאַלין". ער איז געווען לאַנגע יאָרן דער אַנערקענטער פירער פון דער פוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און איינער פון די וויכטיקסטע פירער פון קאָמינטערן. אונטערן נאָמען י. לענסקי איז ער געווען ברייט באַקאַנט אין דער גאַנצער קאָמוניסטישער וועלט־באַוועגונג.

וואוינענדיק די לעצטע צוויי צענדליק יאָרן אין רוסלאַנד, האָט ער דורכגעהאַלטן פיל אַזוי גערופענע „ריניקונגען" אין דער דאָרטיקער קאָמוניסטישער באַוועגונג. ער אַליין האָט זיך באַטייליקט אין אַ רייע „רייניקונגען" קעגן אַנדערע וויכטיקע קאָמוניסטישע טוער. צום סוף איז ער אָבער אַליין געפאַלן אַ קרבן פון די „רייניקונגען": מען האָט אים דערשאָסן.

ווולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי האָט דורכגעמאַכט אַ שטורמישן וועג. אין דער צייט פון ערשטן וועלט קריג האָט ער געדינט אַלס פרייוויליקער אין פּילסודסקיס לעגיאָנען, וועלכע האָבן מיט וואָפן געקעמפט פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון פוילן. שפּעטער איז ער אַוועק אַן אַנטווישטער פון פּילסודסקי - לאַגער און ער איז געווען באַקאַנט אין פוילן אַלס איבערגעבענער קאָמוניסט. ער איז אַפילו געזעסן פאַר קאָמוניזם אין תפיסה, און בלויז דאָס, וואָס ער האָט געהערט צו די גרעסטע היינטצייטיקע פוילישע פּאָעטן, האָט אים באַשיצט פון נאָך ערגערע רעפּרעסיעס. אין דער צייט פון איצטיקן וועלט־קריג איז ער אַרעסטירט געוואָרן אין לעמבערג דורך דער סאָוועטישער מאַכט, ווייל ער האָט אָפן אויסגעדריקט זיין אומצופרידנקייט מיטן סאָוועטיש־היטלערישן פּאַקט פון 1939. נאָכן אָפּזיצן אנדערטהאַלבן יאָר אין תפיסה איז ער באַפרייט געוואָרן און ער איז פרייוויליק אַריינגעטראָטן אין דער פוילישער אַרמיי, מיט וועלכער ער געפינט זיך איצטער אויסער די גרענעצן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. זייענדיק אַ סאָלדאַט, האָט ער נאָך דער באַפרייאונג נישט אויפגעהערט צו באַרייכערן די פוילישע ליטעראַטור מיט גלענצנדיקע לידער, וועלכע ער דרוקט אין פאַרשידענע לאָנדאָנער און ניו־יאָרקער פוילישע אויסגאַבן.

הרב יהודה לייב זלאָטניק

פּלאָצק גרויסט זיך דערמיט וואָס זי האָט ארויסגעגעבן איינעם פון די געבילדעטסטע פוילישע רבנים, דעם אידישן און העברעאישן שריפטשטעלער, מזרחיסטישן גרינדער און טוער און פאָלקסטימלעכן מענטשן, הרב יהודה לייב זלאָטניק. אַ ברודער פון דעם פּלאָצקער רב זלאָטניק, וואָס איז באַרימט געווען מיט זיין קעגנערשאַפט צו חסידות און אַלס ערשטער ציוניסטישער רב אין פוילן.

הרב זלאָטניק קומט גראַד אַרויס פון חסידים. וועגן זיין זיידן, אברהם יצחק, וואָס י. ל. זלאָטניקס פאָטער האָט געטראָגן זיין נאָמען אַלס געבוירענער יתום, ווערט דערציילט, אַז ער איז געשטאָרבן „אין אַ שלאַכט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון זיין חסידישן רבין". ער האָט אמאָל פאַרפירט אין בית מדרש אַ מחלוקת מיט א חבר, אַ וואוילערנער — דעם שפּעטערדיקן נאַשעלסקער רב — איבער דעם וועמעס רבי איז גרעסער און הייליקער און האָט דערביי באַקומען אזא פּאַטש, אַז ער איז געפאַלן טויט אויפן אָרט.

זיין ערשטע דערציאונג, ביז צען יאָר, האָט י. ל. זלאָטניק באַקומען, ווי די מערסטע אידישע קינדער אין פּלאָצק, אין חדר, וואו ער איז געווען איינער פון די בעסטע תלמידים. אין שטוב אָבער האָט ער געהאט אַ צווייטע דערציאונג: די טייטשחומשדיקע סביבה פון זיין מאַמען. געלייענט האָט ער נישט נאָר דעם „צאינה וראינה" און דעם „נחלת צבי", נאָר אויך דעם יוסיפון אין אידיש, דעם „שבט יהודה", דעם „קהל חסידים" און אַנדערע חסידישע ניסים־ביכלעך.

די ווייטערדיקע צען יאָר פון זיין יוגנט, ביז דער חתונה, האָט י. ל. זלאָטניק פאַרבראַכט שוין אין אַן אַנדער סביבה, אין דער משכילישער סביבה פון זיין עלצטן ברודער, דעמאָלט רב אין זאַקראָטשין, וואו ער האָט פאַרשלונגען וואו נאָר אַ השכלהספר, וואָס איז אים צו דער האַנט געקומען און אויסגעאַרבעט האָט זיך ביי אים אַ מין סטיל איינעם געשפּרעך מיט זיינע חברים, פול מיט אידישע שפּריכווערטער, מאַמרי חז״ל און פסוקים פון תנ״ך, ער האָט דערפאַר באַקומען צווישן זיי דעם צונאָמען „דאָס פסוקל".

י. ל. זלאָטניק האָט שוין אָבער דעמאָלט אויך געשריבן. טייל פון זיינע אינגלשע שירים אין העברעאיש און אידיש, האָבן זיך געדרוקט אין וואַרשעווער „הקול" און אין דעם מזרחיסטישן זאַמעלבוך „די מנורה". אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך שוין ערנסט פאַרנומען מיט געשיכטע און האָט געמאַכט הערות צו גרעץ געשיכטע.

אין 1909, אין עלטער פון 22 יאָר, האָט י. ל. זלאָטניק פאַרפאַסט זיין ערשטע ערנסטע אַרבעט — אַ העברעאישע ביאָגראַפיע פון ישו הנוצרי, פאַר וועלכער ער האָט באַקומען אַ לויב פון דר. יוסף קלויזנער, דעם רעדאַקטאָר פון „השלח", כאָטש ער האָט זי נישט געדרוקט, צוליב צענזורטעמים. י. ל. ז. האָט דעמאָלט אויך קאָרעספּאָנדירט מיט דר. ש. פּאָזנאַנסקי און הרב ח. טשערנאָוויטש (רב צעיר).

אין 1910 האָט י. ל. ז. אויסגעהאַלטן מיט אַן אויסצייכענונג דעם רעגירונגס עקזאַמען אַלס רב און כדי זיך צו פאַרפולקאָמענען אין רבנות, אוועקגעפאָרן קיין וואָלאָזשין, וואו ער האָט געלערנט יומם ולילה. נאָר אין עטלעכע חדשים אַרום איז ער קראַנק געוואָרן און האָט פאַרלאָזן די ישיבה.

אין 1911, נישט געקוקט אויף זיין ציוניזם און אויף זיין יונגשאַפט, איז ער מיט אַ גרויסער מערהייט אויסגעקליבן געוואָרן פאַר רב אין גאָמ־

בין און דאָרט געזעסן אויפן כסא הרבנות ביז סוף 1919. אין דער צייט, 1915 האָט ער אָנגעהויבן זיין רעגלמעסיקע פובליציסטישע טעטיקייט אין „לאָדזשער פאָלקסבלאַט" און דערנאָך אין וואַרשעווער „מאָמענט", באַזונדערס פאַר דעם אידישן נאַציאָנאַליזם קעגן די „שלומי אמוני ישראל".

אין 1917 האָט ער געגרינדעט די אָרגאַניזאַציע „מזרחי", פון וועלכער ער איז שפּעטער, סוף 1919, געוואָרן גענעראַל סעקרעטאַר און האָט זיך צוליב דעם איבערגעצויגן קיין וואַרשע. דאָ גיט ער אַרויס אַ ריי בראָשורן דורך דעם מזרחי־פאַרלאַג: „רעליגיע, נאַציאָנאַליזם און ציוניזם", „צו דער רעליגיעזער יוגנט", אין וועלכע ער מאַכט אויך קלאָר זיין שטעלונג אין דער פראַגע פון אידיש און העברעאיש, „אונזערע פליכטן אין איצטיקן מאָמענט", „דרשות", „דער מזרחי און זיינע אויפגאַבן" און אין העברעאיש: „תכנית למודים בשביל החדרים המזרחיים".

דאָ האָט ער אויך רעדאַקטירט דעם זאַמלבוך „די מנורה", האָט איבערגעזעצט י. ח. ראַווניצקיס „בריוו צו אַ שוועסטער" (וועגן דערציאונג) און טעאָדאָר הערצלס „די מנורה", האָט אָפּגעדרוקט אַן אָפּהאַנדלונג „ביאַליקס טרערן צונויפגעזאַמלט אין איין לאָגל אריין דורך יהודה עלזעט". דאַן הויבט ער אָן אינטענסיוו צו אַרבעטן אויף דעם געביט פון אידישן פאָלקלאָר.

נאָך אין 1910 האָט י. ל. ז. זיך פאַראינטערעסירט, אונטער דער ווירקונג פון נח פּרילוצקיס זאַמלונגען, מיט אידישן פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע. ער פלעגט אים צושיקן פאַרשיידענעם פאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל, אָנמערקונגען צו זיינע ווערק, צו י. בערנשטיינס זאַמלונג פון שפּריכווערטער. געשריבן אין ביאַליקס און ראַווניצקיס זאַמלבוך „רשומות" אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג „ממנהגי ישראל", איבער אידישע מנהגים, זיטן גלויבונגען און אַבערגלויבונגען.

בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אונטער דעם דונער פון די האַרמאַטן נישט ווייט פון זיין שטאָט, האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אויף זיין גרויסן ווערק צו סיסטעמאַטיזירן לויט באַזונדערע קאַטעגאָריעס און דערקלערן דעם רייכן פאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל פון דער אידישער ליטעראַטור, די פאָלקסטימלעכע רעדנסאַרטן, גלייכווערטלעך און אַנעקדאָטן.

פון דעם גרויסן ווערק זיינען אַרויס אין וואַרשע 1918—1920 (פאַרלאַג לעווין עפּשטיין) פיר בענדער אונטערן נאָמען „דער וואָונדער־אוצר פון דער אידישער שפּראַך".

אין יולי 1920 האָט ער זיך באַטייליקט אין דער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן און פון דאָרט אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע אין די אינטערעסן פון זיין אָרגאַניזאַציע. סוף 1920 איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט (נשיא) פון „מזרחי" אין קאַנאַדע און האָט זיך באַזעצט אין מאָנטרעאַל. פון דעמאָלט אָן הויבן זיך אָן זיינע שליחותן צוליב מזרחיסטישער פּראָפּאַגאַנדע איבער פאַרשידענע לענדער, דערין אויך אין אַרגענטינע.

אַ חוץ דעם, אַרבעט ער איבער קאַפּיטאַלע אידישע ווערק, איבערהויפּט וועגן אַלטן אידישן רעכט אין פאַרגלייך מיט דעם אַלט־רוימישן און מאָדערנעם. ער האָט אויך גענומען איבערזעצן פון זענדישן אָריגינאַל אין אידיש דעם זענד אוועסטאַ, די תורה פון די אַלטע פּערסן, און, ווי אונז איז באַקאַנט פאַרעפנטלעכט פון דעם דאָס ערשטע קאַפּיטל.

צוגעבן דערצו, אַז ער איז אַ בקי אין דער פּוילישער, רוסישער, דייטשער און ענגלישער ליטעראַטור, באַקומט זיך אַ בילד פון דעם זעלטענעם רב וואָס די שטאָט פלאָצק, אויף דער סאַמע גרענעץ מיט מערב אייראָפּע, האָט אַרויסגעגעבן און איז באַקאַנט אַלס יהודה לייב זלאָטניק און מיט זיין פּסעוודאָנים עלזעט.

לויט ז. רייזענס לעקסיקאָן — ש. פ.

ב. וולאַדעק

משה וואַרשע

(1887 — אַפּריל 22, 1912)

די פריינט פון משה וואַרשע, וועלכער איז געשטאָרבן פאַרלעצטן פרילינג (זיין טויט שיינט צו זיין אַ פאַרויס באַטראַכטער זעלבסטמאָרד), האָבן צונויפגעקליבן זיין טאָגבוך, פערזן און בלעטלעך, און האָבן עס פאַרעפנטלעכט אונטער דעם פּרעטענציעזן נאָמען: „וועגן פון אַ נשמה".

משה וואַרשע איז באַקאַנט געווען אין די ניו־יאָרקער אידישע ליטעראַרישע קרייזן מיט זיין עמפּינדלעכער נשמה, זיינע פּעסימיסטישע שטימונגען און פיינעם אידישן סטיל. ער האָט געמאַכט איינציקע אויסגעצייכנטע איבערזעצונגען, און האָט אַלעמען צוגעצויגן מיט זיין שטילער באַנעמונג און ווייםיטלעך פריינטלעכע אויגן. און דערפאַר, ווייל ער האָט כמעט שטענדיק געשוויגן, האָט זיך געוואָלט גלויבן, אַז הינטער די פעסט פאַרשלאָסענע ליפּן ליגט אַ גרויסע חכמה, אַ טיפער גייסט, אויב נישט אַ גרויסע טראַגעדיע.

דער טאָג־בוך, וואָס איז וואַרשיינלעך געווען זיין אינטימסטער פריינט, מיט וועלכן ער האָט געפירט זיין גאָר לעצטן חשבון הנפש, איז אָבער אַ היפּש ביסל אַנטוישנד. זיין ודוי אַנטפּלעקט ניט קיין טיפע חכמה, נישט קיין איבעררייכן גייסט, זאָגאר נישט קיין גרויסע טראַגעדיע. עס דערציילט פשוט פון אַן אומגליק. אמת אַ שרעקלעכן, אמת אַ שוידערלעכן אומגליק, אָבער אַן אומגליק פון אַ יחיד, אַן אַלגעמיינע שטריכן און אָן דעם כאַראַקטער פון אַן אַלגעמיינער וואָרנונג.

איינעם פעלט אַן אויג, דעם צווייטן אַ נאָז, דעם דריטן אַ האַנט און משה וואַרשען האָט געפעלט עמפּינדלעכקייט פאַר דעם לעבן. דער טויט איז, ווי עס שיינט געבוירן געוואָרן צוזאַמען מיט אים און ווי די גיפט פלאַנצן וועלכע טויטן אָפּ די פּרעכטיקסטע און העכסטע פּאַלמען, אַזוי האָט דאָס טויט־געפיל אויסגעטריקנט און פאַרדאַרבן אַלע זיינע געזונטע אינסטינקטן. די איינציקע זאַך, וואָס אים איז פאַרבליבן, איז אַ קאָפּ, ווי עס שיינט, אַ גוטער, פעאיקער קאָפּ. אָבער וואוהין וועט ברענגען די גרעסטע שיף, אויב עס האָט ניט קיין קאָמפּאַס און קיין רודער? און וואָס קען אויפטאָן דער גרעסטער און בעסטער קאָפּ, ווען עס האָט נישט די וועגן און געזונטע אימפּולסן פון דעם האַרץ?

איז דער קאָפּ אַוועקגעפלויגן אין די וואָלקנס, אין אַלערליי נישט ערדישע פּראָבלעמען, ביז עס איז נאַטירלעכערווייזע אַראָפּגעפאַלן און זיך צעבראָכן.

וואַרשעס פּראָבלעמען פון לעבן זיינען געווען „זינד", „ניטגוטער", „גאָט", א. א. וו. קבלה איז פאַר אים געווען אַ ווירקלעכקייט, און ליידנדיק פון באַשטימטע פאָרמען פון נערוון־קראַנקהייטן און מאַטעריעלער אָרימקייט, דערמאָנט ער קיינמאָל נישט וועגן זאַכן, וואָס זאָלן האָבן די קלענסטע שייכות צו גשמיות. ווי פיל אַנדערע פאַרלאָרענע גייסטער, האָט ער געזוכט זיין רעטונג אין ביכער.

פון די „בלעטלעך“, וועלכע זיינען פול מיט אויס־
צוגן פון ביכער. איז צו זעען, אַז וואַרשע האָט פיל
געלייענט און האָט אומעטום האָפנונגסלאָז גע־
זוכט אַן ענטפער אויף זיין אומגליקלעכער עקזיס־
טענץ. דאָ זיינען דער עוואַנגעליום און וואָלט
וויטמאַן, מאַרק אורעלי און וויינינגער, ניטשע
און בזשעזשעווסקי.

דעם אינהאַלט פון דעם גאַנצן ביכל האָט וואַר־
שע אליין סומירט אין צוויי שורות, וואָס קלינגען
מיטן ריטם פון סקעלעטן־ביינער, וואָס רייבן זיך
איינע אָן די אנדערע:

„אויפן קבר פון מיין נשמה האָב איך אַ
געצעלט געבויט,
דאָרט וואוין איך איצט — פון נויט...“

דאָס ביכל לאָזט אונז אריינקוקן אין אַן איידע־
לער, צאַרטער, אָבער זעער קראַנקהאַפטער נשמה.

„צוקונפט“, יאַנואַר 1914.

בעטלער ביים בית־עלמין אין פּלאָצק

ב. דעמבלין

זישע לאַנדוי

אין 1906, איז קיין אַמעריקע געקומען אַ יונג
זיבעצן יאָריק בחורל, אַ בלאָנדער, אַ שיינער —
זישע לאַנדוי. ער איז געווען פון דער אַלט־פּוילי־
שער, פאַרחלומטער שטאָט פּלאָצק, וואָס איז גע־
לעגן פאַרוואָרפן פון באַן־וועג, וואָס דרימלט מיט
אירע שפּיציקע קלויסטערס אין מיטן העלן טאָג,
וואָס חלומט חלומות פון אַלט־פּריצישע שלעסער
צעשטעלטע אויף די הויכע, גרין־פאַרוואַקסענע
ברעגעס פון דער שטילער ווייסל.

אין דער דאָזיקער שטאָט האָט דאָס בחורל אי־
בערגעלאָזט אַ משפּחה פון לויטער רבנים, גוטע
אידן, וועמענס יחוס ציט זיך אין די סטריקאָווער
און טשעכאַנאָווער הייף אריין. ער איז געווען אַן
אײדל געבאָוועט זונדל, דערצויגן, נישט נאָר אויף
דער אַלט־טראַדיציאָנעלער אידישער קולטור, נאָר
אויך אויף מאָדערנער, וועלטלעכער: פּויליש, פראַנ
צויזיש און דייטש, וואָס איז נישט געווען זעלטן
אין דער אַלטער שטאָט פּלאָצק.

צו יענער צייט האָט לאַנדוי געהאַט חשק צו
ווערן אַן אַרבעטער.

די רעוואָלוציע־ווינטן, וואָס האָבן דענסמאָל, אין
1905—1906, זיך געטראָגן איבערן גאַנצן אַלטן
רוסלאַנד, האָבן אויך געטראָפן אַהער, אין דער
פאַרוואָרפענער, אַלטער, פּוילישער שטאָט פּלאָצק.

כאָטש אַ רביש זונדל האָט זיך דער יונגער לאַנ־
דוי פונדעסטוועגן געחברט מיט יענע לייטלעך, די
שטרייקערס און רעוואָלוציאָנערן, צווישן וועלכע
עס האָט זיך געפונען דער שפּעטער באַקאַנטער גע־
וואָרענער דיכטער, לאַנדויס לאַנג־יאָריקער פריינט
און חבר, משה וואַרשע.

אין לאַנדויס הויז האָט מען זיך שטאַרק צום
האַרץ גענומען דעם בחורלס חברן זיך מיט שטריי־
קערס. כדי אים אָפּצוגעוואוינען פון דער דאָזיקער
חברותה, האָט אים דער פאָטער אָוועקגעשיקט צום
אַלטן סטריקעווער, ער זאָל דאָרטן, ביים רבין,
לערנען און, פאַר איינוועגס, פּטור ווערן פון דער
חברה. דער בלאָנדער זישע איז אָבער געווען אַזוי
באַהעפט מיט דער שטאָט פּלאָצק און מיט די
פריינט, אַז ער פלעגט גאַנצע נעכט, אין שלאָף
און אויף דער וואָך, רעדן פון זיי און ממש אויס־
גיין פון בענקשאַפט. דער זיידע, דער סטריקעווער
רבי, האָט צוליב דעם געמוזט אָפּשיקן דעם בחור
צוריק אַהיים קיין פּלאָצק צום פאָטער.

שוין דאַמאָלט האָט זיך ארויסגעוויזן לאַנדויס
איבערגעגעבנקייט צו פריינט. משה וואַרשע, וואָס
איז מיט עטלעכע יאָר עלטער געווען פון אים, האָט
צוליב רעוואָלוציאָנערע אַרבעט זיך פאַרוויקלט אין
אַ געפאַר און ער האָט געמוזט גלייך אַנטלויפן פון
פּלאָצק. לאַנדוי, האָט קיין איין מינוט נישט גע־
טראַכט נאָר גלייך אָוועקגעגעבן זיין פּאַס צו
וואַרשע, ער זאָל קאָנען שוין אָפּפאָרן. שפּעטער
האָט לאַנדוי אליין צוליב דעם געמוזט אַנטלויפן
קיין ווילנע צו אַ מומע, דאָרטן זיך אויסבאַהאַלטן
און מיט דער מומע געהיים אָוועקפאָרן קיין אַמע־
ריקע.

ווי געזאָגט האָט לאַנדוי געהאַט חשק צו ווערן
אַן אַרבעטער. איז אים אָבער דער רבישער יחוס
מיטגעקומען אַפילו אַהער קיין אַמעריקע. גאַנצע
דריי יאָר איז ער אָפּגעזעסן ביי דער רייכער מו־
מע, געשריבן לידער און געלייענט ביכער, איידער
ער האָט זיך גענומען צו אַן אַרבעט. נאָך די דריי
יאָר האָט ער אַפילו יאָ געטון פאַרשידענע אַרבעטן.
אַ שטיק צייט איז ער געווען אַ מאָלער און גע־

האָלפן פארבן די פאָרווערטס געביידע. געאַרבעט אַ צייט אין ארבעטער־רינג ביוראָ. דערנאָך, מלחמה צייט, געפינענדיק זיך אין גרויס נויט, ווען ער האָט שוין געהאַט א ווייב און דאָס ערשטע קינד, איז ער אוועק קיין ניו בראָנזוויק אין אן אמוניציע־פאַבריק. ערשט די לעצטע יאָרן, האָט ער געאַרבעט אין דער אידישער צדקה פעדעראציע אלס הויפּט פון „פּובליסיטי" דעפּאַרטאַמענט.

זישע לאַנדוי איז באַשערט געווען צו שפּילן א וויכטיקע ראָלע אין דעם אויפשטייג פון דער מאָדערנער אידישער פּאָעזיע אין אמעריקע. ווען ער איז געקומען איז דאָס אידישע ליד אין אמעריקע געווען זייער פארוואָרלאָזט. אונטער דעם צודעק פון נוצלעכקייט, פון צוועק, וואָס דאָס ליד מוז כלומרשט דינען אין באפרייען די אידישע מאסן פון די דעמאָלטיקע סוועט־שאָפּ באדינגונגען, האָט זיך באהאלטן א שוידערלעך גראמען פלעכטעריי. די אידישע פּאָעזיע, ווי בכלל די אידישע ליטעראַטור אין אמעריקע, האָט זיך נאָך דעמאָלט נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון וואָסער וויכטיק אָרט איר איז באשערט צו פארנעמען אין אידישן לעבן, עס זיינען געווען אידישע שרייבער, טייל אפילו גרויסע טאַלאַנטן, עס זיינען געשאפן געוואָרן וויכטיקע ווערק, אָבער עס איז נישט געווען דאָס, וואָס מען קאָן רופן ליטעראַטור באוואוסטזיין.

לאנדוי האָט אין יענער צייט געדרוקט זיינע לידער אין פארשידענע צייטונגען און זשורנאלן, צווישן זיי אין דוד פּינסקים ארבעטער. אָבער זיין פאקטישער אריינטריט אין דער ליטעראַטור איז ערשט געווען דעמאָלט, ווען עס איז אנטשטאַנען די גרופּע פּאָעטן און שריפטשטעלער, וואָס זיינען באקאנט אין אונזער ליטעראַטור געשיכטע אונטער דעם נאָמען די „יונגע". דעמאָלט ערשט האָט זישע לאַנדוי אָנגעהויבן שפּילן די וויכטיקע ראָלע אין העלפן געשטאַלטן אונזער מאָדערנע ליטעראַטור און אויך אין אָנפירן דעם קאמף פאר דער חשיבות, וואָס די ליטעראַטור דאַרף פארנעמען אין אונזער לעבן.

אין זיינע עסייען, וואָס ער האָט דעמאָלט געשריבן אזוי שארף און אין אזא לויטערן סטיל, האָט ער קיינעם נישט געשאַנעוועט. מיט עכט קינסטלערישער, יונג־שקאָציישער העזה, האָט ער אָנגעגריפן אלץ און אלעמען. ווען ער האָט געגלויבט, אז כדי צו שאפן א נייע קולטור־טראדיציע, וואו דאָס אידישע ליד, די דערציילונג, דער ראָמאַן, זאָל ניט זיין קיין בייהעלפערס צו עפּעס א צוועק, נאָר זאָלן זיין וויכטיק פאר זיך אליין, ווי ווערק פון שיינקייט און דערהויבונג, איז נויטיק אראָפּצוואַרפן פון זייער אויבן אָן די אלטע קלאסיקער מיט י. ל. פּרצן אָן דער שפּיץ, האָט ער זיך פאר גאָרנישט אָפּגעשטעלט און אויפגעהויבן די מלחמה.

אָבער נאָך מער האָט לאַנדוי באווירקט די אידישע פּאָעזיע דירעקט, דורך זיין ליד. זישע לאַנדוי איז געווען דער געבוירענער עסטעט. עס ווייזט אויס אז די שיינקייט, די שטילע זינגעוודיקייט פון זיין שטאָט פּלאָצק איז אריין אין זיינע בלוטן. שיינקייט איז פאר אים געווען א זעלבסטצוועק. פּונקט ווי אלע צוועקן וואָס זיינען פאראן אין לעבן. דעריבער איז ער ביי אונז געווען כמעט דער איינציקער, וואָס האָט באנומען דאָס וואָרט נישט נאָר מיטן קאָפּ און הארץ נאָר מיט זיינע אלע חושים, מיט די פינגער־שפּיצן פּונקט ווי מיטן גומען. יאָ, לאַנדוי האָט געפּרואווט א וואָרט אויך מיטן גומען, וואָסער טעם עס האָט! דעריבער אפשר האָט ער זיין וואָרט אזוי גערייניקט פון בייגערוכן, דעריבער האָט ער אזוי געהיט זיין ליד זאָל זיין לויטער!

אין די פארשידענע זשורנאלן און דערהויפּט אין די „שריפטן", וואָס די „יונגע" האָבן מיט לאַנדויס אקטיווער מיטארבעט ארויסגעגעבן, זיינען דערשינען טייל פון די וויכטיקסטע ווערק אין אונזער ליטעראַטור. דורך די זאמלביכער האָט זיך אָנגעהויבן דער פּעריאָד, וואָס האָט געהאַט אזא געוואַלטיקע ווירקונג אויף אונזער ליטעראַטור אין דער גאנצער אידישער וועלט.

זישע לאַנדוי האָט אויך ארויסגעגעבן אן „אַנטאָלאָגיע", א זאמלונג פון לידער־מוסטערן, פון די וויכטיקסטע פאָרשטייער פון דער אידישער פּאָעזיע אין אמעריקע. שפּעטער, אין 1925, ווען די גרופּע „יונגע" איז שוין געווען צעפאלן אין באַזונדערע ליטעראַרישע ריכטונגען, האָט לאַנדויס גרופּע ארויסגעגעבן דעם זשורנאל „אינזל".

זישע לאַנדוי האָט אויך געהאָלפן שאפן דאָס, וואָס מען רופט א ליטעראַרישע סביבה. ארום אים און אין זיין הויז האָבן זיך שטענדיק קאָנצענטרירט פּאָעטן און שריפטשטעלער, וואָס האָבן געהאַט זייער בליק און זייער וועג אין דער ליטעראַטור.

ווי זיינע זיידעס, די טשעכאַנאָווער און סטריקעווער רביים, האָט לאַנדוי ליב געהאַט צו פּראַווען טישן, אזעלכע ליטעראַרישע מלוה מלכות. דערביי האָט ער הנאה געהאַט נישט נאָר צו זיצן ביים טיש, אויבן אָן, נאָר אליין זיך צו פאַרען, צו דערלאנגען מיט דער ברייטער האַנט ווי אן אמתער חסיד.

ווי יעדער עכטער און איינגאַרטיקער פּאָעט איז זישע לאַנדוי געווען זייער א קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט. פון אויבן אויף האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אז ער איז דער פּשוטסטער און איינפאַכסטער מענטש. מ'האָט אָבער באדארפט צו גיין צו אים אביסעלע נענטער, האָט מען גלייך איינגעזען, אז אונטער דער אויבנאויפיקייט איז פאַרשטעקט גאָר אן אנדער כאראַקטער, אז דאָס אויבנאויפיקע איז בלויז א מאסקע, וואָס ער האָט אויף זיך אָנגעטון.

אין זיין לעצט ליד, וואָס ער האָט געשריבן אויפן טויט פון דעם רוסישן פּאָעט מיכאיל קוזמין, זאָגט ער:

איך בין ביי קארל גאָצי היינט געווען. אין זאַלץ
האָט ער געטונקען זיינע רייפלעך פּאָמידאָרן
און ער האָט מיר דערקלערט, אז וויכטיקער
פון אלץ,
איז ווידער אָנטון מאסקעס דיכטער און אקטיאָרן.

וואָס האָט דעם דיכטער געצוואונגען אָנצוטון א מאסקע?

ציניקער, וואָס דרייען זיך שטענדיק ארום שעפערישע מענטשן, אָדער סתם פארשוינען מיט בייזוויליקייטן האָבן דאָס מאסקירן זיינס אויסגעטייטשט ווי פּאָזע, ווי פּאָעטישער אָנשטעל. עס איז אָבער נישט געווען קיין פּאָזע און נישט קיין אָנשטעל! יעדער, וואָס האָט געקאָנט זישע לאַנדוי פון דער נאָענט, וואָס האָט אים געזען אין זיינע וואָכעדיקייטן און אין זיינע דערהויבענע רגעס, האָט געוואוסט, אז די מאסקע זיינע איז אים נויטיק ווי א שוץ, ווי א פּאַנצער אזא, וואָס פארהיט פון געשעדיקט ווערן יענע צאַרטע, יענע אינטימע, יענע אמערסטן פּילבאַרע ערטער, וואָס זיינען לעצטנס שטאַרק פארוואונדיקט געוואָרן. דאָס ליכט, די דיכטונג, דאָס עכטע, קינסטלערישע וואָרט!

פארוואָס איז דאָס אזוי פארוואונדיקט געוואָרן?

אין א פריערדיקן פּערז פון דעם זעלבן ליד זאָגט דאָרטן זישע לאַנדוי:

די דאמע, קענסט דאָך זי, געקומען איז
צולויפן,
געפאלן אויף מיין האלז, געוואָרפן זיך
אין בעט.
יאָ, דאָס געפיל, אז קיינער וויל דיך מער
נישט קויפן,
איז פיינלעך דעם אקטיאָר, דער פרוי
און דעם פּאָעט.

דאָס געפיל אז מען וויל דיר מער נישט קויפן! עס רעדט זיך נאָר אזוי „קויפן"!

פאר דעם פּאָעט, ווי פאר יעדן קינסטלער, האנדלט זיך דאָ נישט אין פארקויפן זיין „סחורה". דאָ גייט אין עפּעס טיפערס. עס גייט דאָ אין זיין סאמע תוך! דאָס געשאַפענע ווערק זיינס, דאָס עכטע, קינסטלערישע וואָרט איז אין געפאַר! דערמיט איז זיין לעבן פארוואונדיקט. פון אלע זייטן לויערן אויף אים פארוויסטונגען. ארום אים אָטעמט מיט אונטערגאנג. און א אידישער פּאָעט, א אידישער שריפטשטעלער איז נישט מער ווי א לעבעדיק באשעפעניש. ער וויל זיך ראטעווען. און אויב עס האנדלט זיך וועגן רעטונג איז שוין דאָ גילטיק דאָס זעלבע געזעץ, וואָס אויף אן אונטערגייענדיקער שיף. אלע ווילן זיך ראטעווען, אָבער יעדער טוט דאָס אויף זיין שטייגער. דער נאַר, דער היסטעריקער, ער שרייט געוואַלט! דער גרוביאַן, ער שטופּט אלעמען אוועק מיט זיינע פּרעכע עלנבויגנס און, אָדער ער ווערט דערשאָסן פון דעם וואך־מאטראָז, אָדער ער קריגט טאַקע אריין זיין מיזערנע ביסל לעבן אין דעם רעטונגס־שיפל. דער קלוגער אָבער, דער מענטש פון ווירדע, ער פארבייסט די ליפּן ביז ווייטיק און, אויב שוין יאָ אונטערגיין, איז אונטערגיין מענטשלעך און מיט ווירדע!

זישע לאַנדוי האָט געהערט צו די דאָזיקע לעצטע, וואָס אויב אונטערגיין איז מיט ווירדע! זישע לאַנדוי איז געווען צו קלוג צו קאָנען שרייען, צו ווירדיק צו באנוצן עלנבויגנס אָדער נעמען א רענצעלע און זיך ארויסלאָזן, ווי מען טוט דאָס מיט ברויט, הערינג אָדער מיט אנדערע נויטווענדיקייטן! דעריבער די טאַמעוואַטע מאסקע זיינע: „צי וואָס דאַרף מען ליטעראַטור? וואָסער נוצן האָט מען דערפון?"

אין די אייגענע פיר ווינקעלעך, מיט נאָענטע קאָלעגן אָדער אליין פאר זיך, האָט ער אזא טאַמעוואַטע מאסקע נישט באדארפט. אדרבא, דאָ איז פּאָעזיע, ליטעראַטור, געווען די סאמע לופט מיט וואָס ער האָט געאָטעמט. וואָרום אויב דאָס אידישע ליד האָט ווען עס איז געהאַט א געטרייען ריטער, איז זישע לאַנדוי געווען דער ריטערלעכסטער פון אלע. א גוט ליד האָט נישט געמיינט נאָר זיין אייגנס א ליד. אז ער האָט דערשנאַפּט א גוט ליד פון א יונגן דיכטער, ווער דער דיכטער זאָל נישט געווען זיין, האָט ער דאָס ליד אויפגענומען ווי אן אויסדערוויילטער וויין־טרינקער נעמט אויף אן אלטן, טייערן וויין. און אויב ער האָט דעם דיכטער נישט געקאָנט, האָט ער זיך געקאָנט אוועקלאָזן אויפזוכן דעם אומבאקאנטן פּאָעט און אים

צוטוליען און דערנענטערן צו זיך און טון פאַר אים וואָס נאָר מעגלעך.

אין די אַלט־ענגלישע באַלאַדן, וועלכע ער האָט אַזוי מייסטערהאַפט איבערזעצט און אַריינגעבראַכט אין דער אידישער ליטעראַטור, זעט זיך די דאָזיקע ליבע אַמיינסטן אָן. זעלטן ווער ביי אונז האָט זיך אַזוי געקאָנט קוויקן מיט אַן עכט, ריין געשליפן וואָרט ווי אָט דער קראַנקער, צעגאָסענער, בלאָנדער זישע לאַנדוי.

פון געוויסע „תכלית־ווינקלען” האָט מען אים אויפגעוואָרפן אַז אין זיין שלייפן דאָס ליד אין פאָרם, אין זיין פוצן דאָס וואָרט פון יעטווידן ביי־גערוך, האָט ער דערווייל דערפון אַרויסגעפוצט יעדער אינהאַלט. אין פשוטע ווערטער מיינט דאָס, אַז זישע לאַנדוי איז געווען קעגן לידער מיט אַן אינהאַלט, אַז בלויז הוילער פאָרם האָט געשפילט פאַר אים אַ ראָל.

עס איז אָבער נישט אַזוי!

זישע לאַנדוי האָט פאַר אַלעם און נאָך אַלעם געוואָלט אַ ליד זאָל זיין אַ — ליד! עס זאָל זיין עכט! עס זאָל זיין אַ רעזולטאַט פון אַן עכטער, פּאָעטישער איבערלעבונג. האָט אַזאַ ליד געמעגט זיין פון הוילער פאַרב און קלאַנג, אָדער אָנגעפילט מיט די סאַמע שווערסטע סאָציאַלע אָדער נאַציאָנאַלע אינהאַלטן, אויב נאָר עכט, האָט ער עס אויפגענומען! געמאַכטע גרעגערייַ, האָט דאָס געמעגט זיין פון די אַלטע „קלאַסישע”, „סאָציאַלע דיכטער” פון אַמאָל, אָדער גרעגערייַ פון כלומרשט „פּראָלעטאַרישע” דיכטער פון היינט, האָט דאָס גרעגערייַ געמעגט זיין פאַרשלייערט מיט די געפליגלטסטע „פּאָעטישע” ווערטער, אָדער אָנגעשטאָפּט מיט די געהויבנסטע „אידייעס”, האָט עס זישע לאַנדוי פאַרבראַקירט! צו עכט איז געווען אין אים דאָס פּאָעטישע געפיל ער זאָל קאָנען אויפנעמען גרעגערייַ פאַר פּאָעזיע.

עס האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן אַז דאָס איז סנאָביזם, דער עסטעטישער פּאָעט איז אַזוי דורך און דורך פּאַטריצער, אַז ער לייקנט אָפּ דאָס רעכט פון דעם פּלעבעער אין דעם ליד און פאַר דעם ליד. ביי מיר אַליין האָט זיך די ערשטע צייט פון אונזער קאָנטשאַפט געשאַפן אַזאַ איינדרוק.

יאָרן דורכאַנאַנד זיינען מיר געווען שכנים אין איין קעמפּ. לאַנדוי האָט נישט געוואוסט, אַז איך בין נעבעך אַ געשטראָפטער, איינער פון זיין צעך. האָט ער מיט מיר גערעדט וועגן אַלץ אין דער וועלט; אָבער ליטעראַטור? פּאָעזיע? אַ שלאָס! מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס האַלט ער מיך אַזוי אומווירדיק און זיך אַזוי גרויס, אַז אין זיין פּאָעטישער אויסדערוויילטקייט טאָר קיינער ניט אַריינשטעלן אַ פוס. ביז איינמאָל האָב איך זיך איבערצייגט, אַז זישע לאַנדוי איז גערעכט געווען מיט זיין האַלטן דאָס דיכטערישע, דאָס שרייבערישע אין אים, פאַרשלאָסן פאַר יעדן פרעמדן אויג.

עס איז געווען אַזוי: איך האָב איינמאָל געהאַט איבערגעלייענט עטלעכע פּרעכטיק איבערזעצטע נעגער־לידער. די לידער האָבן מיך פאַרכאַפּט. ווי דער שטייגער מיט יעדער טיפער איבערלעבונג, האָב איך דאָס געטיילט מיט נאָענטע.

גראָד דעמאָלט איז צו מיר צוגעקומען אַ בחור פון שכנותדיקן קעמפּ, אויב איך וואָלט נישט אַ בעלן געווען עפּעס פאָרצולייענען אויף איינעם פון זייערע שבת־אָוונטן, וואָס זיי מאַכן יעדע וואָך. געוויינלעך פלעגן די איבערגעוואַקסענע מיידלעך און עלטערע בחורים פון יענעם קעמפּ זיך פאַרווײַלן אויף די אָוונטן מיט טאַנצן, פאָרלייענען אייגן פאַרפאַסטע נאַרישקייטן און סתם טרייבן רכילות.

איך האָב זיך נעבעך זייער נאַיוו אָנגעכאַפּט אָן דער איינלאַדונג. אָט דאָ, הייסט עס, וועל איך האָבן די אמתע געלעגנהייט זיך צו טיילן מיט אַ גוטער זאַך מיט אַנדערע מענטשן. איך האָב אָבער נעבעך אַ ביטערן טעות געהאַט. גלייך נאָכן ערשטן פערז, האָב איך געמוזט איבעררייסן דאָס לייענען און אַוועק אַ בייזער, אַ צעווייטיקטער אין אַ פינסטערן ווינקל אַריין. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ווי נאָר דער עולם האָט דערהערט, אַז דאָס איז נישט קיין קעמפּ רכילות, קיין אייגן געמאַכטע מאַכאַריקע, האָבן זיי אויף אַ גאַנץ דייטלעכן אופן אַרויסגעוויזן, אַז זיי ווילן דאָס נישט הערן.

אין מיין אויפגערעגטער צעטראָגנקייט האָב איך אויפגעכאַפּט עטלעכע שטילע ווערטער, וואָס זיינען געקומען גלייך אין מיין אויער אַריין.

הינטער מיר איז געשטאַנען דער קלוגער, דער שמייכלענדיקער זישע לאַנדוי און מיר איינגערוימט:

— אַ מצוה אויף אייך! לידער דאַרף מען וויסן פאַר וועמען פאָרצולייענען!

אָט דענסטמאָל איז מיר קלאָר געוואָרן פאַרוואָס זישע לאַנדוי באַהאַלט אַזוי אויס דאָס ליד פאַר פרעמדע אויגן. לידער, פּאָעזיע, דאָס זיינען צאַרטע, איידעלע זאַכן, צו דעם דאַרף מען זיך נישט צורירן מיט קיין אומריינע און גראָבע הענט.

אָט אַזוי האָט זישע לאַנדוי געלעבט און אַזאַ איז ער געשטאָרבן.

„פּאָרזים”, וואַרשע, מאַי 1938.

פּ. קאַץ

פאַביאַן ש. הלוי

אַ פּאָרטרעט

איך וועל דאָ נישט אָנגעבן קיין פּינקטלעכע דאַטן וועגן פאַביאַן שרייבער הלוי׳ס געבורט און אויך נישט וועגן זיין פּטירה. וואָלט איך דאָ געשריבן זיין ביאָגראַפיע, וואָלט איך באַמיט די דאַטן פעסטצושטעלן. דאָ בין איך אויסן צו געבן בלויז זיינעם אַ פּאָרטרעט און כדי דער פּאָרטרעט זאָל אַרויסקומען וואָס ענלעכער איז אפשר גלייכער נישט אָנצוגעבן זיינע יאָרן, וואָרום אין יענער צייט ווען איך האָב אים דערקענט, אָנהויב 1915, אַלס רעדאַקטאָר פון וואָלף צייטלינס „טאָג”, איז דער פּרט — זיין עלטער, מיט איר פאַרהוילנקייט — געווען אַ געוויסער שטריך אין זיין פּערזאָן.

מען האָט אים דעמאָלט געשאַצט אין טיפן עלטער, און געווען איז עס אַ פּאָר יאָר פאַר זיין לעצטער חתונה. זיין לעצטע פרוי איז געווען בעטי כהן, אַן אַקושערקע און כלל־טוערן, די איניציאַטאָרן פון דעם אידישן קינדער־היים אין ב. איירעס. שוין דעמאָלט איז ער געווען דער אַלטער תלמיד חכם מיט דעם מילך־ווייסן פאַרשניצטן בערדל, וואָס אין זיין פיגור, נידעריקער פון מיטלוואוקס און אין זיין ווייסן פנים, דורכגעוואָרפן מיט קוים מערקבאַרע רויטע און בלויע אָדערלעך (ווי אויף אַ וועלאַזקעז פּאָרטרעט) מיט קליינע גרינלעכע אויגן, האָט ער איינגעהיט אַ געוויסע גבורה.

גערעדט האָט ער און אַזוי אויך האָט ער געשריבן אַ דייטשמערישן אידיש, שיר נישט עברי טייטש, וואָס האָט אין זיך געהאַט אַ סך געמיטלעכקייט, די געמיטלעכקייט פון צאינה וראינה און פון דעם מלמד דעם מסביר, וואָס קען אויסבאַהאַלטן זיין כעס, כאָטשע די אויגן גיבן אים אויס.

דערויף איז ער דאָך געווען כל ימיו אַ לערער און אפשר אויך אַ בן־לערער, ווי זיין פאַמיליען־נאָמען שרייבער באַווייזט עס. אַ לערער פון וועלטלעכע למודים האָט מען אין אידיש גערופן שרייבער און אַזוי אָרום אויסגעטיילט פון דעם מלמד, וואָס האָט בלויז געלערנט די הייליקע תורה. ער איז געווען פון די ערשטע אידישע לערער אין די איקאַ־שולן פון ענטרע ריאָס און אויך אין ב. איירעס האָט ער געלעבט פון פּריוואַטע לעקציעס. זיינע לעצטע יאָרן האָט ער געהאַט די שטעלע פון משגיח איבערן אידישן לימוד אין בית־יתומים. אין 1898, ווען די גרינדער פון דער ערשטער געדרוקטער אידישער צייטונג אין דרום אַמעריקע, „דער פאָנאָגראַף”, האָבן אים אַראָפּגעבראַכט פון די קאָלאָניעס פאַר רעדאַקטאָר און אויך שפּעטער ווען וואָלף צייטלין האָט אים גענומען פאַר רעדאַקטאָר פון „טאָג”, האָבן לצים זיך געווערטלט, אַז מען האָט אים אַראָפּגעבראַכט „מאחרי הצאן”.

איידער איך האָב געקענט פאַביאַן ש. הלוי, האָב איך געקענט זיינעם אַ זון, מיר דאַכט זיך אַז נתן האָט ער געהייסן — און אפשר איז דער נאָמען נתן בלויז אַ פּראָדוקט פון מיין פאָרשטעלונג, וואָס האָט אים צוגעפּאַסט אַ נאָמען לויט דעם איינדרוק וואָס איך האָב וועגן אים געהאַט. נתן גראַמט זיך מיט חתן. אַן אָפיציר אין דער אַרגענטינישער אַרמיי איז ער געווען, וואָס פלעגט קומען אין לאָקאַל פון „תפארת ציון” אין די יאָרן 1906—1909, הערן אַ אידיש וואָרט, איז צוגעזאָגט געוואָרן צו די פּועלי ציון און אויך ער האָט גערעדט אַ אידיש פון וועלכן עס האָט זיך געהערט „עברי טייטש”,

ווי מיר האָט זיך געדאַכט. ווען איך האָב אים איינמאָל געפרעגט וואָס פאר א אידיש ער רעדט, האָט ער מיר געענטפערט, אז ער רעדט פלאָצקער אידיש. פון אים האָב איך מיך אויך דערוואוסט וועגן זיין פאָטערס פעדאגאָגישער און זשורנאַליסטישער באַשעפטיקונג.

איך האָב דעמאָלט אפילו נישט געחלומט וועגן שרייבן געשיכטע אָדער כאראקטעריסטיק פון דער אידישער זשורנאַליסטיק אין ארגענטינע און איך האָב מיך נישט פאראינטערעסירט נישט מיט דעם אַלטן הלוי און נישט מיט זיין צייטונג, ריכטיקער, וואָכנבלאט, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען א יקר המציאות. דאָס איינציקע וואָס דער זון הלוים האָט מיר געוויזן פון זיין פאָטער איז געווען א בלעטל פון דעם זשורנאַל „קאראס אי קארעטאס", וואו עס איז געווען אָפּגעדרוקט אַ „כראָניק" וועגן דעם „אידישן פּאָנאָגראַף", וואָס פאביאן ש. הלוי האָט רעדאקטירט, מיט א פאקסימיל פון אַן ערשטער זייט. ווען איך האָב גענומען שרייבן אין זשורנאַל „דרום אַמעריקע" אין יאָר 1928, מיינע סקיצן איבער דער אידישער זשורנאַליסטיק אין ארגענטינע, שפּעטער געדרוקט אין בוך־פאָרם, האָב איך מיך ערשט דערמאָנט אָן יענעם אויסגעריסענעם בלעטל פון „קאראס אי קארעטאס" און וועגן דער דעפיניציע וואָס פאביאן ש. הלוי גיט דאָרט וועגן אידיש. וועגן „דער קוריעזער שריפט פון דעם אָריגינעלן קאָלעגע", וואָס לייענט זיך פון רעכט אויף לינקס און וועגן דער שפּראַך פון דער צייטונג ווערט געזאָגט: „ס'איז אַ מין גערמאנישער „ארגאָ", וואָס איז שטארק פאַרשפּרייט צווישן אידן, און די גערמאנער וואָלטן אים גאנץ לייכט פארשטאנען, ווען ער וואָלט געווען געשריבן מיט גאָטישן אָדער לאטייניש שריפט.

איך האָב דעם נומער „קאראס אי קארעטאס" מיט דער כראָניק שפּעטער באַקומען ביי פאַביאן ש. הלוי גופא ווי אויך איניקע נומערן „פּאָנאָגראַף", וואָס אויף זייער גרונד האָב איך געשריבן דאָס קאפּיטל וועגן דעם וואָכנבלאט און איר רעדאקטאָר. איך דערלויב מיר דאָ איבערצודרוקן פון אים איניקע כאראקטעריזירנדיקע שטעלן.

גערופן האָט זיך די צייטונג „דער אידישער פּאָנאָגראַף" און האָט געהאט א שפּאַנישע איבערשריפט „על פּאָנאָגראַפאָ העבראיקאָ" און אונטערן טיטול אין אידיש און אין שפּאַניש: „דער ערשטער אין ארגענטינע" אַ חוץ דעם האָט די צייטונג געהאט אַ מאָטאָ: „שלום שלום לרחוק ולקרוב".

און באמת, אז איר מישט די נומערן פון יענער צייטונג, זעט איר אויף זיי אויסגעגאָסן אַ זעלטענעם פרידן און א טייטש־חומשדיקע גליק זעליקייט און לייטזעליקייט, און ווען איר ווייסט נישט פונם „וויעדער־קול", אז אין יענער צייט האָט עס געברויזט אין די אידישע קאָלאָניעס מיט דער אומצופרידנקייט פון די ערשטע קאָלאָניסטן, אַ געברויז, וואָס האָט זיך אריבערגעטראָגן אין דער הויפּטשטאָט דורך די קאָלאָניסטישע „פּליטים"; ווען איר ווייסט נישט, אז די קאָלאָניסטן האָבן געליטן פון זייער אומדערפארנקייט אין דער ארבעט, פון די ווילדע אומשטענדן ארום, פון דעם ווילדן גאוטש און פון די ווילדע בהמות און דערצו פון דער יק'אס „אוריאדניקעס" — די אדמיניסטראטאָרן; ווען מיר ווייסן נישט, אַז אין שטאָטישן ישוב האָט עס דעמאָלט געקאָכט און געזאָטן מיט געזעלשאַפטלעכע און פּערזענלעכע אינטריגעס, מיט דעם אומרו פון איינאָרדנען זיך און שאַפן די אָרטיקע אינסטיטוציעס און דאָס אַלץ צווישן אַן אָנגעלאָפענעם עולם, וואָס איז צווישן זיך פרעמד און אַפילו אנטאַגאָניסטיש, פּאָדאָליער און ליטוואקעס, פּוילישע און בעסאראבער, מזרח אידן און מערב אידן, אַן עולם פון קוים איינגעאָרדנטע אָדער פריש אָנגעקומענע אין דעם נייעם ווייטן לאנד, ביי וועלכע עס דעמאָנסטרירט זיך אויפן שאַרפסטן אופן פון איין זייט די תקיפות פון דעם ארויפגעארבעטן און פון דער אנדערער זייט די אָפּהענגיקייט פונם אימיגראנט; — ווען איר ווייסט נישט אָט דאָס אַלץ פון אייגענער דערפארונג און פון דעם, וואָס ווערט דערציילט אָדער אָנגעדאַכט אין אנדערע אויסגאבן פון יענער צייט, וואָלט איר, בלעטערנדיק „דעם אידישן פּאָנאָגראַף" געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אז די אידן אין די קאָלאָניעס ווי אין שטאָט זיינען שוין דעמאָלט געווען געקומען „אל המנוחה ואל הנחלה", זיצן זיך „איש תחת תאנתו ואיש תחת גפנו" ביי די שטילע וואסערן פון אַ שילוח־טייך אין דער רו פון א דרום אַמעריקאנער „סיעסטא" (מיטיק־רו) און לייענען זיך, ווי שבת נאָכן קוגל, די מאמרים פונם רעדאקטאָר וועגן דער הויכער פילאָזאָפיע פון „יודענטום" וועגן דער „מיסיאָן" פון דער כנסת ישראל צווישן די אומות־העולם, און באַוואונדערן דעם רעדאקטאָרס „קענטניסע" אין די קליינע אותיעלעך.

דעם רעדאקטאָרס מאמרים, מערסטנס איבער אַ

יום־טוב, אַ תענית זיינען אָנגעשפּיקעוועט מיט מדרשים און מאמרי חזל און האָבן אומבאַדינגט אַ מאָטאָ איבער זיך, ווי למשל: „נמשלה כנסת ישראל לקנה מה קנה עומד במים וכו'"... און אויך וועלטלעכע חכמה: „איין פּאָלק האָט זאָ וויא איין איינציגער מענטש דריי געוויססע און פאָן דער נאַטור פעסטגעזעצטע פעריאָדען אים לעבען..."

אין „אידישן פּאָנאָגראַף" האָבן דעם גרעסטן פּלאַץ פאַרנומען די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע־ארטיקלען פון בן־יוסף (יעקב יאָסעלעוויטש), אָדער זיינע רעדעס, וועלכע ער פלעגט שטענדיק לייענען פון פּאַפּיר, מחמת ער האָט שטארק מקפיד געווען אויפן סטיל. וועגן יעקב יאָסעלעוויטשס ארטיקלען דאַרף אגב געזאָגט ווערן, אַז זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט צווישן די איבעריקע מיט זייער פאָלקסטימלעכן אידיש און אויך מיט זייער אָרטאָגראַפיע, וועלכע איז נענטער געווען צו דער רוסיש אידישער.

זיינע ארטיקלען פלעגט יאָסעלעוויטש אַליין קאָרעקטירן, כדי עס זאָל נישט שולט זיין אויף זיי דעם רעדאקטאָרס דייטשמעריש און זיין איגנאָרירנדיקע באַציאונג צום „זשארגאָן", וועלכן יאָסעלעוויטש האָט גראָד ליב געהאט און קולטיווירט. נישט אומזיסט איז ער געווען אַ מקורב צו מענדעלען אין אָדעס!...

אַ ביישפּיל:

אונטער א דייטשמערישן קעפּל פונם רעדאקטאָר איבער יאָסעלעוויטשעס א געדרוקטער רעדע:

„איינע רעדע, וואָס איז געהאלטען געוואָרדען בייא דעם פעראיין „ציון", פאָן בן יוסף", לייענט איר בן יוסף'ס געפּאלירטן אידיש אין מענדעלעס סטיל:

„מיר האָבען אָנגעצונדען א קליין לעמפּעלע און עס ברענט. פון איהם האָבען דערנאָך גענומען פייער אַנדערע — אין די קאָלאָניעס, אין דער פּראָווינץ, און האָפּנטליך וועלען צוקומען נאָך און אזוי וועלען מיר לאנגזאם און פּאָרזיכטיק צוגיסן בוימאייל עס זאָל ווייטער ברענען; גרויסע פייערס מאַכן, מיט באַמבע, אָנצינדן א בינד שטרוי עס זאָל מיט אַמאָל א פלאקער טהון און זיך דערנאָך ווידער אויסלעשען, דאָס געפינען מיר פיר אונפּראַקטיש".

אויב אין זייער באַציאונג צום זשארגאָן זיינען די הויפּט־זיילן פון „דעם אידישען פּאָנאָגראַף" זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, זיינען זיי אָבער זיך צוזאַמענגעקומען אין זייער באַציאונג צו געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, ווי עס איז אויך צו זען פון דעם געבראַכטן ציטאַט.

די באַציאונג פון „דעם אידישן פּאָנאָגראַף" צו דער קאָלאָניזאַציע פון באַראָן הירש און צו די שטענדיקע סכסוכים צווישן דער יק"א ־ אדמיניסטראַציע און די קאָלאָניסטן, איז געווען די זעלבע ווי צו אַלע אנדערע געזעלשאַפטלעכע ענינים: שאַ, שטיל און שלום; נאָר אז די קאָלאָניסטן האָבן זיך פאָרט געלאָזט הערן, האָבן פאַרוואָרפן דעם רעדאקטאָר מיט קלאגעס און אַז די קלאגעס זיינען פון אים דערשטיקט געוואָרן, האָבן זיי געפונען פאַר זיך אַן אנדער וועג, אין א. ווערמאָנטס „פאָלקס־שטימע", וועלכע איז שוין דאן דערשינען, אָדער גאָר אין אויסלאנד, אין די אמעריקאַנער און לאָנדאָנער אידישע צייטונגען, אָדער אין דעם פּעטערבורגער „המליץ". האָט דער רעדאקטאָר געפונען פאַר נויטיק ארויסצוטרעטן מיט אַן ארטיקל „ועל העבודה", וואָס ציט זיך אין צוויי נומערן 5 און 6. דאָס ארטיקל הויבט זיך אָן מיט באַטראַכטונגען וועגן דעם ווערט פון ארבעט, אינספּירירט פון דער ריי ארטיקלען, וואָס זיינען אונטערן זעלבן קעפּל געדרוקט געווען אין יענער צייט אין „הצפירה", און גייט נאָכדעם איבער צו דעם אָרטיקן פּראָבלעם, צום באַראָן הירש ז"ל, וועלכער „מיר קענען זיין פעסט איבערצייגט האָט נאָר דאַריבער נישט אין פאַלעסטינע קאָלאָניזירט, אום נישט צו פיל רעש אויף דער וועלט מאַכען". ער רעדט איבער „די ביידע גראססע אונד עדלע יודעשע הערצער" (באַראָן ראָטשילד און באַראָן הירש), וועלכע „וואַרען ביידע געוויסס צו געגרייט אויף די אַללע שוועריגקייטען וואָס עס איז ביי איין גראסס ווערק דורך צוא מאַכען". און דאָ גייט ער איבער צו מוסערן די קאָלאָניסטן, אַז זיי זיינען „מתאוננים" פּונקט ווי די אידן אַף משה'ן, וועלכער האָט זיי ארויסגעפירט פון מצרים.

ער פארגייט זיך ווי אַ מגיד אויפן באַלעמער און שרייבט:

„מיר זעהען אז דער נביא ירמיה זאָגט אין זיין ערהאבענער מליצה אין דעם נאָמען פון גאָטט צו דעם יודעשען פאָלק: זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולותיך לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה. איך געדענק דיר (מיין פאָלק) דיא גנאדע פאָן דיין יוגענד, דיא ליעבע פאָן דיין בראַטשטאנד דה וועגן דוא ביזט מיר נאָך איין כלה געוועזען, ווען דוא

ביזט מיר נאָך געגאַנגען אין איין מדבר וואָס איז ניט בעזייט".

„ווען מיר צוריקזועהען, וויא די יודען האָבען זיך אין דער מדבר אויפגעפירט, וויפיל יגון ואנחה מאָן האָט פאָן זייא געליטטען, וויא פיעל מאָל האָבען זיי געוואָלט צוריק געהען נאָך מצרים, וויא פיעל מאָל האָבען זייא בעדויערט דאָס פלייש מיט דיא פיש און אַנדערע זאכן מיט וועלכע זייא האָבען זיך געקעננט זאט עססען אין מצרים, און וועלכעס עס האָט זייא געפעלט אין דער מדבר. וויא פיעל מאָל האָבען זייא זיך רעוואָלטירט און געבונטעוועט, גענגען זייער גראססען לעהרער און בעפרייער"... א. א. וו. אין דעם סטיל.

צום סוף פונם אַרטיקל קומט אַ טאַבעלע וועגן דער צאָל פאַרזייטע העקטאַרן תבואה, אַלס באַווייז פון דעם פאָרשריט וואָס די יק"א קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע האָט געמאַכט.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז די קאָלאָניסטן האָבן אַזאַ צייטונג נישט געקאָנט באַטראַכטן פאַר זייער און האָבן גערן אויסגעשריבן ווערמאָטנס „פאָלקס־שטימע".

אין יענער צייט האָט זיך אויך אָנגעהויבן די אויסטיילונג פון די פרויענהענדלער פון צווישן דער איבעריקער אידישער געזעלשאַפט. פון צייט צו צייט פלעגט אַרויסשווימען אַ סענסאַציע, — אַ מיידל איז פאַרפירט געוואָרן, מען האָט אָנגעהויבן נאָכקוקן, וועלכער פרויען הענדלער פאָרט קיין פוילן אָדער גאַליציע און רומעניע נאָך „סחורה". אָט אַזעלכע עפּיזאָדן און סענסאַציעס, מיט וועלכע עס איז רייך די „פאָלקס־שטימע", האָבן אין „דעם אידישן פאָנאָגראַף" קיין פּלאַץ נישט געהאַט. ערשטנס איז עס נישט געלעגן אין כאַראַקטער פון דעם רעדאַקטאָר; צווייטנס האָט ער געהאַלטן, איז נישט כדאי מטמא צו מאַכן די צייטונג מיט אַזעלכע ידיעות און דריטנס: ס'האָט זיך איינמאָל אַריינגעכאַפּט אין צייטונג אַ פּאָר ווערטער וועגן די פרויענהענדלער, זיינען אַפן צווייטן טאָג אָנגעקומען פיל צייטונגען צוריקגעשיקט... פון דעם לעצטן מאָטיוו איז צו זען, אַז די פרויענהענדלער, די סוטענערן, האָבן געגעבן פון זיך אַ באַדייטנדיקע צאָל לעזער פאַר די דעמאָלדיקע אידישע אויסגאַבעס, וואָס זייער גאַנצער טיראַזש איז באַשטאַנען פון העכסטנס 500 עקזעמפּלאַרן.

וואָס שייך פּאַביאַן ש. הלוים אַרבעט אין וואָלף צייטלינס „טאָג" איז זי באַשטאַנען אין:

„איבערזעצן און פאַרייגענען פון „דויטשער לא פּלאַטא צייטונג" אַ פּאָליטישן אַרטיקל און די „מלחמה איבערזיכט", וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען ביים אידישן לעזער, וועלכער איז מערסטנס געווען דייטשפריינטלעך געשטימט. די „דויטשע לא פּלאַטא צייטונג" פלעגט שרייבן אירע איבערזיכטן אַלס צד אין דער מלחמה און האָט גערעדט בלשון „מיר", און אַז דער רעדאַקטאָר פון „טאָג" פלעגט זיך פאַרגעסן, אַז ער זעצט איבער די איבערזיכטן פאַר אַ אידישער צייטונג, פלעגן „מיר" אַוואַנסירן, זיך שלאָגן ווי די לייבן, פאַרנעמען פראַנצויזישע און רוסישע פּאָזיציעס, אויסהרגענען אין די טויזנטער און פאַרנעמען נאָך אַמאָל אַזוי פיל געפאַנגענע. אַ גליק איז געווען וואָס די איבערזיכטן פון „דויטשע לאַ פּלאַטא צייטונג" האָבן זיך נישט באַרימט מיט די אונטערגעצונדענע שטעט און דערפער און מיט די אַכזריותן איבער די פרויען און קינדער אין די פאַרנומענע ערטער; מיר וואָלטן אפשר אויך געהאַט אַ אידישע צייטונג וואָס וואָלט דערציילט אַז „מיר האָבן אונטערגעצונדן, צערויבט, פאַרפּייניקט און געמאָרדעט"... זעלטן ווען, צו אַ יום־טוב פלעגט דער אַלטער פּאַביאַן ש. הלוי אָנשרייבן אַן אייגן לייט־אַרטיקל, וואָס האָט געהאַט דעם אומבאַדינגטן מאָטאָ אין דעם ערך פון „נמשלה כנסת ישראל לקנה, מה קנה עומד במים וכו'"... „מעניני דיומא" הייסט עס, און לצים פלעגן דאָס בכיון פאַרטייטשן: אַקטועל... אויף אַ ברענענדיקע טעמע...

געשטאָרבן איז פּאַביאַן ש. הלוי באמת זאַט אין יאָרן. ער האָט דערלעבט צו זען אין אַרגענטינע מאָדערנע אידיש־וועלטלעכע שולן און לערער אָרגאַניזאַציעס און גרויסע אידישע צייטונגען, אין וועלכע ער פלעגט פון צייט צו צייט אַריינשיקן אַ בריוו אין רעדאַקציע וועגן אַ געזעלשאַפטלעכן ענין און שוין גאָר מיט אַן אַנדער אידיש. די נייע אידישע צייטונגען און די נייע אידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָבן דעם אַלטן „שרייבער" און תלמיד חכם אויסגעלערנט שרייבן אידיש און ניט זשאַרגאָן.

דר. יצחק שיפּער

פון דער טעטיקייט פון דער אידישער קהילה אין פּלאָצק

פון פּויליש איבערזעצט: דר. ל. זשיטניצקי

די אַרבעט וועגן דער אידישער קהילה אין פּלאָצק האָט דר. י. שיפּער אָנגעשריבן אין יאָר 1937 צום 700 יאָריקן באַשטיין פון דער פּלאָצקער קהילה. דר. י. שיפּער גופא ווייזט אָן, אַז די אַרבעט איז נישט אַן אויסשעפּנדיקע, אָבער דאָך גיט ער די וויכטיקסטע דאַטן און עטאַפּן און איבערהויפּט אַ וויכטיקן היסטאָרישן מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון די אידן אין פּוילן.

— 1 —

דאָס אַנטשטיין פון דער אידישער קהילה אין פּלאָצק און איר טעטיקייט אין מיטלאַלטער

„דער אידישער קוואַל" פון 1237־טן יאָר. — דער צפונדיקער גרענעץ־האַנדל און די פּלאָצקער אידן. — די פאַראָרדענונג פון קרייצלער מייסטער אין 1309־טן יאָר און דער ריקגאַנג פונעם האַנדל פון די פּלאָצקער אידן. — די סאַכאַטשאַווער באַשטימונגען פון 1426־טן און 1455־טן יאָרן. — אידישער און נישט אידישער וואוכער אין פּלאָצק אין דער ערשטער העלפט פון 15־טן יאָרהונדערט. — די פּלאָצקער פירשטן און די אידן. — „מאַדום יודעאָרום" - דער טאָרנער פריידן פון 1466 און די באַנייאונג פון דעם פּלאָצקער אידישן האַנדל קיין דאַנציק. — ענדערונגען אינעם אידישן שוץ אין 1445־טן יאָר. צוויי כאַראַקטעריסטישע געשעענישן פאַרן קלויסטער געריכט אין פּלאָצק".

דער וויכטיקסטער דאָקומענט, וואָס זאָגט עדות וועגן דער עקזיסטענץ פון דער אידישער קהילה אין פּלאָצק, געהער צום 1237־טן יאָר. ס'ווערט אויסגעדריקט אין דער פּריווילעגיע, וואָס פּלאָצק האָט אינעם דערמאָנטן יאָר באַקומען פונעם מאַזאָוויעצקער פירשט קאָנראַד. אין דעם דאָקומענט טיילט אוים דער פירשט די נייע גרענעצן פון דער שטאָט און באַשטימט, אַז די גרענעצן וועלן זיך ציען „פונעם בית־עלמין, וואָס געפינט זיך אויפן וועג קיין טשערווינסקי, אַזש ביז די ברונעמער, וואָס געפינען זיך, איינער ביים קאַשציאָל פון ווים־טאַווע און דער צווייטער פון די אידן".

„דער קוואַל פון די אידן", וועגן וואָס ס'ווערט דאָ גערעדט, ווייזט אָן, אַז ס'האָט עקזיסטירט אין יענער צייט אַ אידישע קאָלאָניע, וואָס איז אַנטשטאַנען וויניקסטנס אַ צען יאָר פריער פאַר דעם יאָר 1237.

ס'איז נישט שווער אויפצוקלערן די וויכטיקסטע סיבות, וואָס האָבן גורם געווען, אַז שוין אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט זאָל זיין אין פּלאָצק אַ אידישע קהילה. צוליב דעם צוועק איז גענוג צו וואַרפן אַ בליק אויף דעם עקאָנאָמישן צושטאַנד פון די פּוילישע אידן און אין דער ערשטער ריי זיך פאָרשטעלן די געאָגראַפישע לאַגע פון פּלאָצק. אָט איז אונז גענוג באַקאַנט פון די פאַרבליבענע רעליאַציעס פון 12־טן און 13־טן יאָרהונדערטן אַז אין יענע צייט האָבן די אידן געפירט אַ לעבהאַפטן

האַנדל אין די סלאַווישע לענדער און באַזונדערס טרעפן מיר זיי אין יענער צייט אויף די צוויי גרויסע האַנדלס־טראַקטן, איינער דער מזרחדיקער און צווייטער — דער צפונדיקער. דער מזרחדיקער טראַקט איז געווען טעטיק שוין אין 11־טן און 12־טן יאָרהונדערט און באַשטעטיקט דאָס זיין פון אידישע קהילות, ווי פּשעמישל, וולאַדזימערזש טשערניאַכאָוו, — און האָט געגרייכט ביז קיעוו, וואָס איז אין 13־טן יאָרהונדערט געווען דער צענטראַלער פּונקט פונעם מזרחדיקן האַנדל. דער צפונדיקער ווידער טראַקט האָט געפירט צו ציעשין, סטראַקונד און גריפּע, אָדער צו טאָרן און דאַנציק און איז הויפּטזעכלעך געווען קאָנצענטרירט אויף דער ווייסל. און פאַר אונז איז וויכטיק דער צפונדיקער טראַקט, ווייל ער קלערט אויף אונז דעם באַמערקונגסווערטן פאַקט, אַז די עלטסטע אידישע קהילות, וועגן וועלכע ס׳זיינען דערגאַנגען ידיעות פון מיטל און מערב־פּוילן, זיינען אַנטשטאַנען אָדער אין די ווייכסל געגנטן, אָדער נישט ווייט פון דער ווייכסל. אום פאַרצושטעלן זיך דעם פאַקט איז גענוג אויפצולעבן די וויכטיקסטע קוואַלן פון די ידיעות, וואָס באַשטעטיקן דאָס עקזיסטירן פון אידישע קהילות אין מיטל מערב־פּוילן, אָט זיינען זיי פאָלגנדיקע: פּלאָצק — 1237, גניעזנא — 1267, קאַליש — 1287, פּויזן — צווישן 1253־טן יאָר ביז 1300־טן יאָר, קראַקאָוו — 1304, וואַרשע — צו ענדע פון 13־טן יאָרהונדערט, סאַנדאָמיעזש — 1367. אין די דערמאָנטע זיבן אידישע קהילות, פון וועלכע די עלטסטע גרייכן צום 13־טן און 14־טן יאָרהונדערטן, זיינען פיר און צווישן די פּלאָצק אַנטשטאַנען אין די ווייכסל־געגנטן — און מיר געבן צו — ווי די וויכטיקסטע פּונקטן אויפן צפונדיקן האַנדלס־טראַקט.

דער האַנדל, וואָס איז דעמאָלט געגאַנגען פונעם צפון צום באַלטישן ים, איז געווען דאָס הויפּטזעכלעכע, וואָס האָט געצויגן די אידן קיין פּלאָצק שוין אינעם סאַמע אָנהויב פונעם דרייצנטן יאָרהונדערט. פון דער אַנטוויקלונג פון דעם האַנדל איז אויך געווען אָפּהענגיק דער ווייטערדיקער וועג פון דער פּלאָצקער קהילה. ווי ס׳ווייזט, האָבן די פּלאָצקער אידן אינעם אָנהויב פונעם 14־טן יאָרהונדערט דורכגעמאַכט אַ קריזיס, וועלכער האָט אויף פיל צענדליקער יאָרן געשעדיקט דער אַנטוויקלונג פונעם ישוב.

אין 1309־טן יאָר האָט דער קרייצלער־מייסטער דיפּרידט פאָן פויכטוואַנגען אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, וואָס פאַרבאָט דאָס גיין אינעם קרייצלער־פּרייסן „אידן און פאַרשיידענע מינים זנאַכערס און וואַגאַבונדן”. די פאַראָרדענונג האָט פּאַראַליזירט דעם צפונדיקן האַנדל פון די אידן כמעט אויף אַ גאַנצן יאָרהונדערט און געצוואונגען די סוחרים צו זוכן אַנדערע עקאָנאָמישע עקזיסטענצן.

מיטן פּאַראַליזירן דעם האַנדל צום באַלטישן ים איז געקומען אַזאַ ירידה פון דער פּלאָצקער אידישער קהילה, אַז אין דעם גאַנצן 14־טן יאָרהונדערט איז וועגן איר אַ וואָרט נישט דערמאָנט געוואָרן. ערשט קומען ידיעות אינעם 15־טן יאָרהונדערט, וואָס באַווייזן די פּלאָצקער אידן אין אַ נייער ראָל. דאָס אָרט פון די גרויסע סוחרים האָבן פאַרנומען די קליינע וואוכערניקעס, וואָס פירן זייערע געשעפטן צווישן די שטאָטישע באַלעבאַטים און אַרומיקער שליאַכטע. וועגן דער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אינעם עקאָנאָמישן לעבן פון די פּלאָצקער אידן זאָגן עדות די באַשטימונגען צווישן 1426־טן און 1455־טן יאָרן אין דעם שטייגער־רעכט פון סאַכאַטשאָווער געגנט וועגן די רעכטלעכע שטרייטן צווישן קריסטן און אידן. אין די באַשטימונגען ווערט דערמאָנט וועגן די קרעדיט באַציונגען צווישן די אידן מיט דער פּלאָצקער שליאַכטע און איין באַשטימונג לויטעט, אַז אין פּלאָצק איז נישט דערלויבט די אידן צו נעמען וואוכער אָדער פּראָצענטער אין דער צייט, ווען ס׳דויערט אַ פּראָצעס קעגן אַ בעלחובניק, ווייל אין דעם משך ווערט גענומען אַ ספּעציעלע שטראָף „אַ פּיפּצנטל” (אַן ערך דריי גריוונעס), צוגעאורטיילט דורכן געריכט פונעם בעלחובניק.

די אומזאַץ קאַפּיטאַלן פון די אידישע באַנקירן אין פּלאָצק, ווי איבערהויפּט אין מאַזאָוויע זיינען געווען נישטיקע, באַלד די מאַזאָווער פירשטן, ווי צום ביישפּיל, זיעמאָוויט, האָבן זיך געווענדעט וועגן גרעסערע הלוואות נישט צו די פּלאָצקער, נאָר צו די קראָקער באַנקירן.

אויסער די סאַכאַטשעווער באַשטימונגען האָבן מיר וועגן די פּלאָצקער אידן צוויי כראָניקעס פון דער ערשטער העלפט פון 15־טן יאָרהונדערט. איינע פון 1425־טן יאָר, וואָס זאָגט עדות וועגן דער עקזיסטענץ פון דער אידישער קהילה אין פּלאָצק און די צווייטע פון 1455־טן יאָר, וואָס



אינעווייניקסטער אויסזען פון פּלאָצקער שיל

האָט אַ שייכות צום פּלאָצקער אידן מושקי־מוישעש, וואָס שווערט פאַרן פּלאָצקער געריכט, אַז פאַר דער הלוואה וואָס ער האָט געגעבן דעם גאָסטינענער שרייבער, האָט ער פון אים נישט גענומען קיין משכון.

אין פאַרבינדונג מיט דעם איז כדאי אונטערצושטרייכן, וועגן ידיעות פון יענער צייט, וואָס באַהויפּטן, אַז נישט דער אידישער וואוכער, נאָר די קריסטלעכע פּראָצענטניקעס האָבן דערפירט פיל פּויערים צו רואין. אַזוי שאַצט אָפּ די באַציאונגען דער וואַרשעווער סטאַטוס פון 1401־טן יאָר. ענלעכעס באַשטעטיקט אויך דער פּלאָצקער ביסקופּ יאַקאָב פון קורטשוואַנאָוו, אַז אין זיין פּאַראַכוויע זיינען פיל באַקאַנטע קריסטלעכע נעמען, וואָס באַשעפטיקן זיך אָפן מיט וואוכער „פאַרוואָס זייער נשמה וועט נישט האָבן קיין תיקון”.

אַביסל מער ידיעות וועגן די פּלאָצקער אידן זיינען אונז פאַרבליבן פון דער צווייטער העלפט פונעם 15־טן יאָרהונדערט.

אַ הויפּטזעכלעכן ווערט האָט דער דאָקומענט פון 1474־טן יאָר, וואָס קלערט אויף אונז די רעכטלעך־עפנטלעכע לאַגע פון די פּלאָצקער אידן, מיט דעם דאָקומענט האָט דער פּלאָצקער פירשט קאַזימירזש געשאָנקען דעם קאַנצלער ראַסיבאָר פון גאַלעראַוו „אונזערע פירשטלעכע צינזן, געצאָלטע פון דער אידישער קהילה און אַלגעמיין פון די אידן וואָס וואוינען אין אונזער שטאָט פּלאָצק”. פון דעם דרינגט אַרויס, אַז רעכטלעך־עפנטלעך זיינען די פּלאָצקער אידן „סערווי קאַמערע” (סקאַרב־קנעכט) פונעם פּלאָצקער פירשט און האָבן געצאָלט ווי אַ קהילה און אויך יעדער איינער באַזונדער פירשטלעכן קאָפּ־שטייער”. פאַרגלייכנדיק עס מיט די באַדינגונגען פון די אַנדערע אידישע ישובים פון מאַזאָוויע, קען מען אָנעמען, אַז די אידישע קאָפּשטייער איז גענומען געוואָרן פון די אידישע הייזער. ווי דער אידישער אַפּיטראָפּס האָט דער פּלאָצקער פירשט אויסגעאיבט איבער די אידן אַ יורידישן אויפזיכט אָדער דירעקט, אָדער דורכן אַזוי גערופענעם „אידישן געריכט”, וואָס איז באַשטאַנען פון אידישן ריכטער, וואָס איז געווען אַ קריסט און אידן־באַזיצער. דאָס געריכט, וואָס האָט געמשפּט אין ענינים צווישן אידן און קריסטן האָט גענומען אין באַטראַכט „אידישע שטייגער־רעכט”. ס׳דרינגט אַרויס פון דער געריכטלעכער פּראַקטיק אין פּלאָצק, וואָס פאַרצייכנט אין 1496־טן יאָר אַ כאַראַקטעריסטישן פאַל, וואָס שייך אַ משכון, נישט אויסגעקויפט ביים בעל־מלוה — אַ איד־

אין משך פון „אַ יאָר מיט אַ טאָג“, — צום פאַל איז אָנגעווענדעט געוואָרן דער „מאָדום יודעאָרום“ (אידישער מנהג) און דער משכון איז צוגעפסקנט געוואָרן דעם בעל־מלוה.

דער געבראַכטער געריכט־פאַל שטרייכט אונטער, אַז אויך אין דער צווייטער העלפט פון 15־טן יאָרהונדערט האָבן די פּלאָצקער אידן זיך באַשעפטיקט מיט געבן הלוואות, נעמענדיק משכונות, דאָך ווי ס'ווייזט אויס, איז עס נישט געווען נישט די איינציקע און נישט די הויפּטזעכלעכע באַשעפטיקונג פון די פּלאָצקער אידן צו דער ענדע פון דעם מיטלאַלטער. אַדאַנק דעם טאָרנער פרידן פון 1466 האָבן אויפגעלעבט די אַמאָליקע האַנדלס־באַציאונגען, וואָס זיינען איבער ווייכסל געגאַנגען צו דאַנציק, ס'האָט בעלי ספק געגעבן די פּלאָצקער אידן אַ מעגלעכקייט צו באַנייען דעם אַמאָל געפירטן צפון־האַנדל. מיט דעם ווערט אויסגעטייטשט דער באַמערקנסווערטער פאַקט, וואָס שוין דער ערשטער דאָקומענט פ ו ן 16־טן יאָרהונדערט, שפּיגלט אָפּ דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון די פּלאָצקער אידן, און ברענגט אונז ידיעות אויסשליסלעך וועגן פּלאָצקער אידישן האַנדל. דאָך וועט וועגן דעם וויכטיקן דאָקומענט גערעדט ווערן אינעם ווייטערדיקן קאַפּיטל.

אין 1445־טן יאָר גייט אַריבער די פּלאָצקער אידישע קהילה אונטער דער אַפּטרופּסות פונעם פּוילישן קעניג. ווייל גראָד אין דער צייט שטאַרבט דער לעצטער פּלאָצקער פירשט יאַנוש דער צווייטער און זיין פירשטנטום ווערט איינגעשלאָסן אין דער קעניגלעכער פּאַראַכוויע.

מיט דעם שיידן מיר זיך מיט דער מיטלאַלטערלעכער טעטיקייט פון דער אידישער קהילה אין פּלאָצק. דאָך וועלן מיר זיך אָפּשטעלן נאָך אויף צוויי עפּיזאָדן, וואָס האָבן צו אונז דערגרייכט פון די יאָרן 1471 און 1494. ביידע עפּיזאָדן האָבן נישט אַ דירעקטן שייכות צו אידן, פונדעסטוועגן וואַרפן זיי אַ כאַראַקטעריסטישן ליכט אויף די באַציאונגען, וואָס האָבן געהערשט צווישן דער קריסטלעכער און אידישער באַפעלקערונג פונעם פּלאָצקער פירשטנטום.

אין 1471־טן יאָר איז אינעם קלויסטער געריכט פון פּלאָצק פאָרגעקומען אַ משפט קעגן איינעם סטאַניסלאַוו גאַנצקאָ פון פּולטוסק, וועלכער איז באַשולדיקט געוואָרן אין „יודאַאיזירן זיך“. ער זאָל געווען האָבן אַרויסגעזאָגט ספקות וועגן אייניקע אמתן פונעם קריסטלעכן גלויבן. ס'איז אים פאָרגעוואָרפן געוואָרן, אַז ער האָט באַצייכנט די אידישע אמונה פאַר אַ בעסערע, ווי די קריסטלעכע. דאָס געריכט האָט זיך געענדיקט פאַרהעלטנים־מעסיק מיט אַ מילדן אורטייל, ווייל דער באַשולדיקטער האָט זיך מודה געווען אין זיינע פעלערן...

פון 1494־טן יאָר ווידער דערגרייכט צו אונז אַ ידיעה וועגן אַ פּראָצעס אינעם זעלבן געריכט קעגן דעם וויצע־בורגמיסטער טשעסלאַוו גאָלאַוואַנסקי, וואָס ווערט באַשולדיקט, אַז ער האָט נישט גענוג ענערגיש קעגנגעשטעלט זיך די שול יונגען, וואָס האָבן געמאַכט חוזק פון אידן און ראַבירט אידישע סוחרים.

הגם ביידע ענינים, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, האָבן נישט אַ דירעקטן שייכות צו די פּלאָצקער אידן, האָבן זיי דאָך באַרירט די אידן, ווייל אין



פּלאָצקער בית הכנסת

ביידע פּראָצעסן דרייט זיך די פּראַגע אַרום די באַציאונגען צווישן דער קריסטלעכער און אידישער באַפעלקערונג אין פּלאָצק און פאַרבינדענעם מיט דעם פּראָבלעם וועגן דער אידישער פּערזענלעכער און היים־זיכערקייט.

— 2 —

סטאַטיסטישע דאַטן וועגן די פּלאָצקער אידן ביים איבערגאַנג פון 16טן צום 17־טן יאָרהונדערט. — די פּריווילעגיעס, וואָס די פּלאָצקער קהילה האָט באַקומען פונעם קעניג, דער אידישער אָפּמאַך מיטן פּלאָצקער מאַגיסטראַט. — „אידישער קאָפּ־שטייער“ לאַסטן. — די פּלאָצקער קהילה און די גרויס פּוילישע זעלבסטפאַרוואַלטונג. — אַברהם פון פּלאָצק, דער עלטסטער פון דער זעלבסט פאַרוואַלטונג אין 1519־טן יאָר. — דער האַנדל פון די פּלאָצקער אידן אין 16־טן יאָרהונדערט. — משה פון פּלאָצק. אַרענדעס פרייע פּראָפעסיעס. — פעליקס זעליגמאַן — דער דינער פונעם קעניג. באַציאונגען מיט קריסטן. — „יודאַאיזירנדיקע“. —

ידיעות וואָס מיר האָבן וועגן דער פּלאָצקער קהילה פאַר דער צייט פון צווישן 1500־טן ביז 1650־טן יאָר זאָגן עדות, אַז אין דער צייט האָט זיך די קהילה געפונען כמעט אין אַ בליענדיקן צושטאַנד.

פון יענע צייטן האָבן מיר אייניקע פונדאַמענטאַלע דאַטן, וואָס געבן וועלכע ס'איז פאָרשטעלונג וועגן דער גרויס פון דער קהילה. די רעליאַציעס זיינען פון 1571־טן, 1616־טן און 1617־טן יאָרן. אַזוי דערוויסן מיר זיך פון דער שטאָט רעוויזיע, דורכגעפירט אין 1571־טן יאָר, אַז ס'איז דאָרט געווען אַ באַזונדערע אידישע גאַס און אַז די גרעסטע טייל אידן האָבן געבויט אויף פּלעצער, וואָס געהערן צום פּאַלאַץ, ד. ה. צום שלאָס פונעם סטאַראָסטע. אָט דערפאַר האָבן אידן געצאָלט פאַר זייערע הייזער יערלעכן צינז „אויפן פּאַלאַץ“. אָבער לויט דער רעוויזיע זיינען אויך געווען „נישט ווייניק אידישע הייזער“, וואָס האָבן נישט געצאָלט אין פּאַלאַץ קיין יערלעכן שטייער, נאָר „לויט נויטווענדיקייט, ווי באַלעבאַטים“. ווי אַלע אידישע הייזער, וואָס האָבן געצאָלט פּאַלאַץ צינז זיינען געווען אויף דער אידישער גאַס. ווי עס דרינגט אַרויס פון דער רעליאַציע פון 1616 זיינען אין שטאָט געווען סך הכל 25 אידישע הייזער, וואָס האָבן געצאָלט צינז אין פּאַלאַץ. לויט דער רעליאַציע פון 1617 האָבן די אידן דעמאָלט געוואוינט אויף צוויי גאַסן: אידישע און שניידער־גאַס.

אַזוי פיל וואָס שייך די רעליאַציעס!

אָננעמענדיק ווי אַ באַזע די צאָל אידישע הייזער אָנגעגעבן אין דער רעליאַציע פון 1616 און אַרויסנעמענדיק פון דער רעליאַציע פון 1617 דאָס אונטערשטרייכן „אידישע הייזקעס“, וואָס זיינען אַלע געווען פון האָלץ, קומען מיר צום אויספיר, אַז די אידישע קהילה אין פּלאָצק, האָט צום אָנהויב פון 17־טן יאָרהונדערט געציילט 15 מאָל 25 אָדער 375 נפשות. די צאָל 15, וואָס מיר כפלען אויף דער צאָל „הייזקעס“ — 25, נעמען מיר אויפן סמך פון די רעזולטאַט־פאַרצייכענונגען פון 18־טן יאָרהונדערט, וואָס ווייזן אָן, אַז פּראָצענטועל האָבן געוואוינט אין יעדן האָלץ־בנין צו 25 נפשות.

ווי פאַר יענע צייטן איז די רעכטלעך עפנטלעכע לאַגע פון דער אידישער קהילה אין פּלאָצק רעגולירט געוואָרן דורך די קעניגלעכע פּריווילעגיעס אין הסכם מיט דעם אָרטיקן שטאָטראַט אָדער מאַגיסטראַט.

פון די ערשטע קעניגלעכע פּריווילעגיעס, וואָס שייך די פּלאָצקער אידן, איז אונז באַקאַנט זיגמונט דעם ערשטנס פּריווילעגיע פון 1523־טן יאָר, וואָס רעגולירט דעם אידישן האַנדל אין די יריד־טעג. וועגן די איינצעלהייטן פון דער פּריווילעגיע וועלן מיר ריידן אין אַ צווייטן אָרט. מער צוטרעגלעכער זיינען געווען די פרייהייטן, וואָס סטעפאַן באַטאָרי האָט געגעבן די פּלאָצקער אידן אין צוויי פּריווילעגיעס פונעם 20־טן יוני 1576 און 20 יאַנואַר 1580. די פּריווילעגיעס האָבן פאַרזיכערט די פּלאָצקער אידן, —אין אָנבאַטראַכט פון די אַלגעמיינע פּריווילעגיעס פאַרן פּוילישן אידנטום. אויטאָנאָמע רעכט אין די אינערלעכע אָנגעלעגנהייט, פּערזענלעכע און גיטער זיכערקייט, פאַרשיידענע האַנדלס פרייהייטן און אַנדערע.

דאָס איינפאַרשטיין זיך מיטן שטאָטראַט אָדער מאַגיסטראַט זיינען געווען אַ רעזולטאַט פון די קאַמפן פון די פּלאָצקער פּוילישע בירגער מיט די אידן און זיינען אין זעלטענע פאַלן געקומען צו אַן הסכם, פון מאָל צו מאָל צו אַ קאָמפּראָמיס, אַזעלכע איינפאַרשטיין זיך באַשטעטיקטע אין פּלאָצק זיינען אונז באַקאַנט פונעם אָנהויב פון 17־טן

דאָס אַלטע בית המדרש אין פּלאָצק

יאָרהונדערט. זיי האָבן געהאַט אַ שייכות צו אַזעלכע ענינים, ווי דער אויפבוי פון דער שטאָט און ענלעכעס, אַזאַ מין „קאָמפּלאַנירטקייט" פון 1617־טן יאָר האָט פאַרווערט די פּלאָצקער אידן צו קויפן פּלעצער, ווייטער פון דער אידישער און שניידער גאַסן, אַנדערע ווידער פון יענער צייט שטעלן פעסט, אַז יעדער איד, אַקאָרשט אָנגעקומען קיין פּלאָצק, איז מחויב איינצוצאָלן אין דער מאַגיסטראַט קאַסע, פון אַ פאַרמעגלעכן אידן איין זלאָט, און פון אַן אָרעמען נאָר — 15 גראָשן.

די אָפּצאָלן, וואָס די אידן האָבן אין יענער צייט באַדאַרפט בייטראָגן פאַר זייערע אַפּטרופּסים און פאַר דער שטאָט, זיינען אין אַלגעמיין נישט געווען קיין גרויסע. אין דער קעניגלעכער קאַסע האָבן זיי אַריינגעטראָגן יערלעך דעם אַזוי גערופענעם „יערלעכן דינסט", וועגן וואָס ס'ווערט דערמאָנט אין צוויי דאָקומענטן פון די יאָרן 1505 און 1569. אויסער דעם האָבן זיי געצאָלט הויז־שטייער, וואָס איז געווען אָפּהענגיק פונעם אָרט, וואו דאָס הויז איז געשטאַנען, טיילווייז פאַרן סטאַראָסטע (דער עלטסטער), טיילווייז פאַר דער שטאָט. ביזן סוף פון 16־טן יאָרהונדערט פלעגט דער שטייער פאַר די הייזער געצאָלט ווערן אין מזומן און מיט פּראָדוקטן און זי האָט באַטראָפן אַ האַלבע זשמעניע פעפער, אַ פונט קנעפּלעך און פינף זלאָטעס. נאָכער האָבן די אידן געצאָלט דעם שטייער אין מזומן. מיטן אָנהויב פונעם 17־טן יאָרהונדערט האָט דער עלצטער אנשטאָט די פּראָדוקטן גענומען ביי די אידן 6 זלאָטעס, אַזוי אַז דער אַלגעמיינער צינש פון די אידישע הייזער האָט אויסגעמאַכט 11 זלאָטעס. אין 1616־טן יאָר איז דער סכום געהעכערט געוואָרן אויף 60 זלאָטעס לויטן אָפּמאַך, וואָס דער סטאַראָסטע וואָיטשעך קראַשינסקי האָט געשלאָסן מיט די אידן, און פאַרן געהעכערטן סכום האָט דער עלצטער זיך פאַרפליכטעט אויסצוהאַלטן צוויי סאָלדאַטן צום באַוואַכן די פּלאָצקער אידן.

וואָס שייך דעם מאַגיסטראַט, האָט ער גענומען ביי די אידן, אויסער דעם „פּלאַץ־שטייער", דעם אויבן דערמאָנטן אָפּצאָל פאַרן רעכט צו וואוינען אין דער שטאָט.

ווייטער וועלן מיר זען, ווי ס'האָבן אין דער צייט אויסגעזען די באַציאונגען צווישן דער פּלאָצקער קהילה מיט דער דעמאָלטיקער אויטאָנאָמער אָרגאַניזאַציע פונעם פּוילישן אידנטום.

כמעט ביז 1519־טן יאָר איז די פּלאָצקער קהילה געווען אַ זעלבסטשטענדיקע קערפּערשאַפט און האָט אין אַלע ענינים זיך קאָמוניקירט דירעקט מיטן קעניג אָדער מיט זיין פאַרטרעטער, — דעם וואָיעוואָדע (גובערנאַטאָר) אָדער סטאַראָסטע. אַן ענדערונג אין די באַציאונגען איז פאָרגעקומען אין 1519־טן יאָר, ווען דער קעניג זיגמונט דער ערשטער, נאָכקומענדיק די אויטאָנאָמישע וואונטשן פון פּוילישן אידנטום האָט געגעבן זיין הסכם צום עפענען אויטאָנאָמע (קהילה פאַרוואַלטונגען) אין וועלכע ס'זאָל זיין פאַרטראָטן דער קהל פון די באַטרעפנדיקע פּראָווינצן. אַזוי איז אויך די פּלאָצקער קהילה איינגעשלאָסן געוואָרן אין 1519־טן יאָר צו דער אַזוי גערופענער גרויס־פּוילישער קהילה — ועד, וועלכער האָט אויסער די חסידישע קהילות אין גרויס־פּוילן גופא אויך ארומגענומען איניקע קויאַווער און מאַזאָווער קהילות, ווי צום ביישפּיל ברעסט קויאַווסקי, פּלאָנסק, סאַכאַטשעוו, וולאָצלאַוועק און אַנדערע. דער ועד האָט געהאַט אַן אייגענע פאַרטרעטערשאַפט אין דער אַזוי גערופענער „סטאַרשינאַ זיעמסקאַ" (העכערע קרייז־פאַרוואַלטונג), און איז באַשטאַנען פון 16 מיטגלידער, פון וועלכע 11 זיינען געווען די טאַקסירער (אָפּשאַצער) און פינף די עקזעקוטאָרס (אויספירער). די אויפגאַבע פון די טאַקסירער איז באַשטאַנען אין פעסטשטעלן די הויך פונעם קעניגלעכן צינש אָדער אַנדערש געזאָגט, האָבן זיי באַדאַרפט אָפּשאַצן, וויפל יעדער קהילה איז ביכולת צו צאָלן און אָפּהענגיק פונעם שאַצן האָבן זיי באַשטימט וויפל יעדער קהילה זאָל אַריינטראָגן צינש. די ארבעט זייערע האָבן די טאַקסירער רעאַליזירט אויפן סיימיק (אַ מין קרייז־פאַרלאַמענט), וואוהין זיי זיינען יערלעך זיך צוזאַמענגעקומען. אין יענער צייט האָט דער גרויס־פּוילישער סיימיק געהאַט זיין זיץ־אָרט אין וולאָצלאַוועק. באַשטימט דעם הויך פונעם צינש איז דער ענין אַריבער צו די פינף עקזעקוטאָרס, וואָס האָבן געהאַט די אויפגאַבע איינצומאָנען דעם צינש פון די אַלע קהילות, אָנגעשלאָסענע אינעם ועד. ד אָ ס דאָזיקע הויפּטלעכטלעכע וואָס אונז אינטערעסירט איז דער פאַקט, אַז די פּלאָצקער קהילה האָט שוין געהאַט אַ פּלאַץ צווישן די עלצטע פון דער גרויס־פּוילישער זעלבסטפאַרוואַלטונג. לויט דער קעניגלעכער פּריווילעגיע פון 1519, וואָס האָט גורם געווען דאָס אַנטשטיין פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג, האָט די פּלאָצקער קהילה געהאַט צו פאַרטרעטן צווישן די עלצטע איינער אברהם פון פּלאָצק, וואָס האָט תחילת געוואוינט אין סאַכאַטשאוו. ער איז געווען צווישן די טאַקסירער און האָט דעם אמת בלי־ספק באַקומען אַראַנק דעם, ווייל ער איז דעמאָלט געווען דער פירער פונעם פּלאָצקער קהל. וועגן דעם נאָמען פון דעם ערשטן פירער פונעם פּלאָצקער קהל, וואָס שטאַמט פון סאַכאַטשאוו, ווייסט מען אויך, אַז ער האָט פאַרמאָגט אַן אייגן הויז אין פּלאָצק.

די אָנגעהעריקייט פונעם פּלאָצקער קהל צום אויטאָנאָמישן גרויס־פּוילן ועד האָט געהאַט אויך אַ שייכות צו דער צווייטער העלפט פונעם 16־טן יאָרהונדערט. און אַזוי איז אונז פאַרבליבן דער קעניגלעכער דיפּלאָם פון 1569, אין וועלכע צווישן די הכנסות, וואָס דער קעניג האָט געהאַט פון דער גרויס־פּוילישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, ווערן אויך דערמאָנט די הכנסות פון אַ גאַנצער ריי מאַזאָווער קהילות, ווי פּלאָצק, פּלאָנסק, סאָכאַטשעוו, מלאַווע און אַנדערע. די ראָל, וואָס די פּלאָצקער קהילה האָט דעמאָלט געשפּילט אין דער זעלבסטפאַרוואַלטונג, דרינגט אַרויס פונעם פאַקט, וואָס מען האָט אַרויסגעשיקט אַ דעלעגאַציע פון פּלאָצקער אידן צו באַמיען זיך ביי סטעפאַן באַטאַרי ער זאָל באַשטעטיקן די פּריווילעגיע, וואָס די זעלבסטפאַרוואַלטונג האָט באַקומען פון די פריערדיקע קעניגן.

און דאָס פאָרגעשטעלטע ביז איצט בילד זיינען מיר ביכולת אויסצופילן מיט אַ ריי איינצעלהייטן, וואָס אילוסטרירן דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון די פּלאָצקער אידן, ווי אויך זייער צוזאַמענלעבן מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג.

ווי ס'דרינגט אַרויס פון די רעלאַציעס, וואָס זיינען פאַרבליבן פון יענע צייטן, איז דער האַנדל אין לויף פון 16־טן און ערשטן העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט, געווען די הויפּטזעכלעכע באַשעפטיקונג פון די פּלאָצקער אידן, אַדאַנק דעם זיינען שוין אין אָנהויב פון 16־טן יאָרהונדערט פאָרגעקומען קאָנפליקטן צווישן די אידישע סוחרים און פּוילישער באַפעלקערונג. אַזאַ מין איינדרוק באַקומט מען פון דער פאַראָרדענונג, אַרויסגעגעבן אין 1523־טן יאָר דורכן קעניג זיגמונט דער ערשטער, לויט וועלכער ס'איז דערלויבט געוואָרן די פּלאָצקער אידן אין די ירידים־טעג צו פירן אויפן האַנדלספּלאַץ אויסשליסלעך אַ הורט־האַנדל. ס'איז אויסער ספק, אַז די פאַראָרדענונג איז אַ רעזולטאַט פון די באַמיאונגען פון דער פּלאָצקער קריסטלעכער באַפעלקערונג, וואָס האָט פּונקט ווי די ניט־

אידישע סוחרים פון אַנדערע ערטער מיט אַ באַזונ־דערער אייפערדיקייט באַקעמפט דעם אידישן קליינהאַנדל. אין דער פאַראָרדענונג ווערן אויסגע־רעכנט אַזעלכע הויפט־אַרטיקלען פון דעם אידישן האַנדל, ווי געוואַנטן, פּאַדים און פאַרשיידענע געווירצן. געוואַנטן און פּאַדים איז געווען דער־לויבט צו פאַרקויפן אויסשליסלעך אויפן שטיק, אָבער נישט אויף דער מאָס און געווירצן נאָר אויפן פונט.

פון דער צווייטער העלפט פון 16־טן און אָנהויב 17־טן יאָרהונדערטן זיינען דערגאַנגען צו אונז ידי־עות פון וועלכע מ'דערפאַרט, אַז אויסער דעם האַנדל מיט געוואַנטן און געווירצן, האָבן די פלאָצ־קער אידן געהאַנדלט אויך מיט פעל און אָקסן. אין יאָרן 1580 און 1581 האָבן די אידן דורך דער קאַלישער קאַמער טראַנספּאָרטירט 724 שטיק אָק־סענע און צאַפּענע פעלן פון היימישער אויסאַרבע־טונג און דאָס האָט אויסגעמאַכט 20 פראָצענט פו־נעם אַלגעמיינעם טראַנספּאָרט אָקסענע און צאַ־פּישע פעלן, פאַרצייכנטע אין יענער צייט אין דער דערמאָנטער קאַמער. אין אַ צווייטער קאַמער טרע־פן מיר אין דער זעלבער צייט אַ פלאָצקער אידן, וואָס פירט טייערן סאַמעט. אין די פאַרצייכענונ־גען פונעם באַרימטן פוילישן רב יואל סערקעס, וועלכער האָט געלעבט אין דער צייט צווישן 16־טן און 17־טן יאָרהונדערטן איז אונז איבערגעבליבן אַ כראָניק וועגן איינעם משה פון פלאָצק, וואָס האָט געפירט אַ הורט־האַנדל מיט אָקסן און איז צוליב זיינע קניעס געפאָרן קיין וואַלאַכיע.

אַ נישט ווייניקער פאַרדינסט - צווייג פאַר די פלאָצקער אידן אין יענער צייט איז געווען די אַרענדע. ס'איז צו אונז אויך דערגאַנגען אַ רעלאַ־ציע פונם 16־טן יאָרהונדערט, אַז אידן האָבן באַ־קומען אַרענדעס פונעם פלאָצקער סטאַראָסטע אין פלאָצק גופא און אין די געגנטן פון סיערפּץ. ווע־גן די אידישע אַרענדעס האָט אומגעפער אין 1603־טן יאָר געשריבן דר. ווישערעטש, אַז ס'וואָלט גע־ווען געוואונטשן אידן זאָלן אויפהערן זיין שטייער איינמאָנער. דער זעלבער דאָקטאָר אין טעאָלאָגיע באַמערקט אויך אין זיין שרייבעכץ, אַז מ'וואָלט באַדאַרפט באַגרענעצן די אידישע באַשעפטיקונגען איינשליסלעך דעם האַנדל און אויף אַזוי פיל, אַז ס'זאָל זיי פאַרבאָטן ווערן אויסצושטעלן די סחו־רות אויפן מאַרק.

פון אַן אַנדערן טייל פונעם דערמאָנטן שריי־בעכץ פונעם ניט־איינגעגעבענעם רעפאָרמאַטאָר קען מען אַרויסדרינגען, אַז צווישן די פלאָצקער אי־דן זיינען אויסער סוחרים און אַרענדאַטאָרן אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט פרייע באַרופן. און אַזוי טוט עס ווי דעם דר. ווישערעטש, וואָס פלאָצקער קריסטן באַנוצן זיך מיט אידישע מעדיקער.

וואָס ס'פעלן אין ידיעות וועגן אידישע האַנט־ווערקער צווישן די פלאָצקער אידן, הגם ביי אַזאַ אַנטוויקלטן האַנדל איז אויסער ספק, אַז עס זיי־נען דאָרט אויך געווען האַנטווערקער, עקספּלואַ־טירטע פון די היימישע אידישע סוחרים, וואָס זיי־נען געווען די אונטערנעמער.

ווי ס'ווייזט אויס, האָבן איניקע פלאָצקער אי־דישע סוחרים זיך דערשלאָגן צו ווערן קעניגלעכע ליפעראַטן, זיי האָבן גענאָסן פון ספּעציעלע פּריווי־לעגיעס און ווי די „קעניגלעכע דינער” זיינען זיי דירעקט געווען אָפּהענגיק פונם קעניג. וועגן איי־נעם אַזאַ מין קעניגלעכן דינער באַריכטן די קעניג־לעכע איינשרייב־אַקטן פון דער ערשטער העלפט 16־טן יאָרהונדערט. ער האָט געהייסן פעליקס זע־ליגמאַן און איז געשטאָרבן אין 1545, איבערלאָזנ־דיק נאָך זיך די אַלמנה שרה.

וועגן דעם צוזאַמענלעבן פון די פלאָצקער אידן מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג באַריכטן איי־ניקע קאַשטשיאַל־אַקטן, ווי די רעלאַציעס פונעם דערמאָנטן דר. ווישערעטש, שוין אין 1539 שטריי־כן אונטער די אַרטיקע קאַשטשיאַל־אַקטן, אַז די אידן פון פלאָצק האַלטן אָן מיט די פלאָצקער קריס־טן נישט בלויז האַנדלס־פאַרבינדונגען, נאָר אויך געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונגען, דער קאַשטשיאַל באַטראַכט עס פאַר „שלעכטע” איינפלוסן און נעמט צו דעם שטעלונג אויף די פּראָצעסן וועגן „זיך אידישן”, וואָס זיינען פאָרגעקומען פאַר קלויסטער־געריכט אין פלאָצק אין די יאָרן צווישן 1534 און 1559 קעגן צוויי קריסטלעכע כירורגן, איינער בראַזיוש פון מלאווע און דער צווייטער מאַצאיעוו פון שיערפּץ. ביידע זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין „יערעטישקייט” און ס'איז זיי פאָר־געוואָרפן געוואָרן, אַז זיי האָבן זיך „געאידישט”. בראַזיוש זאָל געווען האָבן, ווי אַלע אָנגעצונדן ליכט שבת, געגאַן אין שיל און געפירט עפנטלעכע וויכוחים וועגן רעליגיע. לויט די זעלבע רעלאַציעס זאָלן געווען האָבן פיל פלאָצקער קריסטן און אפילו

פון דער אַרומיקער שליאַכטע זיך „געאידישט”. עס איז אויסער ספק, אַז מען האָט דאָ צו טון מיט אַ מין אַריאַנישער באַוועגונג, באַזונדערס מיט איר לינקן פליגל, וואָס האָבן געשאַפן די אַזוי גערופענע אַנטי־טריניטאַריער, אָדער שבתניקעס. די באַשול־דיקטע אין אפיקורסות האָבן, ווי ס'ווייזט אויס, געווען פּראָטעזשירט, ווייל דאָס געריכט קעגן זיי האָט זיך געצויגן אַ גאַנצן פערטל יאָרהונדערט און צו אַן אורטייל איז עס נישט געקומען. און מיט אַ באַזונדערן פאַרשטענדענישפולן אינטערעס און אַנגסט האָבן נאָכגעפאָלגט דעם פּראָצעס די פלאָצקער אידן. און די אידן האָבן געקענט, האָבן אַנגסט, ווייל דאָס קלויסטער געריכט האָט באַט־ראַכט דאָס צוזאַמענלעבן פון די קריסטן מיט די אידן, די סיבה פון דעם אפיקורסות. דער לעצטער עטאַפּ פונעם ענין ווערט נאָטירט אין 1559־טן יאָר, ווען דעם אַכטן סעפּטעמבער פון זעלבן יאָר האָט דער פּראָווינציעלער סינאָד באַשטעטיקט אַ ריי באַשלוסן קעגן די „יודאַ־זינדיקע”, געווענדעט אין דער גאַנצער שאַרפקייט קעגן... די אידן. אין הככם מיט די באַשטימונגען האָבן די אידן באַ־דאַרפט איינגעשפּאַרט ווערן אין אַ געטאָ און ס'איז זיי פאַרווערט געוואָרן יעדער פאַרקער מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג.

אָבער די דערמאָנטע סינאָד־באַשלוסן האָבן ניט געהאַט קיין באַזונדערס גרויסע ווירקונג. מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער באַקלאָגט זיך דר. ווישערעטש אויפן גוטן צוזאַמענלעבן צווישן די פלאָצקער אידן און קריסטלעכער באַפעלקערונג, איבערהויפּט אויף דעם, וואָס ס'פעלט אין שטאָט אַ געטאָ. ער רעדט בעריכות וועגן דעם „אויסערסט שעדלעכן איינפלוס” וואָס די „געמלטע אידישע נאַציע” האָבן אויף די קריסטן און אין הסכם מיט די קלויסטערלעכע קאַנאָנען שלאָגט ער פאָר פאָל־גנדיקע רפואה: „ס'צייגט מיך איבער דאָס פאָרויס־זעעוודיקייט פון איניקע שטעט, — שרייבט ער אין זיין שריפט, — וואָס האַלטן אויף די נעמען פון די אידישע גאַסן, אין וועלכע מ'האָט אַריינ־געשטופּט מיט אַ כיוון די אומגליקיקע. דעריבער וואָלט איך געוואונטשן, אַז אויך די פלאָצקער, באַ־צאָלנדיק די שאָדנס, זאָל מיט דער הילף פון דער מאַכט אויך טאָן דאָס זעלבע. ווען ס'זאָל זיך אַרויסווייזן פאַר אומעגלעך, זאָל מען באַווירקן די שטאָט־פאַרוואַלטונג, אַז זי זאָל באַגרענעצן דאָס האַנדלען פון די געמלטע צווישן די קריסטן... אַז בעתן גאָטעסדינסט זאָלן זיי בלייבן אין זייערע הייזער... אַז זיי זאָלן נישט וואוינען צוזאַמען מיט די קריסטן, זאָלן נישט עסן צוזאַמען מיט זיי, זאָלן

דאָס טילנע געסל אין פלאָצק

נישט האָבן קיינע געמיינזאַמע באַד־הייזער, אַז קריסטן זאָלן זיך נישט באַנוצן מיט אידישע מעדיקער, אַז זיי זאָלן נישט גיין דינען צו אידן און אַזוי ווייטער. אָבער ס'זיינען געבליבן בלויז וואונטשן, וואָס האָבן אין יענער צייט געהאַט קנאַפּע ווירקונג.

— 3 —

די אידישע קהילה אין פלאָצק אין דער צייט 1650—1793

די פריערדיקע אַנטוויקלונג פון דער אידישער קהילה אין פלאָצק איז איבערגעריסן געוואָרן אויף אַ לענגערער צייט צוליב דעם „מבול" קאַזאַקישע און שוועדישע מלחמות, וואָס האָבן פאַרגאָסן פּוילן אין דער העלפט פונעם 17־טן יאָרהונדערט. די שוועדן האָבן חרוב געמאַכט פלאָצק. די אידן־גאַס האָט אָפּגעברענט און וואָס ס'איז איבערגעבליבן גאַנץ האָבן אויסגערויבט די סאָלדאַטן. די אידן זיינען רואינירט געוואָרן.

ווען דער שטורעם איז פאַריבער, האָט מען גענומען טראַכטן ווי אַזוי צו אַרויס פון דער נויט און ווידער אויפבויען דאָס צעשטערטע. אין 1697־טן יאָר באַקומען די פלאָצקער אידן פונעם קעניג יאַן קאַזמיערזש פּריווילעגיעס, וואָס גיט זיי דאָס רעכט אויסצובויען נייע הייזער. אויפן אָרט פון די אָפּגעברענטע, דערלויבט זיי פרייען האַנדל, אויך אויפשטעלן אין שטאָט קראָמען און יאַטקעס אָן שום באַגרעניצונגען. די פּריווילעגיעס זיינען נאָכער אויך באַשטעטיקט געוואָרן פון די קעניגן מיכאַל ווישניאַוועצקי אין 1671, יאַן סאָביעסקי אין 1676, אויגוסט דער דריטער אין 1670 און סאַן אויגוסט אין 1770־טן יאָרן.

אָבער ס'האָט זיך נישט איינגעגעבן די פלאָצקער אידן צו נאָרמאַליזירן זייער לעבן, צעטרייסלט פונעם שוועדישן קריג, אַזש ביז דער ענדע פון 17־טן יאָרהונדערט. זיי האָבן קוים באַוויזן אויסצובויען נייע הייזער אויפן אָרט פון די אָפּגעברענטע, ווי זיי האָבן אין די 60־ער יאָרן געמוזט פאַרלאָזן פלאָצק אין הסכם מיט דער פאַראָרדענונג פונעם סיים פון דער אידישער גענעראַלשאַפט אין דער מלוכה, די סיבות פון דער פאַראָרדענונג זיינען אומבאַוואוסט, אָבער די אידן האָבן געמוזט פאַרלאָזן אַלע ערטער פון מאַזאָוויע און די פּאַראָרדענונג איז דערמאָנט געוואָרן בעת דער סיים־סעסיע פון 1669־טן יאָר. שפּעטער איז די פּאַראָרדענונג צוריקגעצויגן געוואָרן און די אידן האָבן זיך אומגעקערט קיין מאַזאָוויע, אָבער זייער לעבן איז שוין געווען אונטערמינירט. אָט קומט אונז אַ ידיעה פון 1678־טן יאָר, אַז דער זעלבסטפאַרוואַלטונג פון פּוילישן אידנטום, וואָס איז געווען די העכסטע אויטאָנאָמע רעפּרעזענטאַציע, האָט קוים געלונגען אָפּצורופן די גזירה פון אַרויסשיקן די אידן פון די מאַזאָווער שטעט און שטעטלעך.

די אידן האָבן זיך ווידער אומגעקערט קיין פלאָצק אין 1671־טן יאָר, אין דעם יאָר ווען דער קעניג מיכאַיל האָט זיי באַשטעטיקט די „רעסטאַוראַציע" פּריווילעגיע פון 1657. זינט דער צייט האָט עס זיי גענומען 17 יאָר זיך אויפצובויען, און די אַרבעט האָט געברענט ממש ווי אַ וואולקאַן, און קוים זיינען די אידן געווען פאַרטיק מיט זייער אויפבוי־אַרבעט, ווי אַ נייער דונער האָט געטראָפן דעם אידישן טייל פון פלאָצק און אַריינגעוואָרפן אין ניוועץ אַ צען יאָריקע פּראַצע. אין דעם יאָר האָט אויסגעבראָכן אַ שריפה, וואָס האָט חרוב געמאַכט דעם גאַנצן אידישן האָב און גוטס און צוגענומען ביי די פלאַצקער אידן דעם לעצטן דאַך איבערן קאָפּ, דערצו האָט אויסגעבראָכן אַ מגיפה, וואָס האָט אַרויסגעריסן פיל קרבנות פון צווישן די אידן.

און ווידער האָט מען געמוזט אָנהויבן בויען אויף די חורבות, אָבער צום קענען בויען האָבן געפעלט די פּריווילעגיעס פון די קעניגן. מ'האָט געמוזט אָנקומען צו הלוואות, מיטן ענין האָט זיך פאַרנומען די פלאָצקער קהילה, וואָס האָט זיך פאַרשולדיקט פאַר אירע מיטגלידער אויף גרויסע סומען ביי דער שליאַכטע און ביי די גייסטלעכע, פאַרזיכערט דורך היפּאָטעקעס אויף די געבויעטע אידישע הייזער. און דאָס אידישע לעבן אין 18־טן יאָרהונדערט ווערט אָוועקגעשטעלט אונטערן צייכן פון קהלשע חובות און וואַקסנדיקער איסקע. הגם מ'האָט זיך באַמיט צו פאַרקלענערן די לאַסט, זיינען דאָך געשטיגן די סומעס צום צאָלן, נאָך אין 1764־טן יאָר איז פלאָצקער קהל געווען פאַרשולדיקט ביז אַריבער די אויערן. און אַזוי דערוויסן מיר זיך, אַז אין יענער צייט איז פלאָצקער קהל געווען אַ בעל־חוב. די פלאָצקער יעזואיטן מיט גאַנצע 50 טויזנט זלאָטעס. און ס'איז געווען נישט

דער איינציקער חוב, ס'איז אומבאַוואוסט וויפל דער אידישער קהל איז געווען שולדיק דער שליאַכטע און אַנדערע קרעדיטאָרן. און ווי גרויס ס'איז געווען די לאַסט פון די חובות, וואָס האָבן געשטערט, אַז די פלאָצקער אידן זאָלן קענען צעפירן די הענט, קען מען אורטיילן פונעם פאַקט, וואָס די חובות האָבן באַלאַסטעט אַלע אידן, קליינע אין דער צאָל באַפעלקערונג. לויט דער ציילונג פון די אידן, וואָס די מאַכט האָט דורכגעפירט אין 1764 האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין פלאָצק און אין די נאָענטסטע דערפער האָבן אין יענער צייט געוואוינט קוים 725 אידן, וואוינהאַפט דאָרט עפּעס מער פון אַ יאָר. פון דעם איז אַרויסגעדרונגען, אַז פלאָצק אַליין האָט דעמאָלט געהאַט פון 120 ביז 130 אידישע משפחות.

פון יענער צייט זיינען אונז איבערגעבליבן דאָקומענטן, וואָס שילדערן דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון די פלאָצקער אידן. דער וויכטיקסטער מאַטעריאַל איז פאַראַן אינעם צעכן־בוך פון ענדע 18־טן און אָנהויב 19־טן יאָרהונדערטן, און ס'האָט אַ שייכות צום צעך, וואָס די אידישע שניידערס האָבן געגרינדעט אין פלאָצק. וועגן דעם בוך האָט געשריבן און געמאַכט פון דעם אויסצוגן דר. ע. רינגלבלום און אַדאַנק דעם האָבן מיר אַ באַגריף וועגן דעם עקאָנאָמישן צושטאַנד פון די פלאָצקער אידן אין יענער צייט. מיר דערוויסן זיך, אַז דער אידישער שניידער־צעך אין פלאָצק איז אַנטשטאַנען מיט אַ צענדליק יאָר פריער פאַר 1789 און איז באַשטאַנען פון עטלעכע צענדליק בעל־מלאָכות, וועלכע האָבן אויסער דעם פאַך־אינטערעס געהאַט אין אויסזיכט אויף זייערע רעליגיעזע און געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן. ווי אויך אויסצומיידן קאָנקורענץ. פון איינציקע אויסצוגן, גענומען פונעם בוך, דרינגט אַרויס אַז די פלאָצקער שניידער האָבן געהאַט אַן אייגענע שיל, וואָס האָט זיי אויך געדינט פאַר פאַרזאַמלונגען. אינעם זעלבן געפינט מען אויך דערמאָנונגען וועגן שניידער געזעלן און די באַדינגונגען פון אַרבעט. צום סוף דערוויסן מיר זיך אויך, אַז אויסער שניידער זיינען אין דער פלאָצקער קהילה געווען אויך קירשנער, אַזוי ס'וועט נישט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז אין יענער צייט האָבן מינדסטנס אַ דריטל אידן געלעבט פון האַנטווערק. אַזאַ אַנטוויקלונג פונעם אידישן האַנטווערק ווערט אויסגעטייטשט מיט דעם, וואָס צווישן די פלאָצקער אידן זיינען אינעם

דער טויבער אליהו וועקט צו סליחות

18־טן יאָרהונדערט מסתמא געווען אויך סוחרים אונטערנעמער, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט קאָנפעקציע און געגעבן שטאָפן צום „אויסאַרבעטן" די היימישע אידישע שניידער און קירשנער. אָט די פאַרבינדונג צווישן דער „נאָדל־בראַנזשע" און אידישן הורט־האַנדל איז געקומען צום אויסדרוק אין פיל אידישע קהילות אינעם 17־טן און 18־טן יאָרהונדערטן. און ס'איז בלי ספק געווען אויך אין פלאָצק. וועגן דער געוואַנדקייט פון איינציקע אידישע סוחרים אין פלאָצק דערציילט אַ באַריכט, וואָס איז פאַרבליבן אין די דאָקומענטן פונעם קעניג סאַן־אגוסטין פון די יאָרן 1770־1790, וועגן דעם, אַז איניקע סוחרים האָבן אַנטדעקט זאַלץ־שיכטן און פּראָיעקטירט עס צו עקספּלואַטירן.

און גאַנץ ווייניק זיינען מיר אינפאָרמירט וועגן דעם אינערלעכן לעבן פון די פלאָצקער אידן. פון יענע צייטן זיינען פאַרבליבן קוים דריי נעמען פון אידן — תלמודיסטן, וואָס האָבן פאַרנומען 22 פּאַרנסים אין דער קהילה. און אַזוי איז אונז פאַרבליבן אַ ידיעה, אַז אין 1695 איז געווען רב אַי־

ציק אייזיק בן יהודה לייב און זיין אויטאָריטעט איז געווען אזוי גרויס, אַז די מחברים פון אַרבעטן וועגן תלמוד פלעגן בעטן זיין סמיכה. אַ גרויסע אויטאָריטעט אין תלמוד ענינים איז אויך געווען חיים גינזבורג, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן גייסטיקן לעבן אין פלאָצקער קהילה ארום 1777־טן יאָר. פאַר 1783 האָט זיין אָרט אין דער קהילה פאַרנומען ישכר בער בן יהודה־לייב, וועלכער איז נאָכער אַריבערגעפאָרן קיין סלוצק.

דאָס צוזאמענלעבן פון די פלאָצקער אידן מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג האָט אין אַלגעמיין אויסגעזען צו זיין אַ גוטער. מ׳דערפארט עס פון די באשטימונגען פון די פראָווינציעלע סינאָדן אין פלאָצק, די באַשטימונגען האָבן אַ שייכות צו אידישע ענינים, צוזאמען מיט פאַראָרדענונגען און בריוו פון פלאָצקער בישאָפן, וואָס האָבן אין הסכם מיט די מיטלאַלטערלעכע קלויסטער־תקנות געהאט אין אויסזיכט צו האלטן איזאָלירט די אידן פון די קריסטן. אויסער דעם דערוויסן מיר זיך, אַז אין 1773 האָט דער פּראָווינציעלער סינאָד, וואָס האָט דעמאָלט געהאט זיינע באַראטונגען אין פלאָצק, אָנגענומען א גאנצע ריי באַשלוסן קעגן אידן און נאָר דערפאַר, ווייל די פלאָצקער אידן זיינען געשטאנען אין נאָענטע באַציאונגען מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. אזוי ארום האָט דער בישאָף לענעבערן, וואָס איז געקומען קיין פלאָצק אין 1752, איבערגעלאָזט אַ פאסטאָר־בריוו וועגן „מיסברויכן" מצד די אידן און אין דער וויזיטאציע וואָס איז פאָרגעקומען אין 1775, האָט ער פאַראָרדנט, אַז זונטיק זאָל אידן דערלויבט זיין צו האנדלען בלויז ביז 9 אַזייגער אינדערפרי און אויסשליסלעך מיט דערנערונג־מיטלען. בעת דער זעלבער וויזיטאציע האָט ער אויך פאַראָרדנט, אַז בעת די פּראָצעסיעס פון „קאָרפּוס כריסטי", וואָס קומען פאָר אויפן אלטן מארק, זאָל די אידישע גאַס אָפּגעצוימט ווערן מיט א ספּעציעלער וואנט, אז די אידן זאָלן נישט קענען זען די פּראָצעסיע. די פאַראָרדענונג איז אריין אין קראפט און האָט אָנגעהאלטן ביז א העלפט פונעם 19־טן יאָרהונדערט.

אַ בליק אויפן צוזאמענלעבן צווישן אידן און קריסטן ווארפט אויך אַן עפּיזאָד פון די דאטן פון דער פּריצישער קאָנפעדעראציע אין 1768. אויס מורא פאַר די קאָזאקן איז דעמאָלט אנטלאָפן קיין פלאָצק דער ווישגראָדער מאַרשאלעק און פירער פון די קאָנפעדעראטן, יאָזעף סאלוא דאלאנסקי, ער האָט זיך אויפגעהאלטן ביים בירגערמייסטער סטאראגראָדסקי, דאָך נישט לאנג, אָבער די אידן האָבן זיך פאַר אים איינגעשטעלט און אים אַ לענגערע צייט אויסבאַהאלטן אין דער מקוה און נאָכער צווישן די קראנקע פונעם אידישן ביקור־חולים. נאָכער איבערגעטון פאַר א פורמאן איז אים געלונגען זיך צו ראטעווען.

— 4 —

די פלאָצקער קהילה אין דער צייט פון 1794 ביז 1858

די צאָל־אנטוויקלונג פון דער קהילה. — די איינוואנדערונג פון די דייטשע אידן מיטן אָנהויב פונעם 19־טן יאָרהונדערט. — מענדעלסאָנס אידייען אין פלאָצק.— דער ליכטיקער פלאָצקער רב יהודה לייב מאַרגולים און זיינע טאטן. — דער ערשטער „משכיל" יאָזעף פרענקעל. — דער ק א מ ף מיטן חסידיזם. — די קוואליפיקאציעס פון די פלאָצקער רבנים. דער אָנהויב פון דער שפּראכן־אַסימילאציע. — רבנים און געלערנטע תלמודיסטן אין פלאָצק אין דער ערשטער העלפט פונעם 19־טן יאָרהונדערט. די פּיאָנערן פון דער אַסימילאַציע. — דר. פּיליפּ לובעלסקי און זיגמונט פּערקאל. — שלום.

מיט דער צווייטער צעטיילונג פון פוילן איז פלאָצק אריבער אין דייטשער אָקופּאציע און איז אַזוי געבליבן ביזן אנטשטיין פונעם גרויסן ווארשעווער פירשטנטום (1807). און דער איבערגאנגפּעריאָד האָט אויך אנטשיידן דעם אנטוויקלונגסכום פון דער פלאָצקער אידישער קהילה, ווי אויך איר גייסטיקע אנטוויקלונג. וואָס שייך דעם סכום צוזאמענשטעל, קען מען פון פאָלגנדיקן:

אין 1764־טן יאָר האָט די פלאָצקער קהילה, — ווי מיר ווייסן שוין פונעם פריערדיק - באַמערקטן. ביי 130—120 אידישע משפּחות מיט א קימא לן פון 600 ביז 650 נפשות.

אין לויף פון ווייטערדיקן פערטל יאָרהונדערט מערקט זיך אן אומבאַדייטנדיקער צוואוקס און

לויט דעם אָנגעגעבענעם אין 1800־טן יאָר האָט די פלאָצקער קהילה געציילט דעמאָלט סך־הכל 731 נפשות, וואָס מאַכט אויס 28,3 פּראָצענט פון די אלגעמיינע 2578 איינוואוינער.

און דאָס בילד ענדערט זיך באַדייטנדיק אין די יאָרן 1808—1807, לויט די אָנגעגעבענע דעמאָלט צאָלן:

אין 1802 האָט פלאָצק געציילט אין אלגעמיין 3.714 איינוואוינער און צווישן די 1.783 אידן, אָדער 48 פּראָצענט פון דער אלגעמיינער צאָל באַפעלקערונג. די אידן פאַרנעמען א ספּעציעלן שטאָטטייל, וואָס באַשטייט פון צוויי גאַסן: סינאגאָגאלנא און יערוזאלימסקא. פון 1803־טן יאָר איז פאַרבליבן דער פּלאן „פונעם אידישן אָרט אין פלאָצק". פון דעם פּלאן זעט מען, אַז דער אידישער טייל האָט ארומגענומען 77 פּאָסעסיעס אָדער געמויערטע בנינים און הייזער.

די ווייטערדיקע פינף יאָר ווייזן אַ נייעם צוּוואוקס אין דער אידישער קהילה פון פלאָצק. ס׳דרינגט אַרויס פון דער ערשטער ציילונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין 1808־טן יאָר בעת דעם יונגן ווארשעווער פירשטנטום. די ציילונג באַווייזט פאַר פלאָצק, רונד 4.000 נפשות און פון די 1932 אידן, אזוי אז די אידן האָבן שוין אויסגעמאַכט כמעט אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג.

רעזומירנדיק די אָנגעוויזענע דאטעס, קענען מיר באַשטעטיקן, אַז אין משך פון דער דייטשער אָקופּאציע, וואָס נעמט ארום די יאָרן 1807—1794 איז די אידישע באַפעלקערונג פון פלאָצק אויסגעוואקסן דרייפאַכיק און ס׳פאַלט אויסשליסלעך אויף די יארן 1807—1800, ווען דער פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג איז געשטיגן פון 28 פּראָצענט אויף 50.

נאָך אמאָל שטרייכן מיר אונטער, אַז די דערמאָנטע אנטוויקלונג איז פאָרגעקומען אין אַ קנאַפּע פאָר יאָר, דעסטגלייכן באַמערקן מיר, אַז אינעם ליכט פון די אָנגעגעבענע דאטעס באַקומט זיך, אַז דער גרעסטער צוּוואוקס פון דער אידישער באַפעלקערונג אין פלאָצק פאַלט אויף די יאָרן 1802—1800, ווען די זעלבע איז געשטיגן פון 731 נפשות אויף 1783, אַ שטייגן פון 28 אויף 48 פּראָצענט פון דער אלגעמיינער באַפעלקערונג־צאָל. אַזאַ ראַפּטאָווער וואוקס, וואָס שטייגט אריבער ווייט די גרענעצן פון אַ נאַטירלעכן צוּוואוקס, ווערט אויסגעטייטשט מיט דעם, וואָס קיין פלאָצק האָבן אריבערגעוואנדערט אידן פון אַנדערע געגנטן. די צאָל אריבערגעוואנדערטע האָבן באַדאַרפט

דער אלטער בית־עלמין אין פלאָצק

באַטרעפן אומגעפער ביי א טויזנט נפשות. די אַלע אײנצעלהייטן וואָס מיר האָבן פון יענער צייט ווייזן אָן, אַז אין רוב האָבן אריבערגעוואנדערט קיין פלאָצק אידן פון דייטשלאנד און פון די פּרייסישע געביטן. די השערה דרינגט ארויס קודם כל פון די מאטעריאלן וואָס שטעלן פאַר דאָס אידישע גייסטיקע לעבן אין פלאָצק אין דער ערשטער העלפט פונעם 19־טן יאָרהונדערט. עס ווייזט זיך ארויס, אַז די פלאָצקער אידן זיינען דעמאָלט געווען א מין אָאזיס צווישן דעם פוילישן אידנטום, אַן אָאזיס, אין וועלכן ס'האָבן זיך אַנטוויקלט די אידייען, וואָס זיינען פּראָפּאַגאַנדירט געוואָרן פון משה מענדעלסאָן אין דייטשלאנד, די השכלה באַוועגונג, — בעת די אידן פון וואַרשעווער פירשטנטום זיינען אלץ מער אריינגעפאלן אין חסידיזם, וואָס איז געווען פיינטלעך געשטימט קעגן מענדלסאָנס רעפאָרמעס.

ס'איז קלאָר, די איינוואנדערונג פון די אידן פון דייטשלאנד און פון מזרח פּרייסן האָט געהאט ווירקונג אויפן אויספורעמען א נייעם גייסטיקן פּרצוף פון דער פלאָצקער קהילה און מען זעט עס פונעם דערמאָנטן פנקס פונעם אידישן שניידער־צעך אין פלאָצק. אינעם דערמאָנטן צעכן־בוך איז פאַראן דער באַמערקנסווערטער פאַל, אַז פון 1806־טן יאָר איז דאָרט פאַרבליבן א פּראָטאָקאָל געשריבן אין דער דאָרטיקער שפּראַך (מיט אידישע בוכשטאבן), בעת תחילת האָט מען געשריבן אויסשליסלעך אין העברעאיש, ס'הייסט, אין א געמיש פון העברעאיש און אידיש.

נישט ווייניקער כאַראקטעריסטיש זיינען די דאַטן, וואָס מיר האָבן וועגן דעם רב, וואָס האָט צום סוף פון 18־טן און אָנהויב 19־טן יאָרהונדערט אָנגעפירט מיטן גייסטיקן לעבן פון דער פלאָצקער אידישער קהילה. אויפן כסא הרבנות איז דעמאָלט געזעסן יהודה לייב מארגוליס, (בן אשר זצ"ליג) און די ידיעות וואָס זיינען וועגן אים פאַרבליבן באַשטעטיקן, אַז ער איז געווען דער „מאור־המתנגדים", וואָס האָט געקעמפט קעגן דעם חסידיזם און האָט זיך לעבהאַפט אינטערעסירט מיט דער אויפקלערונג־באַוועגונג, אָנגעפירט פון מענדעלסאָנען.

געבוירן אין 1787־טן יאָר איז י. ל. מאַרגוליס תחילת געווען רב אין שטאָט זשעשין, פלאָצק און נאָכער אין פראנקפורט אויפן אָדער. זיין טעטיקייט אין פלאָצק האָט זיך אָנגעהויבן אין 1798־טן יאָר. ער איז אויך געווען אין פלאָצק אין 1800־טן יאָר. און ווייטער, ווייל קיין פראנקפורט אויפן אָדער האָט מען אים גערופן ערשט אין 1805־טן י. אַזוי אַז אין פלאָצק איז ער געווען טעטיק אינעם משך פון 1798 ביז 1805. ער איז געשטאָרבן אין פראנקפורט דעם 14־טן יוני 1811 און שוין אין פלאָצק איז ער געווען באַקאנט, ווי דער מחבר פון צוויי ווערק: „אור עולם", אַרויסגעגעבן אין 1777־טן יאָר אין פראנקפורט א. א. און „פּריט' בוא" (1796), וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער רבנישער ליטעראַטור מיטן געוואָגטן באַטראַכטן די פּראָבלעמען פון גלויבן און וויסן.

אין „אור עולם" האָט מאַרגאָליס זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו וועקן דעם אידישן אינטערעס צו שטודירן נאַטור־וויסנשאַפטן. פאַר יענער צייט איז עס געווען אויסערסט געוואגט, ווייל ס'האָט געקענט אַרויסרופן א שנאה מצד די רבנים, וואָס זיינען געווען קעגן אלץ, וואָס האָט צו טאָן מיט וועלטלעכן וויסן, ווי „כפירה" האָבן אין מאַרגליסעס ווערק געקענט באַטראַכט ווערן די אויספירן וועגן כימיע, אנאַטאָמיע און פיזיאָלאָגיע, ווי אויך זיינע באַמערקונגען וועגן דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע, וואָס ער האָט באַטראַכט, ווי א פאקט אין דער אַנטוויקלונג פון די נאַטור־וויסנשאַפטן. און דאָך האָט דער פלאָצקער רב געוואגט אויף אַזאַ „כפירה"! און ווי ס'ווייזט אויס האָבן זיינע ווערק געהאט ווירקונג, ווייל צווישן 1777 און 1783 זיינען זיי דערשינען אין דריי אויפלאַגעס. באַמערקנסווערט זיינען אויך מאַרגוליסעס בליקן אויף די באַציאונגען צווישן קהל און חסידיזם. ער טרעט אַרויס שאַרף קעגן די „טאַקיפים", וואָס פאַרבויגן די מענטשלעכע ווירדע, קניען פאַר די פוילישע מאַגנאַטן און עקספּלואַטירן נאָכער די אידישע אָרעמקייט. ס'באַומרואיקט אים די פאַרשפּרייטונג פונעם חסידיזם אין פוילן און ער האַלט, אַז מען דאַרף עס שאַרף באַקעמפן. צום קלאָר מאַכן זיין וועלטבליק איז כדאי צו ציטירן זיין שטעלונג צו די פראגן פון גלויבן און וויסן: „די, וואָס זאָגן, אַז וויסן שטערט דעם גלויבן, זיינען זיך טועה. בלויז עמי־הארצים קענען פאַרטרעטן אַזאַ שטאנדפּונקט, אַז וויסן ברענגט נישט קיינע נוצן דעם מענטשן, אַז ס'ברענגט בלויז שאָדן און שניידט אונטער דעם גלויבן. אַזעלכע נאַראָנים ווייסן ניט און פאַרשטייען נישט, אַז אסטראָנאָמיע און העבערע

א מצבה אויפן אלטן בית־עלמין

מאַטעמאַטיק זיינען א פּראָדוקט פונעם מענטשלעכן גייסט און ס'איז ממש א פליכט, צו באַקענען זיך מיט די וויסנשאַפטן. ס'פאַרורזאַכט נישט קיין כבוד נישט אונזער גלויבן און אונזער הייליקער קהילה, אויב אין די אויגן פון לייט וועלן מיר באַטראַכט ווערן ווי איגנאָראַנטן, איז עס דען גאָטס ווילן, אַז אונזערע שונאים זאָלן אונז באַטראַכטן פאַר נאַראָנים און עמי הארצים. עס איז קלאָר, אַז מיר האָבן געשאַפן די יסודות פונעם וויסן און זינט מיר זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון אונזער לאנד האָבן מיר פאַרלאָרן אונזער שאַפנדיקע קראַפט און האָבן פאַרנאַכלעסיקט דאָס וויסן, וואָס אונזערע חכמים האָבן אונז איבערגעליפערט. שלעכט טוט דער, וואָס טיילט אָפּ דעם אידן פונעם וויסן, דעם פונדאַמענט פון אונזער תורה און קולטור פון דער וועלט, דאָך פּראָפּאַגאַנדירנדיק דאָס וועלטלעכע וויסן שטעלט ער זיך קעגן די „פאָרגעשריטענע" צווישן אידן, וואָס דרינגען נישט אריין אינעם טיף פונעם וויסן, באַנוגענען זיך בלויז מיטן וועלטלעכן גלאַנץ און מיידן אויס די תלמוד־וויסנשאַפט. אַזאַ פאַלשע שטעלונג; פאַרזיכערט אונז דער מחבר, — נעסטעט איבערהויפּט אין די רייכע הייזער, וואו „מען לערנט די קינדער מוזיק, פראנצויזיש און מאַטעמאַטיק, האַלטנדיק זיך דערווייטערט פון די יודאאיסטישע וויסנשאַפטן".

דער אויפגעקלערטער פלאָצקער רב, וואָס האָט אַזוי טרעפלעך געקענט פאַנאַנדערטיילן די ריכטיקע ליבע צום וויסן פון דעם אויבערפלעכלעכן „ציוויליזאַציע"־לויף, האָט אַרויסגעוויזן נישט ווייניק אינטערעסירטקייט אויך צו די פּאָליטישע פּראָבלעמען פונעם פוילישן אידנטום, ווי דער פאַרטרעטער פון דער פלאָצקער קהילה האָט ער גענומען אַנטייל אין די צוזאַמענפאָרן פון עטלעכע קהילות פון דער דייטשער אָקופּאַציע און צוזאַמען מיט די דעלעגאַטן פון בידגאָשטש, לאָמזשע און אַנדערע קהילות האָט ער זיך באַטייליקט אין די באַראַטונגען וועגן דער אַקציע, וואָס מען האָט געהאַט בדעה אויפצוהייבן וועגן דער „טאַקסע" ווי אויך וועגן אריינציען אידן אין די מיליטער דינסט.

און איצט קומען מיר אין דער ריי צו אַנדערע אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן, וואָס שילדערן דאָס גייסטיקע לעבן פון די פלאָצקער אידן. די מאַטעריאַלן זיינען פון 1825־טן יאָר, און געפינען זיך אין די אקטן פונעם באַרימטן אין יענער צייט קאָמיטעט פון די אלט־גלויביקע (קאָמיטעט סטאַראָזאַקאָניך), וואָס האָט געהאט די אויפגאַבע צו באַאַרבעטן די פּראָיעקטן פון די רעפאָרמען פאַר אידן אינעם קעניגרייך, הויפּטזעכלעך באַלערנדיק איז דער מעמאָריאַל, וואָס דער קאָמיטעט האָט אין 1825־טן יאָר באַקומען פון דער קאָמיסיע ביים פלאָצקער וואָיעוואָדסטווע. דער מעמאָריאַל שפּיגלט אָפּ פולשטענדיק דאָס קולטורעלע לעבן פון די פלאָצקער אידן און באַשטעטיקט פולשטענדיק אונזער טעזע וועגן דעם איינפלוס, וואָס עס האָבן געהאַט אויף דעם קולטורעלן לעבן די אידישע איינוואַנדערער פון דייטשלאנד און מזרח פּרייסן. פונעם מעמאָריאַל ווייזט זיך ארויס, אַז צווישן די פלאָצקער אידן זיינען שוין דעמאָלט געווען פיל אָנהענגער פון מענדלסאָנס אידייען, די אַזוי גערופענע פאָרגעשריטענע אידן, „משכילים", ס'האָט

שוין אפילו עקזיסטירט אין יענער צייט אין פלאָצק אַ ספּעציעלער קרייז דעקלאַרירטע תלמידים פון מענדלסאָנס שיטה און אין שפּיץ איז געשטאַנען דער באַקאַנטער פלאָצקער סוחר יוזעף פרענקעל. אַדאַנק די פאַרגעשריטענע אידן האָט די פלאָצקער וואָיעוואָדסטווע געשטיצט די בילדונג צווישן די אידן, ווי אויך דאָס איבערשיכטן זיך פון דער אידישער מאַסע. (אָדער, ווי עס האָט געלויטעט אין דעמאָלטיקער טערמינאָלאָגיע, — זיי האָבן זיך באַמיט צו ברענגען די אידן צום צושטאַנד פון דער אַלגעמיינער ציוויליזאַציע און זיי אָפּציען פון די גרינגע פאַרדינסטן). באַזונדערס מערקט זיך די ווירקונג פון די פלאָצקער „משכילים" אויף די וואָיעוואָדישע פאַראָרדענונגען, קעגן דעם חסידיזם. לויט די באַשטעטיקונגען פונעם גענעראַל סעקרעטאַר פון דער פלאָצקער וואָיעוואָדסטווע סאָקאָלאָווסקי, האָט די קאָמיסיע (פאַר 1823) פאַרבאָטן אָט די „אידישע סעקטאַרישקייט" און האָט פאַראָרדנט דאָס שליסן פון די אַלע אַזוי גערופענע „שטיבלעך", אָדער פריוואַטע געבעט-הייזער, וואו ס'פלעגן זיך פאַרזאַמלען די חסידים. אויף אַזאַ שטייגער האָט מען געוואָלט שטערן דעם חסידיזם, וועלכן פאַרשיידענע אַזוי גערופענע „כוזרים" פון די צדיקים-בעלי-מופתים האָבן פראָבירט פאַרפלאַנצן אויפן פלאָצקער באָדן. אָבער ווי די קאָמיסיע פירט אויס אין איר מעמאָריאַל, זיינען די אַלע באַמיאונגען פאַראַליזירט געוואָרן דורך אַ דעקרעט אַרויסגעגעבן דעם 8-טן יולי 1823 דורכן מיניסטעריום פאַר רעליגיע און בילדונג, וואָס האָט דערלויבט די חסידים צו האָבן זייערע „שטיבלעך". אַזוי אַרום רעקאָמענדירט די קאָמיסיע די „משכילים" צו עפענען וואָס מער אידישע שולן אין פלאָצק, וואו צוזאַמען מיט העברעאיש זאָל מען לערנען נאַטורוויסנשאַפט, „קונסטן" און האַנטווערק.

פונעם דערמאָנטן מעמאָריאַל דערוויסן מיר זיך אויך, אַז די וואָיעוואָדישע קאָמיסיע האָט געהיט, אַז די רבנים און באַפאָלמעכטיקטע פון דער פלאָצקער קהילה זאָלן זיין וועלטלעכע מענטשן, צוליב דעם האָט די קאָמיסיע פאַראָרדנט, אַז אויפן אַמט פ"ז רב זאָל אָנגענומען ווערן נאָר אַזאַ קאַנדידאַט, וואָס וועט קענען פויליש רעדן און שרייבן, און וועט זיין אויסגעצייכנט אין דער מאָראַלישער פירונג. און די קאָמיסיע פאַרזיכערט אין דעם מעמאָריאַל, אַז אַדאַנק אַזאַ פאַראָרדענונג, האָבן אפילו „פיל דערוואַקסענע אידן זיך גענומען לערנען פויליש".

דער מעמאָריאַל איז כאַראַקטעריסטיש און אינטערעסאַנט און מיר וועלן אָנגעבן נעמען פון איינִקע אויפגעקלערטע רבנים און געלערנטע אין יודאַאיסטישע וויסנשאַפטן, וואָס זיינען געווען טעטיק אין דער פלאָצקער קהילה צווישן די יאָרן 1840—1810, די נעמען נעמען מיר פון די פאַרשידענע באַשטימונגען, וואָס זיינען געגעבן צו רבנישע אויסגאַבעס פון יענע צייטן. צוזאַמען מיט די נעמען זיינען אָנגעוויזן אויך די יאָרן און די נעמען זיינען פאָלגנדיקע:

1) אריה לייב (צוויי „תעודות" פון 1814 און איינע פון 1819.

2) אריה לייב צינץ, פון וואַרשע (איז געווען טעטיק אין פלאָצק צווישן 1833—1832, ווי עס זאָגן עדות זיינע פלאָצקער סמיכות).

3) נתן בען שמעון האָראָוויטש, שמיכה פון 1835.

4) אַלעקסאַנדער כהן, באַשטימונג פון 1835.

פון די דערמאַנטע איז באַקאַנט אריה לייב צינץ, ווי דער מחבר פון די ווערק „גרוש ירוחם", „עלת מן", „פני אריה", „מלא עומר" און אנד. צוזאַמען מיט אריה לייב האָראָוויטש און אַלעקסאַנדער כהן האָט ער רעפּרעזענטירט אַ טיפּ פון אַ געלערנטן מתנגד, וואָס האָט נישט געהאַט קיין נעגאַטיווע באַציאונג צו וועלטלעכער בילדונג, דאָך האָט ער דעם הויפּטפּונקט געשטעלט אויפן יודאַיסטישן וויסן.

פון די זעלבע צייטן זיינען אונז איבערגעבליבן אויך מאַטעריאַלן וועגן אָנגעזעענע פאָרגעשריטענע „משכילים" אין פלאָצק, וואָס זיינען געגאַנגען אין די וועגן פון מענדלסאָנס רעפאָרמען. איינער פון זיי איז געווען דר. פיליפּ לובעלסקי, און דער צווייטער דר. זיגמונט פערקאַל.

פון די דאָקומענטן, וואָס זיינען איבערגעבליבן נאָך דר. לובעלסקי און געפינען זיך פריוואַט ביים אינזשעניער באַסיס אין וואַרשע דערוויסן מיר זיך, אַז דר. לובעלסקי האָט פּראַקטיצירט אין פלאָצק אַלס מעדיקער אין די יאָרן צווישן 1840—1815. געבוירן אין 1787 אין לובלין האָט ער זיך געווידמעט שטודירן מעדיצין און איז נאָכער געוואָרן מיליטער מעדיקער אין נאַפּאָלעאָנס אַרמיי.

„דער יונגער לובעלסקי האָט באַטראַכט די פאַרוואונדעטע און מיט אַזאַ איבערדיקייט אויסגעפילט זיין שווערע אויפגאַבע, אַז ער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן און אַליין אויפגעקליבן די פאַרוואונדעטע אונטער די ליפּסקער ווענט". פאַר זיינע פאַרדינסטן אינעם נאַפּאָלעאָנס קריג האָט ער באַקומען די אויסצייכענונג פונעם „לעזשיאָן ד'האָנעי" און דעם קרייץ פון דער הייליקער העלענע. נאָך נאַפּאָלעאָנס פאַלן האָט דר. לובעלסקי זיך באַזעצט אין פלאָצק, וואו ער האָט פּראַקטיצירט אַלס פריוואַטער מעדיקער ביזן נאָוועמבער אויפשטאַנד. בעתן אויפשטאַנד איז ער געווען שטאַבמעדיקער פון דער פוילישער אַרמיי און האָט פאַר זיינע פאַרדינסטן באַקומען דעם מיליטערישן קרייץ. נאָכן דורכפאַל פונעם אויפשטאַנד האָט ער זיך ווידער אומגעקערט צו זיין ציווילער פּראַקטיק אין פלאָצק, וואו ער איז געבליבן ביז 1840-טן יאָר. נאָכהער האָט ער געוואוינט אין וואַרשע, האָט געלעבט ביז טיפן עלטער און איז געשטאָרבן דעם 5-טן פעברואַר 1879, ווי אַ איד. זיין קבר געפינט זיך אויפן וואַרשעווער אידישן בית-עלמין.

דר. לובעלסקי האָט כמעט געלעבט אַ פערטל יאָרהונדערט אין פלאָצק און ס'איז אויסער ספק, אַז ער האָט געווירקט אויפן לעבן פון די פלאָצקער אידן, מיט וועלכע ער איז געווען אין בלוט און גלויבן.

מעדיקער איז אויך געווען דער צווייטער „משכיל" זיגמונט פערקאַל. געבוירן אין פלאָצק אין די דרייסיקער יאָרן פון 19-טן יאָרהונדערט, איז ער אין 1852 אָנגעקומען אין דער וואַרשעווער ראַבינער שול און נאָכן ענדיקן האָט ער זיך גענומען שטודירן מעדיצינישע וויסנשאַפטן. געענדיקט, האָט ער זיך אומגעקערט קיין פלאָצק און האָט לאַנג דאָרט פּראַקטיצירט, געניסנדיק סימפּאַטיע ביי דער גאַנצער שטאָט און אומגעגנט. אַ צייט איז ער געווען דער פאָרזיצער פונעם פלאָצקער מעדיקער-פאַרבאַנד. געשטאָרבן איז ער יונג, ביי עטלעכע און פערציק יאָר.

און ביידע, סיי דר. לובעלסקי, סיי דר. פערקאַל זיינען געווען ליכטיקע פערזענלעכקייטן. נישט קוקנדיק אויף זייער וויסן און אויטאָריטעט זיינען זיי דאָך געבליבן געטריי דעם אידנטום און אָפּפערדיק געדינט זייער פאָלק. ווי ס'איז געווען זעלטן אין אַנדערע אידישע קהילות אין פוילן, האָבן אין דער פלאָצקער קהילה געהערשט אַ טאָפּלטע האַרמאָנישקייט: אידישע טראַדיציע און אַ שטרעבונג צו מאָדערנער קולטור.

א איד אין פלאָצק פלעכט ציצית

מ. רעגאַלסקי

אַ באַזוך אין פּלאָצק אין 1904

די משפּחה גאָלדע

דאָס איז געווען אין דעם „שטורעם און דראַנג"־פּעריאָד פון דעם אידיש־פּוילישן לעבן און פון דעם לעבן פון גרויסן רוסלאַנד פון וועלכן פּוילן איז דאַמאָלט געווען אַן אָרגאַנישער טייל.

אין דער לופט האָט זיך שוין געשפּירט דאָס אָנקומען פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פון אָקטאָבער 1905. עס איז געווען דער באַרימטער „פרילינג" אין רוסלענדישן פּאָליטישן לעבן, און דער דאָזיקער „פרילינג" האָט געפונען דעם שטאַרקסטן אָפּקלאַנג אין דעם אַלגעמיין פּוילישן און אידיש־פּוילישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אין פּעטערבורג האָט די ליבעראַלע רוסישע און אויך אידישע אינטעליגענץ גערעדט און געחלומט וועגן קאָנסטיטוציאָנעלע רעפאָרמען, און אין פּוילן האָט דערוואַכט די האָפנונג אויף אַ ווייט גייענדער טעריטאָריע.

די פּוילישע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון פארשידענע ריכטונגען און טענדענצן איז געווען אין פּוילן אויפבלי, און אויך די אידיש־פּוילישע גאַס האָט געברויזט און געשטורעמט.

עס איז געווען דער פרילינג פון די אידישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען אין פּוילן, די סאָציאַליסטישע ווי בירגערלעכע.

אויף דער אידיש־פּוילישער אַרבעטער גאַס האָט געהערשט דער „אידישער אַרבעטער בונד אין רוסלאַנד, פּוילן און ליטע" — דאָס זיינען געווען די „האָניק"־יאָרן פון בונד — און עס האָט זיך אָנגעהויבן פאָרמולירן די קרעפטיקע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון פארשידענע טענדענצן, וועלכע האָט געפּרוּווט — און אין אַ געוויסן מאָמענט מיט דערפאָלג — ריוואַליזירן מיטן „בונד".

איך האָב זיך אין יענע יאָרן אָנגעהייבן דערנענטערן צו דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג — ס. ס. — און אָנהויב 1904 נאָך אַ רייע דערפאָלגרייכע אָראַטאָרישע ארויסטרעטונגען אויף אייניקע קלענערע און גרעסערע אַרבעטער פאַרזאַמלונגען און קרייזלעך, בין איך נתעלה געוואָרן — צו מיין גרויסער און אָנגענעמער איבערראַשונג — צו דעם „טשין" פון מיטגליד אין דעם וואַרשעווער קאָמיטעט פון די ס.ס. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז ווי אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען איז אויך די ס. ס. באַוועגונג צו יענער צייט געווען אַן אונטערערדישע און אויף די פּאַרטיי־פּאָסטנס איז מען נישט געוויילט געוואָרן, נאָר מען האָט באַקומען די באַשטימונגען פון „אויבן", פון דעם מיסטעריעזן און פאָרן ברייטן פּאַרטיי עולם אומבאַקאַנטן צ. ק.

אַ קורצע צייט נאָך מיין אַריינטריט אין וואַרשעווער קאָמיטעט האָב איך באַקומען די ערשטע פאַראַנטוואָרטלעכע שליחות צו פאָרן אין פּלאָצק, צו רעאָרגאַניזירן דעם דאָרטיקן לאָקאַלן ס. ס. קאָמיטעט און דורכצופירן אַ „דיסקוסיע" מיט די אָרטיקע פאַרטרעטער פון „בונד".

נישט געקוקט, וואָס עס זיינען שוין אַוועק באַלד פיר צענדליק יאָר, זינט מיין איינמאָליקן וויזיט אין פּלאָצק האָט זיך מיין רייזע אין אָט דער וואונדערבאַרער שטאָט — אַן אמתער ווינקל פון

דער פּוילישער שווייץ — טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון.

ראשית האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן מיין ערשטן „גאַסטראָל" אויסערהאַלב וואַרשע, וואו מיר איז אויסגעקומען צו אַרבעטן צווישן אייגענע מענטשן. דאָ אין דער באַקאַנטער סביבה צו וועלכער איך בין שוין געווען געוואוינט — האָב איך באַקומען די אימתא דציבורא. אָבער פאָרן אין אַ פרעמדער שטאָט און ארויסטרעטן אין אַ דיסקוסיע שלאַכט מיט גאָלדע, וועלכער איז באַטראַכט געוואָרן אַלס איינער פון די בונדיסטישע גדולים — דאָס האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַן אמתן „לאָמפּנפיבער", וועלכער איז גוט באַקאַנט יעדן שוישפּילער און רעדנער איידער ער באַטרעט די נייע און אומבאַקאַנטע טריבונע.

מיר איז ליידער נישט פיל באַקאַנט די פּוילישע לאַנדשאַפט. איך האָב אַלע מיינע יונגע יאָרן פארבראַכט אין וואַרשע, און מיין ווירקונגס קרייז איז געווען וואַרשע־לאָדזש און די אַרומיקע שטעט.

די רייזע מיטן שיף איבער דער ווייסל איז פאַר מיר געווען אַ גאַנצע געשעעניש. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געהאַט געזעען די שווייץ און איטאַליע מיט אירע נאַטור־וואונדער. און דערפאַר, ווען מיין שיף האָט זיך דערנענטערט צו די ברעגן פון פּלאָצק בין איך פארגאַפט און פארכשופט געוואָרן פון דער פּאַנאָראַמע, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיינע אויגן.

אויסער די וואונדערבאַרע סאָסנע וועלדער, וואָס נעמען אַרום מיט זייער גרינעם גאַרטל די אומגעגנט פון וואַרשע — האָב איך צו יענער צייט גאָרנישט געזען. און דאָ האָט זיך פאַר מיר פּלוצלינג אַנטדעקט אַ נאַטור בילד, וואָס האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אמתע התפּעלות.

מיין שיף איז צוגעקומען צו די ברעגן פון פּלאָצק פאַרטאָג ביים זונען־אויפגאַנג. די ווייסל איז דאָ זייער ברייט, און באַגאָסן מיטן ליכט פון דער אויפגייענדיקער זון איז דאָס אַ מאַלעריש בילד, וואָס פארכאַפּט דאָס אויג.

און אין אָט דעם גלענצנדן ווייסל־ראַם דערהויבט זיך באַרגיק פּלאָצק, איינגעטונקען אין זאַפטיקן גרינס. איר קומט אַריין אין שטאָט דורך אַ טעראַסע, וואָס איז באַדעקט מיט אַ וואונדערבאַרן פּאַרק, וואָס ליגט וואַרשיינלעך אַ הונדערט מעטער די הויך איבער דער וואַסער־פלאַך פון דער ווייסל.

צוליב דעם, וואָס די דעפּעשע וועגן מיין אָנקומען אין פּלאָצק האָט פארשפּעטיקט, האָט מיך קיינער נישט דערוואַרט אין דעם קליינעם, געמיטלעכן האַפן פון פּלאָצק.

דער פּאַרטיי־אַדרעס, וואָס איך האָב געהאַט מיט זיך, די אַזוי גערופענע אויפן פּאַרטיי־זשאַרגאָן „יאַווקע", איז געווען דאָס הויז פון די גאָלדעס, וואָס איז נאָך דער וואונדערבאַרער לאַנדשאַפט געווען דאָס אינטערעסאַנטסטע, וואָס פּלאָצק האָט פאַרמאָגט.

אויב דער זכרון נאַרט מיר נישט אָפּ זיינען די גאָלדעס געווען רייכע גוטבאַזיצער, אָדער פאַבריקאַנטן, אָדער ביידע זאַכן צוזאַמען. יעדנפאַלס איז דאָס געווען די פארמעגלעכסטע משפּחה אין אָט דער עקאָנאָמיש גוט סיטואירטער אידיש־פּוילישער שטאָט.

און אָט אין דער אידיש בורזשואַזער, מען קאָן זאָגן גרויס בורזשואַזער פאַמיליע האָט געהערשט דער סאָציאַליזם אין אַלע זיינע ריכטונגען.

איך דערמאָן זיך וועגן דער שוועסטער און צוויי ברידער גאָלדע.

די פרייליין גאָלדע איז געווען איינע פון די אָנגעזעענסטע טוערנס אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.) איר פּאַרטיי־פּאָליטישער „פּסעוודאָנים" איז געווען די „סירענאַ" פון דער פּ.פּ.ס. און אָט דעם צונאָמען האָט זי באַקומען נישט אומזיסט. צו איר רייצנדער פרויען שיינקייט האָט זי נאָך פאַרמאָגט אַ וואונדערבאַרע מעטאַל־שטימע און אַן אויסערגעוויינטלעכע אָראַטאָרישע באַגאַבונג. די פרייליין גאָלדע, ווי אַלע אירע ברידער, האָט געהאַט אוניווערזיטעט בילדונג און איז געווען אויסגעצייכנט באַהאַוונט אין דער טעאָריע און פילאָזאָפיע פון סאָציאַליזם.

איר פּאָליטישע קאַריערע האָט פרייליין גאָלדע אָנגעהייבן אין פּלאָצק, אָבער זי איז שנעל נתעלה געוואָרן צו אַ צענטראַלער פיגור פון דער פּ.פּ.ס. פּאַרטיי און זי האָט געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָלע אין דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג באַזונדערס בעת, און נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע—

פון 1905, ווען אלע פארטייען זיינען פאר א געוויסער צייט ארויסגעקומען פון דער „אונטער ערד״.

צו אידישקייט, צום אידישן סאָציאַליזם האָט די „סירענא״ נישט געהאַט קיין שום שייכות. זי איז געווען דורך אסימילירט און פאַרכאַפּט פון דער ראָמאַנטיק פון דעם פּוילישן נאַציאָנאַלן און סאָציאַליסטישן באַפרייאונגס־קאַמף.

די צוויי ברידער גאָלדע זיינען שוין געווען אידיש אָריענטירט.

איינער פון זיי האָט אָנגעהויבן פון אַלגעמיינעם ציוניזם און איבערגעגאַנגען צום „בונד״ וואו ער האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ. און מיט אים איז עס מיר אויסגעקומען צו פירן די דיסקוסיע־„שלאַכט״ אין דעם וואונדערבאַרן וואַלד, וואָס ליגט הינטער פּלאָצק.

דער צווייטער ברודער גאָלדע איז געווען מיינער א חבר, א ס.ס., וועלכער האָט נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905 פאַרלאָזן זיין געבורטס שטאָט פּלאָצק און איז, ווי זיין שוועסטער אוועק אין דער ברייטער וועלט.

געפינענדיק זיך אין רוסלאַנד אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע פון 1917-18 איז גאָלדע, ווי דאָס איז דער פאַל געווען מיט א סך אַנדערע פירנדע סאָציאַליסטן־ציוניסטן אריבער צו דער יעווסעקציע, און האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער איבערשיכטונגס־באַוועגונג. ווי אַלע געוועזענע ס. ס. איז גאָלדע געווען א שטאַרקער אָנהענגער פון קרים און נאָכדעם פון ביראָבידזשאַן.

זייענדיק טיף און ערנסט פאַרבונדן מיט דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָבן די גאָלדעס נישט פאַרלוירן זייער אַריסטאָקראַטישקייט און עס האָט פון זיי געווייעט עפּעס פון פּוילישע „שליאַכטיטשעס״...

וואו זיינען איצט די גאָלדעס? וואָס איז פון זיי געוואָרן, לעבן זיי נאָך? אָדער וועט זיי באַשערט זיין צו לעבן נאָר אין די געשטאַלטן פון שלום אַש׳ס ראָמאַן „מערי״, וואו דער גרויסער דיכטער האָט פאַרקערפּערט יוליאַן גאָלדע און זיין שוועסטער די „סירענא״.

וואָס איז געוואָרן פון דעם פּאָעטיש־אידילישן פּלאָצק? די נאַטור שיינקייט פון פּלאָצק זיינען די נאַצי־באַרבאַרן זיכער נישט אימשטאַנד געווען צו פאַרניכטן, אָבער איז געבליבן א שפּור פון דער פּלאָצקער קהילה?...

די „ברייטע גאס״ אין פּלאָצק

מאַרק טורקאָוו

די געשיכטע פון א פּלאָצקער משפט

(אַ בינטל זכרונות וועגן פּלאָצק)

אין דער געשיכטע פון דעם פּלאָצקער אידישן ישוב — בפרט פון די צוואַנציק יאָר צווישן ביידע וועלט־מלחמות, — פאַרנעמט דער משפט איבער הרב ר׳ חיים שפּירא, גאָר א חשוב אָרט.

עס איז א משפט, וואָס האָט זיינער צייט פאַרנומען גרויס אויפמערקזאַמקייט נישט בלויז פון דער אידישער עפנטלעכקייט אין פּוילן, נאָר האָט געפינען גאָר אַ ברייטן אָפּקלאַנג אויך אין דער וועלט־פּרעסע. דער משפט צייכנט זיך אויס מיט פאָלגנדיקע צוויי כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן, וואָס מאַכן בולטער זיין היסטאָרישע באַדייטונג: ער איז פאָרגעקומען איבער א מענטשן, וואָס בלויז דער זכר פון אים האָט נאָך עקזיסטירט, והשנית, וואו ער איז עד־היום נישט פאַרענדיקט געוואָרן.

אַזוי ארום האָט זיך אין דעם משפט, וועגן וועלכן מיר ווילן דאָ דערציילן א בינטל זכרונות, נישט געהאַנדלט וועגן אַ לעבעדיק מענטשלעך וועזן, נאָר עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן מענטשלעכן כבוד. און נישט בלויז וועגן דעם כבוד פון אַ יחיד, נאָר טאַקע וועגן דעם כבוד פון גאַנצן פּוילישן אידנטום.

די צענטראַלע פיגור פונם משפט, אַ פיגור, וואָס האָט שוין מער נישט געלעבט, הרב ר׳ חיים שפּירא, איז בלויז געווען א סימבאָל פון דעם קאַמף וועגן אידישן כבוד.

דער עצם משפט איבער הרב ר׳ חיים שפּירא איז געווען גאָר אַ קורצער. האָט געדויערט אַ שעה, אפשר צוויי און אפשר גאָר אַ האַלבע שעה, גענוי ווייס איך עס נישט.

ער איז אַרעסטירט געוואָרן אין גאַנץ טראַגישע אומשטענדן פאַר דער פּלאָצקער באַפעלקערונג, ווען אויף די גאַסן זיינען פאָרגעקומען קאַמפן צווישן פּוילישן מיליטער און דער רויטער אַרמיי.

דאָס איז געווען בעת דער פּויליש־סאָוועטישער מלחמה אין יאָר 1919, ווען די סאָוועטישע ארמיי האָט ביי איר מאַרש אויף וואַרשע, צוקומענדיק צו פּלאָצק אָנגעטראָפן אויף אַ העפטיקן ווידערשטאַנד פון דער פּוילישער ארמיי און געמוזט קעמפן הויז נאָך הויז, גאַס נאָך גאַס.

די באַפעלקערונג האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די קעלערס און אין איין הויז האָט מען פון אַ קעלער דערזען, ווי קעגנאיבער, אויפן ערשטן גאָרן, עפנט זיך די טיר פון באַלקאָן אויף וועלכן עס איז אינמיטן פון די גאַסן־קאַמפן ארויס אָנגעטון אין א טלית דער רבי ר׳ חיים שפּירא.

דאָס איז געווען מיטוואָך פאַרנאַכט.

ווען די פּאָליאַקן האָבן ארויסגעשטויסן פון פּלאָצק די רויטע ארמיי, איז הרב שפּירא גלייך אַרעסטירט געוואָרן, און דעם צווייטן טאָג, האָט מען געמאָלדן דער פּלאָצקער קהלה, אַז דאָס מיליטערישע פעלד־געריכט האָט אָנערקענט פאַר שולדיק דעם רבין אין געבן צייכנס דער רויטער אַרמיי. דער רבי איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און דעם פּסק־דין האָט מען גלייך אויסגעפירט.

אין זעלבן טאָג, האָט מען דערלויבט דער פּלאָצקער קהלה צונעמען דעם טויטן קערפּער פון

רבין, וועלכן מען האָט מקבר געווען באַלד ביים הויפּט־איינגאַנג פון דעם נייעם פּלאָצקער בית־עלמין און אויף זיין קבר איז אויסגעוואַקסן א מצבה מיטן אויפשריפט:

פאַרשטעלט פאַר א רבין, בכדי צו געבן ידיעות דער רויטער ארמיי און נאָך ענלעכע באַצייכענונגען, וואָס זיינען אויסגענוצט געוואָרן פאַר דער העצע קעגן אידן.

פלאצק מצבה פון דערשאסענעם רבי שפירא

דאָס איז אייגנטלעך אין קורצע שטריכן די גאַנצע געשיכטע פונם טראַגישן משפט, וואָס האָט שפּעטער אַזוי אויפגערודערט די אידישע עפנטלעכקייט אין פּוילן.

איך זאָג, אַז שפּעטער, ווייל אין ערשטן מאָמענט, האָט מען זיך גאָרנישט אָריענטירט דערין, וואָס איז אייגנטלעך פאָרגעקומען.

די אנטיסעמיטישע פּרעסע האָט גלייך באַקומען א גוטן און לייכטן שפּייז פאַר איר העץ־פּראָפּאַגאַנדע: „א צדיק — א באָלשעוויסטישער שפּיאָן”. א באָלשעוויסטישער שפּיאָן האָט זיך

ר חיים שפּירא איז נישט געווען קיין גרויסער רבישער אויטאָריטעט. זיין פּערזענלעכקייט איז געווען ווייניק באַקאַנט צווישן די אידישע קרייזן און אפילו אין פּלאָצק גופא, האָט מען זיך ווייניק מיט אים אינטערעסירט ביים לעבן.

ער האָט געהערט צום אַזוי־גערופענעם רביישן פּראָלעטאַריאַט. זיין פאָטער איז געווען א רבילע אין עפּעס אַ קליין שטעטל, צי גאָר א דערפל ביי פּלאָצק. אויך זיין טאַטע איז געווען אַ קרבן פון דעם מלחמה־כאַאָס און איז ביים אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַרשלעפּט געוואָרן דורך

קאָזאַקן אין א וואַלד אלס באַשולדיקטער אין שפּיאָנאַזש לטובת די דייטשן. דאָס איז געווען איידער די דייטשן האָבן פאַרנומען פּלאָצק אין יאָר 1915. נאָכן טויט פון זיין טאַטן האָט דעם „הויף” איבערגענומען דער זון ר׳ חיים, דער העלד פון דער דאָזיקער שילדערונג.

איך האָב, ליידער, נישט אונטער דער האַנט די נאָטיצן און אַרטיקלען, וואָס איז מיר וועגן דעם אָנגעוויטיקטן ענין פון ר׳ חיים שפּירא אין משך פון יאָרן אויסגעקומען צו שרייבן אין דעם וואַרשעווער „מאָמענט”. איך האָב מיך דאַן געשטיצט אויף געריכטס־דאָקומענטן און אויף דערציילונגען פון די עדות פון יענער טראַגישער עפּאָכע. דאָס איצטיקע בינטל זכרונות שרייב איך פון זכרון און עס איז דעריבער מעגלעך, אַז געוויסע עפּיזאָדן וועלן נישט זיין פולקאָם. דער לייענער וועט עס מיר מוזן מוחל זיין. איבעריקנס האַנדלט זיך דאָ בלויז אין דערמאָנען דעם עצם־פאַקט מיט וועלכן די געשיכטע פון דער אַלטער און חשובער פּלאָצקער קהלה איז געווען פאַרבונדן.

די דאָזיקע זכרונות זיינען אויך פאַרבונדן מיט דער שפּעטערדיקער עפּאָכע פון דעם שפּירא־משפט — די עפּאָכע פון דעם רעהאַביליטאַציע־פּראָצעס.

נאָכן סוף פון דער פּויליש־סאָוועטישער מלחמה, האָט דער פּוילישער סיים באַשלאָסן, דורכצופירן א רעוויזיע פון אַלע פּראָצעסן, וואָס זיינען בעת די מלחמה אָפּעראַציעס דורכגעפירט געוואָרן דורך די פעלד־געריכטן, וועלכע האָבן פאַרמשפּט פּוילישע בירגער פאַר מלוכה־פאַראַט.

דער דאָזיקער באַשלוס איז געווען אַ רעזולטאַט פון א פאָרשלאָג, וואָס עס האָבן אין דער ריכטונג אַריינגעטראָגן די סאָציאַליסטן, דעמאָקראַטיש־געשטימטע פּויערים און אידן.

אַלס מאָטיוו פאַרן דאָזיקן פאָרשלאַג, וואָס איז שפּעטער געוואָרן א געזעץ, איז אָנגעגעבן געוואָרן, אַז בעת דער מלחמה האָבן די מיליטערישע פעלד־געריכטן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט גענוי צו אונטערזוכן אַלע באַשולדיקונגס פאַקטן און דעריבער איז מעגלעך, אַז פיל טויט־אורטיילן זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן על פּי טעות און במילא דאַרף מען רעהאַביליטירן דעם נאָמען פון די פאַרמשפּטע און אויסצאָלן אנטשעדיקונג זייערע אַלמנות און יתומים.

די אויספירונג פונם געזעץ איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם העכסטן מיליטערישן געריכט, וואָס האָט געדאַרפט שטודירן אַלע טויט־אורטיילן, וואָס די פעלד געריכטן האָבן אַרויסגעגעבן און דאָרט, וואו מען וועט איינגעפינען געוויסע ספקות, זאָל באַשטימט ווערן אַ רעוויזיע פון דעם משפט.

צווישן די דאָזיקע רעהאַביליטאַציע־פּראָצעסן, וואָס דאָס העכסטע מיליטערישע געריכט אין וואַרשע האָט באַשלאָסן צו באַטראַכטן פון דאָסניי, איז געווען דער משפט איבערן פּלאָצקער רבין ר׳ חיים שפּירא.

דער ערשטער רעהאַביליטאַציע משפט איז פאָרגעקומען אין דעם מיליטערישן קרייז־געריכט אין וואַרשע. אין נאָמען פון דער אַלמנה און קינדער פון דעם דערשאָסענעם הרב שפּירא איז אלס פאַרטיידיקער אַרויסגעטראָטן דער ציוניסטישער סיים דעפּוטאַט אַדוואָקאַט אַפּאָלינאַרי. האַרטגלאַס.

דער טריבונאַל איז באַשטאַנען פון מיליטערישע ריכטער און דעם פאָרזיץ פון דעם משפט האָט געפירט דער פּאָלקאָווניק סטרוש.

מען האָט געבראַכט עדות פון פּלאָצק, וועלכע זאָלן פון זייער באַהעלטעניש אין קעלער האָבן געזען, ווי דער רבי האָט געגעבן צייכנס דעם סאָוועטישן מיליטער.

שוין ביים אָנהויב פון משפט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָ, אין דעם גרויסן געריכט־זאַל פון דער וואַרשעווער מיליטערישער קאָמאַנדע איז אומעגלעך פעסטצושטעלן אויף וויפל די דאָזיקע עדות, ווענענס דערקלערונגען פאַרן פעלד־געריכט עס האָט זיך געשטיצט דער טויט־אורטייל קעגן דעם רבין, האָבן טאַקע געזאָגט אמת. ווי ווייט איז מעגלעך געווען דורכן קליינעם קעלער פענסטערל זען, וואָס עס טויט זיך אויפן באַלקאָן פון דעם ערשטן גאָרן פון דער צווייטער זייט גאַס. וויפל מענטשן האָבן דאָס געקענט זען, ווייל אין קעלער זיינען דאָך געווען פיל מענטשן און דאָס פענצטערל איז דאָך קליין און הויך.

איבעריקנס אין דעם קעלער איז אויך געווען באַהאַלטן די אידישע סטודענטין ציבולסקא, א טאָכטער פון א באַקאַנטן פּלאָצקער אידישן סוחר, וועלכער האָט טאַקע אויך געזען דעם רבין אויפן באַלקאָן, אָבער נישט, אַז ער זאָל האָבן געמאַכט וועלכע עס איז צייכנס דעם מיליטער, נאָר אַז ער איז

נאָר פשוט געשטאַנען אין דעם אָפענעם באַלקאָן־טיר איינגעהילט אין א טלית און האָט געדאַוונט, ווען איבער דער גאַס זיינען געפלויגן די קוילן פון ביידע קעמפנדיקע צדדים.

אָט טאַקע אין דעם דאָזיקן דאַוונען איז באַשטאַנען די טראַגעדיע פון דעם רבין. ווי דער שטייגער איז ביי חסידים, האָט ער זיך געשאָקלט, אויב ער האָט געדאַוונט, האָט ער וואַרשיינלעך זיך אויך געקלאַפּט על־חטא און אפשר טאַקע געמאַכט באַוועגונגען מיט די הענט. די דאָזיקע האַנט־באַוועגונגען האָבן אָבער גאָר קיין שייכות נישט געהאַט מיט שפּיאָנאַזש־צייכנס, נאָר טאַקע מיט זיין דאַוונען.

זיכער קען מען עס באַטראַכטן פאַר א בטלנות מצד דעם רבין — אַגב נאָך גאָר א יונגערמאַן פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק — אין אַזאַ געפערלעכן מאָמענט, ווען אַלע זיינען באַהאַלטן געווען אין די קעלערן אויס מורא, אַז אַ קויל זאָל נישט פאַרבלאָנדזשען אין זייער שטוב, ווען אפילו זיין אייגענע משפחה האָט זיך געפונען אין קעלער, זאָל ער דווקא זיך שטעלן אין דעם אָפענעם באַל־קאָן־טיר, אָן שום מורא, זיך אַזוי רואיק, מיט חסידישער התלהבות דאַוונען. אָבער מיט דער זעלביקער זיכערקייט קען מען דאָס אויך באַטראַכטן אַלס אַ העלדישקייט פון זיין זייט, אַלס אויסדרוק פון בטחון, אַלס באַווייז פון זיין טיפן גלויבן, דאָס דורך דער תפילה צו גאָט וועט אויסגעמיטן ווערן יעדע געפאַר נישט נאָר פאַר אים אַליין...

אַזוי צי אַזוי — יעדערער האָט עס זיך געקענט אויסטייטשן אויף זיין אויפן און יעדער וועט עס אויך איצט אינטערפּרעטירן אויף זיין אויפן. איינס איז אָבער אויסער יעדן ספק, אַז מיט קיין שפּיאָנאַזש האָט הרב חיים שפּיראָס האַנדלונג קיין שום שייכות נישט געהאַט.

ער איז אפשר אין האַנדלונג געווען אַ קרבן פון זיין רעליגיעזן פאַנאַטיזם, אָבער זיין פּריצייטיקער טויט צוליב אַן אורטייל פון פעלד־געריכט איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַנטיסעמיטישן פאַנאַטיזם פון מענטשן, וואָס האָבן זיכער קיין ערלעכע כוונות נישט געהאַט. צוליב זייער אַנטיסעמיטישן פאַנאַטיזם, איז הרב שפּירא אומגעקומען על קידוש־השם.

זיין משפט איז געוואָרן אונזער אַלעמענס משפט.

דאָס מיליטערישע קרייז־געריכט אין וואַרשע האָט שוין ביים אָנהויב פונם משפט פאַרשטאַנען, אַז דער ענין איז גענוג קאָמפּליצירט און קען אַזוי לייכט נישט געלייזט ווערן.

מען האָט דעריבער באַשלאָסן איבערצוטראָגן דעם גאַנצן משפט קיין פּלאָצק, דורכפירן אַ לאָקאַלע וויזיע אויפן אָרט, דאָ, אין דעם וואוינונג און אויפן באַלקאָן וואו הרב שפּירא האָט געוואוינט און אויך אין דעם קעלער, וואו די עדות האָבן זיך געפונען בעת דער פּויליש־סאָוועטישער גאַסן־איבערשיסונג.

עס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ יאָרן־לאַנגע געריכטס־עפּאָכע, וואָס איז עד־היום נישט פאַרענדיקט געוואָרן.

מיט מיליטערישע אויטאָס זיינען מיר אין אַ ווינטער־נאַכט אָפּגעפאָרן קיין פּלאָצק. די ריכטער, דער פּראָקוראָר, דער פאַרטיידיקער אדוו. האַרטגלאַס, דער עקספּערט דער מיליטערישער הויפּט־ראַבינער פּולק. דר. יוסף מיזעס, דער עדות, די סטודענטן פון וואַרשעווער אוניווערזיטעט פריילן ציבולסקאַ, איינִיקע געריכטס־באַאַמטע און זשורנאַליסטן.

א לאַנגע קאַראַוואַנע מיליטערישע אויטאָס האָבן זיך א לאָז געטון אין וועג אַריין, וואָס איז געווען באַדעקט מיט שניי פון זיין אָנהויב ביזן סוף. אָבער נאָר איינִיקע אויטאָס זיינען בשלום אָנגעקומען קיין פּלאָצק. די איבעריקע האָט די שניי־זאַווערוכע געשטערט דעם וועג און זיי זיינען פאַרבליבן שטעקן אין דער מאָדלינער פעסטונג. היות צווישן די דאָזיקע אויטאָס האָט זיך אויך געפונען דער פאָרזיצער פון געריכט, האָט מען טעלעפאָניש מודיע געווען דער מיליטערישער מאַכט אין פּלאָצק אַז מען זאָל אים הייסן צוריקפאָרן קיין וואַרשע, ווייל צוליב די טעכנישע שוועריקייטן ווערט דער משפט אָפּגעלייגט אויף פרילינג־צייט.

מיר האָבן זיך קוים באַוויזן אויסצורוען און אָנצוואַרעמען זיך אין פּלאָצק — און מען האָט שוין ווידער געמוזט זיך לאָזן אין דעם שווערן, שנייאיקן וועג צוריק קיין וואַרשע.

חדשים זיינען אַריבער, די ווייסל האָט זיך אַ ריר־געטון און עס איז צום צווייטן מאָל באַשטימט געוואָרן דער טערמין פון פּראָצעס. זיינען מיר שוין געפאָרן אַהין באַקוועם מיט דער שיף פון מאַקס פרידמאַנס שיפס־קאָמפּאַניע.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער נייער משפט. דער גייסט פון דעם פאַרמשפּטן רבין האָט געשוועבט איבערן געריכטס זאַל. עדות זיינען דערשינען פאַרן געריכט. א סך האָבן כלומרשט געדענקט אַלץ אַזוי ווי דאָס וואָלט נעכטן געשען, כאָטש איינִיקע יאָר זיינען שוין אַריבער. אַנדערע האָבן די פּרטים פון דעם טראַגישן אינצידענט געדענקט אַנדערש, ווי דאָס איז דורך זיי פאָרגעשטעלט געוואָרן פאַרן מיליטערישן פעלד־געריכט. זיי האָבן געזען גענוי, אָבער גאַנץ גענוי, ווי דער רבי, אָנגעטון אין עפּעס אַ ווייס טוך מיט שוואַרצע פּאַסן — אַז די באָלשעוויקעס זאָלן אים בעסער זען — און, אַז אויסגעשריען: זעט, דער רבי גייט אַרויס אויפן באַלקאָן און מאַכט צייכנס.

דאָס מיידל, פריילן ציבולסקאַ האָט אָבער גלייך געענטפערט, אַז ער דאַוונט, כאָטש עס איז דאָך געווען א משוגעת אינמיטן דער שיסעריי אַרויסגיין אויפן באַלקאָן דאַוונען, אָבער יעדנפאַלס האָט דער רבי קיין שום אַנדערע צייכנס נישט געמאַכט ווי די נאָרמאַלע באַוועגונגען, וואָס א חסיד מאַכט בעת ער דאַוונט מיט התלהבות.

פריילן ציבולסקאַ איז געווען דער איינציקער אידישער עדות פון דער דראַמאַטישער סצענע און דער איינציקער אידישער עדות אין געריכט.

אידישע שרייבער פון וואַרשע ביים קבר פון הרב שפּירא. פון רעכטס צו לינקס: ב. יאושזאָן, אהרן איינהאָרן, מאַרק טורקאָוו, י. י. זינגער און בערנאַרד זינגער.

דער רבי האָט געמאַכט בפירושע באַוועגונגען מיט די הענט, שפּעטער מיט ביידע צוזאַמען, ער האָט אויפגעהויבן די הענט, זיך געדרייט און געשאָקלט אַזוי, אַז די באָלשעוויקעס האָבן געקענט אים גענוי זען און פאַרשטיין וואָס ער ווייזט זיי. צו די באָלשעוויקעס, וואָס זיינען געווען א סך ווייטער פון דעם רבינס וואוינונגס־אָרט האָבן געזען דעם רבין, ווייסן די עדות נישט. סוף־כל־סוף זיינען זיי דאָך געווען באַהאַלטן אין א קעלער, טיף אין הויף קעגנאיבער דעם רבינס וואוינונג און דורכן קליינעם פענצטערל האָבן זיי דאָך נישט געקענט זען גענוי, וואָס עס קומט פאָר אויף דער גאַס, וואו זיינען די רויטע זעלנער און וואו עס איז דאָס פּוילישע מיליטער.

אמת איז, אַז עמעץ פון די באַהאַלטענע האָט

דער מיליטערישער הויפּט־ראַבינער פּולקאָווניק דר. יוסף מיזעס, אַ געלערנטער פון פאַרנעם, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אַלס עקספּערט אין דעם ענין פון דאַוונען און וועמענס דערקלערונגען האָבן געדאַרפט האָבן א גרויסע באַדייטונג פאַרן אויסגאַנג פון משפט, האָט אָבער זיין וויכטיקע מיסיע נישט דערפילט. מען האָט אים זיינער צייט שטאַרק קריטיקירט. הגם עס זיינען שוין אַריבער 20 יאָר פון יענער צייט אין פּלאָצקער געריכטס־זאַל און דר. יוסף מיזעס איז שוין זיכער אַ שוכן־עפר, אַלס קרבן פון דער איצטיקער נאַצי־אָקופּאַציע אין פּוילן, דערמאָן איך בלויז זיין אויפטרעטן אין געריכט אַלס עפּיזאָד פון יענער צייט און נישט מער אַלס פאָרוואורף.

גענוג פאָרוואורפן האָט מען אים דאַן געמאַכט.

בכדי זיך איצט אויספירלעכער דערויף צו דאַרפן אָפּשטעלן. דער צוקונפטיקער היסטאָריקער וואָס וועט וועלן דעם ענין גענוי באַהאנדלען וועט גע־פינען די מאַטעריאַלן און די צייטונגס באַריכטן פון יענער צייט. איך וויל, אגב, בלויז דערמאָנען, אַז צווישן די אידישע זשורנאַליסטן וואָס האָבן בייגעוואוינט דעם משפט אין פּלאָצק זיינען געווען: י. י. זינגער, ב. יאושזאָן, אהרן איינהאָרן, בער־נארד זינגער און דער שרייבער פון די שורות. די ערשטע דריי לעבן שוין נישט מער. י. י. זינגער האָט פאַרענדיקט זיין לעבן אין ניו יאָרק, ב. יאושזאָן איז נאָך א שווערן וואנדער־וועג געש־טאָרבן אין ארץ־ישראל, אהרן איינהאָרן איז גע־פאַלן א קרבן פון די נאַציישע רוצחים.

דר. יוסף מיזעס האָט זיך אריינגעלאָזט צופיל אין „ליטעראַטור". ער האָט זיך צו שטאַרק גע־וואָלט אימפּאָנירן מיט זיין יודאאיסטישן וויסן פאַר די מיליטערישע ריכטער און האָט, ליידער נישט געווירקט איבערצייגנד. ער האָט צופיל פּי־לאָזאָפירט און דעריבער צו ווייניק אויפגעקלערט, אַז די ריכטער זאָלן קענען פאַרשטיין, אַז דער רבי איז נישט אויסן געווען קיין שום שלעכטס מיט זיין דאַווענען אויפן באַלקאָן. פאַר זייער גויאישער פּסי־כאָלאָגיע איז דער ענין געבליבן פרעמד און נישט פאַרשטענדלעך. דעריבער האָבן די מיליטערישע שופטים אין זייער פּסק־דין אַנערקענט, אַז שטיצנ־דיק זיך אויף די דערקלערונגען פון די באַשולדי־קונגס־עדות האָט דאָס פעלד־געריכט געהאט א יסוד צו גלויבן, דאָס דער רבי האָט געמאַכט ציי־כנס דער רויטער ארמיי און דער טויט־אורטייל איז באַשטעטיקט געוואָרן.

דער חותם פון פאַרראַט איז פאַרבליבן הענגען איבערן אָנדענק פון דעם אומשולדיקן רבין.

מיט א זייער שווער געמיט האָבן מיר זיך אומ־געקערט קיין וואַרשע פון דעם פּלאָצקער מיליטע־רישן משפּט.

אָבער די אידישע עפנטלעכקייט האָט ווייטער נישט גערוט. דער פאַרטיידיקער האַרטגלאַס האָט גלייך דערלאַנגט א נייע אָנקלאַגע צום העכסטן מיליטערישן געריכט און אַ צייט שפּעטער איז דער ענין ווידער געקומען צום טיש פון דעם מיליטע־רישן טריבונאַל. דער טריבונאַל האָט זיך נישט אַריינגעלאָזט אין קיין פּרטים פון דעם ניי־דורכ־געפירטן משפּט, האָט אָבער אַנערקענט, אַז געווי־סע טיילן פון דער נייער אַפּעלאַציע זיינען באַגרינ־דעט, ווייל דער מיליטערישער קרייז־געריכט האָט ביים באַהאנדלען דעם משפּט אין פּלאָצק נישט אויסגעשעפּט אַלע מיטלען אויפצוקלערן אַלזייטיק דעם ענין און דעריבער איז — צוליב ריין פאָר־מעלע מאָטיוון — פאַראָרדנט געוואָרן אַ נייע רע־וויזיע פון פּראָצעס.

דער ענין האָט זיך ווידער אומגעקערט צום מי־ליטערישן קרייז־געריכט. צוויי מאָל האָט זיך דער משפּט ווידער געפונען אויפן גרינעם טיש פון מי־ליטערישן קרייז־געריכט, אָבער דאָסמאָל שוין אין וואַרשע, אָן שום נויטווענדיקייט צו פאָרן נאָכא־מאָל קיין פּלאָצק.

שטענדיק זיינען אויפגעשוואומען נייע פאָרמע־לע שוועריקייטן סיי מצד דער פאַרטיידיקונג, סיי מצד דער באַשולדיקונג און מען האָט ווידער דעם פּראָצעס אָפּגעלייגט.

די צייט איז דערווייל געגאנגען פאָרויס אין פאַרשידענע אומשטענדן, הגם אָן שום ספּעציעלע כוונות, האָבן גורם געווען, אַז די אַנטגילטיקע רע־וויזיע פון דעם משפּט איבערן פּלאָצקער רבין ר' חיים שפּירא, איז נישט פאַרענדיקט געוואָרן.

פאַרשטייט זיך, אַז דער איצטיקער וועלט־חורבן האָט שוין פולשטענדיק צוגענומען די אַקטואַלי־טעט פון דעם טראַגישן ענין.

עס קען זיין, אַז איך האָב געוויסע פּרטים נישט איבערגעגעבן פּינקטלעך לויט זייער סדר. איך שרייב די נאָטיצן אָבער פון זכרון. איבעריקנס, נישט אין קיין פּרטים האָט זיך דאָ געהאנדלט. איך האָב בלויז אין דעם יובל־בוך פון די פּלאָצקער לאַנדסלייט אין ארגענטינע געוואָלט דערמאָנען דעם טראַגישן אָבער היסטאָרישן עפּיזאָד פון פּלאָצק, וואָס האָט געשפּילט א וויכטיקע ראָלע אין דער געשיכטע פון פּויליִשן אידנטום.

ש. פריילאַך

דאָס אומעטיקע פּלאָצק

שוין א פּאָר טעג ווי איך מאַטער זיך ארויס־ברענגען פּלאָצק אין מיין זכרון און איך בין זיך מודה, אז עס קומט מיר נישט אָן לייכט. עס איז שוין ביי 22 יאָר, אז איך בין דאָרט געווען און אַלץ וואָס איך געדענק פון יענער שטאָט איז, א טונקעלע גאַס ביים ווייסל, א פּאָר קליינע ליכטי־קע בנינים און א האַלב צענדליק אידישע פּנימער.

וואָס איך געדענק אויסגעצייכנט פון פּלאָצק זיינען די רויטע קאַזאַרמעס, דעם ווייסן מיליטע־רישן שפּיטאָל בנין, די אַלטע גרויע קאַטעדראַלע און נאָך א פּאָר קאַזשאָנע געביידעס.

מיין באַקאַנטשאַפט מיט פּלאָצק האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין דינסט אין דער פּוילישער ארמיי. עפּעס דורך א צופאַל בין איך אויפן פראָנט אָנגע־קומען אין זעקסטן פּאָלק לעגיאָנען, וואָס האָט גע־האַט זיין קאַדרע אין פּלאָצק און פון דעמאָלט אָן האָב איך אין משך פון קנאַפּע אָנדערטהאַלבן יאָר געהערט טאָג און נאַכט רעדן פון דער דאָזיקער שטאָט אַזוי, אַז זי איז מיר ביסלעכווייז געוואָרן נאָענט און היימיש.

דער זעקסטער פּאָלק לעגיאָנען, איז נישט גע־ווען קיין פּשוטער פּאָלק. ער איז נאָך געגרינדעט געוואָרן אין עסטרייך, פאַר דער פּוילישער אומ־אָפּהענגיקייט און געהאַט אַלס ערשטן קאָמענדאַנט די ערשטע פיגור פון פּוילן, פּילסודסקין.

די ערשטע סאָלדאַטן פון פּאָלק זיינען געווען פּאָליאַקן פון גאַליציע, וואָס האָבן פריער געדינט אין דער עסטרייכישער ארמיי און זיינען דערנאָך אריינגעטראָטן פרייוויליק אין די פּוילישע לעגיאָ־נען כדי צו קעמפן צוזאַמען מיט די דייטשן און עסטרייכער קעגן די רוסן און דערנאָך געקעמפּט קעגן אַלע דריי.

דינען אין זעקסטן פּאָלק לעגיאָנען איז געווען א גרויסע זכיה און פּאָליאַקן פלעגן זיך רימען דער־מיט און נאָך היינט ווען איך דערציילט א פּאָליאַק, אז איך האָב געדינט אין זעקסטן פּאָלק, וואונ־דערט ער זיך שטאַרק.

— ווי קומט א איד אין דעם דאָזיקן פּאָלק!...

ווען איך בין אָנגעקומען אין זעקסטן פּאָלק, בעת דעם מאַרש אויף קיעוו, האָבן אַלע סאָלדאַטן מיר פאַרוואָרפן מיט פראַגן.

— וואָס מאַכט עפּעס דער קאַפּיטאַן אָליעווסקי?

— וואו געפינט זיך איצט דער פּליטאַנאָווי קור־טאַרבאַ?

—האָסט געזען דעם פּאָדכאָראַנזשי בזשעסאַצקי?

איך האָב געדרייט מיטן קאָפּ. — ניין. איך קען זיי נישט.

— וואָס זשע דו קומסט נישט פון פּלאָצק?

— ניין. איך האָב פּלאָצק אפילו פאַר די אויגן נישט געזען.

פאַר די סאָלדאַטן איז דאָס געווען א גרויסע אנטוישונג. ווייל געווינלעך, האָט יעדער פּאָלק געהאַט זיין קאַדרע אין א געוויסע שטאָט, וואו מען האָט צוגעגרייט די נייע סאָלדאַטן אויפן פראָנט און יעדע גרופּע וואָס איז אָנגעקומען, האָט געבראַכט א באַרג נייעס פון דער קאַדרע, פון דער שטאָט, פון די קאַנטינעס און אפילו פון די שיק־סלעך ארום די קאַזאַרמעס.

די סאָלדאַטן פון מיין קאַמפּאַניע זיינען כמעט אַלע געווען אין פּלאָצק און זיי האָבן טאָג און נאַכט דערציילט וועגן זייערע ליבעס און אוואַנטו-

רעס, וואָס העכער האלב פון זיי זיינען מסתמא געוואָן אויסגעטראכט, גערעדט וועגן דער שטאָט, וועגן די גאסן, וועגן די מענטשן, אזוי, אז מיר פלעגט זיך אָפט דוכטן, אז איך קען די שטאָט, אזוי ווי מיין אייגענע היימאט.

פון די אַלע מעשיות בין איך פארשטייט זיך, באַקאנט געוואָרן בלויז מיט דער פּוילישער פּלאָצק און נישט מיט דער אידישער, ווייל די פּאָר אידישע סאָלדאטן וואָס זיינען געווען אין מיין קאָמפּאניע, האָבן אויך ווייניק געוואוסט וועגן אידישן פּלאָצק און אייניקע פון זיי האָבן בכלל נישט געוואָלט רעדן וועגן אידן און געזאָגט, אז כל זמן זיי האָבן אים געזען אויפן באַלקאָן מאכן צייכנס צום שונא און אז מען האָט אַלע אידן ארויסגענומען פון פּאָלק און זיי אריינגעוואָרפן אין א טיפע גרוב, וואו מען האָט זיי געהאַלטן דריי מעת לעת אָן עסן און אָן טרינקען ביז מען האָט זיי פארשיקט קיין יאבלאָנא. און אז די אידישע באפעלקערונג פון פּלאָצק לעבט אין גרויס שרעק און ריכט זיך טאָג טעגלעך אויף פּאָגראָמען.

די דאָזיקע געשיכטע, איז מיר לאנג נישט ארויס פון קאָפּ און האָט מיר ממש פארפאָלגט טאָג און נאכט, אזוי אז נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך האָב געהאַט א שלעכטן פוס פון די לאנגע

אידישע יונגעלייט פון פּלאָצק אין מיליטערישן לאגער אין יאבלאנא

זיי זיינען אין מיליטער, זיינען זיי נישט קיין אידן נאָר פּאָליאקן און אז אידן וועלן זיי מערטשעשעם ווערן ווען זיי וועלן צוריק אריינקומען בשלום.

דעם ערשטן אידישן גרוס פון פּלאָצק האָב איך אָפּגענומען ווען די פּאָליאקן האָבן שוין געהאַט פארטריבן די באָלשעוויקעס פון ווארשע און זיי געשטויסן קיין מינסק. דאַן איז אָנגעקומען א נייע גרופּע זעלנער פון דער קאדרע, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען איין איינציקער איד, חיים ליכט, פון לוקאָוו, וואָס האָט מיר אָפּגעגעבן א שרעקלעכן גרוס פון פּלאָצק. ווי ער האָט מיר דערציילט, האָבן די פּאָליאקן דאָרט דערשאָסן דעם פּלאָצקער רב אַלס שפּיאָן, ווייל אייניקע האָבן געזאָגט, אז מארשן, האָב איך דאָך נישט געוואָלט גיין צום דאָקטאָר און זיך געטראַכט.

— וואָס וועט זאָגן ליפּסקי? אז איך וויל זיך אויסדרייען פון פראָנט.

דר. ליפּסקי איז געווען א בייזער משומד, וואָס פלעגט ווערן אויפגעבראַכט ווען א סאָלדאַט איז געקומען צו אים זיך אויף עפּעס באַקלאָגן און איך געדענק, אז איינמאָל, ביי סלוצק, ווען עס זיינען געקומען א צענדליק סאָלדאַטן אויף א מאָל נאָך קוראַציע, האָט ער געכאַפּט א שטעקן און גענומען שלאָגן אַלעמען איבער די קעפּ.

— אין די רייען! — האָט ער געשריגן.

איך האָב טאַקע היפּש געליטן און צום דאָקטאָר נישט געגאַנגען. איך פלעג אזוי הינקענדיק זיך שלעפּן פופציק, זעכציק קילאָמעטער א טאָג און נישט געוואָלט אָנקוקן ליפּסקיס פּרצוף, וואָס האָט צו אידן געפילט פארשטייט זיך, א באַזונדערע „ליבשאַפט”.

אָבער איינמאָל, האָט דער קאַפּיטאַן באַמערקט ווי איך הינק און מיר געפרעגט.

— וואָס גייסטו נישט צום דאָקטאָר?

איך האָב אים געזאָגט דעם אמת,

— איך וויל נישט אָנקוקן ליפּסקיס צורה.

דער קאַפּיטאַן האָט געלאַכט.

— ליפּסקי איז שוין נישטאָ. פון היינט אָן האָבן מיר אַן אַנדער דאָקטאָר.

איך בין גלייך אַוועק צום דאָקטאָר אים געוויזן מיין פוס, וואָס איז געווען צעוואונדיקט און געשוואָלן, אָבער ער האָט אויפן פוס זיך רעכט נישט אומגעקוקט און מיר געהאַלטן אין איין קוקן אין די אויגן און צום סוף גאָר גענומען באַטראַכטן מיין האַרץ .

— ביזט שוין לאַנג אויפן פראָנט? — פרעגט מיר דער דאָקטאָר.

— העכער צוועלף מאָנאַטן.

— אזוי!.. —

דער דאָקטאָר איז געווען אויסער זיך פון איבעראַשונג.

אויב דו לעבסט נאָך איז דאָס איינע פון די גרעסטע וואונדער — האָט ער געזאָגט — ווי אזוי האָסטו געקענט מיטמאַכן אַזעלכע לאַנגע מאַרשן און איבערטראָגן אַט די אַלע אָנשטרענגונגען וואָס א זעלנער מאַכט דורך אויפן פראָנט?

— וואָס איז דאָקטאָר? — פרעג איך אים א פאַרוואונדערטער.

— דו ביזט קראַנק אויפן האַרץ און דו טאָרסט מער נישט בלייבן אויפן פראָנט. גיי שוין און מעלדע זיך צום פירער פון פּאָלק ער זאָל דיר אָפּשיקן אין דער קאַדרע, קיין פּלאָצק.

פאַרשטייט זיך, אז נאָך דעם באַריכט וואָס איך האָב געהערט פון חיים ליכט, האָב איך גאָרנישט קיין חשק געהאַט צו פאָרן קיין פּלאָצק און זיך נישט געמאַכט וויסנדיק.

— זאָל זיין וואָס עס וויל זיך, האָב איך געטראַכט — איך בלייב דאָ.

אין א פּאָר טעג אַרום רופט מען מיר אין פּאָלק.

— ביזט געווען ביים דאָקטאָר?

— געווען.

האָסט געקראָגן א באַפעל צוצושטעלן זיך אין פּאָלק?

— געקראָגן.

— פאַרוואָס האָסטו דעם באַפעל נישט אויסגעפירט?

— ווייל איך וויל בלייבן אויפן פראָנט.

— דו טאָרסט נישט, דו האָסט א שוואַך האַרץ זאָגט דער דאָקטאָר.

—אז עס האָט מיר נישט געשאַדט ביז אַהער, וועט מיר שוין ווייטער אויך נישט שאַטן.

דער קאַפּיטאַן האָט מיר געפּאַטשט אין פּלייצע אַריין און שטאַרק געלויבט און איך בין ווייטער געבליבן אויפן פראָנט שיינע חדשים און דורכגעלאָזט אַזאַ כשרע געלעגנהייט צו פאָרן אין רעטאַגוואַרד און פאַרענדיקן מיין דינסט אין פּלאָצק, וואָס האָט אַלעמען אזוי געלאָקט.

אָבער סוף כל סוף איז געקומען מיין צייט אויף פּלאָצק. דאָס איז שוין געווען לאַנג נאָך דער מלחמה, איך האָב זיך געפונען אויף דער גרענעץ ביי ראַדאַשקעוויטש, און דאָרט קראַנק געוואָרן אויף מאַלאַריע האָט מען מיר אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל קיין ווילנע און פון דאָרט קיין פּרוזשאַני און פון פּרוזשאַני קיין פּלאָצק.

דורכפאָרנדיק מיין שטעטל, בין איך פאַרשטייט זיך אָפּגעשטיגן אויף א טאָג און ווען מיינע עלטערן האָבן דערהערט, אז איך פאָר קיין פּלאָצק, האָבן זיי מיר באַלד געבראַכט א האַלב טוץ אַדרעסן פון אידישע הייזער.

— ווי א מעשה מאַכט זיך, האָבן זיי געזאָגט— איז גוט אז מען האָט וואו אַריינצוגיין.

קיין גרויס נוצן פון די אַדרעסן האָב איך נישט געהאַט. ווי א סאָלדאַט בין איך געווען זייער ווייניק פריי צו גיין וואו איך האָב געוואָלט און ווען איך האָב געוואָלט. אָבער איין אַדרעס האָב איך יאָ אויסגענוצט און דאָס איז געווען צו א געוויסן ווייסנבערג, וואָס האָט געהאַט א שניט קראָם אויף דער שעראָקע גאַס, אין סאַמען אידישן צענטער,

וואו איך האָב געהאַט א געלעגנהייט צו באקענען זיך מיט א פּאָר פּלאָצקער יונגעלייט און פריילנס, איינע פון זיי געדענק איך א סטודענטקע פון א הויכשול, וואָס האָט שטאַרק מקנא געווען מיין פּוילישע אויסשפּראַך און מיר געוואָלט איינרעדן, אז איך רעד פּויליש ווי א הונדערט פּראָצענטיקער פּאָליאַק, א זאַך וואָס גלויבט זיך מיר עד היום נישט.

ווען איך בין געווען אין פּלאָצק, האָבן זיך נאָך אידן געפונען אונטערן איינדרוק פון יענע טראַגעדיע, וואָס אַ יאָר רעגנס און שטורעמס האָבן נישט געקענט אָפּשווענקען און אויף אַלע אידישע פּנימער איז נאָך געלעגן דער טיפער צער און ווייטיק, וואָס דער טויט פון רב האָט פאראורזאכט.

פּלאָצק איז דאַן געווען פול מיט סאָלדאַטן, אורמעטום, וואו מען איז געגאַנגען האָט מען געטראָפן זעלנער און אידן האָבן זיך געפילט צווישן די דאָזיקע זעלנער קליין און איינגעשרומפּן און זיך באמיט מען זאָל זיי וואָס ווייניקער ארויסזען. ביי דעם מינדסטן גערודער, האָבן זיך אידן פארשטעקט טיף אין די קרעמלעך און זיך ווי אָפּגעריסן פון דער ארומיקער פּוילישער וועלט. אין יעדעם מאָל ווען א איד האָט זיך באגעגנט מיט א פּאָליאַק, האָט ער אוועקגעדרייט דעם קאָפּ.

— וואָס קענען מיר דערווארטן פון אזעלכע שכנים — האָבן זיי געזאָגט — אויב ביי זיי איז רעכט, אז דער רב איז געווען א שפּיאָן...

איצט מאַטער איך זיך ווידער ארויסצוברענגען אין מיין זכרון פּלאָצק די אַלטע פּוילישע שטאָט פון די מאזאָוויער, פון די פּיאַסטן, וואָס האָט אַמאָל געשפּילט אזא גרויסע ראָלע אין דער אַלט פּוילישער געשיכטע און איך זע ווי אין נעפּל א פּאָר שטילע גאַסן ביים ווייסל, א פּאָר טונקעלע געביידעס, א צוויי דריי אידישע פּנימער און א סך, א סאך, קאזארמעס, קלויסטערס און קאָנווענטן.

דאָס אידישע פּלאָצק איז מיר געבליבן אין זכרון אזוי קליין, אזוי שטיל און אזוי מרהשחורהדיק. ביז היינט דוכט זיך מיר, אז די אידן פון יענע געגנט זיינען די שטילסטע און טרויעריקסטע אידן פון פּוילן און אז דער קלאַנג פון זייערע רייד איז פול מיט אומעט מיט מעלאַנכאָליע.

ווען איך בין געווען אין פּלאָצק האָבן נאָך אידן געלעבט אונטערן איינדרוק פון די געשעענישן און אַלע האָבן געטראַכט פון אויסוואנדערן, אנטלויפן.

דאָס פּלאָצק פון די לעצטע יאָרן זע איך אין די דערציילונגען און נאָוועלן פון מ. בורשטיין, וואָס ווייען מיט חורבן, מיט אונטערגאַנג. די העלדן זיינע גייען א רום ווי שאָטנס און שוועבן ערגעץ אין דער לופטן, ווי זיי וואָלטן פארלאָרן דעם באָדן אונטער די פיס.

די אידן פון פּלאָצק, פון קוטנע, פון גאַמבין, פון וולאצלאוועק האָבן אפּנים געהאַט א פּאָרגעפיל, אז עס רוקט זיך אָן אויף זיי א פיל גרעסערע קאַטאַסטראָפע און געוואָלט אנטלויפן אין דער וועלט אריין, אָבער אַלע טויערן זיינען געווען פארשפּארט און דער שיינער ווייסל מיט די פּרעכטיקע געגנטן ארום איז געוואָרן זייער קבר פון וועלכן זייער ווייניק זיינען אנטרונען געוואָרן...

א. דרעווינקא

וועגן אידיש-געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פּלאָצק נאָך 1914

דאָס אידיש געזעלשאַפטלעכע לעבן אין פּלאָצק, האָט זיך אויפסניי אָנגעהויבן בעת דער וועלט-מלחמה אין 1914, ווען דאָס דייטשע מיליטער האָט זיך פעסט באַזעצט אין אונזער שטאָט. דאָס מיינט נישט צו זאָגן, אַז דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פון פאַר דער מלחמה 1914 און די אַקטיוויטעט פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן נישט איבערגעלאָזט קיין טיפע שפּורן. וועגן די אַרבעטן אין די הערָאישע יאָרן פון פאַר 1905, פלעגט מיין טאַטע פיל דערציילן, איז ער דאָך אין יענע יאָרן אין דער באַוועגונג געווען גאָר אַקטיוו.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערמאָנען איי-ניקע נעמען, וואָס האָבן א שייכות מיט דער זעלבסט-שוץ, וואָס איז אין די צאַרישע צייטן געגרינדעט געוואָרן אין פּלאָצק: דוד הערש דרעווינקא, מאַלינאָווסקי (דער קראַמפּל) און די גאָלדעס.

נאָכדעם ווי די רעאקציע האָט געזיגט איז פון אַלעם געוואָרן א תל און פּלאָצק איז ווידער אַריין אין איר טריבן צושטאַנד. פּלאָצקער אידן האָבן א גאַנצע וואָך געטראַכט פון פּרנסה און דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז געווען טויט. און אויב מען האָט באַדאַרפט א פאָרשטייער פאַר מלכות האָבן שוין דערפאַר געזאָרגט די אסימילירטע אידן, אונטער דער אָנפירונג פון די אַלטבערגס, סאַרנע, ציבולסקי א. א. אויך די פרויען פון די דערמאָנטע פאַמיליעס זיינען נישט געשטאַנען אין א זייט. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיטן שטאָטישן קינדער-היים, ביליקע קיך, און מיט באַזאָרגן די קינדער פון תלמוד תורה און די אידישע קינדער פון דער מלוכהשער אָנפאַנגס-שול מיט מלבושים און שיך מיט הילצערנע פּאָדעשוועס. דעם בודזשעט האָבן די דאַמען נישט געדעקט פון זייערע אייגענע קעשענעס, די הילף איז געקומען פון נ. אַמעריקע. די פרויען האָבן בלויז פאַרוואַלטעט מיט די צוגעשיקטע זאכן און געלטער.

דאָס צוקומען צו אזא וואוילטעטיקער דאמע איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. ערשטנס, האָט די דינסט תמיד געענטפערט: אז די מאַדאַם איז נישטאָ. צווייטנס, האָט די מאדאם נישט געוואָלט ריידן קיין אָידיש. ווען מען איז אָבער דאָך אָנגעקומען און די מאַדאַם האָט פעסטגעשטעלט, אַז די פאַמיליע הונגערט, האָט די אָרעמע פאַמיליע באַקומען קאַרטאָפל און ברויט אויף אַ פּאָר טעג. און ווער ס׳האָט געלעבט מיט רעכענונג... האָט געקאָנט איבערקומען שיעור נישט אַ גאַנצע וואָך. עס זיינען אָבער געווען פיל פאַמיליעס, וואָס הגם זיי האָבן געהונגערט זיינען זיי דאָך צו די דאַמעס נישט געגאַנגען. אין פיל אַזעלכע פאַלן פלעגט שוין דער אין פּלאָצק זייער פּאָפּולערער הערש ראובן זילבערבערג טאָן אַלץ, וואָס ס׳איז געווען אין זיינע מעגלעכקייטן ארויסצובאַקומען די נויטיקע הילף.

אין יענער צייט האָט אין פּלאָצק פון איין זייט געפירט דאָס רעדל די אַסימילאַציע און פון דער צווייטער זייט האָבן געהערשט די רעליגיעזע אידן.

וואָס האָט דעמאָלט געטון די יוגנט?

די אידישע יוגנט פון די אָרעמע שיכטן האָבן זיך ס׳רוב דאַן פאַרנומען מיט: האַלטן מלחמות

צווישן זיך, אָדער מ'האָט זיך געשלאָגן מיט גויאישע אינגלעך און מיט שפּילן אין „מעטע".

די שטודירנדע יוגנט און די יוגנטלעכע פון פאַרמעגלעכע שיכטן האָבן שוין אין א געוויסער מאָס געטראַכט פון העכערע זאַכן און זיי האָבן זיך גרופּירט אַרום דער איינציקער אידישער ביבליאָטעק „הזמיר". די אַרבעט אַרום און ביי דער ביבליאָטעק איז אָבער געווען באַגרענעצט, ווייל די דייטשע אָקופּאַציע האָט געשטערט. די סאָציאַליסטיש געשטימטע מיטגלידער איז דעריבער וואָס ווייטער אַלץ ענגער געוואָרן זיך אויסצולעבן אין „הזמיר" און ס'איז געגרינדעט געוואָרן די „צוקונפט", וואָס איז געוואָרן דער זאַמל־פּלאַץ פאַר די ראַדיקאַל און סאָציאַליסטיש געשטימטע אין פּלאָצק. די „צוקונפט" האָט זיך איינגעאָרדנט אויפן אַלטן מאַרק 21, האָט פאַרנומען א גאַנצן שטאָק און אַהין האָבן געשטראָמט: אַרבעטערשיכטן, שטודירנדע יוגנט און אַפילו חסידישע יונגעלייט.

ווען פּוילן איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק איז די „צוקונפט" געוואָרן באַהערשט פון בונדיסטן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן פירן א גאָר ברייטע און אַקטיווע אַרבעט. מ'האָט אָרגאַניזירט פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער, פאַרלעזונגען און אַנדערע קולטור אונטערנעמונגען.



פראַגמענט פון „הזמיר" ביבליאָטעק אין פּלאָצק

אין יענער צייט איז אויך געשאַפן געוואָרן א פאָנד צו שטיצן אַרבעטער־פּליטלינגע, וועלכע זיינען געקומען קיין פּלאָצק און זיי האָבן באַדאַרפט פאָרן ווייטער.

מיט די אַלע אַרבעטן האָבן צווישן אַנדערע אָנגעפירט: קאַמזעל, י. זעליגמאַן, י. און מ. פאַרבע, גרויבאַרד, ד. דרעווינקא און הירשהאָרן.

די „צוקונפט" אונטער דער אָנפירונג פון בונדיסטן האָט ממש באַנייט דאָס לעבן אונזערס אין פּלאָצק. און ווען דער בונד האָט דאָס ערשטע מאָל זיך באַטייליקט אין די שטאָט־ראַט וואַלן, האָט די בונדישע ליסטע באַקומען דריי מאַנדאַטן. אַלס ראַטמענער זיינען דעמאָלט דערוויילט געוואָרן: יעקב זעליגמאַן, משה זיסקינד און שאַפּראַן. דער לעצטער האָט געאַרבעט אַלס שוואַרץ־אַרבעטער אין דער פאַבריק ביים פירער פון די אַסימילאַנטן ה' סאַרנע. שאַפּראַן און סאַרנע זיינען דערוויילט געוואָרן אַלס ראַטמענער, אָבער פון צוויי זיך באַקעמפנדיקע ריכטונגען. שאַפּראַן איז געווען א גרויסער קבצן. אַלס שוואַרץ אַרבעטער האָט ער אַזוי ווייניק פאַרדינט, אַז ער האָט זיך פּשוט נישט געהאַט צו מאַכן קיין מלבוש. מיט די אַרבעטס בגדים פלעגט ער קומען אין

קלוב אַריין און אויך אויף די זיצונגען פון שטאָט־ראָט. האָט מען אין שטאָט דערציילט, אַז נאָך דער ערשטער זיצונג אין שטאָטראַט, האָט דער פאַבריקאַנט צוגעטיילט שאַפּראַנען א צווייטע אַרבעט ביי וועלכער ער זאָל פאַרדינען, אַז ער זאָל האָבן זיך אויסצוהאַלטן.

ווי געזאָגט האָט די „צוקונפט" באַקומען א גאָר גרויסן איינפלוס אין שטאָט.

עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז דער גימנאַזיע־פּראָפעסאָר, יאַקובזאָן איז אויך געווען אין „צוקונפט". ביי דער געלעגנהייט דערמאָנט זיך מיר אָט־וואָס: נאָך גייענדיק אין דער אָנפאַנגס־שול בין איך אַמאָל געקומען אין „צוקונפט" לאָקאַל זוכן מיין טאַטן. פּלוצים דערזע איך דאָרט מיין לערערן פאַרבא צוזאַמען מיט דער לערערן גרויבאַרד. די לערערן פאַרבא האָט מיר געוואָלט צופירן צום בופעט, האָב איך איר געדאַנקט און כ'בין שנעל געלאָפן אהיים. דאָס זעען די לערערקעס אין „צוקונפט" האָב איך א לאַנגע צייט נישט געקאָנט פאַרגעסן.

א חוץ פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און קולטור־אַרבעט האָט די „צוקונפט" אָרגאַניזירט א קאָנסום־קאָאָפּעראַטיווע און אַן אייגענע בעקעריי. די „צוקונפט" האָט זיך אַפילו פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן די פּערסאָנאַלן פון די מצה־בעקערייען און געפירט א קאַמף, אַז מען זאָל אין די מצה־בעקערייען נישט אַרבעטן מער ווי אַכט שעה, און אַזוי אַרום שאַפן אַרבעטס־מעגלעכקייטן פאַר פיל, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין פאַרדינען א פּאָר זלאָטעס.

באַלד נאָך פורים פלעגט דער שמש אויסרופן אין בית המדרש, אַז מ'שטעלט זיך באַקן מצות. איינמאָל איז מיין טאַטע אַרויף אויפן באַלעמער און געמאָלדן, אַז ווער ס'וויל אַרבעטן ביי מצות־באַקן זאָל זיך קומען פאַרשרייבן אין סעקרעטאַריאַט פון „צוקונפט". האָבן דאָס די אייגנטימער פון די מצה בעקערייען אין פּלאָצק דאַן אביסל צעאַרבעט און געַרעשט. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט מיין טאַטן גערופן אין דער קהילה און געפּרוּווט ווירקן אויף אים, ווי אויף א אידן, וואָס דאַוונט דריי מאָל א טאָג און דערצו מיט מנין. נאָך אַלעם האָבן די באַלעבאַטים געמוזט קומען אין „צוקונפט" דינגען פּערסאָנאַלן און באַצאָלן געהעריקע פרייזן פאַר דער אַרבעט.

מיטן אויסברוך פון דער פּויליש ־ באָלשעוויסטישער מלחמה, האָט די „צוקונפט" אָנגעהויבן אונטערגיין. ערשטנס, האָט מען גאַנצע גרופּעס מיטגלידער אָנגעהויבן רופן צו מיליטער דינסט, שפּעטער איז פאָרגעקומען א גרויסער אַרעסט און מען האָט אַרעסטירט אַלע אָנפירער, וועלכע זיינען נאָך געווען אין שטאָט. צווישן די אַרעסטירטע געדענק איך זיינען געווען די בונדיסטן: זעליגמאַן און פישל זילבערבערג.

אין יענע טעג האָט זיך אָפּגעשלאָסן א גאָר וויכטיק קאַפּיטל פון אידיש געזעלשאַפטלעך לעבן אין פּלאָצק, א קאַפּיטל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דער וועלט מלחמה 1914.

די „צוקונפט" איז זיך צעפאַלן, פון איר זיינען אָבער אַרויסגעוואַקסן כמעט אַלע פּאַרטייען און גרופּן, וואָס האָבן געווירקט אין אידישן לעבן אין פּלאָצק.

— 2 —

די מלחמה האָט זיך געענדיקט. א טייל זיינען מער שוין נישט צוריקגעקומען, א טייל זיינען אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד און א טייל האָבן חתונה געהאַט און נישט געקאָנט אַזויפיל זיך אָפּגעבן מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אין די יאָרן 1923—24, האָט זיך אָבער ווידער אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן. פּאַרטייען האָבן באַנייט זייער טעטיקייט און די אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן אַרום די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. פּלאָצק איז קיין אינדוסטריע שטאָט נישט געווען, אויסער צוויי אידישע און איין קריסטלעכע פאַבריק פון לאַנד־ווירטשאַפטלעכע מאַשינען, האָט פּלאָצק קיין שום גרעסערע אונטערנעמונג נישט פאַרמאָגט. די אידישע אַרבעטער האָבן זיך פאַרנומען מיט שניידעריי, שוסטעריי, היטלמאַכעריי, סטאָלעריי א. א. אין פּלאָצק איז פון אַלעם געווען צו ביסלעך; אַזוי האָט דער נאָדל־פאַריין געציילט ביי די פופציק מיטגלידער און כמעט די זעלבע צאָל מיטגלידער האָט געציילט דער לעדער־פאַריין. אָבער נישט געקוקט דערויף האָבן די דאָזיקע צוויי פאַריינען אַרויסגערופן צום לעבן אַלע פּאַרטייען. אין שטאָט האָבן אַלע געוואוסט, אַז דער נאָדל־פאַריין איז אונטער דער בונדישער השפעה און דער לעדער פאַריין אונטער דעם איינפלוס פון די לינקע. א צייט לאַנג האָבן זיך אָבער די דערמאָנטע צוויי פאַריינען געפונען אין איין לאָקאַל, ווייל ס'איז פּשוט נישט געווען צו צאָלן קיין דירה געלט. די בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט מיט

נאָווידוואָרער „צוקונפטיסטן" צוגאַסט אין פּלאָצק

צוועלף יוגנטלעכע אונטער דער אָנפירונג פון די עלטערע: גוטמאַן, ספּעקטאָר, י. סטופּיי און בענעק יאַנאָדעס. באַלד האָבן זיך „אָפּגעזוכט" די עלטערע און פּאַסיווע און אין גאָר אַ קורץ שטיקל צייט האָט דער בונד אָנגעהויבן באַהערשן די שטאָט. נאָכן בונד האָט דאָס צווייטע פּלאַץ פאַרנומען די רעכטע פּועלי־ציון, דאַן די „לינקע" און די לינקע פּועלי ציון. די לעצטע האָבן געגעבן אַ שיין און פאַרשוואונדן. ביי דער געלעגנהייט איז דאָס געזאָגט כדאי צו באַשטעטיקן מיט פאָלגנדיקן פאַקט: ביי די וואַלן צום שטאָט־ראַט האָט דער בונד אין פּלאָצק דורכגעפירט צוויי ראַטמענער מיט אַ לאַווניק און באַקומען קרוב 900 שטימען, די רעכטע פּועלי ציון צוויי ראַטמענער און אַריבער 700 שטימען, די „לינקע", אידן און קריסטן איין ראַטמאַן און די לינקע פּועלי ציון האָבן קיין שטימען אַפּילו פאַר איין ראַטמאַן אויך נישט באַקומען. די יוגנט, ווי די עלטערע האָבן געלעבט אַ הויך פּאָליטיש לעבן און יעדע פּאַרטיי האָט פאַרמאָגט זייער פיל אידעאַלע טוער, וואָס האָבן זייער אייגן לעבן מקריב געווען פאַר דער פּאַרטיי. פּשוטע אידן האָבן זיך אינטערעסירט מיט פּאָליטישע פראַגן און נישט דורכגעלאָזט קיין זיצונג פון שטאָטראַט. אידן פון שטאָט זיינען געווען אויסגעקאָכט מיט אַלע שטאָטישע פראַגן און קוים איז ווען עס איז פון דער אָרעמשאַפט געשען אַן עוולה סיי ביים אַרבעטן ביי די עפנטלעכע מאַגיסטראַט־אַרבעטן, אָדער ביים צאָלן שטייערן, איז מען גלייך געלאָפן צום בונדישן לאַווניק ישראל גרשון בורשטין, אַז ער זאָל אינטערווענירן און י. בורשטין האָט ווירקלעך אויפגעטון גרויסע זאַכן אויף דעם געביט פאַר אַלע שיכטן פון שטאָט.

מיט דער אַנטוויקלונג פון פּאַרטיי לעבן, האָט אויך די יוגנט ביי אַלע עקזיסטירנדיקע פּאַרטייען אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַ טעטיקייט אויף פאַרשידענע געביטן, אַפּילו מאַנדאָלין אָרקעסטערס זיינען אויך געשאַפן געוואָרן. אַזעלכע פּרוּוון זיינען געמאַכט געוואָרן פון די רעכטע פּועלי ציון און פו־

נעם בונד, דאָס זעלבע איז געווען מיט דראַמאַטישע קרייזן, זעלבסטבילדונג קרייזן א. א. פון די קרייזן זיינען אַרויסגעקומען יוגנט און פּאַרטיי־טוער, וואָס האָבן פאַרנומען שיינע פּאָזיציעס נישט בלויז אין פּלאָצק, נאָר אויך אין לאַנד.

און איצט אַ פּאָר ווערטער וועגן די קינדער אָרגאַניזאַציעס. „סקיף", (סאָציאַליסטישער קינדער־פאַרבאַנד), „השומר", „יונגבאַר" און „פּיאָנער". איך אַליין בין געווען איינער פון די אָנפירער פון „סקיף" און דער צווייטער איז געווען א. פּאַפּיערטשיק. געגרינדעט האָט זיך די אָרגאַניזאַציע פון אַ פּאָר שול־קינדער, אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום איז אויסגעוואַקסן אַן אָנגעזעענע קינדער אָרגאַניזאַציע. דאָס ערשטע האָט דער „סקיף" געהאַט אַ פּונקט, דאָס יעדער סקיפּיסט, וואָס בלייבט נאָך אַ יאָר אין זעלבן שול־קלאַס ווערט אויטאָמאַטיש אויסגעשלאָסן פון דער אָרגאַניזאַציע. די אָרגאַניזאַציע פון סקיף האָט דעריבער יעדן סקיף מיטגליד וועלכער האָט זיך געניטיקט אין מיטהילף „צוגעזעצט" צו אים אַ יוגנטלעכן. אָפּט פלעגן די שול אויפגאַבן אַפּילו קאָלעקטיוו געמאַכט ווערן. אַ דאַנק דעם פלעגן די סקיפּיסטן זיין די בעסטע שילער אין שול. די לערערס, וועלכע האָבן אין אָנהויב געשטערט, אַז די קינדער זאָלן זיין מיטגלידער אין „סקיף", האָבן שפּעטער נאָך מיטגעהאָלפן, אַז די קינדער זאָלן זיך באַטייליקן אין די אויספלוגן, ספּאָרט א. א. דאָס יונגוואַרג איז געווען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן צום סקיף. און ווען ס'איז באַשלאָסן געוואָרן איינצושאַפן אַן אייגענע פאָן האָבן די קינדער אָפּגעשפּאָרט פון זייער נויטיקסטן.

די סקיפּיסטן האָבן זיך איינגעשאַפן אַן אייגענע פאָן און צוזאַמען מיטן „בונד", „צוקונפט" און פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבן זיי דעמאָנסטרירט דעם ערשטן מאַי. און זאָל דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די אויסגערעכנטע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען די איינציקע, וואָס האָבן יעדן ערשטן מאַי דעמאָנסטרירט איבער די אידישע גאַסן אין פּלאָצק און נאָכער זיך צוזאַמענגעשלאָסן מיט די פּוילישע אַרבעטער, וואָס האָבן מאַרשירט אונטער די פענער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פּ. פּ. ס. אַלע איבעריקע פּאַרטייען פלעגן נאָכגיין פון דער זייט, אויף די טראָטואַרן. אין די רייען זיינען אַפּילו געגאַנגען פרויען מיט קינדער אויף די הענט, אידן מיט לאַנגע קאַפּאָטעס; די גאַנצע אָרעמע באַפעלקערונג.

מאַנדאַלין־אָרקעסטער ביים יוגנט־בונד „צוקונפט" אין פּלאָצק

פון זיבן הונדערט יאָר אידיש לעבן אין פּלאָצק האָבן די נאַציס געמאַכט אַ באַרג אַש. לאָמיר־זשע האָפן, אַז פּלאָצק וועט צוריק אויפגעבויט ווערן און ווידער וועט דאָרט אויפגיין דאָס אידישע לעבן.

א. ש. יורים

ווי דורך דעם שלייער פון א חלום

ווי דורך דעם שלייער פון אַ חלום, — אזוי דערמאָן איך זיך אין מיינע צוויי באַזוכן אין פּלאָצק. דאָס ערשטע מאָל האָט דאָס באַדאַרפט זיין ארום 1920, אין די האָניק־חדשים פון פּוילנס פרייהייט. און די פרייהייט פּוילנס האָט אויך געהייסן די באַפרייאונג פון פּוילישן אידנטום פון רוסישן צאַריזם און דייטשן אָקופּאַנט. די אידישע מאַסן האָבן אויפגעלעבט און מיט באַגייסטערונג זיך אַריינגעוואָרפן אין קאָכקעסל פון דעם פּאָליטישן אויפברויז פון דער יונגער פּוילישער רעפּובליק, אין צו אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלן רענעסאַנס. אזוי אויך פּלאָצק, די ראָמאַנטישע שטאָט ביי די ברעגעס פון דער ווייסל.

איך בין געווען דער גאַסט ביי די פּועלי ציון, וועלכע האָבן זיך געפונען דעמאָלט אין פּראָצעס פון וואוקס און אויפבלי. וואַרשיינלעך האָב איך ביי זיי גערעדט אויף איינע פון די פּאָליטישע טעמעס: „נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם”; „ארץ־ישראל און די סאָציאַלע רעוואָלוציע”, „פּאָלקס־סאָציאַליזם און פּועלי ציוניזם”; „דער צווייטער אָדער דריטער, אָדער צוויי אַ האַלבער אינטערנאַציאָנאַל” וכדומה. און געוויס האָב איך צומאָרגנס זיי געגעבן אַ לעקציע, וואַרשיינלעך אויף איינע פון די פאָלגנדיקע טעמעס: „פּרץ — חסיד און רעוואָלוציאָנער”, „ראָמען ראָלאַן און דער קאַמף פאַר אַ נייער וועלט־אָנשויאונג”; „ריכאַרד דעהמעל און זיין ווערק”, „דינעזאָן, — דער מולטאַטולי פון די יאָסעלעך”; „די רעוואָלוציע פון די נשמות” און נאָך און נאָך.

אָבער אַ דאָפּל־שאָטן האָט פאַרטונקלט די ליכטיקע באַגייסטערונג פון די ליכטיקע חברים און חברות. עפּעס אַ מאָדנע עפּידעמישע קראַנקייט האָט דעמאָלט געהערשט אין דער שטאָט, דוכט זיך פלעק־טיפוס, געוויס אַ רעזולטאַט פון מלחמה־הונגער. יעדער ניי אָנקומענדיקער האָט זיך געמוזט אונטערוואַרפן אַ פיינלעכער קערפּער־קאָנטראָל, — ריין צי נישט ריין, זיך געבאָדן צי ניט געבאָדן אין האָטעל, האָט ער געמוזט זיך ווידער אָפּטויבלען אין מוניציפּאַלער באָד־אַנשטאַלט און ברענגען אָן אָפיציעלע באַשטעטיקונג פון רעגירונגס דאָקטאָר, כדי זוכה זיין צו אַ באַן־בילעט אַרויסצופאָרן. די דאָזיקע ריינלעכקייטס־פּראָצעדור האָט ביי מיר צוגערויבט אַן איבעריקן טאָג, צי צוויי. נאָר נישט דאָס בין איך אויסן.

דער אמתער שאָטן, וואָס איז געלעגן ווי אַ שטיין אויף די הערצער פון חברים און נישט־חברים, אַרבעטער און בעלי־מלאכה, סוחרים און אינטעליגענץ, איז געווען דער קדוש הרב שפּירא. זיין שטעלן זיך דאַוונען האָבן פּוילישע מיליטאַרן אויסגעטייטשט אַלס סיגנאַלן פאַר רוסישע אַוויאַטאָרן, און אזוי האָבן זיי באַפלעקט די אזוי יונגע פּוילישע פרייהייט דורך דער תליה פון איינעם פון די עכט אידישע רעפּרעזענטאַנטן פון פּוילישן אידנטום. די שפּעטערדיקע רעהאַביליטאַציע האָט צוריקגעגעבן דעם כבוד, אָבער צוריק אויפלעבן דאָס אומשולדיק פאַרגאָסנע בלוט נישט געקאָנט... דער אַלמנה דעם מאַן, די יתומים דעם פאָטער האָט זי

נישט מער געקאָנט צוריקגעבן... און דער־שטאָט איר הייסגעליבטן און טיף געאַכטעטן מרא דאתרא.

———

אַ צווייט מאָל אזוי ארום סוף 1925, אָדער אָנהויב 1926, געשיקט קיין פּוילן פון ארץ ישראל פון דער צענטראַלע פון קרן קימת. עס איז אויף מיר אויסגעפאַלן צו באַזוכן פּלאָצק, צוזאַמען מיט פרוי דר. אסתר מאַנגל. דאָסמאָל זיינען מיינע טעמעס געווען ארץ ישראלדיקע, ווי למשל: „דאָס נייע לעבן אויף אַלטער ערד”; „אין פיבער פון אויפבוי און אין פייער פון פאַרטיידיקונג”; „ענגלענדער, אַראַבער, אידן, — און דאָס ארץ־ישראל פּראָבלעם”; „טעאַטער און קונסט אין ארץ ישראל”... נאָך איינער פון די קאָנפערענצן באַזוכט מיך אַ יונג־בילד־שיין מיידל מיט פאַרחלומטע בלוי־טרויבן אויגן, אין וועלכע עס האָט זיך געשפּיגלט דער טרויער פון דורות מאַרטירערס, און די האָפענונג פון דורות גבורים... אַ רבישע טאָכטער פון די זלאָטניקס... זי קען נישט מער לעבן אין דער שטאָט פון דער גרויסער עולה... זי מוז קיין ציון זיך באַפרייען פון קאָשמאַר פון תליות און בלוט... און בעט אַן עצה ביי מיר...

איך האָב זי דאַן געטראָפן שטראַלנד פון יוגנטפרייד אין אידישן היימלאַנד...

———

וואָס איז אַמאָל געווען אַ צופאַל־עפּידעמיע, איז געוואָרן צו אַ פּלאַנמעסיקער מאָרד און רויב־עפּידעמיע מצד די ברוינע בעסטיעס אויף פּוילישער ערד...

וואָס איז געווען אַ פאַריינצלטער טעות־פאַל פון אַ תליה פון איין אומשולדיקן אידישן נפש בישראל, איז געוואָרן אַ פּלאַנמעסיקער פּראָגראַם פון תליות און טויטקאַמערן אָן אַ צאָל פאַר גאַנץ בית־ישראל מצד די ברוינע בעסטיעס אין מלכות פּוילן און אין גאַנץ היטלעראַפּיע...

ליגט פּלאָצק אין חורבות, און דער אידישער שבט אין פּלאָצק איז פאַרשניטן געוואָרן. פּלאָצק וועט ווידער אויפגעריכטעט ווערן, וועט אידיש פאָלק אין פּלאָצק אויפשטיין תחית המתים?

זאָלן די קורצע ווערטער מיינע פאַרצייכנט ווערן אַלס אַ שטילע טרער אויף דעם קבר פון אידישן פּלאָצק.

דאָס נייעצאַלע געסל אין פּלאָצק

ב. ווינשטאַק

מיינע ארגענטינער פּלאָצקער

כ׳בין קיינמאָל אין פּלאָצק נישט געווען, זייער ווייניק געלייענט וועגן דער שטאָט און אין די אַרכיוון פון אידיש פּלאָצק אויך נישט גענישטערט.

דאָך האָט דאָס אַלעס נישט באַפרידיקט אַלס תירוץ דעם יונגן פּלאָצקער בחור, מיט די פייערלעך אין די צוויי שוואַרצע, אידיש אידישלעכע אויגן, מיטן קאָפּ געקרייזלטע האָר און די איידעלע בלייכקייט אויפן אָפּגעצערטן פּנים, און ער איז צוגעשטאַנען און ווידער און ווייטער געקומען אין רעדאַקציע בעטן רחמים —

— שרייבט עפּעס וועגן פּלאָצק...

איינמאָל — אפשר דאָס צוועלפטע מאָל אינעם סדר פון זיינע עקשנותדיקע באַזוכן — האָט ער מיר אַזש אַ זאָג געטאָן:

— איר ווייסט, גרינבוים האָט געזאָלט קומען אַהערצו, ער, ווען ער הייסט אייך, וואָלט איר שוין געשריבן! —

און די גאַנצע זיכערקייט פון דער גרינבוימישער אויטאָריטעט האָט אַרויסגעקלונגען פון זיינע רייד. זיי פאַרהערן גרינבוימען, די פּלאָצקער, ווי זיי האָבן פאַרהערט סאָקאָלאָוון און יעדן אידישן גדול וואָס איז נאָר געווען אַ פּלאָצקער, ער איז זיי דאָפּלט טייער און ליב, ער איז זייער שטאָלץ און זייער פאָן. אַזוי זיינען זיי, די פּלאָצקער — זיי זיינען פאַרליבט אין פּלאָצק. זיי זיינען מענטשן מיט אַ שורש, די פּלאָצקער, זיי שוועבן און טראָגן זיך אין די לופטן פון דער גרויסער אַמעריקאַנישער וועלט, בשעת זייערע וואָרצלען ציען ביז די מקורות פון דער אַלטער היים — גרייכן פּלאָצק.

פּלאָצקער אידן אין ארגענטינע האָבן טראַדיציע, די זכרונות ירושה פון זייער אַלטער, אידיש אַלטער היסטאָרישער שטאָט. אַ פּלאָצקער וועט אייך דערציילן און באַמאָלן וואו דער און דער אידישער גדול האָט געוואוינט אין פּלאָצק, די הויף — די גרויסע וואַרשעווער הויף, און דאָרט, העכער, דורך דעם און דעם פענצטער האָט ער אַרויסגעקוקט...

פּראָסט פּשוטע אידן, עמך׳ניקעס, שער און אייזן, אַזוי זיינען זיי דאָס רוב, די אַרגענטינער פּלאָצקער און זיי האָבן חסידישע התלהבות פאַר אידיש הערצאָישע פּאַסירונגען און פּערזענלעכקייטן פון זייער אומפאַרגעסלעכער אַלטער היים.

— עס, אַזאַ אַרבעט ווי אַרויסגעבן אַ בוך דאָס איז ממש איבער אונזערע כוחות, קרעכצט איינער צו, ס׳גייט נישט אינעם געלט, גלויבט אונז, עס גייט אין דער מאָראַלישער זייט, עס וואָלט געדאַרפט זיין אַזוינס ווי אַזעלכעס, אַז פּלאָצק זאָל זיך דערמיט נישט פאַרשעמען, אָבער אונזערע אייגענע דאָאיקע כוחות זיינען ווייניק, אין נאָרד אַמעריקע האָבן מיר די בעסטע פּלאָצקער פאַמיליעס, מענטשן געלערנטע אַפילו און פון די אינטעליגענטע פאַמיליעס...

קען איך נישט פאַרנעמען אָט די איידעלע יסורים און וויל טרייסטן אויפן אידישן שטייגער:

— איז אויב איר קענט נישט, טאָ צו וואָס האָט איר זיך אונטערגענומען?...

און דער ענטפער איז אַ רירנדיקער, אַ האַרציקער, עס ענטפערן אַזוי אַלע אַרגענטינער פּלאָצקער:

— שווערע, ביטערע, בלוטיקע גרוסן האָבן זיך

צו אונז דערטראָגן פון דער אַלטער היים, קענען מיר נישט זיצן, דעריבער, מיט פאַרלייגטע הענט. העלפן קענען מיר נאָך נישט, זאַמלען מיר. גראָשן זאַמלען האָט אין מאָמענט קיין זינען נישט, אָבער אוצרות פון זכרונות — דאָס יאָ, זאָל ווידער פאַרשריבן און אין פייערדיקן אידישן הייביקן וואָרט, דערמאָנט ווערן פּלאָצק...

און דאָס איז טאַקע געווען דער אייגנטלעכער מאָטיוו וואָס האָט באַוואויגן מיינע אַרגענטינער פּלאָצקער אַרויסצוגעבן אָט דאָס בוך. נאָר נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, נאָר עפּעס טון פאַרן טייערן נאָמען פּלאָצק.

דער פאַריין פון די פּלאָצקער לאַנדסלייט איז אַ שם דבר צווישן די אַלע צענדליקער היגע לאַנדסלייט פאַריינען. ער איז לעבעדיק, טיכטיק, איז די ערשטע שול פאַר טוער וואָס גיסן זיך שפּעטער ווייטער אַריין אינעם קאָכיקן ים פון דער ברייטער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין ב. איירעס.

די פּלאָצקער האָבן זיך זייער לייַ־קאָסע, האָבן אַן אייגענעם אַדרעס פאַר אַ נויטבאַדערפטיקטן, אַן אייגן ווינקל פאַר שמחות, פאַר פאַמיליערער פּאָליטיק, עס זאָל אַמאָל נישט אויספעלן, און בעיקר — צו פּראַווען אַ ה ב ת פּלאָצק — בציבור.

פּלאָצקער אידן האָבן ליב טראַדיציע — ווייל זיי האָבן אַ גרויסע, אַ שיינע אַ רייכע טראַדיציע — די געשיכטע פון דער אידישער שטאָט פּלאָצק.

הערמאן קאסאי

אונזער הילף פאר פלאָצק

עס איז זייער טרויעריק אויפן הארצן, וואָס דאָס ארויסגעבן דעם אַלמאַנאַך וועגן זיבן הונדערט יאָר אידיש לעבן אין פלאָצק, פאַלט אויס אין אַזאַ וויסטער צייט, ווען מיר ווייסן אפילו נישט צי איז ווער פון אונז דאָרט אין פלאָצק געבליבן לעבן.

זיינען טאַקע אַלע אונזערע נאָענטע און אייגענע אומגעבראַכט געוואָרן? אַזויפיל יוגנט חברים און פריינט, זיינען דערמאָרדעט געוואָרן פון די נאַצים.

מיר, די לעבנגעבליבענע, די, וואָס זיינען אוועקגעפאָרן אין דער וועלט אַריין און האָבן זיך איינגעאָרדנט אין די אמעריקעס, טאָרן דעריבער ניט בלייבן רואיק. מיר טאָרן נישט און מיר קענען ניט בלייבן גלייכגילטיק! ווי מיר זאָלן זיך שוין נישט האָבן איינגעלעבט אין די נייע היימען, לאָזט זיך אָבער די אַלטע היים נישט פאַרגעסן.

פלאָצק, די שטאָט פון אונזערע חלומות.

אָ, וויפל שיינע דערינערונגען עס לעבן אין אונז, כאָטש עס איז שוין היבשע צענדליקער יאָרן, אז מיר זיינען פון דאָרט אוועקגעפאָרן. דער אויסזען, די שיינקייט פון דער שטאָט, די גאסן, די אידישע געגנט און איבער אלעם, די נאָענטע און אייגענע, אַלץ לעבט אין אונז.

די פילע לעגענדעס, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם דורותדיקן אידישן לעבן, די איבערלעבונגען אין דער יוגנט, ביי דער אַרבעט, דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן; עס לאָזט זיך נישט פאַרגעסן. און אויב יעדער פאַר זיך דערמאָנט די אַלטע היים, ווערט דאָס געפיל פאַר דער אַלטער היים נאָך מער פאַרשטאַרקט, ווען עס קומען זיך צוזאמען לאנדסלייט; און ווען עס ווערט געשאַפן אַ לאנדסלייט פאַריין דעמאָלט ווערט פון דעם שוין אַ גאַנצע באַוועגונג. דאָס זעען מיר זייער קלאָר אין דער עקזיסטענץ פון אונזער פאַריין, אין דער אַקטיוויטעט פון אונזער אָרגאניזאציע.

פאַריינס יום־טובים, פאַמיליען שמחות און די שעה זאָל נישט זיין, אויך אין שווערע און טרויעריקע מאָמענטן, שטענדיק גרופירט מען זיך צוזאַמען, איז מען פאַרבונדן אַלס איין משפחה. ל״ל וואָס זיינען שוין דאָ מער, ווי דרייסיק יאָר אין לאנד, לאנדסלייט, וואָס זיינען געקומען שפּעטער, פאַרשטייען זיך איין, ווי נאָר ס'קומט צום באַהאנדלען פראגן פון דער אַלטער היים.

פאראן א סך, וואָס האלטן נאָך אָן אין זייערע היימען די טראדיציע פון פלאָצק, און אפילו די קינדער, געבוירענע אין דער נייער היים האָבן אַ געוויסן באַגריף וועגן פלאָצק. לאנדסלייט, וואָס לעבן אין נאָרד אַמעריקע, אין אויסטראליען א. א. רופן זיך אָפּ, ווילן וויסן, וואָס עס הערט זיך ביי די פלאָצקער אין אַרגענטינע. לאנדסלייט פאַרייִנען זיינען דעריבער נישט עפּעס אָן עקשנות, נאָר אַ באַוועגונג, וואָס האָט איר איינפלוס אומעטום.

אויב ביז דער וועלט מלחמה האָבן לאנדסלייט אין גרעסטן טייל נישט אַזוי פיל געדאַרפט זאָרגן פאַר דער אַלטער היים, האָבן איצט די לאנדסלייט פאַריינען פאַר זיך זייער פיל פליכטן. מיר, די לעבנגעבליבענע מוזן מיטהעלפן זאָרגן, אַז די אַלטע היים זאָל צוריק אויפגעבויט ווערן. מיר וועלן מוזן

זאָרגן פאַר יחידים, נאָענטע און אייגענע; יעדער וועט מוזן זאָרגן פאַר זיין פאַמיליע, העלפן זיך צוריק איינאָרדנען, באַזאָרגן זיי מיט מלבושים און אַלס קאָלעקטיוו, אַ לאנדסלייט פאַריין וועלן מיר מוזן אוועקגעבן פיל ענערגיע, כדי צו טון פאר אונזער אלטער היים אַלץ, וואָס מיר וועלן קענען.

זאָל נאָר אָנהייבן אָנקומען ידיעות, אַז ווער פון אונזערע פלאָצקער זיינען געבליבן לעבן און אַז אין פלאָצק הייבט אָן ווידער קלאַפּן אַ אידיש לעבן, וועלן מיר דאָ אַלס לאנדסלייט פאַריין, וואָס אַלע אונזערע מיטגלידער זיינען פון פלאָצק נישט רוען.

מיר מוזן זיין גרייט צום דאָזיקן מאָמענט, ווען מיר וועלן קאָנען עפּעס טאָן פאַר אונזער פלאָצק.

הלוואי, זאָל דער מאָמענט קומען, וואָס שנעלער.



דער מושב זקנים אין פלאָצק

אברהם יוסף יעשאן

עפעס געדענקט זיך

מיר, פלאָצקער, אין ארגענטינע, האָבן א פאריין און דער פאריין גיט ארויס א בוך, וואו עס ווערט דערציילט וועגן אונזער לעבן אין פלאָצק.

איז עס אַ ווירקלעכקייט? איז שוין טאַקע אַזוי פיל יאָרן אַוועק זינט איך בין אַוועקגעפאָרן פון פלאָצק?

איך בין געקומען קיין ארגענטינע אין יאָר 1909 און קיין פלאָצק האָב איך דאָ אַפילו פאר די אויגן נישט געזען. טיילמאָל האָט זיך געוואָלט אויסריידן אַ וואָרט וועגן דער אַלטער היים, זיך טיילן מיט איינדרוקן און איבערלעבונגען איינגעזאַפּט און דורכגעלעבט אין דער אַלטער היים און ס'איז זיך נישט געווען מיט וועמען צו טיילן. מען קען נישט נעמען אַ שכן און אַפילו אַ אידישן שכן, וואָס שטאַמט פון רוסלאַנד, בעסאַראַביע און אים דערציילן זאַכן, וואָס אים קריכן זיי נישט אין קאָפּ אריין.

איך האָב נאָרוואָס געהאַט דורכגעמאַכט דעם פריזיוו, הינטער דעם פריזיוו איז אָבער געווען אַ לעבן, וואָס האָט געמאַנט, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרגעסן ביזן היינטיקן טאָג.

אוודאי, געפין איך זיך היינט אין אַ גאַנץ אַנדער מאַטעריעלער פּאָזיציע, די געפילן און דאָס אַלץ, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אין פלאָצק, לעבט אָבער טיף אין מיר. טיילמאָל גייען מיר אויף זכרונות פון דער אַלטער היים, וואָס וואַרעמען מיר אָן און טראָגן מיר צוריק אריבער אַהין צו דער שטאָט ביים ווייסל: פלאָצק.

אין פלאָצק האָב איך געאַרבעט ביי קאַמאַשן־שטעפּעריי און האָב געהערט צו דער אידישער אָפּטיילונג אין פּ. פּ. ס. אַזעלכע זאַכן פאַרגעסן זיך נישט, ווייל זיי האָבן אויספאָרמירט מיין דע־מאָלטיק לעבן און מיין וועלט.

עס דערמאָנט זיך מיר דער פרימאָרגן ווען פיל פלאָצקער אידן האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי דער תפי־סה בעת מ'איז געגאַנגען אַוועקשיקן צוויי אינגלעך, פּאָליטישע אַרעסטירטע.

די פאַרזאַמלונג אין „צוקראָווניע" שטייט נאָך פאר די אויגן און די ווערטער לאָזן זיך נישט פאַרגעסן. דאָס אַלץ איז פאַרקניפּט מיט יענער צייט, ווען מיר זיינען אַלס יונגע לייט געווען אַריינגעטון אין דעם פּראָפעסיאָנעלן און פּאָליטישן לעבן.

אַז איך גיב איצט אַ בליק אויף צוריק זע איך וויפל יאָרן ס'זיינען שוין אַוועק. אַזוי איז מען פאַרטון אין די אייגענע געשעפטן, פאַראַן אָבער מאָמענטן ווען מ'באַטראַכט דאָס אייגענע לעבן און דעמאָלט שיינט אויף פלאָצק, די היים־שטאָט, די גרינע יאָרן אין ב. איירעס, ווען קיין פלאָצקער זיינען דאָ כמעט ווי נישט געווען.

היינט האָבן מיר דאָ אַ חוץ די אייגענע פאַמי־ליעס, וואָס לעבן, אַרבעטן און שאַפן אַ גרויסע פלאָצקער פאַמיליע, וואָס האָט פונקט, ווי איך, נישט פאַרגעסן די אַלטע היים. פרייט עס טאַקע פון גאַנצן האַרצן און ס'ווילט זיך בלויז ווינטשן, אַז מיר זאָלן נאָך דערלעבן צו הערן גוטע גרוסן פון אונזער אַלטער היים.

א פאָר ווערטער וועגן יוסף קוויאַטעק

י. האַרט, באַשרייבנדיק די קוואַרטאַלן אין וואַר־שע, וואו די פּאָליאַקן האָבן געקעמפּט קעגן די נאַ־ציס, דערמאַנט ביי דער געלעגנהייט דעם מוטיקן יוסף קוויאַטעק פון פלאָצק מיט פאָלגנדע ווערטער: „דעם ערשטן גרויסן רעוואָלוציאָנערן אַרויס־טריט, די היסטאָרישע ערשטע באַוואָפנטע

דאָס הויז אין פלאָצק, וואו קוויאַטעק איז געבוירן געוואָרן.

דעמאָנסטראַציע פון דער פּ. פּ. ס. אין וואַרשע, האָט אָרגאַניזירט און אָנגעפירט אַ איד. דאָס איז געווען אין נאָוועמבער פון 1904. אויפן פּלאַץ גזשיבאָוו, אין האַרץ פון אַ אידיש חסידישער גע־גנט, אַרומגערינגלט פון גרויסע אידישע אייזן גע־שעפטן, אין שכנות פון דער רעזידענץ פון אידישן אייזן קעניג אַזי פּוילן, שעיה פּריוועס, איז געש־טאַנען אַן אַלטע גרויסע קירכע. צו דער גאָטעס־דינסט אין דער קירכע זיינען געקומען, לויט אַ פריער צוגעגרייטן פּלאַן, טויזנטער פּוילישע אַר־בעטער פון אַלע עקן שטאָט. פילע פון זיי זיינען געווען באַוואָפנט. נאָך דער גאָטעס־דינסט זיינען זיי אַרויס אין גאַס און אָפן דעמאָנסטרירט קעגן צאַריזם. די פּאָליציי און קאָזאַקן זיינען געווען מאַכטלאָז קעגן די באַוואָפנטע דעמאָנסטראַנטן, מיט וועלכע עס זיינען פאָרגעקומען אַ רייע צוזאַ־מענשטויסן. דער אָרגאַניזאַטאָר און פירער פון יע־נעם ערשטן גרויסן רעוואָלוציאָנערן אַרויסטריט איז געווען יוסף קוויאַטעק, אַ אידישער אינטעלי־גענט פון דער שטאָט פלאָצק, וועלכער האָט אין

איינגעמויערטער אָנדענק־טאָוול אין הויז אויף קוויאַטקאַ 45, אין פלאָצק.

זיינע יונגע יאָרן זיך פאַרנומען מיט פאַרשפּרייטן השכלה צווישן אידן און איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע פירער פון דער פּויליי־שער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי".

„פאָרווערטס", ניו יאָרק, 11־טער אויגוסט 1944.

א פלאָצקער

י. ל. פּרץ און בראָניסלאַוו גראָסער אין פּלאָצק

פּלאָצק האָט נישט נאָר געגעבן דעם פּוילישן אידנטום אַ רייע פּירנדיקע פּערזענלעכקייטן, נאָר זי איז אויך צייטנווייז געווען פאַר אַנדערע גרויסע אידישע פּערזענלעכקייטן אַ פּלאַץ פאַר אָפּרו, אַ רואיקער האַפן, וואו עס איז געווען לייכטער דורכצוטראַכטן און דורכצואַקערן אַזעלכע פּראָבלעמען פאַר וועלכע מען האָט נישט געקענט געפינען צייט און אַ רואיקן ווינקל אין די גרויסע שטעט.

קיין פּלאָצק פלעגט זיך אַמאָל אַראָפּכאַפּן פּרץ. אין פּלאָצק האָט דער גרויסער בונדישער פּירער בראָניסלאַוו גראָסער אָפּגעפונען זיך אליין. דאָס זיינען אינטערעסאַנטע איינצלהייטן פונם לעבן פון די דאָזיקע צוויי גרויסע אידישע פּערזענלעכקייטן און אין אַן אָנדענק־בוך וועגן פּלאָצק דאַרף דאָס דערמאָנט און פאַרצייכנט ווערן.

יצחק לייבוש פּרץ איז, ווי באַוואוסט, געווען אַ זאַמאָשטשער איד (זאמאָשטש האָט מיט רעכט זיך געהאַלטן פאַר נישט קיין קלענערער אידישער גייסטיקער מיוחסת פון פּלאָצק). זיין פאַרבינדונג מיט פּלאָצק האָט זיך גענומען דערפון, וואָס אין פּלאָצק האָט געוואוינט זינט 1885 זיין לייבלעך געשוועסטער־קינד, דער זאמאָשטשער איד משה אַלטבערג (פּרצעס מוטער און אַלטבערגס מוטער זיינען געווען שוועסטער).

משה אַלטבערג איז געווען מיט אַן 8—10 יאָר יונגער פון פּרצן. אַלטבערגס טאַטע, פּרצעס פע, טער, איז געווען אין זאַמאָשטש דער ערשטער מענטש, וואָס האָט אָפּגעשאַצט פּרצעס דיכטערישן טאַלאַנט און אים צוגעגעבן מוט (פּרץ האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע מיט העברעאישע געדיכטן).

אין אָנהויב פון די אכציקער יאָרן פון פריערדיקן יאָרהונדערט האָט פּרץ געפירט אין זאַמאָשטש אַן אַדוואָקאַטישע קאַנצעלאַריע. אָבער — זיין קאָפּ איז געלעגן אין זיין דיכטונג. אַלס אַדוואָקאַט איז ער געווען נישט־פּינקטלעך, נאַכלעסיק, און ווען נישט די הילף פון זיין באַדייטנדיק יונגערן קוזין משה אַלטבערג, וואָלט ער געליטן פיל דורכפאַלן.

אַלטבערג האָט געפירט פּרצעס קאַנצעלאַריע. דאָס, וואָס פּרץ האָט פאַרגעסן, האָט אַלטבערג צוגעהיטן. ווען אַלטבערג האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון דער באַקאַנטער און פאַרצווייגטער פּלאָצקער פאַמיליע גאָלדע, און זיך אַריבערגעצויגן קיין פּלאָצק, זיינען די ביידע קוזינען געבליבן מיט זיך ענג־פאַרבונדן. מען איז געפאָרן צו זיך. מען האָט זיך געפילט גייסטיק־נאָענט.

פּוילינע אַלטבערג (פון דער היים: גאָלדע) האָט פיל צוגעטראָגן צו דער דאָזיקער פריינטשאַפט. איר אינטעליגענץ און באַלעזנקייט האָט ביי פּרצן זייער איינגענומען. ער האָט ליב־געהאַט צו פאַרברענגען מיט איר אין געשפּרעכן וועגן ליטעראַטור. וועגן זיינע שאַפונגען.

פּרץ קומט צופאָרן קיין פּלאָצק צו דער חתונה פון פּוילינע גאָלדע און זיין קוזין משה אַלטבערג. דאָ באַקענט ער זיך מיטן באַקאַנטן העברעאישן שריפטשטעלער און משכיל אברהם יעקב פּאַפּיערנאָ. וועלכער איז דאַן געווען לערער אין דער פּלאָצקער אידישער גימנאַזיע. פּרץ באַפריינדעט זיך מיט פּאַפּיערנאָן. פּרצעס זון לוציאַן גייט אין פּלאָצקער גימנאַזיע און פּאַפּיערנאָ נעמט איבער איבער אים די גייסטיקע אַפּוטרופּסות. לוציאַן וואוינט אפילו ביי פּאַפּיערנאָן. אין אָנהייב פון די ניינציקער יאָרן האָט לוציאַן פּרץ געענדיקט די פּלאָצקער גימנאַזיע.

זינט 1885 קומט פּרץ אָפט קיין פּלאָצק. — פריער צו די אַלטבערגס און שפּעטער אויך צו זיין זון. דאָ פירט ער מיט פּוילינע אַלטבערג און מיט פּאַפּיערנאָן לאַנגע ליטעראַרישע געשפּרעכן. אַמליבסטן האָט ער מיט פּוילינע אַלטבערג געהאַט צו שמועסן וועגן פּלאָצק אַליין, וועגן פּלאָצק אַלס שטאָט, וועגן דעם פאַרגלייך צווישן פּלאָצק און זאמאָשטש א. א. וו. פּוילינע אַלטבערג פאַרזיכערט אין אירע זכרונות, אַז אין די אָפטע פּלאָצקער געשפּרעכן מיט איר האָט פּרץ הויך דורכגעטראַכט פיל געדאַנקען וועלכע ער האָט שפּעטער אַריינגעבראַכט אין זיין גרויסן ווערק „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק”. פּרץ האָט זיך אַמאָל פאַר איר אויסגעדריקט אין פּלאָצק, אַז דווקא דאָס לעבן פון דער גאַס, דאָס לעבן פונם מאַרק, צינדט אָן און וועקט דעם געדאַנק פון שרייבער.

אַז פּרץ פלעגט קומען קיין פּלאָצק, פלעגט ער שעהן־לאַנג שפּאַצירן מיט פּוילינע אַלטבערג אין און אַרום פּלאָצק. טיילמאָל פלעגט פּוילינע אַלטבערג אים שפּילן אויף דער פּיאַנאָ שומאַנס און בעטהאָווענס מוזיק. זי איז אויך געווען אינטים אַריינגעצויגן אין פּרצעס פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן. באַזונדערס האָט פּרץ געהאַט צרות מיט זיין זון, דעם דערמאָנטן לוציאַן. די דאָזיקע צרות האָט זיך געצויגן דאָס גאַנצע לעבן, און אָנגעהויבן האָבן זיי זיך אין לוציאַנס יונגסטן עלטער, ווען ער איז נאָך געווען אַ פּלאָצקער גימנאַזיסט. פּוילינע אַלטבערג האָט געהאַט פיל זאָרגן מיט אויסגלייכן די קאָנפליקטן צווישן גרויסן טאַטן מיט זיין אומרואיקן זון.

פּרץ פלעגט קומען קיין פּלאָצק מייסטנס אין אַ שבועות. ער פלעגט מיטנעמען מיט זיך זיינע מאַנוסקריפּטן און זיי פאָרלייענען פאַר פּוילינע אַלטבערג. זי האָט באַצייכנט פּרצן אַלס אַ גלענצנדיקן פאָרלייענער. איינמאָל האָט ער מיטגעבראַכט מיט זיך דעם מאַנוסקריפּט פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק” און עס איר פאָרגעלייענט. ער האָט איר אויך פאָרגעלייענט די „דריי נייטאָרינס”. די באַרימטע פּאָעמע „מאָניש”, האָט ער ספּעציעל געלאָזן פאַר איר איבערשרייבן, כדי עס איר צו קענען שענקען. ער האָט איר אויך אָוועקגעשאָנקען דעם כתב־יד פון זיין ווערק „די געשמיסענע אמת”. איר פּערזענלעך איז „דיא געשמיסענע אמת” מער געפעלן געוואָרן ווי „מאָניש”. פּרץ האָט זיך מיט איר געשפּאַרט. פּרץ האָט שטאַרק געהאַלטן פון „מאָנישן”. פון „די געשמיסענע אמת” — ווייניקער.

אין פּרצעס דיכטערישע שריפטן געפינט זיך פאָלגנדיקער בייסיקער עפּיגראַם:

לערנט אייך קלעטערן, דאָס לעבן איז אַ לייטער;
אויבן ספּלין, פּאָדאַגרע; אונטן — בלוט
און אייטער.
אויבן בליצט מישורא, אונטן — ערדיק, זומפּיק.
און אין מיטן איז באַלעבאַטיש — שטייף
און שטומפּיק.

דאָס געדיכט האָט אַזאַ געשיכטע, אַז פּרץ האָט איינמאָל, בעת זיינעם אַ באַזוך אין פּלאָצק, געשאָנקען פּוילינע אַלטבערג זיינע אַ פאָטאָגראַפיע, און אויף דער דאָזיקער פאָטאָגראַפיע האָט ער אויפגעשריבן דאָס דאָזיקע געדיכט.

צוליב פּאולינע אַלטבערג האָט פּרץ זיך באַקענט אין וואַרשע מיט אירע קרובים — מיטן דר. שלמה מינץ און זיין פאַמיליע, מיט דער פאַמיליע גרינבוים א. א. זיי זיינען געווען סאָציאַליסטן און פּרץ פלעגט זיי אָפט אַרויסהעלפן מיט פאַרשידענע זאַכן, וועלכע קומען זייער אָפט צונוץ אין אומלעגאַלער פּאָליטישער טעטיקייט.

פּוילינע אַלטבערג דערציילט, אַז זי האָט צוגערעדט פּרצן צו שרייבן ראָמאַנען. אויף די לאַנגע פּלאָצקער שפּאַצירן, האָט ער זיך געלאָזן מיטרייסן פון אירע פּראָיעקטן. ער פלעגט אויך, אויפן קול, וועבן פלענער פון ראָמאַנען: אויספלעכטן די אַלגעמיינע קאַנווע פון ראָמאַן, די קומענדיקע קאָנפליקטן צווישן די העלדן א. א. וו. ער אַליין פלעגט פילן, אַז עפּעס קלעפּט זיך אָבער נישט — אַז אין לאַנגע ראָמאַנען פעלט אים אויס „אָטעם”. שרייבערישע שוואַכקייטן: אַליין פלעגט ער עס פילן,

אָבער ווען זי פלעגט עס אים זאָגן, פלעגט ער זיך פילן דערפון געטראָפן...

צו אונזער היינטיקער טעמע געהערט עס שוין נישט. וואָס עס איז וויכטיק פאַר אונז, ווען מיר שרייבן אַ פלאָצקער אַלמאַנאַך, איז דער פאַקט, אַז די שטאָט פלאָצק האָט געשפילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין פרצעס פערזענלעכן און ליטעראַרישן לעבן.

און איצטער — בראָניסלאַוו גראָסער.

דאָס, וואָס מיר גייען דאָ דערציילן וועגן גראָסער, האָט אַ שייכות מיט דער פאַמיליע, וועגן וועלכער מיר האָבן אָקאָרשט גערעדט: מיט דער פאַרצווייגטער פלאָצקער פאַמיליע גאָלדע.

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע דערציילט בראָניסלאַוו גראָסער וועגן יענע יאָרן אויף דער סאַמע שוועל פון אונזער היינטיקן יאָרהונדערט, ווען עס האָט זיך אין אים פאָרמירט זיין וועלט־אָנשויאונג. אַליין האָט ער, ווי באַוואוסט, געשטאַמט פון אַ פולשטענדיק אַסימילירטער אידישער פאַמיליע. זיין פאָטער איז געווען דער באַקאַנטער וואַרשעווער אַדוואָקאַט ניקאָדעם גראָסער. זיין נאַטירלעכער וועג, אַפילו ווען ער האָט זיך שוין אַנטשלאָסן צו ווערן אַ סאָציאַליסט, וואָלט, דאַכט זיך, געדאַרפט אים אַוועקפירן צו די פוילישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען (ער האָט אַפילו קיין אידיש ניט געקענט). אָבער, ניין. זיין טיף און אייגנאַרטיק דענקען האָט אים געבראַכט צום „בונד“, צו דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. און אַ געוויסע ראָל האָט דאָ געשפילט די שטאָט פלאָצק און דעם דירעקטן שטויס דערצו האָט געגעבן גראָסערן אַ פלאָצקער יונגער אינטעליגענט אדאַם (אַדאַש) גאָלדע, וועלכער איז שוין דאַן געווען אַ בונדיסט (פוילינע אַלטבערגס אַ ברודער).

גראָסער אַליין דערציילט וועגן דעם אָט־וואָס:

„נאָך דעם, ווי איך בין אַריבער אין זיבעטן קלאַס, האָב איך פאַרבראַכט אין קאַזשמיעזש. דאָרט בין איך באַקאַנט און נאָענט געוואָרן מיט איינעם פ. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער אידן־פראַגע האָבן מיר ביידע גלייכע געדאַנקען און געפילן. מיר האָבן באַשלאָסן צו פאַרנעמען זיך מיט אָרגאַניזירן די אידישע סאָציאַליסטישע יוגנט. איך געדענק: מיט דעם ציל זיינען מיר ביידע געפאָרן קיין פלאָצק. דאָרט זיינען מיר געוועזן ביי ג. (גאָלדע — אַ פלאָצקער). איך בין באַקאַנט געוואָרן מיט א. און אי. גאָלדע (אַדאַם און איגנאַצי גאָלדע — אַ פלאָצקער).

איך דערמאָן זיך געניו, ווי איך האָב פאַר זיי אַנטוויקלט מיינע אָנשויאונגען אויף דער אידן־פראַגע. אַביסל נעפּלהאַפטע, אַזוי ווי מיסטישע אָנשויאונגען. דער הויפט געדאַנק איז געוועזן: אמת, אידן בילדן אַ באַזונדערע גרופּע, אָבער די דאָזיקע באַזונדערקייט קאָן זיך אויסדריקן נאָר אין דעם, וואָס דינענדיק דער אידייע, שפּילן זיי צווישן די אַנדערע אַ ראָלע פון זייער באַוואוסטזיין. ספּעציפיש־אידישער פּאַטריאָטיזם, עפּעס אַ גלויבן אין דער ראָלע פונעם „אויסדערוויילטן פאָלק“, האָט זיך אין דער דאָזיקער קאָנצעפּציע פאַרייניקט מיט דער אומעגלעכקייט צו באַהאַנדלען דאָס אידנטום רעאַל, ווי אַ נאַציע, וואָס עקזיסטירט נעבן אַנדערע נאַציעס.

... איך געדענק, אַז נאָכדעם, ווי א. ג. (אַדאַם־גאָלדע — אַ פלאָצקער) האָט מיך אויסגעהערט, האָט ער געזאָגט: „ווען איך הער אייך, טראַכט איך, אַז אייגנטלעך שטייט איר אויפן שטאַנדפּונקט פון בונד“, איר פלאָנטערט זיך אַליין. איר גיט צו עפּעס פּאָעזיע, מיסטיק, עפּעס אַזאַ מין זאַך, איך האָב זיך פאַרטראַכט און גאָרנישט נישט געענטפערט.

איך האָב געוואוסט וועגן דער עקזיסטענץ פון „בונד“. אָבער די אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן זיינען דעמאָלט געווען אומבאַדייטנדיק, שוואַך. אינם פּוילישן לעבן האָבן זיי זיך נישט געלאָזן הערן. קיין פאַרבינדונגען האָב איך מיט זיי קיינמאָל נישט געהאַט, אַ השגה וועגן דעם, וואָס דער „בונד“ וויל, האָב איך געהאַט אַ שוואַכע. אַגב האָט דער דעמאָלטיקער בונד אַליין רעכט נישט געוואוסט וואָס ער וויל אויפן געביט פון דער אידן־פראַגע. און דאָך האָט ג"ס (גאָלדע — אַ פלאָצקער) פראַזע מיך איבעראַשט, זי האָט אַזוי ווי אויפגעוועקט אין מיר עפּעס אַ סטרונע; אַזוי ווי דערמאָנט וועגן עפּעס וויכטיקעס, וואָס מען מוז פאַרשטיין און באַשליסן.

אָט אַזוי האָט זיך פאַר מיר, אין מיין אייגענעם לעבנסוועג, צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געשטעלט דער געדאַנק וועגן „בונד“.

... אין יענער צייט זיינען די ג. (גאָלדעס — אַ פלאָצקער) געקומען קיין וואַרשע. זיי זיינען אַריין אין „פאַרבאַנד“ (פאַרבאַנד פון דער אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער יוגנט — אַ פלאָצקער), פלעגן זיך אָפט טרעפן מיט מיר, און אין דער זעלבער צייט האָבן זיי ביידע אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע פון „בונד“. נישט דערציילנדיק וועגן זיך, האָב איך זיך נאָכגעפרעגט וואָס עס ווערט געטון, ווי אַזוי; איך האָב געזוכט זיך צו אָריענטירן אין די פאַרהעלטענישן“.

און אַזוי איז גראָסער געוואָרן אַ בונדיסט. איינמאָל אין אָוונט האָט אים גאָלדע אַוועקגעפירט צו זיינער אַ באַקאַנטער, וועלכע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פאָרשטייערן פון „בונד“ צווישן דער וואַרשעווער אידישער אינטעליגענץ. גראָסער רופט זי אָן בלויז מיט אָן איניציאַל „א“. דאָס איז געוועזן אַדעלאַ זאַקס, אַ וויכטיקע טוערן פון „בונד“ אין יענע יאָרן אין וואַרשע (איר ברודער, דר. זאַקס, איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע פירער פון דער פּפּס.) די דאָזיקע אַדעלאַ זאַקס האָט פאַרענדיקט די אַרבעט, וואָס די גאָלדעס האָבן אָנגעהויבן: בראָניסלאַוו גראָסער איז געוואָרן אַ בונדיסט.

„צוקונפט“־לאַגער אין פלאָצק

וועגן יוגנט־זכרונות

איך האָב פאַרלאָזן פּלאָצק אַלס אַ אינגל פון 17 יאָר. מיט ענטוזיאַזם האָב איך זיך אַוועקגעלאָזן קיין אַמעריקע אָנצוהייבן דאָ אַ נײַ לעבן.

דאָ, אין די פאַרייניקטע שטאַטן, האָב איך דורכגעמאַכט אַ ווייטן וועג. איך בין זיך מודה, אַז ביז 1939 האָב איך זעלטן ווען געטראַכט וועגן דער אַלטער היים. דאָס נײַע לעבן האָט מיך אַזוי איינגעשלונגען, אַז עס איז נישט געבליבן אין קאָפּ קיין פּלאַץ פאַרן אַלטן לעבן, וועלכעס איך האָב לאַנג צוריק געלאָזן הינטער זיך.

איצט, נאָכדעם וואָס היטלער האָט אָפּגעטון אין פּוילן, קערן זיך אום די זכרונות פון די יוגנט־יאָרן. עס טראַכט זיך איצטער אָפטער וועגן יענע פּלאָצקער יאָרן, וואו עס האָט זיך געלעבט אין מאַטעריעלער אָרעמקייט, אָבער וואו גייסטיק און געזעלשאַפטלעך איז דאָס לעבן געווען רייך. מיט בענקשאַפט געדענקען זיך איצט די פּלאָצקער שול־יאָרן, די צייטן פון ערשטן וועלט־קריג אין פּלאָצק, דער אָנהייב פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

ווי לעבעדיק שטייט מיר די היים־שטאָט פאַר די אויגן: די ווייסל, די שול, די אָוונט־שפּאַצירן איבער די פּלאָצקער גאַסן, די מוטער, אַן אַרײַנגעטוענע אין אירע געשפּרעכן אין די זומער אָוונטן אויף דער שוועל פונם הויז.

יוגנט־זכרונות לעבן אינעם מענטשן, טיף אין אים, אומאָפּהענגיק צי זיי שווימען יאָ אָדער נישט אַרויף אויף דער אויבערפלאַך פון זײַן זכרון. מײַן ביז איצטיקער קאָנטאַקט מיט פּוילן איז איינגעהאַלטן געוואָרן גייסטיק אַלע לעצטע 20 יאָר דורך מײַנע אָפטע באַזוכן בײַ מײַן טאַטן, וועלכער איז געווען אַ רב אין דער בראָנקס, ניו־יאָרק, ווי אויך דורך דעם, וואָס איך האָב חתונה געהאַט מיט אַ פרוי, וועלכע שטאַמט פון אונזערע קאַנטן (דעם



מ. גרויבארד

שרײַבער אָפּאַטאָשוס אַ שוועגערין). איצט, ווי געזאָגט, איז דער גייסטיקער פאַרבאַנד און די זכרונות שטאַרקער, ווי פריער. דאָס בלוט פון די אומגעקומענע פּוילישע אידן בכלל, מאָנט און לאָזט נישט רוען.

ד"ר. מארק גרויבארד

וואשינגטאָן, יוני 1944

אייזיק גוטמאַכער (וויניפּעג, קאַנאַדע)

דערינערונגען פון אַ פּלאָצקער אַרבעטער

זינט 1930 געפין איך זיך אין קאַנאַדע, אין דער שטאָט וויניפּעג. דאָ זײַנען מײַנע קינדער אויפגעוואַקסן. דאָ איז געוואָרן מײַן נײַע היים. אַלס שנײַדער־אַרבעטער, וועלכער האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך אין פּוילן די זוימען פון קלאַסנבאַוואוסטזײַן, בין איך דאָ טעטיק אין דער אַרבעטער באַוועגונג — איך בין אַ טוער פון דער „אינטערנעשענעל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן", פונם אידישן אַרבעטער קאָמיטעט א. א. וו. איך בין דאָ אָנגעשלאָסן אין דער נײַער, אַלץ־וואַקסנדיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון קאַנאַדע (סי. סי. עף) מיט איין וואָרט: איך בין שוין דאָ פאַרוואָרצלט און איך וועל שוין דאָ, וואַרשײַנלעך, אויסלעבן מײַנע ווײַטערדיקע יאָרן.

און דאָך: פּלאָצק פאַרגעסט זיך נישט.

צי קען מען דען אַזוי לײַכט פאַרגעסן אונזער שיינעם פּלאָצק אויף דער רעכטער זײַט ווייסל, צווישן באַגרינטע בערג?

שיין איז געווען אונזער שטאָט און שיין איז געווען אונזער אידישע באַפעלקערונג אין איר. און כאָטש מען האָט דאָרט אָפט געלעבט אין אָרעמקייט, איז דאָך דאָס לעבן געווען שיין און אינטערעסאַנט עס שטייען איצט אויף פאַר מײַנע אויגן בילדער פון מײַן קינדהייט, בילדער פון מײַן יוגנט. לאָמיר מאַכן אַ פּרוּוו עס אָנצושרײַבן אויף פּאַפּיר.

מײַנע עלטערן האָבן געוואוינט אויף דער ברייטער גאַס, אין באַזאַר, קעגנאיבער דעם „גילדענעם געסל". דאָ, אַרום פון אַלע זײַטן, האָט געוואוינט די אידישע מאַסע. דאָ האָב איך פאַרבראַכט מײַן קינדהייט.

מײַן פאָטער לייבל גוטמאַכער איז געווען אַ פּאָלקס־מענטש, וואָס האָט שווער געאַרבעט אויף זײַן שטיקל ברויט. ער איז געווען אַ סעדער. זומער זײַנען מיר, די קינדער, צוזאַמען מיט אונזער מאַמען, געווען אין די סעדער, וועלכע האָבן זיך געפונען נעבן די רוסישע קאַזאַרמעס. אַרום און אַרום האָט אַ גאַנצן זומער פאַריסן מיט ריחות פון אויבסט און בלומען. סעדער האָבן זיך געצויגן לענג אויס אַלע אַרומיקע גאַסן. די סעדער האָבן כמעט אַלע געהערט צו קריסטן. אָבער אידן האָבן יעדעס יאָר אָפּגעדונגען די סעדער, אַליין אַראָפּגענומען די פרוכטן און שפּעטער זיי פאַרקויפט אויפן מאַרק און טיילווייז אַרויסגעפירט אַזש העט קיין וואַרשע.

דאָס לעבן פון די סעדער איז געווען נישט קיין לײַכט לעבן. גאַנצע נעכט, ווען די פרוכטן פלעגן צײַטיק ווערן, פלעגט מען מוזן זיך אַרומדרייען בײַ די פאַרקאַנעס פון סאָד און היטן די פּירות פאַר גנבים. אַלס קליין קינד פלעג איך צוזאַמען מיטן טאַטן זיך אַרומדרייען טאַקע גאַנצע נעכט אין די סעדער. הויך איבער אונז איז געשטאַנען אַ ליכטיקע לבנה. אַרום און אַרום האָט זיך געטראָגן צו די הויכע הימלען אַ שטילקייט, וועלכע האָט געווירקט מאַיעסטעטיש אויף מײַן קינדערישע נשמה. נאָר פון צײַט צו צײַט האָבן הינט געבילן אין די אַרומיקע סעדער און איינצעלנע מענטשן־שטימען האָבן זיך שטיל איבערגערופן אין דער נאַכט.

אונזער הונט אַזאַ איז געווען אַ גוטער הונט,

אָבער ער האָט אויך געקענט זיין בייז ביז גאָר. ביז היינט האָב איך נאָך אויף מיין האנט א צייכן. וואָס אזא האָט מיר געלאָזן. איך האָב זיך מיט אים גערייצט ביים גיבן אים עסן און ער האָט מיך טאַקע גאַנץ פיין צעביסן. שפּעטער איז אזא געהרגעט געוואָרן און מיר האָבן געהאט אן אנדערן הונט. איינמאָל ביינאַכט זיינען גנבים באַפאלן דעם סאָד, אָפּגעסמט דעם הונט, צעהרגעט ביז בלוט דעם טאטן מיט דער מאמען און מיר האָבן צוליב דעם געהאט א ביטערן זומער. דער טאטע מיט דער מאמען זיינען גענומען געוואָרן אין שטאָט אריין. דער טאטע איז קראנק געווען עטלעכע וואָכן. די מאמע האָט שיער נישט פארלוירן אן אויג. אָנשטאָט צו פארדינען האָבן מיר שוין דעם יאָר דערלייגט צום סאָד. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז דער טאטע אינגאנצן אוועקגעשטאָרבן. ער איז אַלט געווען סך־הכל 42 יאָר. פאָרנדיק מיט אויבסט קיין ווארשע אויף דער ווייסל, האָט ער זיך שטארק פאַרקילט, באַקומען א לונגען־אָנצינדונג און אוועק פון דער וועלט. די מאמע, די אלמנה, איז געבליבן מיט פיר יתומים, און דאָס לעבן איז געווען נאָך שווערער.

מיין טאטע איז געווען א פרומער איד און ער האָט מיך געשיקט לערנען אין חדר. אַגב האָט ער געירשנט פון מיין זיידן, פון מיין מאמעס טאטן, דעם צונאָמען „סיבירניק", אָדער ווי מען האָט עס דעמאָלט ארויסגערעדט אין פּלאָצק „סובערניק". אַזוי איז טאַקע מיין טאטע באַקאנט געווען אונטערן נאָמען „לייבל סובערניק". דער גאנצער צונאָמען האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס מיין זיידע האָט געדינט אַלס צאַרישער סאָלדאַט גאַנצע 25 יאָר, און די גרעסטע צייט פון זיין דינסט האָט ער טאַקע פארבראַכט אין סיביר. שפּעטער איז ער צוריק געקומען פון דאָרטן מיט מעדאַלן און די משפחה האָט זיי א צייט לאנג אָפּגעהיטן ווי עפּעס א וויכטיקע זאַך.

צו מיינע מלמדים האָב איך נישט געהאט קיין גרויס מזל און אויך זיי נישט צו מיר. איך האָב נישט געקענט פאַרטראָגן די ענגע פיר ווענט פון די חדרים און אַוודאי האָב איך געהאסט די מלמדים מיט זייער שלאָגן און שמייסן די קינדער.

ווער פון די פּלאָצקער געדענקט נישט, צום ביישפּיל, דעם שוידערלעכן אכזר, דעם מלמד פישל פּויזנער? ער פלעג שלאָגן די קינדער מערדערלעך. וואָס ער האָט געהאט אונטער דער האנט, פלעגט ער כאַפּן און דערמיט דערלאַנגען דעם פאַרזינדיקטן קינד. איך אליין האָב באַקומען פון אים א קלאַפּ מיט א סיפאָן פון סאָדע־וואסער איבער דער פּלייצע. עס האָט מיר וויי־געטון לאנגע טעג נאָכדעם. צום אומגליק האָב איך זיך אַפילו נישט געקענט פאַרקלאָגן פאַרן טאטן, ווייל דער טאטע האָט געהאט גרויס רעספּעקט פאַר די מלמדים און עס האָט געקענט געשען, אַז דער טאטע זאָל נישט נאָר נישט האָבן מיט מיר קיין רחמנות, נאָר נאָך צולייגן א פּאָר קלעפּ פון זיין זייט.

פּונקט אַזוי ווי איך האָב נישט ליב געהאט דאָס חדר, אַזוי האָב איך יאָ ליב געהאט די גאַס — די ברייטע גאַס מיטן גרויסן לאַמטערן פאַרן באַזאר, און דאָס וויכטיקסטע — טאַקע דער באַזאר אַליין, דעם באַזאר מיט זיין אייביקן גערויש, מיטן האַנדל־וואַנדל, מיט די תמיד־צעקריגטע ווייבער, מיטן גאַנצן טאָג־טעגלעכן טומל.

דאָרטן אינעווייניק, אינעם באַזאר, איז געווען די צוקערלעך־פאַבריק פון גרשון באָמזאָן. זיין זון, הערש באָמזאָן, וועלכן די גאַנצע שטאָט האָט געקענט אונטערן צונאָמען „הערש דער לאָמער" (ער איז טאַקע געווען לאָם), האָט געלייגט אויף מיין קינדהייט א שטאַרקן שטעמפּל. איך קען עס זאָגן מיט אַבסאָלוטער פעסטקייט, אַז דאָס, וואָס איך בין מיין גאַנץ דערוואַקסן לעבן א סאָציאַליסט, האָב אַדי צו פאַרדאַנקען טאַקע הערש באָמזאָנען. ער האָט מיך געשטויסן אין דער ריכטונג פון סאָציאַליזם אַפילו דעמאָלט, ווען איך האָב אַפילו נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז אַזוינס.

אין 1905 בין איך אַלט געווען 6 יאָר. אָבער „הערשל דער לאָמער" איז שוין דאַן געווען א גאַנצער רעוואָלוציאָנער. איך געדענק נישט גענוי, אָבער איך פאַרשטיי, אַז ער האָט געהערט צו דער פּפּס. וועלכע האָט דאַן געהאט א גרויסן איינפלוס ביי אונז אין שטאָט, אויך צווישן די אידישע אַרבעטער. „הערש דער לאָמער", פון פאַך א מאַלער־אַרבעטער, האָט געהאט אַרום זיך א קרייז יונגעלייט, וועלכע פלעגן זיך מיט אים תמיד שושקען אין און אַרום דעם באַזאר, און פון דער שושקעניש איז תמיד ארויסגעקומען עפּעס א מהומה אין שטאָט.

טעראָר־אַקטן קעגן דער צאַרישער פּאָליציי זיי־

נען דעמאָלט געווען אַן אָפּטע דערשיינונג. מיין קינדערישע באַאָבאַכטונגס־פעאיקייט האָט עפּעס וואונדערלעך אויפגעכאַפּט פון דער לופטן דעם געהיימניספולן צוזאמענהאנג צווישן „הערש דעם לאָמענס" קרייז מענטשן און די אַלע מהומות, וואָס פלעגן אויסברעכן אין שטאָט. הערש און זיינע מענטשן זיינען געוואָרן אין מיינע אויגן די גרעסטע העלדן. עס האָט מיך געצויגן זייער געהיימניספולקייט. דער גרעסטער העלד איז ביי מיר געווען טאַקע הערש אַליין. איך האָב געפילט, אַז איך קען גיין פאַר אים אין פייער און וואַסער.

טיילמאָל, ווען הערש האָט נישט געהאט קיין אַרבעט אַלס מאַלער, פלעגט ער שטיין ביי זיין טאַטן אין צוקערלעך פאַבריקל און דרייען דאָס ראָד פון א מאַשין, וועלכע האָט ארויסגעוואָרפן פון זיך צוקערלעך אָן א שיעור. איך פלעג אַריינקומען צו הערשן אים אַרויסהעלפן. עס איז געווען פאַר מיר דאָס גרעסטע גליק צו קענען שטיין ביים ראָד און העלפן הערשן עס דרייען. און אַזוי דרייענדיק דאָס ראָד, פלעגט הערש אַריינרעדן אין מיר פאַרשידענע הויכע, געהיימניספולע ווערטער וועגן גלייכהייט פון מענטשן, וועגן דער שלעכטקייט פון רוסישן צאַר, וועגן קעמפן קעגן צאַר אדגל. דערביי האָט ער מיך שוין אָנגעהויבן אַריינציען איינציקווייז אין זיין דינסט. ער פלעג מיר אַרויסשיקן אין גאַס אַריין אויפצוזוכן פאַרשידענע חברים זיינע און זיי איבערגעבן פאַרשידענע אָנווייזונגען. איך פלעג דאָס טון מיט גרויס ליבשאַפט און איך האָב אָנגעהויבן קוקן אויף זיך אַליין, ווי אויף איינעם פון יענער געהיימניספולער גרופּע.

איינמאָל האָב איך פון די שטילע געשפּרעכן פון הערשן מיט זיינע חברים אויפגעכאַפּט א פּלאַן וועלכן זיי זיינען געגאַנגען אויספירן — אַן אַטענטאַט אויף א צאַרישן פּאָליציאַנט, וועלכער פלעגט זיין באַזונדערש ברוטאַל צו אַרעסטירטע און ער פלעגט בכלל שטאַרק פאַרפאָלגן די רעוואָלוציאָנערן.

דער אַטענטאַט איז אויסגעפירט געוואָרן אין דער גרויסער סינאַגאָגע בעת א צאַרישער „גאַלאָוועקע". ווען אַלע שול־קינדער און חדר־אינגלעך זיינען געווען דאָרט פאַרזאַמלט און געזונגען „באָזשע, צאַריאַ כראַני". דער פּאָליציאַנט איז געשטאַנען שטייף, מיט דער האַנט ביים דאַשעק. דעמאָלט איז צו אים צוגעגאַנגען פון הינטן איינער פון הערש באָמזאָנס מענטשן, דעם פריזירער גראַבמאַנס א זון, און אים גענומען באַליגן מיט שטעקנס ביז בלוט האָט זיך געגאָסן. עס איז פאָרגעקומען אין די אויגן פון הונדערטער אידן, וועלכע האָבן געזען ווער עס האָט עס געטון. דער פּאָליציאַנט איז געבליבן ליגן אין א קאַלוזש בלוט. דער יונגער גראַבמאַן איז געווען דער העלד פון טאָג. אָבער באַלד נאָכן אויספירן דעם אַטענטאַט איז ער פאַרשוואונדן פון שטאָט, ווייל ס'איז געווען א מורא, אַז אידן זאָלן אים נישט ארויסגעבן דער פּאָליציי. ער איז אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד.

איך האָב פון פריער געוואוסט, אַז אַזאַ אַטענטאַט גרייט זיך. איך האָב פּשוט אונטערגעהערט די געשפּרעכן און געוואוסט אַפילו ווער און אין וועלכן מאָמענט מ'וועט אויספירן דעם אַטענטאַט. איך בין אויסגעוואַקסן אין מיינע אויגן אויסערגעוויינלעך. ווען מען האָט אָנגעהויבן זינגען „באָזשע, צאַריאַ כראַני", האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט נעבן פּאָליציאַנט, כדי אַלץ צו זען פון דער נאָענט. זינט דעמאָלט האָב איך שוין אינגאַנצן געקוקט אויף זיך ווי אויף עפּעס א רעוואָלוציאָנער, כאָטש דעם זין פון דער גאַנצער זאַך האָב איך נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען.

שפּעטער איז „הערש דער לאָמער" אַרעסטירט געוואָרן און מען האָט געפונען ביי אים היים געווער. מען האָט אים באַשולדיקט אין באַטייליקן זיך אין אַן אַטענטאַט אויף עפּעס א צווייטן צאַרישן פּאָליציאַנט און מען האָט אים פאַרשיקט קיין סיביר. די שטאָט האָט יאָרן לאַנג געקלונגען מיטן נאָמען פון „הערש דעם לאָמען". איך האָב תמיד געוואָרעמט זיין נאָמען אין מיין האַרצן און אַזוי בין איך אויסגעוואַקסן און געוואָרן א דערוואַקסענער בחור פון א יאָר 16—17. דער גייסט, וועלכן עס האָט אין מיר פאַרפלאַנצט „הערש דער לאָמער", האָט געלעבט אין מיר די גאַנצע צייט. אָבער קיין באַוועגונג איז מער נישט געווען. ערשט נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן אָקופּירט פּוילן אין 1914—1915 האָט אָנגעהויבן וואַקסן א באַוועגונג און איך האָב זיך גלייך אַריינגעצויגן אין איר.

דער ערשטער מענטש פון דער ניי־וואַקסנדיקער באַוועגונג אין שטאָט, מיט וועלכן איך האָב זיך דעמאָלט באַגעגנט איז געווען א יונגער בחור אין מיין עלטער הערש קרוק. ער און א צווייטער בחור, ניוניעק קאַגאַן, דער זון פון גוט־באַקאַנטן לערער

פון דער רעגירונגס־שול פאַר אידישע קינדער, האָבן מיר פאָרגעשלאָגן אַריינצוטרעטן אין אַ סאָציאַליסטישן קרייז, און איך האָב דעם פאָרשלאָג אָנגענומען מיט גרויס פאַרגעניגן. הערש קרוק איז געוואָרן דער פירער פון דאָזיקן קרייז. דאָס איז געווען דער ערשטער אידישער קרייז פון דער נייאויפגעלעבטער פּ. ס. ד. אין פלאָצק (די פּ. ס. ד. איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן — אין סוף 1918 — אין דער פוילישער קאָמוניסטישער פאַרטיי). הערש קרוק איז זינט דעמאָלט געוואָרן נישט נאָר דער פירער פון מיין קרייז, נאָר אויך מיין נאָענטער חבר. מיין לערער און וועג־ווייזער. מיר האָבן אין אונזער קרייז צוזאַמען געלייענט די ווערק פון מארקס און ענגעלס, פאַרשידענע פּוילישע סאָציאַליסטישע אויסגאַבן א. א. וו. אויסער מיין קרייז, זיינען דאַן געווען אין דער פּ. ס. ד. נאָך עטלעכע אידישע קרייזן. אין שפּיץ פון דער פּ. ס. ד. זיינען דאַן געשטאַנען דער קריסטלעכער גימנאַזיע־לערער זאַבוסקי, דער זון פון פלאָצקער ציוניסטישן טוער בעקער, משה בעקער, דער אידישער דענטיסט גאָלדקינד, דער אידישער גימנאַזיע־לערער ערנרייך (אַ אַראָפּגעקומענער פון וואַרשע), הערשל דיוואַן, הערש קרוק, אַ יונגער רוס, וועמענס נאָמען איך קען זיך איצט נישט דערמאָנען און נאָך עטלעכע אנדערע.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם איינדרוק וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט וולאַדימיר מעדעם, ווען ער איז אַראָפּגעקומען קיין פלאָצק אויף אַ לעקציע. מיט דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין שטאָט האָבן מיר זיך דעמאָלט באַגעגנט אין דעם געמיינזאַמען אידישן אַרבעטער קולטור־פאַריין „צוקונפט", וועלכער האָט געהאַט זיינעם אַ שטענדיקן לאָקאַל אין אַלטן מארק. דאָ זיינען דעמאָלט געווען אַרום 1000 מיטגלידער, אָנהענגער פון פאַרשידענע פאַרטייען. ער איז געווען נישט נאָר אַ קולטור פאַריין, נאָר ער האָט אויך אָנגעפירט פראָפעסיאָנעלע אַרבעט. דאָרט, ווי געזאָגט, פלעגן מיר זיך טרעפן מיט די בונדיסטן און דיסקוטירן מיט זיי. מיר האָבן זיי געהאַלטן פאַר נאַציאָנאַליסטן און זיי האָבן אונז פאַרשריגן אַלס אַסימילאַטאָרן. ערשט מעדעם מיט זיין שיינער פערזענלעכקייט און מיט זיין פרעכטיקער לעקציע אין שטאָטישן טעאַטער האָט צום ערשטן מאָל דערוועקט אין מיין האַרצן אַ סימפּאַטיע פאַר די נאַציאָנאַלע קולטורעלע פאָדערונגען פון אידישן אַרבעטער קלאַס. מעדעמס ווערטער האָבן לאַנג געעגבערט אין מיין מוח. שטייענדיק ביים שניידער־טיש האָב איך נישט איינמאָל געטראַכט וועגן דעם, וואָס מעדעם האָט גערעדט פון דער טריבונע פון שטאָטישן טעאַטער. אָבער אויס געוואוינהייט בין איך ווייטער געווען אַ מיטגליד אין דער ס. ד. איך פלעג אַריינקומען אין אַרבעטער קלוב פון דער פּ. ס. ד. אויפן נאָמען פון באַקאַנטן פּוילישן אַרבעטער פירער רעכניעווסקי, אָבער איך האָב זיך אינעווייניק געפילט פרעמד. דאַן האָב איך זיך נענטער באַקענט מיט איינעם פון די אייגנאַרטיקסטע אַרבעטער טיפּן, וועלכע איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן, הערש דרעווינקאַ, און ער האָט מיך גענומען אויף ערנסט אַריינציען אין בונדישן געדאַנקען־קרייז. ער אַליין איז געווען פיל עלטער פון מיר. אַ האָרעפּאַשנער שניידער־אַרבעטער מיט גרויסע שוואַרצע וואָנצעס, איז ער געווען אייזנטריי דעם „בונד" ביז זיין טויט. זיין יחוס־בריוו האָט ער געצויגן זינט דעם יאָר 1902. אַפילו אין די שווערסטע יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905 איז ער געווען דער איינציקער אין שטאָט, וואָס האָט אָפן גערעדט וועגן זיין בונדיזם. ער האָט מיך גייסטיק צוגעגרייט צו מיין שפּעטערדיקן אַריינטריט אין „בונד".



דוד הערש דרעווינקא

דירעקט בין איך אַריין אין „בונד" אין יאָר 1922. איך האָב שוין דאַן געוואוינט אין וואַרשע. קיין מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי בין איך קיינמאָל נישט געווען. ווען די פּ. ס. ד. האָט זיך פאַראייניקט מיט דער פּ. פּ. ס. „לעוויצע" און אָנגענומען דעם נאָמען פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, בין איך געבליבן אין דרויסן. אין מיינע שטימונגען בין איך שוין גיכער געווען אַ בונדיסט. דעם לעצטן שטויס אין דער ריכטונג פון „בונד" האָט מיר געגעבן מיין יוגנט־פריינט הערש קרוק. איך האָב אים אַמאָל באַגעגנט אין וואַרשע אין זיינע מיליטערישע קליידער — ער האָט געדינט עטלעכע יאָר אין דער פוילישער אַרמיי און ער איז שוין דאַן געווען אַ קאַפּראַל. מיר האָבן זיך דערפרייט פון דער באַגעגעניש און ער האָט מיר דערציילט, אַז נאָך אַלס סאָלדאַט איז ער געווען אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און אַפּילו אין דעם זעלנער מונדיר אויסגעפירט פאַרשידענע פאַרטיי־אַרבעטן, אָבער ער איז איצט אַלץ מער און מער אַנטוישט אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, און ער גרייט זיך אַריינצוטרעטן אין „בונד", ווייל עס געפעלט אים דער בונדישער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם.

איך האָב געזאָגט הערש קרוקן, אַז איך טראַכט שוין אויך לאַנג וועגן דעם. מיר זיינען טאַקע שפּעטער געוואָרן ביידע בונדיסטן — ער אַביסל פריער און איך אַביסל שפּעטער. איך בין געוואָרן זייער טעטיק אין וואַרשעווער פּראָפ. פאַריין פון באַקלייד־אַרבעטער, זיך באַטייליקט אין פיל שטרייקן און ענדלעך געוואָרן אַ בונדיסט. אָבער דאָס אַלץ געהערט שוין נישט צו מיינע פלאָצקער דערינערונגען און דערפאַר וועל איך זיך דאָ אָפּשטעלן.

ערשטער אידישער אַרבעטער־קרייז פון דער ס. ד. ק. פּ. ל. אין פלאָצק. צווישן אנדערע: לובע גראָסבערג, גאָלדקינד, הערמאַן קרוק.

י. מ. אילאַווער (מעלבורן)

אונזער פּלאָצק

... פון ווייט, פון זייער ווייט, אַזש פון אויסטראַליען קומט אויס צו שרייבן וועגן פּלאָצק. אַ באַרג מיט עפּיזאָדן בעטן זיך צו פאַרצייכענען, שיינע דערינערונגען און ליבע מענטשן גייען אויף אין מיין זכרון, נאָר ווי נעמט מען דעם כוח אַלץ צו פאַרצייכענען. איך ווייס, אַז כ'טאָר נישט באַוואָלהן דאָס געמיינזאַמע קאָלעקטיווע לעבן אונזערס אין פּלאָצק; דאָס האַרץ קלאַפּט דעריבער פאַר שרעק: ביי וואָס און ביי וועמען הייבט מען אָן פריער?

יאָל איך באַשרייבן דאָס קאַפּיטל אידיש טעאַטער איז פּלאָצק? אפשר האָבן דאָס שוין געטון אַנדערע? פּאָליטיש געזעלשאַפטלעך לעבן? ווי איז מעגלעך, אַז קיינער פון אונזערע פּלאָצקער זאָל שוין וועגן דעם נישט האָבן געשריבן? איך וועל דעריבער אַרויסרייסן שטריכן פון „דאָ און דאָרט":

עס געדענקט זיך, ווי אין 1904, איז געקומען קיין פּלאָצק שפּילן אידיש טעאַטער אַ טרופּע ביי דער באַגלייטונג פון י. ל. פּרץ, ה. ד. נאָמבערג און דוד דערמאַן און די טרופּע האָט נישט געהאַט מיט וואָס אַוועקצופאָרן. נאָכן אַוועקפאָרן פון דער טרופּע האָט זיך דאַן אין פּלאָצק באַלד געשאַפן אַ גרופּע „אַמאַטאָרן" צווישן וועלכע איך האָב גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל. קומענדיק אין 1908 קיין וואַרשע האָט מיך שטאַרק געצויגן צום אידישן טעאַטער און כ'בין געוואָרן אַ סטאַטיסט אין וואַרשעווער אידישן טעאַטער „קאָליסעאום" אויף כמיעלנע גאַס.

דאָס קאַפּיטל אידיש טעאַטער אין פּלאָצק, האָבן חוץ אַלע אַנטיילנעמער פון דראַמאַטישן קרייז, שטאַרק געהאָלפן שרייבן: דער שוישפּילער, אונזער אַדאַם דאַמב און דער שוישפּילער און רעזשיסאָר יעקב ווייסליץ. און ווי דערמאָנט מען נישט מיט אַ שורה די טרופּע מיט אסתר רחל קאַמינסקאַ, וואָס האָט מיט אירע פאָרשטעלונגען פּשוט צעוויגט אונזער עולם און גלייכצייטיק צואַקערט דעם באָדן פאַר אונזערע היימישע פאָרשטעלונגען.

און ווי דערמאָנט מען נישט יצחק טוביה אַלטמאַן, אַהרן בעקער, מרדכי קאַשאַקעוויטש, יעקב יוסף בורשטין, די מיטגלידער פון דער ביבליאָטעק, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין 1896.

פּלאָצק האָט אַרויסגעגעבן פיל אַנערקענטע אידישע שרייבער און קולטור טוער און אויך אַ היפּשע צאָל פּראָפעסיאָנאַלן.

עס האָבן עקזיסטירט פּאַרטייען, וואָס האָבן געפירט אַ ברייט פאַרצווייגטע טעטיקייט צווישן וועלכע דער בונד האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן, האָבנדיק אַן אייגענעם לאַווניק אין סאָציאַליסטישן מאַגיסטראַט. דער סאָציאַליסטישער מאַגיסטראַט אין אַלגעמיין האָט זייער פיל אויפגעטאָן פאַר דער פאַרשענערונג פון דער שטאָט און פאַרן וואויל פון דער פאָלקס־מאַסע.

וויפל שיינע קאַמפן און דיסקוסיעס זיינען פאַרגעקומען, און ווי דערהויבן מיר פלעגן זיך אַלע פילן אויף אַקטן און פאַרזאַמלונגען און שפּעטער, ווען מיר מענטשן פון פאַרשידענע אידייאישע ריכטונגען האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן ביי יעקב

יוסף בורשטין, דעם זייגערמאַכער, וואו אַלעס איז נאָך אַמאָל איבערגעחזרט געוואָרן אויפסניי.

יעדער עפּיזאָד, וואָס כ'פּרואוו זיך דערמאָנען, איז איצט באַגאָסן מיט בלוט און יעדער נאָענטער פון אונזער פּלאָצק ליגט פאַר מיינע אויגן אַ דערמאָרדעטער.

וויפל שיינע חלומות מיר האָבן געהאַט: די וועלט וועט ווערן שענער און בעסער און... מיט אַמאָל האָט זיך אַזאַ פינצטערע נאַכט אַראָפּגעלאָזט איבער אייראָפּע.

אונזער יוגנט האָבן מיר פאַרבראַכט אין פּלאָצק און אַלדאָס שענסטע, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט אין זיך, האָבן מיר אַוועקגעגעבן פאַר דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, פאַר אונזערע אידייען.

אייגענע נויט, אייגענע ליידן איז כמעט ווי נישט אָנגעגאַנגען. מ'האָט געלעבט מיט וואָס ס'האָט זיך געלאַזט, דער עיקר איז געווען דער אידעאַליזם, וואָס האָט אַרומגענומען אַזויפיל צווייגן פון אונזער לעבן.

וויפל שיינע חלומות און בענקשאַפטן מיר האָבן פאַרמאָגט.

ווען נאָך אין פּוילן, אין אונזער היים־שטאָט פּלאָצק ווידער אייפשטיין אַזאַ אידעאַליסטישע יוגנט. ווי עס האָט געהאַט אונזער דור, דער דור, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו באַנייען דאָס אידישע לעבן אין אַלע הינזיכטן; אידישע ליטעראַטור אידיש טעאַטער, אידיש ליד, באַציאונג צו מענטשן און איבער אַלעם דער ברענענדיקער אידעאַליזם און קאַמף פאַר אַ יושרדיקן וועלט סדר. פאַריינען האָבן מיר געבויט, אין קהילה זיינען מיר אַריין, אין שטאָט־ראַט און מאַגיסטראַט זיינען אונזערע אידייען חברים אויסגעקליבן געוואָרן. דאָס אַלץ איז אָבער נאָר געווען אַ טייל פון אונזערע באַרלאַנגען. מיר האָבן געחלומט פון אַ ברייטער שיינער וועלט, וואָס האָט זיך נישט געענדיקט ביים שיינעם ווייסל און ביים פּלאָצקער באַרג. אַ סך פון אונזערע חלומות זיינען ליידער היינט פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט און דאָס פייניקט פיל פון אונז זייער שטאַרק.

מיר זיינען מער נישטאָ אין פּוילן, מיר געפינען זיך מער נישט אין די גרענעצן פון אונזער היימשטאָט; אין דער וועלט האָבן מיר זיך אָבער נישט פאַרלאָרן. וואו מיר קומען פּרואוון מיר ניט בלויז איינאָרדנען דאָס אייגענע לעבן, נאָר מיר העלפן אויך צו שאַפן אינסטיטוציעס לויט אונזער ווילן און פאַרשטאַנד.

און אַט דעם ווילן פון העלפן שאַפן אין דער ברייטער וועלט, אומעטום, וואו מיר קומען, אַן אייגן גייסטיק לעבן, האָבן מיר באַקומען אין אונזער פּלאָצק, וואָס מיר קענען קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

שובעריע מיט ברכיען, באַקאַנטע פּלאָצקער טיפּן

שלמה גרינשפּאַן (ברוקלין, נ. י.)

דאָס אידישע פּלאָצק, ערב דעם צווייטן וועלט־קריג

פּריש איז אין זכרון דאָס בילד פון אונזער אי־דיש פּלאָצק; אירע מענטשן און אירע גאסן, אירע אינסטיטוציעס און אָרגאניזאציעס, דאָס אַלטע און דאָס נייע לעבן אונזערס.

שפּורן פון דעם אַלט־דורותדיקן אידישן ישוב האָט מען געקענט געפינען אין די געסלעך פון דער אמאָליקער געטאָ, די גילדענע גאס, די ניעצאלא, טילנע און שול־גאס. ביי טייל הייזער א הויכע מויער פאַר דעם אריינגאנג אין די שמאָלע הייז־לעך, וואַרשיינלעך א שוץ מויער קעגן איבערפאלן אין די אמאָליקע צייטן. אין די דאָזיקע שמאָלע, ענגע געסלעך האָבן געוואוינט די איינוואוינער פון דער פּלאָצקער געטאָ מיט הונדערטער יאָרן צוריק. ביי דער גרענעץ פון דער געטאָ, ראָג גיל־דענע און אָנהויב פון גראדזקא און אַלטער מאַרק, געפינען זיך נאָך אין דער וואנט פון ביידע זייטן גאס צוויי הוקעס אויף וועלכע ס'איז געוואָרן פאַרצויגן א פאָרהאנג אין דער צייט, ווען ס'איז דורכגעגאנגען א הייליקע פּראָצעסיע צום "קלויס־טער.

שפּורן פון דעם אַלטן ישוב אין פּלאָצק, קען מען געפינען אויף דעם אַלטן בית־עלמין נעבן דער יא־געלאָ גימנאַזיע. דער רוב מצבות זעען זיך קוים ארוים. זיי זיינען שוין אזוי אַלט, אַז זיי זינקען איין אין דער ערד, זיי זוכן אויך א קבר.

געציילטע מצבות זיינען געבליבן גאנץ און ווי ניי, אדאנק דעם וואָס זיי שטייען נעבן א בוים, וואָס האָט זיי באַשיצט פון רעגן און שטורעם. געציילטע פון די מצבות זיינען ווירקלעכע קונסט שאַפונגען. עס זעט אויס, אַז מיט יאָרהונדערטער צוריק, האָבן זיך געפונען אין דער פּלאָצקער געטאָ באַגאַבטע שטיין־האקער און זייער קונסט האָט געפונען א תיקון אין די דאָזיקע מצבות.

און איצט וועגן פּלאָצק ערב דעם טראגישן גרוש פון פּלאָצקער אידן.

איך האָב פאַרלאָזן פּלאָצק אַ קנאַפּ יאָר פאַר דעם אויסברוך פון קריג און ביזן אוועקפאָרן בין איך געווען אקטיוו, מיטבאַטייליקט אין דעם גע־זעלשאַפטלעכן „געראַנגל" פון אידישן פּלאָצק. אַזוי קורץ פאַר דעם קריג און די גאס האָט נאָך נישט געפילט דעם אָנקומענדיקן שטורעם. דער איד האָט זיך געהאט זיין אייגענע מלחמה. אַ קאַמף מיט אנטיסעמיטן מכל המינים, וועלכע האָבן געלויערט אויף זיין עקאָנאָמיש־מאַטערנדע עקזיס־טענץ און אויף זיין פרייהייט. דער איד האָט אין דער צייט אויך אָפּט געדאַרפט פירן אַ פּשוטן פי־זישן קאַמף קעגן כוליגאנעס, וועלכע האָבן געטון זייער ארבעט מיטן שטילן הסכם פון דער מאַכט.

די גרעסטע צאָל פּלאָצקער אידן פלעגן ציען חיונה פון האַנטווערקעריי און קליין־האנדל. די עקאָנאָמישע לאגע איז געווען נישט קיין גוטע, דערצו נאָך האָט מען ביים אריינגאנג אין גע־שעפט, „געפּיקעוועט" און מען האָט נישט אריינ־געלאָזן דעם פּויער צום אידן קויפן.

אין דער אידישער געגנט האָבן זיי נישט גע־וואַגט צו כוליגאנעווען און דער מסחר איז זיך געגאנגען נאָרמאַל. עס איז געווען אינטערעסאנט צו זען ווי דער האנדל איז געגאנגען. מען האָט

אָפּגעוואַרט דעם פּויער פון דרויסן און אים צוגע־רעדט אַריינצוגיין זען די גאָלדענע סחורה. דער פּויער מאַכט זיך ווי ער וויל נישט קויפן, אָבער סוף־כל־סוף לאָזט ער זיך אריינשלעפּן און ער לאָזט זיך שוין אָנמעסטן דעם אָנצוג אין וועלכן עס דוכט זיך אים, אַז ער זעט אויס ווי א פּריץ. איי עס איז אַביסעלע צו גרויס, דאָס איז גאָרנישט — ער האָט נאָך זיכער היינט נישט געגעסן. און אויב פאַרקערט, עס איז אביסעלע צו קורץ דער אָנצוג, דאן הייסט מען אים שטיין גלייך און מען גיט אַ צי דעם אָנצוג און זע א וואונדער, ווי ערלעך וואוי־טעק זעט אויס אין די הויזן מיט דער מאַרינארקע. פאר דעם פּויער איז אין די אידישע געוועלבער געווען פון אַלעם גוטן, פון שטיוול ביז אַ הערינג און וואָס דען נישט? דער פּויער האָט געוואוסט, אַז קויפן גוט און ביליק קען ער ביים איד, און דער־פאַר האָט ער אויסגעמיטן די קריסטלעכע געוועל־בער, וועלכע זיינען אויפגעשטאנען ווי אַ קאָנקור־רענץ צו די אידישע און זיי האָבן זיך געהאַלטן פון כסדרדיקע סובסידיעס פון פּוילישע רעגירונגס אינסטיטוציעס — אַבי ארויסצושטויסן דעם אידן.

פאר די קריסטלעכע חגאות, ווען אידן האָבן זיך געריכט אויף אַביסל מער „לייזונג", האָט מען זיך אויך גלייכצייטיק געריכט אויף מער צרות. אין דער צייט ווען די פּוילישע „אינטעליגענץ" די סטודענטן זיינען געקומען אויף וואַקאציע, איז גע־וואָרן אָרגאניזירט דער באָיקאָט אויף אידישע געשעפטן און מיט יעדן יאָר איז די חוצפה געוואָ־רן גרעסער. אויסער פּיקעטן האָט מען שוין אָר־גאַניזירט אָנפאלן. אין די לעצטע עטלעכע יאָר פאַרן קריג איז אין די חגאות־צייט די לאגע געווען זייער אָנגעשטרענגט. די פּוילישע כוליגאנעס האָבן זיך געגרייט צו עקסצעסן און ביי אידישע אַרבעטער אָרגאניזאציעס איז געשטאנען די פרא־גע פון זעלבסטשוץ. אין 1937, חגאות־צייט איז אַרויס א קלאנג, אַז אין א באַשטימטן זונטיק נאָכן גאָטעסדינסט אין קלויסטער, וועט מען אָנפאלן אויף ברייטע־גאָס. עס האָט זיך באַמערקט נערווע־זיטעט נישט נאָר ביי אידן, נאָר אויך ביי די קריסטן, הויפּטזעכלעך ביי די „שטובאַקעס" (די שול־יוגנט). די אידישע יוגנט איז געווען גרייט, עס האָט זיך באַמערקט אַ קאָנצענטרירונג פון שקצים אויף קאָלעגיאַלנע גאָס און פון אידישער יוגנט אויף ברייטע־גאָס. די אידישע גרייטקייט

פּלאָצק — אין מאַרק ביי יידישע סטראגאנעס

צוריקצושלאָגן האָט זיי אַביסל אָפּגעקילט און דער טאָג איז אדורך בשלום.

געווען אין פּלאָצק אַ ווילדער אַנטיסעמיט נאָ־וואַק און פון אַנטיסמעיטיזם האָט ער געמאַכט פרנסה. ער האָט זיך געעפנט אַ גאלאנטעריע גע־שעפט אויפן מארק און אין די רעקלאַמע בלעטלעך פלעגט ער אָפּדרוקן א בילד, ווי ער גיט אַ זעץ דעם אידן, אַז דאָס היטל פליט אזש אין דער לופטן און אונטן פלעגט ער צושרייבן:

Dajesz zydom fest kopniaka — gy kupujesz u Novaka.

די דאָזיקע העצע רעקלאַמע פלעגט ער פאַר־שפּרייטן הויפּטזעכלעך צווישן פּויערים. ער פלעגט

אויך אַרויסגעגעבן אַ גיפטיק אַנטיסעמיטיש בלעטל, מיט די נידעריקסטע אַנטיסעמיטישע בלבולים, מיט רשימות פון קריסטן, וועלכע קויפן ביי אידן רופנדיק צו אַ חרם אויף די דאָזיקע קריסטן. וועלכע ווערן „פאַראידישט" האָבנדיק געשעפטן מיט אידן.

דער איינציקער אידישער דראָשקאַזש — צווישן פיל קריסטלעכע האָט געהאַט אויסצושטיין געברענטע צרות פון זיינע „חברים" דראָשקע־טרייבער. איינמאָל האָבן זיי אים אָפּגעטון אַ „שפּיצל", לויז מאַכנדיק אַ ראָד אין זיין דראָשקע און בכיוון אויסגעשטעלט, אַז אַ גלח, וואָס איז געקומען מיט דער באַן זאָל פאָרן אין שטאָט אַריין מיט זיין דראָשקע. די ראָד איז אַראָפּגעפאַלן און דער גלח איז אַרויס נאָך אַ גאַנצער, געשען איז גאָרנישט. דער אידישער דראָשקאַזש האָט אַרויסגעוויזן אמתע סבלנות טראָץ דער פיינטלעכער סביבה.

כמעט די גאַנצע קליין־אינדוסטריע איז געלעגן אין אידישע הענט, הויפּטזעכלעך די נאָדל־אַרבעט, — אָבער נאָך גרעסער איז געווען די אַרבעטלאָזיקייט, ווי די באַשעפטיקונג בּאַ דער אידישער יוגנט. אין די יאָרן פון פּראָספּעריטי 1929—1930 האָט דער פּלאָצקער מאַגיסטראַט דורכגעפירט גרויסע עפנטלעכע אַרבעטן אין שטאָט, בפרט דער בוי פון דער עלעקטראָווניע, ביי די אַלע אַרבעטן זיינען שוין געווען באַשעפטיקט עטלעכע צענדליק אידן. אַ לאַנגע צייט האָט פּלאָצק געהאַט איין איינציקן אידישן באַאַמטן אין מאַגיסטראַט. אין דער צייט פון דעם סאָציאַליסטישן מאַגיסטראַט, ווען אידן האָבן געהאַט אַ לאַווניק, האָט פּלאָצק שוין געהאַט 4 אידישע באַאַמטע און ווען דעם שטאָטראַט האָט באַהערשט אַן „אָזאָנישע" מערהייט, איז די צאָל אידישע באַאַמטע צוריק פאַרקלענערט געוואָרן.

אידן אויף קאָמונאַלע פּאָסטנס, פלעגט שטענדיק זיין צו גרויס אין די אויגן פון די קריסטלעכע שטאָט־פאַרזאָרגער, טראָץ דעם, וואָס אידן פלעגן צאָלן דעם גרעסטן טייל שטייערן.

עס איז שווער צו דערמאָנען אונזער לעבן אין פּלאָצק און אויסמיידן דעם כוליגאַניזם קעגן אַלטע אידן, וועלכע זיינען געגאַנגען שעפּן אַביסל פרישע לופט הינטערן טום, אָדער דאָס שלאָגן אידן וואָס זיינען געפאָרן מיטן „סטאַטעק" קיין וואַרשע, אָדער דעם ווילדן אַנטיסעמיטיזם. די עקאָנאָמישע קאָנקורענץ קעגן אידישע סטראַגאַנעס, די „רייכע אידן" וואָס זייער גאַנצע סחורה איז געלעגן אויסגעלייגט אויף אַ טישל אין מאַרק. איך דערמאָן דאָס אַלץ, ווייל דאָס דאָזיקע איז געווען טאָג־טעגלעך אַקטועל.

מיטן אויפקום פון „פּועלי־ציון" און „בונד" האָבן אויפגעהערט האָבן געזעלשאַפטלעכן איינפלוס אַ „שטיבל", אָדער אַ „תקיף". געריסן זיך פאַר אַ בענקל האָט מען שוין אונטערן מאַנטל פון דער אָרגאַניזאַציע, די מעטאָדן פון נעמען די ווייַלער, זיינען געווען פאַרשידנאַרטיקע, אָפּהענגיק פון דער קולטור שטופע און געזעלשאַפטלעכע טראַדיציע פון יעדער פאַרטיי. די „אגודה" אַז זי האָט גערופן צו שטימען פאַר איר „פאַרבינדעטן" — האָט ער געמעגט זיין אַן אַנטיסעמיט פון „אזאַן" — האָבן זיי געבראַכט באַווייזן פון דער תורה, אַז מען דאַרף שטימען פאַר אים. איר אייגענעם מענטשן וועלכן די „אגודה" האָט געוויילט און איז געזעסן שיינע יאָרן אין שטאָטראַט, איז געווען אַ גערער חסיד וואָס רעדט קוים אַ וואָרט פּויליש, און מען האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער קען בכלל נישט רעדן, — ווייל צווישן גויאים האָט ער קיינמאָל דאָס מויל נישט געעפנט, — דערפאַר צווישן אידן האָט ער קיינמאָל דאָס מויל נישט פאַרמאַכט. די אידישע אַסימילאַטאָרן וועלכע זיינען געווען פאַר דעם ערשטן וועלט־קריג די שטענדיקע אידישע פאָרשטייער אין פּלאָצק, זיינען שטופּנווייז געוואָרן אַרויסגעשטויסן פון זייערע פּאָזיציעס. סאַרנאַ, אַלטבערג, בליי א. אַ. זיינען שוין מער אין שטאָטראַט אָדער קהילה נישט געוויילט געוואָרן, זייער אָרט האָבן פאַרנומען פאָרשטייער פון אידישע פאַרטייען, ציוניסטישע, פּראָלעטאַרישע און אָרטאָדאָקסישע.

די וואָס האָבן באַהערשט די קהילה האָבן קודם געזאָרגט צו שטיצן די אינסטיטוציעס וואו זיי זיינען געווען קאָך־לעפל. כלי קודש־אינסטיטוציעס האָבן פאַרנומען 80 פּראָצענט פון בודזשעט. סאָציאַלע הילף איז דערפאַר געווען הינטערשטעליק, כאָטש אָרעמקייט האָט נישט געפעלט. אַ שטורעם אין דער קהילה איז געווען אַן אָפּטע זאַך. האָט מען געדאַרפט אַ מנקר, האָבן זיך געריסן אַ טוץ בעלנים. אויף אַ חזן האָט מען זיך נישט געקענט איניקן און ביים ווילן אַ רב נאָך דעם

פאַרשטאָרבענעם הרב זלאָטניק ז"ל, האָט מען געפירט אַ קאַמף יאָרן.

אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג האָט זיך דאָס אידישע פּלאָצק געזעלשאַפטלעך פיל געענדערט. „פּועלי ציון" און „בונד" זיינען אַריינגעדרונגען אין דער קהילה און אַן ערך אַ יאָר פאַרן קריג איז אַ פּועלי ציוניסט געוואָרן ראש־הקהילה, דער אונז באַקאַנטער פישל פלידערבלום. ער האָט אין שטאָטראַט זיך דערוואָרבן רעספּעקט אַפילו ביי די אַנטיסעמיטישע ראַטמענער מיט זיין מוטיקן פאַרטיידיקן אידישע אינטערעסן און מיט אויסגעצייכנטן אָריענטירן זיך אין שטאָטישער ווירטשאַפט. ווען עס איז געשטאַנען אַ פאַרפּלאָנטערטער ענין אויפן סדר־היום, האָט ער אים אָפט געהאָלפן לייזן. אינערהאַלב דער פּועלי ציון פאַרטיי, האָט ער דערצויגן אַ דור.



פון רעכטס צו לינקס: דוד גאָלד, גרשון כאַנאַוויטש, שלמה גרינשפּאַן שלמה קאַלישער און שמחה מינץ.

צווישן די קולטור אינסטיטוציעס איז די וויכטיקסטע געווען די „הזמיר" ביבליאָטעק אַרום וועלכע עס האָט זיך גרופּירט די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג אויסער די „אַגודה". קורץ פאַרן אויסברוך פון קריג, האָט דער סטאַראָסטע געשלאָסן די ביבליאָטעק.

אידישע דערציאונג־אַנשטאַלטן זיינען געווען כמעט בלויז רעליגיעזע: חדרים, מזרחי תלמוד תורה, און קלענערע חדרים, אויסער די גימנאַזיע, וועלכע איז די לעצטע יאָרן שוין געווען געשלאָסן צוליב מאַנגל אין שילער. פון צייט צו צייט פלעגן פאָרקומען אָוונט קורסן, וואו מען האָט געלערנט אידיש און העברעאיש, איינגעאָרדנט פון די יוגנט אָרגאַניזאַציעס אין פּלאָצק.

דער גרעסטער טייל אידישע קינדער פלעגן לערנען אין אומזיסטער „שקאָלע פּאַוושעכנע". אַ רעגירונגס שולע וואָס האָט געלערנט אַלץ וואָס אַ פּויליש קינד דאַרף וויסן און גאָרנישט וואָס אידישע קינדער נוצט צו וויסן. אינטערעסאַנט אָבער, אַז די אידישע קינדער — דער גרעסטער טייל פון דער „שקאָלע פּאַוושעכנע" — זיינען געוואָרן באַאיינפלוסט נישט פון דעם אַסימילאַטאָרישן גייסט פון דער „שקאָלע פּאַוושעכנע" — נאָר פון די נאַציאָנאַל אידישע יוגנט אָרגאַניזאַציעס אין וועלכע זיי זיינען געוואָרן אַריינגעצויגן. און אין די דאָזיקע יוגנט אָרגאַניזאַציעס, ציוניסטישע, חלוציש און פּראָלעטאַרישע איז אויסגעוואַקסן אַ שטאָלצע אידישע יוגנט.

דאָס לעצטע יאָר פאַרן קריג זיינען געמאַכט געוואָרן באַמיאונגען אַרויסצוגעבן אַ אידישע וועכנטלעכע צייטונג אין פּלאָצק. עס האָט זיך געפילט אַ מאַנגל אין אַזאַ צייטונג, וואָס זאָל ברענגען צום אויסדרוק דאָס לעבן פון די אידן אין פּלאָצק. אַ גרופּע פון 5 יוגנטלעכע, האָבן מיר באַ־

שלאָסן-ארויסגעבן אַ צייטונג, וואָס זאָל אויפדעקן אַלץ, וואָס איז געזעלשאַפטלעך נישט ערלעך און צו גלייכער צייט האָבן מיר גערופן צו געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט. די ערשטע עטלעכע נומערן זיינען געווען אַ גרויסער דערפאָלג און עס האָט ארויסגערופן אינטערעס אין יעדער אידישער הויז אין פלאָצק. נאָך אַ קורצער צייט דערשיינען, איז די צייטונג געוואָרן פאַרבאָטן. אין דער זעלבער צייט זיינען כסדר דערשינען צוויי פוילישע טאָג-צייטונגען איינע פון זיי דער „גלאָס מאזאָוויעצקי" אַ אידן-פרעסערישע בלבול-מאַכערישע צייטונג.

פלאָצק האָט זיך געגרייט צו פייערן דעם 700 יאָריקן יובילייִ, די מלחמה האָט אָבער פון אַלעם געמאַכט אַ תל, נאָר לאָמיר האָפן, אַז דאָס אידישע לעבן אין פוילן און פלאָצק בתוכם, וועט נישט ווערן איבערגעריסן.

אידישע אויסגאבן, וואָס זיינען דערשינען אין פלאָצק

משה טינסקי (מאָנטעווידעאָ)

צום יום־טוב פון די פלאָצקער

די פלאָצקער משפחה אין ב. איירעס, האָט מיך איינגעלאַדן צום יום־טוב פון אַרויסגעבן דעם אַלמאַנאַך צום אָנדענק פון 700 יאָר אידיש לעבן אין פלאָצק און זיי ווילן ביי מיר אַ פּאָר ווערטער. קיין שרייבער בין איך נישט און פון דער אַלטער היים בין איך שוין אָפּגעריסן היפּשע צענדליקער יאָרן, מיין געבורטסשטאָט האָב איך אָבער נאָך נישט אָנגעוואָרן. אַ סך מאָל דערמאָנט זיך די אַלטע היים, נישט בלויז כדי ארויסצושלעפּן פון זיך אַביסל זכרונות, נאָר אויך עפּעס צו טון פאַר אונזער אַלטער היים.

געוויס, קאָן מען דאָס אַלץ, וואָס מען גדענקט פון דער אַלטער היים נישט אַוועקוואַרפן. וואָרום אָפּגעגאַנגען לעבן צעמאָלט מען נישט, ווי אַביסל אַלטע ציגל. שטעט, וואו מען ווערט געבוירן בינדן צו אויף אייביק, און ווען מ'טרעפט זיך צונויף מיט אַזעלכע, וואָס קענען זיך אויף מענטשן, דערקאָנען זיי גלייך פון וואַנען מ'שטאַמט. וויפל מאָל מיר איז אין מאָנטעווידעאָ אויסגעקומען זיך צו באַפּייינדן מיט אידישע שרייבער און שלוחים, וואָס זיינען צו אונז געקומען פון פוילן האָבן זיי גלייך אין מיר דערפילט דעם צעפּלאַמטן פוילישן איד. נאָך מער: טייל האָבן אפילו געפּרואווט טרעפן פון וואָסער געגנט איך שטאַם פון פוילן.

— זענט איר ניט אַמאָל פון פלאָצקער געגנט — האָט מיך אַ אידישער שרייבער ־גאַסט געפרעגט.

— פון וואַנען דערקענט איר דאָס, האָב איך אים אידישלעך געענטפערט מיט אַ פראַגע, און זיך דערביי צעשמייכלט.

— אייער ריידנס־אַרט, אייער שטאַרקע „ריש" דערציילט שוין אַלעם.

איז פאַרוואָס לייקענען, אַז די ווערטער פלעגן מיר פרייען, ווייל זיי האָבן מיר באַשטעטיקט, אַז איך האַלט נאָך פעסט איין אין זיך דעם סימן פלאָצק.

עס פרייט מיך דעריבער פון גאַנצן האַרצן, וואָס אונזערע פלאָצקער האָבן זיך פאַרמאָסטן אויף אַזאַ שיינעם אופן צו באַערן אונזער אַלטע היים.

איך בין קיינמאָל נישט געווען אָפּגעריסן פון דער אַלטער היים, הגם איך האָב זיך שוין אַזוי פעסט פאַרוואָרצלט אין דער נייער היים. מיט אַלע מיינע מעגלעכקייטן און כוחות, האָב איך געהאָלפן אָרגאַניזירן דאָס פוילישע אידנטום אין מאָנטעווידעאָ.

איך האָב געהאַט דעם כבוד צו שטיין בראש פון דער אידיש פוילישער אָרגאַניזאַציע ביי אונז אין שטאָט, און מיין ענערגיע פאַרווענדן לטובת אונזער קאָלעקטיוויטעט. איצט, אַז די מלחמה ענדיקט זיך, שטייען פאַר אונז אַלעמען גרויסע אויפגאַבן און דאָס דאַרפן מיר געדענקען ביים פייערן דעם יום טוב פון 700 יאָר אידיש לעבן אין פלאָצק.

איך שיק אייך צום יום טוב מיינע בעסטע און האַרציקסטע גרוסן און ווינטש צו דערלעבן בעסערע און שענערע צייטן פאַרן אידישן פאָלק און פאַר דער גאַנצער וועלט.

ישראל שרייבער הלוי

א באגריסונג צו מיינע לאנדסלייט

אייער איניציאטיוו ארויסצוגעבן א ספעציעלע אויסגאבע, וואס זאל זיין געווידמעט אונזער אלטער ליבער היימשטאט פלאצק, איז ווערט צו באגריסט ווערן. אזא אויסגאבע האט א זייער שטארקן ווערט און איז איינע פון וויכטיקע אויפטועון סיי פאר אונז, וועלכע זיינען נאך פארבונדן מיט פאמיליען־פעדים, זכרונות, חלומות פון דער אלטער פארגאנגענהייט, סיי פאר אונזערע קינדער, פאר דעם נייעם דור, וועלכער וואקסט דא אין וועלכן מיר ווילן פארפלאנצן די ליבע צו זייער נייער היים ארגענטינע און צו די טראדיציעס פון זייערע עלטערן.

פלאצק פארנעמט ביי מיר א שטיק פון מיין לעבנס־געשיכטע. אין דער שיינער וויסל־שטאט האב איך פארבראכט מיינע בעסטע יונגע יארן. איך האב געלערנט אין פלאצק ביים גרויסן גאון ר׳ לייבל ראקאווסקי ז״ל וועמען מען האט דאמאלט גערופן „דער אייזערנער קאפ״ ער האט אין מיר איינגעפלאנצט די אומבאגרענעצטע ליבע צו תורה און צו אונזער חכמי התלמוד.

שפעטער שטודירנדיק אין פלאצקער פילאלאגישן גימנאזיום איז מיין פראפעסאר געווען דער באוואוסטער שרייבער אברהם יעקב פאפירנא. ריידנדיק וועגן פאפירנא דערמאנט זיך מיר פאלגנדיקע געשיכטע, וועלכע ער האט מיר דערציילט. אין דעם שיינעם פלאצקער שטאט־פארק, וואס האט זיך געפונען נעבן דעם הויז און רעזידענץ פון פלאצקער גובערנאטאר ווראנגעל, פלעגט מען זען טאג־טעגלעך א 15 יאריקן אידישן בחורל זיצנדיק און לייענען אדער לערנען זיך. דער גובערנאטאר ווראנגעל שפאצירנדיק טעגלעך אין פארק האט אלעמאל באמערקט דעם חסידיש געקליידעטן בחורל לייענען מיט אזויפיל התמדה. איינמאל איז ער צוגעקומען צו אים און אים געפרעגט: „וואס שטודירסטו?״ די רוסישע ליטעראטור — ענטפערט דרייסט דער אינגל — דעם גובערנאטאר ווראנגעל. און אזוי ארום האט זיך צווישן דעם גובערנאטאר און דעם אינגל אנטוויקלט א געשפרעך. די טרעפלעכע ענטפערס האבן געמאכט א גרויסן איינדרוק אויף ווראנגעלן און ער האט באלד איינגעלאדן דעם אידישן אינגל צו זיך א היים. מיט א קורצער צייט שפעטער, האט דער גובערנאטאר אים אויף זיינע קאסטן איבערגעגעבן צו א גרויסן פראפעסאר פון דער רוסישער ליטעראטור ביי וועמען ער זאל קענען גרינטלעך לערנען און שטודירן.

דאס אידישע אינגל האט געהייסן — נחום סאקאלאוו.

נחום סאקאלאוו האט א סך יארן פארבראכט אין פלאצק, וואו ער האט שוין אנגעהויבן צו שרייבן. סאקאלאווס א מלמד האט מיר דערציילט, אז נאך זייענדיק אין חדר אלס קליינער אינגל, לערנענדיק גמרא, פלעגט ער אונטערן טיש אויפן שוים אנשרייבן א „צייטונג״ אין העברעאיש און זי דערנאך איבערגעבן זיינע חברים.

די פלאצקער גימנאזיע און די פלאצקער שולן האבן אויסגעבילדעט א סך חסידישע אינגלעך, וועלכע האבן זיך געריסן צו אלגעמיינער בילדונג, שטרעבנדיק ארויסגיין אין דער ברייטער וועלט. דער בית מדרש איז געווארן ענג...

פלאצק האט אזוי ארום ארויסגעגעבן אייניקע אידן אנשי שם. אידן מיט וועלכע דאס אידישע

פאלק קאן זיין־שטאלץ, צו וועלכע ס׳געהערן אויסער סאקאלאוו: יצחק גרינבוים, דר. י. פרענקעל (פון ביעזשון ביי פלאצק) דר. מינץ, י. ל. זלאטניק און אנדערע.

אין היגן פלאצקער פאריין, געפין איך צווישן זיינע מיטגלידער, אייניקלעך פון די, מיט וועלכע איך בין צוזאמען אין חדר אדער שולע געגאנגען און דאס דערמאנט מיר זייער א סך און מאכט מיר זייער נאענט מיט אייך אלע.

זאל זשע אייער ארבעט, מיינע ליבע לאנדסלייט — תמיד זיין געקרוינט מיט דערפאלג! איך ווינטש אייך פון מיין טיפן הארצן, אז איר זאלט שטיין אויף דער וואך פון דער אידישער נאציאנאלער קולטור און געשיכטע און לאמיר אלע נאך זוכה זיין צו זען אונזער אלטע שטאט פלאצק א באפרייטע, צוריק אויפגעבויטע, א באנייטע צוזאמען מיט אלע אידישע שטעט פון דער גארער וועלט.

דער אידישער שפיטאל אין פלאצק

ר. סענדזין

מיט דר. חיים זשיטלאָווסקי אויפן וועג קיין פּלאָצק

די „געזעלשאַפט אוונט־קורסן" אין פּלאָצק, האָט אַלעמאָל איינגעאָרדנט פיל גרויסע אונטערנעמונגען. נישט געקוקט דערויף, וואָס מיר זיינען געוועזן פינף פּערזאָן האָבן מיר זיך אונטערגענומען אראָפּצובערענגען צו אונז דעם דר. חיים זשיטלאָווסקי, וואָס האָט צו יענער צייט געוויילט אין וואַרשע.

צו ערשט האָבן מיר זיך פאַרשטענדיקט מיט די „בני ציון". „בני ציון" האָט אָבער מורא געהאַט אראָפּצוברענגען דעם דר. זשיטלאָווסקי, האָב איך צוזאַמען מיט די ח"ח ב. אָקאַליצע, אָלעשניק, קאָוואַל און האַבערמאַן באַשלאָסן די דערמאָנטע אונטערנעמונג דורכצופירן. מיר איז צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד צו פאָרן קיין וואַרשע אויספועלן

פון רעכטס: י. סענדזין, ב. אָקאַליצא, ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, י. קאָוואַל און אָלעשניק

ביים זשיטלאָווסקי קאָמיטעט, אַז פאַר פּלאָצק זאָל פאַררעכנט ווערן צוויי פאָרלעזונגען.

אויסגעפוילט, אַז דער דר. זשיטלאָווסקי זאָל געבן צוויי קאָנפערענצן אין פּלאָצק, האָב איך טאַקע, מיר האָבן אָבער געמוזט זיך מתחייב זיין צו באַצאָלן צוויי הונדערט דאָלאַר.

הונדערט דאָלאַר האָב איך באַלד געמוזט איינצאָלן. ווי נאָר איך האָב געהאַט דערלייִדיקט מיטן קאָמיטעט האָב איך גלייך טעלעגראַפירט און מיינע ח"ח האָבן אָנגעהויבן דורכפירן אַלע נויטיקע צוגרייטונגען.

דאָס אידישע פּלאָצק האָט זיך אויסערגעווייינלעך געפרייט אויפצונעמען אַזא חשובן גאַסט.

דאָס גרויסע טעאַטער איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן און אַלע זיינען געווען באַגייסטערט פון דר. זשיטלאָווסקיס רעפעראַטן.

פּלאָצקער אידן, וואָס האָבן געהערט זשיטלאָווסקין וועלן דוכט זיך קיינמאָל יענע גייסטיק דערהויבענע שעהן נישט פאַרגעסן.

און איך אַליין? מיין פרייד צו פאָרן צוזאַמען מיט זשיטלאָווסקין אויפן „סטאַטעק". ווער קען דען גאָר באַשרייבן און אָפּשילדערן יענע איבערלעבונגען.

פון וואָס הויבט מען אָן מיט אים צו ריידן? די פראַגע האָט מיך ממש געפּייניקט. אָט אַזוי טראַכטנדיק האָט זיך דערווייל פאַרבונדן אַ שמועס און ער האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן דער אידישער שפּראַך און ווי נישט אָפּגעהיט אידן זיינען ביים ריידן אידיש. נאָך דעם האָט זשיטלאָווסקי באַדויערט, וואָס דאָס אידישע פאָלק איז צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט און מיר אידן — האָט ער געזאָגט — זיינען צעטיילט אויף אַזוי פיל פּאַרטייען און גרופּן.

איך דערמאָן זיך איצט יענע גליקלעכע דערהייבענע מאָמענטן, ווען כ'בין צוזאַמען מיטן דר. חיים זשיטלאָווסקי געפאָרן אויפן „סטאַטעק" קיין פּלאָצק. די פרייד ביי אונז אין שטאָט און די לויב ווערטער פאַר די פינף חברים, וואָס האָבן די אונטערנעמונג אַדורכגעפירט.

אָ, ווי ס'בענקט זיך נאָך יענעם לעבן און נאָך יענע שיינע טעג!

וועגן איבערפאַלן אויף אידן

„דער ערשטער באַקאַנטער פּאָגראָם אין דער געשיכטע פון פּלאָצקער אידן איז פאָרגעקומען אין יאָר 1534. זיין פאַרלויף ווערט אין די מקורים געשילדערט אויף אַזא אופן:

פּסח ביינאַכט פון דערמאָנטן יאָר האָט זיך אַ באַנדע פּלאָצקער שילער און געזעלן מיט בענעדיקט, דעם זון פון גאָלדשמיד און מויערער יאַן יאַגערקאַ אין דער שפּיץ, אַריינגעריסן זיך אין די פּריוואַטע וואוינונגען אין דער אידישער גאַס און אויף אין דער שיל, האָט צעהאַקט פענצטער און טירן און באַגאַנגען אַ גאַנצע ריי אַנדערע פאַרברעכנס. דעם באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די אָנפאַלער האָט אַריינגעטראָגן אין שטאָטישן געריכט מצד דעם פּלאָצקער וואָיעוואָדע דער פּראָקוראָר מאַריאַן אָרלעשאַ, דערביי האָט ער די באַשולדיקונג אויפגעוואָרפן די קריסטלעכע בעלי־מלאכות, אַז לאַ די וואָס זיי זיינען נישט געקומען צו הילף די אידן, ווען זיי האָבן גערופן אין דער נאַכט, נאָר האָבן אַליין געהאַט אַ חלק אין דעם אָנפאַל. ער האָט געפאָדערט פון געריכט צו באַשטראָפן די באַשולדיקטע לויט די קעניגלעכע סטאַטוטן, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן קעגן די פאַרגוואַלטיקער פון די אידישע רעכט".

„געשיכטע פון אידן אין פּלאָצק", זייט 136.

איסאַק ראָזענפעלד

פאַרצייכענונגען וועגן פּלאָצקער „מכבי"

די גימנאַזיסטן: מאַטיאַס זעליגמאַן, מאַריענ־שטראַס, די ברידער פּענזאָן און אַנדרעע, וואָס א טייל פון זיי זיינען היינט דאָקטוירים אין ארץ־ישראל, אין נ. אַמעריקע, האָבן געגרינדעט דעם פּלאָצקער „מכבי".

די גרינדער האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט שאַפן

פאַרוואַלטונג פון פּלאָצקער „מכבי"

אַ אידישן ספּאָרט־קלוב בלויז אין פּלאָצק, נאָר זיי האָבן גלייכצייטיק אָרגאַניזירט אָפּטיילונגען אין די שכנותדיקע שטעטלעך: גאָמבין און גאָסטינין.

דאָס אָרגאַניזירן די ספּאָרט סעקציעס איז נישט אָנגעקומען אזוי לייכט. די אידישע יוגנט האָט אָבער ארויסגעוויזן גרויס אינטערעס פאַר ספּאָרט. אונטערשטרייכנדיק, אז די יוגנט אין די פּוילישע שטעט און שטעטלעך האָט געהאַט אינטערעס אין פּיזישע איבונגען, מיינט עס נישט צו זאָגן, אז די אידישע יוגנט האָט אויפגעהערט צו לייענען ביכער, שטודירן, פירן דיסקוסיעס און אינטערע־סירן זיך מיט אידישע פּראָבלעמען און אידייען.

איך אליין בין ממש געווען פאַרליבט אין ספּאָרט־אַרבעט און מיין חלום איז געווען צו ווערן א מיטגליד אין דער אָנפירונג און דער עיקר האָב איך געשטרעבט צו ווערן אַן אינסטרוקטאָר. דער

אינטערעס פאַר קולטור אַרבעט איז אָבער נישט געפאַלן.

אין יאָר 1919 ווען די עלטערע ספּאָרטלער זיינען גערופן געוואָרן אין דער פּוילישער אַרמיי, איז אויף מיר געפאַלן דער גורל צו ווערן א פאַרוואַל־טונגס מיטגליד און גלייכצייטיק אינסטרוקטאָר.

נישט לאַנג האָב איך אָבער די אַרבעט געקענט אָנפירן. אין 1920 נאָכן דערשיסן דעם הרב שפּירא ז"ל, האָט די פּוילישע מאַכט געשלאָסן דעם „מכבי". אין יענער צייט האָב איך געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער אין דער מאַשינען פאַבריק פון ה' סאַרנאַ, — וועלכער האָט אונז אָפּגעגעבן איינעם פון זיינע פרייע פּלעצער, וואו מיר האָבן געקאָנט מאַכן ספּאָרט־איבונגען.

בעת מיר ריידן וועגן שוועריקייטן מוז מען א חוץ אַלעם גוט געדענקען, אז מיר האָבן געהאַט זייער ווייניק ביכער, וואו מיר האָבן געקענט באַ־קומען אָנווייזונגען, ווי אזוי די איבונגען דאַרפן געמאַכט ווערן.

צו יענער צייט איז געקומען קיין פּלאָצק אַן אינסטרוקטאָר פון וואַרשעווער „מכבי" דער ח' איסאַאָס איוואַן און ער האָט אָרגאַניזירט א קורס פאַר אונזערע אינסטרוקטאָרן.

א. איוואַן האָט אונז באַקאַנט געמאַכט מיט די נייעסטע מעטאָדן פון דער פּראַקטישער ספּאָרט אַרבעט און זיינע אָנווייזונגען האָבן מיר אויסגע־פירט א שטיק צייט נאָך דעם, ווי ער האָט פאַר־לאָזט פוילן און געפאָרן קיין אַרגענטינע. ביז

אידישע פוטבאָליסטן אין פּלאָצק

1928, ווען כ'האָב פאַרלאָזט פּלאָצק, האָב איך פאַרנומען דעם אמט אַלס אינסטרוקטאָר פון „מכבי".

איך דערמאָן זיך אין די פאַרגאַנגענע יאָרן און דערוויל זע איך אין וויפל לענדער מיר די פּלאָצ־קער „מכביסטן" זיינען צעשפּרייט געוואָרן.

צו וואָס איינער פון אונז זאָל זיך נישט האָבן גענומען אין דער נייער היים, און וויפל מיר זאָלן נישט טראַכטן וועגן אונזער אַלטער היים, איינס בין איך זיכער, אז די מערהייט פון מיינע פּלאָצ־קער יוגנט־חברים האָבן געקעמפט אין פוילן קעגן אונזער שונא.

די מיידל־גרופּע ביים פּלאָצקער „מכבי"

אהרן יוסף דרעוו — א

מענטשן פון פלאָצק

משה גוטקינד

ער איז געווען אַ דיקלעכער, פון מיטעלן וואוקס מיט אַ רונדיק פנים, דער גרעסטער און פּאָפּולערסטער שניידער אין פלאָצק. ביי אים האָבן זיך גענייט די פריצים פון אַרום פלאָצק און די גוט סיטואירטע פּראָפעסיאָנאַלן פון שטאָט.

משה גוטקינס שניידערשע פּאָפּולאַריטעט האָט זיך אָנגעהויבן ווען זיינס אַ זשאַקעט האָט באַקומען אַ ספּעציעלע אויסצייכענונג. באַלד נאָכן באַקומען די מעדאַלן האָט ער זיך געלאָזט מאַכן דעם געהעריקן שילד און... ער איז אַריין אין די פּערדערן.

אידן און נישט אידן האָבן אָנגעהויבן פאַר משה גוטקינדן האָבן דרך ארץ און מען האָט אים אָנגעהויבן צוטיילן כבוד. מ׳האָט אים געמאַכט פאַר פּרעזעס פון עזרת החולים, שפּעטער איז ער אויך געוואָרן פּרעזעס פון האַנטווערקער פאַריין. מיט אָט די אמטן איז ער געווען שטאַרק צופרידן און ביי יעדע געלעגנהייט פלעגט ער זיך פאָרשטעלן: „יעסטעם סטאַרשים מייסטרעם צעכו אי רוואונאַטשעשניע פּרעזעסעם זוויאַנזקו זאוואַדאוועגאָ זשעמיעשניקואוו זשידאוו וו׳פלאָצקו״ (איך בין דער עלטסטער מייסטער פון צעך און גלייכצייטיק פּרעזעס פון אידישן האַנטווערקער פאַריין אין פלאָצק). געפירט האָט ער זיך זייער שיין און זיינע קינדער זיינען געוואָרן פּראָפעסיאָנאַלן, אָבער ווען זיינע קינדער און זיין פרוי האָבן געוואָלט אויף אים אַרויפציען אַן „אַסימילאַטאָרישע הויט״, האָט שטאָט נישט געוואָלט, אַז איר עמך־מענטש זאָל ווערן קאָמיש...

הערש ראובן זילבערבערג

ווי ער וואָלט מיר איצט געשטאַנען פאַר די אויגן. תמיד פלעגט מען אים זען אין אייַלנדיקן מיט אַ צעקנעפּלטן מלבוש; איין האַנט אין קעשענע און מיט דער צווייטער האַנט פלעגט ער וואַרפן ביים גיין. וואָס צו איילן זיך האָט ער געהאַט, איז ער דאָך עפּעס געווען דער פאַרבינדונגס מענטש צווישן די שטאָטישע אָרימעלייט און די רייכע אַסימילאַטאָרישע פאָרשטייער. און אַז הערש ראובן האָט עפּעס געדאַרפט אויספּועלן פאַר אַן אָרעמען מענטשן, האָט ער נישט געקוקט, וואָס דער אַסימילירטער רייכער איד בייזערט זיך.

קיין קינדער האָט ער נישט געהאַט, אַזוי אַז זיין גאַנצע ענערגיע האָט ער פאַרווענדעט פאַר קהלשע זאַכן. אַזוי האָט ער זיך געפירט ביזן יאָר 1919, ווען עס זיינען פאָרגעקומען די ערשטע וואַלן צום שטאָטראַט. דעמאָלט פאַלט הערש ראובונען איין אַ פּלאַן, אַז ער זאָל גיין צו די וואַלן מיט אַן אייגענער ליסטע. כדי אַריינצוטראָגן אַ ליסטע האָט מען געדאַרפט אַ גרעסערע צאָל אונטערשריפטן פון וואַל באַרעכטיקטע און ער האָט זיי באַקומען, ווייל קיינער האָט אים נישט געקענט אָפּזאָגן אונטערצושרייבן זיין ליסטע. ווי צעבראָכן איז ער אָבער געוואָרן הערש זילבערבערג, ווען זיין ליסטע האָט אַפילו נישט באַקומען די צאָל שטימען, וויפל אונטערשריפטן זי האָט געהאַט.

בנימין קאַשאַקעוויטש

איך געדענק אים, ווי אין חלום, ריידן און דערציילן וועגן אים האָב איך אָבער געהערט זייער אַ סך מאָל. קאַשאַקעוויטש האָט געשפּילט אַ גאָר

גרויסע ראָל ביים אָרגאַניזירן די אידישע אָרעמשאַפט און דער עיקר: ביים פירן אַ קאַמף מיט די אַסימילאַטאָרן. היינט לעבט ב. קאַשאַקעוויטש אין נאָרד אַמעריקע און ביי די דאָרטיקע פלאָצקער איז ער זייער אַקטיוו.

ב. קאַשאַקעוויטש איז געווען זייער באַוואוסטזיניק און ענערגיש און דערצו איז ער געווען באַגליקט מיט אַ פיינעם הומאָר.

זיין ראָל ביים דורכפירן פאַרזאַמלונגען און אַנדערע אַרבעטן אין די צאַרישע צייטן, זיינע פּאָלעמיקעס, זיינען פונם עלטערן דור נאָך נישט פאַרגעסן געוואָרן.

ווען עלטערע פלאָצקער קומען זיך צוזאַמען און מען הייבט אָן דערמאָנען אונזערע פלאָצקער, ווערט וועגן בנימין קאַשאַקעוויטש דערציילט מיט אַ סך פּיעטעט.

פנחס שוואַרץ

פנחס שוואַרץ איז געווען מיין פּאַרטיי־לערער, איך פיל דעריבער פאַר מיין פליכט כאָטש איבערצוגעבן וועגן אים אַ פּאָר ווערטער.

ביי די פלאָצקער אידישע אַרבעטער און אינטעליגענץ איז פנחס געווען זייער באַליבט און געשעצט. אַפילו זיינע גרעסטע פּאַרטיי קעגנער האָבן אים געשעצט. פאַר דער פלאָצקער אָרעמקייט איז פ. שוואַרץ — ווען ער איז שוין געווען אַ שרייבער אין וואַרשע — געווען שיעור נישט אַן „אַמבאַסאַדאָר״. ביים אָנקומען אין שפּיטאָל, קהילה, צו אַ באַרימטן דאָקטאָר, עמיגראַציע, צו גאָר וועגן אַ פאַרפּלאָנטערטן יורידישן ענין, איז מען געלאָפן צו פ. שוואַרץ און ער פלעגט טון אַלעס, וואָס ער האָט נאָר געקענט. און אַלס באַקאַנטער זשורנאַליסט האָט ער געהאַט זייער גרויסע פאַרבינדונגען. פ. שוואַרץ איז אין פּוילן שטאַרק אויסגעוואַקסן. זיין דערציאונג און בילדונג האָט ער פאַרגעזעצט שוין נאָכדעם, ווי ער האָט געמוזט פאַרלאָזן די גימנאַזיע, צוליב זיין סאָציאַליסטישער אַקטיוויטעט.

די בונדישע משפּחה אין פלאָצק האָט אים אויסערגעוויינלעך ליב געהאַט און פלעגט טאַקע זינגען:

לעבן זאָל דער חבר פנחס,
וואָס קומט צו אונז
אויף אַלע שמחות,
לעבן זאָל דער חבר פנחס שוואַרץ.

היינט געפינט ער זיך אין נאָרד אַמעריקע, וואו ער האָט זיך געראַטעוועט אַדאַנק דעם אידישן אַרבעטער קאָמיטעט.

יעקב זעליגמאַן

ווער פון די פלאָצקער אידן האָט עס נישט געקאָנט דעם בונדישן ראַטמאַן און שטאָט־ראַט יעקב זעליגמאַן. דעם אמת געזאָגט וואָלט אים געפּאַסט צו רופן יאַקוב, ווייל אליין האָט ער געשטאַמט פון אַסימילירטער משפּחה, וואו מ׳פלעגט כסדר ריידן פּויליש, זיין איבערגעבנקייט צו דער פלאָצקער אידישער אָרעמקייט האָט אים אָבער געמאַכט פאַר יעקב

די פאָלקס מאַסע האָט מיט אים שטאַרק שטאָלצירט און באמת איז טאַקע מיט אים געווען צו שטאָלצירן. זיין געוואַגטקייט, זיין אידעאַליזם איז געווען אַ מוסטער.

כ׳געדענק, ווי מ׳האָט אים צוזאַמען מיט אַ רייע פּאָליטישע טוער אין פלאָצק אַרעסטירט, איידער די באָלשעוויסטישע אַרמיי האָט פאַרנומען אונזער שטאָט. די פּוילישע אַרמיי האָט באַדאַרפט האָבן מעל, האָט זי רעקווירירט אַלע מילן. איז געקומען דער מיל־אייגנטימער, וואו זעליגמאַן האָט געאַרבעט און דערקלערט, אַז זיין מיל קאָן נישט פונקציאָנירן, ווייל דער הויפּט אָנפירער איז אַרעסטירט. יעקב זעליגמאַן האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער פרייהייט און פּאָליציי פלעגט אים פירן אויף כוח אין מיל אַריין. און ווען מען פלעגט פירן יעקב זעליגמאַנען, איז די גאַס פול געווען מיט פריינט, וואָס האָבן אים באַגלייט.

י. י. בורשטין און פסח וואַלראַט

איך דערמאָן די צוויי נעמען צוזאַמען, ווייל זיי האָבן געהאַט פיל געמיינזאַמעס צווישן זיך. ערשטנס, זיינען זיי געווען ביידע פאָלקיסטן און צווייטנס, זיינען זיי ביידע געווען אַקטיווע טוער אין דער אידישער שטאָט ביבליאָטעק „הזמיר״ און דריטנס, האָבן ביידע זייער שטאַרק ליב געהאַט די אידישע קולטור.

פסח וואַלראַט האָט מיט אויסערגעוויינלעכער טרייקייט און פּינקטלעכקייט אָנגעפירט מיטן דראַמאַטישן קרייז און יעקב יוספס שטוב איז גע־

זוען דער אידיש־ליטעראַרישער סאַלאָן אין פּלאָצק. קומען פלעגן אַהין מענטשן פון אַלע פּאַרטייען און אידייאישע ריכטונגען און יעדע ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע געשעעניש פלעג דאָרט אַרומגערעדט ווערן.

קלמן לייביש קילבערט

ער איז געווען דער פירער פון דער „אגודה", געווען איז ער אַ איד אַ גביר מיט אַ סך פּאַריסנקייט און ער האָט זיך געריסן צו הערשן. כדי זיינע פּאַרלאַנגען זאָלן דערפילט ווערן, האָט ער געשאַפן אַ קרעדיט קאַסע, אַרויסגעגעבן הלוואות, ביז ער איז געוואָרן פירער פון דער אגודה און שפּעטער אויך דערגאַנגען צו ווערן פּרעזעס פון דער אידישער קהילה.

שטאָט און דער עיקר: ביי די אַרבעטס מענטשן איז ער געווען פאַרהאַסט. ווען אַרבעטסלאָזע פלעגן קומען אין קהילה פאָדערן הילף האָט ער, דער פּרעזעס זיך אויפגעפירט זייער ברוטאַל. איינמאָל איז געקומען אין קהילה צו אַ מוראדיקן סקאַנדאַל, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַרויסנעמען פון די בעטן אַ פּאָר צענדליק מענטשן, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרן. די שטאָט האָט געצאָרנט און געזוכט זיך נוקם צו זיין אין פּרעזעס.

בצלאל אָקאַליצאַ

ער געפינט זיך היינט אַלס פּליט אין סאָוועטרוסלאַנד.

צו רײדן אין פּלאָצק וועגן די לינקע פּועלי ציון און נישט דערמאָנען ב. אָקאָליצאַ, איז געווען אוממעגלעך. פאַר זיין פּאַרטיי איז בצלאל געווען אַלץ. ער האָט געשאַפן יוגנט קרייזן, געגרינדעט אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון טראַנספּאָרט אַרבעטער און אַז אַלע די אַרבעטן פאַלן דורך, פאַלט ב. אָקאַליצאַ ביי זיך נישט אַראָפּ און ער ווערט נישט פאַרצווייפלט. ער פירט פּראָפּאַגאַנדע, גייט צו שטאָטראַט וואַלן און פאַלט שטענדיק דורך. ער ווערט אָבער קיינמאָל נישט מיד. זיין ענערגיע גיט ער אַוועק פאַר זיין אידעאַל. און נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען אַן אָרעמער מענטש און האָט געמוזט ציען זיין פּרנסה פון שניידעריי, האָט ער אָבער אויף גאָרנישט געקוקט, ב. אָקאַליצאַ צוזאַמען מיט זיין פרוי האָבן געאַרבעט פאַר זייער אידעאַל.

פישל פלידערבלום

ער איז געווען ראש הקהל אין פּלאָצק, ערב מלחמה אויסברוך אין 1939.

אידעאיש האָט ער געהערט צו די רעכטע פּועלי־ציון, אָבער נישט קוקנדיק דערויף האָבן אַלע אידיש בירגערלעכע פּאַרטייען אים געשטיצט, אַז ער זאָל ווערן פּרעזעס.

געווען איז פ. פלידערבלום אַ שטילער, באַשיידענער מענטש; קיינמאָל מיט מענטשן זיך נישט איינגעריסן, תמיד גרייט געווען צו גיין אויף פּשרות. ווען מען הערט אים, וואָלט מען אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען פאַראייניקט און פּאַרטיק...

ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַנטשיק, סך־הכל האָט ער געהאַלטן ביי די פערציקער, אָבער אַ סאָלידער און אינטעליגענטער. אַלס אינגל פלעגן זיינע עלטערן אים שוין אַרויסשטעלן אַלס מוסטער. ווען פישל איז געוואָרן בר־מצוה האָט ער אַליין געלייענט אין דער ספר־תורה און די עלטערע אידן האָבן געשעפּט נחת. האַרט פאַרן אַריינקום פון די נאַציס קיין פּוילן איז פישל פלידערבלום געווען פּלאַצקער ראש־הקהל.

אליהו וואָלף זילבערבערג און ישראל גרשון בורשטין

נישט געקוקט דערויף, וואָסביידע שטאַמען פון שטרענג רעליגיעזע פאַמיליעס, פון גאָר הייסע חסידים און אַליין האָבן זיי אויך געלערנט אין פּלאָצקער „קליינעם בית המדרשל", זיינען אָט די צוויי דערמאָנטע, מיט דער צייט געוואָרן די פאַרברעטער פון דער פּלאָצקער אידישער אָרעמקייט, די פירער פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע.

אין סאַמע ברען פון פּאַרטייאישע קאַמפן, האָט זיך קיינער נישט דערלויבט צו זאָגן אַ שלעכט וואָרט אויף אליהו וואָלף זילבערבערג און ישראל גרשון בורשטין.

פיל קעגנער פלעגן נאָך זאָגן, אַז אַ דאַנק די צוויי נעמען ציט דער „בונד" שטימען.

אַז דאָס אידישע פּלאָצק פון אונזער צייט האָט קיין סך אַזעלכע מענטשן נישט פאַרמאָגט, דאָס איז אַ פאַקט. זילבערבערג האָט געוואונען דעם קאָנקורס אַלס סעקרעטאַר פון קהילה, ווען קיין בונדיסטן זיינען נאָך דאָרט נישט געווען. ניין, עס איז נישט געווען אין פּלאָצק ווער עס זאָל אים פאַרבייטן.

און איצט וועגן י. ג. בורשטין. ער איז געווען דער פיל־מאָליקער בונדישער לאַווניק אין שטאָטראַט. וואָס האָט זיך דערוואָרבן ליבשאַפט און אָנערקענונג אַפילו ביי קריסטלעכע אַרבעטער. אַלס לאַווניק האָט ער זיך שטאַרק אויסגעצייכנט. ער האָט אַנדעקט מיסברויכן אין דער שטאָטווירטשאַפט, געפירט אַ גרויסן קאַמף צוצונעמען אידישע אַרבעטסמענטשן צו די מאַגיסטראַט אַרבעטן, די באַלעבאַטים פלעגט ער נישט לאָזן אויספירן קיין עקסמיסיעס איבער אָרעמע פאַמיליעס און זיינע אַרויסטריטן אין שטאָטראַט און אין מאַגיסטראַט, האָבן געמאַכט דעם גרעסטן רושם.

ווען בורשטין פלעגט אַרויפגיין אויף דער טריבונע פון שטאָטראַט האָבן די ענדעקעס געקריצט מיט די ציין און די פאַרזאַמלטע אויף דער גאַלעריע אידן און פּאָליאַקן פלעגן בורשטינס ווערטער אָפּלאָדירן. אַלע וואָס זיינען געווען אין פּלאָצק ווען בורשטין האָט פאַרנומען דעם אמט אַלס לאַווניק וועלן פעסטשטעלן, אַז איך גיב ווייט נישט איבער אַלעס, וואָס ער איז געווען פאַר אונזער אידיש פּלאָצק.

עס דערמאָנען זיך נאָך פיל, פיל מענטשן, וואָס האָבן, ווען איך האָב נאָך געלעבט אין פּלאָצק, געשפּילט אַ ראָל אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן, נאָר גיי הייב אָן באַשרייבן אַ גאַנצע שטאָט, וואו יעדער ווינקעלע איז דיר **ליב און טייער.**

די „ברייטע" גאַס" אין פּלאָצק

פלאַצקער כראָניק

אויסצוגן פון וואָכנבלאַט „פלאַצקער לעבן", דער שינען אין די חדשים אויגוסט, סעפּטעמבער 1937

בלימעלעך פון דער ווירטשאַפט אין דער אידישער קהלה אין פלאָצק

אזוי ווי אין א רייע שטעט אין פוילן, אזוי אויך אין פלאָצק, ווערט די קהלה אָנגעפירט דורך די „אגודה" די נעמען פון די היגע אָנפירנדיקע אַגודהניקעס זיינען דעם פלאָצקער אידנטום צו גוט באַקאַנט, כדי זיי נאָך דאָ פאָרצושטעלן. אַנשטאָט נעמען וועלן מיר מיט פאַקטישע מאַטעריאַלן אָנווייזן, ווי אזוי עס זעט אויס די ווירטשאַפט פון דער קהלה, מיר וועלן אָנהויבן מיט דעם יאָר 1936.

פון אַלגעמיינעם בודזשעט איז באַשטימט געוואָרן אויף געזעלשאַפטלעכע שויץ 10 טויזנט זל., וועלכע זיינען צעטיילט געוואָרן אויף פאָלגנדע צוועקן:

אידיש שפּיטאַל — באַשטימט 1.500 זל. — אויסגעצאָלט נאָר 950 זל.

פאַר עמיגראַנטן — באַשטימט 500 זל.—אויסגעצאָלט נאָר 150 זל.

זומער־קאָלאָניעס פאַר אידישע קינדער — באַשטימט און אויסגעצאָלט 200 זל.

„עזרת־חולים" — באַשטימט 1.200 זל. וואָיעוואודסטווע פאַרקלענערט אויף 400 זל. — אויסגעצאָלט.

„גמילת חסד" — באַשטימט 300 זל. נישט אויסגעצאָלט (פאַרוואָס?)

חדר יסודי־התורה — די פאַרוואַלטונג האָט באַשטימט 1.000 זל. ראַט געהעכערט אויף 2.000 זל. די וואָיעוואודסטווע געהעכערט אויף 2.500. די סומע אינגאַנצן געוואָרן אויסגעצאָלט.

בית־יעקב שולע — פאַרוואַלטונג באַשטימט 500 זל., ראַט געהעכערט אויף 700 זל. — די סומע אינגאַנצן אויסגעצאָלט.

חדר „מזרחי" — פאַרוואַלטונג באַשטימט 1.000 זל., ראַט 1.200 די סומע געוואָרן אויסגעצאָלט.

בית המדרשל, באַשטימט און אויסגעצאָלט 300 זל.

געשטראָכן זיינען געוואָרן אַלע סובסידיעס פאַר די אינסטיטוציעס, וואָס האָבן א שייכות מיט וועלטלעכקייט און קולטור, ווי צ. ב. איוואָ, איד. גימנאַזיע, הזמיר, ק. ק. ל., קרן היסוד, „מכבי", א. א. און אַט וואָס עס ווארפט זיך אין די אויגן: — 4.700 זל. האָט מען אויסגעצאָלט בלויז פאַר חדרים, דערפון 3.500 פאַר אגודהשע, ד. ה. קנאַפּע פופציק פּראָצענט פון די געלטער, וואָס זיינען באַשטימט פאַר געזעלשאַפטלעכע שויץ, ווערן פאַרווענדעט אויף חדרים! קיין אנדערע וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און קולטורעלע נויטן ווי חדרים פאַרמאָגט נישט די פלאָצקער געזעלשאַפט.

וואָס עס איז אָבער וויכטיק, איז דער פאַקט, וואָס אין דער צווייטער העלפט פון אַפּריל איז געוואָרן אָנגענומען מיט א מערהייט שטימען אויף א זיצונג פון דער קהלה פאַרוואַלטונג א באַשלוס אויסצוצאָלן די חדרים נאָר 70 פּראָצענט פון די באַשטימטע סובסידיעס און נישט געקוקט דערויף האָט דער פּרעזידענט ה' קילבערט לויט זיין אייגענעם ווילן און קעגן דעם באַשלוס פון דער מערהייט אויסגעצאָלט די אגודהשע חדרים פולע 100 פּראָצענט.

עס איז אויך געוואונטשן אָפּצושטעלן זיך אויף

דער סובסידיע פאַר אידישע עמיגראַנטן פון פלאָצק. אין יאָר 1936 האָבן זיך עטלעכע עולים געוואָנדן נאָך רייזע־שטיצע צו דער קהילה. צוו. א. האָט זיך אויך געוואָנדן די חלוצה ק. נאָך לאַנגע אינטערווענצן, ווען עס האָט שוין געדראָט אז די חלוצה זאָל פאַרלירן דעם סערטיפיקאַט, האָט זי באַקומען 30 זל. פאַרשטייט זיך, אז די גרויסע מטבע האָט נישט געקענט קלעקן צו דעקן די רייזע הוצאות.

דער סוף איז געווען, אז דער פאָטער האָט געמוזט פאַרקויפן זאַכן פון די שטוב, אפילו זיין איינציקן שפּייזער דאָס פערד, און אוועקגעבן די בידנע גראָשנס דער טאָכטער.

י. נ. כ.

פון „גלאָס מאַזאָוויעצקי"

אין „גלאָס־מאַזאָוויעצקי" פון 28־טן יולי געפינען מיר אונטערן קעפּל „אידישע צוזאַמענקונפטן" פאָלגנדע נאָטיץ:

„אין דער קאַשטאַן אַלייע קעגנאיבער די קאַטעדרע קומען פאַר אין אָוונט געהיימע סצענעס. עס לאָזן זיך דאָרטן הערן אויסגעלאַסענע שטיפעריִען און נישט מאָראַלישע געשרייען פון אידישער יוגנט.

מען וואָלט באַדאַרפט אויף דעם לייגן מער אכט, ווייל דער פּלאַץ ארום דער קאַטעדרע מוז ווערן געהעריק געשעצט".

אזוי ווייל דער „גלאָס מאַזאָוויעצקי".

מעגלעך, אז לעבן דער קאַטעדרע לאָזן זיך הערן אין אָוונט פאַרשידענע אויסגעשרייען, וואָס פאַרשוועכן דעם כבוד פון דער קאַטעדרע, אָבער וואָס האָט דאָס אַלץ צו טון מיט דער אידישער יוגנט? פון ווען אָן האָט עס די אידישע יוגנט איבערגענומען דעם מאָנאָפּאָל אויף אויסגעלאַסנקייט?

די הערן פון „גלאָס מאַזאָוויעצקי" האָבן אין דעם פאַל, און דאָס איז נישט ס'ערשטע מאָל, זייער ציל; — אויפרייצן איין טייל באַפעלקערונג קעגן דער צווייטער, פאַרלייגן א נעץ דאָרט אפילו, וואו קיין פיש זיינען נישטאָ.

די ציטירטע נאָטיץ באַשטעטיקט דעם פאַקט, אז אין לאַגער פון מענטשן־האָס זיינען אַלע מיטלען כשר.

אויפן פלאָצקער מארק
(א בילדל)

געשען איז עס דעם לעצטן דינסטיק אויפן מארק אין פלאָצק.

ביי א אידישן מארק־הענדלער איז געשטאַנען א קריסטלעכע פרוי און געדונגען עטלעכע מעטער סחורה אויף א קלייד.

צום טישל האָט זיך שטיל דערנענטערט א יונגער קריסט. מיט אַמאָל האָט ער א שלעפּ געטון די קריסטלעכע פרוי ביי א האַנט און ארייַנגעשריגן איר אין אויער: „חזיר, דו קויפסט ביי א איד".

די פרוי האָט זיך אָנהויב דערשראָקן. זי האָט נישט געהערט די באַליידיקונגס ווערטער, וואָס זיינען געוואָרפן געוואָרן אויף איר אדרעס. נאָר געפילט האָט זי בלויז די שווערע לאַפּע פון איר פאַרפאָלגער און געמיינט האָט זי דעריבער, אז מ'ווייל זי באַגנבענען.

און ווען די פרוי האָט זיך שפּעטער דערוואוסט וועגן דער „הייליקער מיסיע" פון איר פאַרפאָלגער, האָט זי זיך אָנגערופן:

„ברעך דעם קאַרק, לאָבוז איינער, לערן מיך נישט, וואו איך דאַרף יאָ, און וואו איך דאַרף נישט קויפן. ביי מיר האָבן אַלע מענטשן רעכט צו לעבן".

דער גרינבענדלדיקער, א פאַרשעמטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָט זיך שנעל דערווייטערט.

מ.

אָפּקלאַנגען פון פּראָטעסט־טאָג קעגן בריסק, אין פלאָצק

די טעג האָט ה' עובד שאיעוויטש באַקומען צוגעשיקט פון דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט אַן אויפפאָדערונג צו באַצאָלן 25 זל. שטראָף פאַר „צווינגען איד. סוחרים צו פאַרמאַכן די געוועלבער אין טאָג פון 24 מאַי" (פּראָטעסט טאָג קעגן בריסק). עטלעכע אידן האָבן אויך באַקומען קלענערע שטראָפן פאַר שטערן דעם וועג־פאַרקער אין אויבנדערמאָנטן טאָג.

קאָמוניקאַט פון „הזמיר"

די „הזמיר" ביבליאָטעק האָט געענדערט דעם אָפּצאָל פאַר ביכער לייענען אויף פאָלגנדיקן אופן: 50 גר. א חודש פאַר לייענען אידישע בי־

כער. פאַר שול און אַרבעטער יוגנט, וואָס לייענען פוילישע ביכער, נאָר 60 גר. אַ חודש.

אומפאַרמעגלעכע און אַרבעטסלאָזע קענען געניסן פון הנחות — נאָכן ווענדן זיך צו דער פאַרוואַלטונג פון „הזמיר” — אין דער הויך פון 30 גר. אַ חודש און אויך פאַר אומזיסט.

קוויטע פאַר עלטערע — 1.50 פאַר יוגנטלעכע און שילער 1 זל.

נאָך אַ ווענדונג צו דער פאַרוואַלטונג קען אויך דער לעזער ווערן באַפרייט פון דער קוויטע.

פון ספּאָרט לעבן אין פּלאָצק

שבת דעם 24־טן יולי איז פאָרגעקומען אַ פוטבאָל מעטש צווישן די יוניאָרן סעקציעס פון „הפועל” און „מאַסאַוויא”.

נישט געקוקט דערויף, וואָס די „הפועל” שפּילער זיינען געווען פיזיש שוואַכער פון קעגנער, האָבן זיי דאָך געשטעלט אַ געהעריקן ווידערשטאַנד. דער מעטש האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ רעזולטאַט פון 4—2 פאַר „מאַסאָוויאַ”.

די גאָלן פון „הפועל” האָט געשאָסן בעלמאַן.

זונטיק דעם 25־טן יולי איז פאָרגעקומען אַ רעוואַנש מעטש צווישן „נורדיה” — פּלאָנסק און „מכבי” — פּלאָצק.

דעם מעטש הויבט אָן „נורדיה”. „מכבי” האָט אָן איבערמאַכט און האָט אַ געלעגנהייט צו שיסן גאָלן. אָבער די שפּילער פון „מכבי” קענען נאָר דרובלירן ביז צום... קעגנערס טויער. אויף צו שיסן גאָלן, שמועסט מען, דאַרף זיך ערשט „מכבי” אַרויסבאָרגן שפּילער.

נאָך דער פויזע האָט „נורדיה” אָן איבערמאַכט און שיסט דריי גאָלן, דערונטער צוויי פון 11 מעטערס. אין אַלגעמיין איז דער מעטש געשטאַנען אויף אַ נידעריקן ניוואָ.

ווי מיר ווערן געוואויר האָט דער פּלאָצקער „הפועל” פאַרקאָנטראַקטירט 2 פריינטשאַפט מעטשן מיטן וולאָצלאַווקער „מכבי”. דער ערשטער מעטש קומט פאָר זונטיק ד. 8־טן ד. ח. אין פּלאָצק און דער צווייטער ד. 15 ד. ח. אין וולאָצלאַוועק.

דער „הפועל” גרייט זיך צו די צוויי מעטשן, וואָס זעען זיך פאָר צו זיין זייער אינטערעסאַנטע.

פון האַנטווערקער פאַריין אין פּלאָצק

דער איד. האַנטוו. פאַריין אין פּלאָצק ווענדעט זיך צו די אַלע געזעלן־קאַנדידאַטן וואָס האָבן דורך דער פאַרמיטלונג פון פאַריין אָפּגעגעבן בי־טעס אין דער האַנטוו. קאַמער, וועגן צולאָזן זיי צו פאַרלייכטערן געזעלן־עקזאַמען, אַז זיי זאָלן ווי אַמשנעלסטן צושטעלן אין קאַנצעלאַריע פון פאַריין אַלע נויטיקע דאָקומענטן.

גלייכצייטיק ווערט געמאָלדן, אַז גאָר אין קורצן וועט ביים האַנטווערקער פאַריין אָרגאַניזירט אַ פאָרבאַרייטונגס קורס פאַר אַלע געזעלן קאַנדידאַטן, וואָס טרעטן צו צום געזעלן־עקזאַמען.

דאָס אידישע פּלאָצק מוז אויפוואַכן

טאָג איין, טאָג־אויס ווערן אין די שטעט און דערפער פון פוילן פאַרשפּרייט טויזנטער און צענדליקער טויזנטער צייטונגען פול מיט גיפט און גאַל, שנאה און האַס צו יעדן איד אָן אונטערשיד פון שטאַנד און קלאַס.

טאָג־איין טאָג־אויס הערן מיר וועגן פּיקעטן פאַר אידישע געוועלבער, וועגן איבערפאַלן אויף שוצלאָזע אידן אָן אונטערשיד פון געשלעכט און עלטער.

פּלאָצק, וואָס איז פול מיט טראַדיציעס וועגן געמיינזאַמע קאַמפן פון אידן און פּאָלאַקן פאַר אַ באַפרייט פוילן, האָט פאַרגעסן וועגן די נעמען פון קוויאַטעק, נאַרוואַ, קראָנגאָלד, שיף און פיל אַנדערע פּלאָצקער אידן, געפאַלענע אין די קאַמפן פאַר אָן אומאָפּהענגיק פוילן, און מאַכט מיט דעם בייזן שדים־טאַנץ פון אַנדערע פוילישע שטעט.

דאַכט זיך, אַז אַלע בייזע ווינטן האָבן זיך צונויפגעקליבן און ווילן אונז אַרויסרייסן פון אונזער אַלט זיץ־אָרט.

אויסגעטראַכטע בלבולים וועגן אומלעגאַלע קאָמוניסטישע לאַגערן, וועגן פאַרשוועכונגען פון רעליגיעזע ערטער, אונטערגעשטעלטע פּיסלעך, פּראָוואָקאַטאָרישע מיטלען, — אַלץ איז כשר. באַצאָלטע פּיקעטן פאַר אידישע געוועלבער, שוואַרצע ליסטעס פון קריסטן, וואָס קויפן ביי אידן — דאָס אַלץ רופט זיך ביי די הערן פון נאַראַ־לאַגער — נאַציאָנאַלער קאַמף.

און עס איז נישט וויכטיק וועמענס האַנט פירט אָן מיט דעם דאָזיקן קאַמף.

איינס איז קלאָר. עס גייט אָן אָן אויסראָטונגס־קאַמף קעגן אונז. מען וויל אַ אידישן קיבוץ, וואָס איז פאַרוואָרצלט איבער 700 יאָר, פאַרניכטן און צושטערן.

און מיר?

מיר האָבן טרויעריקע פּראָצעסן פאַר קויפן שטימען, מיר האָבן מסירות און אָנקלאַגעס. מיר האָבן מחלוקות און קריגערייען, מיר הערן היסטערישע געשרייען וועגן נישט פרומקייט, מיר טראָגן אויף אונזערע פּלייצעס אַ שווער פּעקל, וואָס הייסט אידישע קהילה אין פּלאָצק.

עס מוז דערהערט ווערן דאָס געשריי פון די אידישע מאַסן אין פּלאָצק.

גענוג דאָס אַלץ, אָן עק און אַ סוף זאָל נעמען צו דער וויסטער אַנאַרכיע, וואָס הערשט אין אידישן לעבן אין פּלאָצק. אין אָנבליק פון געפאַרן, וואָס לויערן אויף אונז, מוז אויפוואַכן דאָס אידישע פּלאָצק. מיט אַן אייזערנעם בעזים דאַרף מען אויסקערן דאָס שמוץ, וואָס האָט זיך צייט יאָרן אָנגעזאַמלט אין אידישן לעבן. אַלע פענסטער און טירן מוזן ווערן געעפנט, כדי אַריינצולאָזן פרישע לופט.

אַ ציל באַוואוסטע, פּראָגרעסיווע אידישע רעפּרעזענטאַנץ, וועט שאַפן דעם פאַראייניקטן כוח, וואָס זאָל שטיין אויף דער וואַך צו דערהאַלטן און פאַרפעסטיקן אונזערע עקזיסטענץ־פּאָזיציעס.

באַגין

מען דאַרף באַשעפטיקן אַרבעטסלאָזע אידן ביי פּראָדוקטיווע אַרבעט

ווי אין פיל שטעט און שטעטלעך אין לאַנד, קומט אויך פאָר אין פּלאָצק די אַרויסשטויסונג פון די אידישע מאַסן פון די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. גרויסע טיילן פון דער אידישער יוגנט זיינען נישט פּראָדוקטיוו אין זייער באַשעפטיקונג, אָדער זיינען אין גרעסטן טייל בכלל נישט באַשעפטיקט. אָן אַן אויסזיכט, אָן אַ מאָרגן, צוגעוואוינט צו זייער גאָרנישט־טון, דרייען זיך אַרום די פּלאָצקער יוגנט אין די גאַסן מאַסן יוגנטלעכע, וועלכע קענען נישט געניסן פון פּראָדוקטיווער אַרבעט און וועלכע קענען נישט צוקומען צו אַלע פּראָדוקציע־צווייגן, וואו עס האָבן די מעגלעכקייט נישט־אידן.

מיר מוזן זיך פאַרטראַכטן וואָס איז דאָ צו טון? צי וועלן מיר זיין פאַרמשפּט אַלע צו ווערן סטראַגאַניאַזשעס, וואָס אויך פון דער פּאָזיציע פאַריאָגט מען, ווייל זי „געהערט צום פויער”?

מיר מוזן זאָגן, עס זיינען פאַראַן מעגלעכקייטן פאַר דער אידישער יוגנט פון אַריינדרינגען אין פאַרשידענע אַרבעט־צווייגן אין פּלאָצק. דאָס איז מעגלעך, ווען אידישע אַרבעטסגעבער וועלן באַשעפטיקן אידישע אַרבעטער, און עס דרייען זיך דאָך אַרום מאַסן אידישע אַרבעטס־הענט, וועלכע זוכן באַשעפטיקונג און זיינען גרייט צו וועלכע ס'איז אַרבעט צו גיין.

צי וועט מען דאַרפן פירן אַ קאַמף פאַר אידישע רעכט אויף אַרבעט אויך צווישן אידישע אַרבעט־געבער?

מיר גלויבן, אַז ביי אַ געהעריקע אויפקלערונגס־אַרבעט קען מען פיל דערגרייכן ביי אידישע אַרבעט־געבער. איבעריקנס, די צייט אין וועלכע מען לעבט האָט שוין אויף פיל די לאַגע אויפגעקלערט.

די פראַגע פון באַשעפטיקן אידן מיט אַרבעט איז אַ געזעלשאַפטלעכע און אויך ביי אונז אין פּלאָצק מוז די פראַגע פאַרגעזעלשאַפטלעכט ווערן. די פאַראַנענע מעגלעפקייטן וועלן קענען אויסגענוצט ווערן, ווען די זאַך וועט אָרגאַניזירט ווערן אויף אַ ברייטערן מאַסשטאַב און וועט אָנגעפירט ווערן דורך אַ דערצו באַרופענע אינסטאַנץ.

דער פוילישער אַרבעטסלאָזער האָט ווער ס'זאָל שטיין צו זיין שוץ. ער איז אָרגאַניזירט אין שטאַרקע פאַריינען, וועלכע איבן אויס זייער השפּעה לטובת זיינע מיטגלידער. עס זאָרגט פאַר דער פוילישער אַרבעטסלאָזיקייט די קאָמונאַלע און אַדמיניסטראַטיווע מאַכט.

דער אידישער אַרבעטסלאָזער, וואָס אין זיין רוב איז ער אַ שיכט פון דעקלאַסירטע און זיין מערהייט בילדעט זיך פון אַרבעטסלאָזע שניידער און שוסטער א. א. האַנטווערקער פאַכן, אָט דער טייל אַרבעטסלאָזע בירגער האָט נישט, ווער עס זאָל פאַרטיידיקן זיינע חיונה־אינטערעסן און ער איז אין דער היינטיקער צייט פון זאַאָלאָגישן אידן־האַס אויסגעשטעלט אויף אייגענעם באַראָט.

וואָלטן געווען עמיגראַציע מעגלעכקייטן, וואָלטן אויך פון פּלאָצק געצירט מאַסן אידישע יוגנט און נישט נאָר יוגנט, — עס זיינען אָבער פאַראַן קליינע עמיגראַציע מעגלעכקייטן און דערפאַר מוזן מיר טון אויפן אָרט אַלעס מעגלעכע כדי די שלעכטע לאַגע צו לינדערן.

אינעם איצטיקן ווילדן אויסראָטונגס קאַמף, וועלכער ווערט געפירט קעגן אונז — דאַרף אונזער

אריינדרינגען אין אידישע ארבעט אונטערנעמונגען זיין דער ממשותדיקער ענטפער אונזערע ווילדע היימישע שונאים, וועלכע ווילן אונזערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס צעברעכן.

פּלאָצק פירט איצט אַדורך גרויסע עפנטלעכע אַרבעטן, וואו ס'ווערן באַשעפטיקט הונדערטער אַרבעטסלאָזע, אָבער צווישן די הונדערטער קען מען קוים געפינען אייניקע באַשעפטיקטע אידן. צי איז נישט דער חוב פון די אידישע ראטמענער אין שטאָטראַט אויפצוהויבן די פראגע פון צולאָזן מער אידן צו די עפנטלעכע אַרבעטן? צי דאַרפן נישט די אידישע ראטמענער טון אַלעס מעגלעכע, כדי צו באַזייטיקן די פיל שוועריקייטן, וואָס ס'האָט אַ אידישער אַרבעטלאָזער, וועלכער וויל עפנטלעכע אַרבעט באַקומען?

ש. גרין.

די ערשטע האַלב זומער־קאָלאָניע פאַר אָרעמע אידישע קינדער אין פּלאָצק

(אַ באַזוך)

אָן רעש איז ביי אונז מיט 2 יאָר צוריק אַנטשטאַנען אַ זייער וויכטיקע אינסטיטוציע. פאַר דער אינסטיטוציע דאַרף מען נישט קיין לויבגעזאַנגען, גענוג זיינען די טאַטן, — זיי ריידן פאַר זיך אַליין.

אָט זיינען די מעשים:

120 אידישע קינדער, אָרעמע, בלייכע און הונגעריקע האָבן באַקומען במשך דעם פאַרגאַנגענעם זומער עסן צו דער זעט, אָנצוטאָן און אַ געזעלשאַפטלעכע דערציאונג. די האַלב־זומער קאָלאָניע געפינט זיך אויף 1־טן מאי גאַס אין סלופּעצקים גאַרטן.

די קינדער רעקרוטירן זיך פון די אָרעמסטע אידישע היימען.

ה' ביעזשונסקי אינפאָרמירט אונז:

די קינדער קאָלאָניע איז געשאַפן געוואָרן דורך די געזעלשאַפט צו שטיצן אָרעמע אידישע קינדער. די געזעלשאַפט ציילט ביז 40 מיטגלידער, וועלכע צאָלן אַ מאָנאַטלעכן אָפּצאָל. די פאַרוואַלטונג באַשטייט פון די הערן: אַלטבערג — פרעזעס, דר. מאַריענשטראַס — וו. פרעזעס, סעקרעטאַר און קאַסירער — ביעזשונסקי, אינזש. מאַרגולים. די גרעסטע לאַסט פון ארבעט ליגט אויף דר. מאַריענשטראַס און ה' ביעזשונסקי, וועלכע זיינען טאָג־טעגלעך אין גאָרטן צוזאַמען מיט די קינדער.

קינדער ווערן אָנגענומען פון 4 יאָר ביזן שולעלטער.

די טעטיקייט פון די האַלב־קאָלאָניע הערט אויך נישט אויף אין ווינטער, וואו זיי קומען זיך צונויף אין די לאָקאַלן פון דער שולע אויף זדונסקאַ. די קינדער ווערן יעדע וואָך אונטערגעזוכט דורך אַ דאָקטאָר. די דערציערן פון די קינדער איז אַ קוואַליפיצירטע קינדער־פלעגערין פר. קליין, זי האָט צו הילף צוויי פרייווילינס. די קינדער קומען 9 פרי און זיינען דאָרט ביז 7 אָוונט, זיי עסן פרישטיק אויף די פרייע לופט, און ווען עס רעגנט געפינען זי זיך אין אַ ספּעציעל אויפגעשטעלטע שאָפּע, וואו עס געפינט זיך אויך די קיך. זיי קריגן מילך, קאַווע, פּאָמידאָרן, ברויט מיט פוטער, קעז. אויך קריגן זיי מיטאָגן.

די געזעלשאַפט ווערט געשטיצט דורך דעם מאַגיסטראַט „צענטאָס” און פריוואַטע שטיצע. די אַריינגעפלאָסענע געלטער דעקן אָבער נישט דעם כסדרדיקן דעפיציט.

עס פעלן אויך מכשירים צו שפּילן זיך פאַר די קינדער.

די קהילה אינטערעסירט זיך אינגאַנצן נישט מיט דעם וויכטיקן אויפטו, זי האָט „וויכטיקערע זאַכן” ווי אונטערשטיצן אָרעמע אידישע קינדער...

פאַר דעם גאָרטן און פּלאַץ צאָלט די געזעלשאַפט 25 זל. אַ חודש אין דער צייט, ווען די קהילה האָט אייגענע פּלעצער, וואָס שטייען ליידיק.

דאָס אידישע פּלאָצק ווייזט לגמרי נישט ארויס קיין שום אינטערעס פאַר דער האַלב־זומער קאָלאָניע.

מען האָט זיך באַמיט צו שאַפן אַ „קאָמיטעט פון דאַמען” — אָבער אָן דערפאָלג. „וויזאָ” אינטערעסירט זיך אויך גאָרנישט מיט דעם.

די ארבעט איז אַ שווערע, געלט דאַרף מען האָבן אָבער דאָס לאַסטעט נאָר אויף עטלעכע מענטשן.

די אידישע געזעלשאַפט דאַרף זיך פאַרינטערעסירן מיט דער וויכטיקער אינסטיטוציע דורך פאַרשרייבן זיך אַלס צאָלנדיקע מיטגלידער.

ש. קאַלי.

אַ בריוו פון פּלאָצק קיין ניו־יאָרק

אייניקע אויסצוגן

ח' שלמה!

...גלויבט מיר, דאָס עס איז אָנמעגלעך מיט ווערטער די טאָג־טעגלעכע איבערלעבענישן איבערצוגעבן. פון אייער אוועקפאָרן ביז היינט איז שוין קאַלאָסאַל אַלץ געענדערט צום שלעכטן. און מכלומרשט הייסט איצט די צייט אַ באַרופנדיקע אַיבער דער מלחמה שטימונג און מען וויל נישט די אידן זאָלן שרייען. איז ווי יענע שטיף־מאַמע, מען קנייפּט שטיקער נאָר עס זאָל קיין צייכנס נישט בלייבן. עקאָנאָמיש דערדריקט, און מען נעמט צו יעדע מעגלעכקייט פון זיין. דערנידעריקט, ווערט מען אַפּאַטיש צום לעבן און דאָס איז מען אויסן צו געפינען דעם מאָראַלישן אָנלען פון עקזיסטענץ. אפשר האָט איר שוין געלייענט וועגן לעצטן פאָרפאַל. אין גאַמבין איז דאָ אַ בונדישע זומער קאָלאָניע זיינען צוויי בחורים געגאַנגען שפּאַצירן אין וואַלד, זיינען צו צוויי שקצים און זיי געשטאָכן מיט מעסערס, 7 שטעך אין דער פּלייצע. איינעם האָט מען געבראַכט קיין פּלאָצק, איז ער באַלד געשטאָרבן, דער צווייטער בלויז אין דער האַנט איז ער געבליבן לעבן.

אין פּלאָצקער געזעלשאַפטלעכן לעבן איז אַבסאָלוט טויט, דער הזמיר פאַרמאַכט דורך דער מאַכט. קיין ביבליאָטעק איז נישטאָ כמעט, קיין געזעלשאַפט עקזיסטירט נישט, אפשר צוליב דעם זומער, אָבער אויך צוליב אַפּאַטיע. אין דער פאַרטיי — אַבסאָלוט טויט. עס זיינען געווען וואַלן צום קאָנגרעס און אויך דאָס האָט קיין לעבן נישט אַריינגעבראַכט. קיין רעדנער פון וואַרשע זיינען נישט געקומען, עס איז געווען אַ שוואַכער מיטינג אויף דעם הויף און דאָס איז אַלץ. דער רעזולטאַט:

מזרחי 44, ליגע 407, לינקע פּ. צ., דאָס ערשטע מאָל צו די וואַלן 107 שטימען.

אייער פישל.



ר' לייביש, וואָס איז פיל יאָרן געווען שאַמעס אין „קליינעם בית־המדרשל” אין פּלאָצק.

וואלף פייקא

פלאָצק אין יאָר 1938

פלאָצק איז גראָדע געווען איינע פון די געציילטע שטעט אין פוילן, וואָס האָט א צייט לאַנג אויסגע־מיטן די כוואַליע פון אנטיסעמיטיזם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1933. ביז 1938, איז פלאָצק אָפּגעקומען מיט קליינע אינצידענטן און איינצלנע כוליגאַנישע איבערפאַלן אויף אידן. ערשט אין 1938 האָבן די פלאָצקער „ענדעקעס" ארויסגעגעבן א שווארצע ליסטע פון די קריסטלעכע איינוואוינער, וועלכע קויפן אין אידישע געוועלבן. נאָך דעם האָבן די אידישע קליינהענדלער באַלד אָנגעהויבן דער־פילן, אז מ'רייסט זיי ארויס דעם ביסן ברויט פון מויל. די מער פארמעגלעכע האָבן זיך געמוטשעט, די אָרימערע קלייטניקטעס האָבן געמוזט אָנקומען צו דער „גמילת־חסד־קאסע". פיל געוועלבן האָבן זיך פארמאכט און א גרויסע מאסע האָט אָנגעהויבן אויסקוקן דאָס באַקומען שטיצע פון דער גמינע. אין 1938 זיינען מער ווי 1000 אידישע פאַמיליעס אָנ־געקומען נאָך הילף.

א באַזונדער קאַפּיטל האָבן מיט זיך פאָרגע־שטעלט די מארק-הענדלער. די לעצטע האָט מען באַזאָרגט מיט בודקעס, וואָס זאָלן ניט קענען אַזוי שנעל צעבראָכן ווערן פון די פּאָגראָמשטשיקעס. אין טייל מאָמענטן האָט זיך דער מארק־הענדלער פארשלאָסן אין דער בודקע און מורא געהאט אַרויס צוגיין, ווייל ס'האָט אים געדראָעט אַן איבערפאַל. אין חודש אַפּריל פון דעם אויבנדערמאַנטן יאָר, זיינען ביי יעדער אידיש געוועלב אין פלאָצק גע־שטאַנען פּיקעטניקעס און נישט געלאָזט, אז קריסטן זאָלן אריינגיין קויפן. און אויב א פּאָליאַק איז יאָ אַריין אין א אידיש געוועלב עפּעס קויפן האָבן זיי אים נאָכגעשריען: דער חזיר האָט געקויפט ביי א איד און אז ער, דער פּאָליאַק, רואינירט פוילן.

כדי צו שילדערן, וואָס עס מיינט א פּיקעט, וועל איך ציטירן פון דער ווארשעווער „נייע פאָלקס־צייטונג" א פראַגמענט פון אַן ארטיקל, וואָס עס האָט געשריבן דער פּוילישער שרייבער ווינצענטי זשימאָווסקי, וועגן דער ענדעקישער בויקאָט־אַקציע:

„אונטער דעם צעגליטן הימל פון די לעצטע הייסע זומער־טעג און אונטער די כמורנע שאָטנס פון די ערשטע הארבסט־טעג שפּאַצירט ארום איבער דעם שטאָטישן אספאַלט אָדער קליינשטעטלדיקן ברוק א פּיקעט, וואָס באַ־שטייט פון עטלעכע מענטשן באַוואָפנטע מיט שטעקנס און קאַסקעטן. זאָלן זיי נאָר באַמערקן א דורכגייער, בפרט — אין א ספּודניצע, וואָס קוקט זיך צו מיט נייגעריקייט צו די אויסשטע־לונגען פון די געוועלבער, אָבער אינטערעסירט זיך נישט מיט זייער רעליגיעזער מעטריקע — און שוין נעמען זיי אים אונטער אָבסערוואַציע. אויב די וואָרענונג דורך א וואונק איז נישט גע־נוג, אָדער שטויסט זיך אָן אויף א ווידערשטאַנד, דאַן גייט דער פּיקעט איבער צו ווערטער, און פון ווערטער — צו אַקטיווע סאַנקציעס, וואָס גרייכן פון א גוט-ברודערישן שטורך אין דער זייט, ביז צו א קלאַפּ מיט דעם דעמבענעם שטעקן איבערן קאָפּ...

„וואו מען ריכט זיך אויף הכנסות, מוז מען, פארשטייט זיך, זיין גרייט אויך אויף הוצאות. עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער, אז די פּיקעטן, וואָס דאַרפן שטיצן דעם קריסטלעכן האַנדל, ווערן אויסגעהאַלטן פון די סוחרים־פארבאַנדן, פאַר וועלכע זיי גאַראַנטירן די מאָ־נאָפּאָל־שטעלונג. די, וואָס שטעלן אוים אין זייע־

רע שוי־פענצטער די הייליקע בילדער, זיינען דאָס פון איין חדר מיט יענע, וואָס שטעלן אוועק די פּיקעטן מיט די שטעקנס אויף די גאַסן־ראָגן.

„די ענדעקעס, וואָס פארנעמען פּאָסטנס אין דער פארטיי, ווילן זיך נישט באַפלעקן דורך דעם דינסט אין די פּיקעטן. אויך די גרויע פארטיי־מיטגלידער איילן זיך נישט צו דעם... דער עלע־מענט, וואָס באַשטייט אויף ענדעקישע באַדינ־גונגען און אויף דעם געווער, וועלכן מען גיט אים אין האַנט אריין, דאָס איז געוויינלעך — דער־לומפּן-פּראָלעטאַריאַט, וואָס פילט נישט קיין מאָראַלישע טאָרמאָזירונג און האָט גאָרנישט צו פארלירן. אָט צו אַזעלכע מענטשן גיבן איבער די ענדעקעס זייערע קאַמפּס־צייכנס. אָט די מענטשן, וואָס ווערן ארויסגעשלעפּט פון דער גרענעץ פון אונטערוועלט, באַוואָפענען זיי צו די אוואַנטורעס, כדי דורך די אוואַנטורעס אויס־צובילדן פון זיי די באַנדיטן צו דער דיספּאָזיציע פון די קומענדיקע דאָבשינסקיס.

„דער ענדעקישער פּיקעט באַהאַלט דאָס גע־ווער. אָבער די אידעאָלאָגיע זיינע ליגט ער אני־דער ביי דער שוועל פון אידישן קראָם."

ציטירנדיק וו. זשימאָווסקיס ארטיקל „שטייט אַן ענדעק אויף פּיקעט", האַלט איך אויך פאַר וויכטיק איבערצוגעבן אייניקע שורות פון א קאָרעספּאָנדענץ פון סטאָק, וואָס געפינט זיך אין זעלבן נומער „נייע פאָלקס צייטונג" און איז א דערגענצונג צו דעם, וואָס איך וויל זאָגן:

„נישט געקוקט אויף דער מוראדיקער פּאַניק, וואָס ס'האָט באַהערשט די אידישע באַפעלקע־רונג צוליב די עקסצעסן פון מאָנטיק, דעם 23-טן, האָבן די אידישע הענדלער מאָנטיק, דעם 29־טן אויגוסט, באַלד פרי געעפנט די קראָמען און אויפגעשטעלט די סטראַגאַנעס אויף דעם מארק. אויך די הענדלער פון ווענגראָוו זיינען געקומען. נאָר צוליב דעם רעגן, וואָס ס'האָט געגאָסן פון גאָר פרי זיינען די פּויערים פון די ארומיקע דערפער געקומען אין א קלענערע צאָל.

„צען פרי האָט אריינמארשירט א גרופּע מונ־דירטע לייט אין גאַס און אָנגעהויבן פאַנאַנדער־טיילן צווישן די פּויערים העץ-אויפרופן צו בוי־קאָטירן אידן. די נאַרא־לייט זיינען געווען גרע־סער אין צאָל ווי יענעם מאָנטיק. זיי זיינען אריין אין די בעקערייען, קראָמען און יאַטקעס און ארויסגעשלעפּט די קריסטלעכע קונים, האָבן



דענקמאָל אין פלאָצק, לכבוד דעם אומבאַקאַנטן זעלנער

די פּויערים אויף דעם מארק מוראדיק טעראָ־ריזירט.

„די נאַרא־לייט האָבן זיך מיט דעם בלויזן בויקאָט ניט באַגנוגנט. זיי האָבן אויפגעפּאָדערט אַלע אידישע הענדלער אראָפּצונעמען די סחורה פון מארק."

און איצט לאָמיר ווידער דערציילן וועגן פלאָצק.

עס איז אָנגעקומען דער „מארק־טאָג" פון ערב פּסח, זיינען דאַן אָנגעקומען דריי הונדערט סטו־דענטן פון פּויזן כדי צו מאַכן „אָרדנונג" אין פלאָצק. די ענדעקישע סטודענטן האָבן פראַנק און פריי מארשירט און געוואָרפן די געמיינסטע אויפ־רופן קעגן אידן. ביים פלאָצקער פאַבריקאַנט מאַר־גוליעס האָבן זיי מיטיק-צייט אָנגעהויבן א געשלעג. די אידישע און פּוילישע ארבעטער זיינען אָבער גע־ווען אָרגאַניזירט און צוגעגרייט. דער געמיינזאַמער קאָמיטעט פון „בונד" און פּ. פּ. ס. האָבן ביים „סטאַראָסטאַ" געפּאָדערט אולטימאַטיוו, אז ער זאָל אראָפּנעמען די סטודענטן פון די פלאָצקער גאַסן, ווייל ס'קאָן קומען צו א שוידערלעכער שחיטה. אַדאַנק די פריינט: ציפּעריאַן, זילבערבערג, בור־שטין, פלידערבלום און קעמטשינסקי איז אויסגע־מיטן געוואָרן א בלוטיקע שלאַכט. די פּאָליציי האָט די ענדעקישע סטודענטן אראָפּגעטריבן פון די גאַסן און מיר האָבן געהאַט א רואיקן פּסח...

נאָך פּסח איז דער קאַמפּיין קעגן אידן אויפסניי אָנגעהויבן געוואָרן. מ'האָט מורא געהאַט צו גיין אין גאָרטן אריין. אָט וועל איך פארצייכענען א פאַל, וואָס איז פארגעקומען אויף שיענקעוויטשע־

גאס. דעם אייזן-הענדלער דוד אייזנבערגס טאָכטער איז געזעסן נעבן געוועלב און א פוילישע דינסט האָט געניאַנטשעט דאָס אידיישע קינד. זיינען דורכגעגאַנגען פוילישע פרויען, האָבן זיי איר געזידלט פאר וואס זי דינט ביי אידן. מיט דעם זידלען זיינען די צוויי פוילישע פרויען אויסן געוועזן ארויסצורופן א קריגעריי, וואָס זאָל זיך ענדיקן מיט א געשלעג. די אטמאָספערע איז געווען אָנגעגליט און פול מיט שנאה.

מיין קינד איז געשטאַנען נעבן הויז, וואו איך האָב געוואוינט, איז דורכגעגאַנגען א פּאָליאַק, זאָגט ער צום קינד: קום וועל איך דיר באַגראָבן!

עס איז שווער און פיינלעך אלץ צו פארצייכענען, עס דערמאַנט זיך אָבער פאָרט.

א וויסטע און פינצטערע העצע האָבן די פּאָליאַקן געפירט קעגן באַקאַנטן ריכטער אין פלאָצק טשיכאַצקי, וואָס האָט זיך געחברט מיט אידן, ביז מ'האָט אים באַזייטיקט פון אמט. מיט שטאַרקע אָנגריפן זיינען די אנטיסעמיטן ארויסגעטראָטן קעגן א גוט-באַזיצער פון אונזער שטאָט פאר וואָס ער האָט צו זיך פארבעטן דעם באַרימטן פוילישן פּאָעט דעם איד יוליאַן טובים.

ענטפערן א פּאָליאַק, ווי עס האָט זיך געפאָדערט האָט געדראָט מיט א שטראָף פון זעקס חדשים פאר „באַליידיקן" דאָס פוילישע פאָלק. אידן אין פלאָצק האָבן זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט פאר קיין שום שטראָף.

מיר האָבן איבערגעלעבט מוראדיקע און פיינלעכע טעג. עס איז געווען א געפאר צו גיין אין גאס, ווייל מ'איז איבערגעפאלן געוואָרן. ווען מ'איז אָנגעפאלן א איד האָט די פּאָליציי זיך ניט ווייסנדיק געמאכט. אונזער לעבן איז געווען הפקר און אומעטום איז געווען פארמאכטע טירן.

איך האָב געוואָלט ארויספאָרן קיין אויסלאַנד, צוריקפאָרן קיין ארגענטינע, האָט מען מיר געהייסן איינלייגן גרויסע סומעס געלט. מיין „סערולא", וואָס כ'האָב אין 1928 ארויסגענומען אין ב. איירעס האָט מיר אָבער ניט געלאָזט רוען, באַזונדערס מיין פרוי און מיין מאַמע, האָבן מיר ממש געטריבן.

— פאָר זיך ראַטעווען און דערנאָך וועלן מיר קומען — האָבן זיי זיך ביי מיר געבעטן.

ווי־זשע נעמט אָבער א אידישער ארבעטסמענטש אין פלאָצק טויזנט זלאָטעס אויף רייזע־הוצאות. ווייל איך טאַקע ביי דער געלעגנהייט באַדאַנקען דעם שרייבער מארק טורקאָוו און אונזער פלאָצקער, דעם שרייבער פנחס שווארץ, וועלכע האָבן מיר מיטגעהאָלפן ארויסצופאָרן פון פוילן.

לעבן אין פוילן אין 1938 איז פאר אונז אידן געווען אויסערגעוויינלעך ביטער, אָבער ווער האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אז מיר וועלן דאָרט פארטיליקט ווערן דורך „פייער און שווערד".

פלאָצק שטייט מיר פאר די אויגן און גיט מיר קיין רו נישט. לעבט נאָך ווער דאָרטן? וואו איז ערגעץ מיין פרוי, מיין מאַמע, מיין קינד און אלע מיינע נאָענטע, וואָס האָבן צעפייניקטע מיר געפירט צום באַן, ווען איך האָב אין 1938 פארלאָזט פלאָצק.

מ. לאַטענבערג

זעקס יאָר טעטיקייט פון פלאָצקער ל. ל. פאריין אין ארגענטינע

די עמיגראַציע פון פלאָצק קיין ארגענטינע ציילט שוין קרוב דרייסיק יאָר. יענע פלאָצקער אידן האָבן זיך אָבער נישט פארגעשטעלט, אז ארגענטינע וועט ווערן א קרעפטיקער אידישער ישוב און אז פלאָצקער אידן וועלן זיין אין ב. איירעס ביי די אכציק פאמיליעס און זיי וועלן זיין פאראייניקט און האָבן אַן אייגענעם פאריין. אין גרעסטן טייל האָבן די ערשטע פלאָצקער, וואָס זיינען געקומען קיין ארגענטינע — געחלומט פון פאָרן קיין נ. אמעריקע, אָדער גאָר פון צוריקפאָרן קיין פוילן, ממילא האָבן זיי נישט געקאָנט טראַכטן פון שאפן אַן אייגענע אינסטיטוציע.

אין די יאָרן 1924-25 און ווייטער, זיינען אָבער געקומען פון פלאָצק א גרעסערע צאָל אקטיווע יונגעלייט, וואָס האָבן אין דער אלטער היים געלעבט א הויך אנטוויקלט געזעלשאפטלעך לעבן; מענטשן וואָס האָבן געהאַט אונטער זיך אָנגעהעריקייט צו פארטייען, פאריינען, קולטור אָרגאַניזאַציעס א.א.וו. די דאָזיקע „גרינע" האָבן אָנגעהויבן זיך באַמיען, אז ס'זאָל געשאפן ווערן א פאריין פון אונזערע פלאָצקער לאַנדסלייט.

ערשטנס, האָבן די ניי געקומענע געזוכט סביבה און צווייטנס, האָט מען געוואָלט אָנהאַלטן פארבינדונג מיט דער אלטער היים.

אמת, קיינער פון אונז איז נישט אוועקגעפאָרן פאר נחת. יעדן פון אונז האָט געדריקט שווערע באַדינגונגען און עקאָנאָמישע אויסזיכטלאָזיקייט. די פארבינדונג מיט דער אלטער היים, איז אָבער נישט איבערגעריסן געוואָרן.

דאָס פאקטישע גרינדן דעם פאריין איז אייגנטלעך פארבונדן מיטן טויט פון אונזער לאַנדסמאַן שמואל פאליך. ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער לויה האָבן מיר א גרופּע באַשלאָסן צו גרינדן א פלאָצקער ל. ל. פאריין אין ב. איירעס. דעם 10־טן נאָוועמבער 1939, האָבן זיך אין הויז פון נ. לערמאַן פארזאמלט: מ. מאַגנעס, ב. פלאָמניק, ל. לערמאַן, מ. סאַטענבערג און נאָך א לענגערע דיסקוסיע איז אויסגעקליבן געוואָרן א פּראָווויזאָרישע קאָמיסיע אין פאָלגנדן צוזאַמענשטעל:

מ. מאַגנעס — סעקרעטאַר, ס. לעבגאַט — קאַסיר, נ. לערמאַן און מ. לאַנטענבערג אלס אָרגאַניזירער. די אָרגאַניזיר ארבעט איז געפירט געוואָרן זייער אינטענסיוו און מיר האָבן אונזערס דערגרייכט: ס'איז דורכגעפירט געוואָרן דער ערשטער פאריינס יום טוב.

אין הויז פון י. סטראַך זיינען זיך צוזאַמענגעקומען כמעט אלע פלאָצקער, וואָס מיר האָבן באַזוכט. ביי שיין געדעקטע טישן האָבן מיר איינטים און הארציק פארבראַכט. מ'האָט זיך דערמאָנט די אלטע היים און זיך געטיילט מיט איך בערלעבונגען פון דער נייער־היים און ס'איז ביין דעם יום טוב געשאפן געוואָרן די באַזע פאר אונזער פאריין. צום סוף פון דער פייערונג איז דערוויילט געוואָרן א פּראָוויזאָרישע קאָמיסיע אין פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל: ב. קאַריטא — פאָרזיצער, ב. פלאַמניק — סעקרעטאַר, י. סטראַך — קאַסיר. אלס וואָקאַלן: מ. מאַגנעס, נ. לערמאַן, ל. לערמאַן, א. אָגורעק און ס. לעבגאַט.

אין יאנואר 1940 איז פאָרגעקומען אן אלגע־מיינע מיטגלידער פארזאמלונג, וואו ס'איז באַשטימט געוואָרן, אז דער פאריין זאָל טראָגן דעם נאָמען: „פלאָצקער לאנדס־לייט פאריין אין אר־גענטינע". אויף דער פארזאמלונג איז דערוויילט געוואָרן א קאָמיסיאָן דירעקטיווע פון פאָלגנדיקע מיטגלידער: ס. פענכערעק — פרעזידענט, י. פזשעוואזשניאק — וויצע פרעזידענט; סעקרעטאר — ב. פלאמניק, פראָ סעקרעטאר — ה. קאָסאָי;

א יום־טוב פון פלאָצקער ל. ל. פאריין

קאסיר — מ. מארקאָוויטש, פראָ קאסיר — מ. זיגער. אלס וואָקאלן: ל. לערמאן, ס. לעבגאט, אָגר־רעק, ש. פאלוך, גרושקא און אלס רעכענונגס־אי־בערזעער: נ. לערמאן און מ. מאגנעס.

ביי דער ערשטער קאָנסטיטואירונג־זיצונג איז באלד באשלאָסן געוואָרן צו דינגען א לאָקאל און אזוי איז טאַקע געווען. אין געציילטע וואָכן ארום איז פאָרגעקומען דער דערעפענונג אקט פון פא־ריינס לאָקאל, וואָס איז פארוואנדלט געוואָרן אין א זייער דערהויבענעם קולטור יום־טוב.

מיט עטלעכע חדשים שפעטער, האָט די קאָמי־סיאָן אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון מ. מאגנעס צו גרינדן א ליי קאסע ביים פאריין.

מיטן גרינדן די ליי־קאסע הויבט אָן די ארבעט ביים פאריין אויסגעברייטערט צו ווערן. אין אל־געמיין ווייזט זיך ארויס, אז דאָס ארויסגעבן הלוואות פאר ניט פארמעגלעכע פאריינס־מיטגלי־דער איז געווען א גרויסע נויטווענדיקייט. אין זעלבן פעריאָד פירט די פארוואלטונג אדורך פאר־שידענע אקטן און אונטערנעמונגען. א וויכטיקע געשעעניש אין אונזער פאריינס לעבן איז געווען דאָס באשטימען צו שאפן א הילפס־פאָנד פאר אונזער חרוב געוואָרענע היים־שטאָט: פלאָצק.

מיטן אויסברוך פון דער איצטיקער וועלט מלחמה, האָבן מיר טאָג טעגלעך געהערט וועגן אונזערע פליכטן לגבי אונזערע שוועסטער און ברידער. פוילן איז אָקופירט געוואָרן פון די נא־

פלאָצקער פאמיליעס זיינען זיך משמח

דאמען־קאָמיסיאָן ביים פלאָצקער ל. ל. פאריין

צים און אונזערע אייגענע־זיינען־געפייניקט און געמאָרדעט געוואָרן.

אין דער אקציע, וואָס ס'איז געפירט געוואָרן צו שיקן אנטי־טיפוס איינשפּריצונגען האָט זיך אונזער פאריין גאָר אקטיוו באטייליקט. שפּעטער איז די הילפס־ארבעט נאָך מער אויסגעברייטערט געוואָרן און ס'איז געשאפן געוואָרן א געמיינזאַמער הילפס־קאָמיטעט פון פּלאָצקער, פּלאָנסקער, מלאווער און נאָווידוואָרער ל. ל. פאריין, וואָס

ק. ד. פון פּלאָצקער ל. ל. פאריין אין די יאָרן 42 - 1941, אונטער דער פּרעזידענץ פון מ. מאַרקאָוויטש

האָט אָנגעפירט א גאָר אקטיווע ארבעט. אויסער די אלגעמיינע הילפס־אקציעס, מוז די אָנפירונג פון פאריין אין זינען האָבן, אז מ'מוז מיטהעלפן א רייע מיטגלידער מיט זייערע פאמיליעס.

עס איז געשטאָרבן אונזערס א לאנדסמאן און ער האָט איבערגעלאָזט זיין פרוי און קינדער אָן מיטלען צום לעבן, האָט דער פאריין געטון אלעס, וואָס מעגלעך, די פרוי איינצואָרדענען.

אונזער פאריין באמיט זיך זיין ארבעט אויסצוברייטערן. ווען ס'איז נאָר מעגלעך ווערן איינגעאָרדנט יום טובים, טעאַטער־אונטערנעמונגען און קולטור־אקטן. אונזער פאריין שליסט זיך אָן אין אלערליי אקטן און גיט אויך זיין ביישטייערונג אין יעדן פאל באזונדער, לויט די מאטעריעלע מעגלעכקייטן פון דער פאריינס־קאסע.

ביי אלע אקציעס און קאמפּיינען, וואָס אונזערע היגע ל. ל. פאריינען פירן דורך נעמט אונזער פאריין אן אקטיוון אנטייל, אין דער אָנפירונג פונם צענטראל־ראט פון פּוילישע אידן האָבן מיר אונזערס א פארטרעטער.

נישט אלץ, וואָס מיר וואָלטן געוואָלט דורכפירן איז מעגלעך צו דערגרייכן, ווייל נישט אלע פּלאָצקער, וואָס וואוינען אין ב. איירעס זיינען אקטיווע פאריינס מיטגלידער.

איצט ביים פייערן דעם 6־טן אניווערסאר פון אונזער פאריין, גיבן מיר ארויס אן אייגענעם אל־מאנאך, געווידמעט אונזער חיים־שטאָט פּלאָצק. די ארבעט רופט ארויס ביי די מיטגלידער א גאָר גרויסן אינטערעס. וואָרום, מיר פּלאָצקער אין ארגענטינע גיבן דאָ צום ערשטן מאָל ארויס אן אייגענע אויסגאַבע. דער מאָמענט איז דעריבער זייער א פייערלעכער. פון דער צווייטער זייט פארגעסן מיר אָבער נישט אין וואָס פאר א צייט מיר לעבן, וואָס פארא אויפגאַבן מיר האָבן צו דערפילן.

און איצט וועגן אונזער ארבעט אין דער לעצטער צייט.

ביי דער אנוועזנהייט פון כמעט אלע מיטגלידער איז דעם 16־טן אפּריל 1944, פאָרגעקומען די אלגעמיינע פארזאמלונג אויף וועלכער ס'איז באשלאָסן געוואָרן אויסצוברייטערן די ארבעט אויף אלע פאריינס געביטן. אויף דער זעלבער פארזאמלונג איז אונזער מיטגליד ה' ישראל שרייבער הלוי באשטימט געוואָרן אלס ערן־פּרעזידענט פון אונזער פאריין.

דער אויבנאָן ביים יום־טוב, לכבוד דאָס דערעפענען די ביבליאָטעק

דעם 16־טן יוני איז פאָרגעקומען א פאמיליען־טיי געווידמעט אונזער חשובן ערן־פּרעזידענט. ביים דאָזיקן יום־טוב איז געוואָרפן געוואָרן א לאָזונג: שאפן א קולטור־ווינקל און גרינדן א ביבליאָטעק.

דער ערן־פּרעזידענט האָט געשאָנקען א גרויסע צאָל ביכער און ביים פאריין איז דערעפנט געוואָרן א ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון זיין פארשטאָרבענער פרוי אסתר הלוי.

דעם 16־טן יולי איז פאָרגעקומען די פייערלעכע דערעפענונג צו וועלכער עס זיינען געקומען די מיטגלידער מיט זייערע פאמיליעס, געסט און פאָרשטייער פון געדרוקטן וואָרט. דער כבוד צו דערעפענען די ביבליאָטעק איז צוגעטיילט געוואָרן דעם שעף־רעדאקטאָר פון „די פּרעסע" ה' פּיניע קאַץ.

———

א גאָר פייערלעכער מאָמענט אין לעבן פון אונזער פאריין איז געווען די אויפנאַמע פון פּ. קאַץ אלס ערן־מיטגליד פון אונזער פאריין אין וועלכן ס'איז געקומען צום אויסדרוק די אנערקענונג פאר זיינע קולטור־לייסטונגען אין דער אידישער געזעלשאפט. ביי דעם פאָרגעקומענעם פייערלעכן אקט האָט דער ה' פּ. קאַץ צווישן אנדערעס געזאָגט:

„איך געהער צו אלע שיכטן, אָבער איך בין שטאָלץ, וואָס איך בין געוואָרן א פּלאָצקער, איך זוך צו מיטארבעטן אויף אלע געביטן פון קולטור־ארבעט ביים פאריין".

———

זייער אינטענסיוו איז איצט די ק. דירעקטיווע צוזאמען מיט דער פרויען־קאָמיסיע ביים טון

הילפס־ארבעט פאר דער אלטער היים. ערשטנס, איז באשטימט געוואָרן, אז אלע פארדינסטן פון די פאריינס אונטערנעמונגען גייען פארן הילפס־קאמפיין צו שאפן צען טויזנט פעזעס. חוץ דעם געלט־קאמפיין ווערט אויך געפירט אן אקציע פאר קליידער און וועש פאר די לעבנגעבליבענע אידן אין דער אלטער היים.

די לייי־קאסע ביים פאריין פונקציאָנירט נאָר־מאל, אלע ווענדונגען פון אונזערע מיטגלידער ווערן דערליידיקט אויפן בעסטן אופן.

מיר אידן ווארטן מיט אומגעדולד אויף דעם אומקום פון אונזערע שונאים. און ווען אונזער אלטע היים וועט באפרייט ווערן פון די נאַצים, וועלן מיר מוזן זיין גרייט צו העלפן צוריק אויפ־צובויען דאָס דאָרטיקע אידישע לעבן און צו ראטעווען אונזער נאָענטע און אייגענע אין אונזער אל־טער היים־שטאָט: פּלאָצק.

ערן־מיטגלידער אין פלאָצקער ל״ל פאריין אין ארגענטינע

פיניע קאַץ
שעף־רעדאַקטאָר פון „די פרעסע״


ישראל שרייבער הלוי
ערן־פרעזידענט

דער שרייבער פנחס שווארץ

קינסטלערן בערטא זינגערמאַן

שלמה גרינשפאַן

די קאמיסיאן דירעקטיווע אין איצטיקן
און מיטגרינדער פון פלאצקער

ש. בריימאן
קאסיר

מ. לאטענבערג
פרעזידענט, מיטגרינדער פון פא־
ריין און מיטגליד אין בוך־קאמיסיע



ה. קאסאי
סעקרעטאר און פארוואלטער



מ. שמיגא
וואקאל און מיטגליד אין
בוך־קאמיסיע



א. קולפאס
וויצע־פרעזידענט



א. קאסאי
פרא־סעקרעטאר

פעריאד, צוזאמען מיטן יובילי־קאמיטעט
לאנדסלייט פאריין אין ארגענטינע



י. סטראך
וואקאל

י. איצקאוויטש
וואקאל



י. גאלדבערג
וואקאל

י. גרושקא
רעכענונג־איבערזעער



פ. קאפיטא
וואקאל

א. גראסבערג
רעכענונג־איבערזעער

יובילײ־קאמיטעט

נ. לערמאן
קאסיר, מיטגרינדער פון פאריין

א. דרעווינקא
פארזיצער און מיטגליד אין רעד. קאלעגיום פון בוך

מ. מאגנעס
סעקרעטאר, מיטגרינדער פון פא־ריין, עקס וויצע פרעזידענט

ס. לעבגאט
וואקאל, מיטגרינדער פון פאריין

לוי לערמאן
מיטגרינדער פון פאריין



י. פשעוואזשניאק
וואקאל, עקס וויצע פרעזידענט

מיטגלידער, וועלכע האבן פארנומען פארשידענע אמטן אין דער אנפירונג פון פלאצקער ל״ל פאריין אין ארגענטינע

אין יאר 1939

פרעזידענט — — —	ש. פענכערעק
וויצע „ — — —	כ. פשעוואזשניאק
סעקרעטאר — — —	ב. פלאמניק
פרא „ — — —	ה. קאסאי
קאסיר — — — —	כ. יעשאן
פרא „ — — — —	מ. זיגער
וואקאלן — — — —	נ. לערמאן
„ — — — —	מ. מאגנעס
„ — — — —	ל. לערמאן
רעכענונג־איבערזעער —	ס. לעבגאט
„ „ —	א. אגורעק

אין יאר 1940

פרעזידענט — — —	ש. פענכערעק
וויצע „ — — —	י. סטראך
סעקרעטאר — — —	ה. קאסאי
פרא „ — — —	מ. לאטענבערג
קאסיר — — — —	כ. יעשאן
פרא „ — — — —	מ. שילד
וואקאלן — — — —	א. קולפאס
„ — — — —	י. קאהן
„ — — — —	וו. פייקא
„ — — — —	י. גרושקא
„ — — — —	ש. בריימאן
„ — — — —	ל. לערמאן
רעכענונג־איבערזעער —	נ. לערמאן
„ „ —	מ. מאגנעס

אין יאר 1941

פרעזידענט — — —	מ. מארקאוויטש
וויצע „ — — —	י. סטראך
סעקרעטאר — — —	ה. קאסאי
פרא „ — — —	מ. לאטענבערג
קאסיר — — — —	מ. זיגער
פרא „ — — — —	מ. שילד
וואקאלן — — — —	א. קולפאס
„ — — — —	ש. גאלדבערג
„ — — — —	וו. פייקא
„ — — — —	ש מ. בריימאן
רעכענונג־איבערזעער —	נ. לערמאן
„ „ —	מ. מאגנעס

אין יאר 1942

פרעזידענט — — —	מ. מארקאוויטש
'ויצע „ — — —	מ. מאגנעס
סעקרעטאר — — —	ה. קאסאי
פרא „ — — —	מ. לאטענבערג
קאסיר — — — —	מ. זיגער
פרא „ — — — —	מ. שמיגא
נואקאלן — — — —	פ. קאפיטא
„ — — — —	וו. פייקא
„ — — — —	ש. אגורעק
„ — — — —	ש. ברײמ.ן
„ — — — —	ש. גאלדבערג
רעכענונג־איבערזעער —	י. גרושקא
„ „ —	א. גראסבערג

אין יאר 1943

פרעזידענט — — —	מ. לאטענבערג
וויצע „ — — —	מ. מאגנעס
סעקרעטאר — — —	ה. קאסאי
פרא „ — — —	צ. אגורעק
קאסיר — — — —	וו. פייקא
פרא „ — — — —	ש. בריימאן
וואקאלן — — — —	פ. קאפיטא
„ — — — —	ס. לעבגאט
„ — — — —	ש. אגורעק
„ — — — —	מ. שמיגא
„ — — — —	א. פייקא
רעכענונג־איבערזעער —	א. גראסבערג
„ „ —	י. גרושקא

י. ה.

די פלאַצקער אין בוענאָס איירעס

ווען זיינען די פלאָצקער אַהער געקומען און וויפל פלאָצקער אידן געפינען זיך אין ב. איירעס? און איצט אַ דריטע און גאָר וויכטיקע פראַגע: מיט וואָס באַשעפטיקן זיך די פלאָצקער אין בוענאָס איירעס?

ווען כ'האָב פאַרלאַנגט ביי די פלאָצקער אַן ענטפער אויף די דריי געשטעלטע פראַגעס, האָבן זיי געצויגן מיט די אַקסלען און געזאָגט: לאָזט עס אָפּ. איך האָב זיך אָבער אַביסל איינגעשפּאַרט און דורכאויס ביי זיי פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן מיר מיטהעלפן אויסגעפינען די נויטיקע דאַטעס.

— איר פאַרשטייט — מיר זיינען דאָך נאָך אַביסל „גרין״ — נאַט אייך אַן אַדרעס פון אונזערס אַ לאַנדסמאַן, וועלכער רעכנט זיך פאַרן ערשטן פלאָצקער אין ב. איירעס און זאָל ער אייך דערציילן. קורץ: איך בין אוועק צו דעם פלאָצקער און ער האָט מיר גלייך געזאָגט, אַז ער געפינט זיך שוין אין לאַנד 36 יאָר.

— זענט איר זיכער, אַז איר זענט דער ערשטער פלאָצקער, וואָס איז געקומען קיין ב. איירעס?

— וואָס הייסט צי איך בין זיכער — גיט ער מיך אַ פרעג און באַלד האָט ער אָנגעהויבן ריידן:

ווען איך בין מיט 36 יאָר צוריק אַהער געקומען, האָב איך דאָ ניט געהאַט קיין איין פלאָצקער. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ערב 1914 און דער עיקר: נאָכן 1920־טן יאָר האָבן איצט אָנגעהויבן אַהער קומען אידן פון פלאָצק. כדי געוואויר צו ווערן וויפל פלאָצקער עס געפינען זיך אין ב. איירעס, האָב איך שוין נישט געדאַרפט, אַז דער לאַנדסמאַן זאָל מיר ענטפערן, ווייל אין מיטגליד בוך פון פלאָצקער ל״ל פאַריין, זיינען פאַרשריבן אַלס מיטגלידער אַלע פלאָצקער, וואָס וואוינען אין ב. איירעס. נאָך מער: דער ל״ל פאַריין האָט אפילו אַלס מיטגלידער 5 לאַנדסלייט, וואָס וואוינען אין מאָנטעווידעאָ, זיי נעמען מיר אָבער נישט אַריין אין חשבון.

— וויפל ציילט זשע די פלאָצקער משפחה אין ב. איירעס — האָב איך געפרעגט דעם סעקרעטאַר פון פאַריין און ער האָט מיר גלייך געענטפערט: 71. דאָס איז די מיטגלידערשאַפט און דאָס איז אונזער גאַנצע משפחה.

אָט אַזוי ביסלעכווייז, האָב איך אָנגעהויבן צוזאַמענשטעלן שיעור נישט אַ קליין אַנקעטעלע. ווען יעדער מיטגליד איז געקומען אין לאַנד אַריין און דער עיקר: מיט וואָס פאַרנעמען זיך און ביי וואָס באַשעפטיקן זיך די פלאָצקער אין ב. איירעס?

מיר שרייבן דאָ נישט די געשיכטע פון די פלאָצקער אין אַרגענטינע, דאָס וואָס מיר זיינען אויסן איז אַרויסצובריינגען מיט וואָס די פלאָצקער אין ב. איירעס באַשעפטיקן זיך.

האָבן די פלאָצקער, קומענדיק קיין אַרגענטינע, אוועקגעוואָרפן זייערע פאַכן פון דער אַלטער היים, אָדער זיי געבן זיך אָפּ אין דער נייער היים מיט דער זעלבער פּראָפעסיע? נאָר צו וואָס שטעלן פראַגן, אַז דער ענטפער ליגט אויבן אויף:

שניידער	30
קוענטעניקעס	3
הויזבאַזיצער	1
סוחרים	9
מאַלער	2
גלאָז־געשעפט	1
שטריקער	1
לערער	1
סטאָלער	5
טאַפּעצירער	1
מעבל - פאַבריקאַנטן	4
בעקער	2
טאָקער	1
פריזירער	2
וועבער	1
שיך־געוועלבן	2
עלעקטרי	2
שלאָסער	1
היטלמאַכער	1
צושניידער	1
צוזאַמען — — — — — —	71

פון צווישן אַלע אויסגערעכנטע 71 מיטגלידער, זיינען פאַראַן 6 לוין־אַרבעטער און די איבעריקע פירן זעלבסטשטענדיקע אונטערנעמונגען.

די 6 לוין־אַרבעטער זיינען: 1 היטלמאַכער, 1 צושניידער, 1 שטריקער, 2 סטאָלער און 1 וועבער. וואָס עס וואַרפט זיך אין אָט דעם קליינעם אַנקעטעלע שטאַרק אין די אויגן איז, אַז די גרעסטע צאָל פלאָצקער האָבן נישט געביטן זייערע פּראָפעסיעס פון דער אַלטער היים. ערשטנס, די גרויסע צאָל שניידער. און שניידעריי האָט זיך קיינער פון די פלאָצקער נישט אויסגעלערנט אין דער נייער היים. דאָס זעלבע סטאָלעריי. אויך די, וואָס שטייען מיט שיך געוועלבן זיינען נישט געקומען צופעליק צו דער דאָזיקער באַשעפטיקונג, נאָר זיי זיינען אין דער אַלטער היים געווען באַשעפטיקט אין דער לעדער בראַנזשע. דאָס וויל זאָגן, אַז סאָציאַל שטאַרק איבערגעקאָכט האָבן זיך נאָך אונזערע פלאָצקער נישט. אמת, די גרעסטע טייל פון זיי מאַכן אַ פיינעם לעבן און זיינען געגאַנגען פאָרויס אין פאַרגלייך מיטן לעבן אין דער אַלטער היים. אָבער אויב אַ גרויסע טייל, וואָס איז באַשעפטיקט ביי שניידעריי מוזן נאָך לויפן אין די קלייטן, אָדער קאָאָפּעראַטיוועס נאָך אַרבעט, האָט זיך זייער סאָציאַלע פּאָזיציע אַזוי שטאַרק נאָך ניט געביטן, און דאָס רופט זיך אָפּ אויף זייער גאַנצן לעבנס־אַרט.

די גרעסטע טייל פלאָצקער, זיינען נאָך אין מיטעלן עלטער, אַזוי אַז דער ווילן זיך אַרויפצואַרבעטן ברענט נאָך שטאַרק.

ב. וו. פלאַמניק

איינער פון די פּיאָנערן פון אונזער פאריין

ברוך וואָלף פלאמניק איז געבוירן אין פלאָצק אין יאָר 1903 ביי גאָר פרומע עלטערן. טאַטע־מאמע האָבן געוואָלט, אז נאָכן פארענדיקן דעם חדר זאָל זייער זון ווייטער זיך אָפּגעבן מיט לערנען תורה. ברוך וואָלף האָט אָבער באלד אָנגעהויבן לייענען אידישע און פּוילישע ביכער און דאָס האָט אים געשטויסן אריינצוטרעטן אין דער



„האנדלס שול", וואָס ער האָט געענדיקט מיט א ספּעציעלער אויסצייכענונג.

זיינע עלטערן זיינען געווען זיכער, אז זייער זון ב. וואָלף וועט מיט דער צייט ווערן א באלעבאטישער מענטש און ער וועט ווי פיל פון זיין משפחה ווערן אן אקטיווער ציוני. איז דאָך נחום סאָקאָלאָוו זייערס א נאָענטער פאמיליאנט. ברוך וואָלף איז אָבער אוועק אויף אנדערע וועגן. צו ערשט איז ער אריין אין „בונד" און שפּעטער איז ער אוועק צו די „לינקע", וואו ער האָט געארבעט מיט גרויס אידעאליזם.

קומענדיק קיין ארגענטינע האָט ער אויך נישט געקאָנט איבעררייסן מיט זיין אמאָל. אבי ער מיט זיין פאמיליע האָבן געהאט דורכצולעבן, איז ער שוין געווען צופרידן. אים האָט געצויגן צו געזעלשאפטלעכער ארבעט און אלעס וואָס ער האָט געקאָנט האָט ער געטון.

די אידישע ארבעטער שולן זיינען אים געווען ליב און טייער, די „איקוף" ארבעט איז געווען ביי אים א דערהויבונג און צו דער גרינדונג פון דער ארבעטער־קראנקן־קאסע האָט ער פיל בייגעטראָגן. און דאָך איז ער דאָ נישט געווען קיין פּארטייִ־מענטש.

מיטהעלפן אָרגאניזירן און באפעסטיקן די לאנדסלייט פאריינען איז געווען ביי אים א וויכטיקע און הייליקע אויפגאבע, ווייל זיין פארבינדונג מיט דער אלטער היים איז אויף קיין איין טאָג נישט איבערגעריסן געוואָרן. מיט לייב און לעבן האָט ער זיך אָפּגעגעבן ביים שאפן דעם „פלאָצקער לאנדסלייט פאריין" און זיין אמט אלס פארטרעטער אין צענטראל־ראט פון די היגע פּויִלישע אידן האָט ער אויסגעפירט מיט גרויס אחריות.

ברוך וואָלף פלאמניק איז געווען איינער פון אונזערע איבערגעגעבנסטע טוער, וואָס האָט געחלומט פון א שיינער וועלט און ביזן לעצטן אָטעם צוג פון זיין יונג פארשניטן לעבן, האָט ער אין זינען געהאט אונזער געזעלשאפטלעך לעבן אין דער אלטער און אין דער נייער היים.

כבוד זיין אָנדענק.

א. פּ. ב.

רשימה פון די מיטגלידער פון פלאַצקער ל״ל פאַריין אין אַרגענטינע

מ. אייזענמאַן	י. קאַפּיטאַ	פרוי צ. אַגורעק
ה. איידלמאַן	נ. צימבלער	י. פשעוואָזשניאַק
ש. בריימאַן	אַ. קולפּאַס	ש. פּענכערעק
מ. באָרנשטיין	י. קאָריטאָ	ק. ראָזנטאל
ש. גאָלדבערג	ב. קיראַטאָ	ש. ראָזנטאַל
י. גאָלדבערג	י. יעשאַן	י. ראָזנפעלד
ב. גאָלדבערג	אַ. פייקא	ע. שילד
י. גאָלדבערג	וו. פייקא	מ. שמיגא
צ. גראָסבערג	ש. פלאשטשיק	אַ. שקלארעק
י. גרושקאָ	י. איוואַן	ה. סטאָלעק
וו.גלאזמאַן	י. איצקאָוויטש	ל. שקלארעק
י. גאָלדבערג	אַ. יאַזווינסקי	י. סטראַך
אַ. גאָמבינסקי	מ. לאַטענבערג	מ. טאַרנער
וו. גלוקסמאַן	י. לאַטענבערג	פ. קעסלער
א. דרעווינקאָ	א. לייזעראָוויטש	י. פריד
י. ש. הלוי	נ. לערמאַן	פרוי ה. פאַלוך
מ. זיגער	ל. לערמאַן	באָכנעק
ל. זיגער	ס. לעבגאָט	י. וואַסערמאַן
אַ. זיגער	ל. ליפזאָן	
ד. קאָסאָי	מ. ליכטענשטיין	
ה. קאָסאָי	מ. מאַרקאָוויטש	
א. קאָסאָי	כ. מאַרקאָוויטש	
י. קאַלמוס	מ. מאַרקאָוויטש	
וו. קאַפּיטאַ	מ. מאַגנעס	
פ. קאַפּיטאַ	ש. אַגורעק	
מ. קאָהן	אַ. אַגורעק	

פון מאָנטעווידעאָ

משה טינסקי

כואן טינסקי

סאמועל טינסקי

אַדאָלפאָ טינסקי

פאַמיליע יום־טובים ביי אונזערע לאַנדסלייט

באלבינא לייזעראָוויטש—לואיס וואלאטש — חתונה געהאט, דעם 13־טן נאָוועמבער 1943.

אידא אגורעק—איסאיאס איידעלמאן — חתונה געהאט, דעם 1־טן יולי 1944.

לואיסא גראָסבערג—אדאָלפאָ פעלדמאן — חתונה געהאט, דעם 4־טן מערץ 1944.

פייערונג פון פינף־יאָריקן געבורטסטאָג פון אָסקאר מאגנעס, דעם 27־טן פעברואר 1943.

יאקוב פזשעוואזשניאק—ה. פאלאטניק — געשריבן תנאים, דעם 5־טן סעפּטעמבער 1944.

געפּראוועט א יום־טוב צו דער בר־מצוה פון זלמן לאַטענבערג, דעם 27־טן אָקטאָבער 1944.

פייערונג צו דער בר־מצוה פון יצחק משה קאָסאָי, דעם 7־טן אָקטאָבער 1944.

געפייערט דעם בר־מצוה יום־טוב פון איציק לערמאַן, דעם 4־טן נאָוועמבער 1944.

UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA
(SOCIEDAD DE SOCORROS MUTUOS)
צענטראל פארבאנד פון פוילישע אידן אין ארגענטינע
(געזעלשאפט פאר קעגנזייטיקער הילף)

CORPORACION COMERC. ISRAELITA ARGENTINA Ltda. S. A
CANGALLO 3631|41 — BUENOS AIRES

AGRUPACION DE SOCORROS MUTUOS
Residentes de Chelem y sus Alrededores en Buenos Aires
CAMARGO 569 - Dto. 1

UNION RESIDENTES DE MLAWA, NOWY DWOR
y Alrededores
BOULOGNE SUR MER 452 — BUENOS AIRES

SOCIEDAD ISRAELITA RESIDENTES DE WISZKOW
y Alrededores
Secretaría: MALABIA 509

UNION RESIDENTES DE WLOSCZOWA, LOPUSZNO
y Alrededores
(SOCIEDAD DE SOCORROS MUTUOS)
ACEVEDO 242 — BUENOS AIRES

SOCIEDAD DE SOCORROS MUTUOS DE PLONSK
y Alrededores
RESIDENTES EN BUENOS AIRES
CANNING 141 - Dto. F

SOCIEDAD RESIDENTES ISRAELITAS DE PULTUSK, SEROCK
y Alrededores
SUNCHALES 848 — BUENOS AIRES

SOCIEDAD RESIDENTES DE BRISK y ALREDEDORES
VALENTIN GOMEZ 3014 — BUENOS AIRES

SOCIEDAD ISRAELITA RESIDENTES DE LUBLIN
y sus Alrededores en la Argentina
LAVALLE 2238 — BUENOS AIRES

אינסטיטוציעס און יחידים, וואס האבן מיטגעהאלפן צום דערשיינען פון בוך

ASOCIACION MUTUAL ISRAELITA ARGENTINA
DE BUENOS AIRES

חברה קדישא אשכנזי

CANGALLO 2222 — BUENOS AIRES

MINTZ
CANGALLO 2451
Buenos Aires

M. SZMIGA
RIO BAMBA 370
Buenos Aires

"EL ARTE MODERNO"
A. E. FUKS
TUCUMAN 2181

M. RUBINSTEIN
CORRIENTES 5712
Buenos Aires

CONFITERIA - RESTAURANT
"LONDRES BAR"
CORRIENTES 2250

JOSE HOFMAN
LUISVIALE 331
Buenos Aires

B. ZAIDORF
AYACUCHO 389

L. GOLDHAR
LAVALLE
Buenos Aires

JOSUE. F. RUZAL
BUENOS AIRES

SOCIEDAD COMERCIAL ISRAELITA S. A.

2221 — VICTORIA — 2151

SECIONES DE VENTAS

TEJIDOS ☆ MUEBLERIA
BONETERIA ☆ ZAPATERIA
ROPERIA ☆ PELETERIA
SASTRERIA ☆ MENAJE

— RADIOS —

ANTES DE EFECTUAR SUS COMPRAS, CONSULTEN NUESTROS PRECIAS

A. KUKULKA

CANNING 529
BUENOS AIRES

CH. y M.

S. ROSENBERG

SAMUEL TINSKY

MONTEVIDEO

LEVIN Hnos.

CORRIENTES 2347
BUENOS AIRES

I. SZLIFMAN

Avda. SAN MARTIN 1950
BUENOS AIRES

SOCIEDAD DE AYUDA MUTUA
De Zwolen en la Argentina

ALVAREZ 357
BUENOS AIRES

Caja de Ahorros

El factor esencial para alcanzar la base del bienestar Económico, es el ahrro, constante y progresivo

Abra su cuenta en Caja de Ahorros en el

BANCO ISRAELITA DEL RIO DE LA PLATA

Casa Central: CORRIENTES 2346
Agencia No. 1: CORRIENTES 5366
Agencia No. 2: RIVADAVIA 7469

"ROBERT"

INSTALACIONES MODERNAS

Talleres: CORRIENTES 2516
U. Telef.: U. T. 47-4322
BUENOS AIRES

WATMAN Hnos.

336 - LUIS VIALE - 340
BUENOS AIRES

KNOBEL y DICKMAN

CANNING 216
BUENOS AIRES

DAVID LUBLINSKY

CUCHA CUCHA 2221-27
BUENOS AIRES

G. MANUILO

CORRIENTES 3972, 7. p. A
BUENOS AIRES

"WOLIK"

DONATO ALVAREZ 2261
BUENOS AIRES

BAL & BORENSZTEIN

TUCUMAN 2562
BUENOS AIRES

D. H.

~~1272/52~~
D.2173

Este libro se terminó de imprimir el día 5 de Enero de 1945, en los Talleres Gráficos "C U L T U R A", Sarmiento 2157. - Bs. Aires.

KD.93/99(=924.6):943.8(-201 Plock)

UNION ISRAELITA "BESARABIA"

בעסאראבער לאנדסלייט פאריין

Secretaría: PASO 550 — BUENOS AIRES

MAURICIO TINSKY Montevideo	M. PIKER PAVON 2201
JUAN GOTLIB NICASIO OROÑO 1469	A. I. ZOLKOVER CAMPICHUELO 1366 Buenos Aires
MARIA ESTHER TINSKY MONTEVIDEO	JUAN TINSKY MONTEVIDEO
LIPSZYC y MICENMACHER CORRIENTES 2955 Buenos Aires	W. ROSENTHAL e Hijos
FOTO "ARTE TAUB" CORRIENTES 5373 Buenos Aires	M. GALANTE
W. GRUNBAUM VELAZCO 471	RUBIN TOPOL JUAN JAURES 962-64 Buenos Aires
WOLF GLÜCKSMAN CANGALLO 1355-57	ADOLFO TINSKY MONTEVIDEO

KOMITET ŻYDOWSKI PŁOCKU

Páginas de Historia de la Vida Judía de Allende el Mar

La Sociedad de Residentes de Plock en la Argentina edita, con motivo de su VI° aniversario, el presente libro bajo la misma denominación de dicha ciudad polaca.

Es este una colección de trabajos literarios que contienen páginas de historia de la vida judía de Plock, ciudad cuya población israelita data del año 1237, fecha desde la cual la comunidad judía ha llevado en la misma una vida propia, plena de espíritu creador y embellecida por el culto de sus tradiciones.

Plock es una ciudad hermosa. Desde el monte donde se encuentra edificada, se dibujan sus calles y paisajes en las aguas del Vístula.

Poco antes del estallido de la actual contienda, se disponían los moradores hebreos de la misma a celebrar el 700° aniversario de la existencia de la colectividad israelita en ella. La Sección de Historia del Instituto Científico de Vilna publicó, con tal motivo, un volumen con el título de **"Historia de los Judíos de Plock"**, que apareció en Varsovia el año 1939.

La guerra lo aniquiló todo. La hermosa ciudad, hogar de nuestros antepasados yace en ruinas y nada se sabe de la suerte corrida por nuestros parientes y allegados. ¿Vive alguien de ellos o han sucumbido todos en los trágicos años que lleva la conflagración mundial?

Los hombres que oriundos de Plock y que constituyendo unas cien familias aproximadamente, se encuentran en el libre y hospitalario suelo argentino, donde han construído sus hogares y se arraigaron al país, han resuelto por ello, eregir mediante una creación cutlural, como lo es el presente libro, un monumento a la ciudad mártir.

En este volumen se publica **la historia de la vida judía en Plock**, memorias de los años juveniles, imágenes de la ciudad natal y de la vida transcurrida en la misma.

Ocupa un lugar destacado en el libro la sección en la que se reproducen los trabajos literarios debidos a la pluma de escritores de renombre mundial, naturales de Plock.

Constituye esta edición una expresión de amor por la tierra que nos vió nacer, con lo que damos a nuestros hijos un ejemplo de íntimo patriotismo hacia la patria de éstos y la muestra de adopción, **dondé al crear nuevos hogares, nos hemos arraigado definitivamente: la República Argentina.**

KOMITET
PLO. FT

PLOCK

PAGINAS DE HISTORIA DE LA VIDA JUDIA DE ALLENDE EL MAR

Editado por la

SOCIEDAD DE RESIDENTES DE PLOCK EN LA ARGENTINA

BUENOS AIRES

1945

Tall. Gráf. "CULTURA" - Bs. As.

Płock
Żydzi
poz. 215